This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

10

1976

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1976

אינהאַלט

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. **וויקטאָר מאַרטשענקאָ.** „סענאַטאָר דזשעקסאָן, איך באַשולדיק אײַך אין נאָמען פונעם בלוט, וועלכן די מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געמיינזאַם פאַרגאָסן!“ . . . 3

פובליציסטיק. **אַרן ווערגעליס.** דער ציִעניזם און די ייִדישע קולטור . . . 6

הערשל פּאָליאַנקער. שמײַע גאָזלען. (ראָמאַן. סאָף) צייכענונגען פון ה. אינגער . . . 20

ליפּע העלער. אין דעם איז דער זין... (לידער) . . . 47

מאַרק ראַזומני. די אַנדערע הויט־פאַרב (דערציילונג און נאָוועלעטן) . . . 50

בוזי מילער. קליינע דערציילונגען . . . 62

וועלוול ווערניק. די זון באַשײַנט דאָס לעבן. (לידער) . . . 69

פונעם ליטעראַטור־אויצער. **איציק מאַנגער.** מײַן לעצטער טאָג אין גאַניידן . . . 72

מוישע אַלטמאַן. זקײנישע נאָטיצן . . . 79

אַווראָם קאַצעוו. פאַר די קליינע קינדערסוועגן . . . 86

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **אַרן יערוסאַלימסקי.** דער רוף צו אינטערנאַציאָנאַלער אַכדעס . . . 88

זיכרוינעס. **יודעס אַראָנטשיק.** מײַן לערער ראַפּאַלסקי . . . 98

מאַניע לאַנדמאַן. אַן עטיוד וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט האַלקינען . . . 104

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. **עליע ביליאַוויטשוס.** זי האָט מאַקריוו געווען דאָס לעבן פאַרן גליק פון די מענטשן . . . 107

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. שאָלעם־אַליי

כעמס רעאַליזם . . . 114

זאיִד אַקפּעראָוו. סאַמעד ווורגון — דער זינגער פון אַזערבײַדזשאַן . . . 123

ישׂראָעל סערעבריאַני. גאָלדפאַדנס גאַסטראָל־רײַזע אין די פריִע אַכציקער יאָרן . . . 126

עליע פאַלקאָוויטש. שפּראַכלעכע באַמערקונגען . . . 135

בריוו פון ייִדישע שרײַבער. . . . 144

יעשוע ליובאָמירסקי. אַ ליכטיקע נעשאָמע . . . 148

הירש בלאָשטיין. ליכט . . . 153

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָנגעהויבן. **ווער איז ער?** . . . 157

וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס. **ל. קריילאָוו.** נײַע שטימונגען צווישן דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט . . . 161

לעבעדיקע גרוסן. **יויסעף שוסטער.** ווילנער מעלאָדיעס . . . 165

אונדזער רעפּליק. **שמועל גאָרדאָן.** ליכט פון פאַרשיידענע לײַכטער . . . 172

כראָניק . . . 114, 165, 177, 182

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. אָפּקלאַנגען . . . 174

דאָס איז טשיקאַווע. **מיכאַיִל קאָזאָדאָן.** אַ ווײַסע קראָ . . . 177

פאַרשיידנס . . . 178

אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו . . . 180

פריילעכע שורעס . . . 183

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור . . . 186

שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . . 188

■

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי, נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

מיר אינפֿאָרמירן אונדזערע לייענער

„סענאַטאָר דזשעקסאָן, איך באַשולדיק אײַך אין נאָמען פֿונעם בלוט, וועלכן די מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געמיינזאַם פֿאַרגאָסן!"

דער באַוווּסטער סאָוועטישער זשורנאַליסט, פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פֿון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" יורי זשוקאָוו האָט געווידמעט איינעם פֿון זײַנע שמועסן מיט די טעלעוויזיע־צושויער דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקײַט פֿון די אַרבעטנדיקע. צווישן די בריוו, וועלכע ער האָט פֿאַרגעלייענט, האָט צוגעצויגן אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די אַרבעטער פֿונעם בירעבידזשאַנער געהילצבאַאַרבעטנדיקן קאָמבינאַט לעאָניד קליינער און אַלעקסאַנדער גענס די ווענדונג פֿון אַן אײַנוווינער פֿון דעם יישעוו פּאַלענקי צום אַמעריקאַנער סענאַטאָר דזשעקסאָן. זיי האָבן אויסגעדריקט אַ ווונטש, אַז אָט דער בריוו, אויב ס'איז מעגלעך, זאָל פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין „ביראָבידזשאַנער שטערן".

יורי זשוקאָוו איז אַנטקעגנגעקומען דעם דאָזיקן ווונטש און האָט, לויט דער ביטע פֿון דער רעדאַקציע און מיט אַ האַסקאָמע פֿונעם אַווטאָר פֿון דעם בריוו, איבערגעשיקט אים דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן".

— ...און דאָס איז נאָך איין צאָרנדיקער בריוו, — האָט געזאָגט דער קאָמענטאַטאָר, — וואָס איז אַדרעסירט פּערזענלעך דעם סענאַטאָר פֿון פּשאַ דזשעקסאָן, איינעם פֿון די אַמערסטן אַקטיווע איניציאַטאָרן פֿון דער אַגרעסיווער פּראָפּאַגאַנדע און מיליטערישער היסטעריע. דער בריוו איז באַקומען געוואָרן פֿונעם יישעוו פּאַלענקי פֿון קיראָווער געגנט. הערט:

„הער סענאַטאָר! איך וויל אײַך אַרויסזאָגן מײַן מיינונג מיקויעך דער אַנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע, וועלכע איר פֿירט אין פּשאַ. אָבער קודעמקאָל דערלויבט מיר זיך פֿאָרשטעלן. איך בין וויטאָריאָ וואַרגאַס, אַ שפּאַניער, אַ דערצויגענער אינעם סאָוועטישן היימלאַנד, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פֿון די פֿאַשיסטן, בײַס יענע האָבן אין 1939 פֿאַרכאַפּט און געפּײַניקט מײַן היימלאַנד. מיך האָט צוגעטוליעט צו זיך, ווי אַ זון, אַ רוסישע פֿרוי מיט דער פֿאַמיליע מאַרטשענקאָ, אַלס אָנדענק וועגן איר טראָג אויך איך אַצינד די דאָזיקע פֿאַמיליע.

איז אָט, ווען איך בין אַלט געוואָרן 9 יאָר, האָט מיך אַ צווייט מאָל געטראָפֿן דער קלאַפּ פֿונעם פֿאַשיזם. די היטלעראָווצעס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און זיי האָבן מײַן צווייטע מאַמע, צוזאַמען מיט מיר, אָפּגעשיקט אין טויט־לאַגער אָסווענצים. אין וועג, ווען מע האָט אונדז געפֿירט פֿון קראַקאָוו קיין אָסווענצים, האָט מײַן מאַמע גענומען בײַ דער מומע ריווע, אַ ייִדישקע (איר פֿאַמיליע געדענק איך ניט), איר זון איציק, ווײַסנדיק, אַז די פֿאַשיסטן פֿאַרניכטן ייִדן אין דער ערשטער ריי.

אַזוי איז טאַקע געשען — די מומע ריווע האָט מען גלײַך פֿון דער סטאַנציע אָפּגעשיקט אין קרעמאַטאָרי. נאָכדעם האָט מען מײַן מאַמען אַוועקגעפֿירט אַרבעטן אין די שרעקלעכע אונטערערדישע לאַגערן „דאָראַ", ווו זי איז צעקאַליעטשעט געוואָרן און איז געשטאָרבן. מיך מיט איציקן האָט מען פֿאַרשפּאַרט אינעם באַוווּסטן בלאָק 46־ס, ווו דער פֿאַשיסט מענגעלע האָט גענומען בײַ קינדער בלוט פֿאַר היטלערס זעלנער.

די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל היטן איציקן, ווי אַן אייגענעם ברודער, און איך האָב אים אויסגעהיט, ווי שווער דאָס איז ניט געווען. אַלפּי־נעס זײַנען מיר ביידע לעבן געבליבן.

איז אָט, הער סענאַטאָר. אין נאָמען פון איציקס מוטער, וואָס איז פארברענט געוואָרן אין אָסווענצימער אויוון, אין נאָמען פון מײַן רוסישער מוטער, וועלכע איז צעקאַליעטשעט געוואָרן אינעם אונטערערדישן לאַגער „דאָרא“, אין נאָמען פון אונדזער בלוט — מײַנעם, דעם שפּאַנישן, און איציקס, דעם ייִדישן, — באַשולדיק איך אײַך. איך באַשולדיק אײַך אין דעם, אַז איר האָט פאַראַטן דעם אָנדענק פונעם געמיינזאַמען קאַמף פון די סאָוועטישע און אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן קעגן פאַשיזם. איך באַשולדיק אײַך אין דעם, אַז איר טרײַבט רעכילעס אָפּן סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט געגעבן דער וועלט אַ בײַשפּיל פון הויכמוטיקײַט, ראַטעווענדיק די מענטשהײַט פונעם פאַשיסטישן יאָך. איך באַשולדיק אײַך אין דעם, אַז איר טרײַבט שעקער וועגן דעם סאָוועטישן פאָלק, וועלכן עס איז אָרגאַניש אייגנטימלעך דער איידעלער געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם — דער געפיל, וואָס האָט אין דער שווערסטער מינוט אונטערגעזאָגט דער רוסישער פרוי מאַרטשענקאָ דעם באַשלוס צו ראַטעווען אַ קינד פון אַ ייִדישער מוטער, כאָטש דער דאָזיקער באַשלוס האָט מיט זיך געטראָגן אַ טויט־געפאַר. איך באַשולדיק אײַך אין דעם, אַז, צעבלאָזנדיק אַן אַגרעסיווע היסטעריע, מאַכט איר אַ פּרוּוו צו צווינגען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אַן פּראָטעסט אויסטראָגן די שווערקײַטן פון דער יאָגעניש נאָך באַוואָפענונגען אין די אינטערעסן פונעם מיליטעריש־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס, וועלכן איר דינט.

אײַערע פאַלשע רייד, הער סענאַטאָר, זײַנען שענדלעכע, און איך בין זיכער, אַז די אַמעריקאַנער וועלן עס פאַרשטיין און זיך אָפּקערן פון אײַך.

וויטאָריאָ וואַרגאַס — וויקטאָר מאַרטשענקאָ, ייִשעוו פּאַלענקי, קיראָווער געגנט.

פון רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“

ווײַטער ברענגען מיר די אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע וויקטאָר מאַרטשענקאָ — וויטאָריאָ כואַנאָ דאַ וואַרגאַס האָט אָנגעשריבן לויט אונדזער באַקאָשע.

„איך הייס וויטאָריאָ כואַנאָ דאַ וואַרגאַס, איצט — וויקטאָר גריגאָריעוויטש מאַרטשענקאָ. געבוירן דעם 19 נאָיאַבער 1935 אין אַ ייִשעוו לעם קאַסטעליאָדע־לאַ־פּלאַנאַ (שפּאַניע). כ׳בין געווען אַ בעניאָכיד, און ווען מײַנע עלטערן, אָנטיילנעמער פונעם קריג מיט די פראַנקיסטן, זײַנען אין 1936 דערהאַרגעט געוואָרן, האָט מען מיך, אַ זיבנכאָדאָשימדיקן, געבראַכט צו פירן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אַ שטיק צײַט האָב איך געלעבט אין אַ קינדערהיים אין קיראָווער געגנט. עטוואָס שפּעטער, ערעוו דער וועלט־מילכאָמע, האָט מיך גענומען צו זיך אַ לענינגראַדער מישפּאָכע.

מײַן נײַער פאָטער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַן אונטערוואַסער־שיף, די מוטער — אַ מיליטערישער כירורג. דער טאַטע איז אומגעקומען שוין אין ערשטן מילכאָמע־כוידעש, קאָנוואָירנדיק פון ריגע אַ טראַנספּאָרט מיט ציווילע מענטשן. איך און די מאַמע זײַנען געבליבן אין בלאָקירטן לענינגראַד.

אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט, איז די מאַמע ערנסט קראַנק געוואָרן, און די קאָמאַנדשאַפט האָט באַשטימט אונדז עוואַקויִרן אויף דער גרויסער ערד. די מאַמע איז געווען הויפּט־דאָקטער און קאָמאַנדיר פון דער קאָלאָנע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרסירן די לאַדאָגער אָזערע.

צום קעגנִיבערדיקן ברעג זײַנען מיר ניט דערפאָרן — אונדז האָט איבערגעכאַפּט און גענומען אין געפענקעניש אַ דעסאַנט היטלעראָווצעס. די פאַרוווּנדעטע זײַנען צעשאָסן געוואָרן. מײַן מאַמען און מיך האָט מען אין מעשעך פון אַ גאַנצער וואָך געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין עפּעס אַ פאַרברענט דערפל. די מאַמע האָט מען געשלאָגן, געפּאָדערט, זי זאָל מאַסקים זײַן אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל פון די וולאַסאָווצעס.

ווײַטער איז געווען אַ וועג, וואָס האָט געפירט קיין פּוילן, אַ ווינטער־וועג, צופוס, אינאיינעם מיט אַ קאָלאָנע געפאַנגענע סאָוועטישע זעלנער. אַ סאַך סאָלדאַטן זײַנען געווען פאַרוווּנדעט, הויל און בלויז. מע האָט פון זיך די העמדלעך אַראָפּגעריסן, קעדיי פאַרוויקלען די נאַקעטע פיס. די מאַמע פלעגט העלפן די פאַרוווּנדעטע, ווי זי האָט נאָר געקאָנט, און די דײַטשישע וועכטער האָבן זי נאָכאַנאַנד געשלאָגן. אין קראַקאָוו האָט מען אונדז באַפוילן לויפן. יענע, וואָס זײַנען געווען שוואַך און געפאַלן פון די פיס, האָט מען צעשאָסן. די לעבן־געבליבענע האָט מען געלאָדן אין וואַגאָנעס, מיך און די מאַמע — אַרײַנגעשטופּט אין אַ שטײַג, וווּ עס זײַנען געווען נאָך אַנדערע פרויען און קינדער. דאָרט טאַקע האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דער מומע ריווע און מיט איר זון איציקן.

די מומע ריווע איז געווען איבערצײַגט, אַז סײַ זי און סײַ איר איציקלען וועט מען אומברענגען, און זי האָט געבעטן, אַז מײַן מאַמע זאָל נעמען איר ייִנגעלע מיט זיך, ווען מע וועט אויסלאָדן די וואַגאָנעס.

איך און איציק זײַנען געווען אין איין עלטער, ביידע שוואַרצינקע, געקרײַזלטע.

געבראַכט האָט מען אונדז קיין אָסווענצים.

כ׳געדענק: מע סאָרטירט אונדז. די מאַמע זאָגט דעם עסעסאָווען, אַז איך בין אַ שפּאַניער און איציק — אַ מאַדיאַר. מע באַטאַפּט אונדז, מע קוועטשט די קעפּ, מע פרעגט זיך אָן:

— אַ ייִד? אַ ייִד?

די מומע ריווע ציטערט, נאָר קוקט זיך אפילע ניט אום אויף איציקלען, ווען מע שטופּט זי אָפּ „אויף רעכטס“, אַהין, ווו עס געפינט זיך דער קרעמאַטאָרי. מיר האָבן נאָך דעמלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטײַט.

מע שטעכט אונדז אויס אויף די הענט נומערן. צוערשט בײַ דער מאַמען: „81424“, בײַ מיר —

„81425“, הייסט עס, בא איציקלען וועט זײַן דער פאָלגנדיקער. און דאָ געשעט שרעקלעכס: די מאמע פירט מען אויך פון אונדז ערגעץ אוועק. שפּעטער איז צו אונדז דערגאנגען, אז מע האָט זי אוועקגע־שיקט אין אן אונטערערדישער הייל, אף א זאוואָד פונעם קאָנצערן „דאָרא“.

(ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט באפרײַט מײַן מאמען, איז די הויט בא איר געווען געל, די אויגן־ווײַסלען געל, אף די פינגער — קיין איינציקער נאָגל. אויסהיילן זי איז געווען אומעגלעך. אן אָפּגעשוואכטע, א קראנקע, האָט זי זיך ניט געקאָנט אופהייבן אפילע אפן צווייטן שטאָק — צו אונדזער דירע אין לענינגראד. אזוי איז זי געשטאָרבן — ניט אינדערהיים, אין סאנאטאָריע).

איך און איציקל זײַנען אָנגעקומען אין בלאָק 46. דאָרט האָט מען געצאפּט פון אונדז בלוט. מיר זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין דאָנאָרס פאר די פאשיסטן. בלוט האָט מען בא אונדז יעדעס מאָל גענומען אזויפיל, אז מיר זײַנען קוים געשטאנען אף די פיס.

פון די מיידעלעך אין שכיינעסדיקן בלאָק פלעגט מען צאפּן ביינער־מארך. דאָס איז זייער א ווייטעקדיקע פּראָצעדור, אפילע דורך דער וואנט האָבן מיר געהערט, ווי די אומגליקלעכע שרײַען.

ווען די אָנגרײַפנדיקע סאָוועטישע סאָלדאטן זײַנען צוגעגאנגען נאָענט צו אונדזער לאגער, האָבן די עסעס־לײַט אונדז ארויסגעפירט אף לאָסט־אווטאָמאָבילן. וווהין מע האָט איציקן אוועקגעפירט, ווייס איך ניט. צי לעבט ער ביכלאל? ס׳קאָן זײַן, אז נאָך דער מילכאָמע האָט אים דער גוירל פארוואָרפן אין אונגארן — פארשטייט זיך, אויב ער האָט ניט פארגעסן זיך ארויסצוגעבן אלס א מאַדיאר.

און מיר, פערציק ייִנגעלעך פון זעקס ביז צוועלף יאָר — רוסן, טשעכן, מאדיארן, בולגארן, פּאָליאקן — האָבן ארומגעוואנדערט איניינעם מיט א שפּיטאָל פונעם ווערמאכט. גערופן האָט מען אונדז „בלוטס־קאָנסערוון“. איצט פלעגט מען בא אונדז צאפּן בלוט טאָגטעגלעך, אָן א ריי און אָן א סיידער, אבי נאָר די בלוט־גרופּע איז א פּאסיקע.

אהיים האָב איך זיך אומגעקערט ערשט אין סאָף 1946, ווײַל נאָכן קריג זײַנען מיר ארײַנגעפאלן אין דער ענגליש־אמעריקאנער זאָנע. ס׳איז געווען בא אונדז איינער א „רוסישער דערציִער“, וועלכער פלעג האלטן אין איין טײַנען, אז אונדזער היים איז ניט רוסלאנד, נאָר דאָרט, ווו מע האָדעוועט אונדז.

נאָכן אומקערן זיך אין סאָוועטנפארבאנד בין איך געווען א נאכימאָוועץ, דערנאָך זיך געלערנט אין א יאם־הויכשול, צוויי יאָר געארבעט אין האנדלס־פלאָט, פארשיידענע לענדער באזוכט.

איינמאָל, בייס א שטורעם, האָט אונדזער ראדיסט פאריכט די אנטענע פון דער שיף. איך בין דעמלט געווען דער וואכטענער שטורמאן, און כ׳האָב זיך געפונען אף דער פאלובע. ס׳האָט פּאסירט אזוי, אז דער ראדיסט איז ניט געווען בעקויעך זיך אופהאלטן אף דער מאטשטע, דער ווינט האָט אים א שלײַדער געטאָן אראָפּ, און ווען איך כאפּ אים ניט אונטער, וואָלט ער אומגעקומען. איך האָב דערבײַ צעבראָכן זיך דעם רוקנביין.

צוויי יאָר בין איך געלעגן מיט פאראליזירטע פיס. פארפאסט ליידער, אָנגעהויבן שרײַבן א בוך „בלוט פארן רײַך“, וועלכן כ׳האָב נאָך דערווײַל ניט פארענדיקט.

ליגנדיק מיט געליימטע פיס, האָב איך זיך דערמאָנט, אז כ׳פלעג ליב האָבן מאָלן, און אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט אָט דער קונסט. איצט בין איך דער הויפּט־קינסטלער פונעם פאלענקער ראיאָן, קיראָווער געגנט.

מײַן ווײַב ליודמילע, א געבוירענע אין דער שטאָט קיראָוו, איז אויך א קינסטלערן. מײַן טאָכטערקע ראדא, פינף יאָר אלט, איז א שווארצהיינעוודיק געקרײַזלט רוכעלע. איך וויל, אז איר גוירל זאָל זײַן א בעסערער, איידער מײַנער“.



דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט צוזאמען מיט טויזנטער שפּאנישע קינדער געראטעוועט דאָס ייִנגעלע וויטאָריאָ ווארגאס פון די פאלאנגיסטן. וויטאָריאָ ווארגאס — וויקטאָר מארטשענקאָ איז איצט שטאָלץ מיט זײַן צווייטער היים.

■ ■ ■

פובליציסטיק

אהרן ווערגעליס

דער ציִעניזם און די ייִדישע קולטור

אין די פּאָליטישע פּראָגראַמען און אין דער טעטיקײַט פון פּאַרטייען און אידעאָלאָגישע באַוועגונגען איז די באַציִונג צו קונסט, ליטעראַטור אויסגעדריקט געוויינלעך אויף צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אופנים: אָדער דער קאַמף פאַר קולטור האָט אַ ציל צו אַנטוויקלען, באַרײַכערן זי אַלס גײַסטיקע שפּײַז פאַרן פּאָלק, אָדער דער ציל איז — אופהאַלטן זי אינעם אידייִשן אַרסענאַל, קאָלזמאַן ס׳איז פאַראַן אַ פּראַקטישע נויטווענדיקײַט. אויף וויפל דער ציִעניזם אַליין האָט קיינמאָל ניט געלייקנט, אַז ער איז, קאָן מען זאָגן, דער אויסגעשפּראָכענער „געשעפטסמאַן" צווישן די אַלמעגלעכע בורזשואזע געזעלשאַפטלעכע פאָרמירונגען, און ער דערלאָזט ניט קיין סענטימענטן, קיין ראָמאַנטיק און קיין אַנדערע „פּוסטע זאַכן", איז אויך דאָס פעלד פון קולטור, ליטעראַטור, קונסט ניט פאַרזייט בײַ אים גלאַט מיט „באַנאַלע טוווּעס", נאָר איז אונטערגעאָרדנט דער אַקטועל־פּאָליטישער אַגראָנאָמיע, וועלכע ווייסט, ווי אויסצוקאָווען דאָס, וואָס איז איצט נייטיק די באַלעבאַטים.

דער שפּראַכלעכער בירגערקריג בײַ ייִדן אין די פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער פונעם XX יאָרהונדערט — סײַ די שאָדן־פּליאָטקעס וועגן אַ „דינסט" און אַ „האַרנטע" אויף אַסיפעס און אין קלײַזלעך, סײַ די מער ערנסטע ליטעראַטור־לינגוויסטישע געשלעגן צווישן העברעיִש און ייִדיש — זײַנען דורכויס פּראָוואָצירט געוואָרן דורכן ציִעניזם, וועלכער האָט מיט דעם געלייזט זײַנעם אַ קאָנקרעטן איניען: אויב זיך אומקערן אויף דער ביבל־ערד, דאַרף מען נעמען ריידן אויף דער שפּראַך פון דער ביבל, פאַרהעברעיִזירן די ריכט־ליניעס פון דער אומגאַנגפּראַזעאָלאָגיע, די אייגננעמען פון די מענטשן אאַוו.; אויב אוועקגיין פון דער דיִאַספּאָרע, איז נייטיק מאַכן צום פאַרגעסן די דיִאַספּאָרע־שפּראַכן, אַרויסטרײַבן פון דעם פּאָלקס זיקאָרן די טויזנט יאָר גאָלעס־אָנזאַמלונגען — ייִדישע ליטעראַטור, קולטור, שטייגער, געשיכטע. עס דאַרף גלײַך געזאָגט ווערן, אַז ס׳איז קיינמאָל ניט געווען קיין שפּראַך־אַנטאַגאָניזם אין די טיפענישן פונעם ייִדישן פּאָלק. דאָס שטעטל האָט געדאַוונט אויף לאָשנקוידעש און גערעדט אויף ייִדיש, און ביזוואַנען ס׳האָבן זיך ניט געלאָזט הערן די ציִעניסטישע שפּראַךעקסצעסן, האָט עס ביכלאַל ניט געהאַט קיין „קאָמפּלעקסן" אין דעם פּראַט. ווען עס איז געקומען ביאַליק, האָט מען ליב באַקומען זײַן נײַ־העברעיִש ליד, און אַליין ביאַליק האָט דאָך אייגנצײַטיק פאָרמירט זײַן געזאַנג אויף ייִדיש. ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז ניט קיין אַנדערער, ווי מענדעלע, האָט דער ערשטער געמאַכט אָנשטרענגונגען אויף צו פאַרוואַנדלען די „טויטע שפּראַך" העברעיִש אין אַ גערעדטער. דער מאַרקסיזם אַנערקענט ביכלאַל ניט קיין אײַנגעבוירענע „פּאָליטישע סימפּאַטיעס" בײַ לעשוינעס. וואָס איז שײַעך די טומלענדיקע ייִדישיסטן,

זײַנען זײ בעעמעס אופגערופן געוואָרן אַף די דיסקוסיע־ברעטער ווי אַפּאָנענטן פון די אמראַציִשע „העברעיער".

לויט דער פּאַרטײ־פּראָגראַם פון די פּאָליטישע ציִעניסטן, שוין אָפּגערעדט פון די ראַדי־קאַלע און עקסטרעם־פּאַשיסטישע פליגלען פון דער באַוועגונג, איז קולטור און שפּראַך פּאַ־רעכנט צווישן דעם געווער, וואָס האָט ניט קײן אַנדער אַנוווענדונג, אויסער דינען דעם אידעאָ־לאָגישן ציל. די שפּראַך־פּאָגראָמען אין ערעץ־ייִסראָעל אין די 20־ער — 30־ער יאָרן זײַנען געווען א טײל פון דער פּעדאַגאָגיק צוליב דערציִען אַן עכטן סאַברע־דאָר. דאָס אופּהאַלטן יידיש אינעם רעזשים פון א פרעמדער, און צווישן די פרעמדע — ווי די לעצטע שפּראַך אין ייִסראָעל איז ניט קײן שפּיצל פון דעם אָדער יענעם בילדונגס־מיניסטער, נאָר א פּראַט אין דער מעלוכע־פּאָליטיק, וועלכע באַזירט זיך אַף יעסוידעס פון דער מעדינע. ווען די הונ־דערטער טויזנטער עמיגראַנטן קומען אָן פון צענדליקער לענדער קײן ייִסראָעל, פּאַלן זײ דאָרט אַרײַן אין א שמעלץ־טאָפּ פון שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, פון וועלכן עס שלאָגט אַרויס א געדיכטע פּאַרע פון צוואַנגס־אַסימיליאַציע און נאַציאָנאַלן ניהיליזם.

די דאָזיקע פּראַקטיק באַזירט זיך אַף אַן אַנטשפּרעכיקער טעאָרעטישער באַזע, און אַרויס־גײענדיק טאַקע פון דער האַנאָכע, אַז גאָרנישט ווערט ניט געטאָן גלאַט אַזוי־זיך, דער אָפּ־שטויסנדיקער מעהוס פונעם ציִעניזם איז אַלעמאָל „באַרעכטיקט" מיט זײַן פּראָגראַם אַפּן געגעבענעם היסטאָרישן עטאַפּ, — געפינען מיר א דערקלערונג פּאַר דעם שפּאָגל־נײַעם „פּע־נאָמען" אין דער אופירונג פונעם ציִעניזם, דעהײַנע פון דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט ער גענומען באַזונדערס פלײַסיק פּראָקלאַמירן און אַפּישירן זײַן „איבערבעטן זיך" מיט יידיש, מיט יידישער קולטור און ליטעראַטור.

ס'איז שוין הײַנט ניט קײן זעלטנהײַט, ווען אָנפירנדיקע מאַנהיגים אין ייִסראָעל און אין די ציִעניסטישע קרײַזן מעכוץ דער מעדינע קומען צום געדאַנק, אַז אין דער געשאַפענער אומגעבונג שאַדט ניט א לויב צו טאָן „די דינסט", אַפילע אונטערטראָגן איר צומאָל א לע־קעכל, מאַכמעס זי קאָן צוניץ קומען. „די דינסט" — די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, קולטור — האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר אַן אײַנגעשפּאַרטער, זי פּאָרעט זיך נאָך אַלץ אין די באַווײַנטע כאַדאָרים פון דעם פּאָלק־מאָקעם, און עס זײַנען פּאַראַן קולטור־געברויכער, וואָס נײטיקן זיך אין איר.

האָבנדיק דאָס אין זינען, איז, ווי באַוווּסט, דערשינען אַף דער פּאָליטישער עסטראַדע מיט א דעמאַגאָגישן „פּראָ־יידיש"־רעפּערטואַר אַלײן דער מעדינע־פּרעזידענט פון ייִסראָעל. בײס מע האָט אַנומלטן אָפּגעגעבן אַן אָרעמען יידיש־שרײַבער דאָס מעזומען פון אײנער פון די פילצאָליקע אין ייִסראָעל נעדאַווע־„פּרעמיעס", האָט ער, ווי דער גענעראַל פונעם אַנעק־דאָט, וואָס שיט מיט קלוגע רײד, דערצײלט א באַנאַלע געשיכטע, וויאַזוי מע האָט אין דער מישפּאָכע פון זײַנע עלטערן גערעדט יידיש, און ער, דער קומענדיקער „נאָסי" פון דער יידישער מעדינע, האָט זיך צוגעהערט צום זשאַרגאָן, וועלנדיק פּאַרשטײן, וואָס טאַטע־מאַמע דאַבערן דאָרט... גרויס היספּײַלעס בא די אונטערבאַמקער האָט אויך אַרויסגערופן זײַן אַפּאָ־ריזם, אַז, זעט איר, „ווי יידיש איז מאַמע־לאָשן, אַזוי איז העברעיִש טאַטע־לאָשן"... (דאָס זאָגט דער פּרעזידענט פונעם לאַנד, ווו אַט דאָס מאַמע־לאָשן איז אָפּיציִעל דערקלערט ווי א פּרעמדס, דה. — א פּרעמדע איז די מאַמע!). עס איז אויך דערשינען אַף דער עסטראַדע מיט ביליקן יידיש־רעפּערטואַר די איצט שוין עקס־פּרעמיערשע גאָלדע מעיִר. זי האָט איבערגע־לאָזט פּאַר די קומענדיקע דוירעס א מוסטער פון „בעעמעסער טרײַשאַפט" צום פּאָלק, פון וועלכן זי קומט אַרויס: אָט וועט זי אינגיכן, זיך באַפרײַען פון דער לאַסט, וואָס זי טראָגט אַף זיך אַלס קלאַל־טוער, און דאַן וועט זי, גאָלדע, אַזוי ווי איר זעט זי, לערנען אירע אײניק־לעך יידיש, „קעדײ זײ זאָלן זײַן פולע יידישע קינדער"...

ס'איז אין געוויסע ציִעניסטישע קרײַזן געוואָרן א מאָדע צו רעדן וועגן יידיש מיט א סענטימענטאַלער שטים, און וועגן די שפּראַך־שטרײַטן בא יידן, וועגן זײער פינאַל דער־מאָנט מען אין א טאָן פון מיליטערישע סאַכאַקל־סוואָדקעס, ווי עס האָט ניט לאַנג צוריק זיך נויהעג געווען, לעמאָשל, דער בילדונגס־מיניסטער פון ייִסראָעל אַרן יאַדלין: „יידיש, וואָס איז געווען די לעבעדיקע שפּראַך פון די יידן אין די אײראָפּעיִשע טפוצעס, איז דאָרט געשטאָרבן, זי איז אוועק מיטן רויך צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן אַף איר גערעדט. די עקסטרעמע קאַנאָיִם פון העברעיִש האָבן זיך קײנמאָל ניט געקאָנט פּאָרשטעלן, אַז אַזוי וועט זיך פּאַרענדיקן דער שטרײַט צווישן ביידע לעשוינעס"...

זײער דורכדרינגלעכע ווערטער, עס פּאַרקלעמט אַזש באַם האַרצן. נאָר ס'פּרעגט זיך: וואָס עפּעס מיטאַמאָל אַזא מין לאַשטשען זיך, פונקט ווי אָט דער דאָזיקער בילדונגס־מיניסטער

וואָלט געווען אַ פּרומע קאָץ? די סיבה דאַרף מען זוכן אין דער טאַקטישער ליניע פֿונעם רעגירנדיקן ציוניזם.

איבערפּראָזירנדיק אַן אַלטן פּאַרטיי־טעזיס וועגן „אַ לאַנד אָן אַ פֿאָלק”, וואָס דאַרף באַהערשט ווערן מיצאַד „אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד”, האָט דער ייִסראָעל־פּרעמיער ייִצחק ראַבין באַנוצט אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג דעם אויסדרוק „אַ מדינה, וואָס זוכט איר פֿאָלק”. דעם צווייטן טייל פֿונעם געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט אין אַן אינטערוויו פֿאַר דער פּעריאָדישער אויסגאַבע „פֿאָלק און ציון” (אווגוסט 1974) דער שעף פֿונעם דעפּאַרטאַמענט פֿאַר בילדונג און קולטור בײַ דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע כאַים פֿינקלשטיין: „אָן כינעך וועט ניט זײַן קיין אַליִע”, ד.ה. „אַלס ציל פֿון כינעך — ייִדישער בילדונג, דערציִונג, קולטור — שטעלט דער ציוניזם אַוועק ניט די קולטור־באַדערפֿענישן בײַ ייִדן אויסער ייִסראָעל, נאָר קולטור לעשעם אַליִע.

קולטור לעשעם אַליִע, לעשעם דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די פּלענער פֿונעם ציוניזם, — אַזאַ איז דער ריכטיקער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: צוליב וואָס דאַרפֿן איצט אַזוי האָבן די ציוניסטישע אינסטאַנצן די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע קולטור, דעם ייִדישן כינעך. אַגעוו, זיי באַהאַלטן פֿון קיינעם ניט אויס דעם דאָזיקן מיין זייערן. מיר קאָנען, אַלס בײַשפּיל, ציטירן דעם פּרעסע־באַריכט וועגן אַ זיצונג פֿון דער כינעך־קאָמיסיע בײַ דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג (פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ייִסראָעלדיקער צײַטונג „לעצטע נײַעס” פֿאַרן 28 יאַנוואַר 1976). עפֿענענדיק די דעבאַטן איבער דער געמאָלדענער פּראָבלעם „ייִדישע און ציוניסטישע ווערטן פֿון כינעך אין גאָלעס”, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער ציוניסטישער „אַרבעטער”־באַוועגונג י. קאָרן געגומען אויף זיך די מי צו באַגרינדן „די ברענענדיקע נויטווענדיקײַט צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף צו אויסברייטערן דעם ייִדישן כינעך אין גאָלעס און אים אָנפֿילן מיט ציוניסטישע ווערטן”. אַליין דער אויפֿן, וויאַזוי די פֿראַגע ווערט אַוועקגעשטעלט, זאָגט אײדעס, אַז רעדנדיק וועגן דערציִונג, האָבן די קאָרנס אין זינען די ציוניסטיש־פּאַרטייִשע „קנײדלעך”.

עס איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אויף אַזאַ מין סאָרט „ייִדישער דערציִונג” ווערט אויסגעגעבן אַ פֿערטל מיליאַרד דאָלאַר אין אַמעריקע, און אין די ייִדישע קהילעס אין אַנדערע לענדער — הונדערט פֿופֿציק מיליאָן דאָלאַרן. די פּראַקטישע ציוניסטישע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן, האַלטנדיק דעם כעזשבן־בוך אין די הענט, געמאַכט אַ פֿאָרוואָרף „די מאַסן” פֿאַר דעם, וואָס „מדינאַס ייִסראָעל און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן געליטן אַ דורכפֿאַל אינעם ייִדישן כינעך אין די טפֿוצעס”, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער ערשטער רעדנער, דר. ב. כאַזאַן. „עס פֿעלט דער דערציִונג אין גאָלעס, — האָט זיך געקלאָגט כאַזאַן, — אַן אידעאָלאָגיע (אָט וואָס עס פֿעלט זיי! — א. וו.), וועלכע זאָל ווירקן אויפֿן ייִדישן פֿאָלק אין אונדזער צײַט. עס זײַנען אין איר פֿאַרבליבן די רעליגיִעזע אָדער נאַציאָנאַלע צערעמאָניאַלן, נאָר זי איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט פֿון ייִדישע און ציוניסטישע ווערטן”. מיט וואָס דאָס דראָעט, האָט באַוויזן אַ צווייטער רעדנער — דר. י. גאָלדשטיין, וועלכער האָט געוואָרנט: „עס קאָן ניט געמאָלט זײַן אַליִע אָן אַ פֿונדאַמענט פֿון ייִדישער (ציוניסטישער. — א. וו.) דערציִונג”. וואָס זשע זאָל מען טאָן? — 1) „דער ייִדישער ציוניסטישער כינעך דאַרף זיך שטיצן אויף אַ צונויפֿטרעף צווישן ציוניסטישע ווערטן און דעם לעבן פֿון די ייִדישע יוגנטלעכע” (דר. ב. כאַזאַן), דאָס הייסט — דער ציוניזם איז מאַסקים צו פֿאַטערן די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן, אויב די דערציִונג און די קולטור־טעטיקײַט אין דער ייִדישער שפּראַך וועלן זײַן אָנגעצילט אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן דער יוגנט די ציוניסטישע דאָגמעס; 2) „ייִדישע נאַציאָנאַלקײַט איז אין איר מעהוס אַ רעליגיִעזע. מע דאַרף אַלץ טאָן, קעדיי צו דערציִען אינעם הײַנטיקן גאָלעס אַ גײַסטיקע עליטע פֿאַרן פֿאָלק” (פּראָפֿ. א. שטערן); 3) „די נאַציאָנאַלע כינעך־דינסט אין די טפֿוצעס דאַרף אַרופֿגעלייגט ווערן אויף ייִסראָעלדיקע לערער און וויסנשאַפֿטלער” (פּראָפֿ. א. שטערן), דאָס הייסט „גרייטן די אַליִע אויפֿן אָרט”, עפּעס ענלעך אין די לענדער פֿון דער וועלט „קורסן פֿון ציוניזם” אין דער ייִדישער שפּראַך; 4) די דאָזיקע אַרבעט איז נייטיק צו טאָן מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם: „מע דאַרף אויפֿשטעלן אין ייִסראָעל לערער־סעמינאַרן פֿאַרן גאָלעס און געפֿינען צוליב דעם די פּאַסיקע בודזשעטן, ס'איז אויך צוועקמעסיק זיך באַנוצן מיט די אינפֿאָרמאַציע־מיטלען — פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע” (א. קראַניץ, וויצע־פּאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער פֿעדעראַציע אין קאַנאַדע).

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די דאָזיקע פּראַקטישע פּראָגראַם האָט די בירגערלעכע ייִדישע פּרעסע געדרוקט אונטער אַזאַ פּילזאָגנדיקן קאָפּ: „ייִדישער כינעך אין די טפֿוצעס — דער צווייטער פּראָנט פֿונעם פֿאָלק און פֿון דער מדינע”. פֿאַר די סאָלדאַטן פֿון אָט דעם פּראָנט האָט איינער פֿון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿונעם ציוניזם, דער אָנפֿירער פֿון דעם אינפֿאָרמאַציע־דע־

פאַרטאַמענט א. שענקער אָפּגעדרוקט אין „פאָלק און ציון" (סעפּטעמבער — אָקטאָבער 1973) אַזאַ אינסטרוקציע: „די ציוניסטישע הויפּט־אויפגאַבע איז: נאַציאָנאַלע דערציִונג, דערציִונג צו עליה, צו יעציִאַט־האַארעץ, צו אַ פאַרבינדונג מיט ייִשׂראָעל"... דער פּובליציסט ל. מאַקאָווסקי האָט אין זיינעם אַן אַרטיקל אין פּאַריזשער „אונדזער וואָרט" (26 אַפּריל 1975) געפּרוּווט עפענען אַלע קלאַמערן, קעדיי צו מאַכן פאַרשטענדלעכער די „הויפּט־אויפגאַבע": „ווען מע קוקט זיך צו, וואָס די ליובאַוויטשער כסידים טוען אַפן געביט פון ייִדישער דערציִונג, מוז מען מיט קאָוועד בייגן דעם קאָפּ פאַר זיי... ייִדישע אידענטיפיקאַציע הייסט ניט בלויז דער ייִדישער אָס. עס עקזיסטירט אַ „סאָוועטיש היימלאַנד", אַ „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אויך אַנדערע פּובליקאַציעס, וואָס דערשיינען אַ ביסל נעענטער צו אונדז, וועלכע דרוקן זיך מיט פּירקאַנטיקע אויסיִעס. זייער „ייִדישקייט" ווילן מיר אונדזערע קינדער ניט לערנען. ייִדישע אידענטיפיקאַציע איז ניט נאָר דער אָס, נייערט אויך דער אינהאַלט פון די אויסיִעס. זיין אַ גוטער ייִד הייסט זיך קאָנען אידענטיפיצירן מיטן אָוואָר און קוידעמקאָל זיך אידענטיפיצירן מיט מעדינאַס ייִסראַעל" (מיין קורסיוו. — א. וו.)...

האַקלאַל, די ציוניסטישע אָנפירער זיינען אין די לעצטע יאָרן געפאַלן אַפן געדאַנק, אַז זיי קאָנען אויסנוצן פאַר זייערע צילן דעם קוואַדראַטן אָס — ניט בלויז אין זיין העברעיִשן וואַריִאַנט, נאָר אויך אינעם וואַריִאַנט, וואָס איז ייִדיש. אין די צענטרען פונעם ציוניזם האָט מען אַרומגעטראַכט די שפּראַך־דיסלאָקאַציע. דער „גאָלעס" נוצט זיך נאָך אין זיין מער־ווייניקער טראַדיציאָנעלן ייִדישן סעקטאָר מיט ייִדיש, ניט מיט איוורית; אין דער ייִדישער מעדינע גופע רעדט אָדער פאַרשטייט ייִדיש קימאַט אַ מיליאָן מענטשן — אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. מע מוז ניט זיין קיין קלאַוזעוויץ אַף צו באַגרייפן, אַז קעדיי פאַנגען אַזאַ אַרמיי, דאַרף מען די אַריינגעשיקטע דיווערסיע־מאַכנעס באַוואָפענען מיטן זעלבן געווער.

דער לאָזונג „מיטן פאָנעם צום גאָלעס", וועלכן די ציוניסטישע פּירערשאַפט האָט פּראָקלאַמירט, איז אַ טאַקטישער לאָזונג. סיי אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן זין, סיי אין זין פון ליטעראַטור, שפּראַך, קולטור באַטייט ער — ליקווידאַציע. באַ די אוסוריִער יעגער האָב איך מיט פיל יאָרן צוריק געהערט אַ קלוג פאַרופן זיך אַף די מידעס פון וועלף. ווען וועלף קערעווען זיך אויס באַנאַכט צום שייטער און הייבן אָן זיך דערנעענטערן צו אים, איז עס אַ סימען: זיי האָבן דערפילט, אַז דער שייטער, וואָס האָט ביז אַהער זיי געשראָקן, ווערט שוואַכער, דאָס פייער אין אים — קלענער, ער נעמט שוין צאַנקען, און זיי קערעווען זיך אויס „מיט דער מאָרדע צום פלאַם", ווי עס זאָגן די יעגער, אָדער „מיט די ציין צו דער דאָביטשע (צום געפאַנג)".

נאָכפאָלגנדיק באַוווסטע מוסטערן, האָבן די סטראַטעגן פונעם ציוניזם פאַרטראַכט דורכצופירן די ליקווידאַציע פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור מיט דער הילף פון אינעווייניק און אַף אַזאַ אויפן, אַז דער קאָרבן זאָל זיין איינגעשפּאַנט אין דעם וואָגן, אַף וועלכן עס זיצט דער אויספילער פון דער עקזעקוציע. אין ייִסראָעל, באַ די מאַכטהאָבנדיקע העברעיער־ציוניסטן, ווערט געשאַפן אַ מין יודנראַט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אין וועלכן ס'געפינען זיך אַף אידעאָלאָגישער דינסט די צונויפגעקליבענע פון דער ייִדישער גאַס אין „גאָלעס" היפּער־נאַציאָנאַלע ליטעראַטור־מאַנהיגים אין שפּיץ מיט די צוגעשטעלטע צו זיי ייִצכאָק קאָרנס, אַרן יאַדלינס. די פּרעזידיום־זיצערס מאַכן „מענטשלעכער" די ליקווידאַציע. זיי האָבן פּרעסטיזש־קאָנטאַקטן „מיט גאָלדען אַליין", מיטן מעדינע־פּרעזידענט, מיט די אַבסאָרבציע־ און סאָכנוט־שטאַבן. די זאַך באַגייט זיך אויך ניט אָן אַ קאָמאַנדע פון „באַגרעבער", פון די, וועמען אַ לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט אַנומלטן אין זיינעם אַ בריוו, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", פאַרגלייכט צו די וולאַסאָווצעס, — פון די דעזערטירן פון דער ליטעראַטור פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון פאָלקס־פוילן. רעכענענדיק זיך מיט דער ספּעציפיק פון דעם ייִדישן פאָלק (צעשפּרייטקייט), גייען די סטראַטעגן איין אַף צוגאָב־הויצאָעס, און זיי האַלטן אויף אין די „טפוצעס" פיליִאַלן פון דער קאָמאַנדע פון „באַגרעבער", אין וועלכע זיי שליסן איין „ליטעראַטן" פון דער אונטערוועלט, אַזעלכע ווי ל. לענעמאַן אין פּאַריזש, א. ווייזעל, ש.־ל. שניידערמאַן, ש. וועבער אין ניו־יאָרק, י. האָרן אין בוענאָס־איירעס, א. דאָרף אין בריסעל און זייער גלייכן.

קעדיי צונויפשלעפן די געהעריקע קאָמאַנדעס און צווינגען, זיי זאָלן טאָן די אָנגעמערקטע אַרבעט, און קעדיי באַרעכטיקן דאָס אַלץ אין די אויגן פון דער עפנטלעכקייט, איז מען ווידער אָנגעקומען צום אַכאַד־האָאָמיזם: אין די „טפוצעס" איז אַפן געביט פון קולטור „אַ טרוקענער קורבן", דער „מערקאַז רוכני" (גייסטיקער צענטער) קאָן זיין בלויז אין ייִסראָעל, און באַ אים וועט זיך וואַרעמען דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע ייִדישע פאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

אזא איז די פּרימיטיווע לאָגיק פון די היינטצייטיקע ציוניסטישע „קולטור־טרעגער". דאָס, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן די עמעסע צילן פונעם שאָלעם־באַיִס מיט יידיש, העלפט אונדז צו פארשטיין דעם אויבנופיקן פאראדאָקס אין דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די ציוניסטן: פון איין זייט — די טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק פון צוואנגס־העברעיזאציע אין ייסראָעל; פון דער צווייטער זייט — דער „קאָמיטעט פון יידישער קולטור", די „וועלט־קאָנפערענץ פאר יידישער קולטור", וועלכע איז אָקאָרשט (סאָף אווגוסט 1976) אָפּגעהאלטן געוואָרן אין יערושאָלאַיִם, אדג.

דאָס קאָנצענטרירן איצט א היפשע צאָל יידיש־שרייבער — אוילים — אין ייסראָעל פּילט אויס, לויטן פארטראכט פונעם ציוניזם, א צווייענדיקע פונקציע: עס צאפּט אָפּ שעפעריש בלוט פון דער יידישער ליטעראטור אין די „גאָלעס"־לענדער (איבערהויפּט האָט עס א שייכעס צום סאָוועטנפארבאנד) און ס'העלפט מיט צו שאפן אין ייסראָעל, צוהילף די פּראָפּאגאנדיסטישע צענטרען, א קויעך אין דער שעפערישער סוויווע, וועלכער איז ספּעציאַליזירט פאר דעם קאלטן קריג.

ווען מע רעדט וועגן דעם, אז דער ציוניזם פירט דורך דיווערסיע־אקטן קעגן דער יידישער קולטור און ליטעראטור אין די לענדער פון דער וועלט, איז עס לאכלוטן ניט קיין גוזמע. דער קסאוו פון די פארדארבער איז אין דעם געביט שוין גוט באקאנט, און בייס די סאָכנוטלייט האָבן, לעמאָשל, מיט עטלעכע יאָר צוריק גענומען מיט גרויס פלייס ארויספירן פון ארגענטינע יידישע קולטור־טוער — שרייבער, זשורנאליסטן, ארטיסטן, ארויספירן זיי קיין ייסראָעל, ווו זיי זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, — דאן האָט מען זיך אין דער יידישער עפנטלעכקייט געכאפּט, אז דאָס האָט אין ארגענטינע גופע די דאָרטיקע ציוניסטישע קליקע צוגעגרייט די באדינגונגען פאר דער ליקווידאטאָרישער אקציע, וועלכע ס'האָבן שפּעטער גענומען זיך צו רעאליזירן די אויסגעשולטע אין דעם פּראט ייסראָעל־עמיסארן.

א נאָך גרעסערע לויטן פארנעם דיווערסיע האָבן די ציוניסטישע צענטרען פארטראכט קעגן דער סאָוועטישער יידישער קולטור און ליטעראטור. עס רופט ארויס צופרידנקייט, וואָס די דאָזיקע אקציע האָט זיך פארענדיקט מיטן ארויספירן, אין גרונט גענומען, אזא „סכוירע", וואָס אָדער זי האָט קיין שום ווערט ניט, אָדער זי איז, מיט געוויסע אויסנאמען, ביכלאָל פרעמד דעם גייסט פון דער סאָוועטישער קולטור.

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור באווייזט, אז איר דוירעסדיקער העמשעך איז א פּועל־יויצע פון איר ענגער פארבינדונג מיט דער צייט. זי האָט שטענדיק דאָס גערענקט, און אין דעם, אגעוו, דאַרף מען זוכן די אָנהייבן פון איר אנטיבורזשואזער און אנטיציוניסטישער וועלט־אויפפאסונג. „דאָס שטערנטיכל", „סערקעלע", „דאָס פּוילישע יינגל" — שוין אָט די ערשטע קלאסישע שילדערונגען אין אונדזער פּראָזע זיינען געווען די הויכקייטן, פון וועלכע מע האָט געקאָנט אויסקוקן און אטאקירן דעם ביטערן טכום. מענדעלע איז ניט צופעליק געבוירן געוואָרן באם יידישן פאָלק א סאטיריקער. ס'איז קיין צווייפל ניט, אז די העכסטע אָפּשאצונג פון זיין טרייהייט צום פאָלק זיינען די היסטערישע אויסגעשרייען „אנטיסעמיט", וועלכע האָבן זיך געשאָטן אָף זיין קאָפּ פון דער אָבסקוראנטישער און גווירישפאראזיטארער זייט, און זיי רינגלען ארום אין יענע געמויזעכצן זיין אָנדענק אויך איצטער. דאָס, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט געטאדלט אין „שאָמערס מישפּעט", איז כאראקטעריסטיש פאר פיל איצטיקע „ווערק" אין דער בירגערלעכער יידישער ליטעראטור, און די פיילן פונעם געניאַלן הומאָריסט טרעפן אין די מעכאברים פון פארכאפּנדיקע „ראָמאנען" און הארצרייסנדיקע אנטיסאָוועטישע „מעמוארן", וואָס עס דרוקן היינט אין פאָרזעצונגען דער „פאָרווערטס", „אונדזער וואָרט", „לעצטע נייעס". ווען מע זאָל מיך פרעגן: וואָס וואָלט מען אָף דער שוועל פונעם 1977 יאָר באדארפט זאָגן דער יידישער ליטעראטור, ווי דאָס סאמע אקטועלסטע און דרינגענדיקסטע, וואָלט איך פאָרגעלייגט איבערכאזערן פערעצעס ווערטער, וועלכע ער האָט ארויסגעבראכט אין א רעדע מיט 65 יאָר צוריק אין ווילנע: „די יידישע ליטעראטור האָט לויט איר עצעם ניט געקאָנט זיין אנדערש פארן פאָלק, ווי די טרעגערן פאר אים פון נוצלעכקייט, נויטווענדיקייט, גייסטיקן ברויט, איינציקן און אויסשליסלעכן, ווייל זי איז די ערשטע געקומען צו אים אָף זיין שפּראך, אָף דער שפּראך פונעם פאָלק".

אין מעשעך פון א האלבן יאָרהונדערט נאָכן טויט פון די קלאסיקער האָט א היפשע צאָל באדייטנדיקע מייסטערס פון דער יידישער ליטעראטור זי אויפגעהאלטן אין גייסטיקן ארסענאל פון די פעלקער, וועלכע זיינען ארויס אָף צו איבעראנדערשן די וועלט. די ראטנפארבאנדישע יידישע שרייבער האָבן געשאפן ווערק, וואָס זיינען געווען בייטיק די יידן

פונעם געוועזענעם טכום אין דער טאָגטעגלעכער מי צו פּראָדוקטיוויזירן דאָס לעבן. אין פּשא, פּוילן, פראַנקרײַך, לאַטײַן־אַמעריקע זײַנען אופגעקומען גרופּעס ליטעראַטן, וועלכע האָבן געלייגט אין יעסאָד פון זייער שאַפונג „נוצלעכקייט, נויטווענדיקייט, גײַסטיקן ברויט, איינציקן און אויסשליסלעכן". די ציִעניסטן האָבן אין מעשעך פון אָט דער צײַט, ווי ביכלאַל פאַר אַלע 80 יאָר, וואָס עס עקזיסטירט זייער באַוועגונג, ניט אַרויסגעגעבן פון זייער סוויווע קיין איין־איינציק ווערטפול קינסטלעריש ווערק. דאָס איז וויכטיק אונטערצושטרײַכן! זיי זײַנען שטענדיק גרייט אַרײַנצורעכענען אַלס אַ זייעריקן דעם אָדער יענעם שרײַבער, אַפּילע אַזאַ, וואָס האָט פון זיי עפּנטלעך געוויכט און איז געווען קעגן זיי, — אַבי די פּעלשונג זאָל דורכגיין אומבאַמערקט און זאָל געבן כאָטש וועלכן־ניט־איז פּאָליטישן קאַפּיטאַל...

אין לעצטן יאָרצענדליק — אין סאָף פון די זעכציקער און אין די זיבעציקער יאָרן — האָבן די ציִעניסטישע צענטרען פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע אַקציע אָף צו אײַנשפּאַנען די אָפּגעשוואַכטע אין פּראַט פון שעפערישע קאַדרען יידישע ליטעראַטור אינעם וואָגן, וועלכן די דאָזיקע צענטרען קלײַבן זיך אוועקטרײַבן צו דער ליקווידאַציע. אין אָט דער פּאָלקספאַנטלעכער אַקציע רעכענען זיי אויס אָף צוויי גינסטיקע פאַר זיי מאָמענטן: נאָכן זעקסטאָגיקן קריג האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרשפּרייטן אָף דער יידישער גאַס אַ געדיכטן שאָוויניסטישן טשאַד; די פּראָגרעסיווע יידישע באַוועגונג אין פּשא, קאַנאַדע אאַ. האָט שטאַרק געליטן פונעם פּאַראַט פון געוויסע אָנפירער, און ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז פאַר די סטראַטעגן פונעם ציִעניזם לוינט בעסער צו האָבן אָף די פּלאַנגען אַזאַ „פּראָגרעסיווע" באַוועגונג, איידער זי אײַנשליסן אין די דאַלעדאַמעס פונעם אָרגאַניזירטן בורזשואַזן סעקטאָר (לאָמיר זיך דערמאָנען, וויאַזוי די אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער „איקוף" און פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן זיך געבעטן, מע זאָל זיי צולאָזן צום אָנטייל אין דער ציִעניסטישער קאָנפערענץ וועגן יידישער קולטור אין יערושאַלאַים, און מע האָט זיי אין דעם אָפּגעזאָגט; וויאַזוי די רענעגאַטן פונעם טיפּ מיקוניס און סמאָליאַר ספּעציאַליזירן זיך אין געביט פון אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם, האָפנדיק דערמיט צו באַקומען סמיכעס אָף סאַמאָראַדנער נאַציאָנאַלער יידישקייט, אָבער מע הערט ניט אוף צו דערמאָנען זיי און אופוואַרפן די „קראָמאָלנע פאַרגאַנגענהייט").

דעם ציִעניסטישן „יידישיזם" טוט אַמאָל אַ צי צו טעאָרעטיזירן. אָט וויאַזוי עס ווערט, אַשטייגער, באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון אַסימיליאַציע.

אין אַן אינטערוויו מיטן זשורנאַליסט מאָרדכע שנער („לעצטע נײַעס", 12 יון 1975) איז דער אָנפירער פונעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס ייִצכאָק האַרקאַווי (געוועזענער יִסראָעל־אַמבאַסאַדאָר אין בראַזיל, געוועזענער שעף פונעם אָפּטייל פאַר קולטור און דערציִונג פון דער יידישער אַגענץ) אַרויס מיט אַזעלכע רייד: „די צענטראַלע פּראָבלעם הײַנט באַשטייט ניט אין דעם, וואָס מע דאַרף ברענגען קולטור צו יידן — די מערסטע יידן אין דער וועלט זײַנען קולטור־מענטשן... באַ אַזאַ לאַגע איז אַ סאַקאָנע, אַז יידן הערן אוף זיך אונטערצושיידן פון די אַרומיקע אײַנוווינער. מע גייט ניט אָנגעטאָן אין קאַפּאָטעס, מע רעדט די זעלבע שפּראַך, מע לעבט מיט די זעלבע אופירונגען, די היימען האָבן ניט קיין יידישקײַט אין זיך"...

דעם זעלבן קוק אָף דער פּראָבלעם געפינען מיר באַ האַרקאַוויס פאָרגייער אין דער אָנפירונג מיט דער קולטור־טעטיקײַט אינעם יידישן וועלט־קאָנגרעס פּראָפ. אַריע טאַרטאַקאָווער. אין זײַן אַרטיקל „די שליכעס פון קולטור" („אונדזער וואָרט", 31 אָקטיאַבער 1975) לייענען מיר: „אַסימיליאַציע הייסט ניט טאָמיד דאָס איבערנעמען די קולטור פון אַנדערע פעלקער... אַלס קלאַל איז דאָס — אַראָפּקײַקלען זיך אין טהאָם פון קולטורלאָזיקײַט, מיט אַלע נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע קאָנסעקווענצן".

און אָט וואָס עס שרײַבט דער אויבנדערמאָנטער ייִצכאָק קאָרן:

„הײַנט, אין די 70־ער יאָרן, איז דאָס יידישע לעבן אָפּן שיידוועג. ס'ווײַזט זיך אַלץ מער און מער אַרויס, אַז מיט אונדזער עמאַנסיפּאַציע, מיטן אַרײַנדרינגען אין דער ציוויליזירטער ניט־יידישער וועלט האָבן מיר אַלס יידן, אַלס יידישער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר פאַרלאָרן אונדזער קאַמפּסשייקײַט. מיר זײַנען שוואַך אין באַצוג צו דער אַרומיקער קולטור. עמעס, יעכידים, דורך זייערע פּערזענלעכע פייִקײַטן, דערגרייכן דאָ און דאָרט אין דער פרײַער וועלט צו גאָר הויכע שטופעס, אָבער די רעזולטאַטן פונעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, אַלס

גאנצעס, זײַנען שווערע און באַדראָענדיקע"... (ציטירט לויט זײַן אַרטיקל „וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר דער יידישער קולטור", „לעצטע נײַעס", 27 יאַנוואַר 1976).

ייצחק האַרקאַווי דעקט אויף דעם „אונטערטעקסט" פון דער פּראָבלעם: „אין 1936 האָט מען געקאָנט קעמפן קעגן „נומערוס קלאַוזוס", היטלער איז דעמלט, מיט דרײַ יאָר פריִער, געהאַט געקומען צו דער מאַכט. איצט האָט דאָס אַלץ זיך געביטן. מיר טרעפן זיך אָן אַף אַ גרויסער שוועריקייט, ווײַל מיר האָבן ניט קיין דערפאַרונג פאַר אַזעלכע באַדינגונגען, ווי הײַנט. מיר האָבן אַ דערפאַרונג פון יאָרהונדערטער אין אַן אַנדער צושטאַנד"...

קורץ געזאָגט: דאָס, וואָס איז בעסער פאַר די יידן אין די לענדער, ווו זיי לעבן, איז ערגער פאַרן ציוניזם, וועלכער וויל זיי פון אָט די לענדער אַרויספירן. זײַן קעגנערשאַפט צו דער נאַטירלעכער (אָן צוואַנג) אַסימילאַציע האָט ניט קיין לאָגישע סיבע, און עס גייט קלאַל ניט אין די קולטור־אינטערעסן, נאָר אויב מע וועט די יידן אופהערן אונטערצושיידן (לויט דער קאַפּאָטע) פון די אַרומיקע אײַנוווינער, וועט עס זײַן אַ שטערונג צו אָפּזוכן זיי און זאָגן: עמיגרירט. „די פּראָבלעם איז הײַנט — ניט אַז יידן זאָלן קאָנען רעדן מיט גאָיִם, נאָר אַז יידן זאָלן קאָנען רעדן מיט יידן... פאַראַן זייער פיל פאָרמען פון מאַניפעסטאַציע פון יידישקייט" (ייצחק האַרקאַווי).

וועגן וועלכער יידישקייט גייט אַ רייד?

„עס גייט אין געפינען צוריק דעם וועג צו גאָט. אין אַ נײַעם וועלט־באַנעם, וואָס האָט צונויפגעפלאָכטן די ליבשאַפט צו גאָט מיט דער ליבשאַפט צום מענטש — אַ לערע, וואָס האָגאַם זי איז אַרויסגעוואַקסן פון ציִען, האָט זי געדאַרפט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט", ווײַל „דאָס יידישע לעבן איז סעקולאַריזירט (וועלטלעך) געוואָרן, און דאָס מיינט אינדערמעסן ניט נאָר אַ באַפרײַונג פון רעליגיעזער האַשפּאָע, נײַערט פון אַן אידיי ביכלאַל אין טאָגטעג־לעכן לעבן" (אַריע טאַרטאַקאָווער).

פאַרשטייט זיך, אַזאַ סאָרט טעאָרעטיזירן שיידט זיך אונטער פון די סכאָלאַסטישע פּיל־פּולים פון „געלערנטע ראַבאַנים"; דער פּראָפעסאָר האָט פאַרהײַנטצײַטיקט זײַן דראַשע („נײַער וועלט־באַנעם", „די ליבשאַפט צו גאָט מיט דער ליבשאַפט צום מענטשן", אדג.), ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַרײַנגעבלאָזן אין דעם אַלטן גוילעם אַ נײַעם, קימאַט שוין „וויסנשאַפט־לעכן" רועך־האַכאָיִם. אין טאָך אָבער איז דער פּאַסעק דער זעלבער: אָנזאָפּן די איצטיקע יידישע קולטור מיט קלעריקאַל־שאָוויניסטישן גײַסט.

א. טאַרטאַקאָווערס געדאַנק זעצט פאָר י. קאָרן: „צוריק אין כיידער אַרײַן אַף צו לער־נען אַ ביסל יידישקייט — איז הײַנט ניט נאָר אַן אימפּאָזאַנטער לאָזונג, נאָר אַ גרויסע נאַ־ציאָנאַלע פּראָבלעם"...

צוריק אין כיידער אַרײַן וויל מען אָפּשיקן די יידישע ליטעראַטור! מע צעפירט ווידער דעם אידיייִשן קוואַטש פון ש. ביגערס אַן אַרויסזאָגונג, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זײַן אַ בעסמעדרעש און די שרײַבער דאַרפן זיך האַלטן פאַר באַל־טפילעס.

דאָס אָריענטירן זיך אַף אַזאַ יידישקייט ברענגט צו דעם, אַז צווישן דער ביכער־פּראָ־דוקציע פון די יידישע פאַרלאַגן אין פּשאַ, יִיסראָעל איז אין די לעצטע יאָרן די ייזקער־ליטעראַטור — די סאַמע „אַקטועלסטע". נו, און אויב אַרײַנקוקן אין דער יידישער בירגער־לעכער פּרעסע... לאָמיר אויסקלײַבן אַ צײַטונג — גראָד ניט אַף די גרויסע מאַגיסטראַלן, נאָר אין אַזאַ ווײַטן ייִשעוו, ווי אַוסטראַליע, און דורכלייענען דאָרט אין די „אַוסטראַלישע ייִדי־שע נײַעס" אַ וועג־פאַרצייכענונג פון דעם דאָרטיקן ליטעראַטאָר האַראַוו ייִצחאָק ראַפּאָ־פּאָרט (21 מאַרט 1975). מירן נעמען דעם עפּיזאָד, ווו דער אווטאָר זיצט אין אַ סופער־אַעראָפּלאַן, ער פליט קיין ערעץ־ייִסראָעל, און דערבײַ טרויט ער אָן דעם לייענער סופער־הײַנטצײַטיקע געדאַנקען:

„...קוק איך ווײַטער אַרײַן אינעם כסידעס־סייפערל מײַנעם, און איך זע, ווי אַזוי אַ קאָצ־קער כאָסיד האָט אַמאָל גערעדט מיט אַ וואָרקער כאָסיד און אים געזאָגט, אַז דער אונטערשייד צווישן קאָצקער טוירע און וואָרקער טוירע איז אין דעם, אַז וואָרקער טוירע גייט ביזן הימל אַרײַן און קאָצקער טוירע גייט אין סאַמע פּופּיק אַרײַן. האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, פאַר־וואָס עס איז באַ אונדז אַזוי שווער הײַנט. מיר האָבן ניט קיינעם, וואָס זאָל אונדז זאָגן טוירע, וועלכע זאָל גיין ביזן הימל אַרײַן, און מיר האָבן ניט אַזעלכע, וואָס זייער טוירע זאָל אונדז אַרײַנזאָגן אין פּופּיק אַרײַן"...

איצט קאָן מען שוין פאַרשטיין דעם רעדאַקטאָר פון אָט דער צײַטונג, ייִצחאָק רובינשטיי־נען, וועלכער רופט אָן זײַנע „ראַנד־באַמערקונגען" אין דעם נומער פאַרן 19־טן דעקאַבער 1975 — „וואָס זײַנען מיר? פאַרשטענדלעך — יידן", און דאָרט, רײדנדיק פון כאָיִם גראַדעס פּאָעמע וועגן דעם „כאַזן איש", אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז „אין די טפוצעס מוז מען

לערנען ייִדישקייט אין ייִדיש", ווײַל — „אויב אין די יעשיוועס און אָרטאָדאָקסישע טאָג־שולעס זאָל מען לערנען טוירע אין דער לאַנד־שפּראַך, וועט זיך אין יאָרן ארום באַקומען, אַז ווען עס וועלן זיך טרעפן דרײַ ראַבאָנים פון, לאָמיר זאָגן, אויסטראַליע, פראַנקרײַך און בראַזיל, וועלן זיי פּאַשעט האָבן די גרעסטע שוועריקייטן זיך צונויפרעדן".

קעדיי אַזוינס זאָל ערנסט געשריבן און געדרוקט ווערן אין די 70־ער יאָרן, האָט מען באַדאַרפט, אַז אין די פריִערדיקע יאָרצענדליקער זאָלן אין אָט דעם גײַסט באַאַרבעטן דעם ייִדישן עולם — ווי עס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט איינער אַ לינקער פּועלי־ציוניסט (א. שאַווסקי „אונדזער לעבנס־שטייגער", זאַמלבוך „צוויי") — „אַ קאָלאָסאַלער שטאַב פון ראַבאָנים, כאַזאָנים, צאַדיקים, מוירע־הוירעאָס, גאַבאָים, באַלקריִעס, שויפער־בלאָזערס, שאַכטים, שאַמאָסים, אָפּשפּרעכערס, לערנערס, קוואָרעס־פּירער, מי־שעביירעך־ און קאַדעש־זאָגער און מעשולאָכים איבער דער גאַנצער וועלט"... דאָס איז טאַקע אַזוי. ס'איז אָבער אַ גרויסער כידעש, וואָס סײַ דער ראָוו ראַפּאָפּאָרט, סײַ דער רעדאַקטאָר רובינשטיין קומען ארויס אין די 70־ער יאָרן מיט אָט די פּראָבלעמען און מיט אָט דעם לאָשן, און זיי טוען דאָס מיטן פולן ערנסט און קוקן זיך אַפילע ניט אום, טאָמער לאַכט עמעצער פון דעם. אויב אין די 20־ער און 30־ער יאָרן האָבן זיך געפונען, אַפילע אין דער בירגערלעכער פּרעסע און ליטעראַטור, אָפּאָנענטן דערויף, זײַנען איצט, זעט אויס, אַזעלכע ניטאָ דאָרט. דער קלעריקאַל און דער פרײַדיקער פון קלעריקאַליזם זײַנען ארויס אַף דער גאַס, און זיי אין די הענט אַרײַן האָט עס דער ציִוניזם איבערגעגעבן דאָס שטעקעלע אַף צו דיריזשירן מיט דער ייִדישער קולטור, מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, מיט דער ייִדישער פּרעסע. ניט צופעליק האָבן אַף דער „ייִדיש־קאָנפערענץ" אין יערושאָלאַיִם דעם אויבנאָן פאַרנומען זיי, די ראַבאָנים, די ציִוניסטישע אַפּאַראַטשיקעס, די רעליגיע־פּרײַדיקער, די פאַרדאַרבער פון דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור, קולטור — די אַלע, וועמען מע רופט דאָרט „ייִדישע קולטור־טוער", „ייִדישע אינטעליגענץ". אַף זיי האָט געלייגט גרויס האָפענונג די מאַכטהאָבנדיקע קליקע אין ייִסראָעלדיקן ציִוניזם. אָט וואָס עס האָט געזאָגט דער וויצע־פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער פון דער מעדינע — איגאַל אַלאָן בײַס אַ צערעמאָניע פון אויסטיילן פאָרשונג־סטיפּענדיעס (די רעדע איז פאַרעפנטלעכט אין „דאַוואַר" דעם 2 נאָיאַבער 1974 אונטערן טיטל „נייטיק אַ גײַסטיקע פירערשאַפט"): „קיין שום פּאָליטישע פירערשאַפט, מעג זי זײַן די געקליבנסטע, וועט ניט קענען אַליין בײַקומען אונדזערע שוועריקייטן. אַפילע דאָס בעסטע פון אַלע מיניסטעריומס פון קולטור און דערציִונג וועט זיך ניט ספּראַווען. צוליב דעם איז נייטיק אַ גײַסטיקע פירערשאַפט"...

דעם דאָזיקן טעזיס האָט אונטערגעכאַפּט אין זײַן אַרטיקל „מאָביליזאַציע פון מויכעס" („ייִסראָעל־שטימע", 9 יוני 1976) דער פּובליציסט דר. ל. קורלאַנד: „מיר זענען אויסן די מאָביליזאַציע פון ייִדישער אינטעליגענץ, די קאָנצענטראַציע פון ייִדישע מויכעס פון גאָר דער וועלט אין ייִסראָעל".

די „ייִדישע מויכעס" לאָזן זיך לאַנג ניט בעטן. דער שטענדיק פאַרסאָפּעטער פון ארומלויפן אַהין־אַהער, איצט שוין ייִסראָעלדיקער פּובליציסט ייִצכאָק יאַנאָסאָוויטש (ארומגעשמײַעט אין דער יוגנט אין פּוילן, געראַטעוועט געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געפּרוּווט דאָס מאַזל אין אַרגענטינע...), רעדנדיק וועגן שרײַבער־זאַכן, טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ, אַז ניט דאָס מיינט ער, און אָן כאַרפּע נעמט ער מיט אײַלעניש אויסצופילן די ווײַט ניט ליטעראַרישע אויפגאַבע, וועלכע מ'האָט אים געגעבן: „פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, וואָלט געדאַרפט באַגרינדעט ווערן דורך אַ געהעריקן אַנאַליז פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור־שאַפונג. העיויס אָבער אַף דעם איז איצטער ניטאָ קיין צײַט (מײַן קורסיוו. — א. וו.), וויל איך באַטאָנען, אַז די ייִדישע ליטעראַטור (געמיינט די דעזערטירן. — א. וו.) איז געקומען קיין מעדינאַס ייִסראָעל ניט בלויז צו נעמען פּרעמיעס, נאָר אויך צושטײַער געבן"... (ייִצכאָק יאַנאָסאָוויטש „אַפן וועג פון דערנעענטערונג צווישן די דערווײַטערטע", בײַלעטען „פאָלק, וועלט און מעדינע", אויגוסט 1975). אַזאַ דינסטגרייטקייט גיט צו מוט דעם הויכן באַאַמטן אין געביט פון „קולטור" ייִצכאָק האַרקאַווין צו באַגיין זיך אָן באַזונדערע צערעמאָניעס (ענטפערנדיק אַף אַ פראַגע אינעם שוין ציטירטן אינטערוויו): „פאַראַן אַ ייִדישער בודזשעט אַף דער וועלט. דער בודזשעט איז ניט אָן אַ סאָף, מע קען אָפט ניט אויסגעבן אַפילע אַף דעם, וואָס איז נייטיק. דאַרף מען אײַנשטעלן, וואָס עס איז וויכטיקער... ייִדישע קולטור־אינטערעסן זײַנען אַ שטאַפּל צו ייִסראָעל"...

אָט צוליב וועלכע „קולטור־אינטערעסן" (צוליב דער אַליִע — דעם „שטאַפּל צו ייִסראָעל") עס איז ניט קאַרג אַף געלט דער „ייִדישער בודזשעט". וועגן אַנדערע גרויסע הויצאָעס רעדט זיך אין אַ באַריכט, וואָס אַ צווייטער באַאַמטער אין ציִוניסטישן אַפּאַראַט, דר. א. צווערג־

באום, האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ייִדישער פּרעסע צום סאַכאַקל פונעם יאָר תשל״ה — 1975: „די אָפּטיילונג פאַר אָרגאַניזאַציע פון דער ציִעניסטישער עקזעקוטיווע האָט זיך באַמיט אויסצוברייטערן איר ביז איצטיקע טעטיקייַט און זוכן נייַע וועגן. עס זייַנען רעאַליזירט געוואָרן ספּעציִעלע אויפקלערונגס־פּראָיעקטן, אַזעלכע, ווי סעמינאַרן פאַר אַקטיווע מיטאַרבעטער, ווו זיי האָבן באַקומען דאָס נייטיקע ציִעניסטישע וויסן און די טעכנישע מיטלען, וויִאַזוי צו רעפּרעזענטירן אין זייערע ווין־לענדער אונדזער זאַך אויף אַ ווירקזאַמען אופן. די דאָזיקע קורסן זייַנען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין ענגליש, שפּאַניש און אויך אין איטאַליעניש״ („אונדזער וואָרט״, 5 סעפּטעמבער 1975).

אָבי מע רעדט וועגן „אויפהאַלטן״ און „סובסידירן״ די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע קולטור...

ציִעניזם און ייִדיש געפינען זיך פון טאָמיד אָן אין גאַנץ באַשטימטע צווישנבאַציִונגען. „דבר עברית והבראת״[1] — האָט געשריגן דער ציִעניזם; „ווען ציִהען זאָל זייַן אַ גוטע זאַך, וואָלט עס אין די קינעס ניט געשטאַנען״ — האָט געשפּאַסט ייִדיש[2].

ביז הייַנט שטייט נאָך אין די אויערן פון דער ייִדישער קולטור דער ליאַזג פון די מיט שטיינער צעקרישלטע שויבן אין די לאָקאַלן פון טעל־אוויוו, כייַפע, יאַפע, ווו ייִדן פלעגן אין די 20־ער, 30־ער, 40־ער יאָרן זיך צונויפקומען, קעדיי ריידן אַ ייִדיש וואָרט; דער גוואַלד־טומל אויף די גאַסן פון שטעט און קיבוצים, בייַס מאַכנעס פון דער „גאָלדענער יוגנט״ האָבן מיט קולעקעס „דערמאָנט״ די דורכגייער, אַז „גאָלעס־זשאַרגאָן באַשמוצט די לופט אין הייליקן לאַנד״; די פּאָגראָמען אין רעדאַקציעס און דרוקערייַען פון ייִדישע צייַטונגען, די ביזיוינעס, וואָס די שפּראַך פון מענדעלען, פּערעצן, שאָלעם־אַליי‌כעמען האָט געהאַט אויסצושטיין אויף אַסיפעס און אין געדרוקטע אויסגאַבעס מיצאַד די העברעיִשע „פּאַטריציִער״ (אַרויסרופנדיק ניט קיין קלענערע גראָבקייַטן מיצאַד דעם קליינבירגערלעכן ייִדישיזם). צוואַנגס־העברעיִזם, שפּראַך־שמענדריקיזם און אַנדערע אַזעלכע שמאַד־שטיקלעך פונעם ציִעניזם האָבן שטענדיק געטראָגן אַ פּאָליטישן, וועלט־אָנשויונגלעכן כאַראַקטער.

הייַנט אָבער קאָן זיך דאַכטן, אויב קוקן פון דער זייַט, אַז די אַטמאָספער הייבט זיך אָן אויסצולייַטערן. מע שלאָגט שוין ניט אויס די פענצטער באַם ייִדישן וואָרט. עס פילט זיך אַ מין גנעדיקע טאָלעראַנץ פון זייַן וווילגעבוירנקייַט, דעם ציִעניסטישן העברעיִסט, צו דער שפּראַך פונעם האַמוין. עס איז געשאַפן געוואָרן אין ייִסראָעל אַ „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור״, און אָט, זעט איר, ס'איז שוין דערגאַנגען ביז אַ קאָנפערענץ וועגן ייִדיש אין יערושאָלאַיִם...

נאָר מע דאַרף זיך שטאַרק ניט אָנשטרענגען, קעדיי דערזען דעם עמעסן מאַצעוו.

ניט לאַנג צוריק האָט איינער פון די קולטור־מאַנהיגים אינעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דר. ש. לעווענבערג געשריבן וועגן אַ צוזאַמענקום פון ציִעניסטן אין לאָנדאָן: „ס'זייַנען בייַגעווען געסט פון פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער. איינע פון די צענטראַלע טעמעס איז געווען — דער קאַמף קעגן אַסימילאַציע. מע האָט וועגן דעם גערעדט אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייַטש. אין מעשעך פון דער קאָנפערענץ האָט קיינער ניט גערעדט העברעיִש אָדער ייִדיש. די דיסקוסיע איז געווען אָן ערנסטע, די דעלעגאַטן האָבן ניט געזען די לעכערלעכע זייַט פון זייערע האַנדלונגען. די אָנוועזנדע ייִדישע פירער האָבן געזוכט אַ וועג, וויִאַזוי צו קעמפן קעגן דער אָפּגעריסנקייַט פון אַ טייל פון אונדזער יוגנט פון די טיפע קוואַלן פון ייִדישער קולטור־שעפערישקייַט, אָבער זיי אַליין האָבן זיך ניט באַנוצט מיט קיין איינער פון די ייִדישע שפּראַכן — אַ באַווייַז פון זייער אייגענער אַסימילאַציע״...

די אָפיציִעלע מאַכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל דיסקרימינירן גראָביונגעריש ייִדיש. אין דער ייִדישער מעדינע זייַנען קיין ייִדישע קינדער־שולן ניטאָ. זאָל אייַך אָבער ניט כידעשן, אויב עס ווערט דערציילט, אַז מע „לערנט אויף ייִדיש״ אין אָט אַזאַ, לעמאָשל, צייַטונגס־איבערזיכט (כ. צייַטמאַן „ווער לערנט אויף ייִדיש אין ייִסראָעל?״. כוידעש־זשורנאַל „ייִדישער קעמפער״, אַפּרעל 1975):

„ווען מעדינאַס ייִסראָעל איז אויפגעקומען, האָבן פיל געגלייבט, אַז דער ייִדער וועט אונטערגיין, אָדער ער וועט, העכסטנס, אָנהאַלטן זייַן אָרט אין באַהאַלטענע ווינקעלעך. אָבער די ווירקלעכקייַט לערנט אונדז, אַז ניט בלויז איז דער ייִדער ניט אַראָפּ פון דער אַרענע

---

[1] דאָבער איווריט וועהיבּרעעטאָ — רעד איווריט — וועט זייַן רעכט.
[2] וואָרטשפּיל. „ציִהען״ (דה. אין אַ נייַער דירע) דייַט אָן אויף „ציִען״ (יערושאָלאַיִם) אין קאָנטעקסט פון די קלאָג־לידער — קינעס, וואָס ייִדן זאָגן אום טישעבאָוו.

און איז ניט אײַנגעשרומפּן געוואָרן, נאָר ער האָט זיך אויסגעברייטערט און אנטוויקלט אין מעשעך פון די יאָרן, וואָס די מעדינע עקזיסטירט. אין מיטן פון די 70־ער יאָרן געפינען זיך אין ייִסראָעל ארום פופציק דערציִונג־אינסטיטוציעס פון אָט דעם סאָרט. עס ווערן דאָרט דערצויגן ניט ווייניקער פון אכט טויזנט קינדער אין עלטער פון צוויי ביז פערצן יאָר... ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די כאַדאָרים פונעם „אלטן ייִשעוו" און די כאַדאָרים, וואָס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן אין די מעדינע־יאָרן, בעיִקער דורך די כסידישע הויפן... בא די בעלזער כסידים (אין יערושאָלאיִם) איז מען זייער אָפּגעהיט מיט דער צערעמאָניע. האַראָוו אַרן דויטש דערציילט: „בא אונדז ווארט מען ניט ביז לאַגבוימער, נאָר אין עלטער פון דרײַ יאָר מאכט מען חלקה (כאַלוקע — דאָס אָפּשערן די האָר) און מע ברענגט דאָס קינד אין כיידער אײַנגעוויקלט אין א טאַלעס".

די פאָרשער פון דער איצטיקער טקופע אין דער ייִדישער געשיכטע וועלן זיך אָפּשטעלן אין פארלעגנהײַט פאר אזא מאָדנעם פאקט: די שפּראַך, וועלכע איז אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָרהונדערט, בייסן אופשטײַג פון דער פּראָלעטארישער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג אף דער ייִדישער גאַס, געווען א שטערונג דעם רעאקציאָנערן ציִעניזם און האָט, אלס געצײַג פון וועלטלעכער דערציִונג, געדינט אף אופצוריַיסן דעם אלטן כיידער, די אָפּגעלעבטע טראַדיציע, ווערט אין דער צווייטער העלפט פונעם יאָרהונדערט, אף א ווײַטערן עטאַפּ, אופגערופן מיצאַד דעם ציִעניזם און דער אָבסקוראַנטישער רעאקציע אלס געצײַג אינעם קאמף פאר אומקערן דעם אָוואַר צוריק אין דעם ייִדישן לעבן.

לעצטנס, שוין קימאַט בא דער שוועל פון דער יערושאָלאיִמער קאָנפערענץ, האָט דאָס ייִסראָעלדיקע בילדונגס־מיניסטעריִום געוואָרפן א בײַנדל דער ייִדישער קולטור. עס איז געמאָלדן געוואָרן, אז די שילער פון דער מיטלשול, וואָס ווילן אויסוויילן ייִדיש אָדער לאַדינאָ צווישן די שפּראַכן אף די ארויסלאָז־עקזאַמענעס, וועלן באַקומען אזא דערלויבעניש. דעם פאַרהאַנג איבער אָט דער קאַפּצאָנישער „דערלויבעניש" האָט אופגעהויבן ניט קיין אנדערער ווי ייִצכאָק קאָרן אין זײַן ארטיקל וועגן דעם איניען: „פיל האָבן צו מיר געטײַנעט: ווי־אזוי קאָן מען קומען מיט ליידיקע הענט צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאר ייִדישער קולטור, ווען מע פארבעסערט ניט די מאַראָכע פון ייִדיש אין ייִסראָעל"...

און די „מאַראָכע פון ייִדיש" איז אין ייִסראָעל בעעמעס א שוידערלעכע. פאר קימאַט דרײַ צענדליק יאָר פון דער מעדינע־עקזיסטענץ איז דאָס דריטל פון איר באַפעלקערונג, וואָס נוצט ייִדיש, שוין הייזעריק געוואָרן צו בעטן, פאָדערן בא די מאַכטהאָבנדיקע קולטור־טרעגער, זיי זאָלן אראָפּנעמען דעם פארבאָט אפן ייִדישן וואָרט אין דער ראַדיאָ און טעלעוויזיע, און — ווי ארבעס אין דער וואַנט. אין דער ייִדישער מעדינע ווערט אויך ניט דערלאָזט קיין ערנסט ייִדיש טעאַטער. די פאַראַנענע נעבעכדיקע טרופּעס, לויטן ניוואָ — פאַרגאָלדפאַדעניִשע, פירן אוף „ריווקעלע דעם רעבנס", „נא דיר און וויין ניט", „דער טאַטע בין איך", „א כאַסענע אין שטעטל"... די צײַטונג „ייִסראָעל־שטימע" פאַרן 22 יון 1973 האָט זיך געקלאָגט: „די סינע דערגייט אזוי ווײַט, אז א טעאַטער אף ענגליש ווערט סובסידירט פונעם בילדונגס־מיניסטעריִום, און א טעאַטער אף ייִדיש מוז צאָלן א ספּעציִעלן שטײַער צו מעגן שפּילן". וואָס איז שײַעך די מעגלעכקײַטן פאר ייִדישער פּרעסע אין דער מעדינע, איז גענוג צו ברענגען עטלעכע שורעס פונעם רעדאַקציע־ארטיקל אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס", וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פון איר פינפטויזנטיקן נומער: „מיר וואָלטן אוודע געוועזן גליקלעך בא דער געלעגנהײַט אָפּצומערקן, אז די אײנציקע ייִדישע טאָג־צײַטונג אין מעדינאַס ייִסראָעל איז געוואָרן פולבאַרעכטיקט. צו אונדזער גרויס באַדויערן, איז די ווירקלעכקײַט גאָר אן אנדערע. אזוי ווי ייִדיש איז געוואָרן דיסקרימינירט און באַליידיקט, בייס „לעצטע נײַעס" האָט אָנגעהויבן דערשײַנען, אין יאָר 1949, אזוי ווערט ייִדיש באַליידיקט און דיסקרימינירט ביז הײַנט. פאַקטיש איז „לעצטע נײַעס" פולבאַרעכטיקט נאָר און אויסשליסלעך אין צאָלן שטײַערן. אין אלע אנדערע הינזיכטן האָט ניט „לעצטע נײַעס" קיין בירגערלעכע רעכט". ברייט באַוווּסט איז אויך די שענדלעכע געשיכטע מיטן אָפּזאָגן די ייִדיש־שרײַבנדיקע ליטעראַטן פון ייִסראָעל ארײַנגענומען צו ווערן אלס מיטגלידער אינעם לאַנד־פאַרבאַנד פון די שרײַבער, וועלכער רופט זיך „העברעיִשער" — אגודת הסופרים העברים.

דאָס אלץ ברענגט א ווײַט ניט פּראָגרעסיוון אווטאָר — שיִע שיכאַטאָוון, אין כוידעש־זשורנאַל פונעם אמעריקאַנער „בונד" „אונדזער צײַט" (פעווראַל 1976) צו א ריכטיקן אויספיר: „די באַציִונג צו ייִדיש אין ייִסראָעל מיצאַד די מעלוכע־פירער, מיצאַד די ציִעניסטישע פאַרטייען, די טרויעריקע ביז איצטיקע דערפאַרונגען שאַפן א שטימונג פון פעסימיזם, א ניט גלויבן אין מאַמאָשעסדיקע ענדערונגען לעטוֹוועס ייִדיש. עס איז א פאַקט: מעדינאַס ייִסראָעל

(דער ייִסראָעלדיקער ציִעניזם. — א. וו.) באטראכט די ייִדן אין די טפוצעס בעיִקער ווי א קוואל פון שעפּן פינאנציעלע הילף און ווי א קוואל פון אליִע"...

ס'איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט צו דערציילן דאָ מיט פיל פּראָטים וועגן דעם, צו וואָס פאר א מאצעוו עס האָבן אין די לענדער פון דער וועלט דערפירט די ייִדישע קולטור פונקט יענע ייִדישע רעאקציִאָנערע, ציִעניסטישע קרייזן, וועלכע זיינען זיך צונויפגעקומען אף זייער ספּעקטאקל אין יערושאָלאיִם, קעדיי קלוימערשט ראטעווען די ייִדישע קולטור.

אין די פאריייניקטע שטאטן פון אמעריקע: „ייִדישע פּארטייען", רעשטן פון אמאָליקע „באוועגונגען" האלטן אוף אייגענע דיסטראָפישע קולטור־קלייזלעך מיט הויכע רעקלאמע־נעמען, מיט „פּרעזידענטן" און „וויצע־פּרעזידענטן", אָבער אויסגעליידיקטע פונעם העמשעכדיקן קולטור־אינהאלט. די פּאָמפּע איז גוואלדיק גרויס. יעדן קאָנצערט פון א כאָר, אין וועלכן עס זינגען א פּאָר צענדליק באיאָרטע ליבהאָבער, טראָגט מען אונטער, ווי אן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש, דעם געבורטסטאָג פון אן אָרדינארן קלאל־טוער פארוואנדלט מען אין א „קאָמפּיין" — סע טוט זיך אף טיש און אף בענק, און מיט קולטור שמעקט ניט. די עטלעכע בירגערלעכע פעריִאָדישע אויסגאבעס, וואָס זיינען אין פּשא פארבליבן, שפּיגלען אָפּ די אינטערעסן פון די קלייזלעך, פון זייערע „פּרעזידענטן" און מעצענאטן. קעדיי באוויין, אז מע איז פון א „געזעלשאפטלעכער ריכטונג" און אז מע איז הארטנעקיק אין דער־ביוּוען דעם רייִנעם עמעס, דערביי גוואלדיק שרעקלאָז — פאר קיינעם קיין מוירע ניט — דרוקט מען אנטיקאָמוניסטישע, אנטיסאָוועטישע, דורכגעווייקטע מיט טרערן פון צערטלעכער ליבע צו ייִסראָעל און צו דער „נאציִאָנאל־באפרייערישער באוועגונג" — צום ציִעניזם — מאמ־רים. ייִדישע קולטור דארף זיין בא אנדערע. אינעם זעקסמיליאָניקן ייִדישן ייִשעוו — קיין איין סטאבילער ייִדישער טעאטער. ייִדישע ליטעראטור איז געוואָרן א ביזנעס־זאך פאר פּען־שווינדלער. א ייִדיש בוך גייט ארויס אין א שפּאָט־קליינעם טיראזש אינעם אליינעניר־פארלאג און ווערט ניט געקויפט און ניט געלייענט...

און אין דער זעלבער צייט שפּרייט זיך אלץ מער אויס איבער ניו־יאָרק און איבער דעם גאנצן אמעריקאנער ייִדישן ייִשעוו די שווארצע כמארע פון די ליובאוויטשער און סאטמארער אָבסקוראנטן. די הייִנטיקע גאָטס־סטראפּטשעס זיינען „באוואָפנט" מיט מיקראָפאָנען און הויכריידערס. זייערע „טאנקען" — אגיטבריגאדעס — ווערן צונויפגעשטעלט פון אויסגעשולטע יונגעלייט. צוזאמען מיט דער „דזשויִש דעפענס ליג" זיינען די רעליגיִעזע פאנאטיקער דער רוקנביין פון די סקאנדאליעזע אנטיסאָוועטישע קרייצצוג־דעמאָנסטראציעס.

אין קאנאדער ייִדישן ייִשעוו „מאכן" די ציִעניסטן ייִדישע קולטור לויטן אמעריקאנער מוסטער. אָט איז א כאראקטעריסטישע דעטאל: דער אָנפירער פונעם „אָפּטייל פון ייִדיש" באם קאנאדער ייִדישן קאָנגרעס ארטור לערמער איז געווען צוגאסט אין אוסטראליע, און דאָרט האָט ער, ווי עס טיילט מיט די צייטונג „אויסטראליער ייִדישע נייעס" (29 אווגוסט 1975) דערציילט אף א באגעגעניש מיט קולטור־טוער, אז פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאר ייִדישער קולטור אין קאנאדע איז דער ראָש פון דער ליבאוויטשער יעשיווע. דער ביי־וועזנדי־קער אף דער באגעגעניש „קולטור־טוער" פון אוסטראליע האָראוו כאיִם גוטניק האָט בא־מערקט מיט צופרידנקייט: „אף דערוף איז ער (דער ראָש־האיעשיווע אין קאנאדע. — א. וו.) דאָך מיין מעכוטן!..."

אין די לאטיין־אמעריקאנישע לענדער איז די לאגע פון דער ייִדישער קולטור אזא, אז די פּרעסע באצייכנט זי ניט אנדערש, ווי א קאטאסטראָפּאלע. די טעל־אוויו־ווער „ייִדישע צייטונג" האָט אין א נאָטיץ פון בוענאָס־איירעס געשריבן: „שוין באלד פופצן יאָר, ווי די אנטי־ייִדיש־ארבעט אין ארגענטינע, לעמאָשל, ווערט געפירט מאמעש מיט אכזאָ־ריעס. ווען ניט־ייִדן וואָלטן עס געטאָן אין העסקעם מיט א געזעץ, וואָלט זיך אָנגעהויבן א מוירעדיק געשריי, און מיט רעכט"...

אין אייראָפּע שטייט א „טרוקענער כורבן", ווי ס'איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן. אלס ביישפּיל קאָן דינען ענגלאנד. די צייטונג „לעצטע נייעס" (23 אפּרעל 1976) שרייבט, אז „בא א שטאָק־פינצטערניש אין דער ייִדישער קולטור, איז דאָרט דער איינציקער זייכער לעכורבן די געזעלשאפט „פּריינט פון ייִדיש", ווו א צוויי מיניאָנים ייִדן זאמלען זיך צונויף יעדן שאבעס נאָך מיטיק"... און ווייטער: „דאָ האנדלט זיך ניט אין עפּעס א קליינעם פּאר־וואָרפענעם ייִשעוו, נאָר אין איינעם פון די גרעסטע, אָרגאניזירטסטע, רייכסטע, איינפלוס־רייכע מיצאד דעם ציִעניזם ייִשווים. וויִאזוי איז עס געקומען צו אזא הימלשרייענדיקן מאַ־צעוו? זיינען שוין טאקע ניטאָ קיין ייִדיש־רעדנדיקע און ייִדיש־ליבהאָבנדיקע צווישן די

העכער 400 טויזנט ייִדן? אָדער עפּשער איז עס אַ רעזולטאַט פון פאַרנאַכלעסיקונג און גרינגשעצונג?..״

וועגן דער קאָנפערענץ „לעטויוועס ייִדיש״ אין ירושלים וואָלט מען געקאָנט ביכלל ניט ריידן, ווײַל דאָס איז געווען אַ מאָסמיטל פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. קעדיי צו שאַפן אין ייִסראָעל גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, דאַרפן די דאָרטיקע רעגירנדיקע פּאַרטייען ניט מאַכן קיין דעמאָנסטראַציעס, באַ זיי אין די הענט זײַנען די שליסלען. די היסטאָרישע קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ האָט אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט פּראָקלאַמירט ייִדיש אַלס אַ פאָלקס־שפּראַך. די נויטווענדיקײַט און צײַטמעסיקײַט פון אַזאַ אַקט איז געווען אויסער יעדן סאָפעק. דער ציִעניזם, אַ פאַרפּראָגראַמירטער צו באַקעמפן ייִדיש, האָט, נאַטירלעך, נאָך טשערנאָוויץ ניט געבענקט. די פּאַריזשער קאָנפערענץ אין 1937 האָט פאַרטיידיקט די ייִדישע קולטור פונעם פאַשיזם. דער ציִעניזם האָט דאַן מיטן דײַטשיש־איטאַליענישן פאַשיזם געפירט אַ שפּיל. ס׳וואָלט געווען לעכערלעך, ווען ער זאָל גיין פאַרטיידיקן אַ קולטור, וואָס דאַרף, אין העסקעם מיט זײַן פּאַרטיי־פּראָגראַם, אָפּשטאַרבן, פאַרטיידיקן זי פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אימפּעריאַליזם, וועמענס טאַקטישע ליניע קאָן דערלויבן אײַנצוגיין אויף דעם, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אַ געטאָ, אָדער, ווי מע פלעגט זיך אויסדריקן — אַ רעזערוואַט אויף צו פאַרשפּאַרן דאָרט אַלע ייִדן, — מאַמעש אַ ציִעניסטישער געבאָט...

וואָסערע פּרינציפּן האָט די קאָנפערענץ אין ירושלים זיך גענומען צוייגענען דער ייִדישער קולטור? צי וויל ביכלל דער ציִעניזם, אַז די ייִדישע קולטור זאָל האָבן פּרינציפּן? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. און ס׳איז גערעכט דער פּאַריזשער פּראָגרעסיווער פּובליציסט י. הירש, וועלכער האָט געשריבן, אַז דער צוגאַנג פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ירושלַיִמער קאָנפערענץ „באַשטייט אין אויסהוילן די ייִדישע קולטור פון אירע פּאָרגעשריטענע פאָלקס־טראַדיציעס און אין זוכן צו שטעלן זי אין דינסט פון אַ באַשטימטער ריכטונג, פון אַ באַשטימטער פּאָליטיק — דער ציִעניסטישער, וועמענס אינטערעס פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור איז בלויז אין דער מאָס, אויף וויפל דאָס קאָן דינען דער דאָזיקער פּאָליטיק״ („נײַע פּרעסע״, 28 אַפּרעל 1976).

און נאָך אַ פראַגע שווימט אויף אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אַ ריי אָראַטאָרן אין ירושלַיִם האָבן געפּרוּווט מאַכן אומגעלומפּערטע פּאַראַלעלן מיט טשערנאָוויץ און פּאַריזש. עס פרעגט זיך: פון וועמען וועט פאַרטיידיקן ייִדיש דער ציִעניזם? פונעם ציִעניזם?

ווען אין דער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מיטיילונגען וועגן דעם, אַז אויף אַ באַראַטונג אין ניו־יאָרק, באַם גענעראַל־קאָנסול פון ייִסראָעל, איז באַשטימט געוואָרן צונויפרופן אויף דער טעריטאָריע פון דער מעדינע, ניט אַנדערש, ווי אינעם טוריסטישן סעזאָן, אַן אוילעם פון פאַרשיידענע לענדער אויף צו באַהאַנדלען די נויטן פון דער ייִדישער קולטור, — שוין דעמאָלט איז קלאָר געווען, אין וואָס דאָ גייט, און, לעכאָלהאָפּאָכעס, האָבן באַאָבאַכטער ניט געצווייפלט, אַז דאָס איז אַ שפּאָגל־נײַ ציִעניסטיש געשעפטל. מע האָט געקאָנט זען, אַז די, וואָס האָבן גלײַך גענומען אַרויסגעבן דעקלאַראַציעס און אונטערזאָגן וואָס צו טאָן, זײַנען אַליין קיין שעפּער ניט פונעם ייִדישן וואָרט. וועגן דעם הויפּט־שאַמעס פון דער קאָנפערענץ ייִצכאָק קאָרן האָבן שאַרפזיניקע מענטשן אין דער קולטור־סוויווע זיך אָפּגערופן, אַז „נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן אויס דעפּוטאַט פונעם קנעסעט, האָט ער אויסגעזוכט ייִדישע קולטור אַלס באַשעפטיקונג...״ („אַווסטראַליער ייִדישע נײַס״, 29 אווגוסט 1975).

דער ציִעניסטישער אַפּאַראַט האָט גענומען אין אַ ריי לענדער „אויפשטעלן קאָמיטעטן, וואָס האָבן קיינעם ניט רעפּרעזענטירט און זײַנען דורך אָרטיקע שרײַבער באַצייכנט געוואָרן אַלס פיקטיווע, ווײַל זיי האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער ייִדישער שפּראַך און זײַנען אַ נײַע פירמע אויף זאַמלען געלט״ („יעדיאָט אַכראָנאָט״, 17 יוני 1975). מאָרדכע צאַנין האָט געשריבן אין „פאָרווערטס״ (29 אַפּרעל 1975): „איך האָב זיך געקויפט אַ שפּאָר ביסל קעגנער מיט דעם, וואָס איך האָב אין סאַמע אָנהייב ניט געהאַט דעם מינדסטן גלויבן, אַז דער פאַרשלאָג וועגן אַ ייִדישן וועלט־צוזאַמענפאָר צו ראַטעווען די ייִדישע קולטור איז אַן ערנסטע זאַך״.

ניין, ניט קיין ערנסטע זאַך איז געווען די קאָנפערענץ אין ירושלַיִם, נאָר אַ בלעף, אַ טרויעריקער פּאַרס.

ווען די „דעלעגאַטן״ (פון קיינעם ניט אויסגעקליבענע) האָבן אויף דער דערעפענונגס־זיצונג, דעם 23 אווגוסט, געהערט די פּוסטע רייד, פול מיט מעליצע און צוויאַקישקײַט, אַרום דעם 60־טן יאָרצײַט פון שאָלעם־אַלייכעמען (ניט קלאָר, פאַרוואָס דאַרף אָט די „פּײַערונג״ ווערן אַ פּונקט אינעם סיידער־האַיאָם פון אַ זאַכלעכער קאָנפערענץ), איז באַ יענע פון זיי,

וואָס האָבן נאָך גאָט אין האַרצן, זיכער געקומען א געדאַנק, אַז פאַר קימאַט דרײַ צענדליק יאָר עקזיסטענץ פון דער מעדינע האָט מען דאָרט ניט ארויסגעגעבן אין ייִדיש קיין איין בוך שאָלעם־אַלייכעמס. דערנאָך, אַז מע האָט זיך געשטעלט „פײַערן" 300 יאָר ייִדישע פּרעסע (א פּונקט אינעם סיידער־האַיאָם...) און ווידעראַמאָל, אַז מע האָט אופגעהויבן א גערודער, פײַערנדיק 100 יאָר ייִדיש טעאַטער (אויך א פּונקט...), און אַז מע האָט געטאָן פּלאַפּלען אַרום דעם אַלעמען, איז דאָך פאַר די אויגן געשטאַנען דער מאַצעוו אין ייִשׂראָעל גופע, די פאַרדאַרבערישע אַנטיקולטור־אַרבעט פון די ציִעניסטישע אינסטאַנצן.

ווען בא דעם פאָרזיצערס גלעקל פון דער „אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור" האָט זיך באַוויזן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּויאַלײ־ציִעניסטישער באַוועגונג, און ווען ס'האָבן גענומען זיך בײַטן אָן אָראַטאָר נאָך אָן אָראַטאָר: דער ייִשׂראָעל־מיניסטער יאַדלין, דער פּרעזידענט פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַלמאָגי, די שוין אונדז באַקאַנטע „שליימעסדיקע ייִדן" יאַנאָסאָוויטש, וועבער, לערמער, שנײַדערמאַן, לענעמאַן, האַרקאַווי, ווייזעל, האָט בא ערלעכע מענטשן ניט געקאָנט ניט אופקומען א דערמאָנונג וועגן דעם, אַז אָף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן די טריבונע באַטראָטן י.־ל. פּערעץ, אַווראָם רייזען, שאָלעם אַש, ה.־ד. נאָמבערג, כאַיִם זשיטלאָווסקי... און ווען עס האָבן בא די שטענדערס פון דער יערושאָלאַיִמער קאָנפערענץ זיך געייסעקט מיט ייִדיש און מיט ייִדישער קולטור די ארויסגעשטעלטע פונעם ציִעניזם מענטשן פון דער זײַט — „יאַשאַ שער פון אַוסטראַליע", „ז. באַומגאָלץ פון די פאַרייניקטע שטאַטן", „שימען דונסקי פון קאַנאַדע" און שאַט, שאַט — אויך „פון סאָוויעט־רוסלאַנד" איז געווען א „רעפערענט" — דער שלימאַזלדיקער דעזערטיר פּאָדריאַטשיק! — דאַן האָבן ערלעכע מענטשן ניט געקאָנט ניט דערמאָנען זיך, אַז אין די צײַטן פונעם פּאַריזשער קאָנגרעס פאַר פאַרטיידיקן די ייִדישע קולטור זײַנען מיט ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין די מײַרעוו־לענדער געווען פאַרנומען לייוויק, אָלגין, אויזער וואַרשאַווסקי, שאַץ־אַנין, קאַלמען מאַרמאָר, מאַרק שאַגאַל, אָפּאַטאָשו...

קעדײַ ריכטיק אָפּשאַצן דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין און אַרום דער ייִדישער קולטור, ליטעראַטור, מוז מען געדענקען וו. אי. לענינס גענײַאַלע דעפיניציע וועגן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון יעדער נאַציאָנאַלער קולטור: „עס זײַנען פאַראַן צוויי נאַציעס אין יעדער הײַנטצײַטיקער נאַציע — וועלן מיר זאָגן אַלע נאַציאָנאַל־סאָציאַלן. עס זײַנען פאַראַן צוויי נאַציאָנאַלע קולטורן אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור. עס איז פאַראַן א גרויסרוסישע קולטור פון די פּורישקעוויטשעס, גוטשקאָווס און סטרוווס, — נאָר עס איז אויך פאַראַן א גרויסרוסישע קולטור, וועלכע ווערט כאַראַקטעריזירט מיט די נעמען פון טשערנישעווסקי און פּלעכאַנאָוו. עס זײַנען פאַראַן אויך אַזעלכע צוויי קולטורן אין אוקראַיִנע, ווי אויך אין דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך, ענגלאַנד, בא די ייִדן אאַוו."[1]

די ייִדישע קולטור איז איצט איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין אָט דעם פּראַט. די צוויי קולטורן אין איר זײַנען צווישן זיך שאַרף דיפערענצירט און דײַטלעך אָפּגעצייכנט. קיין „צווישן־קולטור" איז ניטאָ. דאָס, וואָס נעמט אָפּגיין פון דער „דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער קולטור" (לענין), לייגט זיך דורך פון אָנהייב אָן א וועג צו דער, ווי לענין זאָגט, „בורזשואַזער קולטור (און אין דער מערהײַט נאָך א שוואַרצמייעדיקע און קלעריקאַלע)"[2] — אין די ספּעציפיש־ייִדישע באַדינגונגען א ציִעניסטישע. וועגן אָט דער קלאָרער פאַר אונדז פראַגע איז קעדײַ צו ברענגען א גרעסערע שטעל פון איציק פעפערס אָן אַרטיקל „גרוסן פון פראַנקרײַך", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט איינגיכן נאָך דעם אַנטיפאַשיסטישן קריג (צײַטונג „אייניקײַט", 26 אַפּרעל 1947):

„מיר האָבן אונדזער שטאַנדפּונקט אָף דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור. מיר זײַנען פאַר א נאַציאָנאַלער קולטור, פאַר נאַציאָנאַלן שטאָלץ, נאָר קעגן נאַציאָנאַליסטישע פּסוילעס, קעגן די, וואָס ווילן ארײַנשמוגלען אין אונדזער קולטור־אַרבעט די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע, אַנטידעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיע. אָבער דער רוף צו „אינטעגראַלער ייִדישער קולטור" איז שעדלעך. האָבן מיר, הייסט עס, צוויי קעגנזעצלעכע פּאָזיציעס. דאָ זעען מיר, ווי אומגערעכט איז דר. סלאָוועס, ווען ער האָט באַטאָנט, אַז אין אונדזער מאָדערנער ייִדישער קולטור זײַנען שוין לאַנג קיין שום ערנסטע כלוקעדייעס ניט פאַראַן, ניט בענעגייע פּרינציפּן, ניט בענעגייע מעטאָדן. ניין, עס זײַנען פאַראַן פּרינציפּיעלע כלוקעדייעס: מיר זײַנען ניט מאַסקים אײַנשליסן אין אונדזער גאָלדענעם פאָנד די רעאַקציאָנערע שאַפונגען נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן אין ייִדיש, און אויסשליסן פון אונדזער גאָלדענעם

---

[1] В. И. Ленин, ПСС, т. 20, стр. 16.
[2] Там же, стр. 8.

פאַנד פּראָגרעסיווע שאַפונגען פון אַנדערע פעלקער נאָר דערפאַר, וואָס זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. קעדיי נאָך בוילעטער באַווײַזן די שעדלעכקײַט פון די „אינטעגראַליסטן", וועלן מיר ברענגען אַן אויסצוג פון נ. ליטווינסקיס אַן אַרטיקל (אין „פּאַרישער שריפטן", וועגן וועלכע עס גייט דאָ אַ רייד. — א. וו.). שרײַבנדיק וועגן דער דערציִונג פון דער ייִדישער יוגנט, האַלט נ. ליטווינסקי פאַר נייטיק אײַנשליסן אין דעם דערציִונגס־אַרסענאַל אַלע מאָראַלישע ווערטן און אידייען, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן דורך אַלע דורות און קלאַסן, אײַנשליסנדיק די „סאָכרים, גווירים און קאַפּצאָנים, ציִעניסטן און בונדיסטן... ווײַל אַלץ איז ייִדיש". געפעלט אײַך עפּעס דער „איינהײַטלעכער פראָנט", וואָס דאַרף מאָבילייזירט ווערן אויף דערציִען אונדזער יוגנט?".

די דאָזיקע טיפּזיניקע ווערטער וואָלטן אין אונדזערע טעג געדאַרפט דערגיין צו די ברייטע פּראָגרעסיווע ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע, קאַנאַדע און אין אַנדערע לענדער, וועלכע זוכן ווייטעקפול אַן אויפקלערונג וועגן דער אידעאָלאָגישער ליניע פון די הײַנטיקע ליבהאָבער פון „איינהײַט" אויף אַ פּלאַטפאָרם פון „ייִדישער אַכדעס" און זײַנען גרייט אויסשפּרייטן אונטער די פיס פון די ייִצכאָק קאָרנס זייערע אַמאָליקע רויטע פאָנען, אַבי דער ציִעניסטישער קולטור־יודנראַט זאָל זיי אַרײַנלאָזן אין זײַנע דאַלעדאַמעס (אין גאַנג פון דער דינגעניש וועגן צולאָזן די אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער „איקוף" און פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" אויף דער ירושאָלאַיִמער קאָנפערענץ האָט קאָרן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן געוואָרנט, אַז „שאַדן וועט ברענגען דאָס אַרויסשלעפּן אַלטע אויסגעדראָשענע דעבאַטעס איבער פאַרעלטערטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונדז צעטיילט", „וואָדע וועט אַזאַ אַרבעט ניט זײַן קיין ייִדישיסטישע מיטן אַלטן אונטערשלאַק פון אַנטיציִעניזם, יענע צײַטן זײַנען שוין אַוועק", „ציִעניזם איז די גײַסטיקע מאַטאָר־קראַפט, אָן וועלכער מיר קענען ניט פאַרזיכערן די נאַציִאָנאַלע גאַנצקײַט, איינהײַטלעכקײַט פונעם ייִדישן פאָלק. דאַרף מען די זאַך שטעלן אויפן אויבנאָן פון אונדזער פּראָבלעמאַטיק... מיר מוזן טאָג־אײַן, טאָג־אויס די אידיי פּריידיקן"... אויף אָט די פון פאָרויס געשטעלטע באַדינגונגען איז געקומען אַן אומדירעקטער ענטפער בייס אַן אַסיפע, גערופן אין ניו־יאָרק מיצאַד די זעלבע אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און פונעם אַמעריקאַנער „איקוף". ריידנדיק וועגן „דער גרויסער נייטיקײַט אײַנצושטעלן איינהײַט אין ייִדישן לעבן", האָט איינער פון דער „איקוף"־סוויווע — מאַקס פּערלאָוו (לויטן באַריכט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרן 22 יוני 1976) — זיך אָנגעקלאָגט אויף דעם אָפּזאָג צוצולאָזן די „פּראָגרעסיווע" קלאַל־טוער צו דער קאָנפערענץ, און גלײַך זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער טוט עס „ניט קעדיי צו פּראָטעסטירן קעגן דער אָדער יענער גרופּע, ווײַל דאָס וואָרט פּראָטעסט אַליין שטרײַכט אונטער צעטיילטקײַט, צעריסנקײַט". און נאָכאַמאָל: „איך וויל אונטערשטרײַכן, אַז איך נעם דאָ ניט אָן דעם אויסדרוק פּראָטעסט, קעדיי רעדן צו יעדן איינעם פון דער גרופּע, ווי מענטש צו מענטש און ווי ייִד צו ייִד").

באַרירנדיק די דאָזיקע פראַגע, וועגן וועלכער עס האָט געשריבן איציק פעפער נאָך אין די פערציקער יאָרן, און טאַקע ער און פיל אַנדערע — מוישע אַלגין, שאַכנע עפּשטיין, מוישע ליטוואַקאָוו, פּערעץ מאַרקיש, מוישע נאַדיר, שלוימע מיכאָעלס, מוישע קאַץ האָבן געשריבן ניט איין מאָל פריִער, — באַרירנדיק די איצט אַזוי אָנגעווייטעקטע פראַגע אין פאַרבינדונג מיט פעפערס אַן אַרטיקל, וואָס איז באַטיטלט „גרוסן פון פראַנקרײַך", וויל איך ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז דער אַוטאָר האָט הויך אָפּגעשאַצט „דעם צושטײַער, וואָס די פראַנצויזישע כאַוויירים טראָגן אַרײַן אינעם קולטור־בוי", און ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זייער אַרבעט איז „אַ גרויסע, אַ וויכטיקע". און פעפער האָט געענדיקט זײַן אַרטיקל אַזוי: „דאָס קאָל פונעם פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו אין פראַנקרײַך ווערט פעסטער און אויטאָריטעטער. מיר האָפן, אַז עס וועט זיך בעקאָרעוו אויסהיילן פון דער „הייזעריקײַט" און פונעם אַרײַנפאַלן אין פרעמדע טענער און וועט קלינגען הויך און ווירדיק אינעם כאָר פון די, וואָס בויען אַ נײַ לעבן אויף נײַע יעסוידעס"...

הײַנט איז לעבנסנויטוועדיק, אַז די פּראָגרעסיווע ייִדישע קולטור־שעפער זאָלן ווידער און ווידער אויפקלערן פאַר זיך, אַז דער ציִעניזם איז אַ סוינע פון דער ייִדישער קולטור; די ייִדישע קולטור, ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, קונסט זײַנען לעבעדיק, קאָלזמאַן זיי רײַסן זיך ניט אָפּ פון די אַלגעמיינע קאַמפן פאַר פּראָגרעס, שאָלעם, סאָציִאַלן יוישער.

■ ■ ■

הערשל פּאָליאַנקער

זעכצנטע נאָוועלע

א כאסענע אָן קלעזמער

מיט צאָרעס, זאָגט דאָס ווערטל, דארף מען איבערנעכטיקן.

דאָס, וואָס מארינע האָט זיך דערוווּסט יענעם אָפּדערנאַכט, ווען זי איז געקומען מיט דער גוטער בסורע צו די נײַע קרוויוים, האָט בא איר אָפּגענומען א האלב לעבן. איר האָט זיך געדאכט, אז דאָס הארץ וועט אָט־אָט זיך אָפּרײַסן, נאָר די גוטע מענטשן, צווישן וועלכע זי האָט זיך געפונען, האָבן זי עטוואָס אָפּגעמונטערט.

וו׳אזוי האָט איר געזאָגט דער סוואט, שמײַע? ער האָט איר געזאָגט, אז ס׳דארף זײַן פּאר איר א טרייסט דאָס, וואָס זי האָט אזעלכע גוטע קינדער? יאָ, געוויס, וואָס קאָן מען מאכן — די ערד האָט שוין לאנג צוגעדעקט איר דאנילען, די שטוב איז געבליבן אָן א באלעבאָס, די קינדער — אָן א טאטן, זי — אָן א מאן, א סאָלדאטקע. נאָר זי איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. אזעלכע זײַנען דאָ, ווי שמײַע האָט געזאָגט, מיליאָנען, און מע מוז, יאָקאָס, לעבן.

אין דער ערשטער רעגע, ווען שמײַע האָט איר אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בסורע, איז זי אָף אים געווען מוירעדיק אין קאס, לעמײַ ער האָט פון איר אזא צײַט אלץ געלייקנט? נאָר ווען זי האָט דערהערט פון זײַן מויל, פארוואָס ער האָט אזוי געטאָן, האָט זי פארשטאנען, אז דער מענטש פארמאָגט א גאָלדן הארץ.

עפשער איז ער גערעכט? עפשער איז אזוי גלײַכער?

נאָר וואָס זאָל זי טאָן מיט די קינדער? זיי האָבן די גאנצע צײַט ארויסגעקוקט אפן פאָ־

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד״ נומ. 9, 1976.

טער, געטראכט, אז ער וועט זיך דאָך אומקערן, עס טרעפט דאָך, אז סאָלדאטן קערן זיך אום, אפילע יענע, וועלכע מע האָט שוין לאנג באוויינט און שוין ניט געוואַרט אף זיי.

איז עפשער זאָל זי טאָן אזוי ווי שמײַע — גאָרנישט ניט דערציילן, און זאָלן זיי דערווײַל לעבן מיט האָפענונג? מעגלעך, אז זי וועט ניט קענען ציִען אזויפיל, ווי שמײַע האָט געצויגן, נאָר לעכאָלהאָפּאָכעס, ביז נאָך דער כאסענע פון איר אָלגען? געוויס וועט אזוי זײַן גלײַכער — זי וועט ניט צעשטערן זייער יאָמטעוו!

אין דרײַ טעג ארום דארף מען ארויספאָרן, קעדײַ ניט פארשפּעטיקן צו דער כאסענע. וויבאלד אזוי, דארף מען אלץ אָפּוואַרפן אין א זײַט און זיך גרייטן.

לויט דעם בריוו, וואָס די טאָכטער האָט איר צוגעשיקט, פארשטייט זי, די מוטער, אז כאָסן־קאלע האָבן גאָרניט בא דער נעשאָמע, זײַנען אָרעם, ווי דער טויט, נאַקעט און באָר־וועס, און מע דארף זיך אונטערגארטלען, עס זאָל זײַן א רעכטע כאסענע. מע דארף זיי העלפן זיך אײַנאָרדענען כאָטש אף דער ערשטער צײַט.

זי האָט געפונען א טרייסט פאר זיך אין דעם, וואָס אָלגע וועט כאסענע האָבן פאר א גוטן באָכער, וואָס דער שידעך איז איר צום הארצן און מע וועט שיין לעבן. זי געדענקט נאָך פון יענער צײַט, ווען אָלגע מיט מישקען זײַנען געווען אין דער היים, געלערנט אין איין קלאס, דאכט זיך, פון יענער צײַט האָבן זיי זיך ליב געהאט.

וויבאלד אזוי, אויב נאָך אזעלכע שווערע יאָרן האָט זיי דער גוירל צונויפגעפירט, איז דער בעסטער סימען, אז זיי וועלן לעבן גליקלעך.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אף טאָג, האָט זי זיך אופגעהויבן פון געלעגער, זיך צוגעזעצט מיט רייזלען צום הרובקעלע אָנשיילן קארטאָפליעס, מע האָט איבערגעביסן, זיך צונויפגערעדט, וואָס יעדערער וועט גרייטן אין וועג ארײַן, צו דער כאסענע, און מארינע האָט זיך אוועקגעלאָזט אהיים.

א וועלט מיט ארבעט האָט געוואַרט אף איר.

זי דארף אלץ צוגרייטן פאר דער טאָכטערקע, דער קאלע, זי זאָל ניט פילן, אז זי איז א יעסוימע, אז זי האָט קיין טאַטן ניט.

אן אנדערשמאָל ציִען זיך דרײַ טעג, ווי א יאָר, און דאָ זײַנען זיי איבערגעפלויגן, מע האָט אפילע ניט באוויזן זיך ארומקוקן.

קיין סאך האָט מען צו דער כאסענע ניט געקענט צוגרייטן, ווײַל מע איז נאָך אליין געווען גוט אף צאָרעס, דאָך האָט יעדער איינער געהאט א טאָרבעלע מיט עסן. מע האָט צונויפגענומען ווו עס האָט זיך געמאכט סוליעס ווײַן, און שמײַע האָט אפילע באוויזן צו־גרייטן זײַן אלטע מאשקע, וואָס קאָן שיקער מאכן און איבערקערן א בער.

לייבצי דער שאָפער איז געווען באזונדערס צופרידן, וואָס מע האָט אים אײַנגעלאדן אף דער כאסענע. ערשטנס, איז ער געפאָרן צו זײַן קינדער־פרײַנט מוישקען, מיט וועלכן מע איז געוואקסן א טיר בא א טיר, און צווייטנס, דערפאר, וואָס ער וועט ניט דארפן אף זײַן גרוזאָוויק אָפּפירן די געסט צום פאָלוסטאנעק — עס האָט אויסגעשאָטן א פײַנער שניי און אויב עס וועט פארהריזנעט ווערן זײַן גרוזאָוויק, וועט ער בלײַבן שטעקן אין די שנייען ביז פייסעך.

אָוורוצקי האָט באפוילן אײַנשפאנען צוויי שליטנס, וואָס זאָלן אָפּפירן די געסט צום פאָ־לוסטאנעק.

דער טאָג איז געווען א זוניקער און א שנייִקער. עס האָט געסקריפּעט א פײַן פרעסטל אונטער די שליטנס, און די פערדלעך זײַנען געלאָפּי זשוואווע.

שמײַע איז געווען פארפּוצט אין זײַן שינעל, אָנגערוקט די אושאנקע איבער די אויערן. אין זײַנע יוכטאָווע אונטערגעקאָוועטע שטיוול, אין די דאָזיקע בגאָדים האָט ער זיך געפילט ווי אין א גוטן פאנצער און קיין שום פראָסט האָט אים ניט געשראָקן. לייבצי, וואָס איז מאָ־מעש געווען פארליבט אינעם פעטער שמײַען, האָט אים אין אלץ נאָכגעפאָלגט. ער האָט זיך אויך אויסגעפּוצט אין זײַן שינעל און אין די שטיוול, עמעס, קיין אושאנקע האָט ער ניט געהאט, ווײַל אנומלטן, ווען ער איז געפאָרן אין ראיאָן, האָט אים ניט געסטײַעט קיין בענזין. ער איז געבליבן שטעקן אינמיטן פעלד, כאָטש שרײַ גוואלד. דעמלט האָט ער באגעגנט א באָכער, וואָס איז געפאָרן אף א טראקטאָר, און אויסגעביטן בא אים די אושאנקע אף אן עמער ברענשטאָף. פון דעמלט אָן איז ער געבליבן בא אן אָפּגעבליאקעוועטער פילאָטקע. איצט האָט ער קיין אנדער ברייִרע ניט געהאט, ווי ארופציִען זי אף זײַן רויטן קאָפּ. די רויטע קוטשמע האָר האָט בא אים ווויליונגעריש ארויסגעקוקט פון אונטער דער פילאָטקע, און דער אוילעם האָט געהאט פון וואָס זיך צו וויצלען.

אָורוצקי איז אויך געווען אין אַן אָפּגעריבענער שינעל, וואָס ער האָט געבראַכט אהער נאָך פון דער עוואַקואַציע, דערבײַ האָט ער געטראָגן א ווײַסע פּאַפּאַכע פון באַראַשקע און געהאַט דעם אויסזען פון אַן אויסגעדינטן גענעראַל.

די ווײַבער זײַנען געווען פּאַרפּוצט אין טעלאָגרייקעס, אַלטע אָפּגעריבענע מאַנטעלעך, סוויטקעס און אין וואָס עס האָט זיך געמאַכט. באַטראַכטנדיק די געסט, האָט שמײַע געזאָגט:

— נו, קינדער, איצט האָבן מיר א פּאָנעם פון א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, א דעסאַנט, וואָס מע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון אַן אַעראָפּלאַן. זאָלט איר זיך האַלטן פעסט און פּאַרגעדענקען, אַז אויב עס וועלן ניט זײַן קיין בילעטן, וועלן מיר שטורמעווען דעם צוג, און דער קאָנדוקטאָר וועט ניט אויסהאַלטן און מוזן פאַר אונדז עפענען די טיר!

כאָטש שמײַע האָט זיך געכאָכמעט, ווי געוויינלעך, נאָר דאָס האַרץ האָט זיך געשלאָגן שטאַרקער, ווי שטענדיק. ער האָט זיך ניט געקענט פּאָרשטעלן, וויאַזוי וועט ער זיך באַגעגענען מיטן זון, וועלכן ער האָט שוין א גאַנצע אייביקײַט ניט געזען און שוין ניט געטראַכט זיך מיט אים צו זען. פון אַלע זײַנע כעוורע איז ער געבליבן איינער, ווי איין אויג אין קאָפּ, און אים האָט געצויגן צו אים, ווי מיט א מאַגניט.

פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, האָט רייזל זיך אויסגעבעריעט צוויי מאָל זײַן באַם זון. נאָר אַף אים, אַף שמײַען, האָט זיך אַרופגעוואַלגערט א באַרג מיט אַרבעט, און ער האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. איצט וועט ער פּאַרברענגען מיט מוישקען שיינע עטלעכע טעג און זיך דערוויסן פּינקטלעך, וואָס פּאַרא פּלענער דער זון האָט — צי רעכנט ער אַף שטענדיק פּאַרבלײַבן אין שטאָט, צי עפּשער וועט ער זיך אַריבערצִיִען אהיים און זיך דאָ נעמען צו דער אַרבעט באַגלײַך מיט אים. אין שטאָט איז איצט שווער צו לעבן, מע עסט דאָרט ניט צו זאַט דאָס שטיקל ברויט, מע זעט זעלטן א קאַרטאָשקע, א שטיקל פלייש — אַלץ באַקומט מען אַף קאַרטעטשקעס און מע בידעוועט גאַנץ שיין.

מע קען ניט זאָגן, אַז אין דאָרף איז א גאַניידן. מע פּירט אויך קוים מיט צאָרעס צונויף א וואַנט מיט א וואַנט, פונדעסטוועגן איז דאָ פּיל גרינגער. איז אין אָרטעל ניט געראָטן, קאָנסטו עפּעס צונויפנעמען בא זיך אַפן גאָרטן און ווי־ניט־איז זיך דערנערן מיט דער מישפּאָכע. נאָר אַז מע דאַרף באַקומען דאָס שטיקל ברויט אַף א קאַרטעטשקע...

שמײַע וועט אים פּרווון אײַנריידן, מישקען, ער זאָל נעמען זײַן יונגע פּלוינעסטע און מע זאָל זיך באַזעצן דאָ, איניינעם איז דאָך גרינגער.

אָבער פון דער צווייטער זײַט, האָט שמײַע פּאַרשטאַנען, אַז די כעוורע וועלן זיך שוין ניט אומקערן אין יישעווּ. מע האָט זיך געמאַכט א מאָדע, מע פּאָרט זיך אײַנאָרדענען אין שטאָט. און די שטאָט דאַרף איצט האָבן א סאַך מענטשן, קעדיי אופשטעלן די זאַוואָדן מיט די פאַבריקן, זײַנען נייטיק הענט.

יאָ, נאָר אויב עס וועט אַזוי ווײַטער גיין, וועט זײַן ביטער! אין דאָרף זאָלן בלײַבן בלויז עלטערע מענטשן, איז דאָך ניט קיין פּלאַן!

אַזוי האָט זיך געטראַכט שמײַע גאַזלען, נאָר באַלד זיך געכאַפּט: וועסט דאָ קיין גרויסער כאָכעם ניט זײַן. מע וועט, זעט אויס, די זאַך באַטראַכטן אָן דיר. אַזעלכע כאַכאָמים, ווי דו, זײַנען אומעטום פּאַראַן, און עס איז א סוואָרע, אַז וועגן די זאַכן טראַכט מען גענוג אין די הויכע פענצטער...

די שליטנס זײַנען געלאָפן סקריפּענדיק אַפן שניי־מידבער, און אַרום איז געווען שיין, ווי די וועלט! א גרויסע רויטע זון איז פּאַרגאַן באַם ווײַטן האָריזאָנט און געמאַכט א שטיק הימל מאַלע־כיין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס א מין פּאַנטאַסטישע סרייפע בושעוועט איבערן מײַרעוו־טייל הימל.

ערגעץ ווײַט־ווײַט אינמיטן שניי־מידבער האָבן א בלאַנק געטאָן די רעלסן, און דאָס איז געווען דער בעסטער סימען, אַז מע איז שוין ניט ווײַט פונעם פּאַלוסטאַנעק, וואָס איז פּאַרזונקען אין שנייען.

שנעל איז דורכגעלאָפן נאָך א שטיקל צײַט, און ביידע שליטנס מיט די מעכוטאָנים האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַם פּאַלוסטאַנעק.

אַרום איז געווען פּוסט, נאָר דער „דעסאַנט" האָט אַרײַנגעטראָגן אהער א גרויסע אופלעבונג. שוין לאַנג איז דאָ ניט געווען אַזא טומל. דער נאַטשאַלניק מיטן רויטן היטל איז אַרויסגעלאָפן א פּאַרלוירענער און ניט געקענט פּאַרשטיין, וואָס איז דאָ געשען.

שמײַע גאַזלען איז צו אים צוגעגאַנגען און דערציילט, וואָס דאָס איז פאַר א „דעסאַנט" און וווהין מע פּאָרט. דער נאַטשאַלניק האָט גענומען קראַצן זיך אין דער פּאָטיליצע — ער האָט ניט אַזויפיל בילעטן.

וואָס הייסט? — האָט דער אוילעם אַנגעהויבן זיך ערגערן. — עפּשער וועט מען זיי צווינגען גיין אַף דער כאַסענע צופֿוס?

און דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט שמײַע:

— מיינט ניט, נאַטשאַלניק, אַז מײַן „דעסאַנט" דאַרף האָבן גרויסאַרטיקע ערטער, — האָט ער געזאָגט, — דאָ פֿאָרן פּאַשעטע מענטשן. איר זעט, די מערהײַט זײַנען אין שינעלן, זיי זײַנען געוווינט פֿאָרן אַפֿילע אַף די בופערס פֿון די וואַגאָנעס, אין די טעפּלושקעס... מיר פֿאָרן דאָך אַף אַ כאַסענע... באַ הײַנטיקע צײַטן וועט איר קיין סאַך כאַסענעס ניט באַגעגענען. דאַנקען גאָט, וואָס מײַן זון איז אַרויס אַ לעבעדיקער פֿונעם האָספּיטאַל און זיך געפֿונען אַ טײַערע קאַלע. אַנדערש, מיינט איר, וואָלטן מיר זיך געשלעפּט אין אויסרײַסעניש אין אַזאַ פֿראָסט? מיר וואָלטן געשלאָפֿן אַף די אויוונס און געוואַרעמט די ביינער, נאָר אָן אונדז וועט קיין שום כאַסענע ניט זײַן... אָט זעט, איך און מײַן ווײַב דאָס איז כאָסנס־צאַד... און מאַרינע מיט אירע ייִנגלעך — קאַלעס־צאַד, די איבעריקע זײַנען געסט. מאָרגן איז די כאַסענע...

דערזען, ווי דער נאַטשאַלניק האָט זיך צעשמייכלט, האָט שמײַע זיך דערפֿילט שטאַרקער. אַרויסגענומען פֿון דער טאָרבע די סוליע מיט זײַן באַרימטער מאַשקע, האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלעזל דעם נאַטשאַלניק, אַ גלעזל זיך און אַ ווונק געטאָן, אַז מע דאַרף מאַכן אַ לעכאַיִם, נאָר יענער האָט אַף שמײַען געקוקט פֿאַרוווּנדערט און, דאַכט זיך, דערשראָקן:

— וואָס איז דאָס?

— גאָרניט! — האָט שמײַע זיך צעלאַכט. — דאָס זײַנען אַזעלכע טראָפּנס, וואָס העלפֿן בעשאַס אַ פֿראָסט, מע זאָל זיך ניט צוקילן, כאָלילע, און ניט אַרײַנכאַפּן קיין נאַסמאָרק...

דערפֿילט דעם רייעך פֿון דער פֿײַנער מאַשקע, איז דער שטרענגער נאַטשאַלניק עטוואָס ווייכער געוואָרן, גענומען די גלאָז אין דער האַנט און געזאָגט:

— וואָס טוט איר, איך בין דאָך אַף דער אַרבעט, ווי קען מען אַזוי?..

— און מיר זײַנען ניט אַף דער אַרבעט? — האָט שמײַע אים אונטערגעמונטערט. — אין אַזאַ פֿראָסט איז אַ מיצווע דערוואַרעמען די נעשאָמע... וואָס זשע, איר זײַנט אָפֿן פֿראָנט ניט געווען? דאָרטן פֿלעגט מען אונדז אַלע טאָג אַרויסגעבן הונדערט גראַם מאַשקע. מע דאַרף אָנשרײַבן אײַער מיניסטער, ער זאָל אײַך אויך אַרויסגעבן צו ביסלעך... דאָ ווייעט די גאַנצע צײַט דער ווינט, און קעדיי איר זאָלט זיך ניט צוקילן, דאַרף מען אײַך געבן עטלעכע טראָפּנס... דער באַן וועט דעמלט בעסער לויפֿן.

— נו, סײַדן אַף דערוואַרעמען די נעשאָמע. ניט מער...

דער נאַטשאַלניק האָט געקוקט מיט גוטע אויגן אַף דעם פֿריילעכן סאָלדאַט און, אַרומקוקנדיק זיך, ווי ער זאָל פֿאַרעמעצן מוירע האָבן, מיט געשמאַק אויסגעטרונקען די שטאַרקע מאַשקע און גענומען פֿון מאַרינעס הענט אַ פּירעשקע מיט קרויט אַף פֿאַרבײַסן.

— פֿאָרט איר, הייסט עס, אַף אַ כאַסענע? טאָ זאָל זײַן מיט גליק, — און ער האָט באַטראַכט דעם אוילעם, וועלנדיק, ווײַזט אויס, טרעפֿן, ווער איז דאָ דער כאָסן און ווער די קאַלע.

שמײַע האָט אַ ווונק געטאָן צום נאַטשאַלניק, צי וועט ער ניט אויסטרינקען נאָך אַ גלעזל פֿאַרן געזונט פֿון כאָסן־קאַלע, נאָר יענער האָט אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל: זאָל גאָט היטן, ווי קען ער עס טרינקען אַף דער אַרבעט!

שמײַע האָט אַרײַנגערוקט צוריק דעם בוטל אין דער טאָרבע.

ער האָט באַטראַכט די בודקע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַף הינערשע פֿיס, און געזאָגט:

— זומער, אַז מיר וועלן לעבן, וועל איך צו אײַך קומען, כאַווער דעזשורנע, און ברענגען צו אַ לאַד אײַער פּאַלאַץ. איך זע, אַז דאָרטן איז גאָר ניט מעגלעך צו אַרבעטן, דערצו נאָך קאָן, כאָלילע, דער ווינט אָוועקטראָגן דעם פּאַלאַץ אײַערן מיט אײַך אינאיינעם...

— אָ, דאָס וואָלט געווען זייער גוט, — האָט זיך דערפֿרייט דער דעזשורנע פֿון פֿאָלוסטאַנעק, — זומער וועל איך אײַך דערמאָנען וועגן אײַער צוזאָג...

פֿון אויסרײַסעניש האָט זיך אָהער דערטראָגן אַ ווײַטער פֿײַף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו, און דער דעזשורנע איז אַרײַנגעלאָפֿן אין זײַן בײַדל נעמען די פֿענדלעך מיטן לאַמטערן. ניט שטענדיק שטעלט זיך דאָ אָפּ דער צוג, נאָר דאָס איז געווענדט אין אים, אינעם דעזשורנע, וואָס איז דער איינציקער באַלעבאָס איבער אַלע צוגן, וואָס לויפֿן דורך פֿאַרבײַ זײַן פֿאָלוסטאַנעק. אויב אַפֿילע יענער וויל זיך ניט אָפּשטעלן, איז גענוג, דער דאָזיקער מענטש זאָל אויפֿהייבן זײַן לאַמטערן, אַ פֿאָכע טאָן מיטן רויטן פֿענדל, ווי יענער שטעלט זיך אָפּ. און איצט וועט

ער אומבאַדינגט אָפּשטעלן דעם צוג, קעדיי אַרופּזעצן די רוישיקע בראַנזשע, וואָס פּאַרט אין שטאָט אַף אַ כאַסענע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער צוג, אַ פאַרשנייטער, און אויסגעשמיסענער פון שטאַרקע ווינטן און זאַווערוכעס, זיך אָפּגעשטעלט לעבן פּאָלוסטאַנעק. דער „דעסאַנט" האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די וואַגאָנעס, נאָר אַ נעכטיקער טאָג. קיינער עפנט ניט די טירן. די וואַגאָנעס זײַנען, הייסט עס, איבערגעפּולט און קיינעם נעמט מען ניט.

נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט דער נאַטשאַלניק. וואָס הייסט? ער וועט ניט לאָזן דעם צוג מאַכן קיין שפּאַן, ביז מע וועט זײַנע פּאַסאַזשירן ניט נעמען. זיי פאָרן אַף אַ כאַסענע, און ער קאָן זיי ניט האַלטן דאָ ביז טאָג, ווען עס וועט קומען דער פּאַטשטאָווער. אין דער צײַט, ווען דער בריגאַדיר פון צוג האָט זיך אויסגעטײַנעט מיטן דעזשורנע און געדראָעט, אַז ער וועט פון אים מאַכן אַן אָנעטשע, האָט שמײַע געעפנט די טיר פון אַ זײַטיקן וואַגאָן, וואָס איז געווען איבערפּולט מיט מענטשן, און אַרײַנגעשטויסן אַהין אַלע געסט, און דער צוג האָט גערירט פונעם אָרט.

— ניט געזאָרגט, קינדער! — האָט ער אַ שײַנענדיקער זיך אָנגערופן. — קיין גרויסן קאָמפאָרט וועלן מיר, זע איך, ניט האָבן, נאָר בעסער אַזוי פאָרן, איידער גיין צופוס.

ביסלעכווײַז איז מען געוואָרן היימישער, און אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט שוין יעדער איינער געהאַט זײַן ווינקעלע, ווער אַף דער דריטער פּאָליצע, ווער באַם אַרײַנגאַנג. און שמײַע גאַזלען, באַטראַכטנדיק, ווי די געסט דרעמלען, האָט זיך אָנגערופן:

— איר זעט, ס'איז ניט העפקער פּעטערשקע! אבי מע פאָרט. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי איז אפילע דער קייסער ניט געפאָרן. דעריקער דאַרף מען זיך קיינמאָל ניט פאַרלירן. אַז מע האָט אַזאַ פײַנעם כעוורעמאַן, ווי דער נאַטשאַלניק, קאָן מען לעבן. אַ שאָד, וואָס איך האָב אים אָנגעגאָסן בלויז איין גלעזל. מירן זיך אומקערן פון דער כאַסענע, וועל איך אים דאַנקבאַווען... זאָל אים גאָט געבן געזונט.

— אוי, שמײַע, ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין וואַגאָן, עס וואָלט אויסגעקומען זיך מוטשען ביז טאָג, וואַרטנדיק אַפן פּאַטשטאָווע, — האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָוורוצקי. — מיט דיר, ברודערקע, ווערסטו אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן...

— וואָס זשע, אומזיסט בין איך געווען אַף דרײַ מילכאָמעס? — האָט שמײַע צעשפּיליעט דעם שינעל, אַראָפּגענומען די אושאַנקע און זי אוועקגעלייגט לעבן זיך אַף דער פּאָליצע. — אַ סאָלדאַט מוז פאַרגעדענקען דרײַ זאַכן, אויב ער וויל זײַן אַן עמעסער סאָלדאַט...

— וואָס פאַרא זאַכן?

— אין ערגעץ זיך ניט פאַרלירן... אין פּאַכאָד זאָלסטו קיינמאָל ניט אָפּשטיין פון דער קיך, ניט קאַליע מאַכן די גוטע באַציִונגען מיטן קעכער און ניט פאַרלירן דעם לעפל... מיט מענטשן קאָן מען שטענדיק אויסקומען. פאַרסטו בעסער, פאַרסטו ערגער, נאָר דו פאָרסט! מיט גוטסקײַט קאָן מען אײַנעמען די וועלט! אָט זעסטו דעם קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אונדז ניט געוואָלט עפענען די טיר און זיך מעסוקן געבייזערט? אָט וועט ער אונדז באַלד ברענגען אַ פּאָר קישעלעך און, דאַכט מיר, וואַרעמע טיי, פאַרשטייט זיך, אָן צוקער... ביז מירן דערפאָרן אַפן אָרט, וועלן מיר מיט אים ווערן די בעסטע גוטעברידער, ווי עמעסע קרויווים. ווערסט זען!

דער וואַגאָן איז געווען אָנגעשטאָפּט, נאָר דערפון איז וואַרעמער ניט געווען. דער קאָנדוקטאָר האָט זיך ווי פאַרענטפערט פאַרן אוילעם, אַז דאָס ביסל קוילן, וואָס מע האָט אים געגעבן, האָט שוין לאַנג אויסגעברענט און מער קיין קוילן אין ניטאָ.

האָט מען טאַקע געכאַפּט אַ פײַנעם ציטער, נאָר שמײַע האָט מיט זײַנע געשיכטעס געוואַרעמט דעם אוילעם. אַרום אים זײַנען שוין געזעסן און געשטאַנען אין פאַרשיידענע פּאָזעס ווײַבער און מאַנצבלען, פויערים און סאָלדאַטן און זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד. לאָזט זיך אויס, אַז דאָ זײַנען געווען עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט מיט אים אין איין פּאָלק, און עס איז אוועק אַ סעדרע — מילכאָמע, אַטאַקעס, בערלין...

מע זאָגט, אַז אַ סאָלדאַט איז שוין נימעס געוואָרן דערמאָנען זיך אין דער מילכאָמע. אַ נעכטיקער טאָג! אַלטע סאָלדאַטן קאָנען אָפּזיצן שאַעןווײַז און ריידן וועגן דער מילכאָמע. איצט קאָן מען שוין אַלץ דערמאָנען אין פריידן, און וואָס ווײַטער מע רוקט זיך אָפּ פונעם פאַרגאַנגענעם, אַלץ רירנדיקער זײַנען די דערמאָנונגען.

די גאַנצע נאַכט האָבן די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן און געשטאַנען אַרום שמײַען, ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. מע האָט געהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, דערצו נאָך, אַז דאָס, וואָס שמײַע האָט דערציילט, האָט אַרויסגערופן ניט בלויז טרויער, נאָר אויך געלעכטער. און ווער האָט ניט ליב צו לאַכן?

די נאַכט איז דורכגעלאָפֿן אומבאַמערקט. פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט געשאָטן און געשאָטן דער שניי און צוגעדעקט די רויִנעס, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דאָ און דאָרט, דעריקער אַף די סטאַנציעס און פֿאָלוסטאַנקעס.

אַלפֿי־סייכל איז שוין ניט ווײַט צו דער שטאָט, און שמײַע גאַזלען איז געוואָרן אַלץ שווײַגנדיקער, אָנגעכמורעטער. עס האָט זיך דערנעענטערט די מינוט פֿון דער באַגעגעניש מיט זײַן בענאַק, און אַ גרויסער אומרו האָט אים אַרומגעכאַפּט.

כאָטש רייזל האָט אים געגנוי דערציילט נאָך יעדער רײַזע איר׳ער צום זון, ווי ער זעט אויס, האָט שמײַע ניט געקענט רויִק זײַן, ביז ער וועט אים ניט זען מיט די אייגענע אויגן, ניט דורכריידן זיך, ווי סאָלדאַטן קאָנען זיך דורכריידן.

אַ מוטער, ווען זי באַגעגנט זיך מיט איר זון, וועט זי אויספֿרעגן, וואָס עסט ער, ווער וואַשט אים דאָס גרעט, ווער נייט אים צו אַ קנעפּל, וואָס דאַרף ער האָבן, ווען קומט ער שוין אַהיים, ווי פֿילט ער זיך אין געזונט, און שמײַע דאַרף זיך באַ אים דערוויסן גאָר עפּעס אַנדערש — ווּ איז ער געווען די גאַנצע צײַט, ווּ האָט ער געדינט, אַף וועלכע פֿראָנטן און פֿאַרוואָס מע האָט זיך ניט באַגעגנט אַלע יאָרן פֿון מילכאָמע... ער האָט מיט אים אַ סאַך צו ריידן, אַ סאַך זיך דערוויסן.

שמײַע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, דער צוג זאָל שוין קומען צום אָרט. צי וועט ער דערקענען מישקען? די פֿיר יאָר, וואָס ער האָט זיך מיט אים ניט געזען, זײַנען געגליכן צו צוואַנציק! און גאָר ניט קיין פֿיר יאָר — אַ סאַך מער! — נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, אַ פּאָר יאָר פֿאַר איר, איז מישקע אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט זיך לערנען אין טעכניקום און דערנאָך אָנגעהויבן אַרבעטן אַף אַ גרויסן זאַוואָד אַלס מעכאַניקער. דער מאַמזער האָט פֿון אים און פֿון דער מאַמע אויסבאַהאַלטן, אַז נאָך דער אַרבעט איז ער געגאַנגען אין אַעראָקלוב זיך לערנען שפּרינגען מיט די פּאַראַשוטן און פֿליִען אַף אַן אַעראָפּלאַן. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער באָכער געוואָרפֿן דעם זאַוואָד, די אַרבעט און איז פֿרײַוויליק אַוועק אין דער אַוויִאַציע. ער איז לאַנג געפֿלויגן אַף די באָמבאַרדירער און געוואָרפֿן באָמבעס אַף די דײַטשישע פּאָזיציעס. אַ סאַך מאָל באָמבאַרדירט די דײַטשישע שטעט. צוויי מאָל האָט מען זײַן באָמבאַרדירער אַראָפּגעקלאַפּט אַף דער טעריטאָריע, וואָס איז געווען אָקופּירט, און ער האָט זיך פֿון דאָרטן דורך די נעכט אַרויסגעקליבן צו זיך אין דיוויזיע. ער האָט אויך גענוג געהאַט צאָרעס פֿון די דאָקטוירים אין די שפּיטאָלן, און כאָטש ער איז געווען עטלעכע מאָל פֿאַרווונדעט, האָט ער דאָך יעדעס מאָל זיך אומגעקערט צו זײַנע אַעראָפּלאַנען, אין וועלכע ער איז געווען פֿאַרליבט.

דאָס לעצטע מאָל האָט מען אַראָפּגעקלאַפּט זײַן אַעראָפּלאַן, און ער מיט זײַנע כאַווײרים פּילאָטן זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען אַף „קיינעמס ערד" — צווישן אונדזערע און דײַטשישע פּאָזיציעס — און מע איז פֿון דאָרטן קוים אַרויס לעבעדיקע, ריכטיקער געזאָגט, האַלב לעבעדיקע, ווײַל מע איז געווען שווער פֿאַרווונדעט, און נאָך דעם קימאַט אַ יאָר צײַט, ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע, זיך געוואַלגערט אין די האָספּיטאַלן, זיך שוין ניט גערעכט, אַז מע וועט בלײַבן לעבן.

דאָס האָט שמײַע זיך דערוווסט פֿון רייזלען, אָבער פֿאַר אים איז עס ווייניק. שמײַע האָט געדאַרפֿט זיך דערוויסן וועגן אַלץ מיט אַלע פּיטשטשעווקעס.

און אָט האָט זיך דערנעענטערט די מינוט פֿון דער באַגעגעניש.

שמײַע איז צוגעוואַקסן געוואָרן צום פֿאַרוויִעטן פֿענצטערל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די שאָ, וואָס דאַרף נאָך דורכגיין, וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. מע האָט שמײַען געוואָלט אָנרירן מיט אַ פּאָר ווערטער, צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל נאָך עפּעס דערציילן, נאָר ער איז שוין געווען ניט דערבײַ. ער האָט געשוויגן, ווי שטענדיק ערעוו אַ גאָר וויכטיקער געשעניש.

ענדלעך, האָט דער צוג פֿאַרקלענערט דעם גאַנג, גענומען שטאַרקער קלאַפּן מיט די רעדער איבער די סטיקן פֿון די רעלסן, און פֿאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן זיך דורכשמוגלען די סטאַנציע־געבײַדעס, דער גרינער סעמאַפֿאָר. עס האָבן זיך צעטומלט די בופֿערס פֿון די וואַגאָנעס, און אָט איז שוין דער פּעראָן פֿונעם וואָקזאַל — דער פּעראָן, אָבער ניט דער וואָקזאַל אַליין — דער וואָקזאַל איז געלעגן אין רויִנעס, געדיכט צוגעדעקט מיט שניי, און אַף זײַן אָרט איז באַ דער זײַט געשטאַנען אַ לאַנגער באַראַק, ווּ די פּאַסאַזשירן באַהאַלטן זיך פֿון דער קעלט.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט געדרייט די זאַווערוכע, דער פֿראָסט האָט זיך געשטאַרקט, מעגלעך, אַז דערפֿאַר האָט מען ניט געײַלט באַגעגענען דעם פֿאַרשנייטן און פֿאַרקאָוועטן צוג. אָבער דאָך האָט שמײַע גאַזלען דערזען לעבן אַן עלעקטרישן סלופּ אַ פּאָרל, וואָס האָט

אומגעדולדיק אַרײַנגעקוקט אין די פּאַרבײַלויפנדיקע פענצטער — אַ שלאַנקער יונגער מיליטערמאַן אין אַ לאַנגן אָפיצערישן שינעל, און אַן אושאַנקע מיט ברילן אויף דער נאָז און לעבן אים אַ קליינוואוקסיק מיידל אין אַ טונקעלן מאַנטל מיט אַ געקרויזלטן טיכל אויפן קאָפּ, אין שטיוול. זי האָט געהאַלטן דעם באַכער בײַ דער האַנט, ווי זי וואָלט מורא האָבן, ער זאָל זי ניט איבערלאָזן און אַנטלויפן.

בײַ שמײַען האָט אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ. ער קאָן שווערן, אַז דאָס איז כאַסן־קאַלע. אָט דאָרטן שטייט זײַן מישקע און אַליע. ער האָט זיך בלויז ניט פאַרגעשטעלט, שמײַע, אַז זײַן זון זאָל טראָגן ברילן. קיינער פון זײַנע כעוורע האָט ניט געטראָגן קיין ברילן, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דער זון האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געזען, געווען קימאַט בלינד און געלעגן אין אַדעס באַם באַרימטן אויגן־דאָקטער פילאַטאָוון, פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נעדיזנע פון דער מילכאָמע.

שמײַע האָט אַ קלאַפּ געגעבן אין פענצטער, דאָס פּאָרל האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן פּעראָן.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין שמײַע געשטאַנען בײַ די טרעפּלעך פון וואַגאָן אַנטקעגן דעם זון, געקוקט אויף אים מיט פײַכטע אויגן, ניט קענענדיק אַרויסברענגען קיין וואָרט. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס איז זײַן זון, וועלכן ער געדענקט ווי אַ פּאַרשײַט ייִנגל.

די אַרומיקע זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט, געקוקט אויפן פאָטער מיטן זון, וואָס האָבן זיך אַרומגענומען, זיך געהאַלדזט און געשטיקט אין די טרערן פון פרייד.

— נו, קאַפּיטאַן ספּיוואַק, האָבן מיר זיך, הייסט עס, באַגעגנט!

— גוואַרדיע־קאַפּיטאַן, — האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן אַליע, וועלכע שמײַע האָט איצט געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס.

— זעסטו, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, — האָט שמײַע מיטן בליק אָפּגעמאָסטן דעם זון פון קאָפּ ביז פיס, — ער, דער גאָזלען מײַנער, איז אַ קאַפּיטאַן, און איך, אויף דרײַ מילכאָמעס געווען, און האָב זיך קוים דערדינט צו אַ סערזשאַנט.

— גוואַרדיע־סערזשאַנט, — האָט שטיפעריש אין טאָן פון דער שנור צוגעגעבן רייזל און זיך צעקושט מיט כאַסן־קאַלע. — פאַר מיר איז גענוג אַ סערזשאַנט. זאָל ער זײַן אַפילע אַ יעפרייטאָר, נאָר מער קיין מילכאָמעס זאָלן ניט זײַן!

אַ קוק געטאָן אויפן מאַן, האָט זי צוגעגעבן:

— איך זע, אַז דו ביסט געפאַלן בײַ זיך, וואָס דו האָסט אַזאַ קליינעם טשין. וואָס זשע גלײַכסטו זיך צו מישקען? ער איז דאָך געפלויגן אין די הימלען, און דו ביסט געגאַנגען צופוס אויף דער ערד... כאָטש דעם, גלײַכסטו זיך צו אים! ער האָט געלערנט, און דו? דו ביסט דאָס גאַנצע לעבן געווען אָדער אויף די מילכאָמעס אָדער געזעסן אויפן דאָך.

נאָך די באַגריסונגען און ווינטשעוואַניעס האָט מען זיך געלאָזט צום טראַמווײַ.

אין שטאָט איז געווען טומלדיק, ניט געקוקט אויפן פראָסט און אויף דער זאַווערוכע. כאָטש אומעטום, אויף יעדן טריט און שריט, זײַנען געלעגן הויכע הורבעס שנײ, וואָס האָבן צוגעדעקט די רויִנעס, זײַנען די מענטשן געווען אויפגעלעבט, אַלע האָבן ערגעץ געאײַלט. עס האָט זיך געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דאָס נײַע יאָר.

ווי מע האָט ניט געאײַלט, איז דאָך דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע שאָ צײַט, ביז דער „דעסאַנט" איז געקומען אויפן אָרט. און געבראַכט האָט דאָס פּאָרל דעם אוילעם אין אַ קליין שטיבל, ניט ווײַט פונעם פאַרקאָוועטן אין אײַז און אין שנייען דניעפּער־ברעג. דאָ האָט געלעבט אַליעס אַ כאַווערטע, מיט וועלכער זי האָט געאַרבעט צוזאַמען אין האָספּיטאַל, און צוליב אַזעלכע געהיבענע געסט, צוליב דער כאַסענע, האָט זי אָפּגעטראָטן איר ווױנונג. מע האָט גראָדע געוואָלט פאַראַוונען דעם יאָמטעוו אינעם שטיקל קלוב פון זאַוואָד, ווו דער כאָסן אַרבעט, נאָר מע האָט זיך באַטראַכט, אַז אין אַזאַ קעלט וועלן כאַסן־קאַלע מיט די געסט איבערנעם פאַרפרירן ווערן.

אינעם שטיבל, וואָס איז געווען גאַנץ אָרעם אויסגעשטאַט, אָבער גאַנץ וואַרעם אויסגעהייצט, איז געווען היימלעך. זעט אויס, אַז אַליע מיט איר כאַווערטע האָבן גוט אַ האָרעווע געטאָן, מע זאָל ברענגען די ווױנונג אין אָרדענונג. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין יעלעכל, באַהאַנגען מיט פילקאָליריקע סטענגעס און פאַפּירענע שפּילעכלעך, וואָס די מיידלעך האָבן אַליין אויסגעמײַסטרעוועט. עס האָט געשמעקט מיט וואַלד און מיט געבראָטענע קאַרטאָפליעס.

דער אוילעם האָט זיך אויסגעטאָן, געוואָרן היימלעכער, באַריידעוודיקער.

אָליע האָט א שמייכלענדיקע, מיט עטוואָס צעשויבערטע פלאקסענע האָר, זיך לײַכט געטראָגן איבער דער שטוב. דאָס כאקענע קליידל האָט אײַנגעפּרעסט איר שטײַפע מיידלשע פיגור. פון צעשטרייטקײַט און פארלוירנקײַט, וואָס זי פילט אָף זיך אזויפיל נײַגעריקע בליקן, האָט זי ניט געוווּסט, פאר וואָס מע נעמט זיך פריִער. אלץ איז געפאלן פון די הענט, און מישקע, אויך א פארלוירענער, האָט געפּרוווט איר העלפן, נאָר עס האָט זיך בא אים אויך ניט באקומען.

שמײַע גאזלען, וואָס קאָן פאר־איין מינוט זען מער, ווי אן אנדערער פאר א שאָ, האָט גלײַך פארשטאנען, פון וואָס דאָס נעמט זיך. ער האָט געכאפּט א קוק אין שאפקעלע און באמערקט די עטלעכע פּײַקעס ברויט, וואָס זײַנען אקוראט געווען אײַנגעוויקלט אין א צײַטונג, א רעדל וווּרשט, עטלעכע שטיקלעך צוקער, א טעפּל געשיילטע קארטאָפליעס, א פלעשל ווײַן... און אים איז אלץ קלאָר געוואָרן: ווען די קינדער האָבן דערזען אזא כאליאסטרע, האָט מען זיך פארלוירן, ניט געוווּסט, מיט וואָס מעכאבעד זײַן דעם אוילעם.

שמײַע איז צוגעגאנגען צו מישקען און אָליען, זיי ארומגענומען בא די פּלייצעס און זיך אָנגערופן:

— איר האָט זיך ניט וואָס צו זאָרגן, קינדערלעך, אלע וועלן מיט גאָטס הילף זײַן זאט און שיקער. וואָס זשע, ווייסט דען ניט? ווען מוישע־ראבייִנו האָט ארויסגעפירט די ייִדן פון מיצראַים, דערציילט זיך, האָט ער מיט איין ברויט אָנגעהאָדעוועט טויזנטער מענטשן. ווער איר ניט קענען אָנהאָדעווען א צענדליק געסט מיט אײַער זאוואָדישן פּאיאָק, וואָס איר האָט באקומען אָף דער קארטעטשקע? ניט געזאָרגט, כעוורע, מיט אונדז וועט איר ניט פארפאלן ווערן!

א זוך געטאָן מיט די אויגן דאָס ווײַב און מארינען, האָט ער זיך צו זיי געווענדט:

— היי, ווײַבער, וואָס שטייט איר, ווי ניט די געבעטענע געסט אָף א פרעמדער כאסענע? איר זעט ניט, דער טאָג איז שוין ניט קיין היגער, צײַט עפּעס נעמען אין מויל ארײַן און אויסטרינקען לעכאַיִם!

ער האָט גענומען דאָס זעקל, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך, ארויסבאקומען פון דאָרט די גרויסע סוליע מיט זײַן מאשקע, ברויט, פלייש, אָנגעהויבן צעבינדן די אנדערע טאָרבעס, וואָס זײַנען געשטאנען בא דער טיר, און ארויסגעשטעלט דאָס גוטס אפן טיש. ווען כאָסןקאלע האָבן דאָס אלץ דערזען, האָבן זייערע אויגן זיך צעשײַנט.

רייזל און מארינע האָבן פארקאטשעט די ארבל און גענומען גרייטן צום טיש. איידער עפּעס־וואָס, דארף מען איבערכאפּן און אויסטרינקען, דערנאָך וועט מען טראכטן וועגן כאסענעס, נײַ־יאָר און אנדערע זאכן. שמײַע איז, ווי שטענדיק, טויזנט מאָל גערעכט. ער האלט זיך בא זײַן אלטן סאָלדאטישן קלאל — דאָס, וואָס דו קענסט אָפּעסן און אויסטרינקען איצט, זאָלסטו קיינמאָל ניט אָפּלייגן אָף שפּעטער. האָסטו א מעגלעכקײַט איבערכאפּן — רײַב אָף ביידע באקן; איז דאָ א פרײַע מינוט אָף אויסצושלאָפן זיך אָדער אויסרוען די ביינער — לייג ניט אָפּ אָף שפּעטער, ווער ווייסט, וואָס שפּעטער קאָן זײַן?

דערווײַל האָט ער אָנגעקוקט פונעם פאָרפאָלק. דאָס זשוואווע פריילעכע, נאָר עטוואָס שעמעוודיקע מיידל, די קאלע, איז אים געווען געפעלן, און אויך איז אים געווען געפעלן דאָס, וואָס זי קוקט די גאנצע צײַט אָף איר באשערטן מיט פארליבטע אויגן. דאָס איז דער בעסטער סימען, אז מע וועט זיך שיין אויסלעבן די יאָרן. ער האָט זיך ניט געקענט זאט אָנשפּיגלען אינעם זון. אויסגעוואקסן אזא שטאָלטנער, שיינער יונגאטש. עמעס, צו די ברילן זײַנע איז שמײַע ניט געווען צוגעוווינט און אין די ברילן האָט מישקע אויסגעזען א ביסל מאָדנע. ער האָט געהאט א פּאָנעם פון א לערער, א שטיקל דאָקטער, אן אינטעליגענטל. כאָטש אז שמײַע האָט איבערגעפירט דעם בליק אָף דער ברוסט פונעם זון, ווו עס האָבן געשײַנט מיט גאָלד און זילבער די אָרדענס און מעדאלן, האָט ער פארשטאנען, אז דער באָכער האָט פײַן געארבעט אָף דער מילכאָמע, אין הימל. אזעלכע באלוינונגען באקומט מען ניט אומזיסט. און שמײַע האָט געלעכצט שוין גיכער בלײַבן מיטן באָכער זאלבעצווייט, זיך זאט דורכריידן וועגן מילכאָמע־זאכן.

ער האָט אָבער פארשטאנען, אז דערווײַל וועט מען עס מוזן אָפּלייגן אָף אן אנדערשמאָל. מע לאָזט מאמעש ניט אָטעמען פרײַ דעם זון. מע רינגלט אים ארום און מע פרעגט אים אויס וואָס און ווען. און ווער ווייסט, וויפל וואָלט זיך דאָס געצויגן, ווען אָליע בעט ניט דעם אוילעם, מע זאָל זיך צוזעצן צום טיש איבערבײַסן — מע איז דאָך הונגעריק פונעם ווײַטן וועג! דערצו נאָך וועט מען זיך דארפן נאָכן פרישטיק אָפּרוען, זיך צוגרייטן באגעגענען דאָס נײַע יאָר...

און דער אוילעם האָט אָנגעהויבן פארנעמען ערטער, אָנגיסן מאשקע אין די קעלישעקעס.

מישקע מיט אַליען האָבן זיך אָפּטלעך איבערגעקוקט, געוואָרפן בליקן אפן זייגער. זיך ניט
צונויפגערעדט, האָבן זיי באַשטימט, ווען דער אוילעם וועט איבערבייַסן און זיך צולייגן, צוזעצן
אָפּרוען, וועלן זיי אוועקלויפן צו אַליען אין האָספּיטאַל און צו מישקען אפן זאַוואָד און
אייַנלאַדן נאָך אייניקע באַקענטע און פרייַנט אף זייער כאַסענע. זיי האָבן עס פּריִער געטאָן
זייער פּאַרזיכטיק און פאַרבעטן צו זיך די סאַמע נאָענטע און בעסטע פרייַנט. זיי האָבן מוירע
געהאַט, אַז עס וועט ניט זייַן, מיט וואָס מעכאַבעד זייַן, נאָר איצט, אַז זיי האָבן דערזען, וואָס
די געסט האָבן געבראַכט, האָט מען זיך דערפרייט און באַשלאָסן אייַנלאַדן נאָך מענטשן.

א פייַנער אוילעם האָט זיך צונויפגעזאַמלט אף דער כאַסענע. מע האָט זיך אייַנגעאָרדנט,
ווו עס האָט זיך געמאַכט — אַרום טיש, אף די זייַטיקע בענק, אפן בעט, לעבן אויוון. שמייַע
גאָזלען האָט זיך פון אָנפאַנג פאַרלוירן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, ווער עס איז געקומען
באַגריסן כאָסן־קאַלע. די מערהייַט געסט זייַנען געווען אין גימנאַסטיאָרקעס, זעט אויס, מע
האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אייַנהאַנדלען ציווילע קליידער. באַנאַנד מיט פּאָשעטע, פריילעכע
גוטע כעווירע — מישעס און אַליעס כאַווײרים און פרייַנט, זייַנען געווען עטלעכע הויכע נאַ־
טשאַלניקעס, און דאָס האָט שמייַען דערפרייט. ווי איר ווילט זיך, נאָר ער האַלט זיך בא זייַן
קלאַל — זאָג מיר, ווער זייַנען דייַנע נאַטשאַלניקעס, וועל איך דיר זאָגן, ווער ביסטו אַליין!
ווען שמייַע האָט אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזלעך פון זייַן שטאַרקער מאַשקע און מעכאַ־
בעד געווען זייַנע שכיינים, וואָס זייַנען געזעסן פון לינקס און רעכטס, האָט ער גלייַך פאַר־
שטאַנען, אַז דאָס זייַנען גוטע, צוגעלאָזענע און באַשיידענע מענטשן. מיט זיי וועסטו ניט
פאַרפאַלן ווערן. פון רעכטס איז געזעסן מישקעס דירעקטאָר פון זאַוואָד, און ניט ווייַט פון
אים — אַליעס הויפּט־דאָקטער. זיי האָבן טאַקע די ערשטע האַרציק באַגריסט כאָסן־קאַלע,
זיי איבערגעגעבן שיינע מאַטאָנעס, און דערנאָך האָט מען שוין ניט געהערט, וואָס מע רעדט.
ווייַל דער ווייַן און שמייַעס מאַשקע, וואָס האָט באַזונדערס אויסגענומען, האָט געמאַכט דעם
אוילעם גאַנץ פריילעך, און אין א שאָ אַרום האָט זיך אַלץ איבערגעפּלאָנטערט און מע האָט
שוין ניט געקענט פאַנאַנדערקלייַבן, ווער איז א נאַטשאַלניק און ווער א פּראָסטער כייַוועס־
קייַעם — אַלע גלייַך, ווי מע זאָל שוין זייַן באַקענט ווייסעך וויפל יאָר!
כאָטש קיין קלעזמער האָט מען ניט גערופן, איז אַזוי אויך געווען לעבעדיק און פריילעך,
און דאָס האָט מער פון אַלץ געפרייט שמייַען. ער איז געווען אפן זיבעטן הימל, וואָס אַלע,
מיט וועמען מישע אַרבעט צוזאַמען און אויך מיט וועמען דער זון איז צוזאַמען געווען אפן
פראָנט, האָבן געלויבט אין טאָג אַרייַן דעם כאָסן, מישע ספּיוואַקן.
און שמייַע האָט, ווי מע זאָגט, זיך אַרופגעכאַפּט אף זייַן פערדל, גענומען דערציילן וועגן
דעם באָכער זייַנעם, וועגן זייַנע ברידער, וואָס האָבן זיך, צום גרויסן אומגליק, ניט אומגעי־
קערט פון דער מילכאָמע.
פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר מע האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט פון דעם אופגעי־
לעבטן און באַריידעוודיקן מעכוטן, פון שמייַען, ניט אַראָפּגענומען דעם בליק אַליעס נאַטשאַל־
ניק, א פולבלעכער פּאָלקאָווניק מיט א הוילן קאָפּ — א רענדל א האָר — און צוויי פריילעכע
גרינע אויגן, וואָס האָבן ניט אופגעהערט שמייכלען. שמייַע האָט גלייַך פאַרשטאַנען, לויט
זייַנע פינגער און לויטן מעדיצין־צייכן אף זייַנע פּאָגאָנעס, אַז דאָס דאַרף זייַן א דאָקטער,
און ניט קיין פּאָשעטער דאָקטער, נאָר א כירורג — די סאַמע פּאָפּולערסטע פּראָפעסיע אפן
פראָנט. וויטאַלי גריגאָריעוויטש שומסקי, דער דאָזיקער צוגעלאָזטער פּעמפּיק, האָט זיך
אַרויסגעוויזן, באַלאַנגט אויך צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס קריכן ניט נאָך א וואָרט אין
קעשענע, פונקט ווי שמייַע, און האַלטן פון א כאָכמע, א וויץ, ניט געקוקט אף זייער הויכן
מיליטער־טשין. דער מענטש האָט אויך געהאַלטן פון דער קויסע, און ווען מע האָט זיך גוט
דערוואַרעמט מיט דער מאַשקע און זיך צערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער וויטאַלי
גריגאָריעוויטש איז געווען דער נאַטשאַלניק פון האָספּיטאַל ניט ווייַט פון בערלין, טאַקע פון
דעם זעלבן, ווו שמייַע איז דאָס לעצטע מאָל געלעגן. און ווען דער כירורג האָט גוט אָנגעי־
שטרענגט דעם זיקאָרן און זיך גוט אייַנגעקוקט אינעם מענטשן, האָט ער אים דערקענט,
זיך אפילע דערמאָנט, אַז שמייַע ספּיוואַק איז אָן זייַן דערלויבעניש און אָן פּאַפּירן אַנטלאָפן
פונעם האָספּיטאַל אפן פראָנט און דער נאַטשאַלניק האָט אַרייַנגעכאַפּט פאַר אים א שיינעם
פּסאַק, ווען אין האָספּיטאַל איז געקומען א קאָמיסיע.
מע האָט אויסגעטרונקען נאָך צו גלעזלעך מאַשקע. געטרונקען האָט מען שוין „אף ברוד־
דערשאַפט”, און די געסט האָבן געקייַכט פון געלעכטער, קוקנדיק, ווי דער פּאָלקאָווניק קושט
זיך און טרינקט לעכאַיִם מיט זייַן געוועזענעם כוילע.
די באַגעגעניש מיטן פּאָלקאָווניק האָט שמייַען שטאַרק דערפרייט.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מײַנע טײַערע? מיר דאכט זיך, אז אין הונדערט יאָר ארום, ווען איך וועל קומען אף יענער־וועלט, אין גאנײדן, וועל איך דאָרטן אויך באגעגענען מײַנע אַדנאַפּאָלטשאנעס... און מיט זיי וועל איך אפילע דאָרטן ניט פארפאלן ווערן.

די קאלע האָט מאמעש אַנגעקוועלט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער נאטשאלניק אירער איז באקענט מיטן שווער, מיט שמײַען, און אַז ער האָט אים ערגעץ לעבן בערלין, אין פראַנט־האָספּיטאַל, געהיילט.

— וויבאלד אזוי, קערן מיר זיך אלע אָן קרוויוים, און גאָר נאָענטע קרוויוים, — האָט שמײַע זיך געפרייט, — ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז א בארג מיט א בארג גייען זיך ניט צונויף, נאָר א מענטש מיט א מענטש — שטענדיק!

ער איז געווען אפן זיבעטן הימל. הער נאָר א געשיכטע, אזא באגעגעניש! שמײַע האָט שוין פארגעסן, אַז ער איז געקומען אף א כאסענע, און זיך צוגעזעצט מיטן דאָקטער אין א ווינקל, אלע מאָל אונטערגעגאָסן צו ביסעלעך זיך און יענעם, דערמאָנט די דאָקטוירים, די קורנאָסע שוועסטער, וואָס האָט שמײַען געמוטשעט מיט די אײַנשפּריצונגען, פּראָצעדורעס. געטרונקען פאר איר געזונט.

שמײַע האָט געענוי דערציילט דעם פּאָלקאָווניק, וויאזוי ער איז געקומען אהיים, און וואָס ער האָט דאָרטן געטראָפן, דערציילט, וויאזוי ער האָט זיך גלײַך גענומען צו דער ארבעט, וויפל דעכער און ווינונגען ער האָט דעם אוילעם ייִשוווניקעס אויסגעבויט, פאריכט, עס זאָל ניט קאפּען אפן נאקן.

ווען וויטאלי גריגאָריעוויטש האָט זיך דערוווּסט, אַז שמײַע איז אזא גרויסארטיקער בלעכער, האָט ער אים פּאָרזיכטיק א פרעג געטאָן, צי וועט ער ניט קענען פאריכטן דעם דאך אין האָספּיטאל, בא אים, ווײַל עס רינט ארײַן אין אייניקע פּאלאטעס און ער קאָן בעשום־אויפן ניט געפינען קיין רעכטן בלעכער. עמעס, איינער האָט פאריכט דעם דאך, נאָר דאָס איז געווען, לאָזט זיך אויס, אזא פארטאטש, אַז עס רינט ארײַן נאָך שטארקער און מע מוז אונטערשטעלן שיסלען, ווען עס הייבן זיך אָן די רעגנס.

שמײַע האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך דער כאסענע זיך דאָ פארהאלטן א ביסל און קומען אין האָספּיטאל באטראכטן דעם דאך און פאריכטן דאָרט, ווו עס וועט זיך לאָזן. און ווי האָט ער טאקע געקאָנט אָפּזאָגן אזא מענטשן?!

דעם געשפּרעך האָט אונטערגעהערט דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד, ווו מישקע האָט געארבעט, און אויך ארײַנגעשטעלט עטלעכע ווערטער. ער האָט צו שמײַען איידל געזאָגט, אַז ער דארף אויך האָבן א בלעכער, ווי דאָס לעבן. מע דארף פארענדיקן א גרויס הויז פאר די ארבעטער פונעם זאוואָד, און, אגעוו, שמײַעס זון, דעם מײַסטער פון מעכאנישן צעך, וואָס האָט הײַנט כאסענע, האָט ער, דער דירעקטאָר, צוגעזאָגט אויסטיילן א צימער, וואָלט געווען גוט, ווען שמײַע העלפט אונטער צודעקן דעם דאך, דעמאָלט וועט דער איניען פון באקומען א צימער אונטערגעיאָגט ווערן און מישקע ספּיוואק מיט זײַן יונג ווײַבל וואָלטן זיך איבערגעקליבן אהין...

דאָס איז פאר שמײַען געווען אומדערוואַרט, און ער האָט געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט מיטן גרעסטן קאָוועד קומען אונטערשטעלן א פּלייצע. עס וואָלט טאקע געווען א גליק, ווען דער זון באקומט א דירע און אָרדנט זיך אײַן. וואָס זשע, עס איז דען א פּלאַן, אַז מישקע זאָל ווינען אין איין צוזאמענווינונג און זײַן פלוינעסטע — אין אויסרײַסעניש, אין א צווייטער? געוויס, ער וועט פארלאָזן אלע איניאָנים און קומען העלפן פארענדיקן דאָס הויז!

אָוורוצקי האָט זיך דערשראָקן. נאָר דאָס פעלט אים — שמײַע גאזלען זאָל זיך שטעלן פאריכטן די דעכער פונעם האָספּיטאל און פונעם הויז אין זאוואָד. ס׳איז דאָך אַן ארבעט אף עטלעכע וואָכן, אויב ניט אף קיין כאדאָשים. און אין ייִשעוו וואַרט אף אים א בארג מיט ארבעט!

ער האָט זיך גראדע געוואָלט ארײַנמישן, אָוורוצקי, נאָר שמײַע האָט אים איידל אָפּגעשטעלט. נישקאָשע, ער וועט זיך לאנג דאָ ניט פארהאלטן, נאָר העלפן מוז ער דאָך. ווי קאָן ער אָפּזאָגן אזעלכע מענטשן?

רייזל איז אויך ניט שטארק געווען באגײַסטערט, דערהערנדיק, אַז איר מאן טראכט זיך פארהאלטן דאָ אין שטאָט. זי קען אים שוין גוט. אויב ער וועט זיך דאָ פארטשעפּען, קען ער אָפּזיצן א שיינע פּאָר כאדאָשים, און זי מיט די קינדער לעבט נאָך דערווײַל אין א נאס און פינצטער ערדשטיבל... אָבער ווען ער האָט איר דערקלערט, אין וואָס דאָ גייט, אַז פון אים איז אָפּהענגיק, אַז מישקע מיט דער פלוינעסטע זאָלן באקומען אין זאוואָד־הויז א צימער, איז זי ווייכער געוואָרן. זי איז גרייט ווינען בא זיך נאָך עטלעכע כאדאָשים, אבי איר זון זאָל דאָ זײַן אײַנגעאָרדנט. לויט דעם, וואָס זי האָט געהערט, קלײַבט זיך ניט איר בענאָק מיט

אָליען איבערפאָרן צו טאטע־מאמע — דאָ אין שטאָט לעבן זיי זיך אויך בעקאָוועד־גאָדל, און דאָ, זעט אויס, וועט מען שוין פארבלײַבן אַף שטענדיק.

אין שטוב איז געווען ראשיק און אָנגערייכערט. דער אוילעם איז שוין געווען גוט דער־וואַרעמט. עס איז געווען פריילעך, היימלעך, און קיינער האָט זיך ניט געקליבן אוועקגיין. פאר די עטלעכע שאָ איז דער אוילעם געוואָרן אזוי היימיש, אז פון דער זייט האָט זיך גע־דוכט, אז דאָ האָט זיך צונויפגעקליבן איין גרויסע מישפּאָכע.

מע האָט געזונגען איין ליד נאָך דער צווייטער, און קיינער האָט ניט באמערקט, ווי די צײַט לויפט.

געכאפט האָט זיך אין דער לעצטער מינוט מישקע, דער שולדיקער פון דער הײַנטיקער סימכע. ער האָט געוואָרפן א בליק אַף זײַן זייגער און דערשטוינט געבליבן:

— טײַערע געסט, איך בעט פארנעמען די ערטער און אָנגיסן די גלעזער, אין עטלעכע מינוט ארום וועלן מיר באגעגענען דאָס נײַע יאָר!

מישעס בלייך לענגלעך פאָנעם האָט געשײַנט, די ברילן זײַנע האָבן געגלאנצט, און אין דער רעגע איז ער אינגאנצן ענלעך געווען אַף זײַן פאָטער. עמעס, אין איין פּראט איז ער גאָר ניט געווען ענלעך אַף אים — מישע איז געווען א שווײַגער. פארן גאנצן אָפדערנאָכט האָט ער, דאכט זיך, צום ערשטן מאָל ארויסגעבראכט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער.

אין שטוב איז געוואָרן א טומל, מע האָט זיך אויסגעזעצט אַף די ערטער. ווער עס האָט ניט געהאט קיין בענקל, האָט זיך געשטעלט בא דער וואנט, אָנגעגאָסן מאשקע אין די גלעז־לעך. ביידע ווײַזערס אפן וואנטזייגער האָבן זיך דערנעענטערט צו צוועלף, און אלע האָבן זיך אופגעשטעלט, געקוקט אפן גרויסן ווײַזער.

שמײַע האָט געזאָגט:

— נו, ווי איך זע, בין איך דאָ דער עלטסטער, כאָלילע ניט לויטן טשין, נאָר לויט די יאָרן, וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער. אזוי, פארשטייט זיך, ווי א פּראָסטער מענטש, א סאָלדאט פארשטייט. און טאָמער וועט געזאָגט ווערן ניט אזוי, זאָלט איר מיר פארצײַען, ווי אַן אייגענעם טאטן...

שמײַע האָט איבערגעכאפט דעם אָטעם, ארײַנגעקוקט א רעגע אין דער גלאָז, ווי ער וואָלט דאָרטן עפּעס געוואָלט געפינען. ער איז געווען שטארק אומרויִק, און די גלאָז האָט געציטערט אין זײַנע הענט. ער האָט זיך באגעגנט מיטן בליק פון זײַן פלוינעסטע, וואָס האָט אויסגעזען מוירעדיק דערשראָקן. אין אירע אויגן איז געווען אָנגעשריבן: „גאזלען מײַנער, וואָס ביסטו ארויסגעקראָכן דער ערשטער? א שפּאָגל־נײַער רעדנער! זע, וואָס פארא גרויסע מענטשן עס שטייען ארום, זיי קענען שענער זאָגן פון דיר, דו קאָנסט נאָך פארשעמען די גאנצע כא־סענע...״

יאָ, שמײַעס גאזלען האָט אין אירע אויגן, אַף איר דערשראָקן פאָנעם אויסגעלייענט פונקט אזעלכע ווערטער, און ער האָט זיך שטארקער אָנגעהויבן באומרויִקן. נאָר עס האָט ניט גע־פאסט אין אזא פײַערלעכער מינוט, ווען מע דארף באגעגענען דאָס נײַע יאָר, אָפטרעטן, און ער האָט זיך גענומען אין די הענט, סטארענדיק זיך גויווער זײַן דעם אומרו.

— מײַנע טײַערע פרײַנט און געסט! — האָט ער אָנגעהויבן מיט א ציטערנדיקער שטים. — ווען איך, אַן אלטער סאָלדאט, בין געווען אפן דאָן, בא דער וואָלגע, אין סטאלינגראד, אפן „קורסקער בויגן״, אין די פינסקער בלאָטעס, בא ברעסט, אפן ווײַסל, אפן אָדער, אין בערלין, האָט זיך מיר ניט געכאָלעמט, אז איך וועל הײַנט זײַן אין אזא שיינער קאָמפּאניע און בא־געגענען דאָס נײַע יאָר, כאסענע מאכן דעם איינציקן זון, וואָס איז געבליבן לעבן — דרײַ מײַנע זין האָבן אָפגעגעבן זייערע לעבנס פאר אונדזער אלעמענס גליק...

דאָ האָט זיך שמײַע פארטשעפעט. עס האָט בא אים אָפגענומען דאָס לאָשן, אַף זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעוויקלט טרערן, און בא אלעמען האָט, דאכט זיך, אָפגעריסן זיך דאָס הארץ, דאָ און דאָרטן האָט זיך דערהערט א געוויין פון די ווײַבער...

שמײַע האָט זיך דערשראָקן, ער האָט דערפילט, אז עס קאָן צעשטערט ווערן דער שיינער יאָמטעוו, האָט ער אראָפגעשלונגען די טרערן, זיך גענומען אין די הענט און שטילערהייט, בארויִקנדיק די פרויען, פאָרגעזעצט:

— יאָ, וויל איך זאָגן, אז צו טײַער האָבן מיר אלע באצאָלט פאר דעם גרויסן ניצאָכן אונד־זערן איבערן דאם־סוינע, וואָס האָט אונדז אלעמען געוואָלט פארניכטן, אויסראָטן, פארוואנד־לען אונדזער לײַבלעכע סאָוועטישע היים אין א מידבער. איז וואָס זשע וויל איך זאָגן? איך וויל, מיר זאָלן אלע אויסטרינקען פאר אײַך אלע, מײַנע גוטע, טײַערע פרײַנט, פאר אלע־מענס גליק, דעריקער דערפאר, אונדזערע קינדער און קינדסקינדער זאָלן שוין מער ניט דארפן ליגן אין די אָקאָפעס. מיר זאָלן זיך פרייען אַף סימכעס, און אלע אונדזערע סאָנים

זאָלן ליגן טיף אין דר׳ערד! א גליקלעך, א מאזלדיק, א פריילעך נײַ־יאָר! זאָלן מיר שוין מער ניט וויסן פון קיין צאָרעס, פון נאווענאד! מאזלטאָוו מיטן נײַ־יאָר! לעכאַים, בודמאָ!

אלע האָבן אויסגעטרונקען און טומלדיק זיך געזעצט אף זייערע ערטער.

אין דרויסן האָט געשאָטן אָן אופהער א לויטערער שניי, און איבערן וועג האָט געדרייט די זאווערוכע.

עס איז געווען ראשיק אין שטוב. מע האָט באגעגנט דאָס נײַע יאָר.

זיבעצנטע נאָוועלע

אונטערגעשטעלט א פּלייצע

דרײַ טעג איז שמײַע גאזלען מיט זײַן „דעסאנט״ געווען אין שטאָט, און פאר דער צײַט האָט ער זיך דעראָבערט א סאך נײַע פרײַנט, באגעגנט ניט ווייניק באקענטע. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זײַן זון איז ארומגערינגלט מיט אזעלכע גאָלדענע מענטשן. עמעס, די כאַסענע וואָלט געמעגט זײַן א ביסל א רײַכערע, מיט קלעזמער, נאָר אזוי איז אויך געווען גוט און אלע זײַנען ארויס צופרידן. אפילע די ענגשאפט האָט קיינעם ניט געשטערט. עס איז געווען לעבעדיק און פריילעך.

שמײַע האָט זיך גיך באפרײַנדעט מיט אלעמען. עס האָט זיך געדאכט, אז מיט אָט די אלע באשיידענע און גוטע מענטשן איז ער באקענט שוין א סאך יאָרן.

דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד, ווו דער זון האָט געארבעט, האָט אים געבעטן קומען צו אים, ווען ער, שמײַע, וועט זיך א ביסל באפרײַען. זאָל ער כאָטש אָנקוקן דעם זאוואָד און זיך באקענען מיט די מענטשן, מיט וועלכע דער זון ארבעט.

דער דירעקטאָר האָט דאָ געהאט זײַנעם א מיין. אים האָט זיך געדאכט, אז ער וועט קעגען אײַנריידן דעם אלטן סאָלדאט, דעם בלעכער, ער זאָל איבערפאָרן מיט זײַן מישפּאָכע אין שטאָט. עס ווערט פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע ארבעט, מע וועט בויען נײַע הײַזער, און א בלעכער, א בויער איז איצט מיט גאָלד גלײַך. וואָס פאר א טאטע וועט זיך אָפּזאָגן וווינען אין איין שטאָט, בישכיינעס מיט זײַן זון, וועלכן ער האָט שוין לאנג ניט געזען?

דער נאטשאלניק פון האָספּיטאל האָט, פארשטייט זיך, אויך אײַנגעלאדן שמײַען צו זיך. ער האָט פארשטאנען, אז דער מענטש וועט זיך ניט אָפּזאָגן פאריכטן די דעכער אין די געבײַדעס פון האָספּיטאל — ער האָט אים דאָך בא זיך, לעבן בערלין, אמאָל געהיילט.

שמײַע האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטן, און אין א פּאָר טעג ארום איז ער געקומען אפן זאוואָד און עטלעכע שאָ ארומגעגאן מיטן דירעקטאָר איבער די צעכן, אלץ באטראכט, געקוקט, וואָס מע דארף פאריכטן און וואָס מע וואָלט געדארפט איבערבויען. דערנאָך איז ער אוועק אין האָספּיטאל צו זײַן באקענטן פּאָלקאָווניק און דאָרטן פארבראכט א האלבן טאָג. ווען ניט דער פראָסט, וואָלט שמײַע גלײַך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שינעל און געשטעלט זיך צו דער ארבעט. נאָר עס איז געבליבן, אז מע זאָל עס אָפּלייגן אף שפּעטער, ווען עס וועט ווערן ווארעמער.

זיך אומגעקערט פון דער נעסיע אפן זאוואָד און אין האָספּיטאל, איז שמײַע געווען מאָמעש באגײַסטערט. דאָס, וואָס די באלעבאטים האָבן אים אזוי לײַטיש אופגענומען, מעכאבעד געווען און אזוי איידל מיט אים גערעדט, איז אים געווען שטארק צום הארצן. עס איז אופגעקומען בא אים אין מויעך א געדאנק, אז ער דארף דאָ אף א צײַט פארבלײַבן. און אויב ניט אף שטענדיק, איז כאָטשבי ביז יענער צײַט, ווען מע וועט דעם זון אויסשטיילן א דירע און ער, שמײַע, וועט זי ברענגען אין אָרדענונג. נאָר דאָ האָט שוין ניט אויסגעהאלטן אָוורוצקי. וואָס זשע, א מענטש קומט צום זון אף א כאסענע און מע וויל אים אליין דאָ פארקנאסן? א שיינע מײַסע מיט פעטע קוגלען, א מענטש האָט זיך אין יישעוו זײַן ווינקל, זײַן ארבעט, קאָוועד פון מענטשן, דערצו נאָך האָט ער דאָרט ארבעט אף עטלעכע יאָר צײַט, אבי געזונט, וועט מען אים אָפּלאָזן? זאָל גאָט היטן!

דאָ האָט זיך אויך אַרײַנגעמישט רײזל: וואָס זשע, אָט באַלד צעפּליט זי זיך! זי איז עפּעס א מײדעלע, וואָס וועט זיך אופהײבן העגדעם-פּענדעם און אַריבערפאָרן אין שטאָט! אַז יונגע פאָרן — ווילן זײ דאָרטן גײן אין טעאַטער, טאַנצן, שפּרינגען, זיך אײַנאָרדענען, גאַפּינען כאַ־סאַנים, כאַסענע האָבן, ווײַל אין יִשעוו זײַנען קײן כאַסאַנים פאַר זײ ניטאָ. נאָר זי? זי וועט זיך שוין יאַקאָס אויסלעבן די יאָרן אירע בא זיך אין יִשעוו מיט איר שמײַען. און די קינ־דער, — איר זון און זײַן ווײַבל, — אַז זײ וועלן זיך נאָך איר גוט פאַרבענקען, וועלן זײ קע־נען קומען אין געסט — דער צוג גײט נאָך, דאַנקען דעם אײבערשטן.

יאָ, נאָר דאָס, וואָס שמײַע האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכן א ביסל אַרבעט אין האָספּי־טאַל און אָפּן זאַוואָד? איז ווער זשע האָט אים געהײסן צוזאָגן? אין שטאָט זײַנען פאַראַן בלעכערס אָן אים. ער דאַרף אוועקשטעלן פאַר זיך א שטיבל — ווי פיל איז דער ווינען אין זעמליאַנקע? אַז גאָט וועט העלפן איבעראַיאַר, אַז עס וועט געבוירן ווערן אָן אײניקל און די קינדער וועלן עס וועלן ברענגען אין יִשעוו, ווו וועט זי, רײזל, עס אַהינטאָן? אַף דער נאַרע, אין זעמליאַנקע?

אירע רײד זײַנען געווען רײנער עמעס. געוויס זײַנען רײזל, אָורוצקי, לײבצי און אָליעס מאַמע מאַרינע גערעכט. נאָר אַז אָך און ווי דעם גערעכטן? ער האָט דאָך צוגעזאָגט, וואָס זשע, זאָל ער בלײַבן א ליגנער? מיט וואָס פאַרא אויגן וועלן אַף אים קוקן זײַנע נײַע פּרײַנט און באַקענטע?

און שמײַע האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן.

מײלע, וועט ער קײן סאַך אַרבעט ניט מאַכן, נאָר אַבי ניט בלײַבן קײן ליגנער... און וואָס פאַר א פּאָנעם וועט דאָ האָבן זײַן זון? מע וועט דאָך פון אים לאַכן, ער וועט זיך ניט קענען באַווײַזן פאַר זײַנע כאַווײרים און פאַר נאַטשאַלסטווע. און מיט וואָס פאַרא אויגן וועט דער נאַטשאַלניק פון האָספּיטאַל קוקן אַף אָליען, אויב דער שווער וועט אונטערפירן?

קורץ גערעדט — ס'איז ניט גוט!

ער האָט געפּרוווט א רעד טאָן מיט רײזלען, איז זי נאָך אַף אים אָנגעפאַלן און געזאָגט: — ווער איז דיר שולדיק, נאַרישער קאָפּ, אַז דו האָסט א צונג אָן בײנער? ווער האָט דיך געשלעפּט בא דער צונג, זאָלסט צוזאָגן א קינד אין בויך און א יאָריד אָפּן בוידעם?

שמײַע האָט געשוויגן. וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן?

אין דרײַ טעג אַרום האָט שמײַע און דאָס פאַרפאָלק באַגלײט די געסט אַף דער סטאַנציע. דאָ האָט מען זיך געכאַפּט, אַז שמײַע פאָרט ניט, ער וועט זיך דאָ נאָך פאַרהאַלטן אַף א פּאָר טעג.

סטײַטש, וואָס הײסט דאָס? דערצו נאָך ווײסט מען שמײַעס „פּאָר טעג"...

ער האָט אַלעמען דערקלערט, אַז ער מוז זיך עטוואָס פאַרהאַלטן, ווײַל מע דאַרף העלפן מישקען און אָליען זיך ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען, זײ אײַנקויפן א ביסל באַלעבאַטישקײט. וואָס זשע, זײ קענען לאַנג אַזוי וווינען — ער אין אײן צוזאַמענוווינונג, און זי אין א צווײטער, ווי א באַרישניע מיט א קאַוואַלער, וואָס קומען אײנס צום אַנדערן אויסטרינקען א גלעזל טײ. דערצו נאָך קאָן זיך דער יִשעוו טעלעכע טעג באַגײן אָן אים. אין א טאָג פיר־פינף אַרום זאָל מען אים באַגעגענען אָפּן פאַלוסטאַנעק, ער וועט אומבאַדינגט קומען!

רײזל האָט אין דעם ניט גאָר שטאַרק געגלײבט. אָן אַנדערשמאָל וואָלט זי מיט אים אויך געבליבן און אים גיך אַרויסגעשלעפּט. וואָס אָבער האָט זי געקענט טאָן, אַז די מײדלעך אירע דאַרפן גײן אין שול אַרײַן און די שטוב איז געבליבן אָן א באַלעבאָסטע? האָט זי געמוזט פאָרן אַהײם צוזאַמען מיט אַלע געסט.

שווער איז געווען דעם „דעסאַנט" אָן שמײַען. מיט אים וואָלט געווען פרײלעכער, נאָר וואָס האָט מען געקאָנט מיט דעם גאַזלען מאַכן, אַז אַפילע רײזלס רײד און אָורוצקיס בײזערן זיך האָט ניט געהאָלפן.

איצט, אומקערנדיק זיך פון דער סטאַנציע, האָט שמײַע פרײַער אָפּגעעטעמט. קײנער וועט אים ניט קענען זאָגן קײן דײעס, און ער וועט טאָן, וואָס ער וועט וועלן. דעריקער, עס זאָל נאָר עטוואָס וואַרעמער ווערן און ער זאָל עפּעס קאָנען דאָ טאָן, אַרופקריכן אַף א דאַך!

די זאַווערוכע האָט געדרײט נאָך א פּאָר טעג. און וואָס דאַרפט איר א סאַך, — אין א שײנעם פרימאָרגן האָט א בלאָז געטאָן א דאָרעם-ווינט, דער שנײ האָט אופגעהערט שיטן, די זון האָט זיך צעשײַנט, נאָר אַזוי פּעסט, ווי זי קען זיך אַמאָל פאַרגינען אין די וואַרעמע דאָ־רעם-מעקוימעס, ווו דער ווינטער איז זעלטן א קײַסן.

עס איז דורכגעגאַנגען נאָך א טאָג, און מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן גיסן א רעגן, וואָס האָט אָפּ־געוואַשן דעם שנײ, ווי ער וואָלט גאָר דאָ קײנמאָל ניט געווען!

שמײַע איז זיך דורכגעגאַן אין מארק. אפן טאַלטשאָק און בא די אלטע לײַט, וואָס פאַרקױפן, וואָס א מױל רעדט אױס. האָט ער געקראָגן א הילצערנעם האמער, א שער, א פּאָר פײַנע אָפּצװענגעס און נאָך עטלעכע שטיקלעך געצײַג. געקומען צום פאָלקאָװניק, האָט יענער זיך מאמעש דערפרײט. דער רעגן האָט אָנגעטאָן צאָרעס אין עטלעכע פּאַלאַטעס, און די פאַרװונדעטע האָבן אָנגעהױבן א מױרעדיקן װאַיצאַקו — װער װיל, עס זאָל אים רינען אפן קאָפּ און אפן געלעגער?

שמײַע האָט גוט אָן ארבעט געטאָן, אלץ פאַריכט, װוּ עס האָט זיך געלאָזט, ער האָט זיך אלײן געפרײט, װאָס ער האָט געהאַלטן װאָרט.

אז שמײַע גאזלען האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער ארבעט באַם נאַטשאַלניק אין האָספּיטאַל, האָט ער זיך אװעקגעלאָזט צום דירעקטאָר און געזאָגט, אז קאָלזמאַן עס איז װאַרעם, קאָן ער עטלעכע טעג בא אים אױך עפּעס אױפטאָן.

גערעדט און געטאָן!

שמײַע האָט נאָך, דאכט זיך, קײנמאָל ניט געארבעט מיט אזא פלײַס, װי דאָ. ער האָט געארבעט און פון מאָל צו מאָל געקוקט אפן הימל, צי װעט ער ניט אָפּשפּילן מיט אים קײן שפּיצל און װידער אױסשיטן א שנײ.

זיך דורכגעגאַנגען מיטן זון איבער דעם ארבעטער־פּאָסיאָלאָק און א קוק געטאָן אפן הױז, װוּ מע האָט אים, מישען, צוגעזאָגט א צימער, האָט זיך דער פאָטער צעשײַנט. שמײַע האָט זיך אופגעהױבן אף די קראָקװעס פונעם הױז און דערזען, װי צװײ־דרײַ ייִנגלעך דעקן דעם דאַך, ס'איז אים מאמעש געװאָרן ניט גוט. אזױ־אָ דעקט מען א דאַך אף א נײַ הױז? פאַרטאַטשעס! קאַליקעס! ער װעט זיך בא אײַך האַלטן, דער דאַך, פון עסטער־טאָנעס ביז פּורים! עס װעט א דרײ טאָן א גוטער װינט, א זאַװערוכע, װעט איר דאַרפן ארומלױפן איבערן גאַנצן ייִשעװ צונױפזאַמלען די בױגנס בלעך!

ניט געפּוילט זיך, האָט שמײַע פון זיך אראָפּגעװאָרפן דעם שינעל, גענומען דאָס קלאַפּערגעצײַג און זיך אװעקגעשטעלט דעקן דעם דאַך. ס'זײַנען, דאכט זיך, פונקען געפלױגן אונטער זײַנע הענט!

די ייִנגלעך זײַנען נאָר געשטאַנען און באַטראַכט, װי עס זינגט בא דעם מענטשן די ארבעט.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געארבעט, און די יונגע בלעכער, קוקנדיק אפן מײַסטער מיט דערעכערעץ, האָבן זיך ניט געקענט אָנכידעשן. דאָס, װאָס בא זײ װאָלט געדױערט א װאָך צײַט, האָט דער פאַפּאַשע געמאַכט פאַר עטלעכע שאָ. די כעװרע האָבן באַדױערט, װאָס דער מײַסטער קאָן דאָ ניט בלײַבן אף א לענגערער צײַט.

עס איז געקומען דער דירעקטאָר מיט זײַן גאַנצער סױטע. דערזען, װי דער סאָלדאַט דעקט דעם דאַך און לערנט דערבײַ די יונגע בלעכער, האָט ער ניט געװוּסט, װי־אַזױ אָפּדאַנקען אים. װאָלט ער זיך פאַרהאַלטן כאָטש נאָך אף א װאָך צײַט, װאָלט פאַרטיק געװאָרן דער דאַך און מע װאָלט זיך געקענט נעמען פאַר דער אינװעניקסטער ארבעט. ביז די פרעסט װאָלטן זיך קענען איבערקלײַבן אין דעם נײַעם הױז עטלעכע צענדליק מישפּאָכעס פונעם זאַװאָד.

דערװײַל איז שמײַע גאזלען געװאָרן גרעבער, װי לענגער, צוקוקנדיק, װי פרײלעך עס איז אװעק די ארבעט. נאָך מער האָט אים געפרײט, װאָס זײַן זון האָט דאָ גרױס קאָװעד, װאָס מע האָט אים דאָ ליב, דעם באַשײדענעם און שטילן מײַסטער פון צעך. שמײַע האָט זיך זאַט ניט געקענט אָנשפּיגלען אין זײַן בענאָק. עפּעס איז דאָס געװען דער מישקע און ניט דער. שטענדיק א פאַרדײַגעטער, א שטאַרק ערנסטער — א רענדל א װאָרט, אָן אײַזערנער שװײַגער! — װי קומט עס גאָר צו זײַן, שמײַעס, אָפּשניצל? זעט אױס, אז דאָס, װאָס ער האָט געהאַט אזא ערנסטע און פאַראַנטװאָרטלעכע ארבעט, האָט אים געמאַכט אזױ ערנסט און פאַרדײַגעט. געװיס קומט עס אױך דערפון, װאָס דער באָכער האָט געדינט אף דער מילכאָמע אין דער אװיאַציע, און דאָרטן זײַנען קײן כאָכמעס ניט שײַעך, דאָס איז דיר ניט קײן פעכאָטע אָדער ארטילעריע, װוּ דער אױלעם סטאַרעט זיך שטענדיק מאַכן זיך פרײלעך.

אלץ װאָלט געװען גוט און פײַן, װען מע לאָזט שמײַען דאָ נאָך זײַן א פּאָר װאָכן. עמעס, פאַר דער קורצער צײַט האָט ער אױך באַװיזן ניט װײניק אױפטאָן, נאָר עס האָט זיך דאָרטן, אין ייִשעװ, צעבונטעװעט דאָס װײַב. „װאָס איז דאָס פאַרא שטיק, האָט זי אים געשריבן, װאָס זשע, ביסט א באַלעבאָס איבער זיך, צי דו האָסט פאַרגעסן, אז דו האָסט א װײַב מיט קינדער, װאָס מאַטערן זיך אין דער זעמליאַנקע? עס איז בא אונדז, שרײַבט זי, צעגאַנגען דער שנײ און עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט װאַרעמע, זוניקע טעג. װען דו ביסט דאָ, װאָלטן מיר זיך געקענט נעמען צו דער ארבעט, אװעקשטעלן דערװײַל דעם פונדאַמענט. עס װערט

פארפאַלן אַזאַ טײַערע צײַט, און דו, שמײַע, זיצסט דאָרטן און קערסט אַרומגיין פון סאָסיען צו דוואָסיען. וואַרף אַוועק, שרײַבט זי, די סאָלדאַטישע שטיק און קום גלײַך צו פאָרן. און אויב דו מיינסט, אַז אָוורוצקי און די איבעריקע מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג זײַנען צופרידן, וואָס דו ביסט ניט קיין וואָרט־מענטש און זיצסט דאָרט אין שטאָט, האָסטו אַ גרויסן טאָעס!"

און אַזוי — אַף דרײַ זײַטלעך מיט קליינינקע אויסיעלעך.

הער נאָר אַ געשיכטע! לאָזט זיך אויס, אַז ניט בלויז דאָ, אין שטאָט, האָבן זיך אײַנמיטן ווינטער אײַנגעשטעלט וואַרעמע טעג און מע קען בויען, נאָר אויך דאָרטן, אין ייִשעוו!

נאָך אַ פאָר אַזעלכע בריוולעך האָט ער באַקומען פון אָוורוצקין און פון זײַנע מיידלעך און זיך דערפילט פאַר זיי שולדיק. טאַקע, ניט יוישערדיק אַזוי. ניט מענטשלעך. ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, דערמאָנט מען אים, אַז עס וואַרט אַף אים אַ באַרג מיט אַרבעט, און ווי שעמט ער זיך ניט אין ווײַטן האַלדז אַזאַ צײַט זיצן אין געסט. מע דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן, סאָוועסט! מע קען זײַן אַ גאַסט אַ טאָג, צוויי, נו, אַ וואָך, נאָר ניט קיין גאַנצן כוידעש. און ביכלאַל טאָר מען ניט פאַרגעסן דאָס אַלטע ווערטל: זײַן אַ גאַסט איז טאַקע שיין און פײַן, אין געסט איז גוט, נאָר אין דער היים איז טויזנט מאָל בעסער! וויפל איז דער שיר זיצן אַפן זונס קעסט, ער באַקומט זײַן פונט ברויט אַף דער קאַרטעטשקע און דאָס ביסל גרויפן און צוקער... פאַר זיך סטײַעט זיי קוים די פראָדוקטן אַף אונטערהאַלטן די נעשאָמע, דאַרפן זיי נאָך האָבן אַ קעסטקינד?..

גיי דערצייל זיי, אַז דער זאַוואָד און דער האָספּיטאַל האָדוועןן אים ניט שלעכט. ער זיצט ניט מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט, ער האָרעוועט, ווי אַ גוט אייזל, און פאַרדינט ניט שלעכט און שפאָרט נאָך עפּעס אָפּ אויך!

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט ער דערפילט, אַז ער האָט איבערגעפּוציעוועט, און מע דאַרף זיך קלײַבן אַהיים. מירצעשעם שפּעטער מיט אַ צײַט וועט ער זיך נאָכאַמאָל אַהער אַראָפּכאַפּן אַף אַ פאָר וואָכן און אונטערשטעלן אַ פּלייצע.

און שמײַע האָט זיך שיין אָפּגעזעגנט מיטן זון און מיט דער שנור, מיט דעם פאָלקאָווניק און מיטן דירעקטאָר, מיט זײַנע נײַע באַקאַנטע און פרײַנט און זיך געלאָזט אַהיים. ער האָט גראַדע געמיינט, אַז דעם ווינטער וועט ער זיך קענען אַ ביסל אויסרוען די ביינער, נאָר אַ נעכטיקער טאָג! דער ווינטער האָט די מענטשן בלויז איבערגעשראָקן ערעוו דעם נײַ־יאָר און אַ פאָר טעג פונעם נײַעם יאָר, זיך אַ בריקעווע געטאָן, און עס איז ווידער געוואָרן וואַרעם אַ מעכײַע, מאַמעש ווי פרילינג, און פאַר די טעג קאָן מען אַ סאַך אויפטאָן.

אין אַ שטילן פרימאָרגן האָט שמײַע זיך אומגעקערט אַהיים. אַ ביסל אונטערגעפאָרן מיט אַ צופעליקן שליטן, אַ ביסל צופוס, איז ער צוגעקומען צום ייִשעוו־פּלאַץ און דערזען, ווי בײַ דער קאָנטאָר איז געשטאַנען אַ גרויסער אוילעם.

דערקענט דעם פאַרשפּעטיקטן גאַסט, האָט מען זיך צעטומלט, און אָוורוצקי האָט זיך אָנגערופן עטוואָס מיט אַ שטאָך:

— אַהאָ, ווען מע דערמאָנט מאָשיִעכן! זיך אָפּגעזוכט דער שאָדן!

שמײַע וואָלט זיך עפּשער צעבייזערט, נאָר צוקומענדיק נעענטער צום רעדל ייִשעוונִיקעס, האָט ער דערזען אַ באַקאַנטן באָכער אין אַ צעשפּיליעטן קורצן שינעל און אָן אושאַנקע אַפן שפּיץ קאָפּ, איין אַרבל פון דעם שינעל איז געווען אַ פּוסטער.

דער באָכער האָט געקוקט מיט זײַן שמייכלענדיק פּאָנעם אַף שמײַען, און דער אַלטער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן.

בעסער זיך אײַנגעקוקט אין דעם יונגן סאָלדאַט אָן דער האַנט, איז ער געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנט מויל, אָן לאָשן:

„וואַסיע ראַגאָוו?.. זאָל איך אַזוי געזונט זײַן — וואַסיע ראַגאָוו!" שמײַע האָט אַ רעגע געקוקט אַף יענעמס פּוסטן אַרבל און דערפילט, ווי דאָס האַרץ איז בײַ אים פאַרקילט געוואָרן.

יאָ, ער האָט אים דערקענט, דאָס איז יענער זעלבער וואַסיע ראַגאָוו, דעם אומגעקומענעם זונס אָרדינאַרעץ, זײַן בעסטער פרײַנט, זײַן געוועזענע רעכטע האַנט, מיט וועלכן שמײַע איז אַזוי געווען באַפרײַנדעט און וועלכן ער האָט אַמאָל אָנגערופן פאַר זײַנעם, שמײַעס, אַ זון... הייסט עס, איז ער געקומען. שמײַע האָט אים טאַקע אַמאָל אײַנגעלאַדן צו זיך אין ייִשעוו, אויב גאָט וועט געבן און ער וועט בלײַבן לעבן...

אין מויעך איז דורכגעפלויגן זייער לעצטע באַגעגעניש אין בערלין, ווען עס איז אומגעקומען שמײַעס זון, איציק ספּיוואַק, דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק...

שמײַע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אין אַ זײַט שיפרען.

— מײַן גאָט! זעט נאָר, וואסיע ראַגאָוו און שיפּרע! עפּעס ווי א כאַלעם! — האָט ער זיך שיר ניט פאַרכלינעט פון פרייד און זיך א לאָז געטאָן צו די כעוורע, זיי ארומנעמען, זיך צעקושט.

— א געזונט אין אײַך, מאמזיירים! — האָט שמײַע קוים ארויסגעבראכט. — איר האָט דאָך געטאָן, ווי די כאכאָמים, וואָס איר זײַנט אהער געקומען! אזעלכע טײַערע געסט!

— וואָס פארא געסט? — האָט וואסיע ראַגאָוו ארומגענומען מיט דער אײנציקער האנט דעם באטיא. — מיר זײַנען ניט קײן געסט. וואָס זשע, איר האָט פארגעסן, אז נאָך דאָרטן, בא סטאלינגראד, האָט איר מיך אײַנגעלאדן צו זיך? זײַנען מיר מיט שיפּרען פארפאָרן אהער און ארבעטן שוין. מיר זײַנען שוין היגע און ניט קײן געסט... מיר געפעלט דאָ זײער.

— אָ, דאָס איז זײער גוט! איך בין שטארק צופרידן האָבן אזעלכע כעוורע לעבן זיך. ווענדנדיק זיך צו די ארומיקע, האָט ער גענומען דערצײלן וועגן וואסיען, וועגן די שלאכטן, אין וועלכע מע האָט אָנטײלגענומען.

אָוורוצקי האָט איבערגעשלאָגן און זיך געווענדט צו שמײַען:

— זעסטו, האָסט זיך דאָרטן אין שטאָט פארהאלטן און פארשלאָפן אלץ. שוין צוויי וואכן, אז די כעוורע זײַנען אהער געקומען און ארבעטן דאָ, ניט ווי דו! שלעפּסט זיך ארום פון סאָסיען צו דוואָסיען. ראַגאָוו איז בא אונדז דער פארוואלטער פון קלוב. און שיפּרע גײט, ווי אמאָל, אף דער פערמע.

א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע, האָט ער צוגעגעבן:

— דערוויַיל, עמעס, איז ער נאָך א פארוואלטער אָן א קלוב און א ייִשעווניק אָן א דאך איבערן קאָפּ.

— נישקאָשע, מירן יאקאָס אָפּרעמאָנטירן דעם קלוב און זיי באוואָרענען מיט א דירע, — האָט ארײַנגעשטעלט שמײַע, נאָך אלץ ניט געקענט גלייבן, אז פאר אים שטײען יענער זעלבער וואסיע ראַגאָוו און די קורנאָסע שיפּרע.

— יאָ, וועסט זיי מיט אלץ באוואָרענען, — האָט זיך נאָך אלץ געבײזערט אָוורוצקי, — מיט אלץ וועסטו זיי באוואָרענען, אויב דו וועסט אָפּטער ארויספאָרן אין שטאָט ארײַן און פארגעסן דעם וועג צוריק... אויב דו וועסט נאָך א פּאָר מאָל אזוי, ווי איצט, פאָרן אין געסט צום זון, וועסטו פארגעסן, ווי מע האלט א האמער אין דער האנט.

— נישקאָשע, פאר וואסיע ראַגאָוון און שיפּרען וועל איך אלץ טאָן. אלע ארבעטן פרעסירן און זיי באזאָרגן מיט א דאך. — און א טראכט געטאָן, צוגעגעבן: — וואָס זשע מײנסטו, אָוורוצקי, אז אין שטאָט בין איך ארומגעגאנגען און געשלאָגן בײַדעקעס? איך האָב זיך דאָרט ניט אָפּגערוט, פאר מיר האָט זיך געפונען ארבעט איבערן קאָפּ. מיט גוואלד האָב איך זיך פון דאָרטן ארויסגעריסן, מעגסט מיר גלייבן. און אויב דו ווילסט וויסן, האָט מען דאָרטן שוין פאר מיר צוגעזוכט א גוטע שטעלע.

— וואָס פאר א שטעלע? עפּשער ווילן זיי דיך מאכן פאר א דירעקטאָר פון זאוואָד?

— א דירעקטאָר פאר מיר איז צו א קלײנע שטעלע, — האָט שמײכלענדיק געזאָגט שמײַע, — איך, זינט כ׳קען זיך, קריך העכער פון א דירעקטאָר. יענער זיצט בא זיך אין קאַבינעט, און איך זיץ אפן דאך — ווער זשע איז העכער? מײנסט, אז איך וועל זיך אזוי נידעריק ארונטערלאָזן, צו א דירעקטאָר אָדער אינספּעקטאָר? דאָרטן, אין שטאָט, האָב איך געהאָלפן די כעוורע דעקן א דאך. קײן בעסערע שטעלע דארף איך ניט!

שמײַע האָט זיך ווידער ארופגעכאפּט אף זײַן פערדל, אָפּגעהאקט אָוורוצקין די פליגל, שארף אָפּגעענטפערט דעם און יענעם, דערבײַ זיך זאט ניט געקענט אָנקוקן אין די געסט.

די אומדערוואַרטע באגעגעניש מיט וואסיע ראַגאָוון און שיפּרען האָט אים ווידער ארײַנגעטראָגן צו יענע שווערע מילכאָמע־כאדאָשים, ווען זיי זײַנען געווען צוזאמען אפן פראָנט, ווען מע איז געווען אין סאמע פײַער, אונטער פײַנטלעכע סנאריאדן און באָמבעס. דעריקער האָט די באגעגעניש מיט די הארציקע כעוורע דערמאָנט אינעם זון.

שמײַען האָט געפרײט דאָס, וואָס ער וועט דאָ מיט שיפּרען פארבלײַבן. דער באָכער וועט אים שטענדיק דערמאָנען אין זײַן אומגעקומענעם זון, אין די שווערע, נאָר ווונדערלעכע יאָרן פון זײַן לעבן.

שמײַע האָט מיט הארצווייטעק געקוקט אף שיפּרען, וועלכע האָט אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן, און אין די האָר, די שווארצע ציגײַנערשע האָר, האָט ער געזען גרויע אָדערלעך. אירע גרויסע טיפע שווארצע אויגן האָבן דערצײלט וועגן שוידער. יאָ, שיפּרע איז געקומען אהער אף קײוועראָוועס. איר פּאָטער מיט דער מוטער מיט צוויי קלײנע ברידערלעך האָבן ניט באוויזן ארויספאָרן פון ייִשעוו, און ווען די פאשיסטן האָבן זיך אהער ארײַנ־

געריסן, האָבן זיי אפן ברעג אינגוליעץ דערמאָרדעט אלע איינוווינער פון יישעוו, וואָס האָבן ניט באַוויזן ארויספאָרן, און צוזאמען מיט זיי שיפּרעס עלטערן און די ברידערלעך.

איצט איז זי געבליבן איינע, אָבער מיט א טרײַען פרײַנט. פאר שמײַעס אויגן איז דורכגעגאַן זייער ריינע און שיינע ליבע אפן פראָנט. און אויב נאָך אזויפיל אויספרווון זײַנען זיי צוזאמען, הייסט עס, אז זיי וועלן זיך שיין אויסלעבן זייערע יאָרן. אויב וואסיע ראַגאָוו האָט זיך ניט אומגעקערט צו זיך אף אלטײַ, צו זײַן מוטער, צו זײַן שטוב, נאָר אהער, הייסט עס, אז די ליבע צו שיפּרען איז א סאך שטארקער.

יאָ, האָט זיך שמײַע געטראַכט, גוט, זייער גוט, וואָס שיפּרע מיט וואסיע ראַגאָוון זײַנען אהער געקומען. מע וועט זיי דארפן אונטערהאלטן, ער וועט פאר די כעוורע טאָן אלץ, וואָס אין זײַנע קויכעס, ער וועט פאר זיי זײַן ווי א געטרײַער פאָטער.

ארום איז געווען ראַשיק. פון פארשיידענע זײַטן זײַנען זיך צונויפגעקומען מענטשן הערן, וואָס איז דאָ געשען, און שמײַע האָט געטראַכט, ווי נעמט מען צו פונעם אוילעם זײַנע יונגע פרײַנט. שמײַען האָט זיך שטארק געוואָלט וויסן וועגן דעם, ווו האָט זיי דער גוירל פארוואָרפן נאָך די לעצטע שלאכטן און פונוואנען קומען זיי איצט. ער וועט זיי דערווײַל נעמען צו זיך, אויב זיי האָבן נאָך ניט קיין ווינקל. ער וועט זיך מיט זיי טיילן מיטן לעצטן ביסן, ער וועט זיי העלפן זיך אויסבויען דאָ, ניט ווײַט פון אים, אן אייגענע נעסט און זיי לײַכטער מאכן דאָס לעבן. די צײַט איז נאָך א שווערע, די ווונדן וועלן זיך נאָך לאנג, לאנג דארפן פארהיילן, נאָר שמײַע האָט געוווּסט, אז עס זײַנען געווען נאָך שווערערע צײַטן און מע איז אויך ניט אראָפּגעפאלן בא זיך, וועט מען איצט אוודע ניט אראָפּלאָזן די קעפּ!

אכצנטע נאָוועלע

שמײַעס טראָן שאָקלט זיך ניט

צוויי טעג נאָכאנאנד האָט שמײַע זיך ניט געקענט צעשיידן מיט זײַן יונגן פרײַנט — וואסיע ראַגאָוון און זײַן פלוינעסטע. ס'הייסט, מע וואָלט געקאָנט אָפּזיצן א כוידעש צײַט און ריידן, עס איז געווען וואָס און אין וועמען זיך דערמאָנען, נאָר רייזל האָט שוין א פּאָר מאָל געגעבן אָנצוהערן, אז מע דארף האָבן גאָט אין הארצן, אז מע וועט נאָך באַווײַזן זיך אָנריידן. בעסער זאָל מען א טראכט טאָן וועגן טאכלעס — עס שטייען ווארעמע טעג, און מע קאָן עפּעס אופטאָן, ביז עס וועלן קומען די פרעסט.

שמײַע גאזלען האָט זיך דערמאָנט אין דער אלטער שטיינהאקערײַ, וואָס געפינט זיך אין עק פונעם יישעוו, און ער מיט זײַנע געהילפן האָבן גענומען די שווערע קוואלדע, א פּאָר שטארקע זובילעס, און מע האָט זיך אוועקגעלאָזט אָנהאקן שטיינער.

לייבצי האָט אײַנגעשפּאנט זײַן גרוזאָוויקל און פארזיכערט, אז עס וועט שוין בא אים יאקאָס גיין — ער האָט אין דעם ארײַנגעהויכט א ביסל נעשאָמע, ס'זאָל זיך איצט פירן לײַטיש.

און טאקע!

דער אוילעם האָט אָנגעהאקט שטיינער, זיי געלאָדן אפן קוזאָוו, און לייבצי האָט זיי אָפּגעפירט אין יישעוו, אויסגעשאָטן באם סאמע וועג, ווו מע האָט פלאנירט אוועקשטעלן עטלעכע שטיבער.

אָנגעהאקט און צוגעפירט א בארג מיט שטיינער, האָט מען זיך גענומען פאר די לאָפּעטעס. דער אוילעם האָט געארבעט פלײַסיק, באזונדערס יענע, וועלכע האָבן גדארפט באקומען אין דער ערשטער ריי ווויינונגען.

אוורוצקי האָט איצט אויך ניט גערוט. ער האָט זיך שטארק באפרײַנדעט מיט וואסיע ראָגאָוון, און מע האָט זיך ביידע אוועקגעלאָזט אין ראיאָן קריגן בוי־מאטעריאל, מע זאָל גיכער קענען אופשטעלן די ווירטשאפט.

קעדיי צוגרייטן די פונדאמענטן פאר די הײַזער, פארן קלוב, האָט מען געדארפט, עס זאָל זײַן ווארעם, אָבער איינצײַטיק האָט מען געבעטן א גוטן שניי מיט א פרעסטל, קעדיי מע זאָל קאָנען אײַנשפאנען די שליטנס און פאָרן אין ראיאָן ברענגען געהילץ, ציגל, שיפער. און דאָס געבעט איז, ניט אנדערש, ווי דערהערט געוואָרן.

עס איז איבערגעגאַן א וואָך מיט א סמיטשיקל, און עס האָט א בלאָז געטאָן א שטארקער צאָפן־ווינט. דער הימל האָט זיך אָנגעבלאָזן און געביטן זײַן בלוי־יאָמטעוודיקן קאָליר. די ערד איז פארקאָוועט געוואָרן, און ס׳האָט א שאָט געטאָן א פײַנער שניי.

עס האָט זיך אײַנגעשטעלט, און, זעט אויס, אף לאנג, א שליטוועגס. כעוורע האָבן גע־שפאנט די פערד אין די שליטנס, און הײַדא, אין וועג ארײַן!

דעם ווינטער האָט קיינער ניט גערוט. קליין און גרויס איז געוועזן ארײַנגעטאָן אין דער ארבעט. מענטשן זײַנען געווען ניט קיין סאך, און יעדערער האָט געדארפט ארבעטן פאר דרײַ. וואסיע ראַגאָוו און שיפרע האָבן זיך אויסגעהונגערט נאָך פרידלעכער ארבעט און מע האָט ניט געוווּסט פון קיין רו. איידער מע וועט אויסבויען א שטיקל קלוב און וואסיע וועט האָבן מיט וואָס צו פארוואלטן, האָט ער זיך דערווײַל אונטערגעגארטלט און געטאָן, וואָס ער איז בעקויעך געווען מיט איין האנט. אָוורוצקי האָט אָפט אים געשיקט אין ראיאָן אָדער אין געגנט עפעס־וואָס ארויסרײַסן. ער איז אויך פארפאָרן אפן זאוואָד, ווו עס האָט געארבעט מישע ספיוואק, שמײַעס זון, און דער דירעקטאָר האָט געהאָלפן — אויסגעטיילט א ביסל מאַ־טעריאַל, צעמענט, אײַזן, דערצו נאָך האָט לייבציס אָפּגערעמאָנטירט גרוזאָוויקל געגומען לויפן, ווי א רועך. מע האָט אויך געבראכט אין אָרדענונג דעם איינציקן טראקטאָר, וואָס איז געשטאנען אין הויף.

דער יִשעוו איז צו ביסלעך אופגעריכט געוואָרן. כאָטש עס זײַנען דאָ געווען ניט קיין סאך מענטשן אף צו ארבעטן — ווייניק ווער האָט זיך נאָך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, פון די האָספיטאלן. בא די סאָלדאטן האָבן זיך צו לאנגזאם פארהיילט די ווונדן, דאָך איז די ארבעט געגאנגען גאנץ זשוואווע. אלע האָבן מיט אומגעדולד געווארט, עס זאָל וואָס גיכער אָנקומען אהער דער שיינער פרילינג — מיט אים וועט זײַן פרייִלעכער!

מע איז געווען אזוי פארטאָן אין דער ארבעט, אין די דײַגעס פון ארטעל און פון דער אייגענער באלעבאטישקײַט, אז מע האָט ניט באמערקט, ווי עס איז ארײַנגעפאָרן דער פריי־לינג. א שיינער, א זוניקער און כיינעוודיקער, האָט ער אופגעוועקט די ווײַס געוואָרענע ערד, זי אויסגעצוואָגן און ארומגעוואשן מיט א פרייִלעכן גוסרעגן. פון יענע שיינע רעגנס, וואָס א פאָר פון זיי קאָנען אָנפאָיען דאָס פעלד און די גערטענער אפן גאנצן פרילינג און זומער.

די צעוואָרעמטע און אָנגעפאָיעטע ערד האָט ארויסגעלאָזט פון זיך די ערשטע גרינע שפראָצונגען, און אין די שטילע באגינענס האָבן די מעכײַעדיקע טויען געגומען זיך איבער־גיסן מיט אלע פארבן פון רעגנבויגן אף די ביימער־קנאָספּן.

דער פרילינג האָט צוגעזאָגט דעם קאנט א סאך פרייד און נאכעס. און איידעס דערצו זײַנען געווען די ערשטע פאָר כאסענעס נאָך דער מילכאָמע, וואָס עס האָבן דאָ אָפּגעשפּילט די יונגע יִשעווניקעס אף צולאָכעס אלע סאָנים פון דער וועלט.

נאָך איין וויכטיקע נײַס איז געשען אין יִשעוו — דרײַ יונגע מאמעס זײַנען געלעגן געוואָרן און געבראכט אף דער וועלט דרײַ מיידעלעך.

דער אוילעם האָט זיך, ווי קיינמאָל, דערפרייט מיט די מיידעלעך, ווײַל אלע ווייסן גאנץ גוט — און דאָס איז דער בעסטער סימען, — אויב עס ווערן געבוירן מיידעלעך, איז דאָס א באווײַז, אז עס וועט ניט זײַן קיין מילכאָמע.

דאָס האָט באשטעטיקט אפילע אונדזער שמײַע גאזלען, וואָס איז א גוטער מייוון אף אזעלכע זאכן.

כאָטש, פון דער אנדערער זײַט, איז דאָס ניט שטענדיק אזוי. ערעוו דער מילכאָמע זײַנען בא אים געבוירן געוואָרן איינע נאָך דער אנדערער צוויי מיידלעך, און ער האָט שוין געהאט געמיינט, אז מער וועט קיין מילכאָמע אף דער וועלט ניט זײַן, אָבער דאפקע זײַנע צוויי מיידלעך האָבן אים אונטערגעפירט, און ער האָט געמוזט ווידער ווערן א סאָלדאט אף גאנצע פיר יאָר.

שמײַע האָט נאָך ניט באוויזן דערקלערן די מענטשן וועגן שײַכעס פון מיידלעך מיט מילכאָמע, ווי עס איז אָנגעקומען א שפּאָגל־נײַע בסורע. און געבראכט האָט זי אהער וואַ־סיע ראַגאָוו, וואָס איז געקומען א שײַנענדיקער און דערפרייטער פונעם ראיאָן, וווהין ער האָט מיט א פאָר טעג אָפּגעפירט אין געבורט־הויז זײַן שיפרען.

זי, שיפרע, איז אויך געלעגן געוואָרן און געשענקט דער וועלט א ייִנגל.

דער יונגער גליקלעכער טאַטע איז אַרײַנגעלאָפן צום אלעם ערשטן צו שמײַען. קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אויסגעשריגן:

— נו, איר מעגט מיך באגריסן, באַטיא, מײַן שיפרע האָט מיר געבוירן א ייִנגל!

שמײַע האָט אים א רעגע אָנגעקוקט מיט פארוווּנדערטע אויגן און איבערגעפרעגט:

— וואָס? א ייִנגל? וואָס הייסט א ייִנגל? א סאָלדאַט? האָסטו מיך דאָך אונטערגעפירט! איך האָב געמיינט, אז דאָס יאָר וועלן בא אונדז געבוירן ווערן בלויז מיידלעך. — א טראַכט געטאָן, האָט שמײַע אים ארומגענומען, זיך מיט אים צעקושט און צוגעגעבן: — זאָל זײַן מיט גליק! מאַזלטאָוו דיר און דײַן שיפרען! דאָס ערשטע מאָל בין איך אײַך מויכל, נאָר דאָס צווייטע קינד זאָל בא אײַך זײַן א מיידל, און ניט אײנע!

דער יונגער טאַטע האָט זיך פארלוירן:

— וואָס זאָגט איר, פעטער שמײַע! מע דארף זיך פריִער מיט דעם ייִנגל ספראַווען... מיר ווייסן נאָך ניט, וויִאזוי וועלן מיר דאָס יאַטל אויסכאָווען.

— נארישקײַטן! — האָט אויסגעשריגן שמײַע. — עס וועט בא אײַך וואקסן, ווי אף הייוון. און ביכלאַל איז בא אונדז אין ייִשעוו אזא געזעץ — אין יעדער שטוב דארפן וואקסן עטלעכע קינדערלעך, איינס נאָכן אנדערן. איין קינד וואקסט אונטער, ניאַנטשעט עס דאָס אנדערע, דאָס אנדערע — דאָס דריטע, דאָס פערטע, און אזוי ביז א צענדליק! זעסט ניט, ווי שיטער דער אוילעם איז דאָ בא אונדז געוואָרן אין ייִשעוו! א סאַך האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע, אנדערע — פון דער עוואַקואַציע, עטלעכע יונגע כעוורע זײַנען אוועק ארבעטן אין שטאָט. א רענדל א מענטש, דארפט איר זיך א סטאַרע טאָן.

— וואָס רעדט איר, פעטער שמײַע, לאָמיר זיך צום ערשטן מיט איינעם ספראַווען! — האָט געזאָגט דער יונגער טאַטע. — שיפרעס עלטערן לעבן ניט, ווער זשע וועט העלפן?

— און ווער האָט אונדז געהאָלפן? בא אונדז איז געוואַקסן א פולע שטוב קינדערלעך, א גאַנצער ווזוואָד. און מיט זיי איז געווען וויניקער דײַגעס, ווי מיט איין קינד. אז אין שטוב וואַקסט איין קינד, ציטערט מען איבער דעם, מע בלאָזט אף דעם, און עס וואקסט, ווי אן אוגערקע אין דער טעפּליצע. בא מײַן מאַמען איז געוואַקסן א פריילעכע כאַוורײַע — אכט קינדער. מיינסטו וואָס, מײַן מאַמע האָט געהאַלטן אכט באָנעס? א נעכטיקער טאָג! אײנע אליין האָט זי זיך ספראַוועט מיט אלע, און אלע זײַנען אויסגעוואַקסן געזונטע, שטאַרקע, ניט קיין געפאַנקעטע! אָפּגעקאָכט א טאָפּ קאַרטאָפליעס, האָט זי זיי אויסגעשאָטן אין א שיסל, אָנגעשניטן ברויט, און אונדזער גוואַרדיע איז שוין געשטאַנען בא דער זײַט, ארויסגעקוקט, געוואַרט אף דער אכילע. און אז מיר האָבן זיך אויסגעזעצט ארום טיש, האָט יעדערער פון אונדז גענומען זיך פאר די לעפל, און אויסגערייניקט די שיסל — מע האָט זי שוין ניט געדארפט וואַשן! און אזוי צוויי־מאָל א טאָג. בעשאַס א גרויסן יאָמטעוו — דרײַ מאָל! און פּונקט אזוי איז געווען בא אונדז, בא רייזלען, און אויך דיר מיט דײַן שיפרען אייצע איך אזוי זיך באַגיין מיט אײַערע קינדער.

שמײַע איז געווען צופרידן, וואָס זײַן יונגער פרײַנט איז געוואָרן א טאַטע און טראַכט שוין וועגן טאַכלעס, אָבער בלויז דערמיט זיך פרייען, האָט ער געוווּסט, איז נאָך ווייניק. דערפון, וואָס מע באגריסט דעם יונגן טאַטן און מע ווינטשט אים דאָס שענסטע און דאָס בעסטע אין דער וועלט, ווערט מען ניט זאַט און קיין וווינונג דערפון וועט ער ניט האָבן. איצט זײַנען ניט שײַעך קיין כאָכמעס, האָט זיך געטראַכט שמײַע, מע דארף אים געבן א דאַך איבערן קאָפּ.

א שטיק ווינטער האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק געלעבט בא אים אין זעמליאַנקע, נאָר וועסט דאָך ניט ברענגען קיין קליין קינד אונטער דער ערד. קיין וויגל וועסטו דאָ ניט אוועקשטעלן, סײַדן אויסבויען אין זעמליאַנקע א צווייטן שטאָק...

עמעס, שמײַע האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט צוגעזאָגט דער פּלוינעסטע, אז אין א קורצער צײַט ארום וועלן זיי פּאָטער ווערן פון זייער גרוב, און מע וועט אריבערגיין אין אן אייגן שטיבל. די ווענט שטייען שוין, און אינווייניק איז שוין אויך עפּעס־וואָס געמאַכט. מע דארף נאָך א גוטן האָרעווע טאָן, עס זאָל ווערן פארטיק. און דאָרטן וועט זײַן א צימערל פאר דער יונגער מאַמע אויך.

און שמײַע האָט באַשטימט באַווײַזן ניסים.

אָפּגעלייגט אלע דרינגענדיקע ארבעטן, האָט ער זיך גענומען פאר זײַן שטיבל. אלע שכייינים זײַנען אים געקומען צוהילף, און די ארבעט איז אוועק פריילעך.

זאָגן, אז רייזל איז שטאַרק געווען באַגײַסטערט דערפון, וואָס נאָך אזא צײַט מוטשען זיך אין איר ערדשטיבל, וועט איר איצט אויסקומען לעבן מיט שכיינים, קען מען ניט. מע איז

שוין אין אזא עלטער, דאנקען גאָט, ווען מע וואָלט שוין געדאַרפט האָבן רו. נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט איר גאָרנישט ניט העלפן. אַזאַ איז ער געבוירן געוואָרן, איר שמײַע — פאַר מענטשן איז ער גרייט אַראָפּנעמען פון זיך דאָס לעצטע העמד, וועט ער פאַר זײַן יונגן פרײַנט, דעם סיביריאַק, וועלכן ער האָט ליב, ווי אַן אייגענעם זון, גאָרנישט ניט זשאַלעווען. איז זאָל שוין זײַן אַזוי, ווי ער וויל. וועט מען זיך יאַקאָס ווידער מוטשען אינײנעם. זי פאַרשטייט, אַז אויף איר וועט זיך לייגן אַפּסנײַ אַ גרויסער אָל — העלפן דער יונגער מאַמען די ערשטע צײַט. נאָר דאָך אין אַ מענטשלעך שטיבל און ניט אין זעמליאַנקע. שפּעטער, אַז גאָט וועט העלפן און מע וועט אויפשטעלן דעם קלוב, וועלן די כעווריע זיך דאָרט האָבן אַ צימער. וואָס קאָן מען מאַכן?

אָבער ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך!

ווי מע האָט זיך ניט געײַלט, איז די אַרבעט דאָך געגאַן פּאַמעלעך.

דאָס איז שמײַען מיט זײַן קלייניקער בריגאַדע בויער אויסגעקומען אונטערשטעלן אַ פּלייצע אויפן ווײַנגאָרטן, דאָס האָט מען געדאַרפט העלפן באַם פּאַרזיי. עס האָבן זיך אונטערגערוקט די גרויסע היצן, און מע האָט געדאַרפט אויסבויען פאַר דער כודאָבע אַ זומערלאַגער אין פעלד, אויף דער פרישער לופט.

וואָס איז שײַעך צו ריידן, אַ ווירטשאַפט אַ צעצווײַגטע פאָדערט אַ סאַך הענט, אַ סאַך האָרעוואַניע.

מע האָט ניט באַוויזן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט איין שטיקל אַרבעט, זײַנען אונטערגעוואַקסן די גראַז, דאָס היי, מוז מען זיך נעמען פאַר די קאָסעס, שנײַדן און אויסטריקענען דאָס היי, צוגרייטן אַכילע פאַרן ביסל כודאָבע אויפן ווינטער. מע האָט ניט באַוויזן אַריבערפירן דאָס היי פון פעלד, ווי עס זײַנען צײַטיק געוואָרן דער האָבער, דער גערשטן, און מע האָט דאָרט אויך געדאַרפט העלפן. הײַנט וויפל אַרבעט איז געווען אויפן גרויסן ווײַנגאָרטן! דאָס יאָר האָט מען זיך געגרייט אַראָפּנעמען אַ פײַנע גערעטעניש, נאָר ביז מע וועט דאַרפן שנײַדן די הענגלעך, האָט מען געדאַרפט אַרײַנלייגן אין זיי אַ שיין ביסל האָרעוואַניע — באַאַרבעטן יעדער לאָזע מיט קופּאָראָס, קעדיי די קלייניקע שיידים זאָלן ניט אַ טעל מאַכן פון די טרויבן.

און שמײַע מיט זײַן בריגאַדע איז קיין מינוט ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט — אומעטום איז אויסגעקומען זײַן, ווי עס ברײַעט זיך, אַרײַנרוקן אַ פוס אין טשאָלנט!

אַזוי איז געפלויגן די צײַט, און מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן.

זיך אָנגעהאָרעוועט דעם גאַנצן טאָג, איז שמײַע געקומען אַהיים, נאָר זיך אָפּרוען איז ניט געווען ווו. אין ערדשטיבל האָט געוווינט איצט מיט אים אַ קליין גראַגערל, וואָס האָט גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן.

דאָס קינד איז אַ גרויסער מעיוכעס. כוץ דעם, וואָס עס איז מאָלע־כיין און עס ברענגט אַרײַן אַ סאַך פרייד אינעם ערדשטיבל, טראָגט עס נאָך דעם נאָמען נאָך שמײַעס ליבלינג — דעם אומגעקומענעם אין בערלין זון — סאַשקע, אָדער אויף פּראָסט מאַמע־לאָשן — איציק. דעם דאָזיקן נאָמען האָבן אים געגעבן וואַסיע ראַגאָוו און זײַן יונג ווײַבל שיפרע. דער נאָמען האָט אַ סאַך באַטײַט פאַר וואַסיען און דערמאָנט אים שטענדיק אין זײַן שלאַכט־קאָמאַנדיר און גרויסן פרײַנט, מיט וועלכן ער איז דורכגעגאַן דעם פּיריאָריקן שווערן וועג פון דער גרענעץ ביז בערלין.

פאַר שמײַען איז דאָס געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט, וואָס די כעווריע האָבן דעם ערשטלינג זייערן געגעבן אַ נאָמען נאָך זײַן זון, און דאָס האָט אים גערירט ביז טרערן.

און דאָס ייִנגעלע, וואָס דערגייט אַלעמען די יאָרן, איז שמײַען טײַער, ווי דאָס לעבן, עס האָט אים אַ ביסל געשטילט דעם ווייטעק פון זײַן גרויסן פאַרלוסט. און כאָטש זינט ער קען זיך, האָט ער ניט געהאַט קיין צײַט ניאַנטשען זײַנע קינדער און דאָס איבערגעגעבן אינגאַנצן אין רעשוס פון זײַן ריזלען, נאָר מיט שיפרעס מאַמזערל שפּילט ער זיך, ווי נאָר ער האָט אַ פרײַע מינוט.

רייזל בייזערט זיך אויף איר שמײַען. טאַקע, עפּעס געדענקט זי ניט, ער זאָל זיך אַזוי געווען וואָזיען מיט זייערע קינדער, און אויף דעם מאַזיקל בלאָזט ער מאַמעש! נישטאָ דער טאָג, ער זאָל דעם ניט ברענגען קיין מאַטאָנע, קיין שפּילעכל. עס קריכט גאָר ניט אַראָפּ פון זײַנע הענט, גלײַך ווי שמײַע זאָל זײַן דער טאַטע און ניט וואַסיע ראַגאָוו. דאָס מאַזיקל האָט אים שוין צעבראָכן צוויי מאָל די בריל, מיט וועלכער שמײַע קוקט אַמאָל אַרײַן אין אַ בלאַט, אים אויסגעריסן די וואָנצעס, און דער אַלטער פּלאַצט שיר ניט פון פאַרגעניגן. דאָס קינד קריכט אים אויפן קאָפּ!

שמײַע פילט גוט, ווי דאָס ווײַב איז ניט צופרידן דערפון, נאָר אים אַרט עס ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. דאָס קלייניקע שוואַרצכיינעוודיקע מאַזיקל מיט די גרויסע בלויע אויגן

פּירט אים שיר ניט אַראָפּ פֿון זינען, און נאָך דער אַרבעט לויפֿט ער אַהיים, קעדײַ זיך אַ ביסל שפּילן מיט דעם.

ניין, איצט זאָגט שוין ניט שמײַע, אַז ער איז צופֿרידן, וואָס עס ווערן געבוירן אין ייִשעוו מער מיידלעך, ווי ייִנגלעך, פֿאַרקערט, איצט זאָגט ער שוין, אונדזער שמײַע גאָזלען, אַז עס ווערן געבוירן אַזעלכע טײַערע ייִנגלעך, שיינהײַטן, וועט אוואַדע קיין מילכאָמע ניט זײַן — פֿאַר אַזעלכע כעוורע וועלן אַלע סאָנים ציטערן. אוואַדע זײַנען ייִנגלעך פֿאָרט בעסער... ער האָט ניט באַוויזן ענדגילטיק קומען צו דעם אויספֿיר, ווי אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז אים אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פֿונעם זון, פֿון מישקען, און שמײַע האָט פֿון אָנפֿאַנג ניט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס איז מער אין דער טעלעגראַמע — פֿרייד, פֿאַרלוירנקײַט אָדער דאָס און יענץ צוזאַמען? דער זון האָט געגעבן צו וויסן, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע — זײַן ווײַבל האָט אים באַגליקט מיט אַ פּאָרל. און גראָדע מיט מיידלעך! און נאָך איז געווען אין דער טעלעגראַמע, אַז דער זאַוואָד האָט אים אויסגעטיילט אַ נײַע דירע און ער ווייסט ניט, וויאַזוי מע גיט זיך אַן אײַצע מיט איר און מיט די מיידלעך. און דאָס איז געווען אַן אָנדײַטונג, מע זאָל באַלד קומען צו פֿאָרן און העלפֿן כאָטש די ערשטע צײַט, אַנדערש ווייסט מען ניט, וואָס עס וועט זײַן!

— מאַזלטאָוו! זאָל זײַן מיט גליק! — האָט געזאָגט שמײַע גאָזלען, כאָטש ער איז ניט שטאַרק געווען באַגײַסטערט, וואָס מיטאַמאָל האָט אָליע געבראַכט אַ פּאָר און דערצו נאָך מיידלעך. — אָבער וואָס קאָן מען דאָ העלפֿן, אַז מיטאַמאָל איז געבוירן געוואָרן אַ גאַנצער קינדער־גאָרטן! סײַדן וואַרפֿן די אַרבעט און פֿליִען אין שטאָט אַרײַן!

אַלפּי־סײכל, וואָלט אַהין געדאַרפֿט פֿאָרן, צו דער געווינערן, איר מוטער, מאַרינע, נאָר יענע איז קראַנק און ליגט מער צו בעט, ווי זי גייט אַרום. די שיינע בסורע, וואָס שמײַע האָט איר געבראַכט וועגן טויט פֿון איר מאַן, האָט זי אײַנגאַנצן דערהאַרגעט, און פֿון יענער צײַט אָן האָט זי זיך גענומען קלאָגן אַפֿן האַרץ און מיט יעדן טאָג געצאַנקט, ווי אַ ליכט. זי האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. איר איז גאָרנישט ניט געווען ליב און טײַער. אַנדערע האָבן זיך צוגעוווינט צו זייערע צאָרעס, בלײַבנדיק אַן אַ באַלעבאָס אין שטוב, און זי, מאַרינע, האָט מוירעדיק איבערגעלעבט — דאָס לעבן איז איר ניט ניכע געווען. ווי זשע קאָן זי פֿאָרן צו דער טאָכטער, ניאַנטשען דאָס פּאָרל?

שמײַע זאָל פֿאָרן? ווי קאָן ער עס טאָן, אַז עס וואַרט אַף אים אַ באַרג מיט אַרבעט? ער מוז אַרויסענדיקן זײַן שטיבל, דעקן דעם דאַך פֿונעם קלוב, העלפֿן די שכיינים, צונויפֿקלעפּן אַ וווינונג פֿאַר וואַסיע ראַגאָוון, און נאָך און נאָך.

און דער גוירל איז געפֿאַלן אַף רייזלען.

— דער ניטגוטער ווייסט עס, — האָט זי געזאָגט, — אַמאָליקע יאָרן זײַנען קינדער געוואַקסן אַן באָבעס. און איצט אַן באָבעס קאָנען זיי זיך ניט באַגיין!

— נאַרישע, נעם זיך ניט צום האַרצן, — האָט שמײַע זי באַרויִקט, — דערפֿאַר, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי צו דיר אַפֿילע ניט וועלן קומען צוגאַסט... איצטער זײַנען זיי קליינינקע כריוקעלעך, דערנאָך וועלן זיי ווערן גרויסע כאַזיירים און פֿאַרגעסן דעם וועג צו דיר, ווען דו וועסט שוין זײַן אַלט און דאַרפֿן צו זיי אָנקומען.

— וואָס רעדסטו, שמײַע! — האָט זי זיך דערשראָקן. — דו זאָלסט אַזוינס זאָגן? וואָס זשע, שלעכטע קינדער האָבן מיר? און די זין אונדזערע, אָלעוואַשאָלעם, זײַנען געווען שלעכטע?

— כאָלילע! איך זאָג דען עפּעס? האַלעוואַי וואָלטן זיי געלעבט און געווען שטענדיק מיט אונדז, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, — נאָר קינדער זײַנען גוט, ווען זיי דאַרפֿן צו דיר אָנקומען.

אַ טראַכט געטאָן, האָט שמײַע צוגעגעבן, קוקנדיק אַף זײַן שטיבל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פֿון דער זעמליאַנקע און וואָס ער האָט געדאַרפֿט אָט־אָט אַרויסענדיקן און זיך אַריבערקלײַבן אין דעם:

— נישקאָשע, קאָלזמאַן מיר האָבן זיך אונדזער פֿעסטונג, וועלן מיר צו זיי ניט דאַרפֿן אָנקומען. אָט דאָ וועלן מיר זיך אויסלעבן אונדזערע יאָרן. אײַ די כעוורע ווילן זיך אַהער ניט אומקערן — וואָס וועסטו מאַכן, אַזאַ צײַט, יונגע צעפֿאָרן זיך אין די שטעט. דער אייבערקער געזעץ — עס וואַרעמען זיך אויס די פֿייגעלעך אין די נעסטן און פֿליִען זיך אַוועק אין דער וועלט אַרײַן. זאָלן זיי זײַן גליקלעך, און וויפֿל מיר וועלן קענען, וועלן מיר זיי העלפֿן — דאָך אייגן בלוט און מאַרך. זאָלן זיי זיך לעבן, ווי זיי פֿאַרשטייען.

כאָטש שווער איז געווען רייזלען פֿאַרלאָזן איר נעסט, די קינדער, שמײַען, דעם גאָרטן און האַקל־באַקל, נאָר וואָס טוט ניט אַ מאַמע צוליב קינדער!

אין א שטילן פרימאָרגן האָט זי צונויפגענומען א היפּשע טאָרבע מיט אלדאָסגוטס, וואָס די ערד האָט איר געגעבן, און זיך אוועקגעלאָזט אין וועג — אונטערשטעלן א פּלייצע, העלפן דער נײַער מישפּאָכע. יאָ, א שטיקל צײַט וועט זי דאָרטן מוזן פארבלײַבן. זי האָט פארשטאַנען, רייזל, אז איצט הייבט זיך אָן פאר איר א שפּאָגל־נײַ לעבן. איר וועט נאָך, זעט אויס, לאנג אויסקומען וואנדערן פונעם יישעוו אין שטאָט ארײַן און צוריק.

אפּאָנעם, אָט דאָס איז דער גוירל פון א מוטער — זינט זי ברענגט דער וועלט איר ערשט קינד, פארלירט זי אָף שטענדיק די רו און דעם שלאָף.

און שמײַע גאזלען מיט זײַנע צוויי טעכטערלעך, מיט וואסיע ראַגאָווס מישפּאָכע זײַנען געבליבן אין דער היים. צי וועלן זיי זיך אליין, אָן רייזלען, ספּראַווען, זיך געבן אַן אייצע מיט דער באַלעבאַטישקײַט, ווייסט נאָר גאָט אין הימל.

נאָר מע איז בא זיך ניט אראָפּגעפאלן. אלע צוזאמען וועלן זיי זיך באַמיִען אונטערגאַרט־לען. עפּשער וועט זיך זיי אײַנגעבן פארבײַטן איין באַלעבאָסטע אין שטוב.

אין א פּאָר וואָכן ארום האָט שמײַע גאזלען פארשטאנען, וואָס הייסט א שטוב אָן א באַלעבאָסטע. צו וואָס ער האָט זיך דאָ ניט גענומען, איז אלץ געפאלן פון די הענט. באַזונ־דערס נאָך דעם, ווי וואסיע ראַגאָווו מיט זײַן קליינינקער מישפּאָכע איז אריבערגעפאָרן אין זײַן נײַער ווױנונג, וועלכע מע האָט אָקאָרשט פארענדיקט.

פריִער האָט נאָך א ביסל ארויסגעהאָלפן שיפרע, נאָר איצט, ווען זי האָט געדאַרפט ברענ־גען אין אָרדענונג איר אייגענע באַלעבאַטישקײַט, איז אויסגעקומען שמײַען אלץ טאָן אין שטוב.

איז טאקע בא אים געגאנגען מיט דער פּוטער אראָפּ.

די בעהיימע אין שטאלעכל האָט אָף אים געקוקט קרום, ווי ריאבטשיק אפן טאטן, לעמײַ ער האָדעוועט זי ניט צו דער צײַט און מעלקט זי מיט א פארשפּעטיקונג. די קינדער זײַנען געקומען פון שול און ניט געטראָפן דעם ווארמעס אפן טיש, ווי עס פלעגט זײַן פריִער, איי־דער די מאמע איז אוועקגעפאָרן. שמײַע האָט ניט געוווסט צו וואָס פריִער זיך נעמען. און געטראכט, אז אויב עס וועט ווײַטער אזוי גיין, וועט ער האָבן א שיין פּאָנעם און די באַ־לעבאַטישקײַט וועט שיין אויסזען.

און ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן בריוולעך און איידל דערמאָנען, אז עס איז שוין צײַט זיך אומקערן אהיים. כאָטש, האָט ער געשריבן, אין שטוב איז אלץ גוט און פײַן, נאָר עס וואָלט געווען נאָך בעסער, ווען רייזל קערט זיך אום.

פאר דער צײַט, וואָס רייזל איז געווען אין שטאָט, בא די קינדער, האָט זי באקומען פון שמײַען א שיין ביסל בריוו. פאר דער צײַט האָט זיך אין זײַן ערדשטיבל א פּאָר מאָל דורכ־געריסן בעשאס די רעגנס א יאם מיט וואסער און ער איז שיר ניט אוועקגעשווומען מיטן שטיבל אינײנעם. איין מאָל איז דאָ פאָרגעקומען א שטיקל סרייפע, ווײַל ער איז אוועק צו דער ארבעט און פארגעסן אויסלעשן דאָס אייוועלע. נאָר אין די בריוו האָט ער זיך וועגן דעם אפילע ניט פארהיקעט, ער האָט געשריבן, אז אלץ איז גוט און שיין, זײַן שטוב וועט ער שוין אָט־אָט פארענדיקן, און מע וועט זיך אריבערקלײַבן מיט גאָטס הילף און אז זי, רייזל, זאָל זען, וואָס גיכער זיך אומקערן אהיים, ווײַל דאָ איז אלץ אין אָרדענונג.

רייזל האָט געלייענט און געווען אפן זיבעטן הימל, וואָס ער פירט אזוי פײַן די באַלעבאַ־טישקײַט און וואָס ער האלט שוין באם פארענדיקן די שטוב.

זי האָט אים געענטפערט, אז ווי באלד אזוי, וועט זי זיך נאָך א ביסל פארהאלטן בא די קינדער און ער זאָל זי נאָר ניט פארגעסן אײַנלאדן אָף כאנוקאס־האבאיִס... און נאָך האָט זי אים געענטפערט, אז זי איז זייער צופרידן דערפון, וואָס אָף דער עלטער האָט ער זיך נאָך איר אזוי פארבענקט, און ער קאָן אָן איר ניט לעבן...

וואָס איז שײַעך כאנוקאס־האבאיִס, האָט ער זי נאָך דערווײַל ניט געקאָנט אײַנלאָדן, ווײַל אלע מאָל האָט זיך געיאַוועט אן אנדער טועכץ פאר אים און פאר זײַן קליינינקער בריגאַדע און די ארבעט בא זײַן כאטע האָט מען געמוזט אָפּלייגן אָף שפּעטער.

און רייזל, ווי דאָס הארץ וואָלט איר געזאָגט, אז דער איניען מיט זייער שטיבל האלט נאָך גאָר ווײַט, האָט אים געשריבן, אז זי פילט זיך גאָר ניט שלעכט בא די קינדער אין דער געראַ־מער דירע אפן דריטן שטאָק מיטן שיינעם באלקאָן און דער גוטער קיך, און פונדאנען זיך איבערקלײַבן אין א קעלער דאַרף מען זײַן שיך, געזונט און מעשוגע. האקיצער, קאָלזמאַן זי וועט ניט וויסן, אז זי קען לעבן, ווי מענטשן, אין אן אייגענער שטוב, זאָל ער אָף איר ניט וואַרטן.

אזוי כּיינעוודיק האָט שמײַע מיט זײַן רייזלען אפילע אין די אמאָליקע צײַטן זיך ניט דורכגעשריבן!

און עס איז אדורך באַ צוויי כאַדאָשים, ביז זי האָט זיך געקענט ארויסרײַסן פון די קינדער און זיך אומקערן בעשאָלעם אהיים.

עס איז איר געוואָרן אַ לאָך אין הארצן, ווען זי איז צוגעגאַן צו איר שטוב און זי געטראָפן פּונקט אזוי, ווי זי האָט זי איבערגעלאָזט. דערפאַר האָבן שוין נאָך אַ פּאָר שכיינים פאַרלאָזט זייערע ערדשטיבלעך און איבערגעפאָרן אין זייערע אָקאָרשט פאַרענדיקטע הײַזער.

דרײַ טעג האָט זי מיט שמײַען ניט גערעדט. דרײַ טעג האָט זי אין זײַן זײַט אפילע ניט געוואָלט אַ קוק טאָן. און אָפן פערטן איז איר נימעס געוואָרן, און ניט נאָר איר, נאָר אויך אים.

און ער האָט זיך ווידער גענומען צו זײַן הויז.

עס איז אונטערגעקומען דער אָסיען. און אין אַ שיינעם זוניקן פרימאָרגן האָט שמײַע גאַזלען צונויפגערופן זײַנע שכיינים, גענומען אַ לאָם און געמאַכט פון זײַן ערדשטיבל טיל־טעל. ער האָט עס פּאָשעט אויסגעגלײַכט מיט דער ערד, עס זאָל דערפון קיין זייכער ניט בלײַבן. ער האָט נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט געאַרבעט מיט אַזאַ פלײַס, מיט אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי איצט באַם פאַרניכטן דעם רעשט פון דער מילכאָמע.

און אים האָבן אונטערגעהאָלפן די גוטע שכיינים, וועלכע ער האָט שוין לאַנג באַזאָרגט מיט דעכער איבער די קעפּ.

אַ קלייניקײַט אויסצורײדן — דאָס האָט מען דאָך פאַרניכטעט, אויסגעגלײַכט מיט דער ערד דאָס לעצטע ערדשטיבל אין ייִשעווו! מע האָט אָפּגעמעקט פון דער ערד דאָס לעצטע רעשטל פון דער מילכאָמע!

דעם זעלבן טאָג האָט מען שמײַעס ביסל באַלעבאַטישקײַט אריבערגעפירט אינעם נײַעם הויז. דעם טאָג זײַנען זיך אהער צונויפגעקומען אַ סאַך געסט, מע האָט צונויפגעטראָגן, ווער וואָס עס האָט פאַרמאָגט, און געפּראַוועט אַ פּײַנע סודע.

באַטראַכטנדיק די רייען־אויסגעקאַלכטע ווענט, די לויטערע פענצטער, איז רייזל געוואָרן גרעבער ווי לענגער, זי האָט מאַמעש געשײַנט פון גליק און, דאַכט זיך, געוואָרן אָף צען יאָר ייִנגער. אָנגיסנדיק מאַשקע אין די גלעזער פאַר די געסט, וואָס זײַנען געזעסן ארום דעם שייך־ייִנגער געדעקטן טיש, האָט שמײַע געזאָגט:

— וואָס זשע, קינדער, אַז מע לעבט, דערלעבט מען! איך האָב דאָך שטענדיק געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אונדזערע הענט...

און שכיינים זײַנען אַלץ געקומען פון אַלע עקן ייִשעווו, באַטראַכט שמײַעס אַרבעט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— יאָ, שמײַע, ניט אומזיסט זאָגט מען: לאַנג געוואַרט און גוט געמאַכט!..

— נאָר דאָס וואָלט ער געקאָנט געווען מאַכן נאָך פאַראיאָרן! — האָט זיך אַרײַנגעמישט רייזל. — וואָלטן מיר זיך אַ ביסל ווייניקער געמוטשעט.

— נאַרעלע! — האָט שמײַע גאַזלען זי אַרומגענומען פאַר דער פּלייצע. — וואָס זשע, ווייסט דען אַליין ניט, אַז מע מאַכט אַ שטיקל אַרבעט לענגער, האַלט עס זיך בעסער! דערבײַ דאַרפסטו נאָך פאַרגעדענקען, אַז דײַן מאַן איז אַן אַלטער סאָלדאַט, און ניט קיין פּאָשעטער סאָלדאַט, אַ גוואַרדיע־סערזשאַנט, אַ שטיקל נאַטשאַלניק, הייסט עס... און אַ גוטער נאַטשאַלניק דאַרף פריִער באַזאָרגן מיט אַלץ זײַנע סאָלדאַטן און דערנאָך זיך אַליין! אַ שיין פּאָנעם וואָלט איך געהאַט באַם אוילעם, ווען איך שטעל זיך אוועק אַ שטוב, דעק זי צו מיט אַ דאַך און ערשט שפּעטער — פאַר אַנדערע? מע וואָלט דאָך אונדז געגעבן אַ גוט־אויג, און עס וואָלטן אונדז זיך געכאָלעמט בייזע כאַלוימעס, קיינער וואָלט ניט אַריבערגעטראָטן אונדזער שוועל. און גיב אַ קוק, וויפל שכיינים, קיין אײַנהאָרע, זײַנען איצט געקומען צו אונדז פּראַווען כאַנוקאַס־האַבאַיִס, דערלאַנג נאָר ווײַן און פאַרבײַסעכץ!

און, ווענדנדיק זיך צו די געסט, צו אָוורוצקין, לייבצין, וואַסיע ראָגאָוון, שיפּרען, מאַרינען, האָט ער אויסגערופן:

— איצט זײַט איר ניט אין מײַן נאַסן ערדשטיבל, נאָר אין אַ טרוקענער כאַטע. ווייסט איר דאָך גאַנץ גוט, אַז אַ טרוקענע זאַך פּאָדערט, מע זאָל זי באַנעצן. איז לעכאַיִם! זאָלן מיר אַלע זײַן מיט אײַך געזונט און שטאַרק. זאָלן מיר אַלע און אונדזערע קינדער שוין מער ניט וויסן פון קיין זעמליאַנקעס, פון קיין צאָרעס, פון קיין מילכאָמעס! לאָמיר אַלע לעבן אין טרוקענע הײַזער, און אונדזערע סאָנים זאָלן ליגן טיף אין דער אַדאָמע! לאָמיר טרינקען ווײַן, און יענע, וואָס טראַכטן אויס מילכאָמעס, זאָלן טרינקען סאַם! לעכאַיִם, און מאַזלטאָוו!

באַ שמײַען אין שטוב איז געוואָרן ראַשיק, פריילעך — שוין לאַנג האָט מען זיך אַזוי ניט

געפרייט, ווי איצט. די נײַע ווענט, די טאַפּליעס האָבן געקלונגען פֿונעם געלעכטער און פֿון די לידער.

ניט אַנדערש, מע האָט געוואָלט אויספּרוּוון זײַן שטוב, צי איז זי פֿעסט אוועקגעשטעלט און צי זי וועט פֿעסט נאָך שטיין.

ניט ווייניק יאָרן זײַנען פֿאַרפֿלויגן זינט יענעם פֿריילעכן טאָג. ניט ווייניק וואַסערן זײַנען אָפּגעלאָפֿן אינעם לויטערן אינגוליעץ־טײַך און זיך צונויפֿגעמישט מיטן אַלטן דניעפּער.

פֿאַר דער צײַט האָט דער אַלטער צעצווײַגטער קליאָן, וואָס איז אויסגעוואַקסן בײַ דעם בלעכערס קאַליטקע, פֿיל מאָל געביטן זײַנע מאַלבושים. דאָס פֿאַרבבריווינטע און אויסגעדובעטע פֿאַנעם פֿונעם פֿריילעכן בלעכער און געטרײַען סאָלדאַט איז צעווירעט געוואָרן פֿון נײַע קנייטשן, דער קאָפּ און די בראָווע וואָנצעס זײַנען געוואָרן נאָך מער באַזילבערט, די גרויסע, קלוגע קאַרע אויגן האָבן אָבער ניט אָנגעוווירן זייער גלאַנץ און מאַמזערישן כיין. אַ סאַך מאָל האָבן זיך די שווערע הענגלעך ווײַנטרויבן אָף די לאָזעס אָנגעפּילט מיט זויבערן זאַפֿט און אין די פֿעסער האָבן געשפּילט די ווײַנען. דער יִשעו „שטילע באַלקע” איז ביסלעכווײַז געוואַקסן, זיך פֿאַרברייטערט, געוואָרן שענער, לעבעדיקער, טומלדיקער. צום זויבערן הימל האָבן זיך געצויגן די טאָפּאָלן און אין די פֿאַרנאַכטן און שטילע קאַיאָרן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די וואַסערן פֿונעם אינגוליעץ, זיך געבאָדן און געפּליוסקעט אין דער לעוואַנע־שײַן, זיך איבערגעגאָסן מיט אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן.

אַלע גאַנצפֿרי, ווען עס צעקרייען זיך די ערשטע הענער און די געסלעך פֿונעם יִשעוו ווערן אופֿגעלעבט — מענטשן לאָזן זיך צו זייער אַרבעט, די אויסגערוטע פֿאַר דער נאַכט בעהיימעס און ציגן שפּאַנען גאַדלעסדיק צו דער לעוואַדע, קעדיי נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן און די מעלקערנס אײַלן צו דער פֿערמע, די ווײַנגאָרטנציכטלער — צו זייערע לאָזעס, גייט זיך פּאַמעלעך מיט זײַן סאָלדאַטישן טראָט דער אַלטער און גראָוער בלעכער, אונדזער שמײַע גאַזלען. ער גייט, און קינד־און־קייט גריסן זיך העפֿלעך צו דעם מענטשן:

— גוטמאָרגן, פֿעטער שמײַע!

— גוטמאָרגן, אַ גוט־יאָר, קוֹרנאָסע!

און דאָס האַרץ זײַנס פֿרייט זיך יעדעס מאָל, ווען ער קוקט אָף די נײַע הײַזער און געביַיען. ווי זאָל זיך ניט פֿרייען דאָס האַרץ פֿונעם אומדערמידלעכן באַלמעלאָכע, אַז קימאַט אומעטום האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט — אין די הײַזער האָט ער אַרײַנגעהויכט אַ שטיק פֿון זײַן נעשאָמע. און דאָס פֿרייט אים זייער שטאַרק.

און נאָך פֿרייט אים, וואָס ער פֿילט זיך נאָך גאַנץ פֿעסט, און ער וועט זיך נאָך ניט אוועקלייגן אָפּן אַריוון וואָרעמען די ביינער, ער קלײַבט זיך נאָך דערווײַל ניט צונויפֿלייגן דאָס ביסל קלאַפּערגעצײַג — ער האָט נאָך געוונג אַרבעט אָף דער ערד. ער קלײַבט זיך נאָך ניט אָף אָפּרו.

און ווער ווייסט דען ניט, וואָס עס גיט אים צו גוורע, קראַפֿט און פֿרישע קויכעס?

ווען אַ מענטש איז טאָמיד פֿאַרטאָן אין זײַן אַוווידע, אין אַלע דײַגעס פֿון דער וועלט, פֿון זײַן ווינקל, פֿון זײַן יִשעוו, פֿאַרגעסט ער אין די אַלטע וווּנדן, כאַלאַסן, באָליאַטשקעס, אַז דו ברענגסט נוצן די מענטשן, פֿילסטו, ווי עס איז דיר גרינגער צו אָטעמען.

וועגן זײַן עלטער און זײַנע אַלטע וווּנדן פֿאַרגעסט שמײַע, ווי נאָר ער הייבט זיך אוף אָף זײַן טראָן — אָף די סטראָפּילעס און פֿאַרטיפֿט זיך אין דער אַרבעט. ער זיצט זיך אָפּן דאַך און קלאַפּט מיט זײַן הילצערנעם האַמער. פֿאַרבײַגייער, באַקאַנטע שטעלן זיך אָפּ, פֿאַרײַסן די קעפּ, און מע שרײַט צו אים אַרוף:

— גוטמאָרגן, פֿעטער שמײַע! ווי גייען עס די געשעפֿטן, שמײַע גאַזלען?

— אַ שיינעם דאַנק! די געשעפֿטן גייען, געלויבט דעם אייבערשטן, — ענטפֿערט ער אָפּ, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פֿון דער אַרבעט, — מע קלאַפּט צו ביסלעך! איר זעט דען ניט? איך זיץ מיר אָף מײַן טראָן און זע, ווי אָף דער דלאָניע, די גאַנצע וועלט.

— וואָס זשע זעט מען דאָרטן, שמײַע?

— וואָס איך זע, ווילט איר וויסן, — שמייכלט ער, — אַהאַ, וואָס איך זע! וואָס איך זע, וועט איר דאָרט ניט זען!

— דאָך?

— איך זע, אַז די וועלט איז ניט שלעכט אויסגעבאָוועט געוואָרן. ניט קיין שלעכטער באַלמעלאָכע האָט פֿאַרטראַכט אונדזער וועלטל. איך זע אַ גאַנץ פֿײַנעם פֿונדאַמענט, אָף וועלכן עס שטייט אונדזער וועלטל. און פֿיר ווענט זע איך אויך — גאַנץ שיינע ווענט. מע דאַרף נאָך אָבער האָבן אַ דאַך, מיט אַ גוטן דאַך דאַרף מען צודעקן דאָס וועלטל, וועט דעם

אוילעם זײַן באקוועמער צו לעבן. מע דאַרף זיך נאָר אָנעמען מיט געדולד, צוּוואַרטן, און ניט גלאַט וואַרטן, נאָר טאַקע זיך ניט פוילן און אונטערשטעלן א פּלײצע! דעמלט וועט אַלץ זײַן באַלעבאַטיש און שײן...

דער אוילעם הערט מיט פאַרגעניגן די רייד פונעם אַלטן בלעכער, שמייכלט, לאַכט און מאַכט צו אים מיט די הענט.

עפּילאָג

מענטשן זאָגן, אַז קיין ניסים טרעפן ניט, אַז עס ווערן ניט מעקוייעם קיין כאַלוימעס, אַז קיין טרוימען ווערן ניט פאַרווירקלעכט.

אַזעלכע מענטשן זאָלט איר ניט גלייבן.

דאָס זײַנען פּאָשעטע סקעפּטיקער!

אין לעבן טרעפט אַלץ! אַמאָל אַזוינס, וואָס עס גלייבט זיך ניט.

וועהאָרײַע, מיט א צענדליק יאָר צוריק האָבן מיר זיך צעשיידט מיט אונדזער פריילעכן בלעכער, אונדזערע וועגן זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַן, און מיר האָבן שוין געהאַט געמיינט, אַז די שפּורן זײַנען שוין אָף שטענדיק אָפּגעמעקט געוואָרן און מער וועלן מיר זיך מיט אים ניט באַגעגענען. זעט איר דאָך...

די צײַט איז אַמאָל א דאָקטער און אַמאָל אויך א מאַלעכהאַמאָוועס.

כאָטש אונדזער שמײַע גאַזלען האָט געוווּסט דעם סאָד פון אַריכאַס־יאָמים, דעם סאָד פון לאַנג לעבן און ניט אַלט ווערן, דאָך איז דערוויַיל ניט באַוווּסט קיין פאַל, אַז א מענטש זאָל לעבן אייביק — אַזוינס טרעפט בלויז אין די פאַנטאַסטישע ספּאָרים!

ווײַל דער סאָלדאַט איז אַזויפיל אויסגעשטאַנען אין לעבן, אַזויפיל צאָרעס איבערגע־טראָגן, אַזוי שווער געהאָרעוועט, ניט געהאַט קיין רויִקן טאָג אין זײַן לעבן, האָבן מיר שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זײַן שאָ האָט געשלאָגן און ער איז שוין ערגעץ אָף דער עמעסער וועלט.

קיין בריוולעך האָט ער ניט געהאַט קיין טעווע צו שרײַבן — עמעס, מיטן ווײַב האָט ער זיך נאָך אַמאָל דורכגעשריבן, ווײַל זי איז אים מויכל געווען זײַנע קאָטשערעס און לאָפּע־טעס, זײַנע שווערע פעלערן, נאָר פאַר דער וועלט האָט ער זיך ניט געוואָלט ווײַזן, אַז ער איז א קנאַפּער ווייסער אין די קליינע אויסיעלעך. ער האָט געשוויגן, און גיי זײַ א נאָווי, וואָס איז מיט אים און ווו איז ער אַהינגעקומען!

באַ אונדז איז געווען א געפיל, אַז שמײַע גאַזלען וועט שטענדיק בלײַבן אין אונדזער זיקאָרן אַזאַ, ווי מיר האָבן אים געקענט. איז עפּשער ניט קעדײַ אין אַזאַ צײַט אַרום זיך ווידער באַגעגענען.

פונקט אַזוי איז, דאַכט זיך, מיט אַן ערשטער ליבע. ביסט געווען פאַרליבט אין א מיידל ביז איבער די אויערן, האָסט ניט געקאָנט לעבן אָן איר קיין טאָג, קיין שאָ, נאָר ס'איז געשען אַזוי, אַז אײַערע וועגן זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און אין זיקאָרן איז פאַרבליבן יענע שיינהײַט, יענע כיינעוודיקע מויד, וואָס האָט אײַך אַראָפּגעפירט פון זינען. יאָרן זײַנען גע־גאַן, און פאַר די אויגן שטייט פאַר אײַך אַלץ די ערשטע ליבע. זאָל אײַך גאָט אויסהיטן, איר זאָלט זיך באַגעגענען מיט איר אין א סאַך יאָרן אַרום! בעסער זאָל זי בלײַבן אין זיקאָרן אַזאַ, ווי זי איז געווען אין דער יוגנט... ס'וואָלט, דאַכט זיך, גלײַכער געווען, אַז אַזוי זאָל אויך זײַן מיט אונדזער שמײַען. זאָל דער פריילעכער סאָלדאַט, דער בלעכער פון דער ראַ־קאָווקע, בלײַבן אַזאַ, ווי ער האָט זיך אונדז פאַרקריצט אין זיקאָרן.

אַזוי וועט זײַן גלײַכער.

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן מיר שוין שאָלעם געמאַכט.

געשעט אָבער א נעס!

אָט דאָ ניט לאַנג, זומער־צײַט, פאָרן מיר מיטן צוג אָף דאָרעם, ווי געוויינלעך, אין אַן אַלגעמיינעם וואַגאָן. אוילעם — מער, ווי ערטער, ניטאָ ווו א נאָדל אַראָפּוואַרפן. נאָר אונדז האָט נאָך אָפּגעגליקט — מיר האָבן זיך גאַנץ פײַן אײַנגעאָרדנט אָף דער מיטעלער פּאָליצע.

אָבער די היץ און דער טומל האָט לאַנג ניט געלאָזט אנשלאָפן ווערן. דאָס קלאַפּערײַ פון דאָמינאָ־ביינדלעך האָט געלעכערט דעם קאָפּ. און בעטן דעם אוילעם, עס זאָל זײַן שטילער, איז דאָך ניט שײַעך — זיך אײַנגעאָרדנט, ווי באָם טאַטן אין ווײַנגאָרטן און איז נאָך ניט צופרידן, מענטשן האָבן ניט, ווו צושפּארן דעם קאָפּ, וואָס זשע זאָל מען זיצן, ווי די באָקעס? שפּילט מען אין ביינדלעך.

עס איז שוין געווען טיפע נאכט. דער טומל האָט זיך גענומען אײַנשטילן. נאָר פון א שכײַ־נישער קופּע איז דאָך דערגאַן עפּעס א ריידערײַ:

— איר פאָרט, זאָגט איר, זיך היילן? וווהין? אין אינסטיטוט, ווו מע מאכט פון אלט יונג, פון מיִעס שיין, ווו מע לערנט אײַך דעם סאָד פון לאַנג לעבן? וואָס זשע, ס'איז טאַקע דאָ א גאנצער אינסטיטוט אזא? וועט מען אײַך עפּשער לערנען אזוי, ווי יענער פּראָפעסאָר האָט אמאָל געלערנט, דאָס הייסט געייצעט — טרינקען זויערמילך און פּראָסטאָקוואשע? שיינע אײַצעס! יענער, לעץ האָט געטרונקען זויערמילך און פּראָסטאָקוואשע, זיך געהיט פון מיק־ראָבן, זיך געסטארעט ווייניק ארבעטן, א סאך שלאָפן, רוען — און קוים דערצויגן ביז די פופציק. צו פופציק, זאָגט מען, האָט ער אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע.

די ארומיקע האָבן אײַנגעהאלטן געלאכט. דערהערנדיק דַי רייד, האָט מיר א זעץ געטאָן אין הארצן — שמײַע גאזלען...

יאָ, עס טרעפן ניסים!

ארומגערינגלט מיט א רעדל נײַגעריקע פּאסאזשירן, איז באַם פענצטער געזעסן, אָנגע־שפּארט דעם גראָוון קאָפּ אף די שווערע, אויסגעהאָרעוועטע דלאָניעס, אונדזער אלטער באַ־קאנטער, דער פריילעכער בלעכער שמײַע גאזלען.

דאָס האָט ער די גאנצע צײַט געשפּילט אין ביינדלעך, און איצט דערציילט ער פארשײַ־דענע געשיכטעס, און מענטשן הערן מיט אָפענע מײַלער. מע באמערקט אפילע ניט, ווי די צײַט לויפט.

פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע מענטשן זעען אים צום ערשטן מאָל אין לעבן, נאָר עס דאכט זיך, אז זיי קענען דעם סאָלדאט שוין זייער לאַנג.

אָהאָ, ווען מע דערמאָנט מאָשיעכן!

יאָ, דער זעלבער, וואָס געווען! עמעס, די ברילן אף דער נאָז האָבן אים געמאכט עלטער. דאָס וואָרט איז א ביסל געווען געצוימטער, געלאסענער.

מיר האָבן זיך דורכגעשטויסן נעענטער צו אים. דער אוילעם איז געווען ניט צופרידן, וואָס מיר האָבן אים איבערגעשלאָגן. ער האָט, זעט אויס, שוין געוואָלט אויסלייגן זײַנע פיר סוידעס, וויִאזוי לאַנג לעבן.

— ווהין האלט איר עס ווער, פעטער שמײַע, כאווער ספּיוואַק?

ער האָט אונדז אופמערקזאם אָנגעקוקט, באמיט זיך דערקענען, ווער האָט זיך עס צו אים געווענדט מיטן פולן טיטל.

— ווהין איך פאָר? — האָבן זיך א הייב געטאָן זײַנע גראָוע ברעמען. — דערוף זײַנען פאראן צוגן, מע זאָל פאָרן.

ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע זײַן ציבעק, פארייכערט און נאָך א לאנגער פּאוזע פאָרגעזעצט:

— גאָט האָט געגעבן צוגן, דארף מען דאָך פאָרן! וואָס זשע, זיי זאָלן גיין, ווילט איר, ליידיק? מע פאָרט, א וועלט האָט זיך אופגעזעצט אף רעדער, און א בילעט קאָסט איצט ניט טײַער.

דאָס געקארבטע, פארוואקסענע פּאָנעם זײַנס האָט געשמייכלט, ער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל:

— מיר האָבן זיך צערעדט... אָט אָ־דער מענטש פאָרט אין אינסטיטוט, וואָס מאכט אלטע מענטשן יונג. מע לערנט דאָרטן, זאָגט ער, דעם סאָד פון אריכאס־יאָמים, עס איז געקומען דאָ צו רייד, דערצייל איך וועגן מײַנע סוידעס. ווי איר ווייסט שוין, איז איינער פון די וויכ־טיקסטע סוידעס מײַנע — נאכעס פון קינדער. מײַנע טעכטער האָב איך כאסענע געמאכט, זיי האָבן שוין זייערע מישפּאָכעס. עמעס, זיי זײַנען אוועק פון דער אייגענער נעסט און אריבער־געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט. נאָר טאָמער טרעפט עפּעס בא זיי — א קינד ווערט קראנק, מע דארף פאָרן אָפּרוען, דערמאָנט מען זיך אין טאטע־מאמע — ווער איך בא זיי א ניאנקע, א סטאָראָזש, א וואָס איר ווילט! אלע מאָל א נײַס! אָט פאָר איך צו דער טאָכטער, מײַן פלוינעסטע פאָרט צום זון. ארבעט, דאנקען גאָט, איז דאָ גענוג. אָן אונדז קאָנען זיי זיך ניט באגיין, אונדזערע מאמזיירים.

פֿאָרסטו צו אײן טאָכטער און זיצסט דאָרט אַף עטלעכע װאָכן, העלפֿסט איר אין דער באַלעבאַטישקײַט, באַלײדיקט זיך די צװײטע. נעמסטו אַ בילעט און הײַדאַ צו דער צװײטער! איך האָב ניט ליב זיך פֿאַרקריגן מיט מײַנע קינדער און מיט די אײניקלעך. װער װײסט, עפּשער, װען איך װעל זיך אַמאָל נײטיקן אַף דער עלטער אין זײער הילף, װעלן זײ מיר זאָגן, אַז זײ זײַנען מעסוקן פֿאַרנומען און האָבן ניט קײן צײַט זיך װאָזיען מיט אַלטע טאַטע־מאַמע. װאָס זשע האָבן מיר געמאַכט? מיר האָבן מיט מײַן רײזלען געמאַכט, װי זאָל איך אײַך זאָגן, — „ראַזדעליעניע טרודאַ”. איך פֿאָר צום זון און זי, רײזל, צו דער טאָכטער. אַז איך פֿאָר צו דער טאָכטער, פֿאָרט רײזל צום זון. און אַלע זײַנען צופֿרידן! איך פֿרעג נאָר אײן זאַך, װאָס װאָלט די װעלט געטאָן, װען עס זײַנען נישטאָ קײן זײדעס מיט קײן באָבעס? װיאַזױ װאָלטן געװאַקסן אײניקלעך?

יאָ, שיך ניט פֿאַרגעסן! — האָט זיך געכאַפּט שמײַע גאַזלען. — מײנט ניט, אַז אַלע טאַטע־מאַמעס און אַלע זײדע־באָבעס האָט מען ליב! מע האָט ליב, װי עס פֿירט זיך, אַזעלכע, װאָס האַלטן זיך נאָך אַף די פֿיס, װאָס זײַנען געזונט און קאָנען קומען צוהילף, ברענגען אַ שײנע מאַטאָנע. אויב ניט — איז ביטער! הײַנט פֿאַרשטײט איר, װי מיר דאַרפֿן זיך האַלטן און טאָרן ניט װערן אַלט!

— פֿעטער, אויב דאָס איז ניט קײן סאָד, — האָט עמעצער פֿון די אַרומיקע זיך אָנגערופֿן, — אויב עס איז ניט קײן סאָד, צי קענט איר אונדז ניט זאָגן, װיפֿל יאָר זײַנט איר אַלט?

דאָ האָט זיך שמײַע גאַזלען פֿאַרקרימט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, דאָס פּאָנעם, אַף װעלכן עס האָט נאַרװאָס געבלאָנקעט אַ שמײכעלע, איז ערנסטער געװאָרן. ער האָט מיט זײַנע קלוגע אױגן אַ זוך געטאָן דעם, װאָס האָט אים פֿאַרטשעפּעט מיט אַן אומדערװאַרטער פֿראַגע, און געזאָגט:

— װיפֿל איך בין אַלט, װילט איר װיסן? װאָס זשע, עפּשער װילט איר מיר רײדן אַ באַ־שידעך? קען איך אײַך זאָגן, אַז איר האָט פֿאַרשפּעטיקט. איך בין שױן, דאַנקען גאָט, אַ װײַבטער. דאָס האָט איר נומער אײנס. כוץ דעם, װאָס דאַרפֿט איר גאָר ציילן מײַנע יאָרן? איר האָט שױן ניט װאָס צו טאָן? אַז איך צײל זײ ניט, דאַרפֿט איר זײ מיר צײלן?

יענער, דער פֿרעגער, האָט פֿון בושע ניט געװוּסט, װוּהין זיך אַהינטאָן. מיטן אַלטן, זעט אױס, איז ניט אַזױ גרינג זיך אױסטײַנען — ער װעט נאָך קײן װאָרט אין קעשענע ניט קריכן.

יאָ, דאָס איז געװען יענער זעלבער שמײַע גאַזלען. אַן אומדערװאַרטע באַגעגעניש אין צוג! טאָמער װעט אײַך עמעצער זאָגן, אַז עס טרעפֿן ניט קײן ניסים — גלײבט ניט! עס טרעפֿן ניסים, עס װערן מעקוײעם כאַלוימעס, עס װערן פֿאַרװירקלעכט ליכטיקע טרוימען — אין לעבן טרעפֿט אַלץ. אַ גוטער אײדעס דערפֿון איז אונדזער לעצטע באַגעגעניש מיטן פֿרײלעכן בלעכער שמײַע גאַזלען.

אין דעם איז דער זין...

זײַט געבענטשט

ליפע — א בוים,
און ליפע — א מענטש.
סײַ דו, בוים,
סײַ דו, מענטש —
זײַט געבענטשט!

א מענטש האָט א טרוים.
צי האָט עס א בוים?
א מענטש האָט א ציל,
ער ווייסט, וואָס ער וויל:

ער וויל האָבן גליק,
ער וויל לעבן לאַנג.
עס טראָגט זיך זײַן בליק,
ווי א ליכטיק געזאַנג.

צי פארשטייט עס דער בוים,
וואָס מיר ווינקט מיט א צווײַג,
ווען איך שטיי דאָ אליין,
ווען איך שטיי דאָ און שווײַג,

ווען עס טוליעט זיך צו
מײַן געביין צו דעם בוים,
ווען איך שטיי דאָ און רו,
ווען איך שטיי דאָ און טרוים.

אַהאָ א מענטש!

כ׳בין א זעמדעלע בלויז
פון א ריזיקן בארג.
נו איז וואָס, אז איך ברויז,
אז עס איז מיר אלץ קארג?
זאָגסט — א ווינט מיטאמאָל
קען פארשטויסן מײַן קאָל.
נאָר ניין! —
איך וועל גיין.
נאָר ניין! —
איך וועל טאָן.
ווײַל דאָס אלץ, וואָס איך טו,
קלעקט דערווײַל אף א צאָן. —
און איך ברויז,
און איך מאָן.

כ׳בין א פינטעלע בלויז
פונעם הימל, וואָס בלויט.
נו איז וואָס, אז איך ברויז,
אז גאָר קליין איז מײַן גרויס?
צי פארדין איך דאָס ברויט,
וואָס איך עס אלע טאָג?
כ׳האָב עס דאָך ניט געזייט —
אײַך דעם עמעס איך זאָג.

כ׳בין א בלעטעלע בלויז
פון א רוישיקן בוים.
נו איז וואָס, אז איך רויש,
נו איז וואָס, אז איך טרוים?
זאָגסט: עס קען מיך דער ווינט
באלד א וואָרף טאָן געשווינד
אין דער ווײַט, אין דער זײַט,
נאָר איך האָב ניט קיין צײַט,
און מיר ווילט זיך אלץ טאָן,
און פון זיך אלץ איך מאָן,
ווײַל איך בין דאָך א מענטש —
בין איך שטארקער פון אלץ.
ווײַל א מענטש איז א סאך,
אויב זײַן זאך איז א זאך.
ווײַל א מענטש איז א ריז,
אויב א מענטש נאָר ער איז. —
אַהאָ א מענטש!

די וועלט איז א מאמע

די וועלט איז א מאמע, —
זי טראָגט.
און ס'ווערן געבאָרן
יאָרן נאָך יאָרן,
א טאָג נאָך א טאָג.

די וועלט איז א מאמע, —
זי וויל,
עס זאָלן די פעלקער
אין אכדעס נאָך לעבן —
איר ציל.

די וועלט איז א מאמע, —
איז גוט.
נאָר ס'זײַנען פאראַן
אף דער ערד נאָך ווײַטנאַמען,
און ס'גיסט זיך נאָך בלוט.

די וועלט איז א מאמע, —
זי בעט.
עס זאָלן, ווי שוועסטער,
ווי ברידער נאָר לעבן
דערפער און שטעט.

די וועלט איז א מאמע, —
איך פיל.
עס זאָלן די מענטשן,
ווי מענטשן נאָך לעבן,
זי וויל.

די וועלט איז א מאמע, —
איך ווייס.
און מיר, אירע קינדער,
ווער עלטער, ווער יינגער —
איר טרייסט.

זוך ניט קיין גליק אין דער פרעמד

ווייס: א היים —
דאָס איז אַלץ.
זאָל זײַן הייס,
זאָל זײַן קאַלט,

ווועסט זײַן עלנט —
א שטיין.
דו ווועסט וועלן
אהיים.

זאָל זײַן גוט,
זאָל זײַן שלעכט.
דאָ — דײַן בלוט,
דאָ — דײַן ערד.

נאָר דער וועג
אף צוריק
איז פארקלעמט,
איז פארשעמט.

טו א טראַכט
וועגן דעם,
וואָס דיך וואַרט
אין דער פרעמד.

זאָל זײַן גוט,
זאָל זײַן שלעכט, —
דאָ — דײַן בלוט,
דאָ — דײַן ערד.

פון גליק דאָס שטערנדל

ברעקלעך קינדערלעך,
ווי שיינע הינדעלעך,
דאָס לויפן אום.
זיי לעבן שאַלנדיק,
זיי לעבן שטראַלנדיק
אונטער דער זון.

מיט אייגעלעך־פײַערלעך
זיי זײַנען טײַער איר.
זיי זײַנען ליב.
איך שענק זיי יעדערן
פון גליק דאָס שטערנדל,
מײַן האַרץ,
מײַן ליד.

אַלץ — אַף דער העלפט

האָסטו ברויט — אַף דער העלפט.
האָסטו פרייד — אַף דער העלפט.
גיב אָפּ דעם, וואָס ער דאַרף,
עפשער האָט ער עס קאַרג.
אין דער טרײַהײַט — דער זין,
וואָס איך לעב,
וואָס איך בין.

האָסטו קראַפט — אַף דער העלפט.
עס באַדאַרף זי די וועלט.
האָסטו מוט — אַף דער העלפט.
טייל דײַן בלוט אַף דער העלפט,
אויב נאָר עמעצן פעלט.
און אין דעם איז דער זין,
וואָס איך לעב,
וואָס איך בין.

ברויט און ווײַן

די זון פאַרגייט —
ווי זי איז פײַן! —
אַ לאַבן ברויט
אין רויטן ווײַן!

נעם אַף די צײַן,
עס איז געשמאַק,
און גאָט אַליין,
ווײַזט אויס, אים באַקט.

דער הימל האַלט
אים אַף די הענט,

דאָס פעלד, דער וואַלד,
די וועלט אים נעמט.

עס פליט מײַן בליק
צו יענעם עק
און קריכט צוריק —
ס'איז ווײַט דער וועג.

די זון פאַרגייט —
ווי זי איז פײַן!
אַ לאַבן ברויט
אין רויטן ווײַן!

היט אָפּ אונדזער שאָלעם

כ'זע ווידער אין כאָלעם, ווי טאַנקען צעברעכן מײַן קאָפּ, און מײַן האַרץ, און מײַן זינען.
און ווידער איך זוך מײַן געהאַרגעטן ברודער און קאָן ניט געפינען.

און ווידער די באָמבעס צערײַסן מײַן לעבן אינגאַנצן אַף שטיקער.
און ס'ווייבען די מאַמעס, און ס'וויינען די באָבעס — און ס'לעבן איז שיקער.

עס ברענען די שטעט און עס ברענען די דערפער — אַ סאַראַפּענדיק פײַער!
מײַן האַרץ ווערט פאַרבלוטיקט — ווײַל ס'לעבן איז ליב מיר, ווײַל ס'לעבן איז טײַער.

טאַ זעט, מײַנע ברידער, טאַ זעט, מײַנע שוועסטער, היט אָפּ אונדזער שאָלעם!
אוי, ווידער און ווידער און ווידער מיך שטיקט אָט דער כאָלעם...

מארק ראזומני

די אנדערע הויט=פארב

...פון אלע זייַטן, ווי ווייַט אן אויג קאָן נאָר אופכאפּן, שפּרייט זיך א געדיכטער וואלד פון קוימענס און מאסטן — א מיט זשאווער פארצויגענער געפלאָנטער, וואָס הייבט זיך געשפענסטיק ארויס פון צעבייַלטע שיפרומפּן. דאָ, אין דער דעלאוואר־בוכטע, שטייען זיי אין די הונדערטער, די אלע אויסגעדינטע דרעדנאָוטן און קרייסערס און מינענשיפלעך, שטייען צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, און אין די שמאָלע שלוכטן צווישן זיי פּליוסקעט זיך פארברודיקטע וואסער און לעקט האכנאָעדיק ארום ראָסטיקע ווונדן אין צעקלאפּטע און צעשאָסענע זייַטן.

אָט אזוי זעט אויס דער „נעיווי־יארד" אין פילאדעלפיע — דער פלאָט־הויף, ווו עס פאַרענדיקן זייערע טעג די אויסגעדינטע אמעריקאנער קריגס־שיפן. אזוי ווי אלטע אויסגעהאָרעוועטע שקלאפן, רייַבן זיי זיך דאָ טעמפּ איינער אָן דעם אנדערנס זייַטן, טייַטלען אָנמעכטיק מיט הארמאטן־רעשטלעך, אזוי ווי מיט צעפרעסענע פיענקעס־ציינער, און ווארטן געדולדיק אף דער שאָ פון זייער אומקום, ווען זיי וועלן ארויסגעהויבן ווערן פון וואסער און פארנוצט ווערן ווי ברוך־אייזן.

דער יונגיטשקער פארפוצטער מיטשמאן, וועלכער האָט געפירט די גרופּע טוריסטן איבער דעם דאָזיקן בעסוילעם אפן וואסער, האָט מיט גייַוועדיקן שוים אף די פּעכקע, קימאט נאָך קינדערישע ליפּעלעך געהאלטן אין איין אויסרעכענען די אויסטערלישע מייַלעס פון די בעקאָוועדיקע מייסים.

— זעט איר? — האָט ער אָנגעוויזן אף א לאנג שמאָל שיפל, וואָס האָט, ווי א פארשעמט קונדעסל, זיך געטוליעט צו דער זייַט פון אן אלטן אויווערבאָטל — א פון זשאווער צעפרעסענעם קרייסער, — זעט איר? דאָס איז די טאָרפעדאָ־שיף „דעלפין", בארימט דורך איר העלדישקייַט. „דעלפין" האָט אין 1917 טאָרפעדירט דעם דייַטשישן פאנצער־קרייסער „ראָסטאָק", דעם מינען־טראולער „קראָנענבערג", דרייַ טראנספּאָרטן, וואָס האָבן אונטער נייטראלע פלאגן געפירט פראָוויאנט פארן סוינע... אָ! — האָט ער פארגלייזט אין באגייַסטערונג זייַנע בלאָע אומשולדיקע אויגן, — „דעלפין" איז מיט גאָלדענע אויסיעס פארשריבן אין דער היסטאָריע פון אמעריקאנער פלאָט!

באלד ווידער האָט דער מיטשמאן אָנגעוויזן מיטן געכאָוועטן ראָזן פינגער אף א שטאָלענעם רומפּ, וואָס האָט זיך ארויסגעהויבן פון וואסער, אזוי ווי דער בויך פון א געפייגערטן הייַפיש. — קוקט זיך גוט אייַן און געדענקט! — האָט ער פייַערלעך געזאָגט. — דאָס איז די העלדישע אונטערוואסער־שיף „או. ק. 86", וועלכע האָט א גרויסן כיילעק אין אונדזער נייצאָכן אפן יאם! צענדליקער פייַנטלעכע שיפן האָט זי אראָפּגעלאָזט צום גרונט. איר נאָמען וועט אייביק פארבלייַבן אין אונדזער געשיכטע!

און אזוי שפּרייַזנדיק איבער די הויקערדיקע צעשעדיקטע אויבערדעקן און, זיך צוהערנדיק צו די באגייַסטערטע רייד פון דעם מיטשמאן, איז די גרופּע באזוכער אלץ טיפער אריַינגעדרונגען אין דעם געדיכטן געווימל פון די שיפן און איז מיטאמאָל אופגעצייטערט געוואָרן פון א געשריי, וואָס האָט אומדערווארט זיך דערטראָגן פון גאָר נאָענט:

— אהא, די מענטשנפרעסער זייַנען שוין געקומען! אוועק פונדאנען! די מינוט אוועק, זאָג איך! אניט...

צעטומלטע און צעשראָקענע, האָבן אלע זיך ארומגעקוקט און דערזען, ווי אף א שיף, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען מיט עטלעכע שיף־קאָר־



די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם טאַלאַנטפולן שרײַבער מאַרק ראַזומני אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 80־טן געבורטסטאָג. מיר ווינטשן מ. ראַזומני אריכאַס־יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

פּוסן פון דער, אַף וועלכער זיי האָבן זיך געפּערנען, איז, אָנגעשפּאַרט אָן א האַלב־צעשטערטן וואַך־טורעם, געשטאַנען א ריז א נעגער און ווילד געפּאַכעט מיט אַנטבלויזטע מוסקולירטע הענט. פון זײַנע פּלייצעס איז אַראָפּגעהאַנגען עפּעס א שמאַטע, וואָס איז אַמאָל געווען א מאַטראָסן־בלוזע, די צעפּליקטע הויזן האָבן מער אַנטפּלעקט, ווי פאַרדעקט, מעכטיקע פיס, און מיט א ווילד קאָל האָט ער געהאַלטן אין איין רעווען:

— כ׳וויס! מישפּעטן קומט איר מירן! אוועק פון מײַן שיף, אײַער דוך זאָל דאָ ניט זײַן, כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע זײַנען געפלעפּט געוואָרן פון אָט דעם אויסטערלישן אָנבליק. און דער פּאַראַדנער מיטשמאַן, וואָס האָט דאָ אָקאָרשט אַזוי האָפערדיק גערעדט וועגן העלדישקייט, האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע גלידער. פון זײַן בלייענדיקן פּנים איז פאַרשוואונדן דער צופרידענער, גײַוועדיקער אויסדרוק און, א בלייכער ווי א טויט, האָט ער גענומען עפּעס פּרעפּלען און שטעלן גיכע טריט צוריק צום ברעג. אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן, געשפּרײַזט אַלץ געשווינדער, ניט אומקוקנדיק זיך אַריבערגעשפּרונגען פון איין שיף אַף דער אַנדערער, און, אונטערגעיאָגט פון דעם דונערדיקן, בלוט־פאַרגליווערנדיקן געלעכטער פון דעם נעגער, באַשלאָגן מיט קאַלטע אַנגסטן, ענדלעך זיך געראַטעוועט אַפן ברעג.

ערשט אַפן ברעג שטייענדיק, האָבן אַלע פרײַער אָפּגעאָטעמט און מיט פאַרוואָרף גענומען קוקן אַפן גיד, וואָס האָט זיי אַזוי פאַרפירט. און יענער האָט מיט א פאַרסאָפּעטער שטים פון גיכן לויפן און פון שרעק זיך גענומען פאַרענטפערן:

— אַנטשולדיקט... גאָר פאַרגעסן... געדאַרפט וואָרענען, מ׳זאָל זײַן פאָרזיכטיקער... אַנטשולדיקט.

מיט א פאַרפּיומירט זײַדן טיכל אין דער ציטערנדיקער האַנט האָט ער זיך געווישט דעם שטערן. צוזאַמען מיט דעם שווייס האָט ער אַראָפּגעווישט פון פּנים אויך דעם זיסן העפלעכן אויסדרוק, און, א פאַרקרימטער פון צאָרן, האָט ער מיט א קוויטשיקן קעלכל אויסגערופן:

— אַ, דער שוואַרצער הונט! און וואָס האַלט מען אים נאָך דאָ?!

אָבער ווער דער דאָזיקער נעגער איז, וויאַזוי קומט ער אַהער, צווישן די אויסגעדינטע קריגס־שיפן, און וואָס איז די סיבע פון זײַן אויסטערלישער דערשײַנונג, — האָט דער מיטשמאַן אַליין אויך ניט געוווּסט. און עפּשער געוווּסט און ניט געוואָלט זאָגן. אַף אַלע פראַגן האָט ער געהאַט נאָר איין ענטפער:

— איך ווייס גאָרניט, גאָרניט! ס׳איז עפּעס אַן אַלטע געשיכטע פון די קריגס־צײַטן. און דער מעשוגענער — ער פאַרשוועכט נאָר דעם קאָוועד פון אונדזער העלדישן פלאָט. אָבער וואָס מיט אים איז געשען, ווייס איך ניט... און איך וויל גאָרניט וויסן! — האָט ער צוגעגעבן, דראָענדיק מיטן צעפּיעשטשעטן קליינעם פויסטל צו יענער זײַט, וווּ צווישן דער געשפּענסטיקער זשאַווערדיקער פאַרפּלעכטעניש האָט זיך נאָך געזען דאָס אַצינד פאַרשטיינערטע אַטלעטישע געשטאַלט פון דעם מעשוגעדיקן נעגער.

צווישן די יעניקע, ווער ס׳איז בײַגעווען בא דער באַגעגעניש אינעם פלאָט־הויף, איז אויך געווען איינער א זשורנאַליסט, וועלכער האָט שוין זינט דעמלט פאַרלאָרן זײַן רו. טאָג און נאַכט האָט דער נעגער אים געשוועבט פאַר די אויגן, זײַן שנײַדיקער געלעכטער און זײַנע ווילדע אויסרופן האָבן אים פאַרפאָלגט. מיט אַלע מעגלעכקייטן האָט דער זשורנאַליסט געזוכט זיך צו דערגראָבן צו דעם נעגערס געשיכטע, אָבער ניט געקוקט אַף אַלע ענערגישע נאָכפאָרשונגען, האָט זיך אים גאָרנישט אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען.

אין איינעם א טאָג האָט ער, אין געיעג נאָך נײַעם מאַטעריאַל פאַר זײַן צײַטונג, געבלאָנדזשעט איבער טשיקאַגער סלאָמס[1]. נאָך א צײַט־

[1] הינטערגעסלעך.

לאַנגן וואַנדלען איבערן לאַבירינט איז ער אַרײַן אין אײנעם פון די מיט רײַכעס פון פאַר־ברעכן און טײַווע דורכגעזאַפּטע שענקלעך און א מידער זיך צוגעזעצט אַף א הויכן טאַבורעט פאַרן שענק־טיש.

אין דער שאָ זײַנען אין סאַלאָן קײן געסט ניט געווען, און, טרינקענדיק זײַן וויסקי־סאָדע, האָט דער גאַסט זיך צערעדט מיטן באַרמען. דאָס איז געווען א באַרײדעוודיקער אַלטיטשקער, און זײַן שטאַרק צעקאַרבטע פּאָנעם, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעלאָקערט א פּאָר קלײנע, אומרויִקע אײגלעך איבער שלאַבערדיקע הויט־בײַטעלעך, און די פאַרפלאָנטערטע טאַטויִרונג אַף די אַנטבלויזטע אָרעמס האָבן אײדעס געזאָגט וועגן א באַוועגלעך, שטורמיש־פאַרבראַכט לעבן. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט שוין דעם גאַסט אויסדערציילט זײַן גאַנצע לעבנס־געשיכטע. דער זשורנאַליסט האָט זיך דערוווּסט, אַז ער הײסט מײַק, אַז ער איז א ייִד, א געבאָרענער אין אָדעס, אַז אין אַמע־ריקע איז ער שוין א סאַך יאָרן און האָט דאָ אויסגעפּרוווּט צענדליקער פּראָפעסיעס: ער איז געווען א ליפט־בױ, א שטשורעס־טרײַבער, א קעלנער און אַן אײַז־פירער, א צירק־אַרטיסט און א מאַטראָס.

— איך האָב דורכגעמאַכט צוויי מילכאָמעס איך, — האָט ער צוגעגעבן, — די שפּאַנישע און דעם וועלט־קריג... געדינט אין פלאָט.

— אין פלאָט?! — האָט דער זשורנאַליסט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פון אַן אויסרוף. ווי געזאָגט, האָט אים יענע באַגעגעניש אין דער דעלאַוואַר־בוכטע ניט געלאָזט רוען, און ס'איז קײן ווונדער ניט, אַז באַם הערן דאָס וואָרט „פלאָט" האָט זײַן האַרץ גענומען שלאָגן העפּ־טיקער. און כאָטש ער האָט שוין געוווּסט פון פאַריס, אַז די פראַגע איז א פּוסטע — קנאַפּ נעגערס דינען אין אַמעריקאַנער פלאָט און ס'איז ביכלאַל ניט אַזוי פּאַשעט זיך באַגעגענען אין פלאָט, — האָט ער דאָך א פרעג געטאָן:

— ווײסט איר ניט אַמאָל... די געשיכטע פון א מעשוגענעם נעגער אין פלאָט?

און אין זײַן פרעגן האָט ער שוין געוואָרפן אומזיכערע בליקן אַף מײַקן, זײַענדיק זיכער, אַז יענער וועט זיך צעלאַכן פון אַזאַ אומגעלומ־פּערטער פראַגע. אָבער צו זײַן גרויסן כידעש האָט ער געזען, ווי יענעמס אויגן צינדן זיך אָן מיט אַן אויסטערליש פײַערל.

— ווי איך זע, ווײסט איר עפּעס? — האָט דער זשורנאַליסט מיט גרויס נײַגער גע־פרעגט. — וואָס ווײסט איר וועגן דעם נעגער?

— איך ווײס וועגן אים זײער פיל! זײער פיל, — האָט מײַק מיט היץ אויסגערופן. — מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געדינט אין פלאָט, צו־זאַמען דורכגעמאַכט דעם קריג. — באַ די ווער־טער האָט ער א שווערן שלונג געטאָן, אַזוי ווי עפּעס האַרטס וואָלט אים אַרײַנגעפאַלן אין קעל, און מיט דער שפּיץ צונג האָט ער אַרומ־געלעקט די האַרטע ליפּן. — יאָ, א שטיק לעבן האָבן מיר דורכגעמאַכט צוזאַמען. זאָגט, וואָס ווײסט איר וועגן אים?

דער זשורנאַליסט האָט דערציילט וועגן דער באַגעגעניש אין פילאַדעלפער פלאָט־הויף.

— נו יאָ, דאָס איז טאַם! — האָט דער באַר־מען שטיל געזאָגט און מיט א ציטער אין שטים צוגעגעבן: — הײסט עס, ער לעבט נאָך, דער אומגליקלעכער...

ער האָט פאַרביסן די ליפּן, זיך אַריבערגע־בויגן איבערן שענק־טיש אין שווערער פאַר־קלערטקײַט. דער גאַסט האָט געוואַרט, אַז ער זאָל אַלײן אָנהײבן רײדן, אָבער דאָ האָבן אין סאַלאָן אָנגעהויבן אַרײַנקומען באַזוכער, ס'איז געוואָרן טומלדיק.

דער באַרמען האָט איבערגעריסן זײַנע מאַכ־שאָוועס.

— ניטאָ קײן צײַט צו רײדן, — האָט ער גע־זאָגט, — און רײדן דאַרף מען א סאַך. איר האָט אין מיר אופגערודערט א וועלט מיט זיכרוינעס. שווערע דערינערונגען. קומט אַרײַן אַן אַנדערש־מאָל. גוד־בײַ.

דער זשורנאַליסט איז אַרויס אַן אַנטוישטער. אָט, דאַכט זיך, איז שוין דער פאָדעם געווען אין זײַן האַנט — און אומדערוואַרט זיך איבער־געריסן. אָבער ער וועט ניט אָפּלאָזן!

אַף מאָרגן האָט דער אומגעדולד אים ווײַטער געטריבן אין שענקל. מײַק האָט אָבער ווידער ניט געפונען קײן צײַט זיך אויסצורײדן. נאָך עטלעכע מאָל איז ער געקומען, אָבער צו דעם שמועס, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי געגאַרט, איז אַלץ ניט דערגאַנגען.

„וואָס קאָן דאָ זײַן? — האָט דער זשורנאַליסט געטראַכט מיט גרויס שטוינונג, זעענדיק, ווי מײַק לײגט אַלץ אָפּ. — טרויט ער מיר ניט אָן, צי וואָס?"

און ווי שווער דאָס איז אים ניט געווען, האָט ער דאָך באַשלאָסן מער ניט צו פרעגן און גע־דולדיק צו וואַרטן אַף דעם טאָג, ווען יענער וועט אַלײן אָנהײבן רײדן. און אַזאַ טאָג מוז דאָך קומען: צערודערט א מענטשן די שווער־קײַט, וואָס ליגט אים אַפן האַרצן, — מוז זי דאָך סאָפּקאָלסאָף געפינען אַן אַרויסגאַנג.

און דער טאָג איז געקומען. אײנמאָל, בײַס א שמועס גאָר וועגן זײַטיקע אינײַנים, האָט דער באַרמען מיטאַמאָל אָנגעקוקט זײַן גאַסט מיט א זײַטיקן בליק און אומגעריכט א פרעג געטאָן:

— אײַך האָט, דאַכט זיך, אינטערעסירט טאָמס געשיכטע?

אהא, אָט איז ער, דער לאַנגדערוואַרטער

מאָמענט! אָבער קעדיי ניט ארויסצוווײַזן זײַן שפּאנונג, און מוירע האָבנדיק, מײַק זאָל ניט איבעררײַסן דאָס אָנגעהויבענע, האָט דער זשורנאליסט מיט געמאכטן גלײַכגילט געפרעגט:

— טאָם? וואָס פאר א טאָם?

דאָס מאָל אָבער איז שוין פאר מײַקן געקומען די שאָ זיך אראָפּצורײדן פון הארצן.

— אָט יענער, דער נעגער... מײַן כאַווער, — האָט ער אָנגעהויבן, זיך אריבערבײַגנדיק און טיף ארײַנקוקנדיק זײַן מיטשמועסער אין די אויגן, — איר ווייסט? זינט איר האָט מיר דערמאָנט טאָמען, האָט זיך אין מיר אלץ ווי איבערגעדרייט... כ'האָב שוין אפילע געהאט באשלאָסן קיינמאָל ניט צו ריידן וועגן דעם, אָבער מער קאָן איך דאָס ניט האלטן אין זיך... און איר ווייטעקט פאר טאָמען, איך האָב דאָס באמערקט דעמלט, בעשאס איר האָט דערציילט וועגן אײַער באגעגעניש. נו, וועט איר מיך פארשטיין.

און ער האָט אָנגעהויבן:

— ווילט איר וויסן, ווי מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט טאָמען? דאָס איז געווען אין דעם וואנדער־צירק, וווּ מיר האָבן ביידע געארבעט. טאָם איז געווען א קראַפטנומער און איך — א בויך־ריידער. יאָ, א בויכריידער בין איך געווען, — האָט ער צוגעגעבן מיט באטאָנונג. — אזוי זײַנען מיר מיט אונדזער צירק ארומגעפאָרן איבער די שטעטלעך פון מידל־וועסט, ביז אונדזער מענעדזשער איז אין איינער א פינצטערער נאכט אנטלאָפן מיט דער קאסע, און אונדזער גאנצע קאָמפּאניע מעסער־שלינגער, שלאנגען־דרעסירער, קאָוובאָיען און גערלס איז געבליבן אין גאס. אלע זײַנען זיך צעקראָכן ווער וווּ, און איך מיט טאָמען, צוויי פרײַנט נאָך פון פריִער, זײַנען צוזאמען אוועק וואָגלען איבערן לאנד זוכן ברויט. דאָס איז געווען אין 1917, ווען אמעריקע איז ארײַן אין קריג מיט דײַטשלאנד, און באלד האָבן מיר זיך אָנגעדונגען פאר מאטראָסן אין פלאָט. ווען די מילכאָמע האָט זיך פארענדיקט און אונדזער קאָנטראקט איז נאָך ניט געווען פארענדיקט, האָט מען אונדז איבערגעוואָרפן דינען אין אן עסקאדריליע, וואָס האָט געטראָגן פאטרול־דינסט אפן שווארצן יאם. ווי איך פארשטיי, איז די אופגאבע אונדזערע געווען צו וווארפן אן אויג אף די דארדאנעלן און פארבײַגייענדיק א קוק טאָן, צי עס לאָזט זיך ניט ארײַנשטעלן א פיסל אף קאווקאז, נעענטער צו באקוער נאפט...

— טאָם און איך האָבן ביידע געדינט אין דער זעלביקער עסקאדריליע, אָבער געשווומען זײַנען מיר אף באזונדערע שיפן. ער — איך געדענק נאָך, ווי הײַנט — אף דעם מינענטרעגער „סי־17"; איך — אפן פלאגמאן „מינעסאָטא". אָבער שטענדיק, ווען אונדזערע שיפן האָבן געוואָרפן זייערע אנקערס ערגעץ אין א פאָרט, האָבן מיר זיך געזען און פארבראכט צוזאמען. און טאָם, כאָטש ער איז געווען ניט פון די בארײדעוודיקע און אויך ניט פון די, וואָס קלאָגן זיך, האָט מיר אָפט דערציילט וועגן זײַן שווער לעבן אף דער „סי־17", וווּ איינער א באָצמאן האָט זיך אײַנגעגעסן אין אים און פארפאָלגט אים אף יעדן שריט.

„ער קאָן מיך ניט אריבעטראָגן, — האָט טאָם געזאָגט, — אונדז, קאָלירטע, האָט ער פײַנט מיט א מאָדנער סינע. צו די אנדערע שווארצע טשעפּעט ער זיך אויך, נאָר זיי לײַדן און שווײַגן. מיר אָבער איז שוין אזא לעבן דעררעסן. — און זיך צובייגנדיק צו מיר, האָט ער שטיל צוגעגעבן: — ווייסט, איך וויל אנטלויפן!"

„ווערן א דעזערטיר? — האָב איך אים געפרעגט. — ווייסט גאָרניט, מיט וואָס דאָס שמעקט? און וווּהין?"

„אָ, איך ווייס שוין וווּהין! — און זײַנע ציינער האָבן זיך צעגלאנצט אין א ברייט גליקלעך שמייכעלע. — אהין, וווּ דער נעגער האָט ניט אויסצושטיין קיין צאָרעס דערפאר, וואָס זײַן הויט־פארב איז אן אנדערע... מיר זעען דאָך אזוי אָפט די ברעגן פון דעם לאנד! אן אנדערשמאָל איז עס מיט דער האנט צו דערלאנגען..."

— צו מײַן שאנד מוז איך זיך מוידע זײַן, אז אין יענע לאנג־פארגאנגענע צײַטן, כאָטש ניט קיין בורזשוי און קיין קאפּיטאליסט, בין איך אָבער דאָך געשטאנען אונטער דער האשפּאָע פון דער גיפטיקער העצע קעגן די באָלשעוויקעס, און דעריבער האָב איך גענומען אָפּריידן מײַן פרײַנט פון זײַן פלאן צו אנטלויפן אין יענער מעדינע, צו די מענטשן, וועגן וועלכע מ'האָט דערציילט אזויפיל גרוילן.

„רײַס ניט איבער מיט אונדזער פרײַער אמעריקע, — האָב איך אײַנגעטײַנעט מיט אים, — האָב געדולד און לײַד ווי־ס'איז איבער די שווערע צײַט... דערפאר וועסטו אָבער נאָכדעם האָבן א היים".

— און ער, אזא גוטמוטיקער, קינדיש־נאיווער, האָט זיך געלאָזט איבערריידן, האָט ווײַטער געליטן און געשוויגן. אָ, בעסער וואָלט ער מיך דעמלט ניט געפאָלגט!..

מײַק האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיך פארטראכט. נאָך א ווײַלע שווײַגן האָט ער ווײַטער אָנגעהויבן:

— איינמאָל האָט א מוירעדיקער שטורעם צעטרייסלט די אלטע אויסגעדינטע מולטערס פון אונדזער עסקאדריליע און זיי צעוואָרפן איבער אלע עקן און קאנטן פונעם צעבושעוועטן יאם. און אין א מעסלעס ארום, ווען דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט און אונדזערע

שיפן זײַנען זיך צוריק צונויפגעקומען, האָט אָבער „סי־17" געפעלט צווישן זיי. ווענגן דעם, אז ער איז אומגעקומען, האָבן דערציילט די „עס־אָ־עס"־רופן, וואָס מיר האָבן בײַסן שטורעם אופגעכאפּט, און דאָס האָבן אונדז אויך באשטעטיקט די עטלעכע געראטעווטע פון דעם מינענטרעגער, וועלכע אונדזער פלאגמאַן האָט אין א פּאָר טעג ארום אראָפּגענומען פון א שיפל. פאר מיר איז דער אונטערגאנג פון „סי־17" געווען באזונדערס ווייטעקדיק: מיט אים איז דאָך אומגעקומען מײַן כאַווער טאָם.

— אָבער דער גורל האָט געוואָלט אנדערש. און אין א וואָך ארום האָבן מיר אין איינעם א טאָג דערזען, ווי איבערן יאַם טראָגט זיך א קליין שיפעלע, און באלד האָבן מיר ארופגענומען אפן באָרט פון אונדזער „מינעסאָטא" דעם איינציקן פּאסאזשיר אירן, וואָס איז געלעגן אפן דעק א פארכאלעשטער. דאָס איז געווען טאָם. ער האָט נאָך ארויסגעוויזן שוואכע לעבנס־צייכנס. מיט גרויס מי האָט זיך אײַנגעגעבן אים אומצוקערן צום לעבן, און זײַן מעכטיקער קערפּער־געבוי האָט אים דערמעגלעכט גיך זיך ווידער צו שטעלן אף די פיס.

— נאָר אן אָפּגעראטעווטער פון טויט, איז אים באשערט געווען ארײַנצופאלן אין נאָך א ביטערער צאָרע. איר וועט זיך ווונדערן; וואָס קען נאָך זײַן ביטערער פארן טויט? איז הערט זשע, וואָס ס'איז זיך ווײַטער פארלאָפן מיט מײַן אָרעמען פרײַנט.

— צווישן די געראטעווטע פון „סי־17", וועגן וועלכע כ'האָב שוין פריִער דערציילט, איז צום אומגליק געווען אויך טאָמס פארביסענער פײַנט — יענער באָצמאן, וועלכער האָט אים ניט געקאָנט מויכל זײַן די שווארצע הויט זײַנע. עמעס, דאָ אפן פלאגמאַן איז דער נעגער ניט געשטאנען אונטער זײַן רעשוס, און דירעקט רוידעפן האָט ער אים ניט געקאָנט, אָבער די סינע האָט אין אים ניט ווייניקער געקאָכט, און ער איז געפאלן אף א טײַוולאָנישן פּלאַן — אויסצונוצן טאָמס ראטעווען זיך אף צו דערלאנגען אים א טויט־קלאַפּ. און ניט נאָר אים אליין — דורך דעם אויך דעם גאנצן פארהאסטן נעגערישן פאָלק. און ער האָט אָנגעגעבן דעם אדמיראל א מעלדונג, אז בײַס די „סי־17" האָט געהאלטן באם אונטערגיין, האָט ער אליין געזען, ווי דער נעגער מיט נאָך צוויי מאטראָסן, ווײַסע, האָבן פארכאפּט א שיפל און אָפּגעשווימען. אָבער פון די דרײַ מאן איז געבליבן בלויז איינער... און דאָ האָט דער באָצמאן געמאכט אן אויספיר, אז ווײַבאלד טאָם איז נאָך א וואָך שווימען איבערן יאַם אָן לעבנס־מיטלען ניט אומגעקומען פון הונגער, און די אנדערע צוויי זײַנען מיט אים ניטאָ, איז דאָס א סימען, אז דער נעגער, וועלכער איז שוין פון אלעמאָל



באקאנט מיט זײַן ווילדקײַט און פיזישער גוווּרע, האָט זײַנע מיטפאָרער דערמאָרדעט און אופגעגעסן...

— מ'האָט גענומען דעם אומגליקלעכן צום פארהער. נאָך דעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווי דאָרטן איז צוגעגאנגען, ווי טאָם האָט זיך פארטיידיקט, האָט געשוואָרן, אז די, וואָס זײַנען געווען מיט אים אין שיפל, זײַנען אויסגעגאנגען פון הונגער, ווי ער האָט זייערע טויטע קערפּערס ארײַנגעוואָרפן אין וואסער... אָבער געגלייבט האָט מען, פארשטייט זיך, ניט אים, נאָר דעם ווײַסן, און די שוידערלעכע באשולדיקונג איז געבליבן הענגען אף אים.

עמעס, ווען די נײַס האָט זיך פארשפּרייט, האָט קיינער פון אונדז אף א רעגע ניט געגלייבט, אז דער גוטמוטיקער טאָם, דער איבערגעגעבענער כאַווער, וועלכער האָט בײַ זײַן גאנצער אויסטערלישער גוווּרע קיינמאָל קיין פליג אף דער וואנט ניט אָנגערירט, איז פייִק אף אזא שוידערלעכן פארברעכן. העלפן אָבער האָט דאָ קיינער ניט געקאָנט, און ווען טאָם איז, לויטן אדמיראלס באפעל, פארשפּאַרט געוואָרן היִנטער גראטעס, קעדיי נאָכן צוריקער קיין אמעריקע איבערגעגעבן צו ווערן דעם קריגס־געריכט, האָבן מיר אלע מיט שטומען קאַס געבײַלט די פויסטן, און בײַ אלעמען האָט געברענט דער צאָרן אפן געמיינעם באָצמאן. און מער ווי בײַ אלעמען — בײַ מיר.

עס זײַנען אוועק א פּאָר כאדאָשים. אונדזער נעסיִע איז שוין געגאנגען צום סאָף, און מיר האָבן זיך געגרייט אומצוקערן אהיים. עס רעדט זיך אָבער לײַכט: א פּאָר כאדאָשים! פאר מיר

איז די צײַט געװען שװידערלעך לאַנג און אָנגעזעטיקט מיט שװערער פּײַן. קײן אײן מינוט האָב איך ניט אופגעהערט צו קלערן װעגן דעם, װאָס עס װאַרט אַף טאָמען, װען ער װעט געשטעלט װערן פאַרן קריגס־געריכט. און דאָס טרויעריקע בילד, װי דער געטרײַער כאַװער מײַנער ליגט איצט אין אײנזאַמקײַט, אַן אומבאַהאָלפענער, האָט מיך טאָג און נאַכט געפּלאָגט. מע מוז אים ראַטעװען, ראַטעװען! און טאָן מוז איך דאָס! װײַל... װען איך װאָלט פריִער אים ניט אָפּגערעדט פון אַנטלױפן, װאָלט דאָך צו דעם אומגליק ניט געקומען! מײַן געװיסן האָט מיך פאַרפּײַניקט, און איך האָב איבערגעקליבן אָן אַ שיר פּלענער, װי צו ראַטעװען מײַן כאַװער, אָבער אַלע פּלענער מײַנע זײַנען צעשמעטערט געװאָרן אָן דער אײַזערנער טיר פון קאַרצער.

און אָט געפינען מיר זיך שוין אַפן װעג אַהײם...

אין פיל האַפנס האָט אונדזער עסקאַדריליע זיך אָפּגעשטעלט, אָבער אין ערגעץ האָבן מיר, מאַטראָסן, ניט באַקומען קײן אורלויב אַראָפּצוגײן אַפן ברעג. דער ערשטער פּאָרט, װו מ'האָט אונדז אָפּגעלאָזן אַף אַ גאַנצער נאַכט אַפן ברעג, איז געװען מאַרסעל. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַף דער פרײַ און אַ גאַנצע נאַכט געהוליעט אין די האַפן־שענקלעך. אָבער װען ס'איז אָנגעקומען דער באַגינען און די אָפּגעלאָזענע אַף אורלויב האָבן זיך גענומען אומקערן צוריק אַף די שיפן, האָט אונדזער גרופּע פון „מינעסאָטאַ” מיטגעבראַכט מיט זיך אַ צעשטאָכענעם מענטשן, װעמען מיר האָבן געפונען ליגנדיק אין אַ טײַך בלוט אין אַ זײַטיקן האַפן־געסל. מיר האָבן דערקענט אין אים אײנעם פון אונדזערע יאַם־לײַט, דעם געראַטעװעטן באָצמאַן פון דער אונטערגעגאַנגענער „סי־17”.

מיט מאַטערניש האָבן מיר אַרופגעטראָגן דעם פאַרװוּנדעטן אַפן דעק און אים דאָ אװעקגעלײגט. ער איז שוין געװען אין אַזאַ שװערן צושטאַנד, אַז דער שיף־דאָקטער האָט פאַרװערט אַראָפּטראָגן אים איבער די שמאָלע געדרײטע טרעפּלעך אין שפּיטאָל אַרײַן. צו װאָס אים נאָך שלעפּן און מאַטערן, װיבאַלד ער האַלט שוין באַם שטאַרבן? מיר אַלע זײַנען געשטאַנען אַרום און, שוין אויסגעניכטערטע פונעם באַנאַכטיקן רויש, זיך צוגעקוקט, װי דער דאָקטער פּרוּװט נאָך װי־עס־איז פאַרלײַכטערן די לעצטע יעסורים פון דעם שטאַרבנדיקן. און אַזױװי ער האָט זיך געװאָרפן אין היץ און זײַנע פאַרשמאַכטע ליפּן האָבן הילפלאָז געצוקט, האָט מיטאַמאָל זיך דערטראָגן צו אונדז אַ מורמלען, אַזױ װי פון יענער זײַט לעבן, און האָט אַרופגעװאָרפן אַן אײמע אַף אַלע אַרומשטײענדיקע.

— פאַרן טויט, — האָט דער גויסעס אַרויסגעבראַכט מיט אַ קײװער־שטים, — זיך מוידע... טאָם... ניט... שולדיק... אויסגעטראַכט... איך... זײַ מויכל, גאָט... זײַ...

ער איז אַנשװיגן געװאָרן, אַנשװיגן אַף אײביק. און איך האָב אומבאַמערקט אָפּגעװישט אַ קאַלטן שװײס פון שטערן, און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער שװערער צײַט מיט דערלײַכטערונג אָפּגעעטעמט. מײַן כאַװער איז געראַטעװעט! און דאָס באַװוּסטזײַן, אַז געראַטעװעט אים האָב איך...

— איר... געראַטעװעט?! — האָט דער צוהערער מיט שטוינונג אים איבערגעשלאָגן. — איר? װיִאַזױ, איר?!

— איר האָט פאַרגעסן, אַז איך בין געװען אַ בויך־רײדער?.. — האָט מײַק געענטפערט מיט אַ פראַגע און אָנגעקוקט דעם זשורנאַליסט מיט אַ שאַלקהאַפטיק בליק. — מײַן קונסט איז צוניץ געקומען...

— און דעם... באָצמאַן?.. װאָס זשע איז געשען מיט אים? — האָט דער זשורנאַליסט געפרעגט און טײקעף אַ טראַכט געטאָן, אַז אײגנטלעך, איז די פראַגע אַן איבעריקע...

דער באַרמען האָט אַרופגעלײגט אַ הײסע ציטערנדיקע האַנט אַפן אַקסל פונעם זשורנאַליסט, האָט אַ װײַלע געשװיגן און נאָכדעם, אָנשטאָט אַן ענטפער, װײַטער גענומען רײדן:

— אָט האָב איך אײַך דערצײלט אַלץ. קײן סאָך איז שוין ניט געבליבן... װי נאָר „מינעסאָטאַ” איז אַרויס אין יאַם, האָט דער אַדמיראַל באַפרײַט טאָמען. עפשער ניט מיט גרויס כײשעק, אָבער ער האָט דאָס געמוזט טאָן, װײַל צופיל אײדעס האָבן געהערט דעם באָצמאַנס לעצטע װידע. מע האָט טאָמען מיט טריִומף אַרופגעפירט אַפן אויבערדעק, װוּ דער גאַנצער עקיפּאַזש האָט אים אופגענומען מיט גרויס פרײד. אָבער ער האָט קײן װאָרט ניט געזאָגט, ער האָט אַלץ געלאָזט טאָן מיט זיך, און אַזױ האָט ער זיך אופגעפירט די גאַנצע נעסיִע: ער האָט זיך שװײַגנדיק און גלײַכגילטיק אַרומגעדרײט און נאָר געגלאָצט מיט די אויגן און אָנגעװאָרפן אַ שרעק אַף אַלעמען. מע האָט אים גענומען אויסמײַדן, און דער אײנציקער, װאָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג, בין געװען איך. איך האָב אים אַלץ געפּרוּװט פאַנאַנדערװיגן:

— אָלד באָי, װאָס איז מיט דיר דער מער? טרײסל זיך פאַנאַנדער, אַלץ װעט נאָך זײַן גוט...

אָבער ער האָט ניט געענטפערט, ער האָט נאָר אָן אויפהער געדרײט מיט זײַנע מוירעדיקע װײַסלען.

סאָפּקאָלסאָף האָב איך פאַרלאָרן די האָפענונג, קאַלזמאַן מיר זײַנען אַפן שיף, אים צו ברענגען צו־זיך, ווײַל דער אופהאלט אַף דער שיף איז פאַר אים פאַרבונדן מיט שווערע איבערלעבונגען און זיכרוינעס. און דעריבער האָב איך געטראַכט, אַז זײַן איצטיקער צושטאַנד וועט אין שפּיטאָל זיך פאַרבעסערן מיט דער צײַט.

אָבער וואָס נעענטער מיר זײַנען געקומען צום אַמעריקאַנער ברעג, איז טאָם אַלץ אומרויִקער געוואָרן. ער איז געוואָרן באַוועגלעכער, האָט אָנגעהויבן ארומלויפן איבערן אויבערדעק, און איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט:

— מיר קומען... אין אַמעריקע... פאַרן געריכט... דו אַליין... מיך שלעפּן צום געריכט... האַ?

איך האָב אים באַרויִקט, אַז מע וועט אים ניט מישפּעטן, אַז ער איז א פרײַער מענטש, אַז די שולד איז פון אים אַראָפּגענומען.

— כ׳דאַרף אָבער שטיין... פאַרן געריכט! — האָט ער גענומען ליאַרעמען. — איך — שולדיק! איך — א מענטשנפרעסער! געווען אַף מילכאָמע! געהארגעט! צום געריכט! צום געריכט!

אַזעלכע סצענעס האָבן זיך גענומען איבערכאַזערן אַלץ אָפטער.

אונדזער עסקאַדריליע איז שוין אַרײַן אין די אַמעריקאַנער וואַסערן. מיר האָבן גענומען דעם קורס צום דעלאַוואַר־טײַך, צום פילאַדעלפער פלאָט־הויף, וווּ אונדזערע שיפן האָבן שוין געזאָלט פאַרבלײַבן אַף קאָנסערוואַציע. און פאַרן אַרײַנפאָר אין דער בוכטע האָט דער אַדמיראַל געהאַלטן פאַר אונדז א געזעגענונגס־רעדע.

— באָיס! — האָט ער געזאָגט. — פון איצט אָן זײַט איר פרײַע מענטשן! איר האָט געטרײַ געדינט און הויך געהאַלטן דעם קאָוועד פון אַמעריקאַנער פלאָט. לאָמיר זיך געזעגענען מיט אונדזער אַלטן קרייסער — מער וועט אונדז שוין ניט אויסקומען זיך זען מיט אים!

אַלע זײַנען געשטאַנען פאַרטראַכט, יעדער איינער פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן דער אייגענער צוקונפט. איך האָב געקלערט וועגן מײַן אָרעמען פרײַנט.

אַז אונדזער שיף איז צוגעשטאַנען צום ברעג, האָט דער אַדמיראַל מיך אַרײַנגערופן צו זיך און געזאָגט:

— דאַכט זיך, דו ביסט דעם נעגערס פרײַנט. פיר אים אָפּ אין מיליטער־שפּיטאָל. אָט האָסטו אַן אָרדער.

ווען אַלע זײַנען שוין אַראָפּ פון שיף, בין איך צוגעגאַנגען צו טאָמען, אים גענומען אונטערן אָרעם און געוואָלט אַראָפּפירן. אָבער ער האָט זיך א ריס געטאָן פון מיר, אויסגעגלאָצט א פּאָר ווילדע אויגן און געטאָן א ברום:

— וווהין... פירסט?!

— אַפן ברעג. מיר פאָרן קיין ניו־יאָרק, זיך ווײַטער נעמען צו אונדזער אַלטער אַרבעט. מער דאַרף מען שוין ניט דינען.

— אַוועק! — האָט ער א מוירעדיקן געשריי געטאָן. — איך ניט אַראָפּ! וואַרטן... ביז מ׳וועט קומען מישפּעטן.

איך האָב זיך גענומען בעטן בא אים, נאָכדעם געפּרוּווט ווירקן מיט שטרענגקײַט, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. ער האָט געהאַלטן אין איין שרײַען:

— לאָזט מיך! איך וואַרט! טאָר ניט אַראָפּ פונדאַנען! כ׳בין דאָך א מענטשנפרעסער!

ער האָט מיר דערלאַנגט אַזא זעץ, אַז כ׳האָב זיך אַוועקגעקײַקלט, ווי א פּילקע. איך בין אַוועק אין שפּיטאָל ברענגען סאַניטאַרן. אָבער פאַר דער צײַט האָט טאָם באַוויזן זיך אַזוי צו פאַרבאַריקאַדירן, אַז מע וואָלט געדאַרפט פירן אַן עמעסע באַלאַגערונג, קעדיי צוצוקומען צו אים. און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן: אַזױװי די שיף איז אַן אויסגעדינטע, זי איז שוין קיינעם ניט נייטיק, און אַזױװי דער נעגער איז שוין אויך קיינעם ניט נייטיק, — איז וועמען אַרט דאָס, וווּ דער צעבראָכענער שאַרבן וועט דאָ פאַרענדיקן זײַנע טעג? איז זאָל ער בלײַבן אַף דער שיף. לאַנג וועט ער דאָך שוין סײַווי ניט ציִען...

און מע האָט אים ניט געטשעפּעט.

— דערווײַל איז צוגעקומען דער בוקסיר. ער האָט דעם קרייסער מיט זײַן איינציקן אויסטערלישן פּאַסאַזשיר אָפּגעפירט אין דער בוכטע, און ווען מע האָט טאָמען געלאָזט צורו, איז ער שטיל געוואָרן. ער האָט נאָר געשריִען און געבושעוועט, זעענדיק, אַז עמעצער דערנענטערט זיך צו אים. אַפילע זײַן שפּײַזער, דעם סאַניטאַר, וואָס האָט אים יעדן טאָג געבראַכט עסן, האָט ער אויך שטענדיק באַגעגנט און באַגלייט מיט ווילדע געשרייען און זידלווערטער, און יענער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע מיטן זופּ פונדערווײַטן און איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

— נאָך מײַן דעמאָביליזירונג בין איך א לענגערע צײַט געזעסן אין פילאַדעלפיע, איך בין יעדן טאָג געגאַנגען געוויר ווערן טאָמען. אָבער ער האָט מיך אויך באַגעגנט, אַזוי ווי אַלעמען, און כ׳האָב געמוזט שטיין פונדערווײַטן און מיט פאַרביסענע ליפּן און ווייטעק אין האַרצן צוזען דעם טרויעריקן סאָף פון מײַן כאַווער.

— נאָכדעם בין איך אַוועק, ווײַל העלפן האָב איך דאָך סײַווי מיט גאָרנישט ניט געקאָנט, און דאָס לעבן האָט געפאָדערט זײַנס. איך האָב ווײַטער זיך אַרומגעטראָגן איבערן לאַנד —

איצט שוין אליין, אָן מײַן געטרײַען טאַמען — כ׳האָב זיך געוואָרפן פון אטלאנטיק צום פאסיפיק, איבערגעטאָן אלע מעלאָכעס, און צום סאָף, ווי איר זעט, זיך אײַנגעאָרדנט דאָ. צו מײַן שאנד, מוז איך זיך מודיע זײַן, אז אין מעשעך פון די יאָרן האָב איך אפילע ביסלעכווײַז פארגעסן אין טאָמען. יאָ, פארגעסן... און אָט האָט איר מיר דערמאָנט אין אים און אופגערודערט די אלטע וווּנדן...

ער האָט געפּרווּוט צוטראָגן א פארהארטעוועטן פינגער צום אויג, אָבער אים באלד צוריק אָפּגעריסן, קעדיי דער מיטשמועסער זאָל ניט זען זײַן שוואכקײַט, און מיט א ציטער אין שטים האָט ער ווײַטער גערעדט:

— און ווען איך האָב זיך ווען־ניט־איז יאָ דערמאָנט אין אים — איז דאָס געווען א דערמאָנונג וועגן א טויטן. ווײַל איך בין זיכער געווען, אז ער איז שוין געשטאָרבן.

און מיטאמאָל האָט ער זיך א פּאטש געטאָן איבערן שטערן און היציק אויסגערופן:

— אָ, וואָס פאר אן אויסוווּרף איך בין! אזא געמיינער מענטש, ווי איך בין! ווען איך וואָלט אים דעמלט ניט אָפּגערעדט...

ער האָט ניט פארענדיקט, נידעריק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פארטראכט. און קוקנדיק אף דעם, ווי זײַנע ליפּן צוקן און ווי די הויט־בײַטעלעך אונטער זײַנע אויגן גיסן זיך פּאמעלעך אָן מיט א ראָזקײַט, האָט דער זשורנאליסט געקלערט וועגן דעם, ווי דאָס געוויסן מוז פּײַניקן דעם דאָזיקן מענטשן, פּײַניקן פאר זײַן ניט פילבארקײַט און קורצזיכטיקײַט, וואָס האָט דערפירט זײַן כאווער צום אומקום.

נאָוועלעטן

דאָס מענטשעלע אין ברונעם

אין א הייסן זומער־טאָג האָט דער טאטע צוגעפירט מיך, דעם דעמלט זעקסיאָריקן, צום ברונעם און געזאָגט:

— און איצט וועלן מיר אָנשעפּן וואסער און זיך אָנטרינקען!

איך האָב זיך אריבערגעבויגן איבערן מאָךבאוואקסענעם ראנד, אראָפּגעקוקט אין דער קאלטער סוידעספולער טיפקײַט און דערזען, ווי פון דעם טונקל־גלאנציקן פירעק קוקט ארויס א קליין מענטשעלע מיט אן אומעטיק פּנעמל.

— דאָס איז דאָס ברונעם־מענטשעלע, — האָט מײַן פאָטער דערקלערט, דרייענדיק דאָס הענטל פונעם וואלץ און אָפּוויקלענדיק די קייט מיטן עמער, — באלד וועט ער אונדז ארופשיקן פון דאָרטן א מאטאָנע.

די קייט האָט געסקריפּעט, דער עמער האָט טאנצנדיק זיך אראָפּגעלאָזט אלץ טיפער, צום סאָף האָט פון אונטן זיך דערטראָגן א פּליאָשק, נאָכדעם האָט זיך דערהערט א זשעדנע שעפּערײַ, און מײַן פאָטער האָט מיט אָנשטרענג גענומען ארופציִען די סקריפּענדיקע קייט.

ווען דער אָנגעפילטער בלישטשענדיקער און טריפנדיקער עמער איז שוין געשטאנען אפן ראנד ברונעם און מיר האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט זײַן קלאָר, פריש וואסער צוזאמען מיט זונהעזעלעך, האָט זיך מיר ווידער פארוואָלט כאפּן א קוק אין דער ברונעם־טיפקײַט, אף דעם מענטשעלע, ווי עס זעט אויס איצט, נאָכן דערלאנגען אונדז די דערקוויקנדיקע מאטאָנע.

אָבער כ׳האָב עס שוין ניט געזען. איצט איז אונטן אלץ געווען צערודערט, ס׳האָבן געקרײַזט לוסטיקע רייפן, און אף זיי האָט זיך געשאָקלט און געטאנצט עפּעס א באוועגלעך געשטאלטל, וואָס איך האָב בעשום־אויפן ניט דערקענט.

— ווו איז געבליבן דאָס קליינע מענטשעלע? — האָב איך דערשטוינט געפרעגט. — אף זײַן אָרט זע איך גאָר טאנצן א פרעמדן, א פריילעכן, ער טאנצט און שמייכלט, טאנצט און שמייכלט!

דער פאָטער האָט אראָפּגעקוקט און געזאָגט:

— דאָס איז דאָס זעלביקע מענטשעלע, מײַן קינד, נאָר עס איז שוין ניט אזוי אײַנגעשטאָנען און פארשלאָפן, ווי פריִער. איצט ווע‌סטו דאָס נאָך ניט פארשטיין, אָבער געדענקען זאָלסטו — רירעוודיק און פריילעך ווערט א מענטש נאָר דעמלט, ווען ער הערט אוף צו לעבן נאָר פאר זיך אליין און טיילט זיך מיט אנדערע.

א שמועס אף די טרעפּ

איך האָב געפירט צו מיר אהיים א גאסט, א פּענסיאָנער. מיר זײַנען ארוף איין שטאָק, דערגאנגען ביז א העלפט פונעם צווייטן. און דאָ איז מײַן מיטגייער געבליבן שטיין זיך אָפּרוען.

— א שווער שטיקל ארבעט, — האָט ער געזאָגט א פּארסאָפּעטער. — און וויפל טרעפּ זײַנען דאָ פאראן? — האָט ער געוואָלט וויסן גענוי.

— זאָגן אײַך דעם עמעס, — האָב איך זיך מוידע געווען, — איך האָב קיינמאָל ניט געציילט.

— ווי? איר ווייסט גאָר ניט, וויפל שטופּעלעך איר שטײַגט ארויף? — האָט ער מיך אָנגעקוקט פארוונדערט און ווידער א פרעג געטאָן. — ווי לאנג ווױנט איר שוין... אין דער דירע?

— איבער צען יאָר.

— און איר שטײַגט דאָך טרעפּ־ארויף... אוואדע דרײַ־פיר מאָל א טאָג? לאָמיר נעמען דורכשניטלעך צוויי מאָל א טאָג. הייסט עס, אז איר האָט פאר דער צײַט זיך אופגעהויבן אף די טרעפּ... — ער האָט א טראכט געטאָן, — א קײַמעלאָן פון איבער זיבן טויזנט מאָל! און איר האָט אפילע קיין איין מאָל ניט געפונען פאר נייטיק איבערצוציילן די שטיגן אונטער אײַערע טריט? א לײַכטזיניקער מענטש זײַט איר, אָט וואָס!

און ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אזא פאָרוורף, אז כ׳האָב זיך טאקע פארשעמט פאר מײַן לײַכטזיניקײַט. כ׳האָב געפּרוּווט זיך פארענטפערן:

— אז כ׳גיי אלעמאָל אזוי גיך... כ׳באווײַז פּאָשעט נישט צו ציילן.

דערמיט אָבער האָב איך נאָך ערגער געמאכט. ווײַל דער פּענסיאָנער האָט בײַסיק א זאָג געטאָן:

— אהא, גיך גייט איר! — און זיך אָנגעביי־זערט. — איר פארגעסט מיסטאמע, אז איר זײַט שוין ניט קיין יינגל? אז אין אײַער עלטער דארף מען שוין גיין פּאמעלעך, טריט בא טריט? מ׳דארף אײַך דאָס דערמאָנען, האַ?

ער האָט מיך לאנג געמוסערט. אזוי לאנג און אזוי גרינטלעך, אז סאָפּקאָלסאָף האָב איך טאקע באשלאָסן זיך צו נעמען אין די הענט, צו ווערן אף דער עלטער א שטיקל מענטש און אָנהייבן זיך היטן דאָס געזונט.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך גענומען שטעלן געמאָסטענע טריט אף די טרעפּ. כ׳האָב אפילע באוויזן אויסצוציילן די שטיגן, און צום ערשטן מאָל נאָך צען יאָר האָב איך זיך דערוווּסט, אז די צאָל זייערע איז הונדערט. ניט מער און ניט ווייניקער. און דאָס הייב איך זיך ארויף צוויי־דרײַ מאָל א טאָג. טאקע ניט קיין גרינגע ארבעט! אָבער דעם עמעס גערעדט — איך האָב דאָס ערשט איצט באמערקט. ערשט איצט, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן זיך אָפּשטעלן און ציילן די שטופּעלעך, האָב איך דערפילט, אז די מעלאָכע איז א שווערע און אז, אייגנטלעך, בין איך שוין אויך ניט קיין יינגל.

דאָס אײַנזעענדיק, האָב איך א טראכט געטאָן: „נו, זאָל דער פּענסיאָנער זאָגן וואָס ער וויל — מער פאָלג איך אים ניט!"

און זינט דעמלט שטײַג איך ווײַטער ארויף אף די טרעפּ, ניט אָפּשטעלנדיק זיך און ניט ציילנדיק, ווײַל איך ווייס, אז נאָר דעמלט, ווען איך קוק זיך ניט אונטער די פיס, ווען איך צייל ניט און מעסט ניט מײַנע טריט און ניט די שטיגן, איז מיר לײַכטער בײַצוקומען דעם ארופגאנג.

א מאָדע אזא...

מיר זײַנען געזעסן אין א גערטעלע, און זי האָט דערציילט וועגן אירע פינצטערע יאָרן אין דעם היטלערישן קאָנצלאגער.

פארבײַ אונדזער באנק זײַנען דורכגעגאנגען א סאך מענער און פרויען. דאָס ראָוו פרויען האָבן געטראָגן היטעלעך פון דער דעמלט־פארשפרייטער מאָדע: א טשאלמע ארומגעדרייט ארום קאָפּ, איבערן שטערן פארבונדן מיט א קאָקעטישן קנופּ און פארוקט א ביסל אָן א זײַט.

וועלנדיק צעשטרייען מײַן מיטשמועסערן און אריבערפירן דעם געשפּרעך אף אן אנדער קאָליע, האָב איך אָנגעוויזן אף א פרוי אין אזא היטעלע:

— איר מערקט, ווי באליבט די דאָזיקע מאָדע איז איצט? און דעם עמעס גערעדט, איז זי טאקע ניט שלעכט. די היטעלעך גיבן צו דעם פּאָנעם א שפּילעוודיקן, א ביסל א לײַכטזיניקן אויסדרוק. זיי קאָנען טאקע געפעלן, די היטעלעך.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט פארטראכט, — זיי קאָנען טאקע געפעלן. זיי קאָנען...

און נאָכדעם אין גרויס צערודערונג זיך צערעדט:

— כ׳דערמאָן זיך, וואָס פאר א געלעכטער ס׳האָט געהילכט אין אונדזער באראק די גאנצע נאכט... דעמלט, ווען מיר האָבן דערזען איינע די אנדערע מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ. געלאכט, ווי מיר וואָלטן אלע אראָפּ פון זינען. ס׳איז געווען א ווילדער, היסטערישער געלעכטער. אָבער, געקומען א ביסל צו־זיך, האָבן מיר באלד גענומען אויספּראוועון פון אונדזערע שמאטעס פּאטשיילקעס, האָבן זיי פארבונדן מיט א קנופּ איבערן שטערן, עס זאָל זיך ניט ארויסזען די אָפּגעגאָלטקײַט, און גענומען טראָגן פארוקט אָן א זײַט, ס׳זאָל אויסקוקן קאָקעטיש. פּאָרט פרויען! און די ערשטע צײַט נאָך דער באפרײַונג, ווען מיר, די עטלעכע לעבנגעבליבענע, האָבן נאָך ניט באוויזן אראָפּצונעמען די פּאטשיילקעס, האָט מען אונדז שוין

גענומען נאָכמאַכן. פּרוּװען האָבן אײַנגעזען, אַז זיי גיבן צו, ווי איך זאָגט, אַ שפּילעוודיקן אויסזען. און אַזוי זײַנען די דאָזיקע היטעלעך אַרײַן אין דער מאָדע. ווייסן זיי אָבער, די דאַמען, — האָט זי צוגעגעבן, — פֿונוואַנען די דאָזיקע שפּילעוודיקע מאָדע נעמט זיך?

די אומבאַקאַנטע גאַס

אין דער שטאָט בין איך געבאָרן און גע־וואַקסן. אַלע גאַסן און געסלעך זײַנען מיר דאָ באַקענט. אין אַלע פּאַרקן און סקווערן בין איך היימיש. כ'בין באַהאַוונט אין אַלע פֿאַרבאַר־גענע ווינקעלעך.

אַזוי האָט זיך מיר לעכאַלהאַפּאַכעס אויסגע־דאַכט ביז יענעם טאָג, ווען איך בין פֿאַרבײַגע־פֿאָרן אַ דערווײַטערטן טייל שטאָט, און דורכן פֿענצטער פֿון אויטאָבוס דערזען אַן אומבאַ־קאַנטע געגנט. איך האָב צוגעשפּאַרט דעם שטערן צו דער שויב און נײַגעריק זיך אײַנגע־זויגן מיט די בליקן אין דעם דרויסן, וואָס איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן פֿאַרן פֿענצטער.

די זשעדנעקייט, מיט וועלכער כ'האָב אײַנ־געזאַפּט די אײַנדרוקן פֿונעם געזעענעם, האָט זיך מיסטאָמע שטאַרק געוואָרפֿן אין די אויגן, ווײַל מײַן שכן אויף דער באַנק האָט זיך גע־ווענדט צו מיר מיט אַ העפֿלעכער פֿראַגע:

— איר זײַט געוויס אַ טוריסט? צום ערשטן מאָל בײַ אונדז אין שטאָט?

— דאָס דאַפֿקע ניט, — האָב איך געענטפֿערט אַ ביסל געטראָפֿן, — אין דער שטאָט לעב איך זינט איך בין געבוירן, און ביז הײַנט האָב איך אַלץ געמיינט, אַז איך קען זי גוט. אָבער אָט האָב איך דערזען אַ געגנט...

— וואָס איז פֿאַר אײַך נײַ? — האָט ער איבערגעשלאָגן. — איך פֿאַרשטיי אײַך. אַזאַ מין זאַך רופֿט אַרויס נײַגער און צוגלײַך אויך אַ שטיקל פֿאַרדראָס: ווי קומט דאָס, אַז איך, אַזאַ קענער און אַזוי ווײַטער... אָבער זאָגט דעם עמעס, — ער האָט מיך ערנסט אָנגעקוקט, — אָט, איר זײַט שוין אַ מענטש אַ באַיאָרטער, שוין געהאַט געגנוג צײַט אַרײַנצוקוקן אין זיך. זיך קענט איר גוט?

די פֿראַגע האָט מיך געפּלעפֿט.

— ווער־וואָס הייסט? — האָב איך געשטאַמלט. — איך מ־מיין... אַז יאָ...

— אַוודאי אויך אַזוי, ווי די שטאָט, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. — בײַ אַ געוויסן טאָג דאַכט זיך אײַך, אַז איר קענט אין איר אַלץ. און מיטאַמאָל דערזעט איר אַ ווינקעלע, אַ געסל, אַ גאַנצע געגנט, וואָס איז פֿאַר אײַך נײַ און אומבאַקאַנט. איך האָב באַמערקט, מיט וואָס פֿאַר אַן אופֿגעוועקטן אינטערעס איר האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פֿאַר אײַך נײַעם אַרום. דערבײַ האָט איר זיך אויך אַ ביסל אונטערגע־שעמט. יאָ, יאָ, איך האָב געזען! איז אָט... אַהאַ, איך מוז שוין אויסשטײַגן! — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן און אופֿגעהויבן פֿון אָרט. פֿאַרן אוועקגיין האָט ער זיך נאָך צוגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

— איז ווינטש איך אײַך, אַז מיט דער זעל־בער גיריקייט און טאַקע מיטן זעלביקן בושע־געפֿיל זאָלט איר זיך צוקוקן צו די גאַסן און געסלעך, וואָס איר אַנטפּלעקט אין זיך.

כאַרעווע הערצער

יעדן פֿרימאָרגן רײַסט ער זיך אַרײַן צו מיר, ווי אַ ווינט, דער שאָכן מײַנער. אַנשטאָט אַ גוטמאָרגן רוקט ער מיר אין פּאָנעם אַ פֿרישע בלאַט־צײַטונג און רופֿט אויס מיט טריומף:

— איר זעט? אָט דערלאַנגט מען אים דאָס אַ פּאַרציע!

און מיט אַן אונטערטאַנצנדיקן פֿינגער טײַטלט ער אויף אַ פֿעליעטאָן, אין וועלכן עמעץ ווערט שאַרף אָנגעגריפֿן.

— איר קענט אים, דעם מענטשן? — פֿרעג איך.

— ניין! אָבער וואָס איז די באַפּקעמינע? — און דאָ נעמט ער זיך שטאַרק היצן. — אַז מ'זידלט אים, איז ער דאָך מיסטאָמע ווערט! אײַ איז ער ווערט! נו, מיט אים איז שוין איצט פֿאַרענדיקט, ער וועט שוין זײַן פּאַסקודנעם פּאַרצעף ניט קאָנען ווײַזן מער צווישן מענטשן! אַ רעכט אויף אים!

און אַלעמאָל אַזוי. ווען אַ מענטש לײַדט אַ מאַפּאַלע — אַ באַקאַנטער צי אַן אומבאַקאַנטער, דאָס שפּילט קיין ראָל ניט — איז ער שטאַרק אופֿגעראַמט, מײַן ליבער שאָכן. דעריבער ליי־ענט ער אין צײַטונג בלויז די אַרטיקלען, ווו מע זידלט עמעצן; אַ בוך בלעטערט ער דורך נאָר דעמלט, ווען ער האָט געהערט, אַז די קרי־טיק האָט אים אַראָפּגעריסן; אין טעאַטער גייט ער נאָר אויף די ספּעקטאַקלען, וואָס באַקומען שלעכטע רעצענזיעס; ער קוקט בלויז אַזעלכע פֿילמען, ווו עס ווערט באַוויזן, ווי מענטשן פֿאַלן אַרײַן אין קאַלערליי אומגליקן, און ווען ער גייט אין גאַס און זעט, ווי אַ מענטש גליטשט זיך אויס און פֿאַלט — לאַכט ער מיט גרויס הנאָה.

אָט אַזאַ איז ער שוין, מײַן שאָכן, דער מענטש מיטן כאַרעוון הערצן און פּוסטע גע־פֿילן. אַמאָל האָט ער טאַקע אויך פֿאַרמאָגט אַ האַרץ און געפֿילן, אַזוי ווי אַלע מענטשן, נאָר אַ האַרץ און געפֿילן מוזן אָן אופֿהער און זאָר־געוודיק באַפּײַכט ווערן מיט זאַפֿטן פֿון מענטש־

לעכקײַט. ער האָט דאָס ניט געטאָן, זיי ניט אופגעפאסט, ניט געכאָוועט, — און זיי זײַנען בא אים פארדארט געוואָרן, זיך פארוואנדלט אין א הויפן שערבלעך.

א ליבהאָבער פון סטאטיסטיק

איך קען איינעם א מענטשן — א מוירעדיקן ליבהאָבער פון סטאטיסטיק. ער ווייסט אלץ אף דער וועלט — אלע ציפערן, אלע וואָגן און אלע מאָסן. וועקט אים אוף אינמיטן דער נאכט און טוט אים א פרעג, מיט וואָס פאר א טעמפּ עס וואקסן די קרעלן בא א קאץ, און ווער עס באוועגט זיך געשווינדער: א גלעטשער צי א העכט — וועט ער, זיך רײַבנדיק די פארשלאָפענע אויגן און ניט קלערנדיק קיין מינוט, טייקעף ענטפערן, אז:

— די קרעלן אף די לאפּקעס בא א קאץ וואקסן צו אף נול גאנצע און פינף הונדערטלעך מילימעטער אין א מעסלעס, און א גלעטשער באוועגט זיך מיט דער פּאמעלעכקײַט פון נול גאנצע פינף צענטויזנטלעך פון א סאנטימעטער אין א סעקונדע; א העכט אָבער שווימט מיט דער גיכקײַט פון פיר גאנצע פיר צענטלעך מעטער אין א סעקונדע.

אָפּגעזאָגט — וועט ער זיך א קער טאָן מיט א פּלייצע צו דער וואנט, אריבערצי:ען די קאָלדרע איבערן קאָפּ און אײַנשלאָפן מיטן רוי:קן געוויסן פון א מענטשן, וואָס האָט אויסגעפילט זײַן שליכעס אף דער וועלט.

טרעפט איר אים אין גאס — איז פרעגט יאָ, צי פרעגט ניט — וועט ער אײַך פארשיטן מיט קאָלערליי סטאטיסטישע יעדי:עס. איר וועט זיך בא אים דערוויסן, וויפל טאָן עס וועגט א העלפאנד, און וויפל מיליאָן־טײלעכלעך פון א מיליגראם עס וועגט א טיפוס־באציל; וויפל קילאָ גיפט עס קוועלט אָן בייסן ווינטער־שלאָף אין דעם סאם־פּענכער פון א שלאנג, און וויפל האָניק א בין ארבעט אויס אין מעשעך פון א יאָר; ווי טיף עס איז די פעל־קעשענע אפן בויך פון א קענגורו, און ווי לאנג עס איז דער האלדז פון דעם פּאָרהיסטאָרישן לעפּידאזאוור...

דער שקוואל פון אינפאָרמאציע פארכלינעט אײַך אזוי, אז אײַך פעלט אויס אָטעם און איר פּרוּווט זיך מיט אלע מעגלעכקײַטן ארויסדרייען פון זײַנע הענט. אָבער ער האלט אײַך פעסט אָן פאר א קנעפּל און זאָגט גיך־גיך, איר זאָלט ניט באוויי:זן צו אנטלויפן:

— און דאָס ווייסט איר, אז אין דעם טײַך אמאזאָנא אין דאָרעם־אמעריקע ווידמען זיך זיבן הונדערט מינים פיש? און אז אין מעשעך פון איין פרילינג־טאָג פליסן ארויס פון א בערעזע פינף גאנצע איין צענדליק ליטער סאָק?

און אפילע דעמלט, ווען אײַך געלינגט שוין זיך ארויסצוראטעווען און צו אנטלויפן, איבערלאָזנדיק אין זײַנע הענט א פּאָר קנעפּלעך פון אײַער מאנטל, הערט איר, ווי ער שרײַט אײַך נאָך פונדערווײַטן:

— איר מעגט וויסן, אז אין בלוט פון א רעגנווערעם איז פאראן העמאָגלאָבין דרײַ גאנצע און זיבעציק הונדערטלעך פון א...

איינמאָל, ווען איך האָב אים באגעגנט און ער האָט, ווי שטענדיק, אָנגעהויבן שיטן סטאטיסטישע יעדי:עס, האָב איך שוין ניט אויסגעהאלטן און אים איבערגעשלאָגן:

— וויבאלד איר זײַט שוין יאָ אזא בעריע און קלײַבט זיך אזוי גוט פאנאנדער אין אלע וואָגן און מאָסן און צאָלן אף דער ערד און אין די וואסערן און אין די אינגעווייידן פון אלע באשעפענישן, — וואָלט ניט געווען א יוישער, איר זאָלט מיר אופקלערן, וואָס עס טוט זיך אין מיר, אין אײַך, ביכלאל אין אלע מענטשן? ווי עס האלט בא אונדז, מענטשן, מיט די מאָסן און מיט די וואָגן?

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט ער זיך געכידעשט. — איך פארשטיי אײַך ניט.

— כ'וואָלט וועלן, אשטייגער, הערן פון אײַך, וויפל טאָן עס וועגט א שווערער מענטשלעכער כאראקטער, און וויפל טײלכעלעך פון א מיליגראם עס וועגט דעם מענטשנס לײַכטזין... ווײַטער ווילט זיך מיר וויסן, וויפל קילאָמעטער עס האלט די לענג פון מענטשנס געדולד. אכוץ דעם — ווי טיף עס זײַנען מענטשלעכע געפילן, ווי ברייט עס קאָן זײַן דעם מענטשנס נאטור. זײַט מויכל און רעכנט מיר אויך אויס, ווי געשווינד עס פליט א מענטשנס געדאנק, ווי הויך עס פארנעמט זיך זײַן פאנטאזיע, ווי גרויס עס איז זײַן אייגנליבע, וואָס פאר א דרוק עס קאָן אויסהאלטן זײַן שטאָלץ, און וויפל גראד היץ עס האלט זײַן צאָרן... איר האָט אויסגעכעזשבנט, וויפל סאָרטן פיש עס זײַנען פאראן אין דעם ווײַטן אמאזאָנא־טײַך — אָבער פארוואָס רעכנט איר ניט אויס, וויפל טויזנטער מינים מענטשן עס גייען ארום דאָ, זײַט בא זײַט מיט אונדז? און פארוואָס וועגט איר ניט און מעסט ניט די גוטסקײַט און כאווערשאפט, וואָס זיי טראָגן אין הארצן איינער פארן אנדערן, די העלדישקײַט, וואָס זיי ווײַזן ארויס אין זייער טאָגטעגלעכער מי? די פעסטקײַט און זיכערקײַט, מיט וועלכער זיי שפּאנען צו א ליכטיקער צוקונפט? אומזיסט און אומנישט פארמיסטיקט איר אײַער מויעך מיט די אלע ציפערן וועגן די קרעלן פון א קאץ און וועגן בלוט פון רעגן־ווערעם...

אויסגעהערט מיך, האָט דער גרויסער סטאטיסטיקער זיך א קראץ געטאָן אין דער פּייע און אין פארלעגנהײַט אָפּגעמורמלט:

— מענטשן?.. באַוווסטזיניק, געפילן, געדאַנקען? עפשער איז דאָס טאַקע אויך פאַראַן... אָבער איך האָב וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט. פּאַשעט קיין צײַט ניט געווען...

הינטער זיבן שלעסער

אינמיטן ריידן מיט אים האָט זיך צו מיר דערטראָגן א בראַזג. אַזוי ווי א טראַקטאָר וואָלט דורכגעפאָרן און זיך צעקלונגען מיט אַלע זײַנע קייטן. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט — אָבער אין גאַס איז געווען שטיל, קיין זאַך האָט ניט געשטערט איר רו.

— וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ בראַזגערײַ? — האָב איך געפרעגט.

— א, דאָס מיינט איר? — האָט ער זיך אָנגערופן. — גאָרנישט... דאָס האָב איך אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, האָבן מײַנע שליסלען זיך צעקלונגען.

— אַזויפיל שליסלען טראָגט איר מיט זיך? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — איר זײַט פון פאַך א שלאָסער?

— ניין, דאָס זײַנען מײַנע אייגענע שליסלען. — האָט ער מיט שטאָלץ דערקלערט. — די שליסלען פון מײַן דירע!

— פון אײַער דירע? און צוליב וואָס...

אָבער ער האָט מיך ניט געלאָזט דערריידן.

— איך ווייס דאָך, וואָס איר ווילט פרעגן, — האָט ער געזאָגט, — איר ווילט פרעגן, וואָס דאַרף איך אַזויפיל שליסלען, האַ? איז דער כעזשבן א פּאַשעטער. מײַן אַרײַנגאַנג־טיר האָט דרײַ שלעסער: אַן ענגלישן אויטאָמאַטישן שלאָס, א פראַנצויזישן פּאַטענט־שלאָס און א היימישן הענג־שלאָס. האָט איר שוין דרײַ שליסלען. ווײַטער פירן דרײַ טירן אין ביידע צימערן און אין קיך, איז דאַרף מען זיי דאָך אויך פאַרשליסן, ניט עמעס?

— ווי, איר פאַרשליסט יעדן צימער באַזונדער? צו וואָס טוט איר דאָס?

— אוי, זײַט איר נאַאיוו! — האָט ער א קוק געטאָן אַף מיר פון אויבן־אַראָפּ. — שוין צײַט צו וויסן, אַז א שטוב האָט פײַנט אָפֿענע טירן. די זיכערסטע זאַך איז א שלאָס! די זיכערסטע און די וואָלוולסטע!

— איז טראָגט איר זיך שטענדיק אַרום מיט א בינטל פון זעקס שליסלען? — האָב איך אים באַדויערט. — אַזאַ שווערע מאַסע נעבעך...

— כאַפּט ניט! — האָט ער אויסגערופן א שטאַרק צופרידענער. — ניט קיין זעקס שליסלען טראָג איך, נאָר טאַקע גאַנצע צען!

— צען?!

— נו יאָ, צען! וואָס, אין די צימערן, מיינט איר, דאַרף מען שוין גאָרנישט פאַרשליסן?

— אויב איר וועט מיך פרעגן, האַלט איך, אַז ניט.

— און איך האַלט, אַז יאָ! — האָט ער פעסט א זאָג געטאָן און גענומען ציילן אַף די פינגער. — א ביכער־שאַפע דאַרף מען פאַרשליסן? האָט איר איינס. א בופעט האָט ליב צו זײַן פאַרשלאָסן? איז צוויי. און א שרײַבטיש האָט אויך פײַנט, אַז מע לאָזט אים אָפן... און ווער שמועסט, נאָך א קליידער־שראַנק! אַזוינס דאַרף דאָך געוויס זײַן אונטערן שלאָס!

— דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך ניט, — האָב איך שטיל אַרויסגעבראַכט, — בא זיך אין שטוב? פון וועמען?

— פון וועמען, פרעגט איר? — האָט ער מיט כוויזעק מיך אָפּגעמאָסטן און, אַרופלייגנדיק מיר, מײַסע גוטער־ברודער, די האַנט אַפן אַקסל, פאַרטרויט א סאָד. — אָט פון וועמען: בעט עמעץ בא מיר אויסלײַען א בוך — איז די שאַפע גראָד פאַרשלאָסן און כ׳ווייס ניט, צו אַלדי רוכעס, ווו דער שליסל איז מיר אַהינגעקומען... זיצט בא מיר עמעץ און ס׳וואָלט זיך געפאַסט א גלעזל וואַרעמס מיט אײַנגעמאַכטס — איז די באַלעבאָסטע גראָד אוועקגעגאַנגען און מיטגענומען די שליסלען פון בופעט... הײַנט פאַרשטייט איר שוין? און איר פרעגט נאָך „פון וועמען"? — ער האָט כיטרע צוגעפינטלט מיט אַן אויג און טײַקעף זיך געכאַפּט. — יאָ, טאַקע גוט, וואָס ס׳איז געקומען צו רייד וועגן שליסלען! האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף זיך אַרײַנכאַפּן צום שלאָסער באַשטעלן נאָך א שליסל! דער וואַנע־צימער שטייט דאָך בא מיר אָפן... פראַנק־און־פרײַ, ס׳קאָן זיך נאָך ווער גאָר אַרײַנכאַפּן זיך אָפּבאָדן... נו, האָט מיר א גוטן און באַשטעלט שליסלען. וואָס מער שליסלען, איר הערט?

ער איז אוועק צום שלאָסער, און נאָכקוקנדיק די פעסטע, זיכערע טריט, מיט וועלכע דער דאָזיקער שליסל־מענטש איז אוועק אויספילן דעם בלויז אין זײַן וועלטל, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז וויפל שליסלען ער זאָל זיך ניט אָנשאַפן, וועט ער אָבער איין שליסל דאָך ניט געפינען... ווײַל קאָן ער דען צופאַסן א שליסל אַף צו עפענען זײַן אייגן האַרץ, וואָס איז אַף זיבן שלעסער אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט און פון מענטשן?

בוזי מילער

קליינע דערציילונגען

אף א ווײַסן בויגן פּאַפּיר

א שרײַבער איז גוט באַקאַנט דער פּאַכעד פאַר א ריינעם בויגן פּאַפּיר. אָט ליגט ער פאַר אים, זויבער, ווי דער שניי אפן באַרג, ריין, ווי דער בליק פון א זויגקינד. מע דאַרף אָנצייכענען דעם ערשטן אָס, דאָס ערשטע וואָרט, נאָר צי וועט עס ניט פאַרפלעקן אָט די זויבערקײַט, ניט פאַרשוועכן די ריינקײַט?

האַלט מען די פּען און מע האָט מוירע זיך צורירן צום פּאַפּיר.

אזוי — אַלעמאָל באַם אָנהייבן א נײַע זאַך. פאַריכטן, איבערשרײַבן? מאַכטייסע! נאָר אָנהייבן? דאָס איז שווער...

דאָ ניט לאַנג בין איך היפּש אזוי אָפּגעזעסן איבער א ריינעם בויגן און אַלץ זיך צו אים ניט צוגערירט. מיטאַמאָל זע איך: סאַמע איינמיטן דעם בויגן, ווי איבער א ווײַסער מידבער, פּויזעט א באַשעפעניש. קלענער פון א פּונקט. דאָס באַשעפעניש איז געווען גרין, מיט צוויי פאָר פיסעלעך און א פאָר הערנערלעך פון פאָרנט. עס האָט גיך־גיך געפּויזעט צום רעכטן ראַנד פונעם פּאַפּיר. מיט א פאַרטײַעטן אָטעם האָב איך געקוקט אף דעם און געטראַכט: פונוואַנעט האָט זיך עס פּלוצעם אהער גענומען? אַרײַנגעפאַלן פון פענצטער, וואָס איז צעעפנט אין סאָד אַרײַן? און צי ווייסט עס, דאָס גרינע פּיצל, וויפל געפאַרן עס לויערן אַרום דעם? האָט עס אַן אַנונג וועגן דער ריזיקער בריאה, וואָס שפּירט איצט נאָך זײַן יעדער באַוועגונג? גענוג, אָט די בריאה זאָל א שטאַרקערן אָטעם טאָן, און דאָס באַשעפעניש — ווי אף דער וועלט ניט געווען... אפּאָנעם, עס ווייסט ניט, אַנדערש וואָלט עס פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק... פלינק, רירעוודיק נעמט עס איבער מיט די פיסעלעך אַלץ נעענטער צום ראַנד פונעם פּאַפּיר. עס אײַלט, עס אײַלט אַנטלויפן פון דער אומענדלעכער בלענדיקער ווײַסקײַט...

איך רוק זיך נאָך עטוואָס אָפּ און קוק. דאָס גרינע באַשעפעניש האָט זיך דערקליבן סאָפּקאָלסאָף צום ראַנד פונעם פּאַפּיר, עטוואָס אַריבערגעבויגן זיך, נאָר דערשראָקן פאַרן אָפּגרונט צווישן דעם בלאַט און דעם טיש, פאַרקערעוועט צוריק און באַוועגט זיך פלינק, פלינק באַם סאַמע ראַנד, זוכנדיק א באַקוועם אָרט אף אַראָפּכאַפּן זיך.

איך קוק אפן באַוועגלעכן פּינטעלע און קלער וועגן דער אומגעהייערער שאַפונגסקראַפט פון דער נאַטור. זי האָט געבראַכט אף דער וועלט ריזן — דעם העלפאַנד, דעם וואַלפיש, דעם אָדלער. און, צוגלײַך מיט זיי, האָט זי אַרײַנגעהויכט לעבן אויך אין אָט דעם גרינעם מילבעלע און אויך אים געשאָנקען אן איינסטינקט אָט דאָס לעבן צו באַשיצן און פאַרזעצן... אָט אײַלט עס אזוי לענגויס דעם פּאַפּיר־ראַנד... אײַל, אײַל, גרין באַשעפעניש, איך וועל דיך, כאָלילע, ניט אָנרירן...

אין אָפענעם פענצטער קוקט אַרײַן א צווײַג פון אן עפּלבוים. אף איר האָט מיט א צווייטשערײַ אַרופגעטאַנצט א פייגעלע. צו אים — א צווייטס. זיי האָבן מיך אף א ווײַלע אָפּגעווענדט, און ווען כ׳האָב נאָכדעם א קוק געטאָן אפן פּאַפּיר, איז שוין דאָרט קיין סימען פונעם באַשעפעניש ניט געווען. פאַרשוווּנדן! איך האָב גלײַך וועגן דעם פאַרגעסן, ווײַל די גאַנצע צײַט האָב איך געהאַלטן אין זינען די זאַך, וואָס צוליב אָנהייבן זי האָב איך זיך געזעצט צום ריינעם בויגן פּאַפּיר. איצט האָב איך אַליין זיך פאָרגעוואָרפן, אַז די קוקענישן אפן גרינעם ברעקל, די טראַכטענישן אַרום דעם זײַנען געווען ניט מער ווי אן אויסרייד, קעדיי נאָך עטוואָס אָפּציִען דעם אָנהייב פון מײַן אַרבעט. גענוג! כ׳האָב זיך אָנגעבויגן איבערן פּאַפּיר מיט דער פּען, און... אָט איז עס — דאָס ער־

שטע וואָרט. שווארץ אף ווײַס שטייט עס אפן בלאַט. עס האָט באלד א צי געטאָן נאָך זיך אנדערע ווערטער, נאָך און נאָך. עס בינדט זיך איין פראזע, א צווייטע. כ׳האָב ניט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי א האלבער בויגן איז שוין באַדעקט געוואָרן מיט טונקעלע שורעס.

און דאָ האָב איך ווידער דערזען דאָס גרינע באשעפעניש. פונוואנעט האָט זיך עס נאָכאַמאָל אהער גענומען? עס האָט גיך געפויזעט פון אונטן ארויף, צום פארשריבענעם טייל בויגן, צו יענעם אָרט פונקט, ווו כ׳האָב געזאָלט אָנהייבן א נײַע שורע. אָט איז עס שוין גאָר־גאָר נאָענט... באנומען האָב איך עס אָבער אין דעם זעלבן אויגנבליק, ווען כ׳האָב אראָפּגעלאָזט מײַן פען. טייקעף זי צוריק א כאַפּ געטאָן — שפעט...

נאַריש קליין באשעפענישל! ווי קריכט מען עס גלײַך אונטער דער האנט? אונטער אזא ריזיקער האנט, וועלכע האָט זיך נאָך פאַנאַנדערגעיאָגט און קען זיך שוין ניט אָפּשטעלן?..

דאכט זיך, וואָס? א סאַך האָט זיך אָנגעזען אָט דאָס גרינע פינטעלע אף דער וועלט? אָבער ניין, — א באוועגלעכס, א רירעוודיקס, האָט עס אזוי געײַלט איבער דער ווײַסער פאפירענער מידבער... ערגעץ האָט עס געײַלט, פאר עפעס מוירע געהאַט.

און אָט...

איך האָב א קוק געטאָן אפן וואָרט, פון וועלכן כ׳האָב אזוי שפעט צוגעכאַפּט מײַן פען.

טײַער קאָסט אמאָל א וואָרט...

רעקס

כ׳האָב ניט ליב קיין קליינע הינטלעך. כ׳מיין, הינטלעך פון קליינע פאַראַדעס, פון די, וואָס וואקסן ניט, — באָלאָנקעס, באָלוואנקעס, צי ווי נאָך רופט מען זיי דאָרט. א הונט דארף זײַן א הונט. ער דארף האָבן א שטעל און ארויסרופן צו זיך דערעכערעץ.

אזא הונט איז רעקס. טוט נאָר א קוק אף אים, וועט איר גלײַך זען, ווער זײַנע אָוועס זײַנען. גרוי און גרויס איז ער, ווי אן עמעסער וואָלף.

א שטעלע איז בא אים א שטילע — ער היט אָפּ די דאטשע.

ניט ווײַט פון דער וועראנדע מיטן גאנעקל, אין שאָטן פון הויכע קוסטעס און ביימער, שטייט זײַן בײַדל, לעבן דעם ליגט א שטויביקער אָנגעשפּאָלטענער קלאָץ, אין דער לענג אן אײַנגעגראָבענער אין דער ערד, און צו אים איז צוגעפעסטיקט די לאנגע קייט, וואָס איר אנדערער עק באַמבלט זיך בא רעקסן אפן האלדז. דאָ שטייט אויך א גראָב געמאכטער פארשטויבטער טיש — עטלעכע ברעטער אף אן איבערגעקרייצטן געשטעל. אהער שפרינגט ער ארויף, רעקס, ווען אים דאכט זיך, אז זײַן בילן דערגייט ניט צו דעם, אף וועמען ער בילט. זיך אָנגעבילט, וויפל ס׳איז לויט זײַן פארשטאנד נייטיק, טוט ער, קלינגענדיק מיט דער קייט, א שפרונג אראָפּ פונעם טיש און לייגט זיך אוועק אָפּרוען. אזוי רוט ער אין שאָטן, טראכטנדיק בייסמײַסע זײַנע הינטישע טראכטענישן, ביז עפעס א דורכגייער אף יענער זײַט פארקן אָדער א קלאַפּ אין דער קאַליטקע טוט אים ווידער ניט א שטעל אוף אף די פיס.

ווען־ניט־ווען גיט רעקסן זיך אײַן ארויסצודרייען זיך פון דער קייט. דאַן אנטלויפט ער.

נאָר ער אנטלויפט ניט ווײַט. מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט א באשעפטיקטן אויסזען לויפט ער אײַלנדיק ארום דער דאטשע איין מאָל, א צווייט מאָל, א דריט מאָל, און ס׳איז באשײַמפערלעך צו זען אין אים — א גרויסע זאך איז כאָטש א ביסל ניט פילן אף זיך די קייט...

באווײַזט זיך אין אזא מינוט ערגעץ נאָענט דער באלעבאָס, אנטלויפט פון אים רעקס. ער ווייסט, וואָס יענער מיינט... ער ווייסט אויך — דער באלעבאָס וועט זײַנס ניט אָנווערן, און דערווײַל איז גוט א כײַע־שאָ.

באם בײַדל שטייט א שיסל מיט עסנווארג. א פאָר מאָל אין וואָך נעמט דער באלעבאָס אין גאָרקיך אן עמער שיראַיִם. נאָר רעקס איז א מעפונעק. טרעפט א רעכטער ביין, עפעס פליישיקס, מאכטייסע, פארנעמט ער זיך דערמיט. וואָס שײַעך אָבער רעשטן פון קאָלערליי קאַשעס, קארטאָפל, טייג — דערפון דרייט ער אוועק די נאָז. קאָן אָפּשטיין אזוי די פולע שיסל א גאנצן טאָג, און ער רירט זיך צו איר ניט צו. א גליק — די פייגעלעך, וואָס טאנצן דאָ אָפּ און אוף צווישן די צווײַגן. רעקס ליגט באם בײַדל און קוקט מיט א גלײַכגילטיק אויג צו, ווי אלע מאָל טוען זיי פון איין בוים, פון א צווייטן א פיקיר אראָפּ אף דער שיסל און מע פראוועט דאָ גאנצע פויגלשע מאָלצײַטן. אפן ראנד פון דער שיסל שטייענדיק, פיקט מען זיך אָן און מע פליט אוועק. אף די צווײַגן פון אויבן שארפט מען נאָכאמאָל אָן די שנעבעלעך, און ווידער — אראָפּ... נאָר וואָס קאָנען פייגעלעך, מישטיינסגעזאָגט, וויפל זיי זאָלן ניט זײַן — אופעסן? שטייט די שיסל א פולע און רעקס רירט זיך צו איר ניט צו.

דער רייעך פון דער שיסל איז איינמאָל

אַרײַן אין דער נאָז א פּאָר הינט אין גאַס, האָבן יענע ביגנײַווע אַרײַנגעכאַפּט זיך אין הויף און געפּרוּווט צו איר זיך דערנענטערן. די הינט זײַנען געווען גרויסע און דאַרע, ווײַזט אויס, שטאַרק אויסגעהונגערטע, — בײַ אײנעם איז די פעל געווען אין שוואַרצע, בײַם אַנדערן אין געלע קאַלטענעס, — האָט רעקס אַף זײַן הינטיש לשון געמאַכט אַזא מישעבײרעך, אַז זײ האָבן קוים געפונען דעם וועג אַף צוריק.

דאָ ניט לאַנג האָט אין הויף זיך זאַנאַדעט א קלײנטשינקע צויג. פון אויבן איז די פעל אַף איר גרוי, פון אונטן, צו די אָפּגעצויגענע אײַטערלעך־צו, קויטיקלעך ווײַס, און אַלײן איז זי אַזוי מאָגער, אַז עס זעט זיך אַרויס יעדער ריפּל באַזונדער.

פון צווישן די קוסטעס, דורך וועלכע זי האָט, ווײַזט אויס, שטילערהײט זיך געגאַנוועט, איז זי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן בײַ דער שיסל. מיט די ציטערנדיקע נאָזלעכער אַרײַנגעצויגן איר רײצנדיקן רײעך, האָט די צויג זיך אַרומגעקוקט און, צעשרעקנדיק די פאַנאַנדערגעפלויגענע פײגעלעך, גלײַך א שטופּ געטאָן די שפּיציקע מאָרדע אינעם געקעכץ. רעקס האָט דאָס אַלץ פון א זײַט צוגעזען, נאָר — א מאָדנע זאַך — אַפילע ניט גערירט זיך פון אָרט. ס׳איז צו זען געווען: די קלײנטשינקע צויג איז שוין דאָ ניט צום ערשטן מאָל, און צווישן איר מיט רעקסן איז עס — ניט אַנדערש — אַן אָפּגערעדטע זאַך. אין אײַלעניש האָט זי אויסגעלעקט פון שיסל אַלץ, וואָס איז געווען, אַפילע פאַר די פײגעלעך גאָרניט איבערגעלאָזט, און, א שווער געוואָרענע, מיט דריבנע טריטעלעך אַוועקגעלאָפן.

פאַרנאַכט האָט דער באַלעבאָס א קוק געטאָן אין שיסל און א צופרידענער געזאָגט:

— אָ, רעקס האָט, אַפּאָנעם, הײַנט גוט זיך אויסגעהונגערט!

פונעם פולן עמער שיראַ׳ים, וואָס ער האָט אָקאָרשט געבראַכט, האָט ער אָנגעגאָסן נאָך א שיסל.

אַפן אַנדערן טאָג האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

פון א שאָכן האָב איך צופעליק — מע האָט וועגן עפּעס זיך פאַנאַנדערגערעדט — דערוווּסט זיך די געשיכטע פון דער קלײנטשינקער צויג.

א טרויעריקע געשיכטע.

א געוויינלעכע צויג, אָן א מינדסטן טראָפּן פּאָראָדע אין בלוט, איז זי ניט זוכע געווען, עמעצער זאָל זי אַרײַנעמען צו זיך אין שטוב און אַלע גאַנצפרי און פאַרנאַכט אַרויספירן אַף א רימענדל אין דרויסן, ווי מע טוט עס מיט פאַרשײדענע באָלאָנקעס, שפּיצן, פּודעלס, פּאָקסטעריערן און זײער גלײַכן. האָט זי געלעבט, די צויג, אָן אָרעם און הפקרדיק גאַסלעבן, בלויז מיט זעלטענע הינטישע פאַרגעניגנס. דערנאָך האָט זי אונטער עמעצנס א שטאַל אַרויסגעשאָטן פון איר טראַכט א האַלבן צענדליק פּיצינקע גליטשיקע הינטעלעך. בלינדערהײט האָבן זײ זיך געטוליטשעט אין אירע אײַטערלעך, און זי האָט זײ געהאַלטן אין אײן אַרומלעקן, גליקלעך מיטן גרעסטן גליק, וואָס איז מעגלעך אַף דער וועלט, — א מוטער... לאַנג אָבער האָט אַזוי ניט געדויערט. עס האָט זיך געפונען אַן אומלײַט — עפּשער דער באַלעבאָס פון יענער שטאַל, עפּשער עמעצער פון זײַנע קינדער, און עפּשער נאָך ווער — ס׳איז ניט באַוווּסט, — און האָט אַוועקגעטראָגן אירע הינטלעך אַלע, ביז אײנעם... די מוטער האָט זיך אומגעקערט — זי איז אַוועק ניט אַף לאַנג זוכן א ביסל כאַיונע — און האָט די הינטלעך ניט געטראָפן. דער שפּור האָט זי געבראַכט צו דער ניט ווײַטער אָזערע... אַף איר הויכן ברעג האָט די צויג דרײַ נעכט נאָכאַנאַנד געוואָיעט אַף דער לעוואָנע. פאַר וועמען נאָך האָט זי געקאָנט זיך פאַרקלאָגן אַף דער אומענטשלעכער אַכזאָריעס און אַף איר ביטערן גורל? וואָס נאָך האָט זי געקאָנט טאָן?

אַפן פערטן טאָג האָט די צויג דערפילט, אַז זי איז הונגעריק. מעגלעך, דעמלט טאַקע איז זי צום ערשטן מאָל אַרײַן אין הויף צו רעקסן, צום ערשטן מאָל דורך די הויכע קוסטעס זיך דורכגעגאַנוועט צו דער שיסל. מעגלעך, אַף זײער הינטישן לשון האָט זי אים דערצײלט וועגן איר אומגליק. ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט רעקס זי פון דער שיסל, — ווי ס׳איז געווען מיט יענע צוויי גרויסע הינט, — ניט אָפּגעטריבן. פאַרקערט, ער איז גאָר אַראָפּגעשפּרונגען אַפן טיש און, אויסדרײענדיק זיך צו דער צויג מיטן רוקן, עפּעס פלײַסיק גענומען זוכן בײַ זיך אינעם עק. באַטײַטן האָט עס געזאָלט: טו דיר דײַנס, האָב פאַר קײנעם ניט מוירע.

אײנמאָל, ווען די צויג איז שוין אַרויס פון צווישן די קוסטעס, האָט זי פּלוצעם דערזען דעם באַלעבאָס. זי האָט באַלד פאַרקערעוועט, אָפּגעלאָפן א היפּשן שטיק און געבליבן שטײן. גערעכט זיך אַף א בײזן געשרײ, נאָר ניט דערהערט אים, איז זי געשטאַנען א ווײַלע און פּאַמעלעך גענומען גײן צוריק. בײַם אַרויסגאַנג פון צווישן די קוסטעס פאָרזיכטיק אָפּגעוואַרט. דער באַלעבאָס איז געשטאַנען אַף דעם זעלבן אָרט, נאָר — און דאָס איז געווען א גרויסער כידעש — ווײַזט אויס, אָן שום אַגרעסיווע קאַוואָנעס בנוגע איר. פאַרקערט, אַפן פּאָנעם בײַ אים האָט אַפילע ווי געשוועבט א מין שמײכל. ווער קאָן זײ פאַרשטײן אָט די צווייפיסיקע בריאָס? ווען מע ריכט זיך פון זײ ניט אַף קײן בײז, קאָנען זײ אָפּטאָן די גרעסטע

פּאָטעפאלנאָסט, און ווען מע האָט מוירע, אז זיי ווערלן וואַרפן א שטיין, שמייכלען זיי.

די צויג איז ארויס פון צווישן די קוסטעס, זי איז געווען זייער הונגעריק. א טשאַטע פייגעלעך, וואָס האָט דאָ געפּראווועט מאָלצײַט, איז דערשראָקן זיך פאנאנדערגעפלויגן אין אלע זײַטן.

שטילנדיק דעם הונגער, האָט די צויג געהערט, ווי דער באלעבאָס איז נאָך געשטאנען א ווײַלע, דערנאָך זיך געלאָזט אוועקגיין. דערבײַ האָט ער עפּעס א זאָג געטאָן צו רעקסן. וואָס ער האָט געזאָגט, האָט די צויג ניט פארשטאנען, נאָר די אינטאָנאציע איז געווען בא אים א רויִקע, א גוטמוטיקע. ווען א מענטש רעדט מיט אזא אינטאָנאציע, האָט א הונט ניט וואָס מוירע צו האָבן.

דער באלעבאָס האָט צו רעקסן געזאָגט:

— נו־נו, אז דיר איז ליב, איז מיר ניכע...

און איז אוועקגעגאנגען.

איצט קומט די צויג אהער אלע טאָג.

שלעכטקײַט

אפן פעראָן פון א הינטערמאָסקווער פּלאטפאָרמע האָבן אפן עלעקטראָ־צוג געווארט א סאך מענטשן. די מאנצבלען — אין לײַכטע שטרויענע הוטן, אין ליכטיקע העמדלעך מיט קורצע ארבל, די פרויען — אין דינע קליידער פון אלע קאָלירן פון רעגנבויגן. ווו־ניט־ווו האָבן איבער די קעפּ זיך געהויבן געקווייטלטע שירעמס. א טייל ווארטנדיקע איז געשטאנען אינעם קילבלעכן שאָטן, וועלכן עס האָט פון זיך אָפּגעוואָרפן דער ניט גרויסער קאפעטערי. די, פאר וועמען דאָ האָט קיין פּלאץ ניט געקלעקט, האָבן זיך פארשטעלט פון דער זון מיט א צײַטונג, וועלכע מע האָט אָקאָרשט דאָ טאקע אפן פעראָן געקויפט.

אָן ראש איז צוגעקומען דער צוג. דורך די אווטאָמאַטיש פאנאנדערגעעפנטע טירן זײַנען ארויס די אָנגעקומענע, ארײַן די ווארטנדיקע.

זונטיק. אין ערגעץ האָט קיינער איבעריקנס ניט געאײַלט, מע איז געווען געלאסן־רויִק, אָן א סימען פון דער פארהאווועטקײַט, וואָס עס איז צו מערקן אינדערוואָכן.

אין וואגאָן — היפּש פרײַע ערטער. אָף איינעם פון זיי האָב איך זיך צוגעזעצט. גענומען ארײַנקוקן אין א פרישער צײַטונג, נאָר באלד זי אָפּגעלייגט. א צײַטונג, א בוך קאָן מען דאָך לייענען אין דער היים. אין וואגאָן, אונטערוועגנס, האָב איך ליב צו לייענען פּענעמער. אָ, וויפל מע קאָן פון א מענטשלעך פּאָנעם אמאָל ארויסלייענען!

אָט, אשטייגער, זיצט אנטקעגן מיר א יונגערמאַן. דאָס העלע, טונקל געשטרײַפטע העמדל ציט שטארק ארום זײַן מעכטיקן טאָרס. פון די קורצע ארבל קוקן ארויס מוסקולדיקע, פול מיט גאָלדיקע הערעלעך, זוניק אָפּגעברוינטע הענט. אָפּגעברוינט איז אויך זײַן שטארקער האלדז, וואָס האלט אָף זיך פרײַ און גאדלעסדיק א שיינעם שווערלעכן קאָפּ מיט בלאָנדע געלאָקטע האָר. דער ריינער שטערן שפּארט זיך אָן אָף טונקל צעשפּרייטע ברעמען, אין די אויגן — א טיף זינקענדיקע קוים צעפירטע בלויקײַט.

און גאָר א באזונדער כיין גיט צו אָט דעם פּאָנעם מיטן גלײַכצײַטיק אי געמיטלעכן, אי ענערגישן אויסזען דאָס היפּשע גריבעלע אינמיטן דעם קין. פון דער גאנצער פיגור און אויסזען פון אָט דעם מענטשן האָט געווייעט מיט פרײַשער, יונגער גווורע. געקוקט האָט ער אריבער די קעפּ פון די אנטקעגן זיצנדיקע, פארטיפט אין זײַנע געדאנקען. מעגלעך, ער פּאָרט פון א באגעגעניש מיט מענטשן, וואָס וועגן זיי איז ער איצט אזוי פארטראכט. אָדער, פארקערט, ער קלערט וועגן מענטשן, צו וועלכע ער פּאָרט.

אָף דער אנדערער סטאנציע זײַנען ארײַן אין וואגאָן נאָך פּאסאזשירן. איינער פון זיי האָט פארנומען דאָס פרײַע אָרט לעבן דעם יונגנמאַן. דאָס איז געווען א שוואכער, שטשופּלער אלטיטשקער מיט א שטארק געראונצלט פּאָנעם, אין א טונקעלן ניט גאָר נײַעם אָנצוג. עס איז קענטיק געווען, אז ער איז ניט קיין היגער. זײַנע ברוינלעכע אויגן זײַנען, ווי צוויי איבערגעשראָקענע כײַעלעך, ניט געשטאנען אָף קיין אָרט, אָט געקוקט אין איין פענצטער, אָט אינעם אנטקעגנדיקן. אפּאָנעם, צום ערשטן מאָל אין אָט די ערטער, איז ער געווען ניט זיכער, צי האָט ער זיך ארײַנגעזעצט אין דעם צוג, וואָס מע דארף, און אָנפרעגן זיך געשעמט. נאָר ענדלעך אנטשלאָסן זיך, האָט ער שטיל א פרעג געטאָן באם יונגנמאַן, לעבן וועלכן ער האָט זיך צוגעזעצט:

— זאָגט, ביטע, מיט דעם צוג וועל איך קיין פּליושטשעוואָ טרעפן?

דער יונגערמאַן האָט זיך ניט קיין ריר געטאָן.

דער אלטיטשקער האָט איבערגעכאזערט זײַן פראגע. דער יונגער שאָכן האָט קרומלעך זיך א זײַטל געטאָן אָף אים און מיט רוגזע, אָף וועלכער ס׳איז געווען זיך ניט צו ריכטן און פאר וועלכער ס׳איז ניט געווען קיין גרונט, פון צווישן די ציין ארויסגעפּרעסט:

— טרעפן.

און טייקעף זיך אָפּגעקערט. דאָס פּאָנעם, מיט א מינוט צוריק אזא ווילמוטיק פאַרטראַכטס, איז געווען איצט פאַרענדערט פון אומפאַרשטענדלעכער אופרעגונג, די אויגן טונקל פון קאַס. מע האָט געקאָנט מיינען: מיט זײַן אומשולדיקער פראַגע האָט דער אַלטיטשקער אָט דעם יונגנמאַן, כאַלילע, געקוילעט די קאַפּאַטע.

מיט כידעש האָב איך געקוקט אַף אים, — וואָס איז געשען? פאַרוואָס האָט דעם אַלטנס פראַגע אַרויסגערופן אזא גרימצאָרן? מע האָט גדאַרפט זען דעם בליק, וואָס דער יונגער האָט אַף יענעם געוואָרפן, — אזוי קוקט מען אַף א מיִעסן שרעץ, וואָס האָט פּלוצעם, ניט צו וויסן וויִארום, זיך גענומען. און מיט וואָס פאַר א פאַראַכטונג האָט ער פון צווישן די ציין אַרויסגעפּרעסט דעם ענטפער.

וואָס זאָל עס באַטײַטן? — האָב איך געפּרוווט באַנעמען. — זאָל דעם יונגנס רוגזע זיך נעמען דערפון, וואָס דער אַלטער האָט אים איבערגעשלאָגן זײַנע טיפע גדאַנקען? אָדער ס'איז א מין אינסטינקטיווע פאַראַכטונג פון יונגער שיינקײַט און גוורדע צו שוואַכער קרענקלעכער עלטער? און עפּשער איז עס אונטער דער מאַסקע פון נאַבעלער אַנשטענדיקײַט — פּאַשעטע אינערלעכע פאַרגרעבטקײַט? גענוג א מינדסטער אויסרייד, און די מאַסקע פאַלט אַראָפּ...

דער אַלטיטשקער האָט, דאַכט זיך, ניט באַמערקט דעם טאָן, מיט וועלכן מע האָט אים געענטפערט. פאַר אים איז וויכטיק געווען צו וויסן, אז ער וועט טרעפן, ווּהין ער דאַרף. א באַרוּיִקטער, האָט ער זיך אָפּגעקערט צום פענצטער.

דער פּלוצעמדיקער קאַס האָט זיך נאָך א לענגערע ווײַלע געהאַלטן אינעם יונגנמאַנס בליק, אין זײַנע צונויפגעפּרעסטע ליפּן, דערנאָך האָט ער ביסלעכווײַז גענומען אָפּגיין. און אָט איז ער אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען — אנטקעגן מיר איז ווידער געזעסן דער זעלבער שיינער שטאַרק פאַרטראַכטער פאַרשוין און געקוקט אַריבער די קעפּ פון די אַנטקעגן זיצנדיקע פּאַסאַזשירן.

נאָך א פּאָר סטאַנציעס זײַנען פאַרבײַ. דער וואַגאָן איז אַלץ מער פול געוואָרן. דרײַ מיידלעך, וואָס זײַנען אַרײַן די לעצטע, האָבן שוין ניט געהאַט ווּ צו זעצן זיך, זײַנען זיי געבליבן שטיין אין דורכגאַנג און אופגעלעבט צווישן זיך געשמועסט. אַלע דרײַ אין מיני, מיט לאַנגע האָר, וואָס פאַלן אַריבער די אַקסל, שיינע, קוועקזילבערדיק רירעוודיקע, יונגע.

א נײַע סטאַנציע האָט זיך דערנעענטערט. דער אַלטיטשקער האָט ווידער מיט אומרו זיך א קער געטאָן צום שאָכן:

— ס'איז ניט פּליושטשעוואַ?

— פּליושטשעוואַ!

און ווידער דער זײַטלדיקער פאַראַכטלעכער בליק.

האָט איצט דער אַלטיטשקער עס באַמערקט? גאַרניט זאָגנדיק, האָט ער זיך אופגעהויבן און, אָנהאַלטנדיק זיך באַ די בענק, פּאַמעלעך גענומען דורכקלײַבן זיך צום אַרויסגאַנג.

נײַע מענטשן האָבן פאַרפולט דעם וואַגאָן, געזוכט אַן אָרט ווּ צו זעצן זיך. און איך האָב געזוכט אַן ענטפער אַף א פראַגע, וואָס האָט מיר איצט ניט אופגעהערט עגבערן דעם מויעך.

...זומער. א רו־טאָג. דער הימל — בלוי, די ערד — גרין, דורכגעוועבט מיט זון. מענטשן זעען אויס שענער אין זייערע לײַכטע זומערקליידער, מע איז גוט געשטימט, איינער דעם אַנדערן וויל טאָן עפּעס גוטס. נאָר אָט זיצט קעגן מיר א מענטש, פול מיט סינע צו זײַן גלײַכן. אָדער ער האַלט ניט, ווײַזט אויס, אז די מענטשן אַרום זײַנען זײַן גלײַכן? ער האַלט זיך העכער פון זיי און האָט זיי דעריבער פײַנט? גענוג א מינדסטער אויסרייד, אָט די פײַנטשאַפט זאָל אַרויספּאַרן. א שיינער, א געזונטער, א יונגער, אָבער — א שלעכטער.

זײַנען פאַראַן שלעכטע מענטשן? פּאַשעט — שלעכטע? — אָט דאָס איז די פראַגע, וואָס עגבערט מײַן מויעך. איך בין ניט נאַיִוו, כ'ווייס, אז שלעכטע מענטשן זײַנען פאַראַן, און נאָך מער, ווי מע דאַרף. נאָר אַלע מאָל, ווען איך זע אַן אויסברוך פון אָט דער שלעכטקײַט, קומט אָט די פראַגע פאַר מיר נאָך און נאָכאַמאָל אוף. יאָ, פאַראַן, — ענטפער איך זיך אַליין שוין צום ווײַפלטן מאָל. — פאַראַן שלעכטע מענטשן, וואָס מאַכן קאַליע אַנדערע דאָס לעבן, וואָס פאַרפּלעקן אזא שיינעם טאָג, ווי דער הײַנטיקער.

מעגלעך, קלער איך ווײַטער, אז אַפילו באַיאָמים האָהיים, אין יענע טעג, ווען עס וועלן שוין ניט זײַן קיין מילכאָמעס, ווען די וועלט וועט מער ניט זײַן צעטיילט אַף אָרעם און רײַך, וועלן שלעכטע מענטשן נאָך פונדעסטוועגן זײַן. נאָר דעמלט וועט מען פאַר זייער שלעכטקײַט זיי מישפּטן, ווי מע מישפּט אַצינד פאַר גנייווע, גזיילע, דיווערסיע... דאַן וועט עס זײַן דער גרעסטער פאַרברעכן קעגן מענטשלעכקײַט.

דער יונגערמאַן איז אַף דער פאָלגנדער סטאַנציע אַרויסגעגאַנגען. עס איז אַרויסגעגאַנגען אויך די פּולבלעכע הויכע דאַמע אינעם געקוטשערטן פּאַריק, וואָס האָט אין פּליושטשעוואַ זיך געזעצט אַפן אָרט פונעם אַלטיטשקן. די פּרײַע באַנק האָבן גלײַך פאַרנומען די דרײַ מיידלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דורכגאַנג. זיי האָבן נאָך לעבהאַפטיק פאַרגעזעצט זייער

שמועס, אלע יונגע, קוועקזילבערדיק רירעוודיקע, שיינע. נאָר איצט האָב איך באַמערקט, אַז די שענסטע צווישן זיי איז גראָד די, וואָס איז פריִער די גאַנצע צײַט געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן, — אירע אויגן אָפן ליכטיקן פּענעמל האָבן געלויכטן, ווי עמעסע שטערן.

אנעס

אויף דער זוניקער זײַט גאַס האָט די דורכגייער געכאַפּט פאַר די אָפּצאַסן דער ווייך־געוואָרענער אַספאַלט. אָן אויסגעשפּרענקלטער מיט זייערע אָפּשטעמפּלונגען, האָט ער צוגעמישט זײַן שאַרפן רייעך צום האַסטיקן בענזינאָטעם פון די פאַרבײַיאָגנדיקע טאַקסי, צו דער שטיקנדיקער היץ, וואָס האָט געשפּאַרט פון די הויכע געמויערטע ווענט. מיט שרעקלעך טראַסקענדיקע פּנעוומאַטישע האַמערס האָט מען אָפּגעשפּאַלטן שטיקער טראָטואַר בײַ אַ הויז, וואָס מע האָט רעמאָנטירט בײַם ראָג.

איך בין שנעל אַריבערגעלאָפן די גאַס. איר אַנדערע זײַט האָט זיך געהילט אין שאָטן. מיט קילער טונקלעניש האָט געלאַדן צו זיך אַ ברייט צעעפנטער וועסטיביול. דאָ איז געווען אַ שערערײַ.

שוין עטלעכע טעג, ווי כ'האָב געקליבן זיך אונטערשערן, נאָר ניט געהאַט דערויף קיין פרײַע מינוט, איצט האָט בײַ מיר אַזאַ מינוט זיך געמאַכט.

אויף רעכטס האָט געוואַרט אַ היפּשע ריי צום דאַמען־זאַל. לינקס, צום מענער־זאַל, איז די ריי געווען אַ קלענערע.

— ווער איז דער לעצטער? — האָב איך געפרעגט. ניט באַקומען קיין ענטפער, זיך געווענדט צום אַלטיטשקן, וואָס איז געזעסן נעענטער צום אַרײַנגאַנג אין זאַל. — איר?

— ניין, איך וואַרט אויף מײַן מײַסטער, — האָט יענער געענטפערט.

— איך, — האָט, אויפהייבנדיק אַ באַברילטן בליק איבער דער צײַטונג, זיך אָנגערופן אַ דיקלעכער פאַרשוין פון רעכטס און צוגעגעבן: — אַנטשולדיקט, כ'האָב ניט דערהערט אײַער פראַגע.

ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין צײַטונג, און איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ פרײַען שטול. נאָך דעם טראַסקענדיקן טומל און דער היציקער בלענדיקײַט פון דער אָנגעגליטער גאַס איז אין דער קילער טונקלעניש פונעם געמיטלעכן וועסטיביול ביז גאָר אָנגענעם געווען דער געמאָסטענער רויש פונעם ווענטילאַטאָר.

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, ניט ווילנדיק לענגער זיך פאַרהאַלטן מיטן בליק אויפן אַלטיטשקן, וועלכער האָט מיר אָקאָרשט געענטפערט, אַז ער וואַרט אויף זײַן מײַסטער. ער האָט אויסגעזען ניט גאָר געוויינלעך. אַריבער די שיווים. דאָס טונקעלע פּאָנעם געקנייטשט, נאָר שיין מיט יענעם מין שיינקײַט, וואָס אייניקע מענטשן גיט צו דאַפקע די עלטער. די גראָווע האָר איבערן הויכן שטערן קורץ געשוירן, אַ „יאָזשיק“, און פּונקט אַזוי קורץ געשוירן דאָס גראָווע בערשטעלע פון די וואָנצעס. אונטער די אויגן געשוואָלענע קישעלעך, און דער בליק איבער זיי — אַ ניט־דאָיִקער, אַ צופּיל פאַרטיפטער, אַ פולער מיט שווערן אַנגסטן. „ניט גוט, אײַ, ניט גוט!“ — האָט געהאַט צו זאָגן דער דאָזיקער בליק. אַ גענוגנדיקער גרונט פאַר אַזאַ ייִעש האָט געקאָנט זײַן דעם מענטשנס עלטער אַליין. געוויינלעך איז זי צו קיין פריילעכע געדאַנקען ניט גוירעם. נאָר געווען איז נאָך עפּעס: דער היפּשער שיינער קאָפּ זײַנער איז געווען ווי אַרופגעזעצט גלײַך, אָן אַ סימען פון האַלדז, אויף אַ ייִנגלש קליינינקן, דאַרן קערפּער. די פינגער אויף דער האַנט, מיט וועלכער ער האָט אונטערגעשפּאַרט זײַן קין, זײַנען געווען קראַמפּיק פאַרדרייט, דער רעכטער, קירצערער פוס — אין אַ ספּעציִעלן שוך מיט אַ צוגעשטערקעוועטער פּאָדעשווע. אָנגעטאָן איז דער מענטש געווען ציכטיק. אָט די ציכטיקײַט האָט געזאָלט, ווײַזט אויס, כאָטש עטוואָס לינדערן פאַר אַ זײַטיק אויג דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט זײַן אויסזען.

קרומלעך, מיט אַ זײַט, איז דער אַלטיטשקער געזעסן אויף זײַן שטול און גערולדיק געוואַרט.

די ריי האָט זיך פאָרויסגערוקט. אָט איז שוין אַוועק דער דיקלעכער פאַרשוין מיט דער צײַטונג, וועלכער איז געזעסן פאַר מיר, אָט רופט מען אויך מיך אין זאַל. גלײַכצײַטיק האָט נאָכן אָרדנטלעכן קליִענט זיך באַפרײַט אויך די מײַסטערן, אויף וועלכער דער אַלטיטשקער האָט געוואַרט. אַ גענוג הויכע, האָט זי אויסגעזען זייער שטאַלטנע אין איר ווײַסן כאַלאַט. ניט גאָר קיין יונגע, האָט זי נאָך פאַרהיט היפּש כיין אין אירע ברייט צעפּראַלטע קאַרע אויגן, וואָס האָבן מאַמעש געשטראַלט מיט גוטסקײַט אויף יעדן איינעם, צו וועמען זיי האָבן זיך געווענדט.

אויך דעם אַלטיטשקן האָבן אָט די אויגן באַשטראַלט מיט זייער גוטסקײַט, בייס ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט — ווי אײַנגעזונקען — אינעם שטול. זײַן שטול איז געשטאַנען בײַ דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, הינטער מיר, און איך האָב

די גאַנצע צײַט אים געזען סײַ פון רוקן, סײַ פון פאָרנט אין זײַן שפיגל, און אָפגעשפיגלטן אין מײַנעם. די פרוי מיט די גוטע אויגן האָט אַרופגעוואָרפן אַפן אַלטיטשקן און אַקוראַט אַרומגעשטעקט אַרום האַלדז אַ בלאַנקענדיקן לײַלעך, און איך האָב געזען, ווי אונטער אירע הענט האָט דער מענטש מיטאַמאָל זיך געענדערט. אונטערן לײַלעך איז באַלד פאַרשווּנדן זײַן פאַרקריפּלטער גוף, און עס איז פאַרבליבן איבערן ווײַסן צײַג בלויז דער היפּשער און שײנער קאָפּ מיטן גראָווען יאָזשיק. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די מײַסטערן זאָל, ווי דורך אַ מין קישעף, האָבן אַראָפּגענומען מיטאַמאָל אַלדאָס פאַרקריפּלטע, מיִעסע, און געלאָזט בלויז דאָס נאָבעלע, שײנע. אַ צופרידענע, עפּעס רײדנדיק מיט אַ ליבלעכן שמײכל, האָט זי גענומען זיך אײַסעקן צוערשט מיט דער עלעקטרישער מאַשינקע, דערנאָך מיטן שערל אַרום דעם קליענטס יאָזשיק.

מײַן מײַסטערן, ניט קײן הויכע, אַ גאַנץ פולע, עלטערע פרוי מיט שטאַרק אונטערגעפּירטע ברעמען, האָט דערווײַל געמאַכט אירע מאַניפּולאַציעס אַרום מײַן קאָפּ, און איך האָב בעשאַסמײַסע די גאַנצע צײַט דורכן שפּיגל ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג פונעם שפּיגל הינטער מיר. מע האָט געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ האַנאָע יענע מײַסטערן האָט דאָרט געטאָן איר אַרבעט, און ווי וואָס ווײַטער איז אַלץ מער אָפּגעגאַנגען — מע האָט עס געזען באַשײַמפּערלעך — דער ייִעשדיקער אַנגסטן אינעם אַלטיטשקנס בליק. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָרטן, אונטערן לײַלעך, מיט וועלכן ער איז צוגעדעקט, קומען פאָר וווּנדער — עס הײבן זיך אָן באַוועגן די פינגער, עס גלײַכט זיך אויס דער קורצער פוס, עס ווערט קרעפּטיקער דער גאַנצער גוף זײַנער און, צוזאַמען דערמיט, לעבט אויף, לײַטערט זיך אַלץ מער אויס זײַן בליק... אָט האָט די פרוי לײַכט אָנגענײגט צום גלאַנציקן טאַז דעם אַלטיטשקנס יאָזשיק און פלײַסיק גענומען אים אָנזײפן. מיסטאָמע לעבט ער אײנזאַם, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ניטאָ, ווער עס זאָל עס אים טאָן אין דער הײם. די מײַסטערן האָט לײַכט אונטערגעהויבן דעם אַלטיטשקנס קאָפּ און מיט אײדעלע באַוועגונגען גענומען אים אַקוראַט און ענערגיש מאַסירן. און דאָ — איך האָב עס געזען דורך מײַן שפּיגל — איז געשען אַ וווּנדער. דאָס אַלטע פאַרײיִעשטע פּנים מיטן שווערן אַנגסטיקן בליק האָט ביסלעכווײַז גענומען פאַרשווינדן... איבער דעם ציכטיקן לײַלעך האָט געקוקט איצט אַן אַנדער פּנים, אַ סאַך אַ ייִנגערס. און מיט יעדער באַוועגונג פון דער פרויס פלינקע הענט האָט דאָס פּנים גענומען ווערן נאָך ייִנגער, ביז... ניין, רופט עס אָן קישעף, רופט עס אָן, ווי איר ווילט, נאָר איך האָב געקוקט אין די אויגן פונעם מענטשן אין שפּיגל און מיטאַמאָל דערזען אין זײ... איר וועט ניט טרעפן, וואָס איך האָב אין זײ דערזען... אַ קינד... יאָ, יאָ, אַ קינד...

אַ ייִנגעלע... אים איז דרײַ, און עפּשער פיר יאָר... די מאַמע, זײַן לײַבלעכע מאַמע, צוזאָגט אים. אַ ברויזעלע זײף איז אַרײַן אין אויג, האָט ער זיך צעכניקעט. די מאַמע האָט אים אָפּגיך דאָס אויג דורכגעוואַשן, און אָט פּאָרעט זי זיך שוין מיט אירע צאַרטע גוטע פינגער צווישן די ווײכע הערלעך, רײַבט דאָס קעפּל, קיצלט עס, און אים איז גוט. אַך, ווי גוט אים איז אונטער אירע ספּריטנע ליבע פינגער! מע זעט עס איצט אין זײַן בליק. אַ קינדערשער בליק, אָן אַ סימען פון זאָרג, פון דײַגעס.

מײַן מײַסטערן האָט מיט איר עלעקטרישער מאַשינקע זיך געײַסעקט דערווײַל אַרום מײַן פּאָטיליצע. איר זאָל באַקוועמער זײַן, האָט זי מיר לײַכט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, נאָר איך האָב, שטערנדיק איר אין דער אַרבעט, אים באַלד אַ הײב געטאָן אַרויף — כ׳האָב ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פונעם קינדערש־גליקלעכן בליק אינעם אַנדערן שפּיגל.

מיט שטוינונג האָט מיך אָנגעקוקט די מײַסטערן: דאַכט זיך, אַ מענטש אַ באַרדאַס, און נאַ דיר!

איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ און גאָרניט געזאָגט. נאָר אינדערעמעסן האָב איך געוואָלט שרײַען. צו מײַן מײַסטערן, צו אַלע מײַסטערנס, וואָס האָבן דאָ אין זײערע ווײַסע כאַלאַטן געאַרבעט, צו די קליענטן אין די שטולן און צו יענע, וואָס האָבן געוואַרט אין קילן וועסטיביול. שטײט אַ ווײַלע! — האָב איך געוואָלט צו זײ אַ געשרײ טאָן. — רײַסט איבער די אַרבעט! טוט אַ קוק אין יענעם ווינקל, ווו עס קישעפט אָט די גוטע פרוי איבערן גראָווען אויסגעצוואָגענעם יאָזשיק. זעט — ערשט־אָ איז דאָ פאָרגעקומען אַ וווּנדער, איר הערט, אײנער פון די גרעסטע וווּנדער אין דער וועלט! אַן אַלטער, אַ קראַנקער, אַן אומגליקלעכער מענטש האָט דעראָבערט דאָס שענסטע, וואָס קאָן אין לעבן געמאָלט זײַן, — די קינדהײַט... באַם סאָף פונעם לעבן — זײַן ליכטיקן אָנהײב...

ניין, איך האָב ניט געשריִען. כ׳האָב גאָרניט געזאָגט. קײנער, כוץ מיר, האָט אין יענעם ווינקל ניט אַ קוק געטאָן. אָבער — אין דעם בין איך זיכער געווען — דערפון איז אָף קײן האָר ניט געמינערט געוואָרן דער נעס, וואָס איז דאָרט אָקאָרשט געשען.

■ ■ ■

די זון באַשײַנט דאָס לעבן

ווער בין איך, וואָס בין איך...

ווער בין איך, וואָס בין איך אָן מײַן טײַערער ערד?
א זעמדל אין מידבער, עס האָט ניט קיין ווערט,
א צווײַגל, וואָס וועלקט, א פארטריקנטס פון קעלט,
א פינצטערע גרוב אין דער ליכטיקער וועלט.

ווער בין איך, וואָס בין איך אָן מײַן לײַבלעכער היים?
אן עלנטער בוים, וואָס ער וואקסט, ווי געהיים,
א קאנעץ, וואָס צאנקט אין א ווינטיקער נאכט,
אָן א ביקס א סאָלדאט אין געפערלעכער שלאכט.

ווער בין איך, וואָס בין איך, ווען עס זינגט ניט מײַן הארץ?
א הימל אין כמארעס, וואָס שטענדיק איז שווארץ,
א שטים אין דער פוסטקײַט, עס הערט זי ניט קיינער,
דער דרויסן, עס דוכט זיך, פאר ווייטעק וויל וויינען...

גאגארינס בוים

דער ערשטער מענטש, וואָס האָט דערזען פון קאָסמאָס אונדזער
רוים,
ער האָט פארפלאנצט אין סאָטשי־שטאָט אן אייביק־גרינעם בוים.
עס צוויטען קווייטן אפן בוים, אזעלכע שנייִיק־ווײַסע,
דער בוים געוואָרן איז אליין א שיינע מײַסע,
אין וועלכער
רייכעס פון א בוים אן ערדישן דערגרייכן
אלץ העכער,
העכער,
העכער
צו די קאָסמאָס־הייכן.

לעב און טו דײַן ארבעט

טו דיר דײַן ארבעט און האָב קיין פאריבל,
עס זײַנען נאָך דײַגעס ניט ווייניק פארבליבן:
אקערן דארפסטו, און אײַזן אויך שמידן,
לעבן דער מענטש מוז אין שאָלעם און פרידן.
מע וועט נאָך אין קאָסמאָס שיקן ראקעטעס,
פליִען מע וועט צו די ווײַטע פלאנעטעס.

וועלדער פארפלאנצן עס איז נאָך פארבליבן.
דײַן וויכטיקסטע ליד האָסטו נאָך ניט
דערשריבן.
ניט אײַל זיך, ניט אײַל זיך, ניט כאפ זיך, מײַן
פרײַנט.
די זון ניט דעם טויט, נאָר דאָס לעבן באַשײַנט.

זאלץ

ס'זאָל דער מיטיק א געשמאקער זײַן,
האָבן מיר געבראכט א קריגל אלטן ווײַן.
אפן מאַרק געקויפט מיר האָבן קרויט,
און קאַרטאָפל אַף א באָרשטש, און ברויט.
פליייש געווען איז צאַפלדיק און פריש,
געגרייט מע האָט צום טיש געפילטע פיש.
אַלץ געווען אין קיך איז — נעם און קאָך!
שטעלט אײַך פאָר, פונדעסטוועגן, און דאָך, —
פאַר דעם מיטיק ניט געווען נאָך אַלץ,
קויפן האָבן מיר פארגעסן זאַלץ...

דאָס מיידעלע און די זון

ס'האָט א מיידעלע אפן אספאלט געמאָלט א זון מיט קרײַד,
די שטראַלן זײַנען ווייך געווען, גלײַך ווי געמאַכט פון זײַד.
פון זון־קרײַז האָבן ליפּעלעך און אייגעלעך געקוועלט.
דאָס מיידעלע געווען איז שיין, ווי גאָר די וועלט.

— פאַרוואָס די זון מיר מאָלן שטענדיק אין א קרײַז, וואָס לאַכט? —
דאָס מיידעלע געפרעגט בא מיר האָט און זיך אויך פאַרטראַכט...
— וואָס זשע, קינד מײַנס, ווייסט אַליין ניט —
זי קאָן לאַכן, קאָן ניט וויינען.
ווײַל אין הימל איז זי אייגע,
איינע וועט ניט וויינען קיינמאָל.
יאָ, יאָ, יאָ — אַף אַלע שפּראַכן
וועט זי שמייכלען, וועט זי לאַכן.

שראַמען

ניט שעם זיך, סאָלדאַט, מיט די שראַמען,
מיט ווונדן מיט דײַנע פון קריג.
פאַרגאָסן האָסט בלוט גאַנצע יאָמען,
די וועלט זאָל דערגרייכן דעם זיג.

ניט שעם זיך, סאָלדאַט, מיט די שראַמען —
די שטעמפּלען פון שווערן געפעכט.
געהאַלטן דו האָסט אַן עקזאַמען,
אַף לעבן פאַרטיידיקט די רעכט.

ניט שעם זיך, סאָלדאַט, מיט די שראַמען,
זיי נאָיען... פאַרשטשעמע די ציין.

א ווייטעק צו טראָגן אַזא מין
איז ניט קיין כיסאָרן, אָ, ניין!

איך ווייס, ווען מיר וואָלטן די שראַמען
פון יעדן פאַרוווּנדעטן העלד
צונויפנעמען אַלע צוזאַמען, —
א קרעכץ וואָלט דערשיטערט די וועלט...

ניט שעם זיך, סאָלדאַט, מיט די שראַמען,
וואָס דו האָסט באַקומען אין שלאַכט.
מיר דוכט, אַז די שראַמען — זיי פלאַמען,
ווי שײַטערס, באַטאָג און באַנאַכט.

מײַן באָבעניו

בא מיר איז דאָ א באָבעניו,
רופט מען זי סאַידא.
וועגן איר בא אונדז אין קאַנט
זינגען מענטשן לידער.
ליב איך האָב מײַן באָבעניו,
וואָס וווינט אין אַנדיזשאַן,
דרײַ און דרײַסיק קינדער
בא איר זײַנען פאַראַן.
ייִנגעלעך און מיידעלעך
זי האָט אין שטוב געבראַכט,
הונגעריקע שיידימלעך —
יעסוימים פון דער שלאַכט.
יעסוימימלעך די קינדער
געבליבן זײַנען דאַן...
געפעסטעט האָט מײַן באָבע
זיי צאַרט אין אַנדיזשאַן.
און זיי זײַנען געוואַקסן,
ווי אַף זאַטע בייטן,
די זון פלעג זיי באַשײַנען,
די זון פלעג זיי באַגלייטן.
...און איצט באַקומט מײַן באָבע
פון אירע קינדער בריוו:
פון צאָפּן און פון דאָרעם,
פון מאָסקווע און פון קיִעוו.
אין אַלע רעפּובליקן
זי האָט סײַ זין, סײַ טעכטער,
זיי שיקן איר קאָנווערטן,
פאַרכאַסמעטע מיט ווערטער.
פון פינעף טראַקטאָריסטן,
פון פינעף אינזשעניערן
און פון פיר אַרטיסטן.
דרײַ אַרבעטן אַף קראַנען,
איינער איז א שאַכמאַטיסט,
פיר קאָלווירטניקעס-טשאַבאַנען,
איינער איז א זשורנאַליסט.
א שאַכטיאָר וווינט אין דאָנבאַס,
אַף א שיף — דער קאַפּיטאַן,
אין אן אַעראָפּלאַן דער אַס,
און לערער צוויי אין אַנדיזשאַן.

און ווען די קינדער קומען
צוגאַסט קיין אַנדיזשאַן,
פאַר דער באָבען בלומען
בא יעדן איז פאַראַן:
פון עלעף רוסן,
פינעף ייִדן,
דרײַ טורקמענער,
זיבן אוקראַיִנער,
פון צוויי גרוזינער,
דרײַ קירגיזן,
צוויי אוזבעקן —
אין אַנדיזשאַן אין אַלע עקן
די קינדערס בלומען דופטיק שמעקן.
און איך בין נאָך א קליינינקע,
דער באָבעס אַן אייניקל.
די דרײַ און דרײַסיק קינדער —
א גאַנצער קאָלעקטיוו,
אייניקלעך נאָך זיבעציק נײַן
קומען אָפּט קיין אַנדיזשאַן.
ס'איז טאַקע ניט קיין וווּנדער,
וואָס אָפּט עס קומען בריוו —
אָט פאַרוואָס מע זינגט די לידער
פון מײַן באָבעניו סאַידא.

איציק מאַנגער

מײַן לעצטער טאָג אין גאַניידן

דאָס ערשטע קאַפּיטל פונעם בוך „די ווונדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונג פון שמועל־אַבא אַבערוואָ״

די צײַט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין גאַניידן, איז געווען די שענסטע צײַט פון מײַן לעבן. נאָך באַם הײַנטיקן טאָג טוט מיר אַ קלעם באַם האַרצן און עס שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן, ווען איך דערמאָן זיך אין דער דאָזיקער גליקלעכער צײַט.

אָפּטמאָל פאַרמאַך איך די אויגן און לעב נאָכאַמאָל איבער די גליקלעכע יאָרן. די דאָזיקע יאָרן, וואָס וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן. סײַדן אַז מאָשיִעך וועט קומען.

אין אַזעלכע פאַרכאָלעמטע מינוטן פאַרגעס איך אַפילע, אַז מע האָט מיר אָפּגעשוירן די פליגל, איידער מע האָט מיך אַראָפּגעשיקט אַף דער אַנדערער וועלט. איך צעשפּרייט די הענט און פּרוּוו אַ פלי טאָן. און ערשט דעמלט, ווען איך פאַל אַראָפּ אַפן דיל און פיל אַ ווייטעק אין אונטערשטן טייל פון מײַן גוף, דערמאָן איך זיך, אַז ס׳איז פאַרפאַלן, אַז פליגל פאַרמאָגן בלויז די באַשעפענישן אין גאַניידן.

און דערפאַר טאַקע האָב איך באַשלאָסן צו באַשרײַבן אַלצדינג, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, סײַ פאַר מײַן געבוירן ווערן, סײַ נאָך מײַן געבוירן ווערן. און באַשרײַבן וויל איך עס ניט, קעדיי צו פאַרווײַלן די ניט־גלייביקע, נאָר קעדיי זיך אַליין צו טרייסטן. איך ווייס, אַז אַ סאַך מענטשן האָבן שוין באַשריבן זייער אייגן לעבן אין פאַרשיידענע לעשוינעס פון דער וועלט. איך אַליין האָב איבערגעלייענט אַ הונדערט אַזעלכע לעבנס־באַשרײַבונגען, און איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז ס׳האָט געשלאָגן צו דער גאַל. אַף יעדן טריט האָב איך געשפּירט, ווי ס׳רעדט די מענטשלעכע גײַווע און דער איקער — דער ליגן. דער ליגן, וואָס מאָלט זיך אַליין אין ראָזע פאַרבן און דעם צווייטן אין וואָס מער שווארצע. אַזאַ לעבנס־באַשרײַבונג איז נישט מער ווי אַ שטויס, וואָס איז אויסן אָפּצונאַרן דעם שויטע, וועלכער גלייבט דערין, און דער איקער זיך אַליין — דעם באַשרײַבער.

איך אָבער וויל דערציילן אַלצדינג אַזוי, ווי ס׳איז געווען. ניט מינערן אַף קיין האָר. איך וויל קיינעם ניט אײַנרעדן, אַז איך בין אַ צאַדיק אין פּעלץ. כאָלילע־וועכאַס. כ׳האָב אַ סאַך געגרײַזט און אַ סאַך גוטס געטאָן. דאָרט, ווו איך האָב געגרײַזט, וועל איך זיך מוידע זײַן, אַז איך האָב געגרײַזט, און דאָרט, ווו איך האָב רעכט געטאָן, וועל איך דערציילן מיטן אַקוראַט ווי־אַזוי און וואָס און ווען.

איך ווייס, אַז אַ סאַך מענטשן וועלן מיך פרעגן: האיך־טאָכן, ווי קומט עס, אַ מענטש זאָל געדענקען מיטן אַקוראַט, וואָס מיט אים איז געשען פאַר זײַן געבוירן ווערן? זיי, די פרעגערס, וועלן אַפילע ברענגען אַ ראַיע, אַז אַזוינס איז ניט מעגלעך. איעדער איינער ווייסט, אַז איידער דער מענטש ווערט געבוירן, קומט אַ מאַלעך און גיט אים אַ שנעל אין דער נאָז און פון דעם דאָזיקן שנעל פאַרגעסט ער טייקעף אַלצדינג, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, און אַפילע די

טורע, וואָס דער מאַלעך האָט מיט אים גע־לערנט, איידער ער איז אַראָפּ אַף דער זינ־דיקער וועלט.

די מענטשן, וואָס וועלן דאָס טײַנען, וועלן זײַן גערעכט. אַזוי איז דאָס טאַקע. אַזוי גע־שעט מיט יעדן מענטשן, איידער ער קומט אַף דער וועלט. דער מאַלעך שנעלט טאַקע אין דער נאָז איעדן איינעם און יעדער איי־נער פֿאַרגעסט טאַקע אַלצדינג. אָבער מיט מיר איז געשען אַ נעס, אַן אויסטערלישער נעס. און דעם נעס וויל איך טאַקע דערציילן אַף צו פֿריִער, קעדיי מע זאָל פֿאַרשפּאָרן צו שושקען איינער דעם צווייטן אין אויער אַרײַן, אַז אָט דער שמועל־אַבע אַבערוואָ האַקט אַ טשײַניק, בראָקט ליגנס, ווי אַ ייִדענע לאָקשן.

אין דעם טאָג, ווען מע האָט מיך איבער־געגעבן אין רעשוס פֿון מאַלעך, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט אַראָפּברענגען אַף דער ערד, בין איך גראָד געזעסן אונטער אַ גאַניידן־בוים און געשעפּט טײַנעג פֿון די קאַנאַרי־קעס, וואָס האָבן זיך צעזונגען, ווי אין פּאָ־סעק שטייט. אַגעוו, מוז איך אײַך זאָגן, אַז אַנטקעגן די גאַניידן־קאַנאַריקעס זײַנען די ערדישע קאַנאַריקעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. ערשטנס, זײַנען די גאַניידן־קאַנאַרי־קעס צוואַנציק מאָל גרעסער און זינגען זינ־גען זיי אַזוי, אַז מע קאָן עס פּאָשעט ניט באַשרײַבן אין קיין שום מענטשלעכן לאָשן. אַזוינס מוז מען הערן מיט די אייגענע אויערן, קעדיי צו פֿאַרשטיין דעם כילעק.

איציק מאַנגערס פּאָרטרעט, געמאָלט פֿון אַן אומבאַוווּסטן קינסטלער

געווען איז דאָס בייִנהאַשמאָשעס־צײַט. דער געמאָרע־מעלאַמעד, רעב מייער פֿאַרעך, אַ מאַלעך מיט שווערע טונקל־גרויע פֿליגל, איז אַוועק צו מינכע־מײַרעוו אין דער מאַלאָכישער קלויז, די טאַלמידים זײַנען זיך דערווײַל צעלאָפֿן. ווער ס'האָט געשפּילט מיט די אַנדערע מאַלאָ־כימלעך אין קאַמער־קאַמער־הויז, און ווער ס'האָט דערציילט מײַסעס וועגן גאַזלאָנים. איך בין מיר אַוועק צו מײַן באַליבטן גאַניידן־בוים הערן, ווי די קאַנאַריקעס זינגען.

איך בין זיך מוידע, אַז דאָס געזאַנג פֿון די גאַניידן־קאַנאַריקעס איז דעמלט געווען מײַן גרעסטע שוואַכקײַט. בעשאַס זיי האָבן געזונגען, האָב איך פֿאַרגעסן אין אַלץ אַף דער וועלט.

איז ליג איך מיר אַזוי אונטערן גאַניידן־בוים. די קאַנאַריקעס זינגען, גרויסע שמעטערלינ־גען פֿלאַטערן איבערן גאַניידן־גראָז, שפּילן זיך אין כאַפּערלעך. ווען איך רעד וועגן די גאַ־ניידן־שמעטערלינגען, טאָרט איר ניט מיינען, אַז דאָס זײַנען סטאַם שמעטערלינגען, אַזעלכע, וואָס איר זעט אַף דער ערד זומער־צײַט. אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר אַ גרויסן טאָעס. אַ גאַניידן־שמעטערלינג איז נײַנצן מאָל אַזוי גרויס, ווי אַן ערדישער. יעדער שמעטערלינג האָט אַן אַנדער קאָליר. איינער בלאָ, איינער גרין, איינער רויט, איינער ווײַס, איינער שוואַרץ. האַקיצער, ווי קאָן מען עס אויסרעכענען אָט די אַלע קאָלירן, אַז די מענטשלעכע שפּראַך פֿאַר־מאָגט גאָר ניט אַזויפֿיל ווערטער, וויפֿל קאָלירן ס'איז פֿאַראַן אין גאַניידן?

ווי איך ליג מיר אַזוי אונטערן בוים, דערהער איך מיטאַמאָל אַ קאָל, אַ באַקאַנט קאָל, וואָס קלינגט, ווי אַ זילבערן גלעקעלע:

— שמועל־אַבע, שמועל־אַבע!

איך קוק זיך אום און דערזע מײַן כאַווער — פֿישערל, אַ מאַלעכל אַ פֿאַרשײַטס, מיט קלו־גע, שוואַרצע אייגעלעך. דאָס מויל איז אים, ווי טאָמיד, אויסגעשמירט מיט פּאָווידלע. ער פֿלאַ־טערט מיט די דינע, ליכטיקע פֿליגל איבער מיר. און אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ מיר צופֿוסנס.

— וואָס איז, פֿישערל? וואָס איז געשען? זאָג שוין גיכער, צי מיר נישט אַרויס די נעשאָמע!

פישערל ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון אונטער די פליגל און רוימט מיר שטיל אין אויער אַרײַן:

— שמועל־אַבע, ס'איז שלעכט. איך בין געוויר געוואָרן, אַז מע שיקט דיך נאָך הײַנט אַראָפּ אַף דער ערד. דײַן גורל איז, דו זאָלסט ווערן אַ מענטש, פֿאַרשטייסט, וואָס מע רעדט צו דיר? — אַ מענטש.

דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן: טיק, טיק, טיק.

— וואָס רעדסטו, פּישערל? ווער האָט עס דיר געזאָגט? פונוואַנען ווייסטו עס?

און פּישערל האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי ער איז גראָד פאַרבײַגעפלויגן דעם גאַניידן־שענק „צום צאַדיק נויעך”. דאָרט אין שענק איז געזעסן דער מאַלעך שימען־בער, דער גרעסטער שיקער צווישן אַלע מאַלאָכים.

— ער האָט געטרונקען זעקס־און־נײַנציקער ספּירט און געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס, ווער מען ווייס איך נישט, — האָט ווײַטער דערציילט פּישערל, — נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין קאַס, מע שיקט אים אין אַ שליכעס. ער דאַרף דיך אַראָפּפירן אַף דער ערד, דיר געבן אַ שנעל אין דער נאָז, קעדיי דו זאָלסט אַלצדינג פאַרגעסן: דעם גאַניידן, די טוירע, וואָס דו האָסט געלערנט, און מיך, דײַן כאַווער פּישערל, אויך.

און פּישערל האָט זיך צעוויינט. זײַנע טרערן זײַנען מיר געפאַלן אַף דער רעכטער האַנט. זיי זײַנען געווען גרויסע און הייסע.

די טרערן פון מײַן כאַווער פּישערל האָבן מיך געריירט ביז טרערן. איך האָב אים געגלעט איבערן קעפּל און אים געפרווווט טרייסטן:

— וויין נישט, פּישערל, מאַלע וואָס אַ שיקערער מאַלעך פּלאַפּלט ערגעץ אין אַ שענק. אַנו, לאָמיך נאָר זען, ער זאָל מיך פּרווון נעמען. די רויטע באָרד זײַנע וועל איך אים אויסרײַסן. איך וועל אים דאָס פּאָנעם צעדראַפּען. איך וועל אים אָפּבײַסן די רויטע נאָז זײַנע, ווי דו זעסט מיך לעבן.

פּישערל האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַרויִקן. ער האָט געהעשעט אַף אַ קאָל:

— דו ווייסט דען, וואָס פאַר אַ גאַזלען דאָס איז, אָט דער שימען־בער? אַן עמעסער רעצייעך!

איך האָב געוווּסט, אַז פּישערל זאָגט דעם עמעס. פאַר אָט דעם מאַלעך שימען־בער ציטערן אַלע. ער איז קימאַט קיינמאָל ניט ניכטער. אַרײַנצופאַלן צו אים אין די הענט איז ערגער ווי אין געהענעם אַרײַן. און גראָד אים האָט מען עס אויסגעקליבן, אַז ער זאָל באַגלייטן די קינדער, וואָס דאַרפן געבוירן ווערן, און ער זאָל זיי געבן דעם באַרימטן שנעל אין דער נאָז.

איך האָב געציטערט, ווי אַ פיש אין וואַסער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי אָט דער שיקער פירט מיך באַ דער האַנט. אַז מע וויל ניט גיין מיט גוטן, טראָגט ער אַף די פּלייצעס. אָט שטייט מען שוין באַ דער גרענעץ פון גאַניידן. איך הער דאָס שיקערע קאָל פון מאַלעך: „גיב אַהער די נאָניע, כעוורעמאַן, לאָמיך דיר טאָן אַ שנעל און פּאַשאָל וואָן!”.

פאַר דעם דאָזיקן שנעל ציטערן אַלע, שרעקן זיך נאָך מער, ווי פאַרן געבוירן ווערן אַף דער ערד. ניט איין קינד האָט דער דאָזיקער שיקערער מאַלעך אומגליקלעך געמאַכט מיט זײַן שנעלן. אויב איר זעט אַ קורנאָסע קינד אַף דער ערד, זאָלט איר וויסן זײַן, אַז דאָס האָט אים שימען־בער דער מאַלעך אַ צו שטאַרקן שנעל געטאָן אין דער נאָז.

— איז וואָס זשע קאָן מען טאָן, פּישערל? גיב אַן אייצע, וואָס קאָן מען טאָן? — האָב איך זיך געבעטן באַ מײַן כאַווער.

— גאָרנישט קאָן מען טאָן, — האָט פּישערל טרויעריק געענטפערט.

— דײַן גורל איז געכאַסמעט, און ס'איז פאַרפאַלן. פון שימען־בערס הענט וועסטו זיך ניט אַרויסדרייען, זאָלסט אפילע זײַן מיט אַכצן קעפּ. איך מיין, אַז ס'וואָלט געווען דאָס בעסטע, אַז דו זאָלסט...

— וואָס? וואָס? — האָב איך אים געפרעגט און אים געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— אַז דו זאָלסט גיין מיט גוטן, זיך ניט אײַנשפּאַרן. און ניט וויינען. שימען־בער האָט פײַנט, אַז מע ווידערשפּעניקט אים. ער האָט פײַנט, אַז מע וויינט. פאַר וויינען קאָנסטו נאָך פון אים כאַפּן אַזאַ שנעל אין דער נאָז, אַז דו זאָלסט, כאַלילע, קומען אינגאַנצן אָן אַ נאָז אַף דער וועלט. אַ שיין פּאָנעם וועסטו דעמלט האָבן, אַזאַ יאָר אַף שימען־בערן.

פון פּישערלס רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך שוין ניט אַרויסדרייען פון שימען־בערס הענט. די גאַנצע צײַט, וואָס פּישערל האָט גערעדט, האָב איך זיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט די נאָז, זי באַדויערט פונעם גאַנצן האַרצן פאַר דעם אומגליק, וואָס קאָן איר כאַלילע טרעפן, און טיף אין האַרצן האָב איך געבעטן דעם ריבוינעשעלוילעם, אַז ער זאָל זי באַהיטן און באַשיצן.

די גאַנצע צײַט, וואָס איך האָב שטילערהייט טפילע געטאָן צום ריבוינעשעלוילעם, ער זאָל באַהיטן און באַשיצן מײַן נאָז פֿאַר דער סאַקאָנע, וואָס לויערט אויף איר, איז פישערל געזעסן לעבן מיר אין גראָז, צוגעלייגט א פינגער צום שטערן, מאַשמאַעס ער האָט עפּעס געטראַכט.

זײַנע קלוגע שווארצע אייגעלעך האָבן מיטאַמאָל אַ פינקל געטאָן. טאַמיד, ווען פישערל דערטראַכט זיך צו עפּעס, בלישטשען זײַנע אויגן.

— שמועל־אַבע, — ווייסט, וואָס איכל דיר זאָגן?

— וואָס, פישערל?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן, צי קיינער הערט זיך ניט אונטער, און דערנאָך האָט ער מיר אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן:

— באַ אונדז אין קעלער געפינט זיך אַ פלעשל יאַיִן־האַמעשומאָר, דער טאַטע האַלט עס אויף אַ רעפוע. דאָס דאָזיקע פלעשל וועל איך דיר מיטגעבן אין וועג אַרײַן.

— וואָס הייסט, דו וועסט מיר מיטגעבן דאָס פלעשל אין וועג אַרײַן, — האָב איך זיך גע־כידעשט, — ס'איז דען דײַנס? און צו וואָס, אַשטייגער, דאַרף איך עס האָבן?

פישערל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך זע, אַז מע דאַרף דיר לייגן אַ פינגער אין מויל אַרײַן. וואָס איז דאָ אַזוי שווער צו פאַרשטיין, איך בעט דיך? דו וועסט דאָס פלעשל געבן דעם מאַלעך שימען־בער, ער וועט זיך פאַשעט מעכײַע זײַן דערמיט, און דערפאַר זאָל ער ניט געבן, אַזוי מוזסטו מיט אים אָפּמאַכן, קיין צו שטאַרקן שנעל אין דער נאָז.

— וואָס רעדסטו, פישערל? — האָב איך אויסגעשריגן ניט מיט מײַן קאָל, — וואָס הייסט, דו וועסט לאַקכענען? און ווו איז לוי סיגנעוו?

פישערל האָט זיך צעלאַכט.

— שויטע בען פיקהאָלץ, צי ווייסטו דען ניט, אַז דער „לוי סיגנעוו" איז נאָר פאַר די מענטשן און ניט פאַר מאַלאָכים? אָנו, ווײַז מיר, אַדרעאַבע, ווו ס'שטייט אין דער טוירע, אַז דער אייבערשטער האָט באַפוילן צו די מאַלאָכים „לוי סיגנעוו"? סײַדן אין סייפער פּראַלניק.

איך האָב אײַנגעזען, אַז מײַן כאַווער איז קליגער פון מיר און אַז ער איז גערעכט. פונ־דעסטוועגן האָב איך נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען. לאָמיר אָנעמען, אַז כ'וועל געבן דעם מאַלעך שימען־בער דאָס פלעשל „יאַיִן־האַמעשומאָר" און אַז שימען־בער וועט מיר געבן אַ לײַכטן שנעל אין דער נאָז, אָבער שנעלן וועט ער דאָך, און קוים שנעלט ער, מוז איך דאָך פאַרגעסן אַלץ, וואָס ס'האָט מיט מיר פאַסירט אין גאַניידן, און דאָס איז מיר אַ גרויסער שאָד.

פישערל האָט מאַשמאַעס פאַרשטאַנען, וואָס איך טראַכט. ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ שטיקל ליים, עס אַזוי לאַנג געקנאָטן אין די הענט, ביז ער האָט דערפון אויסגעפֿאָ־רעמט אַ נאָז, ער האָט עס מיר איבערגעגעבן און געזאָגט:

— בעשאַס שימען־בער וועט טרינקען דעם „יאַיִן־האַמעשומאָר" זאָלסטו דיר צוקלעפּן די ליימענע נאָז. אַז ער וועט שנעלן, וועט ער אָנרירן דאָס ליים. און דו וועסט אַרויס אַ גאַנצער. געדענק אַלץ, און זע, פאַרגעס ניט צו דערציילן אויף דער ערד, אַז ס'איז פאַראַן אַ פישערל אין גאַניידן.

ער האָט זיך אופגעהויבן, אויסגעגלײַכט די פליגל און הויך אַ זאָג געטאָן:

— קום! באַלד וועט דיך שימען־בער זוכן. בעסער וועט זײַן, אַז דו וועסט אים אַליין אַנטקעגן גיין. דערווײַל לאָמיר אַ פלי טאָן צו מיר אַהיים.

מיר זײַנען געפלויגן. דאָס איז געווען מײַן לעצטער פלי איבערן גאַניידן צוזאַמען מיט מײַן טײַערן כאַווער.

ס'האָט ניט קיין סאַך געדויערט, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער שטוב, ווו ס'וווינט פישערלס טאַטע שלוימע־זאַלמען דער שנײַדער, אַ מאַלעך מיט אַ קנאָפּ אין גאַרגל און מיט קעלבערנע אויגן.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ שילד, און אויפן שילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ מאַלעך מיט געלאַטעטע פליגל. אַ סימען, אַז פישערלס טאַטע איז געווען אַ לאַטוטניק, וואָס האָט פאַ־ריכט מאַלאָכים די אָפּגענוצטע פליגל.

פישערל איז אַרײַן אין שטוב, און איך האָב געוואַרט אין דרויסן. ס'האָט ניט קיין סאַך גע־דויערט, און ער איז אַרויסגעקומען. אונטער אַ פליגל האָט ער געהאַלטן דעם „יאַיִן־האַמעשו־מאָר".

ער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס פלעשל און געזאָגט:

— נאַ, נעם, שמועל־אַבע, און פלי טייקעף אין שענק „צום צאַדיק נויער"! ס'איז בעסער, אַז דו זאָלסט קומען צו שימען־בערן, איידער ער זאָל קומען צו דיר.

מיר האָבן זיך בײדע צעקושט, זיך אַרומגענומען, זיך נאָכאַמאָל צעקושט און נאָכאַמאָל אַרומגענומען, און װער װײסט װי לאַנג מיר װאָלטן נאָך אַזױ געשטאַנען, װען פּישערלס מאַמע, די מאַלעכטע כאַנע־דװורע, װאָלט ניט אַרױסגעשריגן דורכן פֿענצטער:

— פּישערל, די װעמפּלעך װערן קאַלט, קום עסן!

מיר האָבן זיך בײדע נאָכאַמאָל צעקושט, זיך אָנגעריכט מיט די פֿליגל. פּישערל איז אַרײַן אין שטוב עסן װעטשערע, און איך האָב זיך אַלײן געלאָזט פֿליִען אין דער ריכטונג, װוּ עס געפֿינט זיך דער שענק „צום צאַדיק נויעך".

אין גאַניידן איז שוין געװען גוט טונקל. אין די שטיבער, װוּ די מאַלאָכים האָבן געװױנט מיט זײערע מישפּאָכעס, האָבן שוין געברענט לאָמפּן, בערדיקע מאַלאָכים האָבן אַרײַנגעקוקט אין פֿאַרגעלטע ספֿאָרים. פֿעטע מאַלעכטעס מיט דרײַגאָרנדיקע גודערס האָבן געלאַטעט העמ־דער, יונגע מאַלעכטעס האָבן געװיגט די װיגן, אײַנגעשלעפֿערט די ערשט־געבוירענע מאַלאָ־כימלעך מיט אַ לידל:

שלאָף, מײַן מאַלעכל, מײַן קלײנס.
שלאָף, מײַן מאַלעכל, מײַן שײנס.
רו אויס דאָס יונגע פֿליגעלע
אין דער מאַמעס װיגעלע,
אײַ ליו, ליו...

פֿליִענדיק, האָב איך אַ קוק געטאָן אָט אין דעם פֿענצטער און אָט אין יענעם. איך האָב זײ אַלע שטאַרק מעקאַנע געװען, די יונגע און די אַלטע מאַלאָכים. זײ װעלן זיך איבערשלאָפֿן די נאַכט און אינדערפֿרי זיך װידער אױפֿכאַפּן אין גאַניידן. און איך? װוּ װעל איך זײַן? אַ גליק, װאָס דער װינט האָט אָפּגעקילט די טרער אױף מײַן באַק, אַז ניט, װאָלט זי מיר אויסגעברענט אַ לאָך אין פּאָנעם.

פֿאַרן שענק „צום צאַדיק נויעך" האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט. דורכן פֿענצטער האָב איך אַרײַנגעקוקט און געזען אַ פּאָר פּראָסטע מאַלאָכים, אָט די, װאָס אַרבעטן בײַ די צאַדיקים שװער, אַקערן זײערע פֿעלדער, שנײַדן דעם שניט, און אַלײן האָבן זײ דערפֿון אַ מאַקע. זײ זײַנען געזעסן בײַ די טישלעך, געטרונקען בראַנפֿן, געבײַכערט מאַכאָרקע און אַלעמאָל אַ שפּײַ געטאָן צװישן די צײן אױף דער פּאָדלאָגע.

אין אַ זײַט בײַ אַ טישל איז געזעסן דער מאַלעך שימעון־בער. די רױטע באָרד זײַנע איז געװען צעשױבערט, די אױגן איבערגעקערט. װײַזט אױס, אַז ער האָט שױן געהאַט היפּש אַרײַנגעגאָסן. דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאַטערט פֿאַר שרעק, אַז איך האָב אים דערזען. אָט דאָס איז דער, װאָס דאַרף מיך מעשאַלײעך זײַן פֿונעם גאַניידן, — האָב איך זיך געטראַכט, — און בעשום־אופֿן ניט געקאָנט פֿױעלן בײַ זיך, איך זאָל אַרײַנגײן.

אַ היפּשע װײַל בין איך אַזױ געשטאַנען ניט אַנטשלאָסן, ביז איך האָב זיך געמאַכט האַרץ: אײנמאָל מוז מען עס איבערקומען, — האָב איך זיך צוגעגעבן מוט און בין אַרײַנגעקומען. װיאַזױ ער האָט מיך נאָר דערזען, האָט ער זיך געװאָלט אױפֿהײבן און מיך אױפֿנעמען מיט אַ באַרעכהאַבע. ער איז אָבער געװען צו שיקער און די פֿליגל זײַנען בײַ אים געװען צעקנײטשט, אַזױ אַז ער איז צוריק אַנידערגעפֿאַלן אױף זײַן אָרט.

איך בין צו אים צוגעגאַנגען, האָב אים געהאָלפֿן אױסגלעטן די פֿליגל. אױב ער קאָן ניט שטײן אױף די פֿיס, זאָל ער כאָטש קאָנען פֿליִען. ס'האָט טאַקע ניט קײן סאַך געדױערט, און מיר האָבן זיך בײדע געלאָזט פֿליִען צו דער גרענעץ, װאָס טײלט אָפּ יענע־װעלט פֿון דער־װעלט.

אַרױסגעפֿלױגן זײַנען מיר דאָנערשטיק צען אַזײגער אין אָװנט, און אָנגעקומען זײַנען מיר צו דער גרענעץ פֿרײַטיק פֿאַר ליכט־בענטשן.

לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַז ניט אַזױ גרינג איז אונדז אָנגעקומען דאָס פֿליִען. דער מאַלעך שימעון־בער איז, װי געזאָגט, געװען פֿעסט בעגילופֿן. אַלעמאָל האָט ער פֿאַרלױרן די ריכטונג. אָט זײַנען מיר אָפּגעפֿלױגן אַ דרײַ שאָ, און אָט האָבן מיר װידער דערזען דעם קױמען פֿון דער קרעטשמע „צום צאַדיק נויעך". ס'האָט אים געצױגן, דעם מאַלעך שימעון־בער, צו דער דאָזיקער קרעטשמע, װוּ ער האָט קעסײדער פֿאַרבראַכט זײַנע טעג און נעכט.

שיר־שיר איז מיט אונדז ניט געשען אַ שטיקל קאַטאַסטראָפֿע. די נאַכט אין גאַניידן איז געװען אַ פֿינצטערע, אָן אַ סימען פֿון אַ שטערן. שימעון־בער האָט פֿאַרגעסן דעם לאַמטערן אין שענק, אַזױ אַז מיר זײַנען געפֿלױגן װי בלינדע, ניט װיסנדיק, װוּ מיר זײַנען ערגעץ אין דער װעלט.

אין דער פֿינצטער האָט זיך שימעון־בער צונױפֿגעשטױסן מיט אַ צװײטן מאַלעך. דאָס איז געװען דער מאַלעך פֿון די כאַלױמעס, װאָס איז גראָד געפֿלױגן אַראָפּ צו דער ערד. פֿון דעם

דאַזיקן צוזאַמענשטויס איז באַם מאַלעך פֿון די כּאַלוימעס קאַליע געוואָרן אַ פֿליגל. שימען־בער האָט געשאָלטן, און דער מאַלעך פֿון די כּאַלוימעס האָט געוויינט. איצט וועט ער שוין ניט קאָנען ווײַטער פֿליִען, און די מענטשן וועלן שלאָפֿן די נאַכט אָן כּאַלוימעס. מיט איין פֿליגל האָט ער זיך געלאָזט הינקען צו שלוימע־זאַלמען דעם לאַטוטניק, ער זאָל אים פֿאַריכטן דעם באַשעדיקטן פֿליגל, און מיר, דאָס הייסט שימען־בער און איך, האָבן זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן צו דער גרענעץ.

פֿון דעם דאַזיקן צוזאַמענשטויס האָט זיך מײַן שימען־בער אַ ביסל אויסגעניכטערט. ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע, זי אָנגעשטאָפּט מיט מאַכאָרקע, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, און פּיפּקענדיק די ליולקע, איז ער מיט מיר ווײַטער געפֿלויגן.

בײַ יעדן ציִ, וואָס שימען־בער האָט געטאָן פֿון זײַן פּיפּקע, איז אַ ביסל ליכטיק געוואָרן און מיר האָבן כאָטש פֿון צײַט צו צײַט געוווּסט, ווּ מיר זײַנען אין דער וועלט.

מיר זײַנען פֿאַרבײַגעפֿלויגן די גאַניידן־מיל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג פֿרײַ פֿאַר אַלע ווינטן, זיי זאָלן קאָנען דרייען מיט אירע פֿליגל.

פֿון דער דאָזיקער מיל דערציילט מען זיך אָן אַ סאַך מעשׂיות אין גאַניידן. באַטאָג איז זי אַ מיל, ווי אַלע מילן. זי מאָלט ווייץ און קאָרן, ווי אַלע מילן. און בײַנאַכט איז זי אָן אָרט פֿאַר שדים און לייצאָנים.

איך ווייס, אַז איר וועט מיך אָנקוקן דערשטוינט: ווי קומען שדים אין גאַניידן? איך אַליין האָב זיך אויך געוווּנדערט, ווען מע האָט מיר דערציילט וועגן דעם. און דערציילט האָט מיר וועגן דעם מײַן כּאַוּוער פּישערל. איך אַליין האָב די שדים קיינמאָל ניט געזען, אָבער יעדער מאַלעך וועט אײַך דערציילן, ווי אַזוי דער מאַלעך רעפֿאָעל, דער פֿעלדשער פֿונעם גאַניידן, איז אַמאָל בײַנאַכט געגאַנגען צו אַ כּוילע. פֿאַרבײַגייענדיק די גאַניידן־מיל, האָט ער געהערט מאָדנע קולעס. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ לאַנגע צונג, וואָס אַ שד האָט אַרויסגעשטעקט דורכן קוקערל פֿון דער מיל. דער מאַלעך רעפֿאָעל האָט אַ געשריי געטאָן „שמאַ־יִשׂראָעל" און איז געפֿאַלן אין כאַלאָשעס.

מע האָט אים געפֿונען פֿאַרטאָג ליגן לעבן דער מיל, און מע האָט אים קוים אָפּגעמינטערט. פֿון דענסטמאָל אָן האָט ער באַקומען אַ שווערן כּיסאָרן. ער זאַהיקעט זיך, בעשאַס ער רעדט, אַז ס'איז אויף אים מאַמעש אַ ראַכמאָנעס.

מיר, דאָס הייסט איך און דער מאַלעך שימען־בער, זײַנען ווײַטער געפֿלויגן. ניט אויסגערעדט קיין וואָרט איינער צום צווייטן. וואָס שימען־בער האָט געטראַכט, קאָן איך אײַך ניט זאָגן. פֿונוואַנען האָב איך עס געוואָלט וויסן? אָבער דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט און געפֿילט, דאָס, זעט איר, געדענק איך יאָ, און נאָך אַ מין געדענקען.

איך האָב געטראַכט פֿון מײַן כּאַוּוער פּישערל, וואָס שלאָפֿט איצט בײַ זיך אין בעטל. ער איז אָפּגעדעקט. מיט די פֿיס האָט ער פֿון זיך אַראָפּגערוקט די קאָלדרע אויף דער ערד. אַפֿילע שלאָפֿנדיקערהייט איז ער אַ שטיפֿער, וואָס מע זעט ניט קיין צווייטן. אַ פֿינגער האַלט ער אין מײַלכל. ווער ווייסט, צי כאָלעמט ער ניט פֿון מיר, זײַן כּאַוּוער, מיט וועלכן ער האָט זיך היינט אויף אייביק געזעגנט.

איך האָב געוואָלט אַ וויין טאָן. די טרערן זײַנען מיר שוין געשטאַנען אין האַלדז. נאָר ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער מאַלעך שימען־בער האָט פֿײַנט טרערן, האָב איך זיך אײַנגעהאַלטן און קוים־קוים געטאָן אַ זיפֿץ.

פֿאַרטאָג־צו האָט זיך דער מאַלעך שימען־בער אויסגעניכטערט. דער מאָרגן־ווינט איז געווען שאַרף און קאַלט. מיר האָבן ביידע געכאַפּט אַ ציטער. מיר האָט אַפֿילע געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— אוי, אַ קעלט! — האָט אַלעמאָל אַ ברום געטאָן דער מאַלעך שימען־בער און אַ פּאַכע געטאָן מיט זײַנע גרויסע וואַטאָווע פֿליגל, קעדיי זיך צו דערוואַרעמען. בײַ יעדן פּאַכע מיט די פֿליגל האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק אין דער ריכטונג, ווו ס'געפֿינט זיך דער שענק „צום צאַדיק נויעך".

איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז די ריכטיקע צײַט אים צו דערלאַנגען דאָס פֿלעשל „יאַיִן־האַמעשומאָר", וואָס מײַן כּאַוּוער פּישערל האָט מיר מיטגעגעבן.

— רעב שימען־בער, — האָב איך זיך אָנגערופֿן און זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר מײַן דרייסטקײַט, — רעב שימען־בער, אַ גוט גלעזל מאַשקע וואָלט צוניץ געקומען אַצינד, זיך דערוואַרעמען, האַ, וואָס זאָגט איר, רעב שימען־בער?

דערהערט דאָס וואָרט „מאַשקע", האָט דער מאַלעך אַ פּאַטש געטאָן מיט זײַנע גראָבע, וואַטאָווע פֿליגל און בעשאַסמײַסע איבערגעשראָקן אַ פּאָר בלויע גאַניידן־שוואַלבן, וואָס האָבן זיך גראַד געקליבן זינגען אַ שוואַך דעם בוירע־אוילעם.

— מאשקע, אוי, א גלעזל מאשקע! — האָט ער א געשריי געטאָן מיט אזא קאָל, אז צען גאניידן־האָזן זײַנען געפאלן אין כאלאָשעס פאר שרעק און צוויי לייביכעס האָבן געמאפּלט.

איך האָב ארויסגענומען דאָס פלעשל „יאַין־האמעשומאָר" פון אונטער מײַן רעכטן פליגל און אים געוויזן. פאר פרייד האָט ער געמאכט עטלעכע קאָזשעלקעס אין דער לופט. איך האָב אין דער ערשטער רעגע געטראכט, אז ער איז אראָפּ פון זינען.

אין דער ערשטער רעגע האָב איך זיך שטארק איבערגעשראָקן — האָבן צו טאָן מיט א מעשוגענעם מאלעך איז ניט קיין קלייניקײַט. נאָך באם הײַנטיקן טאָג כאפּט מיך אָן א שוי־דער, ווען איך דערמאָן זיך אין דער יונגער מאלעכטע פּערל, וואָס איז מעשוגע געוואָרן צוליב אן אומגליקלעכער ליבע. ווײ־ווײ, וואָס זי האָט פאראַרבעט! דעם גאנצן גאניידן האָט זי שיר ניט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף.

האקיצער, אזוי ווי שימען־בער האָט דערזען דאָס פלעשל בא מיר אין דער האנט, איז ער צו מיר צוגעפלויגן, עס ארויסגעכאפּט פון מײַן האנט, ארויסגעשלעפּט דעם קאָרעק מיט די ציין און גענומען זשליאָקען. דער „יאַין־האמעשומאָר", דארפט איר וויסן, איז א זייער שווערער ווײַן. יעדער טראָפּן וועגט צוויי מיט א האלבן פונט.

— ווייסטו וואָס, שמועל־אבע, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — לאָמיר זיך אראָפּלאָזן אין דער נידער! מיר וועלן נאָך באווײַזן אָנצוקומען באצײַטנס צו דער גרענעץ. — ער האָט ארויסגענומען זײַן מעשענעם זייגער, א קוק געטאָן אפן רויטן ציפערבלאַט, און מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אף א גאניידן־אקער.

נאָכדעם, ווי דער מאלעך שימען־בער האָט אויסגעזשליאָקעט דאָס גאנצע פלעשל, איז ער געוואָרן אזוי פריילעך, אז ער האָט מיר געגעבן א קניפּ אין בעקל און א ברום געטאָן:

— ביסט א וווילער יאט, שמועל־אבע.

מיר זײַנען ווײַטער געפלויגן. פליענדיק, האָבן מיר געדאווענט שאכרעס. און פונקט פינף אזייגער פארנאכט זײַנען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

באם סאמע ראנד פון דער גרענעץ האָט שימען־בער מיר געהייסן, אז איך זאָל זיך אוועק־שטעלן אף איין פוס און אים אָפּזאָגן די גאנצע טוירע, וואָס איך האָב געלערנט. איך האָב געטאָן, וואָס ער האָט מיר געהייסן. נאָכדעם, ווי איך האָב געענדיקט, האָט ער ארויסגענומען א גרויסע שער און מיר אָפּגעשוירן די פליגל.

— איצט, כעוורעמאַן, גיב אהער די נאָניע, און לאָמיך דיר א שנעל טאָן...

בעשאַס שימען־בער האָט מיר געשוירן די פליגל, האָב איך זיך געהאט צוגעקלעפּט די לײַמענע נאָז. ער איז געווען אזוי בעגילופן פונעם „יאַין־האמעשומאָר", אז ער האָט עס אפילע ניט באמערקט.

— רעבע שימען־בער, — האָב איך זיך בא אים געבעטן, — א קליינעם שנעל. רעבע שימען־בער! — און איך האָב טאקע בא אים געפונען כיין אין די אויגן. ער האָט מיר געגעבן א לײַכטן שנעל אין דער נאָז, קוים־קוים, וואָס כ'האָב אים געפילט.

— און איצט, פאַשאָל וואָן!

צום לעצטן מאָל האָב איך געכאפּט א קוק אף צוריק. געזען די גאנצע גאניידן־פּאנאָראַ־מע, וואָס האָט זיך געטוקט אין גינגאלד. איך האָב א קוק געטאָן צום לעצטן מאָל אף מײַנע פליגל, וואָס זײַנען געלעגן אף דער ערד.

— זײַט געזונט, רעבע שימען־בער! — האָב איך א זאָג געטאָן צום מאלעך מיט די וואַ־טאָווע פליגל און בין אראָפּ אף דער ערד.

מ ו י ש ע א ל ט מ א ן

זקײנישע נאָטיצן

וואָס דער זיקאָרן פאַרהיט

צווישן מײַנע פארלוירן־געגאנגענע שריפטן איז אויך געווען א גרעסערער עסיי „וועגן דער טעטיקײַט פונעם זיקאָרן”. דעם אינהאלט געדענק איך ניט מער, איך דערמאָן זיך נאָר א מאָטאָ, וואָס כ׳האָב פירגעשיקט באַם אָנהייב, א פערז פון א ליד פונעם פראנצויזישן פאָעט ווערלען. דעם פראנצויזישן טעקסט געדענק איך ניט מער, נאָר דעם זין. דער פאָעט קלאָגט זיך: „זיקאָרן, זיקאָרן! וואָס ווילסטו פון מיר?”

זיקאָרן... וויפל האָט מען שוין ניט געשריבן וועגן דער פראָבלעם?

צום ערשטן מאָל האָט דער באגריף, צום אָנהייב גאָר איינפאך, מיך פארינטערעסירט, ווען מײַן טאטע האָט מיך, דאָס באָכערל, וואָס איז אלט געוואָרן פונקט זיבן יאָר, ארײַנגעגעבן צו א נאסטאָיאשטשע געמאָרע־מעלאמעד. אָנגעהויבן געמאָרע מיט א יאָר פריִער בא א מעלאמעד, וואָס האָט אויך א ביסל געמאָרע געקענט. דער נײַער איז געווען א ספּעציִעלער מעלאָמעד פון אָט דעם פאך. א פּאָר וואָכן נאָכן אָנהייבן לערנען הער איך, ווי דער טאטע פרעגט באַם רעבן, וויִאזוי ער שאצט מיך, האָט דער רעבע געענטפערט:

— דער זיקאָרן איז בא אים שטארקער פון דער טפיסע.

וואָס זיקאָרן איז, האָב איך, נאטירלעך, פארשטאנען. עס הייסט: געדענקען. אָבער ווי קומט אהערצו טפיסע?..

טפיסע, האָב איך געוווּסט, איז אן אָרט, וווּ מע זעצט אײַן גאנאָווים. אף אונדזער פּאָשעטן לאָשן האָט עס געהייסן: טורמע (אף אונדזער בעסאראבישן דיִאלעקט פלעגט מען זאָגן: טעררמע). מיט עטלעכע כאדאָשים שפּעטער, ווען איך בין ארײַן פעסטער אין דער געמאָרע, האָב איך שוין פארשטאנען, אז טפיסע (אין העברעיִש שרײַבט מען תפיסה) איז פון תפוס (לייען — טאָפוס) — כאפּן... און אויך שנעל באגרײַפן. ווען עס זאָל מיר הײַנט אויסקומען צו פארטײַטשן דאָס וואָרט תפיסה, אזויווי כ׳האָב ניט קיין העברעיִשן ווערטערבוך, וואָלט איך איבערזעצט: אינטויִציע...

אין לויף פון יאָרן האָט מײַן דערפארונג מיר געוויזן, אז סײַ זיקאָרן, סײַ אינטויִציע זײַנען פאראן זייער פארשיידנארטיק.

פאראן א שעפערישער זיקאָרן. און פאראן א זיקאָרן א בייזער (אף רוסיש זאָגט מען: זלאָפאמיאטני...).

פאראן אן אינטויִציע, וואָס, נוצנדיק שפּינאָזעס אויסדרוק, מיר ווילן זי אָנרופן: אינטעלעקטועלע, און פאראן אן אויבערפלעכלעכע, אפילע א שווינדלערישע. מיט אזא אינטויִציע נוצט זיך דער פלינקער דעמאגאָג, נארט דעם פּאָשעטן אוילעם, בעשאס אינדערעמעסן ליגט אונטער דער אינטויִציע א היפשע דאָזע אמעראצעס. און באזונדערס געפערלעך איז עס, ווען דער שווינדלער האָט טאלאנט...

אין שעפערישן געביט זײַנעןביידע זייער נוצלעך און גאָר באזונדערס, ווען די צוויי עלעמענטן זײַנען שוטפים...

אין דער הײַנטיקער נאָטיץ וועט זײַן די רייד ניט וועגן הויכער מאטעריע, עס איז גאָרניט מײַן פאך, נאָר פארבונדן וועט עס זײַן, ווי עס איז שוין אָנגעוווּנקען אין טיטל, מיט זיקאָרן.

צוריק מיט א יאָר פערציק. אין בוקארעשט, אין קאפע „עליטא”, וווּ די מערהײַט באזוכער זײַנען צו יענער צײַט געווען ייִדן. אויך אינטעליגענציע ייִדישע. א זומערדיקער נאָכמיטיק. מיר, דער שרײַבער פון די שורעס און זײַן

לעבנס־כאַווער, דער הײַנט ווײַט אָפּגעשיידטער פּאָעט און טעאַטראַל יאַנקעוו שטערנבערג, מיר זיצן אין א זײַט בא א טישל און טרינקען קאַפּע. פּלוצעם, אויס דער העלער הויט, טוט מײַן כאַווער צו מיר א זאָג:

— איין זאַך וועסטו מוזן מוידע זײַן, אז איך בין מער רעוואָליוציאָנער פון דיר.

אנטקעגן וואָס איז דאָס צו רייד געקומען? אנטקעגן גאָרנישט. אזא טעווע געווען בא אים. עפּעס האָט אים געקוועטשט, זיך געדאַרפט באַפרײַען דערפון, פּלעגט ער פּלוצעם, אָן א שום שײַכעס צו עפּעס (אף רוסיש זאָגט מען: ני ק סיעלו ני ק גאָראָדו) עס געבן א שיס ארויס פון זיך. אזויווי עס איז פאַר מיר ניט געווען קיין נײַס, האָב איך געענטפערט מיט א שפּאַס:

— דאָס האָט מען געקאָנט באַמערקן נאָך פון אונדזערע קינדער־יאָרן. מיר איז ניט אײַנגעפאַלן אָנצוקלאַפּן באַנאַכט אין פענצטער צו אונדזער דאַרדעקע־רעבע יאַנקל קראָטש און אַרײַנשרײַען: יאַנקל קראָטש! א רועך אין דײַן טאַטן אַרײַן! דו, דער געבוירענער רעוואָליוציאָנער, האָסט עס געטאָן.

עס איז א פאַקט. און ווידער מערקווירדיק. עס איז א מײַסע פון צוריק מיט אכציק יאָר, און עס געדענקט זיך אזוי פריש, גלײַך ערשט נעכטן געשען. ווי קומט עס? פאַרוואָס פאַרגעס איך ערשט ניט לאַנג געשעענע און פאַרגעדענק זאַכן פון א גאַנץ לעבן צוריק? זאָלן ענטפערן ספּעציאַליסטן. איך וויל דערציילן דעם מערקווירדיקן פאַקט.

צוריק מיט אכציק יאָר. מיר, איך מיט יאַנקעוון, זײַנען טאַלמידים פון א דאַרדעקע־מעלאַמעד, וואָס מע רופט אים יאַנקל קראָטש (קראָטש אף מאָלדאַוויש איז א זידלוואָרט, עס באַטײַט א קאַרגן פון קאַרגן, א קליינלעכן פאַרשוין). געווען זײַנען מיר, גלייב איך, א שטיק דרײַסיק באָכערימלעך און אויך א ביסל מיידלעך. די עלטערע גרופּע האָט שוין געלערנט עטוואָס כומעש, די קלענערע — לייענען איוורע... אים, יאַנקעוון, האָט מען ארויסגענומען פון דעם כיידער מיט א האַלב יאָר פריִער איידער מיך און אים אַרײַנגעגעבן צו א העכערן טיפּ מעלאַמעד, צו אווראָם פאַרעווע.

בא אווראָם פאַרעווע האָבן געלערנט א צענצוועלף טאַלמידים. מע האָט זיך אין דרויסן ניט געוואַלגערט. מע פלעגט גיין אהיים פריִער ווי בא יאַנקל קראָטש.

מאַכט זיך, עס איז ווינטער. מיר זיצן א פופצן כעווערלײַט ארום א לאַנגן טיש, דער רעבע פאַרן עק פון טיש. איך, דער קלענסטער, זיץ גלײַך לעם רעבן, צו זײַן רעכטער האַנט. מיר לערנען זינגעוודיק א סעדרע „ויחי” (וואַיכי). דער רעבע זינגט, מיר האַלטן אונטער. מיך, דעם קלענסטן, האָט שטאַרק פאַרכאַפּט דאָס אָרט, ווו יאַנקעוו אָווינו (יאַנקעוו פון כומעש!) געזעגנט זיך מיט זײַן זון, דעם גרויסן האַר אין מיצראַיִם, און בעט, מע זאָל אים, ווען ער וועט שטאַרבן, אָפּפירן ברענגען צו קוורע אין קענאַאַן, אין דער הייל, ווו עס ליגן זײַנע עלטערן.

און פּלוצעם טוט זיך אָן ענדער דער טאָן פונעם זינגען באַם רעבן, הײַנט וואָלט איך עס אָנגערופן: טראַגיש... ער פאַרענטפערט זיך פאַר יויסעפן, פאַרוואָס ער, יאַנקעוו, האָט זײַן, יויסעפס, מוטער געבראַכט צו קוורע אין אָפּענעם פעלד...

און בעשאַס ער, יאַנקל קראָטש, וועלכער שפּילט איצט פאַר זײַנע טאַלמידים יאַנקעוון פונעם כומעש, האַלט אין פאַרענטפערן זיך — פּונקט אין דער רעגע טוט א טראַך אין פענצטער און עס קומט א געשריי:

— יאַנקל קראָטש! א רועך אין דײַן טאַטן אַרײַן!

מיר זײַנען אַלע געבליבן ווי פאַרשטיינערט. נאָר איין באָכערל, וועלכער האָט דערקענט דאָס קאָל, האָט א געשריי געטאָן:

— ס׳איז יאָקעל!

יאָקעל, אזוי האָט מען דעמלט גערופן דעם שפּעטערדיקן יאַקאָוו, יאַקאָב, יאַנקעוו.

פערציק יאָר שפּעטער, זיצנדיק אין קאַפע „עליטאַ” אין בוקאַרעשט, הערנדיק אים זאָגן צו מיר, אז איך וועל מוזן מוידע זײַן, אז ער איז מער רעוואָליוציאָנער פון מיר, האָב איך אים צוגעגעבן, אז יאָ, טאַקע. און דערמאָנט די געשיכטע מיטן שעלטן אין טאַטן אַרײַן דעם רעבן יאַנקל קראָטש אַלס באַווײַז, אז יאָ, ער איז מער רעוואָליוציאָנער פון מיר.

ער האָט פאַרשטאַנען דעם שפּאַסיקן שטאָך, אראָפּגעשלונגען און געלאַכט. אָבער בא מיר האָט זיך צעשפּילט דער זיקאָרן. באַשטעלט פרישע צוויי קאַוועס און געזאָגט:

— איצט וויל איך דיר עפּעס דערציילן, נאָר נעם עס ניט אף דײַן פּערזענלעכן כעזשבן. דאָס פאַרלאַנגט שוין לאַנג פון מיר א טיקן — אופצושרײַבן עס, נאָר ניט געווען קיין געלעגנהײַט.

מיר דאַכט זיך, אז דערציילט האָב איך דיר שוין אַמאָל וועגן איינעם א לעץ, וועלכן כ׳האָב באַגעגנט אף מײַנע וואַנדער־וועגן. באַגעגנט האָב איך מערערע, נאָר דער איז געווען גאָר אָן אָריגינעלער. דאָס איז געווען אין בוענאָס־אײַרעס. זיך באַקענט מיט אים אָפּן אָוונט לעקאָוועד מײַן קומען אהין. און ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו מיר, זיך נעענטער באַקענט. צום אָנהייב האָב איך געמיינט, אז ער איז פון כעווערע שרײַבער... א מענטש א געבילדעטער. אָן אָנגעלייענטער, אָן אָריגינעלער שמועסער וועגן ליטעראַטור... נאָר באַלד זיך

דערוווּסט, טאַקע פון אים אַליין, אַז ער לייגט נישט קיין האַנט אויף קיין פעדער. נאָך מער: אין זײַנע גאָר יונגע יאָרן האָט ער זיך געגעבן דאָס וואָרט ניט צו לייגן קיין האַנט אויף קיין פעדער. ער וויל זײַן ניט נאָר אַ לייענער, נאָר דער לייענער. דער, וואָס לעבט מיט ליטעראַטור, און באַזונדערס מיט ייִדישער.

פון וואָס לעבט ער? ער באַזיצט אַ גוטן טעכנישן פאַך און אַרבעט אין אַ סאָלידער אונטערנעמונג.

דער פּאַרשוין האָט מיך פאַראינטערעסירט. איצט הער, וואָס עס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען און וואָס עס האָט אונדז צעשיידט.

איך זיץ איינמאָל בײַ זיך אין צימער פאַרטיפט אין לייענען אַ באַנד שאָלעם־אַליכעם. כ'האָב געגרייט אַ פאָרטראָג. פון שרײַבן אַליין האָט ניט געסטײַעט צו שיקן אַהיים, קיין טשערנאָוויץ, פאַר מײַן מישפּאָכע, די פרוי איז געווען קראַנק, ניט געקאָנט אַרבעטן, און דרײַ קינדער... מײַנע פאָרטראָגן האָבן געצויגן אוילעם, פּונקט ווי איצט, אין רומעניען.

און אָט — ער איז דאָ, דער אינטערעסאַנטער פּאַרשוין. געקומען, כאַפּט אַ קוק אין באַנד שאָלעם־אַליכעם און מאַכט עפּעס אַ קרומע מינע. עס האָט מיך געוווּנדערט, כ'האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרערער שאָלעם־אַלייכעמס. פרעג איך אים דעם טאַם פון זײַן מינע. ווײַזט ער מיר מיט אַ פינגער אויף אַן אָרט, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען, און זאָגט:

— אָט פון דעם...

עס איז געווען די הומאָרעסקע „כאַרויסעס". דעם אינהאַלט געדענקסטו מיסטאָם. אין קאַסריילעווקע, אַ גרויסע בעקאָוועדיקע מישפּאָכע מיט גאָר אַ וואַזשנעם רײַכן פעטער יאָסי, וועלכער פאַרזאָרגט די פאַרצווײַגטע מישפּאָכע מיט כאַרויסעס אויף פּייסעך צו די סיידערס. אין איין שטוב פון דעם געזינדל דינט אַ מיידל לייקע — ליזע. ערעוו פּייסעך שיקט זי די באַלעבאָסטע צום פעטער יאָסי נאָך כאַרויסעס. עס איז אָבער שוין אַנדערע צײַטן, עס שמעקט מיט רעוואָליוציע. אויך אין קאַסרילעווקע. דאָרטן איז פאַראַן אַן אייגענער רעוואָליוציאָנער מיטן נאָמען מאַקס. דאָס האָט ער, ווײַזט אויס, געמאַכט פון לייקען ליזע. ער פּראָפּאַגאַנדירט זי, גיט איר צום לייענען רעוואָליוציאָנערע ביכלעך. און ליזע איז פאַרליבט אין אים. איז דעמלט, ווען זי גייט מיטן טעלערל און לעפעלע צום פעטער יאָסי (דער מישפּאָכעס פעטער, ניט אירער) נאָך כאַרויסעס, קומט אַנטקעגן מאַקס און נעמט זיך פּראָפּאַגאַנדירן. זי פאַרלירט דאָס טעלערל, און ערעוו פּייסעך אין קאַסרילעווקע געפינט זיך שטענדיק גענוג בלאָטע. אָבער עס שאַדט ניט, די מישפּאָכע וועט זיך באַלעקן מיט די־אָ כאַרויסעס... דער שלוס — ליזע מיט אירע צוויי שוועסטערלעך פאָרן אַוועק קיין אַמעריקע, מאַקס קומט אום פון אַ קויל פון אַ צאַרישן זשאַנדאַרם בעשאַס אַ שטרײַק, דער פעטער יאָסי שטאַרבט, און פון דער גרויסער ירושע, אויף וועלכער די מישפּאָכע האָט געוואַרט, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם...

— איך געדענק. וואָס זשע איז דײַן לעץ ניט געפעלן?

— אויף מײַן פראַגע ענטפערט ער: עס וואָלט אים גאָרניט געפעלט צו זײַן שאָלעם־אַלייכעם, ווען ער שרײַבט ניט אָן אָט די הומאָרעסקע. ער, דער לעץ, האָט זיך געמאַכט פון איר אַ וואַריאַנט. די בלאָטע אויפן טעלערל לייגט אַרויף מאַקס, און ער באַרויִקט ליזען, אַז נישקאָשע, אירע באַלעבאַטים וועלן זיך באַלעקן דערמיט. און אַזוי געשעט. ליזע מיט אירע שוועסטערלעך פאָרן קיין אַמעריקע, זי שרײַבט מאַקסן בריוו, רופט אים קיין אַמעריקע. מאַקס פאָרט, אָבער ניט קיין אַמעריקע, נאָר קיין בוענאָס־אײַרעס, דאָ איז מער פּלאַץ פאַר אַ כאַרויסעסדיקן רעוואָליוציאָנער... איך פרעג: ווועמען מיינט ער דערמיט? טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופט און גייט אַוועק אָן אַ זײַגעזונט. כ'האָב אים מער ניט געזען, אָבער אַ כאַרויסעסדיקער רעוואָליוציאָנער האָט מיר אײַנגיכן פאַרשאַפט אַ גרויסן פאַרדראָס. מיר דאַכט, אַז כ'האָב דיר אַמאָל דערציילט.

— יאָ. איך געדענק. דער זעצער, וועלכער האָט דיר אין אַן עסיי אַוועקגעשטעלט אָנשטאָט פראַנץ־יאָזעף פראַנץ־יאָסעל?

— יאָ, אָבער בײַ וואָס פאַר אַן אינהאַלט? מע האָט באַדאַרפט זײַן קאָמפּלעקט אַמהאָרעץ, געשמאַקלאָז און אָן אַ טראָפּן דרעכערעץ צום ייִדישן שרײַבער.

— מע דאַרף פאַרגעסן. עס געשעען גרעסערע אוולעס.

— פאַרגעסן... דערצו דאַרף מען אויך טאַלאַנט, פּונקט ווי צום געדענקען. מיך האָט עס שטאַרק וויי געטאָן.

— די קאַווע איז שוין קאַלט.

— מירן באַשטעלן אַן אַנדערע. דאָס איז גרינגער ווי פאַרגעסן.

זיכאָרן, זיכאָרן, וווּהין האָסטו מיך פאַרפירט? איבער צענדליקער יאָרן און לענדער, אָן אַ פּאַס און אָן וויזעס, און אָן... הויצאָעס. און צו מײַן טויטן לעבנס־כאַווער. לאָמיר זיך אומקערן צו אים. עס וועט זײַן פריילעכער.

אויף זײַן פּלוצעמדיקן אַרויספאָר, אַז איך מוז אָנערקענען: ער איז מער רעוואָליוציאָנער, איידער איך, האָב איך געענטפערט מיט אַ שפּאַס, וועלכן מע קאָן טײַטשן ערנסט, אַז יאָ, ווירקלעך, עס קומט אים פּריאָריטעט אין רעוואָליוציאָנערישקײַט, אַ סימען: ער האָט שוין אין

עלטער פון זעקס יאָר אַרײַנגעשריגן דורכן פענצטער צו אונדזער דאַרדעקע־רעבן יאַנקל קראַטש: „יאַנקל קראַטש, א רועך אין דײַן טאַטן אַרײַן!". ער האָט די דערמאָנונג אַראָפּגעשלונגען. א ברירה האָט ער געהאַט?

מיך האָט פון די פּריסטע ייִנגל־יאָרן אינטערעסירט, ווער און וויִאַזוי עס באַשאַפט אָט די זידלווערטער, ספּעציעל דעם „א רועך אין טאַטן". אין דער גאַס, ווו איך בין געוואַקסן, אין דער ציגײַנערשער גאַס, האָט מען עס אָפט געהערט. די גאַס האָט זיך מיט איר אָנהייב אָנגעשפּאַרט אין פּלאַץ פאַרן גרויסן קלויסטער, פון איין זײַט, און אין פּלאַץ פאַר דער באַראָנעסעס (באַראָנעסע פאָן ראָזען), פון דער צווייטער זײַט. ווײַטער איז געווען דער דרויסן, וועלכער האָט געפירט פון רעכטס דורך אוקראַיִנישע דערפער צום דניעסטער און פון לינקס, לענגויס דעם פּרוט, דורך מאָלדאַוואַנישע דערפער צו דער אַמאָליקער עסטרײַכישער גרענעץ, קיין בוקאָווינע. די ייִדן פון דער גאַס האָבן געלעבט פונעם דרויסן, פון די דערפער: קויפן הינער, אייער, טוווּע און פאַרקויפן קוטשמעס, נייען פּעלצן, און דאָס גלײַכן. עס האָט דעריבער ניט געפעלט קיין זידלערײַען און קיין רועך אין טאַטן.

מײַן יונג קעפּל האָט זיך באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס איז דאָס? עס פלעגט אויך טרעפן, ווי איך הער, מענטשן שטייען און שמועסן און איינער טוט א זאָג:

— עס איז מיר אַזוי ביטער אויפן האַרצן, עס ווילט זיך עמעצן שעלטן אין טאַטן אַרײַן, נישטאָ וועמען.

איין מעכל סטאָליער, אונדזער שאָכן פון דער אַנטקעגנּיבערדיקער צײַל, האָט ניט באַדאַרפט זוכן וועמען, ער האָט געהאַט א שטענדיקע אַדרעסע:

— א רועך אין דער וועלטס טאַטן אַרײַן!

מיך, דעם רעליגיִעזן ייִנגל, האָט עס פאַרדראָסן. דער וועלטס טאַטע איז דאָך דער אייבערשטער! נאָר איבערפרעגן בא גרויסע ניט געוואַגט.

מיט יאָרן שפּעטער, כ'האָב שוין געקענט ניט נאָר ייִדיש, פלעגט מיך וווּנדערן, וויִאַזוי רעליגיִעזע, קלויסטער־גלייביקע פּויערים זידלען זיך אַפּיקאָרסיש. וויִאַזוי קומט דאָס? א מאָלדאַוואַן האָט מיר אַמאָל דערציילט אַן אַנעקדאָט, וואָס האָט מיך איבערראַשט. דאָרטן איז שוין ניט געווען די רייד וועגן גאַלאָכים און גאַלעכטעס, נאָר וועגן סאַמע־סאַמע... איך דערלויב עס מיר ניט איבערדערציילן.

מײַן כאַוועריס טעמפּעראַמענט האָט געמוזט האָבן וועמען צו שעלטן אין טאַטן אַרײַן אָדער געבן פּעטש. כ'האָב אָבער אויך באַמערקט, אַז דאָרט, ווו מע דאַרף האָבן כאַראַקטער און אויסהאַלטן א שווערן קאַמף, איז ער שוין גאָרניט קיין כראַברע... עפּשער איז עס נאַטירלעך אָט דער כאַראַקטער־שטריך.

און דער זיקאָרן האָט אַלץ אויפגעכאַפּט און פאַרהיט און שפּעטער אויף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן עס אויסגענוצט, געפּרווווט געבן אַן ענטפער, ניט שטענדיק געפונען.

צום באַדויערן, האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר מײַן „אײַזערנער זיקאָרן" (אַזוי האָט מען מיך גערופן) אָנגעהויבן קאַטאַסטראָפאַל צוריקפאַלן.

איך מוז שוין אָנקומען צו פאַרשיידענע אַסאָציִאַציעס בא עפּעס זיך דערמאָנען. דערבײַ — אַזאַ מאָדנע דערשײַנונג: ווען איך זוך אַסאָציִאַציעס צו א וואָרט אָדער נאָמען, וועלכע שפּילן מיט מיר אין באַהעלטעניש, קומען אויפן זיקאָרן דערמאָנונגען, אין וועלכע כ'האָב שוין געהאַט פאַרגעסן, און זיי בעטן איצט א טיקון.

אַזוי בין איך געקומען צו א דערמאָנונג וועגן דרײַ גאַלאָכים מיט א ראָוו. דערווײַל וועל איך דערציילן וועגן צוויי גאַלאָכים...

א גאַלעך, וואָס איז ווערט, מע זאָל וועגן אים דערציילן

ער איז אין זיקאָרן ניט אַליין. ער איז פאַרקניפּט מיט א גאַנצער ייִדישער מישפּאָכע, פאַרקניפּט מיט מיר, דורך מיר. דאָך מיין איך, עס איז קעדײַ צו דערציילן.

עס איז א געשיכטע פון צוריק מיט זיבעציק יאָר. שאַדט נישט... איך בין א טאַלמיד פון א גימנאַזיע אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. איך וווין מיט דירע און קעסט בא א מישפּאָכע, וועלכע באַשטייט פון סאַמע ווײַבער. א באָבע, א רירעוודיקע ייִדענע, איר טאָכטער, אַן אַלמאָנע און זייער א קראַנקער מענטש, און דרײַ איינִיקלעך, קינדער פון דער קראַנקער טאָכטער. די מיידלעך — מאַשאַ די עלטסטע האָט שוין געענדיקט די גימנאַזיע און שטייט פאַר דער פראַגע: וואָס ווײַטער? עמעס, עפּעס פּאָזיטיווס שטייט שוין פאָר: מאַשאַ איז א שיינע ברונעטין, גאָר א כיינעוודיקע, מיט א פײַנער מעצאָסאָפּראַנאָ, זינגט גאָר באַטאַמט סײַ נאַדסאָנען, סײַ פרוגן. עס אויסאַזשעוועט נאָך איר א סטודענט, וועלכער שטודירט מעדיצין אין סאַראַטאָווער אוניווערסיטעט. ס'איז זייער ערנסט, ער איז אירער א כאָסן. די צווייטע, סאָניע, ניט אַזאַ שיינע ווי מאַשאַ, אָבער זייער א פלײַסיקע, זי איז אין פינפטן קלאַס. א קלוג מיידל. די דריטע איז מאַלציע, זי איז אין דריטן, ענלעך זייער צו מאַשען. און א פּיסקל אויף שרײַפלעך. דיסקוטירט מען עפּעס אין שטוב צווישן די עלטערע, מישט זיך מאַלציע אַרײַן מיט א טאָן פון

אָן אוטאָריטעט... זי ווערט ניט באָטל אַקעגן עלטערע...

ווער האָט מיך רעקאָמענדירט אהין? איך געדענק נישט. איך ווייס, אז פון מײַן קעסטגעלט קאָנען זיי „אָפּגעגאָסן" ווערן, נאָר מײַן אָנוועזנהײַט איז אלעמען אָנגענעם, א שטיקל מאנצבל אין שטוב.

און אָט די שטוב מיט די דרײַ מיידלעך זײַנען מיר אין הארצן פארבליבן און אין זיקאָרן. שווימט ארויס אין זיקאָרן און מאָנט א טיקן, קומט ארויס דער גאלעך און אויך די שטוב.

עס דאַרף מיר זײַן א בושע צו דערציילן, נאָר אז איך האלט שוין דערבײַ... דאָרטן און דעמלט האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען ייִדישע ליטעראטור. ביז דעמלט געלייענט נאָר רוסיש און העברעיִש. עס האָט זיך אזוי געמאכט. און א לייענער בין איך... איך שלינג ביכער. מיט דעם זעלבן פלײַס, מיט וועלכן כ'האָב פריִער געלערנט געמאָרע. באטאָג און באנאכט. כ'האָב, נאטירלעך, געהערט, אז עס זײַנען פאראן ייִדישע שרײַבער, געהערט די נעמען שאָלעם־אלייכעם, ספּעקטאָר און נאָך. אָבער ניט געלייענט, עס האָט מיך ניט פאראינטערעסירט. און דאָ טרעפט, איך פאל אײַן, דאָס הייסט איך ווער קראנק אף „פלוענציע" (דאָס וואָרט גריפּ האָט מען נאָך ניט געוווּסט), ליג איך אין דר'היים, און די ווײַבער גייען ארום מיר. רופט זיך איינמאָל צו מיר אָן די באָבע:

— אלטמאן, איר קענט לייענען זשארגאָן?

ענטפער איך שטאָלץ:

— אז איך קען העברעיִש, וועל איך מיסטאם אויך זשארגאָן קענען.

ברענגט זי מיר א בוך, אײַנגעבונדן ווי א געמאָרע, און דערלאנגט מיר:

— נאָט, לייענט, איר וועט קיין כאראָטע ניט האָבן.

און איך לייען צום ערשטן מאָל שאָלעם־אלייכעמען. איך געדענק ניט מער, צי „סטעמפּעניו", צי „יאָסעלע סאָלאָוויי". איבערגעלייענט דעם בוך, ברענגט זי מיר א צווייטן. נאָר כ'האָב שוין אײַנגעשלונגען ביידע. און איך בין געוואָרן א ייִדיש־לייענער מיט דעם זעלבן ברען, ווי געלייענט רוסיש און העברעיִש. אָבער קריגן צום לייענען ייִדיש איז געווען א שווערע פראגע. רוסיש — ביטע, וויפל דו ווילסט, העברעיִש אויכעט ניט שווער. אָבער ייִדיש... אינגיכן וועט בא מיר אויך די־אָ פראגע געלייזט ווערן, וועגן דעם בא א צווייטער געלעגנהײַט.

וואָס זשע איז מיטן גאלעך? מיטן גאלעך איז אזוי די מײַסע:

געווען די צײַט פון שארפער רעאקציע. עס וואקסן ווי גריבעס קאָנטררעוואָליוציאָנערע און, פארשטייט זיך, אנטיסעמיטישע אָרגאניזאציעס. צווישן זיי איינע מיטן נאָמען: „סאָיוז רוסקאָוואָ נאראָדא". אויך אין קאמענעץ. אָבער וואָס דעם אוילעם וווּנדערט: אין דער שפּיץ פון דעם סאָיוז, זײַן פּרעדסעדאטעל — אן אָרטיקער גאלעך, גאָר א פּאָפּולערע פּערזאָן. אין שטוב רעדט מען דערפון, אויך אין די פּאָר אנדערע שטיבער, וווּהין איך קום אמאָל ארײַן. מע וווּנדערט זיך, ווי קומט אזא לײַטישער מענטש צו ווערן פּרעדסעדאטעל פון אזא אָרגאניזאציע? איך דערוויס זיך אזויארום די כאראקטעריסטיק פונעם מענטשן. ער איז „מעזשדו פּראָטשים" א גאלעך... אָבער זײַן איז ער א ברייט געבילדעטער מענטש, א ליבעראלער, דערצו א גלענצנדער ליטעראַרישער לעקטאָר, אף זײַנער אָן עפנטלעכער לעקציע קריגט מען שווער א בילעט. אָבער מע שמועסט אויך, אז אפילע אים קומט אָן שווער צו קריגן א דערלויבעניש אף צו האלטן א לעקציע.

ווי זשע קומט ער צו ווערן פּרעדסעדאטעל פון „סאָיוז רוסקאָוואָ נאראָדא"? פארענטפערט מען: די אָרגאניזאטאָרס האָבן זיך געווענדט צו אים, זיי באדארפן זײַן נאָמען צוליב פּרעסטיזש. האָט ער מאסקים געווען, נאָר געשטעלט א באדינג, אז גארניט טאָר מען נישט טאָן אָן זײַן האסקאָמע. אזוי, אז ייִדן אין קאמענעץ קאָנען שלאָפן רויִק...

און דער גאלעך אונטעריכטעט „זאקאָן באָזשי" בא אונדז אין גימנאזיע... געוויינטלעך, פלעגן די עטלעכע ייִדישע שילער ארויסגיין פון קלאס בעשאס דער לעקציע „זאקאָן באָזשי", און איך האָב באשלאָסן, איך בלײַב. איך וויל הערן, וויִאזוי ער גיט איבער דעם „זאקאָן באָזשי".

מײַן פּארטע איז געווען אין דער טיף בא דער וואנט. א מאָגערער, קוים אָנזעעוודיק הינטער די קרעפּטיקע פּלייצעס פון די אנדערע באָכערים. דער לערער קומט ארײַן, אלע הייבן זיך אוף, איך אויך. ער גייט צו דער קאטעדער, זעצט זיך אוועק, מאכט א צייכן מיט דער האנט, מע זאָל זיך אויסזעצן. מע פאָלגט. ער נעמט בלעטערן, דורכקוקן דעם זשורנאל פונעם קלאס. הייבט זיך אוף א באָכער פון דער פאָדערשטער ריי און ראפּאָרטירט:

— באטיושקא, טוט זשיד אָסטאלסיא...

און ווײַזט אף מיר. איך הייב זיך אוף און וואַרט, וואָס וועט זײַן. דער לערער טוט אף מיר א קוק און פרעגט: פאמיליִא?

איך באוויַיז ניט צו ענטפערן. מ'האָט שוין געענטפערט פון דער פאָדערשטער ריי: אלטמאן...

דער לערער קוקט נאָך אין זשורנאל. איך שטויס מיך אָן: ער וויל זען מײַנע אָטמיעטקעס: און פלוצעם געשעט עפּעס, פאר מיר א סורפּריז. ער ווענדט זיך צום קלאס און זאָגט:

— אז מע רעדט ריכטיק רוסיש, זאָגט מען: יעווריי... זשיד איז אױף פּויליש. אױף רוסיש דאַרף מען זאָגן און שרײַבן: יעווריי...

באַלד דערויף רופֿט ער מיך, כ׳זאָל צוגיין נעענטער. איך פֿאָלג און הער אים:

— אַלטמאַן, איך קוק אָן אײַערע אָטמיעט־קעס, און עס ווונדערט מיך עפּעס. איך זע, אױף אַלע אָביעקטן פֿינפֿן, נאָר אױף דײַטש אַ דרײַ. ווי קומט עס? דײַטש דאַרף פֿאַר אײַך זײַן נעענטער און גרינגער ווי אַנדערע שפּראַכן, עס איז דאָך זײער נאָענט צו דער גערעדטער ייִדי־שער שפּראַך, זי קומט דאָך אַרויס פֿון אַ דײַטשן דיאַלעקט. דאָס דאַרף אײַך אינטערעסירן.

איך ענטפֿער:

— אונדזער ניעמעץ האַלט, אַז דײַטש אױף אַ פֿינף קען נאָר איין גאָט אין הימל. און כּוח דעם, עס ציט מיך ניט צו דײַטש. מיך ציט צו לאַטײַן, צו פֿראַנצויזיש.

— לאַטײַן? לאַטײַן האָט אַ שווערע גראַמאַ־טיק, אַ שווערן סינטאַקסיס.

— איז עס אינטערעסאַנט פֿאַר מיר. איין אַלטע שפּראַך קען איך.

איך באַווײַז נישט אָנצורופֿן, וועלכע אַלטע שפּראַך, ער באַווײַזט עס פֿריִער: העבראַיִקאַ?..

איך באַשטעטיק. ער שמייכלט. קלאָר, עס געפֿעלט אים. ער רעדט ווײַטער:

— און וואָס קענען מיר פֿון לאַטײַן?..

איך ענטפֿער:

— איך סקאַנדיר אָווידיען, כ׳קען אויסווייניק דאָס גאַנצע ביכל צעזאַרס «Commentarii de bello Gallico».

ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב בעקיוון אָנגערופֿן דאָס ביכל אױף לאַטײַניש... אױף צעזע־צעניש דעם ראַפּאָרטער... ער שמייכלט און זאָגט:

— אינטערעסאַנט. לאָמיר עפּעס הערן פֿון צעזאַרס גאַלישער מילכאָמע...

איך קנאַק אַרויס ווי אַ שפּילפֿויגל. ער הערט און וואַרפֿט אַלעמאָל אַ בליק צו יענער פֿאַר־טע, פּונוואַנען עס איז געקומען דער ראַפּאָרט וועגן דעם זשיד. מיטאַמאָל גיט ער מיר אַ צייכן מיט דער האַנט: גענוג.

— גוט... אָבער פֿאַרוואָס אַזוי בלייך? אַזוי מאָגער? מע דאַרף גוט לערנען, זיכער, אָבער מע דאַרף אויך ניט פֿאַרגעסן אין געזונט. מע דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט גימנאַסטיק, ספּאָרט, זײַן אױף דער פֿרישער לופֿט, און... עסן! גיי, גיי שפּאַצירן אױף דער לופֿט, דעם אייגענעם זאַקאָן באָזשי קענסטו גענוג.

כ׳האָב מיך פֿאַרנייגט און אַרויסגעגאַן.

צום מיטיק האָב איך יענעם טאָג אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט. אַהיים געקומען, געטראָפֿן די גאַנצע מישפּאָכע אַרום טיש. די באָבע האָט שוין געגרייט טעלער און גאָפּל־לעפֿל. די טאָכ־טער האָט אױף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— מאָיִסיי, עפּעס האָט הײַנט בײַ אײַך גע־טראָפֿן. איך זע אױף אײַער פּאָנעם.

איך האָב באַשטעטיקט און דערציילט אַלצ־דינג. די באָבע האָט די ערשטע רעאַגירט:

— איבער אַזאַ גאַלעך קאָן מאָשיִעך ניט קומען...

אַזאַ מעמרע איז מיר געווען באַקאַנט, נאָר דאָס מאָל האָט עס מיך אַ ביסל פֿאַרדראָסן. די טאָכטער האָט עס באַמערקט און מיר פֿאַר־טײַטשט:

— איר הערט עס, אַפּאָנעם, צום ערשטן מאָל. פֿאַראַן אַזאַ ווערטל. עס איז ייִדישער פּעסימיזם. סע הייסט, אַז אויב עס געפֿינט זיך נאָר אַפֿילע איין קריסט אָן סינע צו ייִדן, קאָן נאָך מאָשיִעך וואַרטן...

מאַלציע האָט זיך אַרײַנגעמישט און מיט אַפּלאָמב דערקלערט:

— Дай бог побольше таких людей, и пусть мошиах сидит себе дома.

(גאָט זאָל העלפֿן, עס זאָלן זײַן וואָס מער אַזעל־כע מענטשן, און זאָל מאָשיִעך זיך זיצן אין דער היים).

זיבעציק יאָר זײַנען פֿאַריבער. וואָס עס ליגט אין די זיבעציק, איז ניט דאָ דאָס אָרט צו דערמאָנען. אַזויפֿיל געזען, געהערט און ניט נאָר געזען און געהערט. טוט דער זיקאָרן אַ מיש אויף אַ בלאַט, שווימט אַרויס יענע באָבע, וואָס האָט מיך געבראַכט צו לייענען ייִדיש, מיט דער מישפּאָכע. שפּאַצירן אַרויס מאַשאַ — סאָניע — מאַלציע. און דאָ קומט אויך אַרויס יענער גאַלעך.

איז מעקויעם געוואָרן די בראָכע פֿון דער קליינער מאַלציע: „זאָל גאָט געבן וואָס מער אַזעלכע מענטשן”?

גאַלעך נומער צוויי

וואָס וויל ער מיט זײַנע גאַלאָכים, קאָן מיט רעכט פֿרעגן דער לייענער. מײַן ענטפֿער: ניט איך וויל, נאָר איך מוז אויסלאָדן מײַן זיקאָרן און — נאָך עפּעס: זיך טיילן מיט דער לעבנס־דערפֿאַרונג פֿון אַ מענטשן, וועלכער האָט ניט נאָר „פֿאַרכאַפּט” דעם גרויסן ערעוו, נאָר אים אַליין מיטגעלעבט. עס דאַכט זיך מיר אָפּט, אַז מע ווייסט ניט גענוג אָדער גאָר צו ווינציק וועגן גרויסן ערעוו. און ער איז גאָר אינטערע־סאַנט.

אויבן, אין קייסערלעכן פּאַלאַץ, ווי אויך צווישן זײַנע נאָכלויפֿער, באַשיצער און דעסג־גלײַכן, האָט מען נאָך געלעבט מיט — «так бы-

«Оно и так будет» אזוי איז געווען און אזוי וועט זײַן, רוסלאַנד בײַט זיך ניט... און זיי זײַנען געווען בלינד און טויב. אָן אַנדער רוסלאַנד האָט געצײַטיקט. און יענע, וועלכע האָבן, ווי איך, געלעבט אין יענער צײַט, ווייסן עס. איינע פון די וויכטיקסטע כאַראַקטער־שטריכן פון יענער צײַט איז, לויט מיר און מיט מיר, אַ גוואַלדיקער שטראָם פון דורשט נאָך וויסן. ער האָט דורכגעמאַכט דאָס גרויסע לאַנד, אַרײַנגע־דרונגען אויך אין דאָרף. און אַן אַנדער אַרט מענטשן האָט זיך געהאַלטן אין אויסבילדן.

עס איז טויזנט נײַן הונדערט דרײַצן. אַכט יאָר נאָך דער ערשטער רעוואָליוציע. די רעאַק־ציע האַלט זיך אין איין באַפעסטיקן. איינס פון די אויסגעפּרוּווטע מיטלען — אַנטיסעמיטיזם, ייִדישע פּאָגראָמען. אין קיִעוו גייט אַ פּראָצעס מיט אַ „דיעלאָ בייליסאַ”. עס קאָכט אין לאַנד. פון איין זײַט, זײַנען מאָביליזירט אַלע פינצטערע קויכעס אָף צו דערווײַזן, אַז ייִדן הארגענען קריסטלעכע קינדער, קעדיי צו נעמען זייער בלוט צו די טראַדיציאָנעלע מאַצעס; אַלע פּראָג־רעסיווע קויכעס זײַנען וואַך, עס גייט אין קאָ־ווּעד פונעם רוסישן פאָלק, פון דער רוסישער קולטור.

איך געדענק ניט מער, ווּהין איך בין גע־פאָרן, צוליב וואָס. איך געדענק נאָר דעם וואַ־גאָן דריטן קלאַס. אין דער שמאָלער זײַט פון קופּע זיצט באַם פענצטער אַ גאַלעך. איך — לעם אים.

דער גאַלעך — אַ פאַרשווין אַ ריז. איך קעגן אים — אַן אייפּעלע. ער האַלט פאַר זיך צע־וויקלט אַ צײַטונג, וועלכע איז פול מיט באַ־ריכטן וועגן דער דיעלאָ. איך כאַפּ אַ קוק פון דער זײַט און באַמערק, צו מײַן כידעש, אַז סע איז די פּראָגרעסיווע צײַטונג „קיִעווסקאַיאַ מיסל”... עס איז געווען די בעסטע, אינטערע־סאַנטסטע צײַטונג אָפן דאָרעם. מע פלעג אַמאָל טרעפן אַן אַרטיקל אויך פון לונאַטשאַרסקין... איך בין געווען אַבאַגירט אָף איר. אָבער אַ גאַ־לעך... כ'האָב זיך געריכט, ער זאָל לייענען דעם רעאַקציאָנערן „קיִעוולייאַנין”.

מײַן שאָכן האָט באַמערקט אָדער זיך אָנ־געשטויסן, אַז איך כאַפּ אַ קוק, און פּלוצעם דרייט ער אויס דעם קאָפּ צו מיר און טוט אַ פרעג:

— אַ מאָזשעט, יעסט טאַקאַיאַ סעקטאַ?..

דאָס הייסט: און עפּשער איז פאַראַן אַזאַ סעקטע (באַ ייִדן)...

פרעג איך, צי סע וואָלט זיך אים זייער געוואָלט, ס'זאָל זײַן אַזאַ סעקטע... ער שאָקלט זיך אָפּ. ניין. נאָר מע רעדט דאָך (ער ווײַזט אָף דער צײַטונג), מע שרײַבט. זאָג איך צו אים:

— באַטיושקאַ, איר לעבט צווישן ייִדן, איר קענט ייִדן. איר שטעלט אײַך פאָר, ייִדן זאָלן הארגענען אַ קינד אָף צו נעמען בלוט צום עסן? איר ווייסט זיכער, וויִאַזוי ייִדן זײַנען באַזונ־דערס שטרענג בענעגייע בלוט אַפילע פון פיש און אויפעס. איר מוזט דאָך אויך וויסן, ווי שטרענג דער „וועטכי זאַוויעט” רעדט וועגן בלוט, אַז בלוט איז די נעשאָמע. ניט פאַראַן באַ ייִדן קיין סעקטעס.

ער שווײַגט לאַנג. און פּלוצעם דרייט ער זיך ווידער אום צו מיר און פרעגט: נו, און כאַסידים?..

עס האָט מיך שוין פאַרדראָסן. און איך זאָג אים:

— באַטיושקאַ, איר זענט אַן אָבראַזאָוועטער מענטש, מוזט איר אויך קענען די געשיכטע פונעם קריסטנטום, זײַנע אורקוואַלן. און אויב איר קענט עס, וויִאַזוי עפּנט זיך באַ אײַך דאָס מויל אָנרופן כאַסידיזם אַלס מעגלעכע סעקטע פון מאָרדן קינדער?

מיר זײַנען געפאָרן נאָך אַ פּאָר סטאַנציעס, ניט ריידנדיק. באַ זײַן אויסשטײַגן לייגט ער אַוועק זײַן געזונטע לאַפּע מיר אָפן אַקסל און זאָגט:

— איך זע, האָסט געלייענט רעבאָנען...

און אַרויסגעגאַנגען.

איך בין געבליבן באַם פענצטער אַליין. אָבער אין פענצטער געזען עפּעס מער, ווי דעם דרויסן. גאַלאָכים לייענען רעבאָנען... עס איז אַ נײַע צײַט. און זי מוז ברענגען עפּעס גאָר וויכטיקס. געדולד!..

דרײַ און זעכציק יאָר האָט פון דעמלט אײַנ־געשלונגען דער טהאָם פון דער צײַט. וויפל זײַנען הײַנט נאָך פאַראַן מענטשן פון מײַן דאָר, וועלכע האָבן, ווי איך, אויסגעפיבערט די „דיעלאָ”? ווינציק. און די קאָלאָסאַלע געשעע־נישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען פאַר דעם צײַט־אָפּשניט, האָבן אינגאַנצן פאַרשלונגען דעם איניען מיט דער „דיעלאָ”, אָבער זע, עפּעס איז געבליבן, וואָס לעבט איבער דעם לויף פון צײַט.

ווען איר נעמט לייענען אַ בוך, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן אָראַטאָרישער קונסט, וועט איר דאָרט טרעפן אָן אָרט וועגן אַ רעדע פונעם אַדוואָקאַט מיצאַד דער פאַרטיידיקונג מאַקלאַ־קאָוו. ניט לאַנג צוריק האָב איך איבערגעלייענט דאָס אָרט אין יענעם בוך, האָט עס מיך דער־פרייט און געבראַכט באַפרידיקונג, ווײַל איך האָב די אַלע יאָרן געדענקט יענע רעדע.

דאָס איז דער קויעך פון קונסט, געשאַפן דורכן וואָרט.

וואָס זשע קער זיך עס אָן מיטן גאַלעך? עס קער זיך אָן, כאַוועד לייענער, מיט דער צײַט.

פאַר די קלײנע קינדערסוועגן

אײַזיקל

אײַזיק איז אַזאַ מין יאַט —
וואָס ער קלײַבט ניט איבער.
וואָס די מאַמע גיט צום טיש,
נעמט ער און ער עסט.

זאָגט די מאַמע: „אײַזיקל
וועט זײַן אַ יאַט אַן אײַזערנער".

זאָגט דער טאַטע: „אײַזיקל
וועט זײַן אַ יאַט — אַ גיבער,
ווײַל וואָס די מאַמע גיט צום טיש,
נעמט ער און ער עסט".

זאָגט דער פעטער: „אײַזיקל
וועט אַף אַ הײבקראַן אַרבעטן,
זײַן וועט ער אַ פוטבאָליסט,
אַ טשעמפּיאָן פון באָקס.
פאַר קײן הונט ניט האָבן מוירע,
פאַר קײן צאַפּ זיך ניט דערשרעקן,
איבערקערן מיט אײן האַנט וועט ער
דעם גרעסטן אָקס.
פליִען וועט ער אין דעם קאָסמאָס,
שווימען אין די אָקעאַנען,
אין די היצן זיך ניט שמעלצן
און ניט פרירן אין די פרעסט,
ווײַל ער איז אַ ווילער באָכער,
זעט — ער מוטשעט ניט די מאַמע, —
וואָס זי שטעלט צום טיש אוועק אים,
נעמט ער און ער עסט.

די באָבע און דאָס אײניקל

פריִער איז טײַבעלע געווען אַ קלײנע,
און די באָבע פלעגט איר ביכלעך לײענען.

איצטער איז טײַבעלע שוין אַ גרויסע:
זי דערקענט שוין יעדע אויסיע.

זי זעצט זיך אוועק לעבן דער באָבע
און לײענט איר וועגן אַ הינדעלע ראַבע.

טײַבעלעך

אויפן דאַך, אויפן דאַך
זיצן טײַבעלעך אַ סאַך,
ווײַסע טײַבעלעך, ווי שניי,
פון דעם שפּאַרבער שמועסן זײ.

פליט ער אָן און וויל זײ כאַפּן,
אין די נעגל זײ דערטאַפּן,
נאָר אַ ייִנגל שרײַט: „אײַ־אײַ!" —
האָט ער מוירע, פליט פאַרבײַ.

דאָס ציגעלע

ענדע־פענדע — צונדע־מעו!
האָבן מיר אַ ציגעלע — מעו

וויל עס עסן, זאָגט עס: „מעו!"
וויל עס טרינקען, זאָגט עס: „מעו!"
וויל עס שפּרינגען, זאָגט עס: „מעו!"

ציגעלע, מיגעלע, קלוג ווי דער טאָג,
אײן פּיצל ווערטעלע — אַלצדינג געזאָגט.

קאַץ און מויז

שטעלט זיך די קאַץ בײַ דער מויז אין דער טיר:
— מײַזעלע־מײַזעלע, קום אַף שפּאַציר.

— קענסט בײַ מיר וואַרטן, אַ שפּילכל דו
שפּילסט:
אויפעסן ווילסטו מיך — כ׳ווײס, וואָס
דו ווילסט.

— כ׳וויל דיך ניט אויפעסן, מײַזעלע, כ׳שווער.
כ׳וויל נאָר פאַרזוכן אַ שטיקל, ניט מער.

דאַס שוואַרצע הינטעלע

אין א שטיבל אָן א שוועל,
אין א שטיבעלע פון ליים
האָט דאָס שוואַרצינק הינטעלע
אויך געהאַט א היים.

נאָר אין נײַעם מויער,
אפּן הויכן שטאָק,
אין דער גרויסער וווינונג
מיט צימערן א שאָק

איז פאַרן שוואַרצן הינטעלע
ניט פאַראַן קיין ווינקעלע.

ווייסט איר, קינדער?

ווייסט איר, קינדער, וואָס?

ווייסט איר, קינדער, גאָ׳ר וואָס?
וואַרפט אַראָפּ די שיכלעך,

לאָמיר לויפן באָרוועס
אין די הויכע גראָזן,

אין די פליטקע טײַכלעך.

לאָמיר אַף די בערגלעך

טריקענען די בײַכלעך.

פרײַנטשאַפט

זיך פרײַנטלען, זיך כאַווערן, זיך טיילן מיטן ביסן:
מיטן האָז, מיטן בער, אָבער ניט מיטן פיקסל.

דער האָז איז מעזעג־טאָוו, דער בער איז גראָב,
אָבער אָט דאָס פיקסל וועט מיר אָפּדרייען דעם קאָפּ.

נײַן כעלעמער האָבן זיך געבאָדן

(א מײַסעלע)

נײַן כעלעמער ייִדן האָבן זיך געבאָדן אין טײַך
און ארויס פונעם וואסער אלע באַגלײַך.

וואסער איז א גאנעוו, סע קען זײַן א שאָדן,
האָט מען זיך גענומען ציילן נאָכן באָדן.

איינער האָט געציילט קלוג און באַדאַכט,
נאָר זיך האָט ער פאַרפעלט, איז אויסגעקומען אכט.

דער צווייטער האָט געציילט (דער ערשטער האָט געוואַרט),
אויך ער האָט זיך פאַרפעלט — ווידעראַמאָל אכט.

האָט איטלעכער געציילט קלוג און באַדאַכט,
נאָר זיך האָט מען פאַרפעלט, — ניט נײַן, נאָר אכט!

א יאָמער, א קלאָג, א גרויסער שאָדן!
צו וואָס האָבן זיי געדאַרפט אין טײַך זיך באָדן?

גייט פאַרבײַ דעם העכטל פײַוועקע דער ליטוועק,
פרעגט ער: — וואָס ווײנט איר, כעלעמער ציפּקעס?

— וויאַזוי זאָל מען ניט וויינען, אז מיר האָבן א שאָדן:
איין ייִד איז ניט ארויס פונעם טײַך נאָכן באָדן.

— כעלעמער כאַכאָמים, הערט א נארישן געדאַנק:
שטעקט אַרײַן, איך בעט אײַך, די נעזעלעך אין זאַמד.

איצטער ציילט די לעכער. זעט איר שוין, אז נײַן?
כעלעמער כאַכאָמים, געזונט זאָלט איר מיר זײַן!

— „געזונט זאָל ער אונדז זײַן!” א סימכע, א פריידן! —
אַרײַנגעיאָגט אין שטאָט אַרײַן נאַקעטערהייט.

■ ■ ■

ליטעראַרישע געדענק=דאַטעס

ארן יערוסאלימסקי

דער רוף צו אינטערנאַציאָנאַלער אַכדעס

מיט הונדערט יאָר צוריק
איז דערשינען ארן ליבערמאַנס אופרוף
„צו דער ייִדישער אינטעליגענטישער יוגנט"

ארן ליבערמאַן

„מיר זאָגן צו דיר:

די פּראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקן זיך אראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון קאפּיטאל. די סאָציאלע רעוואָליוציע גרייט זיך פאַנאנדערוויקלען די רויטע פאָן... עס איז שוין געקומען די צײַט, אז אונדזער פּראָלעטאריאַט זאָל צושטיין צו דער גרויסער באוועגונג... ער זאָל צוזאמען מיטן פּראָלעטאריאַט פון אנדערע פעלקער דערשלאָגן זיך זײַן כיילעקגליק אין דעם קיניגרײַך פון אלגעמיינער ארבעט און גערעכטיקײַט" („רויטער פּינקעס", זאמלבוך נומ. 1, ווארשע, 1921, ז. 205).

אָט דער אָנזאָג וועגן אופקום פון א נײַער עפּאָכע, וועלכע עס טראָגט מיט זיך די סאָציאלע רעוואָליוציע, אָט דאָס ווידערקאָל אין דער ייִדישער סוויווע פונעם לאָזונג: „פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!" האָט זיך געלאָזט הילכיק הערן אינעם אופרוף: „אל שלומי בחורי ישראל" (צו דער ייִדישער אינטעליגענטישער יוגנט), וואָס איז דערשינען פּונקט מיט הונדערט יאָר צוריק. דער אופרוף איז געווען אָפּגעדרוקט אין העברעיִש און אין רוסיש אין דער פאָרם פון א פלוגבלעטל. איינצײַטיק איז ער געווען פארעפנטלעכט אין דער רוסיש־פאָלקיסטישער צײַטונג „ווּפּעריאָד" („פאָרויס"), וועלכע איז דערשינען אין לאָנדאָן. די רעדאקציע פון „ווּפּעריאָד" האָט דערבײַ באמערקט, אז זיי דרוקן מיט פארגעניגן דעם אופרוף און — „פונעם גאנצן הארצן ווינטשן מיר אונדזערע ייִדן־כאווירים דערפאָלג אין זייער אָנהייב, וואָס איז אומאָפּטיילבאר פון דער אלגעמיינער באוועגונג פון די ארבעטער־סאָציאליסטן פון אונדזער צײַט" („ווּפּעריאָד", נומ. 38, 1 אווגוסט 1876). דער העברעיִשער טעקסט איז געווען געכאסמעט „פון די איבערגעגעבענע דעם פאָלק", אונטערן רוסישן טעקסט איז געשטאנען די כסימע „ייִדישע סאָציאלע רעוואָליוציאָנערן".

דער אופרוף, — האָט באַצייכנט די רעדאַקציע פון „וופּעריאָד", — איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך איינעם פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד פון די ייִדישע סאָציאַלע רעוואָליוציאָנערן אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַרן ליבערמאַן.

מיט דער הילף פון ליבערמאַנס א כאַווער לויטן ווילנער קרייַזל — ווּלאַדימיר (בינימין) יאַכעלסאָן — איז דער אופרוף, אַן אָפּגעדרוקטער אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּליאַרן, איבערגעפירט געוואָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט א טראַנספּאָרט פון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ער איז דאָרט ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער אינטעליגענץ און איז באַוווּסט אַלס די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע, אַדרעסירט דער ייִדישער יוגנט. איצט ווייסן מיר, אַז דער פאַרגייער פון אַט דעם דאָקומענט איז געווען ליבערמאַנס קסאַוויאַד „קול קורא" (קויל קוירייִ — דער אופרוף), אָנגעשריבן אין ייִדיש אין נאָיאַבער 1875 און געכאַסמעט „ייִדישע סאָציאַליסטן". דאָס איז איינע פון די ערשטע ליבערמאַנס אַרויסטרעטונגען אַלס סאָציאַליסט.

„קול קורא" האָט גערופן צו אינטערנאַציאָנאַלער אַכדעס און אָנגעוויזן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז דער איינציקער וועג, וואָס פירט צו זייער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייַונג, איז די באַהעפטונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג. „ער האָט גערופן די ייִדישע אָרעמשאַפט, אַרבעטנדיקע, לויִן־אַרבעטער פון די פאַבריקן זיך צוגרייטן צו דער סאָציאַלער רעוואָליוציע" (ק אַ ל מ ע ן מ אַ ר מ אָ ר. דער ערשטער פּרווו צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם צווישן ייִדן. „דער האַמער", מאַרט 1937, ז. 51).

דאָס געבורט פונעם ערשטן ייִדישן סאָציאַליסטישן אופרוף, וועלכער איז געווען פאַרטראַכט ווי א מין מאַניפעסט, איז באַגלייט געוואָרן מיט שאַרפע כעוולע־ליידע, ווי בא אַן ערשט קינד. ליבערמאַן האָט נאָך צו יענער צייַט זיך ניט באַפרייַט פון זייַן פריִערדיקער „פאַרסאָציאַלער פאַרמאַציע", ווי ער האָט זיך שפּעטער מיסוואַדע געווען.

זייַן ערשטער פּרווו צו שאַפן דעם אופרוף „צו די ייִדן אין רוסלאַנד", אין גרונט פון וועלכן עס איז געלעגן דער „קול קורא", איז קריטיקירט געוואָרן מיצאַד פּיאָטער לאַווראָוון, דעם פירער פון די פאַלקיסטן און רעדאַקטאָר פון „וופּעריאָד".

דער כאַראַקטער פון אַרן ליבערמאַנס סאָציאַליסטישן אני־מאמין פון יענער צייַט האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן אין זייַן בריוו צום ייִנגערן ברודער אַוראָם־ייִצכאָקן (האַרבסט 1875), וועמען ער האָט זיך באַמיט צוציִען צו דער סאָציאַליסטישער עמונע. ליבערמאַן שרייַבט וועגן דעם אומפאַרמייַדלעכן זיג פונעם סאָציאַליזם. בלויז דער סאָציאַליזם אַנטשפּרעכט דער מענטשלעכער גערעכטיקייַט און ערלעכקייַט. וואָס איז שייַעך דער בורזשואַזער אָרדענונג, ווידערשפּרעכט זי יעטווידן יוישער, זי באַזירט זיך אָף רויב, גזילע, מאָרד. די בורזשואַזע מאָראַל סטאַרעט זיך צו באַרעכטיקן די עקספּלואַטאַציע און גנייווע פון פרעמדער האָרעוואַניע, צודעקנדיק עס מיט א מאַנטל פון גערעכטיקייַט.

ליבערמאַן פאָרמולירט אין צען פונקטן דעם אַלעפבייס פונעם סאָציאַליזם, וועלכן ער שטעלט קעגן די צען געבאָטן פון דער טוירע. צווישן אַנדערן שרייַבט ער: „הער ניט די, וואָס זאָגן דיר: דו ביסט אויוווער אָפן געזעץ, ווייַל דער העכסטער געזעץ איז דער יוישער; הער ניט די, וואָס זאָגן, אַז דו צעשטערסט די אָרדענונג פון דער וועלט. די העכסטע אָרדענונג איז דער בונד פון די אַרבעטער צו דערגרייכן די אַלגעמיינע שליימעס; הער ניט די, וואָס זאָגן, אַז דו ברענגסט אומגליק און אַז דו דאָרשסט נאָך בלוט. קיינער קאָן ניט ציילן און איבערציילן אַלע צאָרעס פון די אַרבעטער אין זייער לעבן, וואָס די רויבער נעמען צו בא זיי טאָמיד" („אַרן ליבערמאַנס בריוו", ניו־יאָרק, 1951, ז. 46).

ליבערמאַן איז נאָך באַווירקט פונעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם, אָבער דערבייַ וואַרפט ער אָפּ די מעגלעכקייַט פון פרידלעכן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם דורך איבערצייַגן די אונטערדריקער, און ער שטרייַכט אונטער די נייטיקייַט פון א סאָציאַלער רעוואָליוציע.

באַטראַכטנדיק דאָס ייִדישע לעבן, וואַרפט ליבערמאַן אָפּ דעם מאַסקילישן צוגאַנג. די הויפּט־סיבע פון די ליידן פון די אַרבעטנדיקע זעט ער אין עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, וועלכע טראָגט מיט זיך אויך פּאָליטישע און גייַסטיקע פאַרשקלאַפונג. דאָ קומט ליבערמאַן אין סטירע מיט דער פאָלקיסטישער קאָנצעפּציע. די רעאַלעווירקלעכקייַט וועט אים ניט איין מאָל שטויסן איבערצוגיין צו דער מאַרקסיסטישער שטעלונג אין א ריי פראַגן. און אין דעם איז טאַקע באַשטאַנען זייַן קראַפט אַלס פּובליציסט. דאָס רעאַלע לעבן האָט בא אים שטענדיק גענומען די אויבערהאַנט און גערופן באַזיניקן די נייַע דערשייַנונגען, וועלכע זייַן שאַרף אויג האָט אייַנגעזען.

איבער דער אָפּוועזנהייַט פון געלט האָט ליבערמאַן דעם ייִדישן קסאַוויאַד ניט פאַרעפנטלעכט. אין צוויי יאָר אַרום האָט אים וועגן דעם אופרוף געשריבן דער העברעישער פּראָגרעסיווער שרייַבער מ. קאַמיאַנסקי (מ. וועסטמאַן): „איינער א הער ג. איז גרייט צו געבן 25 — 35 רובל, קעדיי דו זאָלסט אָפּדרוקן דעם „קול קורא" אין ייִדיש. אויב דו נעמסט זיך אונטער, שיקט ער דאָס געלט אַרויס" (א. ט שַ ע ר י ק אָ ו ע ר. דער אָנהייב פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. „היסטאָרישע שריפטן", ערשטער באַנד, וואַרשע, 1929, ז. 525). ליבער־

מאַן האָט געגעבן די האסקאָמע, אָבער דער מעצענאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן האוטאָכע. דער „קול קורא" איז פאַרבליבן ניט פּובליקירט.

ווי אַן איבערגעגעבענער כאָסיד, האָט ליבערמאַן אופגענומען מיט היסלײַוועס די אָנווײַזונג פון זײַן לערער לאַווראָוו, וועלכן ער האָט פאַרגעטערט אלס דעם גרעסטן געלערנטן פון דער עפּאָכע. עמעס, פון דער קריטיק איז לאַבאַסטער (ווי מע האָט ליבערמאַנענן גערופן אין רע־דאַקציע) שטאַרק באַ זיך געפאַלן. ער האָט אַפילע אָנגעהויבן צווייפלען אין זײַנע פייִקײַטן צו שרײַבן רוסיש, כאָטש ער האָט זיך פיל געלערנט אין דעם פראַט.

באַזונדערס האָט ער געהאַט אגמעסנפעפעש פאַר זײַן ניט געגוג באַהערשן יידיש. זײַן שטעלונג איז געווען אזא: פאַרן פאָלק דאַרף מען שרײַבן אַף יידיש, פאַר די וויסנשאַפט־לײַט, מאַסקילים — אַף העבּרעיִש. דעריבער האָט ער אין יידיש געשריבן דעם „קול קורא", דעם אופרוף צו די לאָנדאָנער יידישע אַרבעטער וועגן דער גרינדונג פונעם סאָציאַליסטישן פאַריין. אין הארבסט 1875 האָט ער אָנגעשריבן אין יידיש דאָס בעלעטריסטישע ווערק „מײַסע־סאָטן". ער האָט דאַן פּלאַנירט ארויסלאָזן דעם סאָציאַליסטישן אָרגאַן אין צוויי שפּראַכן: פאַרן פאָלקס־לייענער אין יידיש, פאַר דער אינטעליגענץ — אין העברעיִש.

ליבערמאַן האָט דער ערשטער געשטעלט די פראַגע — אַרײַנפירן אין דער יידישער לי־טעראַטור די טעמע וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע. באַקענענדיק זיך אין 1875 מיט די לידער פונעם יידיש־העברעיִשן פאָלקיסטישן דיכטער לייזער צוקערמאַן, זאָגט אים ליבערמאַן אונ־טער, ער זאָל אין יידיש אָנשרײַבן פּערזן אַף דער רעוואָליוציאָנערער טעמע, און שיקט אים צו אַ פאַנאַנדערגעאַרבעטן ליטעראַרישן סוזשעט מיטן דעוויז „בלײַ אָדער ברויט, ברויט אָדער טויט!" (דאָרט, ז. 34).

דער דאָזיקער סוזשעט איז אַ טיפּישע פאָלקיסטישע סכעמע. די רײַכע, די פּראָצענטניקעס, וואָס האָבן זיך געבאָדן אינעם אויסגעצאַפּטן בלוט פון די מאַסן, האָבן דערפירט דאָס פאָלק צום אויסוואַל: „ברויט אָדער טויט". דער גרויזאַמער צאָרן האָט אופגעוועקט די מאַסן צו דער לעצטער אַנטשיידענער שלאַכט. זיי שטעלן זיך אויס באַ די באַריקאַדן, באַוואָפענען זיך, און אָט באַווײַזט זיך דער העלד. מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד אין דער האַנט פליט ער, ווי אַ מאַלעך, איבער די פײַנטלעכע כאַיאָלעס, און טויטע נאָך טויטע פאַלן צו זײַנע פיס. און אָט דערהערט זיך פונעם פײַנטלעכן לאַגער אַ שטים: „מיר זײַנען דאָך ברידער!", און דאָס כאַיל גייט איבער אַף דער זײַט פון דעם פאָלק. אלע זײַנען „באַוואָפנט און גרייט אין שלאַכט אַרײַן, און אַפילע דער שוואַכער זאָגט: איך בין אַ העלד... זייערע אויגן זײַנען ווי פלאַם־פײַער, און קראַפט און שטאַרקײַט איז אין זייערע אָרעמס. בערגלעך און באַריקאַדן איז אַף יעדער זײַט און אין יעדן ווינקל, און אַ רויטע פאָן פלאַטערט אַף יעדן בערגל... אלע האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן: סײַ יידן, סײַ רוסן, סײַ אַ פּאָליאַק, סײַ אַ ליטווינער..." (דאָרט, ז. 34).

דערווײַל זעט אײַן ליבערמאַן צוויי ניט געגוג דיפערענצירטע לאַגערן — רײַכע און אָרעמע. צווישן די רײַכע זײַנען די גרעסטע פּיאָוקעס די פּראָצענטניקעס. צווישן די אָרעמע טיילן זיך ניט אויס קיין אַרבעטער. אָבער אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום דיפערענצירט ער שוין די קויכעס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער ווײַזט אָן, אַז צו זיי געהערן „דער אָרעמאַן און עווען, אַרבעטער און געדריקטער. זיי שטייען געאָרעמט אין קאַמף מיט די רויבער, זיי זײַנען אַ סאַך, און די רײַכע נאָר פינף פון הונדערט. דעריבער וועלן די אַרבעטער גויווער זײַן. און אין אַ שטיקל צײַט אַרום וועלן זיי קומען מיט אַ פאַרניכטונגס־בעזעם אײַנשטעלן אלצדינג מיט גערעכטיקײַט" (דאָרט, ז. 45).

ליבערמאַן שרעקט זיך ניט פאַרן גרויזאַמען פאָלקס־אופשטאַנד. ער גלייבט אין זײַן שע־פערישער קראַפט, רעדט וועגן אים מיט היסלײַוועס און זעט אין אים אײַן דעם אַנטייל פון אלע פעלקער, בעסיכעם פון די יידישע מאַסן.

לייזער צוקערמאַן האָט אונטערגעשטיצט ליבערמאַנס אידייען. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אין יידיש „מאָטל דער שוסטער", אַ ליד „די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַ־מאָל" אאַ. וועגן גײַסט פון אָט די ווערק זײַנע קאָן מען מישפּעטן לויט די פאָלגנדע שורעס פון איינער אַ ליד:

אלץ דאַרף ווערן צעבראָכן, צעשטויסן,
און פון קאָסמאָס דעם גרויסן
דאַרף אַרויס אַ נײַער ביניען.
נישטאָ קיין קאַפּצן, קיין גוויר,
כ'וויס ניט, ווו דער אויבנאָן, ווו די טיר.
ניטאָ קיין פריצים, קיין סראָרעס,
ייִכעס איז אָפּן בייס־האקוואָרעס;
ניטאָ מײַן, דײַן, קיין אייביקער קיניען.
נאָר אין פאַבריק, אין זאַוואָד,
באַ דער מאַשין, באַ דער ראָד...

(ציטירט לויט ב. מײַזיל. „לייזער צו־קערמאַן". „רויטער פינקעס", ערש־טער זאַמלבוך, ז. 106).

ליבערמאַנס איבערגאַנג פון אַ מאַסקיל צו אַ ראַדיקאַל און, ענדלעך, צום סאָציאַליזם איז דורכגעגאַנגען פיל קאָמפּליצירטער און דויערנדיקער, איידער בײַ זײַנע כאַווײרים פון דער ווילנער ראַבינער שול. ווי באַוווּסט, איז ער געווען אַ קריגערישער אַפּיקורעס, די קלייקוידעש און גאָטס סטראַפּטשעס האָט ער אָפּגעשאַצט אַלס די גײַסטיקע זשאַנדאַרמעריע פונעם צאַריזם. אויסדריקלעך האָט מ. ווינטשעווסקי כאַראַקטעריזירט די שטימונג פון די סאָציאַליסטן פון די זיבעציקער יאָרן בענעגייע רעליגיע. אַטעיִזם, — האָט ער געשריבן, — איז געווען זייער עמונע. זײַענדיק אַזאַ מין אַטעיִסט, האָט דאָך ליבערמאַן אין 1875 יאָר זיך נאָך ניט באַפרײַט פון דער אידיי וועגן אויסנוצן דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן גלויבן אין מאָשיִעכן אַלס מיטל פאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין זײַן ערשטער קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע אין „וופּעריאָד" (1875, 1 סענטיאַבער, נומ. 16). ליבערמאַן מאָלט דעם סאָציאַליזם ווי אַ געזעלשאַפט, ווו די מענטשן „וועלן זיך ניט טיילן מער אַף פעלקער און שטאַמען. און נײַע אָרדענונגען וועלן אויפשטיין אַף דער וועלט. ניטאָ קיין רויב און קיין גנייווע, קיין קינע־סינע: און דאָס זײַנען מאָשיִעכס צײַטן" (דאָרט, ז. 45).

אין דער פאָלקיסטישער פּראָפּאַגאַנדע פלעגט זיך ברייט פּראַקטיקירן דאָס שילדערן דעם ביבל־פּעריִאָד ווי אַ סאָציאַליסטיש געמיינדע־לעבן. אָבער שוין אין 1876 יאָר קוקט ליבערמאַן איבער די דאָזיקע שטעלונג. פּיאָטער לאַווראָוו זאָגט איידעס: „פונדאַנען (פון דער רעדאַקציע „וופּעריאָד") איז געגאַנגען פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם אַף די פאַרזאַמלונגען פון די לאָנדאָנער ייִדן ליבערמאַן, וועלכער איז געקומען קיין לאָנדאָן מיטן געדאַנק זיך באַנוצן מיט דער טראַדיציע פון מעשיכיזם, אויסטײַטשנדיק אים אין זין פון סאָציאַליזם. ער האָט אָבער גיך געביטן זײַן פּלאַן און אָנגענומען סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער געוויינלעכער פאָרם" (פּ. ל. לאַווראָוו. מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, באַנד 10, ז. 75).

אין סאָף פונעם 1875 יאָר האָט אַרן ליבערמאַן פיל געטראַכט וועגן די סאַכאַקלען פון די לעצטע יאָרן. די רוסישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג שטייט אַף אַ שיידוועג. וווּהין וועט זי זיך נייגן, צום אויפשטײַג אָדער צום אָפּגאַנג? און די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג? אין פראַנקרײַך בושעוועט די רעאַקציע, זי לאָזט זיך שוין אויך פילן דאָ, אין ענגלאַנד. בייזע ווינטן האָבן אָנגעווייעט כמאַרעס איבער דײַטשלאַנד, עסטרײַך. דער צאַריזם פּרוּווט מיט אַן אײַזערנעם פויסט דערשטיקן די באַפרײַונגס־באַוועגונג. פאַר אַרויסלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע — טויט־שטראָף, פאַר איבערלייענען זי — קאַטאָרגע. דאָס „גיין אין פאָלק" איז דורכגעפאַלן. קלאָר איז — ס'פעלט אַ פעסטע רעוואָליוציאָנערע אָנפירנדיקע קראַפט, אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די אייראָפּעיִשע רעוואָליוציע טראָגט זיך איבער אַף מיזרעך. אין דער רוסישער באַוועגונג האָט זיך באַוויזן אַ נײַע מעכטיקע קראַפט — דער אַרבעטער־קלאַס. אין אָדעס איז אַנטשטאַנען דער „דאָרעם־רוסלענדישער אַרבעטער־פאַרבאַנד". אַזוינס האָט נאָך רוסלאַנד ניט געזען. די שטרײַקן מערן זיך. דער ייִדישער אַרבעטער שטייט אויך ניט אָפּ. אַלע ווילנער טאַבאַק־פאַבריקן האָבן געשטרײַקט. אין ייִדישן לעבן שטייט אויף אַ נײַער סאָציאַלער קויעך.

ער האָט פאַרסאַכאַקלט זײַן אַרבעט פאַרן לעצטן יאָר. זיבן קאָרעספּאָנדענצן אין „וופּעריאָד" וועגן ליטע און ווײַסרוסלאַנד, אין וועלכע ער האָט באַגרינדעט די סטראַטעגישע באַדײַטונג פונעם מײַרעוו־קאַנט אַלס פּלאַצדאַרם פון דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, די נייטיקײַט פון אינטערנאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעט צווישן אַלע פעלקער, צופּאַסנדיק זיך צו זייער שפּראַך און לעבן.

ליבערמאַן האָט נאָכאַמאָל געבלעטערט און געפּראַוועט זײַן קאָנוויאַד וועגן דער „אָרגאַניזאַציע פון אַ סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן ייִדן אין רוסלאַנד". דער דריטער טייל פון דער בראָשור האָט באַגרינדעט די אויסבילדונג פון ייִדישע סעקציעס בײַ די פאָלקיסטישע אָרגאַניזאַציעס צו דורכפירן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדן אינעם מײַרעוו־קאַנט. פּיאָטער לאַווראָוו האָט פּערזענלעך זיך גענומען רעצענזירן זײַן, „לאָבערטס", אַרבעט, און אויב זי טויג, זײַן דער רעדאַקטאָר, דאָס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, אויב אַליין לאַווראָוו באַציט זיך אַזוי צו זײַן פּלאַן. און דאַן וועט ער, אַרן ליבערמאַן, זיך אַ לאָז טאָן קיין רוסלאַנד. מע דאַרף באַזוכן מינסק, קיִעוו, אָדעס, קרעמענטשוק, אַנדערע ייִשוּווים מיט אַ ייִדישער אַרבעטער־באַפעלקערונג און אָרגאַניזירן דאָרט סעקציעס פונעם פאַרבאַנד. די בערלינער כאַווײרים וועלן מיטהעלפן. זונדעלעוויטש האָט אײַנגעשטעלט אַ זיכערע טראַנזיט־ליניע פאַרן אומלעגאַלן טראַנספּאָרט. אָט האָט ער אים די טעג אָנגעשריבן, אַז קיין ווילנע האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצושמוגלען פופצן פּוד סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און די דאָרטיקע כאַווײרים באַווײַזן ניט פאַרטיילן די „סכוירע"...

אָבער דאָס איקערדיקע איז איצט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע דאָס אַרויסלאָזן אַ סאָציאַליסטישע צײַטשריפט. ער האָט איבערגעלייענט אין „וופּעריאָד" די איבערגעדרוקטע זשאַנדאַרם־מיטיילונג: „פאַרן פאָריקן יאָר האָט די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פאַר־

כאַפּט 37 גובערניעס”, צווישן זיי ליטע און ווײַסרוסלאַנד, די גרעסטע צאָל גובערניעס פון טכום־האַמושעוו אַף אוקראַיִנע. דער באָדן איז צעאַקערט, די זוימען זײַנען פאַרגרייט, עס פעלן די, וואָס וועלן זייען. זיי דאַרף צוגרייטן דאָס געדרוקטע סאָציִאַליסטישע וואָרט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אַלץ מער פאַרכאַפּט. וואָלט גערשן ראָם, דער זון פון דער באַלעבאַסטע פונעם ווילנער פאַרלאַג, צוגעשיקט די צוגעזאָגטע פינף הונדערט רובל, וואָלט מען גלײַך גענומען דרוקן די צײַטשריפט. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. מע דאַרף גיכער זיך אַוועקלאָזן געהיים קיין רוסלאַנד, אויסגעפינען געלט, אָרגאַניזירן סעקציעס און עפּשער... זיך זען מיט ראָכינקען און מיט די קינדער. ער האָט איבערגעלייענט דער פרויס און דעם פּאָטערס בריוו...

ליבערמאַן האָט אײַנגעטונקען די פעדער אין טינט. מיט יאָרן צוריק פלעגט ער דײַטשמעריש אָנהייבן: „מײַנע ווערטהעסטע אינניגעליעבטע טהײַערע פרוי ראָכעלע!”, איצט האָט ער געשריבן קורץ און פאָלקסטימלעך: „טײַערע, ליבע ראָכינקע!”. און אַוועקגעלייגט די פען. ער האָט זיך פאַרטראַכט, וויפל לײדן האָט ער איר פאַרשאַפט, ווי שווער עס קומט איר אויס צו מאַטערן זיך מיט פיר קינדערלעך... זי איז אַריבערגעפאָרן צו זײַן פאָטער קיין סוּוואַלק, אָבער וואָס קאָן פאַרדינען א ייִדישער לערער? קוים־קוים איז ער מעפאַרנעס זײַן מישפּאָכע. די איינציקע האָפענונג איז דער ברודער אַוורעם־ייִצכאָק. נו, און אַז סע „גליקט”, גייט פון טיר־און־טויער. פאַרן אָפּפאָרן פון ווילנע האָט מען זי באַגאַנוועט. ער האָט בא איר זיך אָנגעפרעגט: „שרײַב מיר, ראָכינקע, וואָס איז בא דיר געבליבן פון דער ווירטשאַפט, האָסטו עפּעס מעבל און געשיר? א שטול, א לאָמפּ, א טיש, א מעסער אדג? קומט מײַן ברודער צו אײַך אָפּט?” (א. ליבערמאַנס בריוו, ז. 58).

און די קינדער? די עלטסטע טאָכטער מאַשע (מיריאַם), דאָס זונעלע מישע און די קלייניקע רעוועקעלע און אַנינקע... צי האָבן זיי וואָס צו אָנטאָן, אויך ביכער און שפּילצײַג? אָבער לערנען איז נאָך ווייניק, דעריקער איז דערציִען זיי אין סאָציִאַליסטישן גײַסט, צוגעוווינען פון קינדוויַיז אָן צו אַרבעט. ניט וואַגן צו דערנידעריקן זייערע נעשאָמעלעך מיט שלאָגן. ווי ווײַט מעגלעך וועקן בא זיי דעם אינטערעס צו וויסן. אָבער מיט וואָס קאָן ער ראָכעלען און די קינדערלעך העלפן?

אָנקומענדיק קיין לאָנדאָן אין אויגוסט, איז ער נאָך אַלץ „געווען א פולשטענדיקער בורזשוי” און געזוכט „א בורזשואַזע שטעלע” (דאָרט, ז. 70), געוואָלט ווערן א לערער. שפּראַכן באַהערשט ער דאָך איצט שוין, אויסער העברעיִש, רוסיש, דײַטש, פויליש, — אויך ייִדיש, ענגליש, און מער אָדער ווייניקער נאָך אייניקע. אָך, סאַרא „מאָראַליש פאַרדאָרבענער” נעפעש ער איז ערשט ניט לאַנג געווען — ניט געוואָלט ווערן אָן אַרבעטער. האָט אים גאָט אַליין געהאָלפן, זײַן הוסט האָט זיך צעשפּילט אַף א פּאָר כאָדאָשים, און דער דאָקטער האָט אים פאַרבאָטן אַרויסגיין פון שטוב. איצט איז ער אָן אַרבעטער און גיט אָפּ דער באַוועגונג די נעשאָמע און דעם גוף.

קוים האָט ליבערמאַן באַוויזן זיך אונטערשרײַבן: „דײַן דיך ליעבענדער...”, ווי ס'האָט זיך דערהערט א טופּען פון פיס און פריידיקע אויסגעשרייען: „שניי! שניי!”. די גאַנצע קאָמונע האָט זיך א לאָז געטאָן אַף דער גאַס. מע האָט זיך אַרומגענומען, געפּאַכט מיט די היטלען, מיט די שליאַפּעס, אונטערגעטאַנצט, געפּרוווט זיך גליטשן, געכאַפּט די שנייעלעך אין די דלאָניעס, אָנגעהויבן קלעפּן א שניי־באָבע. עס איז אָבער ניט געווען קיין רוסישער שניי, איז ער צווישן די פינגער אויסגערונען. ווײַטער איז מען געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע קעפּ און טרוימעריש געטראַכט וועגן דער היים, וועגן רוסישן ווינטער און פראָסטיקער זויבערקײַט. האָבנדיק אין זינען דעם דאָקטערס פאַרבאָט, האָט ליבערמאַן אַרופגעצויגן אַף זיך דאָס לײַכטע מאַנטעלע, אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט א פאַרביקן וואָלענעם שאַרף, וואָס ראָכינקע האָט אים געשענקט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אין ווילנע צו אַרבעטן אַף דער רײַכער שטעלע אין דער סטראַכיר־געזעלשאַפט „דוויגאַטעל”. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָכן אוילעם. עמעצער האָט געזאָגט:

— דער שניי איז א צייכן פון מאַזל. כ'מיין טאַקע אײַך, לאָבסטער. פּיאָטער לאַווראָוויטש לאַווראָוו האָט הײַנט אָפּגעשאַצט אײַער בראָשור. ער האָפט אין משך פון א וואָך צײַט זי צוגרייטן צום דרוק. און דאָס איבעריקע איז שוין געווענדט פונעם זעצער...

קיין מעניעס וועלן ניט זײַן. ביפּראַט, אַז דער מעכאַבער איז אַליין א באָכער האַזעצער...

ליבערמאַן האָט געטראַכט: מאַמעש, עס גלייבט זיך ניט. פּיאָטער לאַוראָוו, דער גרויסער רעוואָליוציִאָנער, דער אָנערקענטער פאָלקיסטישער טעאָרעטיקער, אַקטיווער אָנטיילנעמער פונעם ערשטן אינטערנאַציִאָנאַל און פון דער פּאַריזשער קאָמונע, איינער פון די רוסישע רעוואָליוציִאָנערן, וועלכע זײַנען נאָענט צו מאַרקסן און ענגעלסן, — ער נעמט אַף זיך רעדאַגירן די בראָשור וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון א סאָציִאַל־רעוואָליוציִאָנערן פאַרבאַנד צווישן ייִדן אין רוסלאַנד, וועלכער דאַרף פירן סאָציִאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אַף דער שפּראַך פון די ייִדישע מאַסן!.. עפּשער איז דאָ פאַראַן עפּעס א סאָד?

איצט האָט די געשיכטע אַנטבלויזט פאַר אונדז דעם „סאָד”. אין לאַווראָווס אַרכיוו־מאַטעריאַלן לייענען מיר זײַן בריוו פון 14 יאַנוואַר 1876 צו גערמאַן אַלעקסאַנדראָוויטש לאָפּאַ־

טינען: „אַ מאַטערניש איז געווען מיט לאַבסטערס רעוואָליוציע[1]. באַזיניקט זי און צוגעגעבן איר אַ שליימעס האָב איך, אַרײַנטראָגנדיק די נייטיקע אויפקלערונג. די „ציפער” 10[2] איז נויטבאַדערפטיקע צאָל צו דאַוונען אין אַ מיניען. און דעריבער איז ניט נאָר דערלאָזבאַר, נאָר נייטיק, אַז 10 ייִדן זאָלן זיך איין מאָל אין וואָך צונויפזאַמלען”[3].

פונעם בריוו איז צו זען, אַז פּיאָטער לאַווראָוו איז געווען ניט נאָר דער רעדאַקטאָר, נאָר אויך דער מיטאַווטאָר פון דער בראָשור. ער האָט אָנגעשריבן איר וויכטיקסטן טייל און באַגרינדעט דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, די אויפגאַבן און די באַדײַטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדן אויף זייער פֿאָלקס־שפּראַך. די בראָשור איז דערשינען אין יאַנוואַר 1876. דער דאָזיקער דאָקומענט טראָגט אַרײַן נײַס אין דער הונדערט־יאָריקער פאָרשונג וועגן דעם כאַראַקטער פון ליבערמאַנס טעטיקייט און שאַפונג.

אין יאַנוואַר האָט ליבערמאַן באַקומען דעם באַשלוס פונעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון „וופּעריאָד” (סמירנאָוו, ליניאָוו, ל. גאָלדענבערג), לויט וועלכן ער דאַרף אַרבעטן אין רעדאַקציע אַלס זעצער, שרײַבער, צייכענער, רעדאַקטאָר, האָבנדיק די אויפגאַבע אויפמערקזאַם צו שטודירן די פּרעסע; אויף שפּעטער ווערט אויסגערעכנט, אַז ער וועט זײַן רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישן זשורנאַל (זע דאָרט, ז. 72).

אַרן ליבערמאַנס אויפרוף האָט באַקומען אַ ברייטע באַלויכטונג אין דער ייִדישער און ניט־ייִדישער היסטאָרישער ליטעראַטור.

באָרעך טשוביניסקי, דער אַווטאָר פונעם אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען אין לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, שרײַבט, אַז די פּראָקלאַמאַציע „איז אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג פון דער גרופּע העברעיִשע שריפטשטעלער־סאָציאַליסטן, ווי ליליענבלום, יעהאַלעל, דר. ייִצכאָק קאַמינער, אַ. שערעשעווסקי אאַ.”. די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אין אַ סך פּראָטים ווײַט פונעם עמעס. אַ.־ל. ליליענבלום איז קיינמאָל קיין סאָציאַליסט און אַפילו קיין רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַט ניט געווען. מע קאָן אויך ניט באַצייכענען ווי איבערצײַגטע סאָציאַליסטן די איבעריקע אויבן־אָנגעוויזענע שרײַבער. ביכלאַל איז די רעאַקציע אויפן אויפרוף געווען ניט קיין איינהײַטלעכע בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ. בײַ וועמען זי האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג, בײַ וועמען — דערווידערונג. אויף דער רעוואָליוציאָנער־געשטימטער אינטעליגענץ האָט זי געמאַכט אַ גרויסן רושעם, געוועקט צום קאַמף, געווירקט איבערגײַין פונעם ראַדיקאַליזם צום סאָציאַליזם. זי איז געווען, — האָט געשריבן מ. ווינטשעווסקי, — די ערשטע בסורע, וואָס האָט אָנגעזאָגט די געולע.

וואָס איז שײַך יעהאַלעלן און אַנדערע העברעיִשע שרײַבער פון דער קיִעווער גרופּע, איז זייער פּאָזיציע געווען אַ ווידערשפּרעכלעכע. אין די 60־ער יאָרן זײַנען די סאָציאַליסטישע און רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע אידייען אַרײַנגעדרונגען אין דער ייִדישער סוויווע דעריקער דורך דער רוסישער און טיילווײַז דײַטשישער ליטעראַטור און פּרעסע. אָבער אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן האָט שוין די לאַגע אין רוסלאַנד, ווי אין אייראָפּע, זיך געענדערט. ס'האָט זיך געפילט די ווירקונג פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. די דערפאָלגן פון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דאָס פּאָלקיסטישע „גיין אין פאָלק” האָבן אויפגעוועקט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט דעם פּראָגרעסיווסטן טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. דאָס האָט געשטויסן אַפילו אַזאַ זשורנאַל, ווי דער „האשאכאַר” (השחר) דערלאָזן אויף זײַנע שפּאַלטן לידער, ווי י. ל. קאַנטאָרס „מאאמינים אנאכנו” („מיר גלייבן”) מיטן אונטערקעפּל „קאָל בעניי האַנעורים” (די יוגנט־שטימע). „מיר גלייבן, — רופט אויס דער דיכטער, — אַז עס וועט אויפגיין די זון און ס'וועט אַנטשטיין די ליכטיקע צײַט... אַלע מענטשן וועלן זײַן גלײַך; מע וועט ניט זאָגן: „קריסט”, „מאַגאָמעטאַנער” אָדער „ייִד” — נאָר „ברידער”, „פרײַנט” און „כאַווער”[4].

די מאָטיוון פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פעלקער־ברידערלעכקייט האָבן זיך אויך געלאָזט הערן בײַ יעהאַלעלן (י.־ל. לעווינען) אין זײַן פּאָעמע „עוועד אוואָדים” („אייביקע קנעכט”) און אין אַנדערע פּאָעמעס און לידער. יעהאַלעל האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש אַ רײ קאַפּיטלען פונעם „קאַפּיטאַל”, און דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין זײַן פּאָעזיע.

אין 1874 דעביוטירט ליבערמאַן אין „האשאכאַר” מיט זײַן אַרטיקל „חזות הכל” („כאַזוים האַקאָל”) — קאַליידאָסקאָפּ. אַלס אונטערשריפט באַנוצט ער זײַן פּאָטערס פּסעוודאָנים „איש המודות” (ליבער מאַן), צוגעבנדיק דעם נאָמען דאַניִעל — „דאַניִעל דער ליבער מאַן”.

אין דער ערשטער דערציילונג דעקט ליבערמאַן אויף די צוויִעס פון די רײַכע מאַסקילים,

---

[1] לאַווראָוו האָט דאָ אין זינען די בראָשור „וועגן דער אָרגאַניזאַציע פונעם סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן ייִדן אין רוסלאַנד”.

[2] די „ציפער” 10 ווײַזט אָן, אַז די אָרטיקע סאָציאַליסטישע גרופּעס דאַרפן באַשטיין פון 10 מיטגלידער.

[3] ל א ו ו ר אָ ו. „אין די יאָרן פון עמיגראַציע”. אַרכיוו־מאַטעריאַלן, פאַרעפנטלעכטע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער געשיכטע. ב. 1., ז. 351 (רוסיש).

[4] ס. ל. צ י נ ב ע ר ג. „די געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אין רוסלאַנד” (אין רוסיש), פּעטראָגראַד, 1916, ז. 213.

פּראָצענטניקעס, פֿאַבריקאַנטן, קלאַל־טוער. ער ווײַזט אָן, אַז די עקספּלואַטאַטאָרן פֿון די פֿאָלקסמאַסן ווילן מיט אַ גראַשנדיקער צדאָקע זיך פֿאַרשטעלן אַלס יושערדיקע און הערצלעכע מענטשן. אין די בילדער פֿונעם ייִדישן לעבן, וואָס ער מאָלט, באַרירט ער די טעמע וועגן דער שוידערלעכער עקספּלואַטאַציע פֿון די יונגע אַרבעטערנס מיצאַד די ייִדישע פֿאַבריקאַנטן. ליבערמאַן איז נאָך ניט קיין סאָציִאַליסט, אָבער זײַן ראַדיקאַליזם איז אַן אַנדערער, איידער בײַ די אַנדערע העברעיִשע שרײַבער.

עס הייבט זיך שוין אָן באַווײַזן ווינטשעווסקי מיט זײַנע ערשטע העברעיִשע אַרטיקלען. דערווײַל איז ער נאָך אַ ראַדיקאַלער מאַסקיל.

אין 1875 — 1876, ווען די רעאַקציע, קומענדיק פֿון מײַרעוו, דערנעענטערט זיך צו רוסלאַנד און עס אַנטשטייט די געפֿאַר פֿון איר פֿאַרפֿעסטיקונג אין לאַנד, געפֿינען זיך די קיִעווער העברעיִשע שרײַבער אויפֿן שיידוועג צווישן ליבעראַליזם, ראַדיקאַליזם און סאָציִאַליזם, צווישן האַלבן קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציִאָנאַליזם. ליבערמאַן פֿאַרשטייט עס גאַנץ גוט, און ער פֿאָדערט פֿון יעהאַלעלן זיך זעלבסטבאַשטימען, איבערגיין צו דער רעוואָליוציע און אויפֿרײַסן הינטער זיך די בריקן. אין סאָף 1875 שרײַבט ער צו אים: „איז אויב דו רעכנסט זיך נאָר צו די ליבעראַלן, וואָס קוקן אַרויס, אַז... וועלט־טיראַנען זאָלן זיי שענקען אַ נעדאָווע, אַ ביסל דערלײַכטערונג פֿון זייער שווערן יאָך, בעט איך דיך צו לייגן אַכט און צו זען, צו פֿאַרשטיין און צו באַנעמען, וואָס דו האָסט צו טאָן פֿאַר דעם גליק פֿון די מענטשן ביכלאַל און וועגן דער יעשועס פֿונעם ייִדישן פֿאָלק באַזונדער. ליבערמאַן פֿאָדערט פֿון יעהאַלעלן אַ קאַטעגאָרישן ענטפֿער — „ציִ געהערסטו צו אונדז אָדער צו אונדזערע סאָנים“ (דאָרט, ז. 48). ער לייגט אים פֿאָר אַרײַנצוטרעטן אינעם אינטערנאַציִאָנאַלן רעוואָליוציִאָנערן קרײַזל אין קיִעוו. יעהאַלעל זאָגט זיך אָפּ עס צו טאָן.

ליבערמאַנס אויפֿרוף צום קאַמף פֿאַר דער סאָציִאַלער רעוואָליוציע האָט שוין דאַן געשראָקן יעהאַלעלן און זײַן גרופּע, כאָטש זי האָט פֿאַרגעזעצט מיטאַרבעטן מיט ליבערמאַנען אין 1877 יאָר אין „האָעמעס“ („האמת“). דאָס איז צו זען פֿון דעם, וויִאַזוי יעהאַלעל שאַצט אָפּ דעם אויפֿרוף. אין עזאָפּישן לאָשן שרײַבט ער צו ליבערמאַנען: „איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז די אופּראַווליאַיעשצעס פֿאַרשטייען ניט, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. זיי רופֿן די קויִנים צו מאַכן אַ באַלאַנס און אַן ענדגילטיקן כעזשבן, און זיי פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן נאָך ניט קיין קויִנים פֿאַר אונדזער סכוירע“ („היסטאָרישע שריפֿטן“, ערשטער באַנד, ז. 519).

אין אַ צווייטן בריוו קריטיקירט יעהאַלעל נאָך אַנטשיידענער די פּראָקלאַמאַציע, אָנווײַזנדיק, אַז „ניט דאָס איז דער וועג און ניט דאָס איז דאָס מיטל צו דערגרייכן דעם געווּנטשענעם ציל... און דעריבער האָב איך זיך ניט געקענט באַנוצן מיט די אויפֿרופֿן און כ׳האָב זיך אַפֿילע געשעמט צו געבן זיי מײַנע באַקאַנטע אינטעליגענטן. און די, וואָס האָבן זיי געלייענט, האָבן זיך שטאַרק געכידעשט און געהאַלטן מיך פֿאַר אַ ווילדן“ (דאָרט).

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער פֿאַרקערעוועט אויפֿן וועג פֿון רעאַקציע און נאַציִאָנאַליזם. ער האָט אַפֿילע אין צענדליקער יאָרן אַרום זיך מיסוואַדע געווען פֿאַר ווינטשעווסקין, אַז ער איז קיינמאָל קיין סאָציִאַליסט ניט געווען.

די ווענדונג פֿונעם 1876 איז אין אַלע פּראָטים געווען אַ הויכע מאַדרייגע אין ליבערמאַנס פּובליציסטישער טעטיקײַט. זײַנע טעאָרעטישע קענטענישן האָבן זיך באַרײַכערט, ער האָט זיך גרינטלעכער באַקאַנט מיט דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך פּערזענלעך באַקאַנט מיט די טוער פֿונעם ערשטן אינטערנאַציִאָנאַל, מיט די פֿירער פֿון דער דײַטשישער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון אירע אָרגאַנען; זײַן טעטיקײַט אין „וופּעריאָד“ האָט פֿאַרשטאַרקט בײַ אים די אינטערנאַציִאָנאַליסטישע אָנשויונגען. ער האָט דערזען די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן אין לאָנדאָן, די שוידערלעכע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם אויפֿרוף. צווישן אַנדערס, שטעלט ער אין אים שאַרף די פֿראַגע, וועלכע האָט געוועגט די אינטעליגענץ: „וווּהין פֿירט איר ווײַטערדיקער וועג?“. ער ענטפֿערט: „דער וועג פֿון פּראָגרעס איז בײַ דער בורזשואַזער מאַכט אויסגעשלאָסן“. דעמאַסקירנדיק די פּרווון פֿון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ זיך פֿאַרשטעלן אַלס קולטור־טרעגער, שרײַבט ער: „און איר, וואָס איר האָט אָנגעטאָן אויף זיך די מאַסקע פֿון אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, קעדיי אויסצוזויגן ביזן סאָף דאָס בלוט פֿונעם פֿאָלק, לויט די אַלע קלאָלים פֿון דער איצטיקער קולטור... איר, וואָס פֿאַרציִען נאָך מער די שטריק אויפֿן האַלדז פֿונעם פֿאָלק; איר, אַלוועלטלעכע ספּעקוליאַנטן, וואָס באַשמוצן אונדזער נאָמען מיט בלאָטע, איר זײַנט ניט מיט אונדז!“ („רויטער פּינקעס“, ז. 204).

איינצײַטיק איז דער אויפֿרוף דורכגעדרונגען מיטן פֿאָלקיסטיש־אַנאַרכיסטישן צוגאַנג אין דער אָפּשאַצונג פֿון דער מעלוכע, מיטן ניט באַנעמען די בייטיקײַט פֿון פּאָליטישער הערשאַפֿט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. ליבערמאַן איז שטאַרק באַווירקט פֿון לאַוראָווס סוביעקטיוויסטישער, אידעאַליסטישער טעאָריע וועגן דער קריטיש־דענקענדיקער פּערזענלעכקײַט, וועלכע האָט אים געשטערט ריכטיק צו באַנעמען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פֿון דער אינטעליגענץ, אײַנזען איר אָרט אין די קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן פֿונעם לאַנד. ערטערווײַז כאַזערט ליבערמאַן איבער די קאָסמאָפּאָליטישע פֿראַזעאָלאָגיע. זײַענדיק אַ מיטצײַטלער פֿונעם איבערגאַנגס־פּעריאָד

פון פֿאָלקיזם צו מאַרקסיזם, האָט ער ניט געקאָנט אויסמײַדן ספּייקעס און עקלעקטיזם. זיי זײַנען כאַראַקטעריסטיש געווען פֿאַרן אידייִשן צושטאַנד פון אַלע פֿאָלקיסטישע טוער פון יענער צײַט. ליבערמאַן האָט באַנומען די נייטיקײַט פון איבערשאַצן די אַלטע ווערטן, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פונעם פֿאָלקיזם. אינעם אויפֿרוף גיט ער אַ נײַע אָפּשאַצונג פון די קלאַסן־קויכעס אין לאַנד און אין דער ייִדישער סוויווע. מיט ביטל רעדט ער וועגן דער ראָל פון דער בורזשואַזיע און בעסויכעם פון דער בורזשואַז־ליבעראַלער אינטעליגענץ. דערפֿאַר אָבער רעדט ער ריכטיק און מיטן פֿולן מויל וועגן דער ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס זעלבשטענדיקער רעוואָליוציאָנערער קויעך. עס ווערט אַרויסגעבראַכט די האַנאָכע פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן דעראָבערן זײַן באַפֿרײַונג נאָר מיט זײַנע אייגענע הענט.

די כראָנאָלאָגיע פון ליבערמאַנס אויפֿרופֿן, קאָרעספּאָנדענציעס, ליטעראַרישע אַרבעטן, דורכגעפֿירטע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָסמיטלען זאָגן אײדעס וועגן זײַן באַוועגלעכן גײַסט, אײַזערנעם ווילן, פּראַקטישער אָנגעצילטקײַט צו אויספֿילן דעם אָנגעמערקטן פּלאַן.

דעם אויפֿרוף צו דער יוגנט האָט ליבערמאַן אָנגעשריבן נאָך זײַן אומקערן זיך פון בערלין, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט פונעם 23 מײַ ביזן 18 יוני 1876. אים איז געלונגען צו דורכפֿירן אַ „ייִדיש־סאָציאַליסטישן צוזאַמענפֿאָר‟, וועלכער האָט אָנגענומען די פּראָגראַם פון „וופֿעריאָד‟ (זע ליבערמאַנס בריוו, ז. 77). דעם 10 יולי האָט ער פון לאָנדאָן געשריבן צו ראָזאַליע אידעלסאָן: „איך בין ערשט געפֿאָרן קיין בערלין, פֿונוואַנען איך האָב געזאָלט פֿאָרן קיין רוסלאַנד. אין בערלין האָב איך גראָד געהאַט די געלעגנהײַט צו טרעפֿן זיך מיט אַ סאַך אונדזעריקע, מיט וועלכע איך האָב געהאַט לאַנגע דיסקוסיעס, קאָנפֿערענצן אאַוו. ענדלעך, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל צוריקפֿאָרן קיין לאָנדאָן. מײַנע פֿרײַנט האָבן זיך מיסכײַעו געווען, אַז יעדערער וועט געבן אַ געוויסע סומע געלט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע צו באַשעפֿטיקן זיך דערמיט. נאָך אַ דיסקוסיע איז אויך אָנגענומען געוואָרן די טעטיקײַט־פּראָגראַם‟ (ז. 66). ווײַטער האָט ער מיטגעטיילט וועגן דער דערוואַכונג, וואָס קומט פֿאָר אין דאָרעם־רוסלאַנד. אין קיִעוו, כערסאָן, אָדעס, קרעמענטשוק, זשיטאָמיר און אַנדערע ערטער זײַנען פֿאַראַן נאָכפֿאָלגער פון דער באַוועגונג. אַן אַקטיווע אַרבעט ווערט געפֿירט אין דער געגנט פון מינסק, מאָלעוו און וויטעבסק (זע דאָרט).

באַאײַנפֿלוסט פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן, פון דער פֿאַרברייטערונג פון די מעגלעכקײַטן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער ייִדישער סוויווע, ווענדט זיך ליבערמאַן צו דער אינטעליגענץ, זי זאָל אָנהייבן איר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן.

עס איז באַוווּסט ליבערמאַנס טעטיקײַט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זײַענדיק אין בערלין, האָט ער אַקטיוויזירט די אַרבעט פון דער ייִדישער סעקציע פון „דער אינטערנאַציאָנאַלער ליגע פון סאָציאַליסטן־רעוואָליוציאָנערן‟ (ווו פֿרידריך ענגעלס איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער דײַטשישער סעקציע). עס האָט אים געפֿעלט פּאָליטישע רײַפֿקײַט צו באַנעמען די וויכטיקײַט פונעם קאַמף, וועלכן מאַרקס און ענגעלס (צו זיי איז צוגעשטאַנען די לאַווריסטישע אָנפֿירונג) האָבן געפֿירט קעגן דער פּראַקציאָנעל־דעזאָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקײַט פון די באַקוניסטן אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. אין דער דאָזיקער פֿראַגע האָט ער פֿאַרנומען אַ פּשאָרעדיקע שטעלונג, פֿאַר וואָס ער איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן, ביפֿראַט, אַז אין אָט דעם פּעריאָד באַטראַכט ער זיך שוין פֿאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט (זײַן בריוו צו ווילהעלם ליבקנעכטן פונעם 5 מײַ 1867 שרײַבט ער אונטער „מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גרוס א. ליבערמאַן‟).

אין זײַן בריוו צו לאָפּאַטינען רופֿט אָן פּ. לאַווראָוו לאָבסטערן (ליבערמאַנען) „אונדזער ייִדישער אַגיטאַטאָר‟. גאָר אַנדערש איז די מיינונג פון אייניקע שפּעטערדיקע פֿאָרשער. טשעריקאָווער, אַשטייגער, שרײַבט, אַז „ליבערמאַן האָט זײַן אויפֿרוף צו דער יוגנט אַרויסגעלאָזט אויף זײַן אייגענער אַכרײַעס‟ („היסטאָרישע שריפֿטן‟, ב. 1, ז. 520). ס'איז פּאָשעט צו באַוווּנדערן, וויאַזוי עס קאָן אַזוינס דערקלערן אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַלטן אין די הענט די צײַטשריפֿט „וופֿעריאָד‟ און אירע אַרכיוו־מאַטעריאַלן. ווי מיר האָבן געזען, האָט ליבערמאַן קיין איין דאָקומענט ניט אַרויסגעלאָזט אָן דער האַסקאָמע פון דער לאַווריסטישער אָנפֿירונג. די רעדאַקציע פון „וופֿעריאָד‟, דורכקוקנדיק ליבערמאַנס אויפֿרוף, האָט אָפֿיציעל געמאָלדן, אַז ער שטעלט פֿאָר איר מיינונג. די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון „וופֿעריאָד‟ ווײַזן אָן אויף אַ מיינונגס־אויסטויש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין רעדאַקציע פֿאַרן דרוקן דעם אויפֿרוף, און דאָס איז אַ באַווײַז, אַז ער האָט אויסגעדריקט ניט ליבערמאַנס פּערזענלעכע שטעלונג, נאָר די אָפֿיציעלע שטעלונג פון דער לאַווריסטישער באַוועגונג בענעגייע דעם קאָמפּלעקס פֿראַגן אַרום דער פּראָבלעם — סאָציאַליזם און די ייִדישע אַרבעטנדיקע.

טשעריקאָווער פּרוּווט דערווײַזן, אַז ליבערמאַן איז געווען דער טיפּישער פֿאָרשטייער פון דער גרופּע, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אַלס אָפּצווײַג פון די מאַסקילים. „די גרופּע איז אין אַ סאַך פּראָטים, — האָט געשריבן טשעריקאָווער, — אידעאָלאָגיש נאָך געווען פֿאַרבונדן

מיט די מאַסקילישע טראַדיציעס" (דאָרט, ז. 521). די ראָליע פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע (ליבערמאַן, ווינטשעווסקי, ל. צוקערמאַן, א. ראַבינאָוויטש) זעט ער איין אין דעם, וואָס זי האָט „אַרײַנגעטראָגן א געוויסע אָפּרישונג אין דער מאַסקילישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַלטן ערעוו איר שקיע" (דאָרט). מיט איין וואָרט, טשעריקאָווער באַהויפּטעט, אַז ליבערמאַן האָט פאָרגעזעצט, קלוימערשט, די נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע אין די נײַע באַדינגונגען. דאָס איז רעכילעס אַף ארן ליבערמאַנען, וועלכע ס'האָבן שפּעטער איבערגעכאַזערט פאַרשיידענערליי ציוניסטן. עס ווערט פאַרשוויגן, לעמאָשל, אַז נאָכן איבערגיין צום סאָציאַליזם האָט ליבערמאַן אנטשיידן דערקלערט: „אַלס סאָציאַליסטן, רײַסן מיר איבער די פאַרבינדונג מיט דער פאַרגאַנגענהײַט. מיר לייקענען אָפּ יעדע רעליגיעזע, נאַציאָנאַליסטישע אָדער אנדערע טראַדיציעס, וועלכע וואָלטן געשטערט דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַראייניקט צום קאַמף קעגן זייערע עקספּלואַטאָרס (זע ק א ל מ ע ן מ אַ ר מ אָ ר. „דער האַמער", מאַרט 1937, ז. 15).

אין נאָיאַבער 1876 שרײַבט ליבערמאַן אונטער אין זײַן בריוו צו סמירנאָוון: „איך בין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. אַנדערש וואָלט איך ניט ווערט געווען דעם נאָמען סאָציאַליסט. און פאַר א רוסישן סאָציאַליסט האַלט איך זיך — ניט לויט דער נאַציאָנאַליטעט, נאָר לויט דער טעריטאָריע פון מײַן טעטיקייט, לויטן אָרט, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, לויטן לאַנד, וואָס איך קען אַמבעסטן און וועמענס אינטערעסן עס זײַנען מיר נעגייע אַמערסטן" (ליבערמאַנס בריוו, ז. 82).

ארן ליבערמאַן באַטראַכט די לאַגע פון די ייִדישע מאַסן ניט איזאָלירט, נאָר אין דער אַלגעמיינער שײַן פון עקאָנאָמישער, סאָציאַלער, פּאָליטישער און גײַסטיקער אַנטוויקלונג פונעם מײַרעוו־קאַנט. ער קומט צום אויספיר, אַז סײַ אין דאָרף, סײַ אין שטאָט און אין שטעטל, צווישן פּויערטום, ווי אויך צווישן די אַרבעטנדיקע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, קומט פאָר א שנעלער פּראָצעס פון סאָציאַלער דיפערענציאַציע. ער ווײַזט אָן אַף די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, וועלכע קומען פאָר אין לעבן פון דער ליטווישער, פּוילישער, ווײַסרוסישער, רוסישער און דײַטשישער באַפעלקערונג. ליבערמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין יענער צײַט באַוויזן די טיפע סאָציאַלע קאָנטראַסטן אינעם ייִדישן לעבן. וועגן דעם ייִדישן דאַלעס, קאָוונער הונגער האָט מען שוין געשריבן, און ניט ווייניק, ביז ליבערמאַנען. ער אָבער באַלויכט דאָס בילד אין א נײַעם אַספּעקט, ער ווײַזט אָן, אַז די פאַראָרעמונג פון די אַרבעטנדיקע ייִדן האָט פאַרשטאַרקט זייער קלאַסן־צעגלידערונג און אַרויסגערופן א וווּקס פון אומצופרידנקײַט, פון פּראָטעסט־שטימונגען, פאַרשפּרייטנדיק די האַשפּאָע פון דער רוסלענדישער באַפרײַונגס־באַוועגונג אַף די ייִדישע אַרבעטער. ער קומט צום אויספיר: „איך בין איבערצײַגט, אַז דער באָדן פאַר סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע איז בא אונדז גרייט" („וופּעריאָד", נומ. 27, 15 פעוורואַל 1876). דעם איקערדיקן פאָרבאַדינג פאַר אַזא מין רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט זעט ער אין אינעם אויסוואָרצלען דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און רעליגיעזן קלעריקאַליזם, די ליבעראַלע פשאָרעמאַכערײַ, אינעם אײַנשטעלן אינטערנאַציאָנאַלע אַכדעס פון אַלע אַרבעטנדיקע. „דער עמעסער סאָציאַליזם, — שרײַבט ער, — קען ניט צוזאַמענגעפּאָרט ווערן מיט נאַציאָנאַלן האַס. ער איז אינטערנאַציאָנאַל!" (זע ק א ל מ ע ן מ א ר מ אָ ר, „דער האַמער", מאַרט 1937, ז. 50).

די ייִדישע בורזשואַזיע, די בורזשואַזע אינטעליגענץ, די קלעריקאַלן, ווי די צאַרישע רעאַקציע, האָבן באַטראַכט דאָס ייִדישע פאָלק בלויז ווי א פאָלק פון סאָכרים און פאַרמיטלער. ליבערמאַן, רעדנדיק וועגן דעם ייִדישן פאָלק, האָט אין זינען בלויז די אַרבעטנדיקע מאַסן. די באַנקירן, ראַבאָנים, קלאַל־טוער, נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ, ווי אויך די מאַסקילים, רעכנט ער צו צום אַלגעמיינעם רעאַקציאָנערן לאַגער, קעגן וועלכן דאָס פאָלק דאַרף אויפשטיין אין זײַן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. אויפדעקנדיק די בלוטדאָרשטיקײַט פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, איר שטרעבונג באַרײַכערט ווערן דורך דער עקספּלואַטאַציע פון די פאָלקסמאַסן, ווײַזט דער אויפרוף אָן, אַז זי העלפט מיט פאַנאַנדערפלאַקערן ראַסעווע און רעליגיעזע סינע.

טשעריקאָווער פּרוּווט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז ליבערמאַן האָט פאָרגעזעצט די מאַסקילישע טראַדיציע, ווי פון „דעם טרעגער פון זייערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן" („היסטאָרישע שריפטן", ז. 521). די מאַסקילים שטעלט ער אַרויס אַלס טרעגער פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן. — אַפּן בוידעם א יאַריד! אין דער ווירקלעכקײַט איז די פאַרשפּרייטונג פון די סאָציאַליסטישע אידייען אין דער ייִדישער סוויווע פאָרגעקומען אין קאַמף ניט נאָר מיט דער צאַרישער רעאַקציע, נאָר מיט די ייִדישע קלעריקאַלן, מיט דער ייִדישער בורזשואַזיע, מיט דער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ, אויך מיט די מאַסקילים, די טרעגער פון האַסקאָלע און בילדונג. באַמערקט דער אויפרוף, קוקן מיט פאַראַכטונג אַפן פאָלק. ווי מיר האָבן שוין באַצייכנט, שטרײַכט דער אויפרוף אונטער די ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס הויפּט־טרעגער פון דער רעוואָליוציע: „קום זשע, יוגנט, צוהילף דעם פּראָלעטאַריאַט, וועמען דו האָסט צו פאַרדאַנקען פאַר דײַן אַנטוויקלונג" („רויטער פּינקעס", ערשטער זאַמלבוך, ז. 215). טשעריקאָווער וויל אײַנרעדן דעם לייענער, אַז ווענדנדיק זיך צו דער אינטעליגענץ, האָט דער אויפ־

רוף אין זינען געהאט בלויז די יעשיוועבאָכערים. אינדערעמעסן ווערט אין דער בראָשור וועגן אָרגאַניזירן יידישע סעקציעס בא די רוסישע סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס דיטײַלעך אָנגעוויזן, אַז די סעקציעס דאַרפֿן צוציִען צו דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע „דעריקער אַרבעטער און אָרעמע יוגנט. בא א געלעגנהײַט קאָן מען פאַרכאַפּן אויך די טאַלמידים פון די רעגירונגס־שולן און די קליין־בורזשואזיע” („היסטאָרישע שריפטן”, באַנד 1, ז. 473). ליבערמאַן האָט פיל אופמערקזאַמקײַט געווידמעט דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ. ער האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט אין לאָנדאָן מיט א קרײַזל פון יידישע אַרבעטער־זעצער, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען גרינבערג, קולאָ אַ. טאַקע זיי, די טאַלמידים זײַנע, האָבן אָנגעוויזן מ. ווינטשעווסקין אַף דער נויטווענדיקײַט אַרויסצוגעבן א סאָציאַליסטישע בראָשור אין יידיש. ווינטשעווסקי האָט עס אויסגעפילט. דאָס איז געווען די באַוווּסטע בראָשור „ליכטיק זאָל ווערן!” („יהי אור”).

ליבערמאַן האָט אויך אויסגערעכנט צוציִען צום גיין אין פֿאָלק די יעשיוועבאָכערים. אָבער יענע פון זיי, האָט ער אָנגעוויזן, וועמען די בורזשואזע אָרדענונג האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרדאַרבן. ער האָט בעלי־סאָפּעק איבערגעשאַצט די ראָליע פון אָט דעם עלעמענט. ווי מיר האָבן באַצייכנט, האָט ליבערמאַן ביכלאַל איבערגעכאַזערט אין דער פראַגע וועגן דער אינטעליגענץ די טאָעסן פון די פּאָלקיסטן.

די אַנטשטייונג פון מאַרקסיזם אין רוסלאַנד איז פאַרבונדן געווען מיט דער אַלזײַטיקער און גרינטלעכער קריטיק פון דער פּאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע. די רוסישע מאַרקסיסטן האָבן מיט קאָוועד זיך באַצויגן צו די פאַרדינסטן פון די רעוואָליוציאָנערע פּאָלקיסטן אַלס אויסדרייקער פונעם פויערשן רעוואָליוציאָנערן דעמאָקראַטיזם. זיי האָבן אויך געשעצט דעם שרעקלאָזן קאַמף פון די פּאָלקיסטישע מאַרטירער קעגן דער זעלבסטהערשונג, פאַרן זיג פונעם פּאָלק. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי אַנטשיידן באַקעמפט דעם קליינבירגערלעכן אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם פונעם פּאָלקיזם, זײַנע אוטאָפּיסטישע טעאָריעס. אַלס א פּאָלקיסטישן טוער, זײַנען ליבערמאַנען אייגנטימלעך געווען די פאַרדינסטן און די פעלערן פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

דער אופרוף צו דער אינטעליגענטישער יוגנט האָט אָפּגעשפּיגלט די ווירקונג פון דער אַלרוסלענדישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דער יידישער סוויווע אין די 70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. ער האָט אַרײַנגעטראָגן אין די מויכעס פון די פּאָלקסמאַסן די אידייען פון סאָציאַליזם, רעוואָליוציע און אינטערנאַציאָנאַליזם אינעם פּאָלקיסטישן באַנעם. ער האָט אָנגעוויזן אַף דער רעוואָליוציאָנערער קראַפט פונעם אַרבעטער, גערופן די מאַסן צום קאַמף. די לעצטע ווערטער פונעם אופרוף זײַנען געווען: „זאָל אונטערגיין די וועלט פון שעקער און אַרבעטער־אונטערדריקונג אונטער די קלעפּ פון די קעמפער פאַר גערעכטיקײַט און פרײַהײַט. און דאַן, אַף אירע כורוועס, אין דער שטראַלנדיקער שײַן פון דער פרײַהײַט, וועט זיך פאַנאַנדערפלאַטערן די רויטע פאָן פון סאָציאַלער רעוואָליוציע!”

זכרוינעס

י ו ד ע ס א ר א נ ט ש י ק

מײַן לערער ראַפּאַלסקי

איך בין ניט דער מענטש, װעלכער קאָן אַף זיך נעמען די מיסיע אױסצופאָרשן מיכאַיל ראַפּאַלסקין אַלס שעפערישע אינדיװידואַליטעט. זײַנע טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען, װעגן װעלכע עס איז געװען א סאַך געשריבן, זײַנען אַלזײַטיק אָפּגעשאַצט. פאַרשטענדלעך, אַז עס זײַנען געװען פאַרערער, און פאַרקערט. איך װיל נאָר מיט מײַנע דערינערונגען װאַרפן א שײַן אַף דעם, װאָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, װי דער מענטש, װעלכער האָט אַלץ געטאָן, כדי עס זאָל געשאַפן װערן די שעפערישע שול פון דעם װײַסרוסישן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

יאָ, א גרױסער ענטוזיאַסט פון בױען די נײַע, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, יונגע סאָװעטישע קולטור איז געװען מיכאַיל פּאַדײעװיטש ראַפּאַלסקי. אַלײן אַן אַקטיאָר אַף דער רוסישער בינע, נאָכדעם אין טעאַטער „אונדזער װינקל”, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דעם באַרוף, כדי, װי איך האָב אױבן געזאָגט, אױספורעמען אין װײַסרוסלאַנד א סאָװעטישן ייִדישן טעאַטער.

בײַס די גאַסטראָלן פון „אונדזער װינקל” אין מינסק אין 1920 קלײַבט ראַפּאַלסקי אָפּ א גרופּע אַרבעטער־יוגנט, קאָמיוגיסטן, װעלכע ער האָט באַגײַסטערט מיט זײַן אידײ. ער אַרבעט מיט דער יוגנט, גרײט א פּראָגראַם, לײענט פאַר די קומענדיקע אַרטיסטן לעקציעס װעגן קונסט, דערצײלט זײ װעגן סטאַניסלאַװסקין, װאַכטאַנגאָװן, מײערכאָלדן.

און אָט איז די פּראָגראַם פאַרטיק. ראַפּאַלסקי באַװײַזט זי, און עס קומט א באַשלוס פון װײַסרוסישן סאָװנאַרקאָם: שאַפן פאַר װײַסרוסלאַנד א ייִדישע טעאַטראַלע סטודיע אין מאָסקװע, כדי שפּעטער, נאָך דער לער, זאָל די סטודיע פאַרװאַנדלט װערן אין א ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון דער רעפּובליק. אין 1921 פירט ראַפּאַלסקי אָפּ קײן מאָסקװע א גרופּע, נאָך קימאַט קינדער: הירשל צאַרפּאַס, ליזע נעלסאָן, מירע אַלטמאַן, עמע דרײזינע, א ביסל שפּעטער פּעסיע װאָלפינע, װעלכע איז פאַרן אָפּפאָרן קראַנק געװאָרן אַף טיפוס.

ראַפּאַלסקין איז געװען טײַער און ליב יעדער אײנער, װער עס האָט געדאַרפט צוזאַמען מיט אים פאַרװאַנדלען זײַן טרױם אין װאָר. װען פּעסיע װאָלפינע איז קראַנק געװאָרן, האָט ער זי יעדן טאָג באַזוכט, געמונטערט זי װי נאָר ער האָט געקענט, ניט מוירע געהאַט ברענגען דעם טיפוס אין זײַן אײגענער מישפּאָכע, אַלײן קראַנק װערן. פאַרן סאַמע אָפּפאָר אין דער הױפּטשטאָט פונעם לאַנד באַקומט ער זאַכן פאַר די קומענדיקע שילער און ברענגט דער קראַנקער אַהײם דאָס נײטיקע אָנטאָן, זי זאָל האָבן אין װאָס צו פאָרן, װען זי װעט געזונט װערן. װאָלפינע מיט איר פאָטער, דעם שוסטער, מיט נאָך צװײ קינדער, אָן א מוטער, האָבן געלעבט אין שװערע באַדינגונגען. אין דער סטודיע פלעגט ראַפּאַלסקי ניט אײן מאָל רײדן װעגן דעם מיט װײטעק.

די סטודיע האָט מען באַזעצט אין סאַמע צענטער פון מאָסקװע, אַף דעם רױטן פּלאַץ, צװישן דעם היסטאָרישן מוזײ און דער איװערסקע טשאַסאָװניע, אין די געװעזענע כאָראָמעס פון באָריס גאָדונאָװן, אַזױ האָט מען געזאָגט. פאַר פיר יאָר לערע זײַנען דורכגעגאַנגען די סטודיע צענדליקער שילער. ביז צו ענדע פונעם קורס איז געבליבן א גרופּע פון דרײַסיק מענטשן, װעלכע זײַנען אַרײַן אין באַשטאַנד פון טעאַטער. אינעם דערציִען די קומענדיקע שױשפּילער, אין צװײגענען זײ א געהעריקע טעאַטראַלע שול װײַזט ראַפּאַלסקי אַרױס אױסערגעװײנלעכע פּרינציפּיעלקײַט. ער געטרױט ניט אָן זײַנע אײגענע קױכעס און ציט צו די בעסטע פּעדאַגאָגישע אױטאָריטעטן, װאָס מאָסקװע פאַרמאָגט. גענוג אָנרופן אַזעלכע נעמען, װי אַלעקסײ דעניסאָװיטש דיקי, װאַסילי גריגאָריעװיטש סאַכנאָװסקי, מיכאַיל מיכײַלאָװיטש טאַרכאַנאָװ, די קאָמפּאָזיטאָרן קרײן, קריוקאָװ, שעבאַלין, דעם גרױסן רוסישן טעאַטראַלן קענער פּאַװעל מאַרקאָװ, די קינסטלער יאַקולאָװ, ראַבינאָװיטש, אָסמיאָרקין, פאַלק, אַקסעלראָד, שפּעטער „אַנטדעקט” ראַפּאַלסקי װי א טעאַטראַלן קינסטלער אַלעקסאַנדער טישלערן.

ראפאלסקי האָט ניט געהערט צו די, וועלכע האָבן ליב אין טעאטער בלויז זיך אליין. אנדערש וואָלטן ניט אויסגעוואקסן בא אונדז אזעלכע טאלאנטפולע, אינטערעסאנטע רעזשיסערן, ווי ל. ליטווינאָוו, ב. נאָרד, וו. גאָלאָווטשינער, וועלכע זײַנען שפּעטער געשטאנען בעראָש פון טעאטערן אין ווײַסרוסלאנד און אין אנדערע רעפובליקן. א מער יינגערער דאָר רעזשיסערן — טרעפּעל, מאָין, סאָקאָל, אײַזנבערג, רודשטיין — זײַנען די, וואָס האָבן אין א געוויסער מאָס באזאָרגט דעם טעאטער מיט רעזשי, ווען ראפאלסקי איז שוין ניט געווען.

ראפאלסקין קאָן מען פארגלײַכן מיט א מאגניט, וועלכער האָט געצויגן צו זיך מענטשן. דערפאר איז די סטודיע געוואָרן אן אָרט, וווּהין ס׳האָבן זיך צונויפגעזאמלט שרײַבער, פּאָעטן, געזעלשאפטלעכע טוער סײַ פון ווײַסרוסלאנד, סײַ פון מאָסקווע. וויאזוי מיר לעבן, וויאזוי מיר לערנען — איז געווען די זאָרג פאר די ווײַסרוסישע אָנפירער. דער פּאָרזיצער פונעם רעפובליקאנישן סאָוונארקאָם אדאמאָוויטש האָט, זײַענדיק אין מאָסקווע, שטענדיק באזוכט די סטודיע, פונקט ווי דער סעקרעטאר פונעם ווײַסרוסישן צ. ק. נאָכדעם קולטפּראָפּ קנאָרין.

ריידן וועגן ראפאלסקין אָפּגעזונדערט פון די גרויסע פּעדאגאָגן, וועלכע ער האָט ארײַנגעבראכט אין דער סטודיע, וואָלט געהייסן פארארעמען אים אליין. זײַן רײַכקײַט איז דאפקע באַשטאנען אין דעם, וואָס בא די גרויסע מײַסטערס האָט ער זיך געלערנט פונקט אזוי, ווי זײַנע שילער.

פּאוועל מארקאָוו איז געווען א געשיכטע־קענער פונעם רוסישן און אייראָפּעישן טעאטער. גופע זײַן אָנבליק האָט געדינט ווי א שול פאר אונדז. צו זײַנע לעקציעס האָבן מיר זיך באזונדערס געגרייט, און געהערט האָבן מיר זיי מיט אָפענע מײַלער. עפּשער איז אין יענער צײַט נאָך ניט אלץ געווען אונדז פארשטענדלעך, אָבער די אטמאָספער, דער גרויסער ערנסט, די זוכענישן און גריבלענישן האָבן געהאָלפן שפּעטער צו באגרײַפן און באהערשן די אויצרעס פון קענטעניש.

טארכאנאָוו — צי קען מען אים דען פארגעסן? אין צוזאמענווינונג, ווו עס זײַנען אויך געגאנגען די לימודים, איז געשטאנען א גרויסער קײַלעכדיקער טיש פון רויטן האָלץ. דער טיש האָט פארנומען א העלפט פונעם צימער. וועמענס ירושה ער איז געווען, האָבן מיר ניט געוווּסט. געוויס ניט באָריס גאָדונאָווס. דער טיש איז אונדז געווען טײַער. דאָרט זײַנען געזעסן אונדזערע לערער. זיי האָבן זיך געזאָרגט, מיר זאָלן באגרײַפן מענטשלעכע כאראקטערן און געשטאלטן, געפּרווּט אופדעקן די סאמע דינסטע ווינקעלעך פון דער נעשאָמע. בא אָט דעם טיש האָט דער גרויסער רוסישער שויישפּילער און פּעדאגאָג טארכאנאָוו אונדז געלערנט דענקען און שפּילן.

טארכאנאָוו האָט געארבעט מיט אונדז אלס פּעדאגאָג דעמלט, ווען מיר האָבן געגרייט שאָלעם־אלייכעמס „מענטשן". ערשט איצט זײַנען

יודעס אראָנטשיק. 1946.

מיר אימשטאנד אָפּצושאצן, מיט וואָס פארא דינע מיטלען ער האָט געשאפן יעדעס געשטאלט. דעמלט האָבן מיר, נאָך יונגע שילער, מערער געגלייבט, ווי פארשטאנען. עס שטייט מיר פאר די אויגן דער לימעד, ווען טארכאנאָוו האָט דעמאָנסטרירט, וויאזוי ארויסצורופן טרערן. ער איז געווען אזוי טרענירט, אז ס׳האָט געדויערט איין מאָמענט און ער האָט שוין געוויינט מיט ביטערע טרערן. דאָס איז געווען ניט נאָר טעכניק. ס׳איז אדורך ניט איין יאָר, ביז מיר האָבן דערגרייכט עפּעס ענלעכס.

הײַנט דער גרויסער ערודיט־רעזשיסער וואסילי גריגאָריעוויטש סאכנאָווסקי! ארבעטנדיק מיט אונדז איבער שעקספּירס „שיילאָק", האָט ער פארברייטערט בא יעדן איינעם דעם האָריזאָנט פון וויסן, געלאָזן אזעלכע טיפע שפּורן, וועלכע האָבן געדינט אין אונדזער ווײַטערדיקער שעפערישער ארבעט. אין די דרײַסיקער יאָרן איז סאכנאָווסקי געקומען קיין מינסק אף דעם ספּעקטאקל „רעקרוטן" — א זעלטענע שטעלונג פון ראפאלסקין. די פאָרשטעלונג איז סאכנאָווסקין שטארק געפעלן געוואָרן. זײַן גוטער אָפּרוף איז געווען אונדז זייער טײַער און וויכטיק.

שרײַבער, פּאָעטן — ווײַסרוסישע, יידישע, רוסישע — זײַנען געווען שטענדיקע מיטהעלפער פונעם טעאטער.

איינמאָל האָט ראפאלסקי אונדז געמאָלדן, אז דער הײַנטיקער אָוונט וועט זײַן פאר אונדז א געשעעניש: עס וועט אונדז באזוכן דער באוווּסטער דײַטשישער דראמאטורג און רעוואָליוציאָנער ערנסט טאָליער. מיר האָבן געוואַרט אף אים מיט אומגעדולד. און אָט איז ער געקומען. מיר האָבן גלײַך דערפילט זיך מיט אים היימיש. ער האָט מיט גאָרניט ארויסגעוויזן, אז הינטער זײַנע פּלייצעס ליגט א וועג פון א רעוואָליוציאָנער און שרײַבער. דערנאָך האָט ער ניט איין מאָל אונדז באזוכט, געלייענט זײַנע ווערק. שפּעטער, שוין אין טעאטער, האָט דער רעזשיסער ב. נאָרד געשטעלט זײַן פּיעסע

„האַפּליא, מיר לעבן!". בײס דער פֿאָרשטעלונג איז טאַליערס געשטאַלט שטענדיק געווען פֿאַר די אויגן. אין די יאָרן 1928 — 1929, ווען די אַקטיאָרן פֿון טעאַטער ליטווינאָוו, נאָרד, נעלסאָן, דרײזינע און ריווין האָבן באַזוכט בערלין, האָבן זײ זיך געטראָפֿן מיט טאַליערן. זײ האָבן אונדז געבראַכט א גרוס פֿון אים, דערציילט, אַז דער דאָזיקער מענטש לעבט שטאַרק איבער, וואָס זײַן היימלאַנד גײט צו פֿאַשיזם.

אין סטודיע־פּעריִאָד האָט ראַפּאַלסקי געשטרעבט צו באַקענען די שילער מיט די ייִדישע קלאַסיקער שאָלעם־אַלײכעם, י.־ל. פּערעץ, מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. צוליב דעם אינסצענירט ער אײניקע ווערק זײערע. אין רעזולטאַט דערפֿון איז אויסגעוואַקסן דער ספּעקטאַקל פֿון מיניאַטיורן: „די לעוואָנע דערציילט", „שיר־השירים", „כײדער", „מענטשן".

שוין אין סאַמע אָנהייב פֿון זײַן טעטיקײַט האָט ראַפּאַלסקי פּראָטעסטירט קעגן דעם אַלטן ייִדישן טעאַטער. אין די אינטערמעדיעס צו מאָליערס „סקאַפּען" לאַכט ער אויס די כינקעפּינקעס, רײזעלע דעם רעבנס. „גענוג! — מעלדעט ער. — דער אַלטער ייִדישער טעאַטער איז געשטאָרבן, דער יונגער, סאָוועטישער לעבט אוף". אין דער פֿאָרשטעלונג „אין פּאָליש אַף דער קייט" לויט י.־ל. פּערעץ ווערט דערקלערט: „אונדזער פֿאָלק פֿאַרמאָגט גײַסטיק געזונטע מענטשן!" דאָס איז געווען א פּראָטעסט קעגן די קרומע רוקנס פֿון די קלויזניקעס. און אײנגיכן באַווײַזט דער טעאַטער וועוויאָרקעס „באַטווין", ווו עס ווערן געשילדערט אָט די „גײַסטיק געזונטע מענטשן".

ווען איך בין געקומען אין סטודיע, איז מען ערשט צוגעטראָטן צו דער פֿאָרשטעלונג „אין פּאָליש אַף דער קייט". עס זײַנען געגאַנגען עטיודן, ווי מע זאָגט בא אונדז, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אַרײַנפֿירן די אָנטײלנעמער אין דער נײטיקער אַטמאָספֿער. אופֿגאַבן האָבן זיך געשטעלט פֿאַרשײדענע — נאָענטע צו די, וואָס דרינגען אַרויס פֿון דער פּיעסע. איך געדענק אײנע אַן אופֿגאַבע. „שטעלט אײַך פֿאָר, — זאָגט ראַפּאַלסקי, — אַז איר געפֿינט זיך אין א טיפֿן, פֿינצטערן קעלער. עס באַפֿאַלן אײַך מײַז. יעדערער וויל זיך ראַטעווען, — אַגעוו, בא פּערעצן איז דאָ אַזאַ פֿראַזע „מײַז פֿון פֿינצטערע קעלערס אַרויס". „דער עטיוד איז געווען אויסגעפֿילט אויסגעצייכנט. איך, ווי א נײַינקע, בין נאָך ניט געווען פֿאַרנומען אין דער אַרבעט. כ'האָב זיך געלערנט, קוקנדיק אַף עלטערע. ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען בײס אײנער פֿון די פּראָבעס האָט ראַפּאַלסקי מיר געהייסן פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די איבעריקע! איך וועל אויך ניט פֿאַרגעסן דעם טאָג, ווען דער קינסטלער ריבאַק האָט אַלײן מיר אָנגעמאָסטן דאָס ערשטע טעאַטראַלע קלייד.

„באַטווין" — א שוואַך דראַמאַטורגיש ווערק — ציט צו ראַפּאַלסקין מיטן פֿאַקטישן מאַטעריאַל וועגן פּוילישן העלד קאָמיוגיסט. די פֿאָרשטע־לונג האָט א קער געטאָן ראַפּאַלסקין אַף עכטע רעאַליסטישע רעלסן. מיט איר הייבט זיך אָן א נײַער עטאַפּ אין זײַן שאַפֿונג.

בײס דעם בילד, ווען אַף דער פּוילישער דעפֿענזיווע באַווײַזן זיך רויטע פֿאָנען און עס דערטראָגט זיך דער גערודער פֿון דער דעמאָנסטראַציע, כאַפּן זיך אוף די צושויער פֿון די ערטער און מאַכן א לאַנגדויערנדיקע אָוואַציע. דער אויספֿילער פֿון באַטווינען מ. מאַיִן, מיט זײַן טאַלאַנטפֿולער אינטערפּרעטאַציע, איז געוואָרן באַליבט בא דעם ברייטן אוילעם.

ראַפּאַלסקי האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפֿן וואַקסן אויך אַף אייראָפּעיִשער קלאַסיק. שעקספּיר, גאָלדאָני, לאָפּע־דע־וועגאַ, בען דזשאָנסאָן און אַנדערע גײען אַרײַן אין רעפּערטואַר פֿונעם ייִדישן טעאַטער. נאָך אין די סטודענטישע יאָרן לאַדט ראַפּאַלסקי אײַן וואַסילי סאַכנאָווסקין צו שטעלן „שײלאָק". אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַווײַזן דעם טאַלאַנטפֿולן סטודיִאַנט הירשל צאָרפֿאַסן אין דער ראָל פֿון שײלאָקן און ליזע נעלסאָן אין דער ראָל פֿון פּאָרציִא. הירשל צאָרפֿאַס (ער איז דערטרונקען געוואָרן אין סאָזש בײס אונדזערע גאַסטראָלן אין האָמעל) וואָלט געוויס געוואָרן א גרויסער אַקטיאָר. זײַנע פֿאַרענדיקטע געשטאַלטן (דער טויבער אין בערגעלסאָנס פּיעסע, עסטעבאַן אין „שעפּסנקוואַל") זײַנען געווען אײדעס דערפֿאַר.

באַם בויען דעם רעפּערטואַר האָט ראַפּאַלסקי שטענדיק געהאַט אין זינען ניט נאָר אידייִיש־פּראָבלעמאַטישע צילן, נאָר אויך דעם מאַטעריאַל, אַף וועלכן עס וועט וואַקסן דער אָדער יענער אַקטיאָר. אַלײן א געוועזענער אַרטיסט, האָט ראַפּאַלסקי געשטעלט דעם הויפּט־אַקצענט אין דער אַרבעט אַפֿן אַקטיאָר.

מיכאיל פּאַדייעוויטש האָט זיך קײנמאָל ניט געפֿונען אין צושויער־זאַל בײס א פּרעמיערע. די סיבע איז געווען, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זײַנע עמאָציעס — ער האָט שטענדיק מיטגעשפּילט מיטן אַקטיאָר, שטורמיש רעאַגירט אַף אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אַף דער בינע. ווען עפּעס איז געלונגען, פֿלעגט ער אויסשרײַען: „מאַ־לאַ־דיעץ". טאָמער ניט, האָט ער זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ, געביסן זיך די הענט. ס'איז געווען א סאַקאָנע, ער זאָל זיך געפֿינען אין צושויער־זאַל. דער אוילעם וואָלט פֿאַרגעסן, וואָס עס טוט זיך אַף דער בינע. ראַפּאַלסקי וואָלט צוגעצויגן די אופֿמערקזאַמקײט צו זיך.

ראַפּאַלסקי איז געווען אַן אומרויִקער, הויכבאַגאַבטער מענטש, א ווונדערלעכער רעדנער. זײַן טעמפּעראַמענט האָט געקענט אָנצינדן דעם גרעסטן האמוין. אויסערלעך איז ער געווען אַזאַ, וואָס פֿאַרבײַגײן אים גלײַכגילטיק איז געווען אוממעגלעך. א הויכער, א שלאַנקער, מיט בלויע טיפֿע אויגן, מיט א שוועליורע בלאָנדע האָר, ווי מע זאָגט: אַן עכטער אַקטיאָר.

אין 1923, ווען איך האָב נאָך געטרוימט „אַריַינפאַלן" אין ראַפאַלסקיס סטודיע, פלעג איך אים נאָכגיין אין די גאַסן, ווען ער איז געקומען קיין מינסק, און אפילע מוירע האָבן צו טראַכטן, אַז מײַן טרוים וועט ווען־עס־איז מעקוייעם ווערן. אינדערפרי, ווי נאָר ראַפאַלסקי האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער צוזאַמענוווינונג, זײַנען די סטודיזאַנטן אים געלאָפן אַנטקעגן, מע האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו אים. איך, אַ נײַינקע, בין געשטאַנען דערבײַ און געטראַכט — צי וועל איך אויך ווען־עס־איז האָבן דאָס גליק אַזוי אַרויסווײַזן מײַן ליבע צו אים, ווי עס טוען זײַנע ערשטע שילער. ווען איך האָב נאָך געטרוימט וועגן דער סטודיע, האָב איך געהערט, אַז ראַפאַלסקי קלײַבט אָפּ זייער שטרענג זײַנע שילער; אַז איצט וועט ער אופנעמען נאָר גרויסע טאַלאַנטן; אַז מע דאַרף זײַן הויך און שלאַנק, און איך בין געווען קליין און קײַלעכדיק. און נאָך האָט מיר געזאָגט מײַן כאַווערטע, אַז מיט גראָבע ליפּן נעמט ראַפאַלסקי אין סטודיע ניט אָן. און בא מיר זײַנען דאַפקע גראָבע ליפּן. בײַסן אופנאַם אין מינסק איז ראַפאַלסקי ניט געווען. ער האָט אָנגעטרויט דעם לעצטן עקזאַמען לייב ליטווינאָוון. ליטווינאָוון האָב איך געקענט. עמעצער פון מײַנע דערציִער אינעם קינדערהיים האָט אים אײַנגעלאַדן אין 1920 שטעלן אַ מײַסעלע מיט די קינדער. איך האָב אין דעם מײַסעלע אָנטיילגענומען. געוויס האָט עס ליטווינאָוו ניט פאַרגעדענקט. נאָר איך האָב אים גוט געדענקט.

ליטווינאָוו. אַ שילער פון דער סטודיע. עלטער פון אַלע איבעריקע. שוין מיט אַ געוויסן רעזשיסערישן באַגאַזש. אַ טאַלאַנטפולער, עררודירטער מענטש. זײַנע פאָרשטעלונגען, ווי „שעפּסנקוואַל" און אַנדערע, זײַנען באַוווּסט געוואָרן.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום וועט ער הויפּטרעזשיסער פונעם ווײַסרוסישן מעלוכע־טעאַטער אָפּן נאָמען פון יאַנקאַ קופּאַלאַ. קעדיי עמעצער זאָל אופגענומען ווערן אין סטודיע, דאַרף ליטווינאָוו זאָגן זײַן וואָרט. ער וועט באַשליסן מײַן גוירל. און וואָס וועט זאָגן ראַפאַלסקי, ווען ער וועט מיך דערזען? עס כאַפּט מיך אָן אַ גרויל. אַ קלייניקע, אַ דיקע, מיט גראָבע ליפּן...

אינגיכן האָט זיך ראַפאַלסקי געטראָפן מיט די נײַגעקומענע. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס מע האָט אים געבראַכט. און געבראַכט האָט מען אים פון דער גרויסער צאָל עקזאַמענירטע נאָר נײַן מענטשן.

ראַפאַלסקיס בליק איז געפאַלן אויף מיר.

— מיידעלע, ווי אַלט ביסטו?

— זיבעצן.

— עפּשער פערצן?

איך מוז זיך מוידע זײַן, אַז ווען איך בין געגאַנגען האַלטן עקזאַמען, בין איך אַלט געווען אינגאַנצן 15 יאָר. אָבער מײַנע טײַערע דערציִער פונעם יוגנט־הויז, ווו איך האָב זיך דערצויגן, האָבן גוט געוווּסט וועגן מײַן שטרעבונג צום טעאַטער. און זיי האָבן מיר געהאָלפן...

דער פאַרוואַלטער פון דעם יוגנט־הויז לייב קאַפּעלעוויטש, אַ מענטש, וועלכער וועט מיר זײַן טײַער ביזן סאָף פון מײַן לעבן, האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּירל, אַז איך בין אַלט 17 יאָר. קעדיי איך זאָל אויסזען עלטער, האָט די לערערקע עמע בריל מיך אָנגעטאָן אין אירע קליידער, אין שיך אויף הויכע קנאַפּל. די האָר האָט זי מיר פאַרנומען מיט אַ בענדל, און אַזוי בין איך אַנטשטאַנען פאַר מײַנע עקזאַמענאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך געקײַקלט פון געלעכטער, מיסטאָמע פון מײַן אויסזען.

ראַפאַלסקי קוקט אויף מיר מיט כשאַד:

— איז וויפל ביסטו אַלט?

— זיבעצן, זיבעצן, — טײַנע איך. און טראַכט דערבײַ אַ פאַרציטערטע: „באַלד שיקט ער מיך אָפּ צוריק אין קינדערהיים".

ער לאַכט:

— מיילע, זאָל זײַן זיבעצן... איז וואָס קענסטו, מיידעלע?

— דאָס, וואָס איך קען, וועל איך פּרווון באַווײַזן, — זאָג איך שוין אַ באַרויִקטע פון זײַן גוטמוטיקן שמייכל. און איך כאַזער איבער קימאַט אַלץ, וואָס איך האָב באַוויזן אין מינסק אויף די עקזאַמענעס: ייִדישע לידער, קרילאָווס מעשאָלים, עטיודן. איין עטיוד געדענק איך: „שאַבעסצונאַכטס. ס'איז נאָך פרי אָנצינדן פײַער. איך טאָר עס ניט טאָן. בעט איך אַ שכיינע, מאַרוסיען, זי זאָל דאָס טאָן". די קאָמיסיע האָט זיך פריילעך געמאַכט. איך ווייס ניט פאַרוואָס.

איך בין געווען, ווי געזאָגט, די סאַמע ייִנגסטע אין דער סטודיע. אויף מיר איז געלעגן אויסגעצויגן דאָס קינדערהויז. דעריבער האָב איך ניט געוווּסט, ווי צו געפינען אַ וועג צו אַלע איבעריקע, עלטערע פון מיר. מײַן כאַווערטע אַניע, וועמענס גוירל עס איז געווען פּונקט אַזאַ, ווי מײַנער, און זי איז אויך אופגענומען געוואָרן אין סטודיע, איז געווען עלטער און דערפאַרענער. זי האָט זיך גלײַך אײַנגעשלאָסן אין קאָלעקטיוו. איך בין געבליבן אָפּגעזונדערט. מיט מײַנע קינדערישע איבערלעבונגען — פון קינדערהיים אָפּגעריסן און דאָ ניט צוגעשטאַנען.

מײַן פּעדאַגאָג פון סצענישער פּראַקטיק וויקטאָר גראָמאָוו האָט זיך צו מיר גוט באַצויגן.

וויקטאָר גראָמאָוו. אַן אַקטיאָר פונעם צווייטן קינסטלערישן טעאַטער. ראַפאַלסקי האָט אים צוגעצויגן אויף אַרבעט אין סטודיע ניט נאָר ווי אַ פּעדאַגאָג, נאָר אויך ווי אַ רעזשיסער. גראָמאָוו האָט, ווײַזט אויס, איבערגעלעבט, וואָס אויף די לימודים סקריפּען מײַנע שווערע געלע יוכטאָווע שיך, אין וועלכע איך בין געקומען פונעם קינדערהיים. זיי האָבן געמאַכט שווער מײַן טראָט. איך האָב אָפּט געכאַפּט זײַן בליק אויף מיר און אויף מײַנע שיך, ער האָט מיך איינמאָל אָפּגערופן, קיינער זאָל ניט זען און ניט הערן, און געפרעגט, צי האָב איך עפּעס לײַכטערס אויף די פיס, דערבײַ האָט ער געשמייכלט און צוגעגעבן: אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס...

י. אראַנטשיק (סטערע) און מ. מאַיִן (ביירעק) אין שמועל האַלקינס „דער מוזיקאַנט". 1948.

א סקולפּטור־פּאָרטרעט פון מ. ראַפּאַלסקי

מ. ראַפּאַלסקי (רעכטס) און א. טישלער. 1927.

אין א סצענע פון „טעוויע דער מילכיקער" — י. אראַנטשיק (האָדל) און מ. סאַקאָל (טעוויע).

איך האָב אים פארזיכערט, אז איך וועל עפעס צוטראכטן. נאָכדעם האָט מײַן כאַווערטעס כאַווער געקויפט אף דעם באַוווּסטן מאָסקווער מארק סוכאַרעווקע געטראָגענע, נאָר לײַכטע טופליעס און האָט זיי מיר געשענקט. אף דעם קומענדיקן לימעד האָב איך געזען, ווי וויקטאָר גראָמאָוו איז עמעס צופרידן.

אין איינעם אָן אָוונט, ווען מײַן כאַווערטע האָט מיר געזאָגט, אז איך האָב ניט אף וואָס צו האָפן, איך זאָל זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, באַשליס איך אויספאָרשן מײַן לאַגע. איך האָב אָנגעקלונגען ראַפּאַלסקין אין טעלעפאָן. ער בעט, איך זאָל קומען צו אים אהיים, ווען מיר א שמועס טאָן. ער באַגעגנט מיך מיט א שמייכל, באַזעצט מיך און קוקט אף מיר. ריידן קאָן איך ניט. וויין איך. ער פארשטייט ניט, פארוואָס איך וויין. שלינגענדיק די טרערן, בעט איך אים, ער זאָל זאָגן אָפנהאַרציק: צי האָב איך רעכט פאָרזעצן די לערע, צי האָב איך פייִקייַטן אף צו ווערן אָן אקטריסע? עפשער פארנעם איך עמעצנס אָרט? וווּנדערט ער זיך ווידער און פרעגט, פונוואַנען קומען צו מיר אַזעלכע געדאַנקען. „ביסט א פייִק מיידעלע, — זאָגט ער. — ביסט נאָך גאָר יונג. דו דאַרפסט זיך אַנטוויקלען. איך וועל אַלץ טאָן, קעדיי דײַנע פייִקייַטן אַנטוויקלען”. ער בעט מיך, איך זאָל ניט וויינען.

— דאַרפסט מער לייענען, — זאָגט ער, — באַזוכן טעאַטער, לערנען זיך און ניט טראַכטן פון קיין שלעכטס.

אַלעקסיי דיקי האָט מיט אונדז געאַרבעט אף דער פאָרשטעלונג „א יאָמטעוו אין קאַסרילעווקע”, לויט שאָלעם־אַלייכעמען, באַאַרבעט פון זעליק אַקסעלראָד און איזי כאַריק. די ראָלן האָט ער פאָרויס ניט צעטיילט, ווי עס פירט זיך אין טעאַטער. מיר זײַנען געווען שילער. זיצנדיק באַם קײַלעכדיקן טיש, האָט ער יעדערן געפּרוווט אף פארשיידענע ראָלן. מיר איז אויסגעפאַלן ריוועלע די זיסע. אַזעלכע ריוועלעך האָב איך אין מײַן קינדהײַט געזען אפן מינסקער פיש־מאַרק, אין מײַן טאָטערישער גאַס. די ראָל איז מיר געווען נאָענט. נאָך יעדער פּראָבע פלעגט דיקי מיך אונטערמונטערן און זאָגן, אז איך וואַקס.

איך בין גליקלעך, וואָס אַזאַ גרויסער מײַסטער האָט געשפּילט א ראָל אין מײַן שפּעטעריש לעבן. די פאָרשטעלונג „א יאָמטעוו אין קאַסרילעווקע” איז געווען איינע פון דיקיס רעזשיסערישע שעדעווערן, און פאַר אונדז — א גרויסע קינסטלערישע שול.

אַלעקסיי דיקי איז געווען ניט נאָר א גרויסער רוסישער רעזשיסער, נאָר אויך א גרויסער אַקטיאָר. בײַס דער אַרבעט האָט ער זיך באַנוצט מיטן רעזשי־מיטל פון באַווײַזן, דאָס הייסט שפּילן יעדע ראָל. פאַרשטייט זיך, אז זײַן שפּיל איז געווען אוממעגלעך איבערכאַזערן, אַלציינס וואָלט פון דעם זיך גאָרניט באַקומען. אָבער אַלס פּעדאַגאָג האָט ער פאַרמאָגט דעם קישעף פון „מאַך אַזוי, ווי איך”. וועגן דער שטעלונג „א יאָמטעוו אין קאַסרילעווקע” איז אין יענער צײַט געווען ניט ווייניק גערעדט. הײַנט ווונדערט מיך, פונוואַנען קומט עס, אז דער עכט רוסישער רעזשיסער האָט אַזוי טיף און דין געפילט שאָלעם־אַלייכעמען. אין דעם בילד באַם באַלבריסניק האָט ער געשאַפן א סימפאָניע. דאַכט זיך, וואָס? די קינדער וויינען, און דער באַלבריסניק (אַרטיסט וווראָם טרעפּעל) לויפט פון איין וויגעלע צום אַנדערן, באַווײַזט ניט אײַנוויגן איין קינד, ווי דאָס צווייטע וויינט שוין ווידער, יאָגט ער אַרום ווי א מעטעאָר צווישן די וויגעלעך. די באַלבריסניצע (אַרטיסטקע כײַע פישער), מיט א נאַסן טוך אפן קאָפּ, קאָמאַנדעוועט מיטן באַלבריסניק. זי טרײַבט אים אַרום, און אַליין איז זי ווי צוגעקלעפּט צו דער באַנק. וווראָם טרעפּעל און כײַע פישער האָבן גלענצנדיק געשפּילט אין דעם בילד. די געשטאַלטן זײַנען געווען געבויט אף קאָנטראַסטן. אויב דער באַלבריסניק איז א קלייניקער און פאַריאָגטער, איז די באַלבריסניצע א הויכע, „קאַלטע” ייִדענע. אויב לעמעשקע איז א גרויסגופיקער מיט פולע באַקן, איז דאָס ווײַב זײַנס א „פּערטל אָף”, ווי שאָלעם־אַלייכעם זאָגט.

די יאָרן פון אונדזער לער זײַנען געווען גאַנץ שווערע. די קליינע סטיפּענדיע האָט ניט געקלעקט. אָפטמאָל פלעגט ראַפּאַלסקי באַמערקן, אז די פּראָבעס גייען עפּעס ניט אַקטיוו. ער האָט פאַרשטאַנען, אז די סטודענטן דערעסן ניט. דעריבער האָט ער אָרגאַניזירט אין צוזאַמענווירקונג א מין היימישע קיך, וווּ עס זײַנען געגרייט געוואָרן פאַר אונדז מיטיקן. אַמאָל פלעגט ער עמעצן פון אונדז אַרויסשיקן צו דער „טשאַסאָווניע” קויפן פאַר אַלעמען בולקעס, כאָטש אַליין איז ער אויך ניט געווען איבעריקס זאַט.

בײַס די גאַסטראָלן אין לענינגראַד, געדענק איך, פלעגן, נאָך דעם, ווי ס'האָבן זיך פאַרענדיקט די פאָרשטעלונגען, קומען צו אונדז פיל פרײַנט. ראַפּאַלסקי האָט אָפּגעטראָטן פאַר אונדז זײַן גרעסערן צימער, עס זאָל זײַן באַקוועמער צו זינגען און טאַנצן. די ליכטיקע לענינגראַדער נעכט האָבן ניט געלאָזט שלאָפן. מיר זײַנען געווען יונג! ראַפּאַלסקי איז געווען א שוואַכער אין געזונט. אָבער ער האָט ליב געהאַט מענטשן. ער פלעגט זיך צולייגן אָפּרוען און אונדז פאַרזיכערן, אז מיר וועלן אים ניט שטערן, פאַרקערט, דער ראַש איז אים אָנגענעם. זײַן שטוב סײַ אין מינסק, סײַ אין מאָסקווע איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן. אין 1926, ווען די סטודיע איז איבערגעפאָרן, נאָך דער לער, קיין מינסק, זײַנען ראַפּאַלסקיס פרוי און די טאָכטער געבליבן לעבן אין מאָסקווע, ביז ער וועט באַקומען א ווױנונג אין מינסק. אַזוי, אז מיר האָבן שטענדיק געהאַט, וווּהין צו פאַרפאָרן, קומענדיק קיין מאָסקווע. אין זײַנע צוויי קליינע צימערלעך האָט שטענדיק געסטײַעט אָרט פאַר אַלעמען.

מאַניע לאַנדמאַן

אַן עטיוד וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט האַלקינען

איך בין אַלע מײַנע יאָרן פֿאַרבונדן מיט ייִדישע שרײַבער, מיטן ברענגען צום לייענער זייערע דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען, פֿאַרצייכענונגען — מיט איין וואָרט, עס פֿאַרבינדט מיך מיטן שריפֿטשטעלער דער פּראָדוציר־פּראָצעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מײַנע כאַווײרים און פֿרײַנט, מיט וועלכע איך אַרבעט איצט צוזאַמען אין דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", דערמאָנען זיך אָפֿט וועגן אונדזער געמיינזאַמער מי אין „עמעס"־פֿאַרלאַג. טאַקע דאָרט, אינעם פֿאַרלאַג, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין סאַמע צענטער פֿון מאָסקווע, אויף סטאַראָפּאַנסקע געסל, נומ. 1, האָב איך אָנגעהויבן מײַן באַוווּסטזיניק לעבן.

ס'איז אַ טעמע פֿאַר אַ גאַנצער סעריע דערמאָנונגען. עפּשער איז קעדײַ, אַז איך, אַ „קאַדראָווע", ווי מע זאָגט, ייִדישע מאַשיניסטקע, וועלכע האָט ניט פֿאַרפֿעלט צו אַרבעטן, דוכט זיך, מיט קיין איין ייִדישן שרײַבער — אין „עמעס", אין דער „אייניקײַט", אין „סאָוועטיש היימלאַנד", זאָל אין די קורצע נאָטיצן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט זיך האַלטן טאַקע בײַ די באַגעגענישן מיט שרײַבער.

באַזונדערס אָנשוילעך און בוילעט שטייט איצט פֿאַר מײַנע אויגן שמואל האַלקין.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַגעגנט האַלקינען, ווען איך בין געווען נאָך גאָר יונג, דעמלט האָב איך ערשט אָנגעהויבן אַרבעטן אין פֿאַרלאַג „דער עמעס". דערזען אים, האָב איך זיך דערמאָנט זײַנע לידער, וועלכע איך האָב געדענקט אויף אויסווייניק נאָך פֿון דער שול. די באַגעגעניש מיט אים איז פֿאַר מיר, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע פֿרייד. אין דער היים האָב איך דערציילט דער מאַמען, ווען איך האָב הײַנט געזען. איבערגעלייענט אַ ליד און אַ פֿרעג געטאָן: „דו ווייסט, ווער האַלקין איז?"

די מאַמע האָט זיך אַפֿילע ניט צוגעהערט צו מיר און אַ פּאָר מאָל איבערגעכאַזערט: „עס שוין, זעץ זיך שוין אַוועק, וואָס פּלוידערסטו דאָרטן — לידער, האַלקעס... דו רעדט בעסער וועגן טאַכלעס. עפּעס גוטע, פֿײַנע ייִנגלעך זײַנען דאָרטן בײַ אײַך פֿאַראַן אין רעדאַקציע? קײַע בעסער, וועסטו האָבן קויעך. ס'איז דאָך בײַ דיר זייער אַ שווערע אַרבעט, מע האָט דיך אײַנגעשפּאַנט ווי אַ גוט פֿערדעלע. אַכט אינדערפֿרי דאַרפֿסטו אופֿשטיין, שטייסטו אויף זעקס, אויף דער אַרבעט קומען אַלע נײַן, נאָר דו דאַרפֿסט עפֿענען די שיל, ווי דער שאַמעס. דו זאָגסט דאָך, אַז דו ביסט שוין אַ גוטע מאַשיניסטקע, איז וואָס לערנסטו זיך נאָך קלאַפּן מיט אַ פּאָר שאָ פֿריִער, ביז אַלע וועלן קומען?

האָרעוועסט אָפּ אַ טאָג, און באַנאַכט גייסטו נאָכאַמאָל אַרבעטן אין דער טיפּאָגראַפֿיע. אָפּדערנאַכט יאָוועסטו זיך מיט די לידער פֿונעם טאָג, וואָס דו קלאַפּסט זיי אויף דער מאַשינקע, און שפּעט באַנאַכט קומסטו מיט די לעצטע נײַס פֿונעם טאַסס, און דו טײַנעסט: מאַמע, איך ווייס שוין, וואָס מאָרגן וועט זײַן אין די צײַטונגען. שלאָף, שלאָף, באַנאַכט דאַרף מען שלאָפֿן".

דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט האַלקינען אין 1943, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿון באַשקיריע, ווו איך בין געווען אין עוואַקואַציע. אין מאָסקווע האָט דעמלט געאַרבעט דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט מיט מיכאָעלסן און שאַכנע עפּשטיינען אין דער שפּיץ.

איך מיט מײַן פֿאַמיליע זײַנען געקומען צו פֿאָרן קיין מאָסקווע אַכט אַזייגער אין אָוונט. טאַקע דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט זיך געיאַוועט צו מיר די מאַשיניסטקע דאָרע פֿינעפּטער און דערקלערט, אַז האַלקין האָט זי געבעטן אָפּזוכן נאָך אַ מאַשיניסטקע.

אינדערפֿרי בין איך שוין געפֿאָרן אויף דער אַרבעט. ס'איז געווען אַ שטאַרקער פֿראָסט, די טראַמוויײַען אין מאָסקווע זײַנען דעמלט נאָך געגאַנגען זייער זעלטן. דער קאָמיטעט האָט זיך געפֿונען אויף דער קראָפּאָטקין־גאַס, נומ. 10. דאָ האָט מען אויסגעטיילט אַ צימער, גאָרניט קיין גרויסן, פֿאַר דער צײַטונג „אייניקײַט". בײַ איין טיש זײַנען געזעסן שמואל האַלקין און וועלוועל האָפּשטיין, בײַם צווייטן טיש — דאָוויד בערגעלסאָן מיט זײַן פֿרוי ציפּע, בײַם דריטן — אָוראָם גאָנטאַר, און זייער אָפֿט פֿלעגן לעבן אים זיצן פּײַוול סיטאָ, אַוורעם קאַהאַן און נאָך אַנדערע שרײַבער און דיכטער, וועלכע זײַנען געקומען קיין מאָסקווע, ווער פֿונעם פֿראָנט און ווער פֿאַרבײַפֿאָרנדיק פֿון רעעוואַקואַציע, בײַ אַ פֿערטן טיש זײַנען געזעסן די פֿרויען פֿון איציק פֿעפֿער און בוזי אָליעווסקי.

אין צימער בין איך אַרײַנגעקומען אַ ביסעלע אַ דערשראָקענע, מיט ניט זיכערע טריט. דער אוילעם, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט, איז מיר ניט געווען באַקאַנט. האַלקין האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל: „קומט, קומט אַרײַן, מיר וואַרטן אויף אײַך".

אין דער מינוט, ווען איך האָב זיך געפֿילט פֿאַרלוירן און גאָרניט געוווּסט וואָס צו טאָן, צי אַרײַנגיין, צי בלײַבן שטיין בײַ דער טיר, האָבן מיך אונטערגעמונטערט עטלעכע שורעס פֿונעם באַליבטן דיכטער, וועלכע זײַנען אויפֿגעשווומען אין זיכּאָרן.

איך האָב שעמעוודיק א פרעג געטאָן:

— ווּ וועל איך שטעלן די מאשינקע?

מאשיניסטקעס פרעגן געוויינלעך, אַף וועלכער פירמע פון מאשינקעס וועלן זיי ארבעטן, צי די מאשינקע איז א גרויסע, צי א פּאָרטאטיווע, צי ס'וועט זײַן א סאך ארבעט. מע רעדט זיך אפילע צונויף, וועלכן געהאלט מע וועט באקומען, און ניט ווּ עס וועט שטיין די מאשינקע.

האלקינס ענטפער איז געוועזן: „אָט דאָ, לעבן מיר, וועט איר ארבעטן. עס געפעלט אײַך? — און ניט, ווארטנדיק אפן ענטפער, צוגעגעבן: — סע וועט אײַך זײַן גוט, מירן ביידע ארבעטן בא איין טיש — איר אַף דער מאשינקע, און איך באם רעדאגירן די לידער אין דער „אייניקײַט". עס געפעלט אײַך? זעצט זיך אָט אַ־דאָ!" — און ער האָט מיר אָפּגעטראָטן זײַן שטול.

אזוי האָב איך אָנגעהויבן ארבעטן אין דער „אייניקײַט", מיט האלקינען בא איין טיש. זייער אָפט פלעגט ער מיר דיקטירן. אמאָל טוט ער א זאָג: „איך פארשטיי ניט, מיר דוכט זיך אלץ, אז איר ארבעט ניט מיט קיין צען פינגער, נאָר מיט א סאך, א סאך מער. עפּעס לויפן אָן א שיר פינגער איבער דער קלאוויאטור, מאמעש א מעכײַע צו קוקן... איך פארגעס אמאָל אפילע וואָס צו דיקטירן, איך פארקוק זיך און פארגעס, בא וואָס איך האלט. נאט אײַך דעם טעקסט, איר וועט גיכער איבערדרוקן דאָס ארטיקל אָן מײַן דיקטאנט. און איך האָב געמיינט, אז עס וועט גיין גיכער, אויב איך וועל אײַך דיקטירן..."

און אזוי איז טאקע געוועזן — פיל מאטעריאלן פאר דער „אייניקײַט" פלעגט ער ניט דיקטירן, אָבער זײַנע אייגענע לידער! — אָ, זײַנע לידער האָט ער געדארפט אליין בא דער מאשינקע פּאָרלייענען, און נאָכן איבערדרוקן זיי האָב איך אים געדארפט זאָגן, צי איך פארשטיי די ליד, צי איך וועל זי פארגעדענקען. „אויב די מאשיניסטקע, — פלעגט ער טײַנען, — פארשטייט די ליד און די ליד געפעלט איר, הייסט עס, אז די ליד וועט געפעלן ווערן אלע לייענער..."

אין איינעם א טאָג האָט ער מיר געבראכט א ציקל לידער און געבעטן: „דרוקט, זײַט אזוי גוט, איבער אָט דאָס אלץ. ניין, ס'איז ניט מײַן קסאוויאד... זעט, עס זאָל ניט דורכגעלאָזט ווערן קיין איין וואָרט. מיר האָבן א לאנגע צײַט ניט געוווּסט אפילע, צי דער דיכטער לעבט, צי ער איז אומגעקומען. יאָ, דרוקט איבער די לידער, און וואָס גיכער, מיר ווילן זיי געבן טאקע אין הײַנטיקן נומער".

איך הייב אָן קלאַפּן אַף דער מאשינקע, אָבער עס גייט עפּעס ניט. ס'איז אומעגלעך איבערלייענען די שורעס. איין וואָרט שרײַב איך אָן, און דאָס אנדערע קען איך ניט פאנאנדערקלײַבן. איין שורע דרוק איך איבער, און די צווייטע מוז איך דורכלאָזן.

האלקין האָט מיך אונטערגעמונטערט:

— טראכט זיך ארײַן. מע דארף די לידער זייער שטארק האָבן!..

פון דעמלט אָן איז שוין דורכגעגאַן אזויפיל צײַט און אויך איצט פלאמט מיר דאָס פּאָנעם פאר ביזאָיען, וואָס איך האָב געזאָגט האלקינען, אז דער קסאוויאד געהערט מיסטאמע צו א ניט אקוראטן דיכטער...

— איך בעט אײַך, — האָט האלקין מיך פארריכט, — ניט ריידן אזוי וועגן פּאָעטן. דיכטער זײַנען אין דער גרעסטער טייל גוטע, הארציקע מענטשן. איר זעט אָט די לידער? איר שטעלט זיך אפילע ניט פאָר, אין וועלכע באדינגונגען דער מענטש האָט זיי געשריבן... עס קאָן זיך מאכן, אז אין דער פינצטער, אונטער דעם סוינעס קוילן — ס'איז דאָך מילכאָמע!.. ס'קאָן זײַן, אז דער פּאָעט איז הונגעריק, צי עפּשער שרײַבט ער די שורעס אין אָקאָפּ מיט פארפרוירענע פינגער. ווי קומט עס, איר זאָלט אזוי זאָגן וועגן א דיכטער...

— איך, — האָט ער זיך ניט געקאָנט בארוּיקן, — פארגין זיך צו שרײַבן פּערלדיקע אויסיעס, ווײַל מיר איז וואַרעם, איך בין זאַט, איך האָב א שטוב, א מישפּאָכע, א צײַטונג. איך בעט אײַך, זידלט ניט קיינמאָל קיין שרײַבער. אפילע א ווייניק באגאבטער, אויב נאָר ער קאָן זיך ניט אָפּרײַסן פונעם פּאפּיר, איז ער אויך א שרײַבער, איר זאָלט קיינמאָל אזא ניט באלייריקן... זאָלן זיי שרײַבן — דאָס איז זייער לעבן.

פארשטייט זיך, אז איך האָב אים ניט געהאט וואָס צו ענטפערן. פון דעמלט אָן לייג איך קיינמאָל ניט קיין אכט אפן האנטשריפט פונעם מעכאבער. אלע מאנוסקריפּטן דרוק איך מיט פלײַס איבער, און קיינער ווייסט אפילע ניט, וויאזוי די בלעטלעך האָבן אויסגעזען, מיט וואָס פארא קאָטשערעס און לאָפּעטעס דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן.

אַף דער ארבעט פלעג איך קומען זייער פרי. לעכאטכילע דארף איך צעארבעטן די פינגער פון די הענט, קעדיי דאָס דרוקן זאָל גיין גיך און גוט; דערנאָך דארף מען אויספּוצן די מאשינקע, זי זאָל זײַן שיין און ריין; ווײַטער — צוגרייטן לעבן זיך פּאפּיר, קאָפּירקע, א מעקערל, א ווירע — אלצדינג זאָל ליגן צו דער האנט. וואָס פון רעכטס, וואָס פון לינקס, אלע מאכשירים זאָלן זײַן דערנעבן, איך זאָל ניט ארומגיין זוכן. צולעצט ווינטש איך זיך, עס זאָל מיר אויספאלן עפּעס א גוטע ארבעט אפן טאָג, זי זאָל מיר ארײַן אין מויעך, אין הארצן, דאָס איז בא מיר זייער וויכטיק.

איינמאָל גייט ארײַן שטארק א פארכושטער האלקין, מיט א ביסעלע געשוואָלענע אויגן, א טרויעריקער. און אזויווי די מילכאָמע גייט נאָך, קומען מיר פארשיידענע געדאנקען אין קאָפּ. איך טו דערשראָקן א פרעג:

— וואָס האָט זיך געטראָפן?

ער בלײַבט שטיין לעבן מיר און פרעגט מיט א שטיל קאָל:

— איך קאָן אײַך דיקטירן?

— פארשטייט זיך. נאָר עפּעס שווײַגט איר אזוי...

— באלד וועל איך אײַך זאָגן... די ליד הייסט דערווײַל, איך ווייס נאָך ניט גענוי, צי טיפע גריבער, צי רויטע ליים. מירן מאכן דערווײַל אָן א קעפל. דרוקט, דרוקט...

איך האָב ארײַנגעשטעלט א ריין זײַטל פאַפיר אין דער מאשינקע. און מיטאמאָל איז מיר אײַנגעפאלן א געדאנק:

— צוליב וואָס דארף מען, אז די ליד זאָל זײַן אָן א קעפל? רופט זי אָן אי טיפע גריבער, אי רויטע ליים, זאָל זײַןביידע...

— דרוקט! אָבער אָנעם „אי", „אי", — האָט האלקין געענטפערט.

און אזוי איז געבליבן — „טיפע גריבער, רויטע ליים"...

האלקין האָט געענדיקט דיקטירן. איך זיץ און ווארט. ער פרעגט ניט, ווי טאָמיד, צי די ליד געפעלט מיר. דאָס מאָל איז ער געווען שטארק צערודערט. זײַנע גרויסע אויגן זײַנען געווען פארצויגן מיט א נעפל. ער לייענט פאר זיך די ליד. איך האָב געמיינט, אז ער וויל נאָך עפּעס דיקטירן, זיץ איך מיט די הענט אויף דער קלאוויאטור פון דער מאשינקע און זאָג: „ווײַטער, ווײַטער! דיקטירט די ליד, עפּעס איז זי אָן א סאָף, אזוי ענדיקט מען ניט — „אז דער וויי זאָל ניט אריבער". א קאָנצאָווקע גיט, דיקטירט..." האלקין שווײַגט. נאָכאמאָל לייען איך איבער דאָס, וואָס מיר האָבן ערשט אָפּגעדרוקט אויף דער מאשינקע, און איך זאָג עפּעס ווי צו זיך אליין: „די ליד איז זייער א שרעקלעכע..."

און דאָ, פּונקט, ווי ער וואָלט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, זאָגט האלקין אנטשלאָסן:

— דערשרײַבט נאָך צוויי שורעס, און מיט דעם וועלן מיר פארענדיקן. כאזערט איבער דעם אָנהייב:

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אמאָל געהאט א היים.

...עס זײַנען פון דעמלט אָן אוועק א סאך יאָרן, איך פלעג באקומען פון האלקינען בריוו און זײַנע ביכער מיט רירנדיקע אופשריפטן. איינמאָל האָט ער מיר צוגעשיקט א נײַעם מאַנוסקריפּט, געבעטן אים איבערדרוקן. „דאָס איז מײַן האָרעוואניע פאר עטלעכע יאָר, — האָט ער געשריבן, — ס'איז א בוך פארן פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"...

די לידער האָב איך זייער גיך איבערגעדרוקט, נאָר דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז פאר האלקינען איז ווייניק בלויז דאָס איבערדרוקן זײַנע לידער, מע מוז וועגן זיי זאָגן עפּעס. און אזוי האָב איך טאקע געטאָן. אינגיכן באקום איך אן ענטפער:

„א שיינעם, א הארציקן דאנק אײַך פאר אײַער ארבעט, און נאָך מער — פאר אײַערע ווארעמע ווערטער. איך האָב שוין עטלעכע מאָל איבערגערעדט אין דער היים, לעמײַ זײַנען שוין דורכגעגאן אזויפיל יאָרן, און איר זײַנט קיין איין מאָל צו אונדז ניט געקומען. איך האָף, אז איר וועט זיך אמאָל אויסקלײַבן... מיט פרײַנטשאפט — ש. האלקין".

עליע ביליאוויטשוס

זי האָט מאקריוו געווען דאָס לעבן פאַרן גליק פון די מענטשן

ווילנע, פּאָלאָצקאיא, 39. אַף דעם דאָזיקן הויז איז צוגעפעסטיקט א מעמאָריאַל־טאָוול מיט אַזא טעקסט: „אין די יאָרן 1942—1944 איז דאָ געווען א קאָנספּיראַטיווע דירע. דעם 8 מײַ 1944 איז אין דער דירע אומגעקומען דער אינסטרוקטאָר פונעם דאָרעמדיקן געגנטקאָם פון דער קאָמפּאַרטיי פון ליטע העסיע גלעזעריטע".

אין דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד האָבן קימאַט אַלע געקענט העסיע גלעזעריטע (אלבינע), ווייניק ווער עס האָט זיך מיט איר ניט געטראָפן אין טפּיסע, אין קאָנצלאַגער, אינעם IX פאָרט. איך האָב זיך מיט איר געטראָפן אין די שווערסטע טעג פון דער אונטערערד, אין דער צײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. האַלט איך פאַר מײַן כויוו צו דערציילן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועגן איר לעבן, וועגן אירע אופטוען, וועגן אָט דער פרוי, וואָס האָט מאקריוו געווען דאָס לעבן פאַרן גליק פון די מענטשן.

ווינטער 1927. ערשטע טעג פון יאַנוואַר. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט די רעאַקציע דורכגעפירט אין ליטע א פאַשיסטישע איבערקערעניש. אין לאַנד האָט געווילדעוועט דער טעראָר. נאָך א קורצן איבעררײַס איז נאָכאַמאָל אײַנגעפירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד, א קאָמענדאַנטן־שאָ. עס האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן די מיליטערישע פעלד־געריכטן, וועלכע האָבן פאַרמישפּעט קאָמוניסטן צו טויט־שטראָף. די פּראָפּאַריינעץ זײַנען צעטריבן געוואָרן, קיין איין אַרבעטער־צײַטונג איז ניט אַרויס, די קולטור־ און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דעם 27 דעקאַבער פון יענעם יאָר האָבן די פאַשיסטן דערשאָסן פיר אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פונעם קאָמיוג פון ליטע. אָבער דעם ציל, וועלכן זיי האָבן פאַר זיך געשטעלט — ליקווידירן ענדגילטיק די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, — האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן צו פאַרווירקלעכן. ניט געקוקט אַף די אַרעסטן און טויט־אורטיילן, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געלעבט און געאַרבעט.

אין יענער צײַט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ליטע מיך געשיקט אַף אומלעגאַלער אַרבעט קיין שאוול. איך האָב געהאַט געענדיקט דעם קאָמוניסטישן מײַרעוו־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע און האָב באַוויזן צו לעגאַליזירן זיך נאָך בא דער רעגירונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ליאַודיניקעס, אָבער נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש האָט די ליטווישע אָכראַנקע (זשוואַלגיבע) ענערגיש מיך געזוכט, און כ'האָב געמוזט אַריבערגיין אין אונטערערד. אין שאוול בין איך געקומען צום ערשטן מאָל, איך האָב דאָ קיינעם ניט געקענט און קיינער האָט מיך ניט געקענט. די יאַווקע און דעם פּאַראָל האָט מיר געגעבן דער קאָוונער כאַווער, וועמען איך האָב פאַרביטן. די יאַווקע איז געווען צו דער קאָמיוגיסטקע לייע שערײַטע. דאָס געסל, אויך דאָס הויז מיט דער שילד (א פּאָר שטיוול אויסגעשטעלט אין פענצטער) האָב איך געפונען אָן שוועריקײַטן. באַגעגנט האָט מען מיך ניט איבעריקס פרײַנטלעך: דעם שוסטערס צוויי מיידלעך זײַנען געווען קאָמוניסטקעס, און די עלטערן זייערע האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א קליענט איך בין. לייע האָט אָבער קיין אַכט דערויף ניט געלייגט. אויסגעהערט דעם פּאַראָל, איז זי אַרויס מיט מיר אין גאַס, און מיר האָבן אַרומגערעדט, ווו איך זאָל איבערשלאָפן כאָטש די ערשטע נאַכט. זי האָט מיך אַוועקגעפירט איבער די שמאָלינקע געסלעך. אין איינעם פון זיי האָבן מיר באַגעגנט א מיידל, וואָס איז געווען אײַנגעקוטעט אין א וואַרעמער ווינטערדיקער שאַל, אַזוי אַז מע האָט דאָס פּאָנעם ניט געקאָנט זען.

— דעם כאַווער דאַרף מען אײַנאָרדענען אַף

העסיע גלעזעריטע

נאכטלעגער, — האָט לייע געזאָגט און איז טייקעף אוועק.

איך מיטן מיידל זײַנען געגאנגען ווײַטער. אז מיר זײַנען צוגעקומען צום סאָף פון דער גאס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן א כאלופּקע און געזאָגט:

— וואַרט דאָ צו אף מיר, איך וועל באלד ארויסגיין.

אין פינף מינוט ארום האָט זי זיך ווידער באוויזן און געהייסן מיר ארײַנגיין אין שטוב:

— דאָ וווינט אן ארבעטער פון פּרענקעלס פאבריק. מענטשן זיכערע.

אין עטלעכע טעג ארום בין איך אוועק אף דער ערשטער קאָנספּיראטיווער באראטונג מיטן קאָמיוגישן אקטיוו פון שטאָט. עס איז געווען אָוונט־צײַט, די גאסן שוואך באלויכטן, אָבער דאָס נייטיקע הויז האָב איך שנעל געפונען, ווײַל איך האָב נאָך באטאָג דורכגעמאכט די געהעריקע „רעפּעטיציע". פּונקט צו דער אָפּגערעדטער צײַט בין איך צוגעגאנגען, אָנגעטאפּט דאָס הענטל פון דער דרויסנדיקער טיר און ארײַן אין עפּעס א קאָרידאָר, ווו עס איז געווען וואיאָמייש כוישעך, פינצטער ווי אין א קייווער. איך האָב געמאכט א פּאָר טריט און אָנגעשטויסן זיך אף א צווייטער טיר. אָנגעקלאפּט מיטן געהעריקן טנײַ־צייכן און דערהערט א שטים:

— ווער קלאפּט עס אין אזא פרי'ער שאָ?

— מײַן באשטעלונג איז שוין פארטיק? — האָב איך געענטפערט מיט א פראגע. דאָס איז געווען דער פּאראָל. מע האָט מיך ארײַנגעלאָזט. איך האָב שוין געזען ניט ווייניק קאָנספּיראטיווע דירעס, קאפּצאָנישע לעכער, איך אליין האָב אויך געלעבט אין כאלופּעס, נאָר אזא העקדעש האָב איך נאָך ניט געזען. א צימער, אויב מע קאָן דאָס רופן צימער, אין א קעלער פון 5—6 קוואדראטע מעטער און עפּשער נאָך קלענער. די ווענט נאסע, טונקל־גרויע, ערטערווײַז מיט אָפּגעפאלענער שטוקאטורקע, די סטעליע הארט איבערן קאָפּ, א קאלטער צעמענטענער דיל. אין א ווינקל — אן אײַזערן אייוועלע. דאָס פענצטערל — ניט דאָס פענצטער, נאָר טאקע דאָס פענצטערל, אזא, ווי שפּעטער איז מיר אויסגעקומען זען אין די טפיסע־קאמערן, — איז געווען פארהאנגען מיט אן אלטער קאָלדרע. אונטערן פענצטער האָט אף א קליין טישל געברענט א ליכט, וועלכע איז געווען ארײַנגעשטעקט אין א פלאש. פון רעכטס זײַנען אף אן אײַזערן בעטל געזעסן דרײַ באָכערים, לינקס אף א בענקל — דאָס מיידל, וואָס האָט מיך אײַנגעאָרדנט מיט א נאכטלעגער אינעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען. דאָס איז געווען העסיע גלעזעריטע. זי האָט געפירט די באראטונג זאכלעך, דערציילט וועגן דער לאגע אין דער שטאָטישער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע נאָך דער פאשיסטישער איבערקערעניש, גערעדט וועגן די אופגאבן אין דער נאָענטסטער צײַט. די באראטונג האָט געדויערט ניט לאנג, ווי אלע אזעלכע באראטונגען אין אונטערערד, באזונדערס אין יענע טעג. פאנאנדערגעגאנגען זיך איז מען אייזנציקווײַז. אָפּגעגאן א ביסל ווײַטער פון דער שטוב, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און צוגעוואַרט אף העסיען, וועלכע איז ארויס פון שטוב די לעצטע.

— וואָס איז דאָס פאר א דירע, ווו מיר האָבן זיך פארזאמלט? — האָב איך געפרעגט בא העסיען.

— אונדזערער א יאט וווינט דאָרט מיט זײַן מאמען. ווען מיר דארפן די דירע, פירט ער אוועק די מאמע אף א פּאָר שאָ... עס שטייט דאָרט איין בעט. דאָס ייִנגל שלאָפט אפן צעמענטענעם דיל — אף א מאטראץ. די מאמע איז א קראנקע, קאָן ניט ארבעטן...

העסיע איז ארײַנגעטראָטן אין קאָמיוג אין 1924. באלד נאָך דער פאשיסטישער איבערקערעניש איז זי געוואָרן א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. אפן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך דער איבערקערעניש האָט זי דערהערט א פײַף אונטערן פענצטער. גערופן האָט זי דער אייציקער מיטגליד פונעם שטאָטקאָם פון דער פארטיי, וואָס איז פארבליבן אף דער פרײַ. מע מוז הײַנט אומבאדינגט אויסהענגען אין שטאָט א רויטן פלאג מיט דער אופשריפט: „די קאָמוניסטישע פארטיי פון ליטע לעבט!". די פאשיסטן שרײַען אף אלע ראָגן, אז די קאָמוניסטישע פארטיי איז צעקלאפּט. זאָל מען זען, אז מיר לעבן...

— וואָס דארף איך טאָן? — פרעגט העסיע.

— דער איניען איז אָנגעטרויט דיר און נאָך א כאווער.

העסיע האָט זיך געטראָפן מיטן כאווער, וואָס

האָט געדאַרפט ברענגען מיט זיך דעם פלאַג. זיי זײַנען אוועק אין דעם טייל שטאָט, וואָס איז געווען ווייניקער באַלויכטן און ווו אינדערפרי גייען דורך אַ סאַך אַרבעטער. אויסגעקליבן אַ פּאַסיק אָרט, האָט דער כאַווער געגומען פאַרווארפן דעם פלאַג אויפן טעלעגראַף־סלופּ. העסיע איז געשטאַנען עטוואָס ווײַטער, געקוקט אין אַלע זײַטן, קעדיי סיגנאַליזירן, טאָמער דראָעט אַ געפאַר. דער כאַווער האָט איין מאָל געפּרוווט פאַרוואַרפן דעם פלאַג, אַ צווייט מאָל — עס איז אים ניט געראָטן. העסיע איז צוגעגאַנגען, אוועקגעשטעלט זיך באַם סלופּ און געזאָגט:

— שטעל זיך אויף מײַנע אַקסלען, וועט זיך באַקומען.

דער יאַט, אַ פאַרשעמטער, איז אַרויפגעקראָכן צו העסיען אויף די אַקסלען. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך ניט באַקומען. דעמלט האָט העסיע באַפוילן:

— שטעל זיך דו, איך וועל אַרויפקריכן אויף דײַנע אַקסלען, — זי האָט אים אַ צי געטאָן צום סלופּ, אָנגעבויגן זײַן קאָפּ און גענומען שנעל קאַראַבקען זיך. מיטן ערשטן שלײַדער איז דער פלאַג געבליבן הענגען אויפן טעלעגראַף־סלופּ.

נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש האָט העסיע זיך געהאַלטן אויף דער פרײַ מער ווי צוויי יאָר. דאָס איז אַ סאַך, אויב מע זאָל נעמען אין אַכט איר אַקטיווקײַט, איר דרייסטקײַט. אַרעסטירט האָט מען זי אין 1928 און פאַרמישפּעט צו אַכט יאָר טפּיסע. פאַר דעם ערשטן אַרעסט איז דאָס ניט ווייניק. פון דעמלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן איר וואָגלעניש. עס איז ניט געווען אין לאַנד קיין איין טפּיסע און לאַגער, ווו זי זאָל ניט האָבן געזעסן. אויך אינעם „באַרימטן" IX פאָרט איז זי געווען. אין טפּיסע האָט זיך קיינעם ניט געלעבט לײַכט, אַלעמען איז געווען שווער, נאָר יעדערער האָט די שווערקײַט איבערגעלעבט אויף זײַן אויפן, אָפּהענגיק פונעם כאַראַקטער, פון די געוווינהײַטן פונעם לעבן אויף דער פרײַ, פון די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. העסיע, אַן ענערגישע, אַ לעבעדיקע, אַ ברויזיקע, וואָס מוז שטענדיק עפּעס טאָן, האָט פּאַשעט ניט געקאָנט גלאַט „זיצן" אין טפּיסע. אין וועלכער טפּיסע זי זאָל ניט האָבן אַרײַנגעפאַלן, האָט זי טייקעף אָנגעהויבן עפּעס צוטראַכטן, פאַנאַנדעראַרבעטן פּלענער, וועלכע זײַנען, ווי עס האָט זיך געדוכט, געווען אייגער פאַנטאַסטישער פונעם צווייטן. דאָס האָט זיך אָבער בלויז געדוכט.

נאָכן געריכט האָט מען העסיען אָפּגעשיקט אין דער אוקמערגער טפּיסע, ווו עס זײַנען, אַלס קלאַל, געזעסן פּאָליטישע אַרעסטירטע פרויען, וועלכע מע האָט געטריבן אַהער פון פאַרשיידענע שטעט פון ליטע. דאָס איז געווען פרילינג־צײַט, ערעוו דעם ערשטן מײַ. די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן שוין גענומען ריידן, וויאַזוי צו באַגעגענען דעם ערשטן מײַ. העסיע האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָרשלאָג:

— לאָמיר אינעם טאָג פון ערשטן מײַ אויסהענגען איבער דער טפּיסע אַ רויטן פלאַג.

איין קלייניקײַט — אַ רויטן פלאַג! איז דאָס דען ניט קיין פאַנטאַזיע? אַלע האָבן אויף איר אַ קוק געטאָן ניט בלויז מיט כידעש, נאָר אויך מיט היספּײַלעס. און פאַרוואָס טאַקע ניט?! דאָס וואָלט דאָך געווען אַ וווּנדערלעך בילד: אין טאָג פון ערשטן מײַ הענגט אַ רויטער פלאַג איבער דער טפּיסע! פאַרשטייט זיך, אוקמערגע איז ניט קאָוונע, נאָר אַזאַ געשעעניש וועט סײַווי ווערן באַוווּסט סײַ אין קאָוונע, סײַ אין אַנדערע שטעט. עס זײַנען אָבער, פאַרשטייט זיך, געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געצווייפלט: צי לוינט זיך נעמען פאַר אַזאַ אַרבעט? דער סאָף קאָן זײַן זייער אַ ביטערער, עס קאָן זיך ענדיקן מיט אַ מיליטערישן געריכט. און דעריקער — צי וועט זיך דאָס אײַנגעבן?

— עס וועט זיך אומבאַדינגט אײַנגעבן, אויב נאָר מיר וועלן זיך נעמען דערצו ווי עס באַדאַרף צו זײַן. און וואָס שײַעך אַ געריכט, פלעגן מיר דאָך אויף דער פרײַ אַרויסהענגען רויטע פלאַגן און ניט מוירע האָבן...

קוידעמקאָל דאַרף מען באַקומען פון דער פרײַ רויטן מאַטעריאַל. נאָר דאָס, וואָס עס האָט אויסגעזען צו זײַן די שווערסטע פּראָבלעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר „גאַנץ פּאָשעט". איינע פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט געבעטן בײַ אירע קרויווים, זיי זאָלן איר ברענגען אַ מאַנטל מיט צוויי אונטערשלאַקן. דער צווייטער אונטערשלאַק, דער אונטערשטער, איז געווען פון רויטן זײַד. נאָך אַ גענויעם קאָנטראָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קוימען פונעם אייוועלע אין דער קאַמער איז אַ ווערטיקאַלער און ער קומט אַרויס איבער דער טפּיסע. אויסגעמאָסטן די הייך פונעם קוימען — פונעם טירל אין דער קאַמער ביזן סאַמע דאַך — און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס האַלט אַרום 1 מעטער, האָט מען באַ אַן אַרעסטאַנט, וואָס אַרבעט אין די סטאָליער־וואַרשטאַטן, באַשטעלט שטעקעלעך, אַזויפיל, אַז זיי זאָלן קלעקן אויף דער גאַנצער לענג פונעם קוימען און העכער. אַזאַ אָפּעראַציע איז שוין, נאַטירלעך, געווען שווערער אויסצופילן: מיט איין מאָל וועסטו אַזויפיל שטעקעלעך אין קאַמער ניט ברענגען. און פאָרזיכטיק מוז מען דאָ זײַן טויזנט מאָל מער. אויב די אַדמיניסטראַציע וועט עפּעס באַמערקן, איז אַלץ פאַרפאַלן. נאָר די אָפּעראַציע איז געגאַנגען לויטן אָנגעמערקטן פּלאַן.

ס'איז געקומען דער טאָג פון ערשטן מײַ. די אַדמיניסטראַציע פון טפּיסע איז, פאַרשטייט זיך, פול מיט כשאַד, זי ריכט זיך, אַז די קאָמוניסטן וועלן אָפּשפּילן עפּעס אַ שטיקל דעמאָנסטראַציע אין די קאַמערן: אָנטאָן רויטע בענדלעך, זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"... די אַדמיניסטראַציע איז געווען דערצו גרייט. וואָס נאָך? נו, אַן איינטאָגיקן הונגער־שטרײַק. די אופזעערנס זײַנען אויף דער וואַך, דער שעף פון טפּיסע איז אויף אַן אָרט. עס הערשט אַן אָנגעשטרענג־

טע אַטמאָספער, דער אוילעם איז אופגערודערט. שוין צײַט! צו דעם אָפּגערעדטן מאָמענט גייט העסיע צו צום אײַוועלע און הייבט אָן דורכ־פירן די לעצטע אָפּעראַציע פונעם פאַרטראַכטן פּלאַן. זי בינדט צו דעם רויטן פלאַג פעסט צום ערשטן שטעקעלע, דערנאָך צום צווייטן, צום דריטן און ווײַטער, ביז דער פלאַג רוקט זיך אַרויס לײַכט און געשווינד דורכן קוימען אויפן דאַך און העכער. פאַרטיק! איבער דער טפּיסע הענגט א רויטער פלאַג! אַלע זײַנען באַגײַסטערט, מע קושט זיך, מע שטעלט זיך אויס אין א ריי. פונקט צען אינדערפרי דערהערט זיך אין אַלע דרײַ קאַמערעס, ווי עס זינגען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, דער „אינטערנאַציאָנאַל". די פאָן, די רויטע פאָן פלאַטערט ניט בלויז איבער דער טפּיסע, נאָר אויך איבער דער שטאָט. די טפּיסע־אַדמיניסטראַציע איז אַזוי פאַרלאָרן, אַז זי ווייסט ניט, וואָס פריִער צו טאָן: צווינגען די זינגענדיקע, זיי זאָלן אָנשווײַגן, אָדער קריכן אויפן דאַך. ערשט אַרום 12 אַזייגער האָבן די פײַערלעשער אַראָפּגענומען דעם פלאַג. ער איז געהאַנגען גאַנצע צוויי שעה!

„פונדאַנען קאָן מען אַנטלויפן?" — האָט אומגעריכט פאַר זיך אַליין באַשלאָסן העסיע.

פון דעמלט אָן איז זי באַהערשט געוואָרן פון דער אידיי וועגן אַנטלויפן.

ווינטער 1930. נאָך פּילצאַליקע הונגערשטרײַקן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן די רעגירער פון ליטע אָנגעהויבן פאַנאַנדערזעצן זיי איבער די פאַרשיידענע טורמעס פון דער פּראָווינץ. א גרופּע פרויען האָט מען דאָס מאָל אַריבערגעפירט אין דער זאַראַסײַער טפּיסע. זאַראַסײַ איז א קליין שטעטעלע האַרט בא דער ליטוויש־לעטלענדישער גרענעץ. די טפּיסע איז, נאַטירלעך, אויך א קלייניקע, ניט ווי די קאָוונער מיט אירע זיבן געמויערטע ווענט, ווו טאָג און נאַכט הערט זיך דער אײַזערנער טראָט פון די וועכטער.

קיין זאַראַסײַ איז אומלעגאַל געקומען א פאַרשטייער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ליטע. ער האָט אײַנגעשטעלט א סיסטעמאַטישע פאַרבינדונג מיט די אַרעסטירטע פרויען, זיך דורכגעשריבן מיט זיי און קאָנטאַקטירט די צײַט פון דער פלייטע, דעם פּאַראָל און אַנדערע דעטאַלן. עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצושמוגלען אין טפּיסע א קליין זעגעלע. דער פאַרשטייער פון צק האָט צוגעגרייט אַלץ, וואָס איז נייטיק געווען אַף אַריבערגיין טייקעף די גרענעץ צווישן ליטע און לעטלאַנד. איין פראַגע איז נאָך ענדגילטיק ניט געלייזט געוואָרן — וויפל מענטשן און ווער עס דאַרף לויפן. דאָס וועט מען לייזן „אינדרויסן". אַזוי איז אַלץ געגאַנגען קעשורע. די איינציקע שטערונג איז געווען דער וועכטער, וואָס היט אָפּ — ניין, ניט די טפּיסע, נאָר די צוויי קלייטן, וועלכע געפינען זיך לעבן דער טפּיסע. די קלייטן פאַרמאַכן זיך אַכט אַזייגער אין אָוונט, און דער וועכטער קומט אָן צען אַזייגער. הייסט עס, אַז אַלץ דאַרף ווערן אָפּגעטאָן פאַר די דאָזיקע צוויי שעה.

אין דעם באַשטימטן אָוונט האָט העסיע זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער־ברעט און גענומען זעגן די לעצטע מילימעטערס פון די פענצטער־גראַטעס. די שײַן האָט זיך אויסגעלאָשן. א סיגנאַל. העסיע האָט אַרויסגענומען די איבערגעזעגטע גראַטעס און געזאָגט:

— געגאַנגען!

עס האָט זיך אופגעהויבן אויפן פענצטער־ברעט איינע פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, דערנאָך א צווייטע, א דריטע און א פערטע. א נײַער סיגנאַל. גענוג! אַזאַ איז, זעט אויס, דער באַשלוס: בלויז פיר. העסיע האָט צוריק אַרײַנגעשטעלט אַקוראַט די גראַטעס און איז אַראָפּ פון פענצטער.

ווער קאָן זאָגן, וואָס עס פאָדערט מער מוט: אַנטלויפן פון טפּיסע, צי פרײַוויליק בלײַבן אין דער קאַמערע, ווען פאַר דײַנע אויגן איז אָפן די פרײַהײַט? העסיע איז געווען א דיסציפּלינירטע קאָמוניסטקע. אויב עס איז באַשלאָסן, אַז עס לויפן פיר, וועט זי ניט ברעכן דעם באַשלוס. זי וועט בלײַבן אין טפּיסע...

די פלייטע האָט זיך אײַנגעגעבן אַמבעסטן. אַלע פיר אַרעסטאַנטקעס זײַנען בעשאָלעם אַריבער די גרענעץ. אָט דער גלענצנדיקער דערפאָלג פון די קאָמוניסטן האָט אַרויסגערופן א גרויסן פּאָליטישן רעזאָנאַנס.

צו אַלץ אין דער וועלט קומט א סאָף. עס איז אויך געקומען א סאָף צו די טפּיסע־יאָרן. פאַר א רעוואָלוציאָנער איז אַרויסגיין פון טורמע אַף דער פרײַ דער אָנהייב פון א נײַעם עטאַפּ אינעם קאַמף. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס פלעגן שטעלן פאַר זיך די פראַגע: וואָס טאָן ווײַטער? פאַרזעצן די רעוואָליציאָנערע אַרבעט צי ניט פאַרזעצן? פאַר העסיען, ווען זי איז אַרויס פון טפּיסע, איז אַזאַ פראַגע ניט געשטאַנען: זי האָט זיך טייקעף אָנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער אַרבעט.

1937. העסיע האָט שוין הינטער זיך א גרויסן וועג פון קאַמף. זי איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועטער, באַקומען פּאָליטישע דערפאַרונג, געוואָרן א רײַפער רעוואָליוציאָנער. איינמאָל האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ליטע געגעבן איר אַן אופטראַג: דרינגענדיק אַרויסלאָזן אַן אומלעגאַל פלוגבלעטל. די לאַגע איז געווען אַזאַ: א פאַרטאַטיווע דרוק־מאַשין איז פאַראַן, שריפט און פּאַפּיר אויך, נאָר אָט די אַלע זאַכן געפינען זיך אין פאַרשיידענע ערטער, אין פאַרשיידענע קאָנספּיראַטיווע דירעס. דאַרף מען דאָס צונויפירן אין איין אָרט, אַהין, ווו דאָס פלוגבלעטל וועט ווערן געדרוקט. דאָס איז זייער א קאָמפּליצירטער איניען.

העסיע איז דאָ דערשינען, ווי א מענטש, וואָס קאָן ריזיקירן. זי האָט געכאַפּט אַן איזוואָזטשיק, צוגעפאָרן צום הויז, ווו עס געפינט זיך, אָן אײַנגעפּאַקטע, די פאַרטאַטיווע דרוק־

מאשין, צוגענומען זי און אוועקגעלאָזט זיך מיט איר אינעם הויז, ווו עס ליגט דער שריפט; גענומען דעם שריפט, איז זי פארפאָרן נאָכן פאפיר און טייקעף פארקערעוועט צום הויז, ווו מע דארף דרוקן דאָס פלוגבלעטל. אלץ איז אין אָרדענונג, דאָס פלוגבלעטל איז דערשינען צו דער צײַט. ווען א כאווער פונעם צענטראל־קאָמיטעט האָט בא העסיען שפעטער געפרעגט, וויאזוי זי האָט זיך באשלאָסן צו גיין אף אזא ריזיקע, האָט זי מיט א שמייכל געענטפערט: „דאָס איז ריינע פסיכאָלאָגיע... וועלכן שפיק, וואָס קאָן מיך, וועט דאָס אײַנפאלן, אז איך וועל אָפטאָן אזא קונץ אינמיטן העלן טאָג?"

ביזן אופשטעלן די סאָוועטנמאכט אין ליטע איז שוין געבליבן ניט קיין סאך צײַט. דערווײַל האָט העסיע באוויזן צו פארזוכן דעם טאם פון נאָך צוויי קאָנצלאגערן — אין באָיאָרײַ און אין דימיטראווא.

סאָפקאָלסאָף איז די סאָוועטנמאכט אין ליטע אופגעשטעלט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט געטאנצט אין די גאסן, די געוועזענע אונטערערדישע טוער זײַנען געוועזן גליקלעך. קאָן דען זײַן א גרעסערע פרייד, ווען מע דערלעבט צום טריומף פון דער זאך, פאר וועלכער מע האָט געקעמפט גאנצע צוואנציק יאָר, אָפגעבנדיק דעם אידעאל דאָס הארץ, דאָס בלוט, דאָס גאנצע כּיעס. העסיע האָט זיך אקטיוו גענומען צו דער ארבעט. און איצט האָט זי מאמעש גערויזט. איך האָב זי געזען נאָך אן איבערײַס פון צוועלף יאָר. יאָ, פאר דער צײַט האָט זי זיך געענדערט, עס האָבן זיך באוויזן קנייטשן אף די באקן, ס'איז פארשוווּנדן די צארטע מיידלשע פארב פון איר פאָנעם, סימאָנים פון קרענקלעכער בלאָוקײַט האָבן זיך באוויזן. אין די האָר זײַנען געדיכטער געוואָרן די זילבערנע פעדעם. העסיע איז אָבער געוועזן פול מיט ענערגיע, געמיט זיך מיט באגײַסטערונג אלס פארטאָרג אין דער ניי־פאבריק און ווּהין די פארטיי האָט זי געשיקט. איינס איז איר געוועזן שווער: צוזען, ווי דער אָדער אנדערער קאָמוניסט, וועלכער איז שוין איצט א סאָוועטישער טוער, פארלירט דעם הויכן סטיל אין דער ארבעט. זי האָט ניט געקאָנט דולדן א פריש געבאקענעם ביוראָקראט, אזא, וואָס זאָרגט ניט פאר די אינטערעסן פון דער זאך, נאָר פאר זײַנע פערזענלעכע.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז העסיע מעגולגל געוואָרן אין טיפן הינטערלאנד. דאָרט האָט מען זי טייקעף באשטימט אלס פאָרזיצער פון א דאָרפסאָוועט. אין מעשעך פון איין יאָר ארבעט איז זי געוואָרן דער ליבלינג פון די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן זי געשעצט פאר איר ענערגיע, ערלעכקײַט, זאָרג וועגן מענטשן, אופמערקזאמקײַט צו אלץ, מיט וואָס די מענטשן לעבן אין אָט דער שווערער מילכאָמע־צײַט. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז אין דער רויטער ארמיי ווערט געשאפן א ליטווישע דיוויזיע, האָט זי אוועקגעײַלט אין דער פריזיוו־קאָמיסיע. מע האָט זי אין דער ארמיי ניט גענומען — שוין צו שוואך אין געזונט. אין אָקטיאבער 1942 איז געשאפן געוואָרן א ליטווישער שטאב פון דער פארטיזאנער־באוועגונג. די אופגאבע פונעם שטאב — העלפן דער אונטערערד און די פארטיזאנישע גרופעס אין ליטע. אלס צענטער אף אריבערווארפן אין סויִנעס הינטערלאנד מענטשן, שלאכט־מאטעריאלן, ראציעס, מעדיקאמענטן איז אין ראיאָן פון דער נאָרוואָס באפרײַטער שטאָט וועליקיִע לוקי געשאפן געוואָרן א באזע פונעם שטאב. פונדאנען זײַנען געשיקט געוואָרן אף דער טעריטאָריע פון ליטע אויך עראָפלאנען. איך בין באשטימט געוואָרן אלס שעף פון דער באזע. זומער 1943 איז אף דער באזע געקומען אן אָרדנטלעכע גרופע קינפטיקע פארטיזאנער. ביז עס וועלן זײַן די נייטיקע עראָפלאנען אף אָפפירן די מענטשן, האָבן מיר זיי אײַנגעאָרדנט אין וואלד, אין די פארטיזאנישע ערדשטיבלעך. קיין איינעם פון די געקומענע האָב איך ניט געקענט. דאָס זײַנען געוועזן יונגע באָכערים און מיידלעך. פון די פאמיליעס אין דער רעשימע האָב איך גאָרנישט ניט געקאָנט זיך דערוויסן, ווײַל אלס פארטיזאנער האָבן זיי די פאמיליעס געענדערט. זיץ איך מיר אזוי אין אן ערדשטיבל, ווו עס איז טונקל אפילע אין א זוניקן זוּמער־טאָג, און דערהער א פרויען־שטים:

— דערלויבט ראפאָרטירן, כאווער נאטשאלניק! איך בין געקומען אין אײַער רעשוס, קעדיי אָפגעשיקט ווערן אין הינטערלאנד!

די שטים איז מיר געוועזן זייער באקאנט. איך האָב זיך אויסגעקערעוועט צום ארײַנגאנג און דערזען אין דער טונקעלער שײַן א פרוי מיט א העל־ליכטיקן קאָפ האָר. אָנגעטאָן איז די פרוי געוועזן, ווי די מערהײַט מיידלעך, אין א מיליטערישער גימנאסטיאָרקע און אין שטיוול.

— איר דערקענט ניט, כּאווער נאטשאלניק? דאָס איז געוועזן העסיע.

איך בין טאקע אף אן עמעסן געוועזן איבעראשט. ווּעמען איר ווילט האָב איך זיך גערייכט צו באגעגענען דאָ, אָבער ניט העסיען. איך האָב אפילע כוישעד געוועזן, אז זי לאכט פון מיר, ווי דאָס פלעגט טרעפן צווישן די פאָליטישע ארעסטירטע אין די טפיסעס. מיסטאמע האָט מען זי געשיקט אף דער באזע צוליב עפעס א לויפנדיקן איניען, און זי וועט אין א פאָר טעג ארום אוועקפאָרן פונדאנען קיין מאָסקווע. נאָר ניין, זי האָט פון מיר ניט געלאכט. דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפארטיי פון ליטע האָט זי געשיקט „אהיים" מיט א ספעציִעלן אופטראָג. מיר זײַנען ביידע געוועזן אלטע קאָנספיראטאָרן, האָב איך מער וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט און זי האָט מיר ניט געזאָגט, מיט וואָס פאר אן אופגאבע מע האָט זי געשיקט. איבעראשט בין איך געוועזן, ווײַל איך האָב געטראכט: צוליב וואָס דארף מען אָט די פרוי,

וואס האלט שוין בא די פערציקער, — זי האָט זיך אויך פריִער ניט געקאַנט באַרימען מיט איר געזונט, און זי איז דורכגעגאַנגען אַלע שיווע־מעדורע־געהענעם פון די ליטווישע טפיסעס, — צוליב וואָס דאַרף מען זי שיקן מיט א געפערלעכן אופטראַג אין פאַשיסטישן הינטערלאַנד, ווען עס קלעקן גענוג יונגע קאָמיוגיסטן און קאָמיוגיסטקעס, וועלכע בעטן זיך, מע זאָל זיי שיקן? ווי איך האָב זיך שוין שפּעטער דערוווּסט, האָט דאָ געשפּילט א ראָליע העסיעס אַקאַנעס, מיט וועלכער זי האָט זיך געריסן נעמען א דירעקטן אַנטייל אינעם קאַמף קעגן די היטלעריסטן, און גופא דער כאַראַקטער פונעם אופטראַג, וועלכן זי האָט באַקומען.

מיר האָבן לאַנג געשמועסט אין דעם טונקעלן ערדשטיבל און, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט, די ווייטע צייטן פון דער אונטערערד, שאַוול, די כאַווירים, וועלכע זיינען שוין ניטאָ, און די, וואָס לעבן. זי האָט דערציילט די פּראַטים, וויאַזוי זי איז פאַרט אַרייַנגעפאַלן אין דער דיוויזיע, פון דאָרטן אין א ספּעציעלער ראָטע, דערנאָך צו אונדז אַף דער באַזע פונעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב.

— בא דיר בעט איך איין זאַך, — האָט זי געזאָגט, איצט שוין מיט א גוטמוטיקן שמייכל, — דו זאָלסט מיך ניט פאַרהאַלטן דאָ, שיק מיך אַף מיטן ערשטן עראָפּלאַן.

אין צוויי־דריי טעג אַרום האָב איך זי טאַקע אַפּגעשיקט. ווי אַלע כאַווירים, האָבן מיר זי באַוואָרנט מיט פּאַרטיזאַנישער אַמוניציע: אַן אויטאָמאַט, א ספּעציעלן שפּייז־רעזערוו, א פּיסטאָלעט. דער פּאַראַשוט איז אַף איר געלעגן ניט איבעריקס גוט. ווען זי איז אַוועק אַפּן פלי־פעלד, קעדיי זיך זעצן אינעם עראָפּלאַן, איז איר טראָט געווען א ביסל שווערער, נאָר די אויגן אירע האָבן געלויכטן, און זי איז געווען גליקלעך. מיר האָבן זיך געזעגנט רויִק, אויסגעהיט זיך פון איבעריקע סענטימענטן, דער אוילעם זאָל ניט באַמערקן... כוץ דעם, זיינען די פליִער, צי צוליב אַן אָבערגלויבן אָדער אויס געוווינהייט, יעדעס מאָל געווען אומצופרידן, ווען מע האָט אַרייַנגעזעצט אין עראָפּלאַן א פרוי. צופיל קלאַפּאָטן אַרום פרויען, האָבן די פליִער זיך געקלאָגט. צום ערשטן מאָל אָבער, זינט איך אַרבעט מיט אָט די פליִער (און צו יענער צייט האָבן מיר שוין אָפּגעשיקט ניט איין מייע מענטשן, דערונטער אויך פרויען), האָבן זיי, אומקערנדיק זיך, געזאָגט צו מיר מיט שטאָלץ: אָט דאָס איז א מוידו! זי האָט זיך אַרויסגעוואָרפן בעסער פון אַלע מאַנצבלען. זיי האָבן ניט געקענט העסיען!

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געפייערט העסיעס 60־טן געבורטסטאָג, האָט א כאַווערטע פון דער אונטערערד געוויזן מיר אירן א בריוו פון דער מילכאָמע־צייט, ווו זי האָט געשריבן: „טייערע ליובאַ! איך ווייס ניט, וואָס מאָרגן קאָן געשען מיט יעדן פון אונדז. א מילכאָמע איז א מילכאָמע. איינס ווייס איך אָבער גוט: דער האס צום סוינע איז ניט בלויז אַן אַלגעמיינער, נאָר אויך א פּערזענלעכער... ווי גליקלעך וועל איך זיין, ווען איך וועל דערהאַרגענען דעם ערשטן פאַשיסטישן אָקופּאַנט. איך קאָן דיר ניט אויסמאָלן, ווי שווער מיר איז געווען צו זיצן און וואַרטן מיט צונויפגעלייגטע הענט. איך האָב פיזיש ניט געקאָנט דולדן אָט די, זאָל זיין צייטווייליקע, ליידיקגייעריי, וואַרטנדיק, ביז מע וועט מיך שיקן. איצט וועל איך זיך שלאָגן אויך פאַר יענע, וועלכע קאָנען אַליין דאָס ניט טאָן".

העסיע איז בעשאָלעם אָנגעקומען אינעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער האָט אָפּערירט ניט ווייט פון ווילנע, אין די רודניצקער וועלדער. זי האָט זיך דאָרט געפונען א געוויסע צייט, זיך באַקאַנט מיט דער אומגעבונג און איז צוגעטראָטן אויסצופילן דעם ספּעציעלן אופטראַג — אַרייַנשמוגלען זיך אין קאָוונער געטאָ. פון דאָקומענטן און דערציילונגען פון לעבעדיקע איידעס ווייסן מיר איצט, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאָוונער געטאָ. ס'איז באַקאַנט געווען דער קלאַל: בלייבן אין געטאָ איז טויט, אַרויסרייסן זיך פון דאָרט איז א האָפענונג אַף לעבן. און אָט האָט העסיע דורכגעמאַכט דעם וועג פון מאַסקווע דורך דער פראָנט־ליניע און איז אַליין, לויטן אייגענעם ווילן, ווי עס האָט געפאָדערט פון איר דאָס פּאַרטיי־שליכעס, אַוועק אין געטאָ. זי האָט אָנגעטאָן אַף זיך א געלע לאַטע, מיט דער הילף פון געטרייע מענטשן זיך אַרייַנגעשמוגלט אין דער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ פון דער אַרבעט...

אין געטאָ איז זי געווען אויסערגעוויינלעך אַקטיוו, זיך געטראָפן מיט די קאָמוניסטן, אינסטרוקטירט זיי אין נאָמען פונעם דאָרטעמדיקן געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, אָנגענומען נייע פּאַרטיי־מיטגלידער, געהאָלפן די קאָמוניסטן צו אויסאַרבעטן אַן אַרבעטס־פּלאַן, געגאַנגען אַף א באַגעגעניש מיטן שעף פון דער פּאָליציי — מע האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל העלפן דער אונטערערד... ניט ווייט פון קאָוונע האָט זי געשאַפן א נייע פּאַרטיזאַנישע באַזע און אָרגאַניזירט דאָס אַריבערפירן די געטאָ־מענטשן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

דעם אופטראַג, וועלכן זי האָט באַקומען, האָט זי פּינקטלעך אויסגעפילט, נאָר דער קאַמף איז נאָך ווייט ניט געווען געענדיקט. איינגעשטעלט א פאַרבינדונג מיט דער קאָוונער אונטערערד, איז זי אַוועק צוריק אין די רודניצקער וועלדער, אין רעשוס פונעם דאָרטעמדיקן געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי.

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג פון 1944. די רויטע אַרמיי האָט די היטלעריסטן געטריבן פון דער סאָוועטישער ערד. צערייצטע פון זייער מאַפּאַלעס, האָבן די היטלעריסטן געווילדעוועט. אין דער ווילנער אונטערערד האָבן זיך פאַרמערט די אַרעסטן פון אונטערערדישע טוער. די אַרויסגעפאַלענע פון קאַמף האָט מען געדאַרפט פאַרבייטן. דער דאָרטעמדיקער געגנטקאָם שיקט העסיען קיין ווילנע. זי אָרדנט זיך

אײַן אין א קאָנספּיראַטיווער דירע — בא דעם אלטן ארבעטער כמעל. די כאלופּקע הארט היגטער דער שטאָט האָט צוויי ארויסגענג, א קעלער מיט א קליין פענצטערל. עס ווינען דאָרט, אויסער דעם באַלעבאָס, זײַן פרוי און א 15־יאָריקע טאָכטער.

איינמאָל באַטאָג איז די טאָכטער ארויס מיט אן עמער אָנצושעפּן וואסער, דורכגעגאַן די גאַס, איז זי צוגעקומען צום ברונעם. מיטאַמאָל זעט זי, ווי עס פאָרט צו א לאַסטמאַשין. פון דער מאַשין שפּרינגען ארויס עטלעכע געסטאַפּאָווצעס מיט אוטאָמאַטן. דאָס מיידל האָט זיך שטארק איבערגעשראָקן. כאָטש זי האָט ניט געוווּסט וועגן די אונטערערדישע טוער, האָט זי זיך אָבער אָנגעשטויסן, אז עפּעס טוט זיך בא זיי אין שטוב. אין א ווײַלע ארום האָט זי דערהערט א שיסערײַ פון אוטאָמאַטן. דערנאָך איז עטלעכע רעגעס געווען שטיל און ווידער אן איינציקער דומפּער שאָס. די געסטאַפּאָווצעס האָבן פון שטוב ארויסגעטראָגן א טויטן קערפּער. העסיע האָט זיך א לעבעדיקע ניט איבערגעגעבן אין זייערע הענט.

דאָס איז געשען דעם 8 מײַ 1944, סאַכאַקל צוויי כאַדאָשים פאַר דער באַפרײַונג פון ווילנע.

כראָניק

צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד”

דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן” נאָכעם קאָרטשמינסקי האָט, ווײַלנדיק אין מאָסקווע, געהאַט א באַגעגעניש מיט די רעדאַקציע־מיטארבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. דער גאַסט האָט דערציילט וועגן דערווירטשאַפטלעכער און קולטור־בויונג אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן דעם, ווי אַזוי די ארבעטנדיקע פון ביראָבידזשאַן פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פונעם XXV פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

צווישן אנדערס האָט נ. קאָרטשמינסקי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער בייזוויליקער פּראָפּאַגאַנדע ארום דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן”, וועלכע ווערט געפירט אין דער ציוניסטישער פּרעסע און אין די ייִדישע פאַרייִאָדישע אויסגאַבעס, וואָס עס האָבן פאַרכאַפּט די רענעגאַטן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. ער האָט דערציילט וועגן די לעצטע קולטור־נײַעס אין ביראָבידזשאַן, וועגן דער שעפערישער ארבעט פון די דאָרטיקע שרײַבער און זשורנאַליסטן.

צוזאַמען מיט נ. קאָרטשמינסקין האָט אינעם שמועס זיך באַטייליקט דער דירעקטאָר פון א ביראָבידזשאַנער אונטערנעמונג ז. שנײַדערמאַן.

נײַעס פון אויסלאַנד

א פילם וועגן דעם דרייפוס־פּראָצעס

אויף די קינאָ־עקראַנען פון פּאַריזש האָט זיך באַוויזן א פילם „דרייפוס, אָדער דער אומבאַשטרײַטבארער עמעס”. עס ווערט געשילדערט די געשיכטע פון דעם דרייפוס־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרײַך אין סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט.

דעם פילם האָט געשטעלט זשאָרזש מעליע.

צום אָנדענק פונעם שעפער פון עספּעראַנטאָ

אין פראַנקפורט־באַם־מײַן האָט מען איינע פון די גאַסן אָנגערופן אויפן נאָמען פונעם גרינדער פון דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך לודוויק זאַמענהאָף. ווי באַוווּסט, האָט דער באַרימטער לינגוויסט איבערגעזעצט אין דער דאָזיקער שפּראַך אויך א טייל פונעם טאַנאַך.

צום אָנדענק פון זאַמענהאָפן זײַנען אויפגעשטעלט מאָנומענטן אין באַד נויהײַם און אין ביאַליסטאָק. אין ווין איז פאַראַן א מוזיי, וווּ עס געפינען זיך זאַמענהאָפס ערשטע ארבעטן.

דאָקומענטן וועגן דער נאַצישער יוסטיץ

די קאָמיסיע פאַר ייִדישער געשיכטע אין העסען האָט אונטער דער אָנפירונג פון דר. סטרעליטץ ארויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון א צווייבענדיק ווערק „פּראָצעסן און רעדיפעס קעגן ייִדן”. אינעם בוך ווערן געבראַכט פיל דאָקומענטן אין שײַכעס מיט די פּראָצעסן אין העסענער טריבונאַל. די אורטיילן זײַנען געוויינלעך געווען: דעפּאָרטאַציע.

■

ליטעראַטור-קריטיק ביבליאָגראַפיע פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

שאָלעם=אַלייכעמס רעאַליזם

1. דער נײַער רעאַליזם

מיט שאָלעם-אלייכעמס שאפן האָט די ייִדישע ליטעראטור באקומען איר אלוועלטלעכן באטײַט. שאָלעם-אלייכעם האָט אריבערגעשפאנט די ייִדישע נאציִאָנאלע גרענעצן און איז אנערקענט געוואָרן אלס געניִאלער שעפער פון דער וועלט-ליטעראטור. צוזאמען מיט אים איז אנערקענט געוואָרן אויך די ייִדישע ליטעראטור.

שאָלעם-אלייכעמס רעאליזם איז די העכסטע שטופע פון רעאליסטישער שאפונג אין דער ייִדישער ליטעראטור. אין פארגלײַך מיטן רעאליזם ביז מענדעלען און אפילע אין פארגלײַך מיט מענדעלעס רעאליזם איז שאָלעם-אלייכעמס שאפן א נײַע, ביז איצט ניט איבערגעשטײַגטע שטופע פון רעאליסטישער קונסט. לויט דער קראפט פון קינסטלערישער מײַסטערשאפט, לויט דער אידייִש-פילאָסאָפישער פאראלגעמיינערונג פונעם פאָלקס-לעבן און פון דער היסטאָרישער עפּאָכע האָט שאָלעם-אלייכעם קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאנצער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור.

ריידנדיק וועגן פושקינס רעאליזם, וועגן פושקינס קונסט און באזונדערס וועגן דעם ראָמאן „יעווגעני אָניעגין", האָט בעלינסקי געשריבן:

„פריִער פאר אלץ זעען מיר אין אָניעגינען א פאָעטיש פארקערפערט בילד פון דער רוסישער געזעלשאפט, גענומען אין איינעם פון די אינטערעסאנטסטע מאָמענטן פון איר אנטוויקלונג. פונעם דאָזיקן שטאנדפונקט איז „יעווגעני אָניעגין" א היסטאָרישע פאָעמע אין פולן זינען פונעם דאָזיקן וואָרט, האגאם צווישן אירע העלדן איז ניטאָ קיין איין היסטאָרישע פערזאָן"[1].

בעלינסקיס אידיי וועגן דעם היסטאָרישן כאראקטער פון פושקינס פאָעמע קאָן מען מיט דער פולער פאראנטוואָרטלעכקײַט אָנווענדן צו די ווערק פון שאָלעם-אלייכעמען, ווײַל ער האָט אין זיי געשאפן אָן ענציקלאָפעדיע פונעם ייִדישן לעבן אין זײַן עפּאָכע. שאָלעם-אלייכעמס רעאליזם טראָגט א היסטאָרישן כאראקטער, האגאם צווישן די העלדן פון זײַנע ווערק איז ניטאָ קיין איין היסטאָרישע פערזאָן.

שאָלעם-אלייכעמס רעאליזם איז א נײַער עטאפ פון רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור, ווען זי האָט זיך פאראייניקט מיט די פאָלקסמאסן, פארקערפערנדיק זייערע נויטן, זייער פראָטעסט און קאמף פאר א נײַ לעבן. און דאָס איז א צווייטער שטריך פון שאָלעם-אלייכעמס רעאליזם, וועלכער טראָגט ניט בלויז א היסטאָרישן, נאָר אויך א פאָלקס-כאראקטער. היסטאָריזם און פאָלקסטימלעכקײַט — אָט דאָס איז דאָס נײַע, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס שאָלעם-אלייכעמס רעאליזם אין דער נײַער ייִדישער ליטעראטור.

דער רעאליזם אלס קינסטלערישער שעפערישער מעטאָד טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס ער שפיגלט אָפּ דעם סאָציִאל-עקאָנאָמישן סיידער פון דער געזעלשאפט, אויפדעקנדיק דערבײַ די קאָנטראסטן און ווידערשפרוכן. אנדערש גערעדט, דער רעאליזם שפיגלט אָפּ די הײַנטצײַטיקע סאָציִאלע געשיכטע אנאליטיש. אין דער רעאליסטישער קונסט, אויב זי איז טרײַ דער ווירקלעכקײַט, איז דער צענטראלער העלד ניט קיין מאכטהאָבער, ניט קיין גאָט-געזאלבטער, נאָר דאָס פאָלק, די פאָלקסמאסן, אין נאָמען פון וועלכע עס טרעטן ארויס די אזויגערופענע „היסטאָרישע פערזענלעכקײַטן".

שאָלעם-אלייכעם דער רעאליסט איז דער קינסטלערישער אויסדריקער פון דער פּסיכאָלאָגיע און פונעם לעבן פון די פּראָסטע מענטשן, וואָס לײַדן פון נויט און אונטערדריקונג און זײַנען אָבער גרויס און קלוגשאפטלעך. אָט די גרויס-

[1] В. Г. Белинский. Избранные сочинения. М., 1947, стр. 451.

קײַט פֿון די מאסן און די גרויסקײַט פֿון זייער קינסטלער שאָלעם־אלייכעמס האָבן ניט פֿארשטאנען און פֿארשטייען ביז הײַנט ניט די באלעבעסלדיקע קריטיקער, וואָס קאָנען זיך ניט דערהייבן העכער פֿון קליינשטעטלדיקע האָסאָגעס. שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם — דאָס איז פֿאָלקס־רעאליזם. דעריבער פֿארנעמט אין שאָלעם־אלייכעמס שאפֿונג א גרויס אָרט דער סאָציִאלער אנאליז פֿון דער געזעלשאפֿט אין אלע פֿאָרמען און קאָנטראסטירנדיקע אנטפֿלעקונגען. ער האָט גוט געזען די צעטיילונג אויף אָרעם און רײַך אין דער בורזשואזער געזעלשאפֿט און מיטן גאנצן הארצן מיטגעפֿילט די פֿאָלקסמאסן אין זייער קאמף קעגן אומרעכט. ער האָט פֿארשטאנען, אז די רײַכקײַט פֿון איינע איז די סיבע פֿון דער אָרעמקײַט פֿון אנדערע.

פֿאר שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם איז כאראקטעריסטיש א ברייטער פֿארנעם פֿון דער שילדערונג. ער איז דער איינציקער גרויסער קינסטלער אין דער ייִדישער ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק ניט בלויז דאָס לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, נאָר אויך די וויכטיקסטע היסטאָרישע סאָציִאל־פּאָליטישע געשעענישן אין רוסלאנד, באזונדערס אין פֿארבינדונג מיט דער רעוואָליוציע.

שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם טראָגט אן אינטערנאציִאָנאלן כאראקטער. דאָס נאציִאָנאלע און דאָס אינטערנאציִאָנאלע זײַנען אָרגאניש פֿארקערפּערט אין זײַנע ווערק וועגן דער רעוואָליוציע. ער מאָלט געשטאלטן פֿון ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע, גרוזינישע רעוואָליוציִאָנערן מיט דער זעלבער וואַרעמקײַט און סימפּאטיע. דערמיט האָט ער אויסגעדריקט די שטימונגען פֿון די פֿאָלקסמאסן, וועלכע ציִען זיך, אמאָל באוווסטזיניק און אמאָל אינסטינקטיוו, צו די מוטיקע און דרייסטע קעמפֿער פֿון דער רעוואָליוציע, צו די פּעפּערלעך, וועלכע זײַנען, לויט טעוויע דעם מילכיקנס איבערצײַגונג, מענטשן „פֿון סאמע יוישער און אײַנגעטונקען אין מענטשלעכקײַט פֿון אויבן ביז אראָפּ". אין די נאָוועלן „געגנדז", „מיטן עטאפּ", „דער גליקלעכסטער אין קאָדניע", „שמוליק", „יויסעף" זײַנען דירעקט געשילדערט די געשעענישן ערעוו און בייס דער רעוואָליוציע, די פֿארשארפֿטע סאָציִאלע ווידערשפּרוכן אין לאנד און דער טרוים פֿון די פֿאָלקסמאסן וועגן א גליקלעך לעבן, וואָס זיי פֿארבינדן מיט דער אידיי פֿון סאָציִאליזם, זײַענדיק זיכער, אז „ס'וועט קומען אמאָל א גוטע צײַט, יענע גליקלעכע צײַט, ווען עס וועט אלצדינג ווערן אנדערש, אזוי ווי בעבעל זאָגט, און אזוי ווי קארל מארקס זאָגט, און אזוי ווי אלע גוטע קלוגע לײַט זאָגן, — דעמלט, אָ, דעמלט וועט אלצדינג אנדערש זײַן" („דרײַ קעפּלעך").

אין דער דערציילונג „דרײַ אלמאָנעס" טרעט דער שרײַבער ארויס קעגן דעם טעראָר פֿון דער צארישער רעגירונג:

„...ווארשײַנלעך, האָט איר ניט איין מאָל געלעזן אויף די בלעטער, אז הײַנט האָט מען געהאנגען דאָרט און דאָרט צוויי מענטשן, נעכטן האָט מען געהאנגען דאָרט און דאָרט דרײַ מענטשן (הענגען מענטשן און קוילען הינער איז הײַנט געוואָרן אלץ איין נײַס), און איר בעשאסמײַסע וואָס טוט? אָדער איר זיצט און וויגט זיך און רייכערט זיך א געשמאקן האוואנער ציגאר, אָדער איר טרינקט גאָר בעשאסמײַסע א גוטע גלאָז קאווע מיט פֿרישע זעמעלעך מיט פּוטער. אײַ, דאָרטן הענגט א מענטש, עס ווארפֿט זיך און עס צאפּלט זיך אין די לעצטע סעקונדן פֿון זײַן אגאָניע אײַער א באקאנטער, אן אייגענער, א היימישער, וואָס איר האָט אים ניט לאנג געזען, אזוי ווי איר אצינד? אײַ, דאָרטן ליגט נאָך א ווארעמער גוף, וואָס טאליאָנים האָבן מיט געוואלד ארויסגעריסן פֿון אים די נעשאָמע? אײַ, דאָרטן מוטשעט זיך א מענטש, ער וואָלט וועלן וואָס גיכער שטארבן, נאָר עס שטארבט זיך ניט, וואָרעם דער טאליען האָט ניט גוט אויפֿגעצויגן דעם שטריק, אָדער ער האָט זיך גאָר אָפּגעריסן און איז אראָפּגעפֿאלן צווישן טויט און לעבן, און ער בעט זיך נעבעך בא די הינריכטער מיט א קוק פֿון זײַנע האלב־אָפּגעשטאָרבענע אויגן, מע זאָל אים טאָן זײַן רעכט וואָס גיכער?.. וואָס? איר קאָנט ניט לײַדן, אז מע רעדט דערפֿון?"

די רעוואָליוציִאָנערע געשעענישן פֿון דער עפּאָכע זײַנען אָפּגעשפּיגלט אויך אין שאָלעם־אלייכעמס פּיעסן „דער לעצטער קאָרבן", „צעזייט און צעשפּרייט", „מענטשן", אין די אלעגאָרישע פּאמפֿלעטן „דער פֿעטער פּיניע און די מומע רייזי", „שלאָף, אָלעקסע", „אונדזערע גאבאָיִם", „דער מעלאמעד בויאז", „די רעוואָליוציע אויף יענער זײַט סאמבאטיען", „דאָס נײַגעבאָרענע"[1] און אנד.

אין דער דערציילונג „די רעוואָליוציע אויף יענער זײַט סאמבאטיען" האָט שאָלעם־אלייכעם, פּאראָדירנדיק דעם סטיל פֿון דער צארישער קאָנסטיטוציע, געשריבן וועגן די „פֿרײַהײַטן", וואָס דער קייסער האָט געגעבן:

„דער, וואָס האָט ניט פֿון וואָס צו לעבן, איז פֿרײַ צו שטארבן פֿון הונגער.

דער, וואָס זיצט אָן ארבעט און ער האָט ניט וואָס צו טאָן, איז פֿרײַ זיך צו שלאָגן קאָפּ אין וואנט.

דער, וואָס האָט זיך אויסגעבראָכן א פֿוס, איז פֿרײַ צו גיין אויף קוליעס.

דער, וואָס האָט כאסענע געהאט און האָט ניט וואָס צו געבן עסן דעם ווײַב, איז פֿרײַ צו גיין אין די הײַזער צוזאמען מיט איר.

דער, וואָס האָט געלעבט און איז געשטאָרבן, איז פֿרײַ צו באגראָבן ווערן בעכאָל טפּוצעס ייִסראָעל".

[1] אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „פֿרײַנד", נום. 74, דעם (2) 15 דעקאבער 1905 יאָר. אין „שאָלעם־אלייכעם־בוך" איז אָנגעוויזן, אז „דאָס נײַגעבאָרענע" איז פֿארעפֿנטלעכט אין יאָר 1904, אָבער דאָס איז א פֿעלער.

אינגאַנצן געווידמעט די געשעענישן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע איז שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „דער מאבול“. אינעם שילדערן די רעוואָלוציע אַנטפּלעקן זיך די שטאַרקע און די שוואַכע זייַטן פונעם שרייַבערס געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען און, נאַטירלעך, אויך פון זייַן רעאַליזם. עס אַנטפּלעקט זיך די אידייִשע און שעפערישע ווידערשפּרעכיקייַט זייַנע. דער שרייַבער פילט מיט די פאָלקסמאַסן אין זייער קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. ער מאָלט געשטאַלטן פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זייַנען איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע, ער ווייַזט זייער העלדישקייַט, זייער גלויבן אין ענדגילטיקן זיג. אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן זייַנען מאַשע באַשעוויטש, מישע בערעזניאַק, ראָמאַנענקאָ און אַנד.

דעם אויטאָרס דעמאָקראַטישער פּאַטאָס איז אָבער ניט קיין קאָנקרעטער. אין דער שילדערונג פון פּאָליטישע געשעענישן איז פאַראַן מער פּובליציסטישע באַטראַכטונג, איידער קינסטלערישע בילדער. די געשטאַלטן פון רעוואָלוציאָנערן זייַנען ניט גענוג קינסטלעריש פאַרטיפט, עס איז ניט אויפגעדעקט אין דער נייטיקער מאָס זייער פּסיכאָלאָגיע און זייער אינערלעכע וועלט. קיין איינער פון אָט די געשטאַלטן איז ניט געוואָרן קיין קינסטלערישער טיפּ.

מער איבערצייַגנדיק זייַנען געוויזן די פּסיכאָלאָגיע און די שטימונגען פון די אַרבעטנדיקע פאָלקסמענטשן. דעם שרייַבער האָט זיך אייַנגעגעבן צו נאָכשפּירן די אַנטוויקלונג און דעם וווּקס פון זייער סאָציאַלן באַוווּסטזייַן. כאַראַקטעריזירנדיק דעם פּראָלעטאַרישן פּעריאָד פון דער באַפרייַונגס־באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט לענין געשריבן: „...עס קומט אָן דער פּעריאָד פון דירעקטער פּאָליטישער טעטיקייַט בא דעם „פּראָסטן האַמוין“... עס וואַקסט אוף דער געדאַנק און דער באַוווּסטזייַן בא מיליאָנען דערשלאָגענע מענטשן, ער וואַקסט אוף ניט צוליב לייענען בלויז ביכלעך, נאָר צוליב אַרבעט, צוליב היסטאָרישער שאַפונג“[1].

אין ראָמאַן „דער מאבול“ איז פאַראַן א געשטאַלט פון דער פרוי פון אַן אָרעמען שוסטער — זיסל; זי איז פול מיט סינע צו די גווירים. אונטער דער ווירקונג פון אירע זין, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, הייבט זי אויך אָן צו טרוימען וועגן אַן אַנדער לעבן, די אידייען פון סאָציאַליזם דרינגען אַרייַן אין באַוווּסטזייַן פון דער אָפּגעשטאַנענער האָרעפּאַשניצע און צינדן אָן אין איר נעשאָמע דעם פלאַם פון קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן אָט די אידייען, און זי, אָט די אָפּגעשטאַנענע פרוי פונעם אָרעמען שוסטער, איז גרייט אַף קאָרבאָנעס צוליב דעם גליק פונעם פאָלק.

דאָס שילדערן די פּאָליטישע געשעענישן אין רוסלאַנד האָט צוגעגעבן שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליזם א קאָנקרעט־היסטאָרישן כאַראַקטער, מאַסשטאַבאַרטיקייַט, סאָציאַל־פאַרשאַרפטן פּאַטאָס און איינצייַטיק דערמיט — דעם הויכן נוסעך פון פאַרברייטערטער עפּישער שילדערונג. אפילע שמועל ניגער, וואָס האָט זיך באַצויגן גענוג נעגאַטיוו צו שאָלעם־אַלייכעמס פּאָליטישע ראָמאַנען, האָט דאָך געמוזט אָנערקענען, אַז „דער מאבול“, „בלאָנדזנדע שטערן“ און „דער בלוטיקער שפּאַס“ זייַנען א מין אָנהייב פון א „דיאַספּאָרע־ראָמאַן“ אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האַגאַם ער, ניגער, האָט כאַראַקטעריזירט „דעם מאבול“ ווי א נאַטפּינקערטאָניש ווערק און ער האָט אפילע אַרויסגעזאָגט אַן אומגעלומפּערטן געדאַנק וועגן דער שייַכעס פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן צו... שאָמעריזם.

די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע קריטיק האָט היפּש איבערגעטריבן די שוואַכע זייַטן פונעם ראָמאַן „דער מאבול“, וועלנדיק דערווייַזן, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם פאַקט גופע, וואָס דער שרייַבער האָט זיך געווענדט צו דער טעמע פון רעוואָלוציע. אַזאַ צוגאַנג איז אונדז פאַרשטענדלעך. צי האָט די רוסישע בורזשואַז־דעקאַדענטישע רעאַקציאָנערע קריטיק ניט באַהויפּטעט, אַז דער ראָמאַן „די מוטער“ איז „דער סאָף“ פון גאָרקין אַלס קינסטלער? און דאָס איז דערפאַר, וואָס גאָרקי האָט זיך גענומען שרייַבן וועגן דער רעוואָלוציע און אויפגעהערט שרייַבן וועגן באָסיאַקעס. איצט ווייסן מיר, אַז „די מוטער“ איז ניט געווען דער סאָף פון גאָרקין, פּונקט ווי „דער מאבול“ איז ניט געווען דער סאָף פון שאָלעם־אַלייכעמען.

צום באַדויערן, האָט אויך די ייִדישע סאָוועטישע קריטיק אין טאָך פאַרשוויגן שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „דער מאבול“. דערפאַר האָט גלענצנדיק געשריבן וועגן אָט דעם ווערק דער גרויסער דאָוויד בערגעלסאָן:

„פילנדיק דעם סטיכיייִשן פּראָטעסט פון די אונטערדריקטע מאַסן און טיילנדיק מיט זיי זייער אָפּטימיזם בענעגייע דער קומענדיקער באַפרייַונג, האָט שאָלעם־אַלייכעם דאָס אַלץ אָפּגעשפּיגלט אין זייַנע ווערק און איבערהויפּט אינעם ראָמאַן „אין שטורעם“ („דער מאבול“. — ה. ר.), וואָס איז געשריבן דירעקט וועגן די פּאָליטישע געשעענישן אַרום דער רעוואָלוציע פונעם פינפטן יאָר. די בעסטע ערטער אין די דאָזיקע ראָמאַנען קאָנען זיכער צוגערעכנט ווערן צו די גלענצנדיקע דערציילונגען פון די בענדער „קאַסרילעווקע“, „אָרעמע און פריילעכע“, „מאָנאָלאָגן“, „אייַזנבאַן־געשיכטעס“, „מייַסעס פאַר ייִדישע קינדער“ און אַנד., וואָס האָבן אים געמאַכט אומגעהייער פּאָפּולער בא די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן און אים געשאַפן צווישן זיי א נאָמען קימאַט פון א לעגענדאַרן מענטשן־פרייַנט“[1].

אין דער אויסלענדישער שאָלעם־אַלייכעם־פאָרשונג פּרוווט מען אַמאָל אונדז פאָרוואַרפן,

---

[1] В. И. Ленин. ПСС, т. 10, стр. 228.

[1] דאָוויד בערגעלסאָן. שאָלעם־אַלייכעם. זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“, נום. 3 — 4, קיִעוו, 1939, ז. 72.

אַז אין דער סאָוועטישער שאָלעם־אַלייכעם־פֿאָרשונג שרײַבט מען צו שאָלעם־אַלייכעמען אונדזער סאָוועטישע אידעאָלאָגיע. אפילע י.־ד. בערקאָוויטש האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון אזא מין קריטיק. ער שרײַבט:

„אין מעשעך פון אָט דער צײַט האָט מען בא אונדז א סאַך געשריבן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, באזונדערס אין דער ליטעראטור אף ייִדיש. אָט דער גאנצער מאטעריאל איז געווען געריכטעט צו פּאָרשן בלויז זײַן שאפונג און זײַן וועג אלס קינסטלער; אָבער צו זײַן פערזענלעכקײַט גופע, צו זײַן מענטשלעכן טאָך, וואָס פון אים דרינגט ארויס אויך זײַן קינסטלערישער טאָך, האָט מען נאָך ביז איצט זיך ניט דערנעענטערט אין די קרײַזן פון זײַנע פלאמיקע אָנהענגער, וועלכע בינדן אים אָן זייער אידעאָלאָגיע"[1].

י.־ד. בערקאָוויטש, שאָלעם־אַלייכעמס איידעם, איז געווען איינער פון די קענערס פון זײַן שאפן, ער האָט פאַרדינסטן פאר דער ליטעראטור אין פּראט פון באקענען דעם ברייטן עולעם און די פאָרשונג מיט שאָלעם־אַלייכעמס ליטערארישער טעטיקײַט און מיט זײַן ליטערארישער יערושע. פאראן אין בערקאָוויטשעס מעמוארן אינטערעסאנטער מאטעריאל, וויכטיקע און טרעפלעכע באמערקונגען וועגן דעם שרײַבערס פּערזענלעכקײַט, וועגן זײַנע איבערלעבונגען און שטימונגען, באגעגענישן און טרעפונגען מיט ייִדישע, רוסישע, אמעריקאנישע שרײַבער, קריטיקער און געזעלשאפטלעכע טוער.

מע קאָן אָבער ניט מאסקים זײַן מיט בערקאָוויטשעס באהויפּטונג, אַז די אווטאָרן, וואָס האָבן געשריבן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, האָבן זיך אפילע ניט דערנעענטערט צו דער כאראקטעריסטיק פון זײַן פּערזענלעכקײַט. נאָך ערגער האלט עס מיט דער באמערקונג וועגן די, וואָס „בינדן אָן דעם שרײַבער זייער אידעאָלאָגיע". וועמען האָט בערקאָוויטש געמיינט דערמיט? אויב די סאָוועטישע שאָלעם־אַלייכעם־פאָרשונג, האָט ער געהאט א טאָעס. די סאָוועטישע ליטעראטור־וויסנשאפט בינדט קיינעם ניט אָן איר אידעאָלאָגיע, זי אנטפּלעקט בלויז די אָביעקטיווע באדײַטונג פונעם קינסטלערס שאפן פאר זײַן צײַט, פאר דער הײַנטצײַטיקײַט און פאר דער צוקונפט, ניט פארשווײַגנדיק די אידייִשע מאנגלען זײַנע, די ווידערשפּרוכן און די באגרענעצטקײַט פון זײַן וועלט־אָנשויונג, אונטערשטרײַכנדיק די פאָרגעשריטענע עלעמענטן אין זײַן שעפערישער יערושע.

שאָלעם־אַלייכעמען באטראכט די סאָוועטישע ליטעראטור־וויסנשאפט אלס פאָלקס־שרײַבער. דאָס דערקלערט זיך ניט, נאטירלעך, מיט דעם, וואָס מע וויל אים אָנבינדן די סאָוועטישע אידעאָלאָגיע, נאָר אויסשליסלעך דערמיט, וואָס ער איז טאקע בעעמעס געווען א גרויסער שרײַבער פונעם פאָלק, און אויב עס גייט א רייד וועגן רעאליזם, איז דער מעטאָד פון זײַן שאפונג געווען עכטער קינסטלערישער פאָלקס־רעאליזם.

2. טיפּיזאציע

אינעם באוווסטן בריוו צו מארגאריטא הערקנעס האָט פ. ענגעלס געשריבן וועגן די אויפגאבן פון רעאליסטישן שילדערן די ווירקלעכקײַט: „דער רעאליזם זעט פאָר, אויסער עמעסדיקײַט פון דעטאלן, די ריכטיקײַט פון איבערגעבן טיפּישע באדינגונגען".

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געהאלטן בא אָט די גרונט־געבאָטן פונעם רעאליזם. ער איז דער גרעסטער מײַסטער פון טיפּיזירונג אין דער ייִדישער ליטעראטור.

אויב דער טאָך פונעם רעאליזם איז דער סאָציִאלער אנאליז, איז דער וועג צו אזא אנאליז טיפּיזאציע. דער קינסטלער־רעאליסט מאָלט די ווירקלעכקײַט ניט פּרימיטיוו, אויבערפלעכלעך, ווי, לעמאָשל, דער אָנהענגער פון נאטוראליזם, ניט בלויז דורך באשרײַבן באזונדערע דעטאלן און פּראָטים, ווי, לעמאָשל, דער אימפּרעסיִאָניסט, ניט דורך אויסשפּרייטן פאנטאסטישע שאָטנס, ווי, לעמאָשל, דער ראָמאנטיקער און סימבאָליסט, נאָר דורך דעם, וואָס ער פארקערפּערט אָביעקטיווע היסטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע געזעצמעסיקײַט אינעם לעבן פון דער געזעלשאפט און פון באזונדערע מענטשן. טיפּיזאציע — דאָס איז די גרונט־פּראָבלעם פון דער רעאליסטישער קונסט. בלויז דער רעאליסט שאפט טיפּן פון מענטשן; אין זיי זײַנען אקומולירט די טאָכיקע און באשטימענדיקע באזונדערקײַטן פון דער סאָציִאלער סוויווע, פון די סאָציִאלע באדינגונגען, וואָס זײַנען געשילדערט אינעם ווערק.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געשאפן א פּילארטיקע גאלעריי טיפּן און געשטאלטן. דאָס זײַנען — דער האָרעפּאשנער פאָלקסמענטש אין אלע זײַנע אנטפּלעקונגען (טעוויע דער מילכיקער, שימען־עלי, שימעלע סאָראָקער און אנד.); דער לופטמענטש אין פארשיידענע וואריִאנטן (מענאכעם־מענדל, די קאָמיוואָיאזשאָרן און אנד.); דער באגײַסטערטער פאָלקס־קינסטלער (סטעמפעניו, יאָסעלע סאָלאָוויי, ראָזע ספּיוואק, ראפאלעסקאָ, האָצמאך, סטעלמאך און אנד.); דאָס קינד, אין דער ערשטער ריי, פארשטייט זיך, מאָטל פּייסי דעם כאזנס; די פאָלקס־פרוי (ראָכעלע, עסטער, שיינע־שיינדל, טעוויעס טעכטער און אנד.).

די סאָציִאלע פּאָליוסן, די אנטאגאָניסטיש קעגנגעשטעלטע סאָציִאלע קויכעס זײַנען דער גוויר און דער ארבעטס־מענטש. זיי פארנעמען ניט דאָס צענטראלע אָרט אין שאָלעם־אַלייכעמס

[1] כתבי י. ד. ברקוביץ. כרך שישי. הראשונים כבני אָדם, ספוריי זכרונות על שלום־עליכם ובני דורו, הוצאת „דביר", תל־אביב, תשי"ג (1953), ז. יג (13) (ווערק פון י.־ד. בערקאָוויטש, זעקסטער באנד. זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און זײַנע מיטצײַטלער, פארלאג „דוויר", טעל־אוויוו, 1953, ז. 13).

א יי נ י ק ייַ ט

שאַבעס, 1 פעוראַל 1947 יאָר (420) № 14

לופט־מענטשנ

מענאַכעם־מענדל איז געפלויגנ,
בעפלאָגט, געקאַרטשעט אונ געבויגנ,
דאָס גליק איז אים געווענ פאַרווערט.
דער „לופט־מענטש" מיט די מידע אויגנ
האָט ניט געהאַט קיינ אָרט אויפ דר'ערד.

דער לופט־מענטש קאַנטאַראָוויטש בערל
שטייט דורכ די וואָלקנס שטאָלצ אונ יונג,
אונ ערד אונ הימל אים געהערט,
ס'באַגריסט אים שמייכלענדיק דורכ טרערנ
שאָלעמ־אַליכעמ מיט זיינ שוווּנג!

די דאָזיקע צייכענונג פונעם קינסטלער א. העפטער האָט די צייטונג „אײניקײַט" פּובליקירט ווי אַן אילוסטראַציע צו שאָלעם־אַליכעמס ווערק

ווערק. ער האָט ניט געשאַפן קיין טיפּן פון אַרבעטער, פון באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער, וועלכע פירן אַ קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, פאַר סאָציאַליזם. ער האָט ניט געשאַפן אויך קיין טיפּן פון ייִדישע בורזשואַ, האָגאָם אין זײַנע ווערק טרעפן זיך אָפּט בולטע געשטאַלטן פון גווירים (סענדער בלאַנק, בעני ראַפאַלאָוויטש, שאַלאַנט, זײַדענשטאַמער),

וועלכע האָבן אָבער ניט די קראפט פון סימבאָלישער פאראלגעמיינערונג.

שאָלעם־אַלייכעם אלס רעאליסט, ווי מיר איז שוין אויסגעקומען צו פעסטשטעלן אין אן אנדער צוזאמענהאנג, האָט געשאפן זײַן נאָוואטאָרישן אויפן פון טיפּיזירן מענטשלעכע געשטאלטן און כאראקטערן. די נאָוואטאָרישקײַט באשטייט אין דעם, וואָס ער מאָלט דעם טיפּ ניט מיטאמאָל, נאָר אין פּראָצעס פון אנטוויקלונג. די טיפּן ווערן געגעבן אין פארלויף פון זייער גאנץ לעבן. אזעלכע, ווי מענאכעם־מענדל און טעוויע, שאפט דער קינסטלער אין פארלויף פון צוויי צענדליק יאָר, דאָס זעלבע — דאָס געשטאלט פון א פאָלקס־קינסטלער. דאָס קינד האָט שאָלעם־אַלייכעם געמאָלט אלע יאָרן פון זײַן שאפן — העכער דרײַסיק יאָר. דאָס איז דער מעטאָד פון פארבינדן די אנטוויקלונג פונעם געשטאלט מיטן גאנג פונעם לעבן. האגאם שאָלעם־אַלייכעם שילדערט אלס קלאל געוויינלעכע מענטשן, וואָס זײַנען גענומען פונעם לעבן, ווערן זיי אָבער פארוואנדלט אין זײַנע ווערק אין אומגעוויינלעכע. דאָס טעוויע־געשטאלט דערגרייכט ביז עפּישע דראמאטישע און טראגישע מאסשטאבן, ניט אויפהערנדיק צו באצייכענען א געוויינלעכן פאָלקסמענטש. שאָלעם־אַלייכעם מאָלט וואָכעדיקע מענטשן, וועלכע ווערן אין זײַנע ווערק יאָמטעוודיקע טרוימערס. דאָס האָבן ניט פארשטאנען אייניקע קריטיקער ביז דער רעוואָליוציע. זיי האָבן געזען בלויז דאָס ערשטע, די געוויינלעכקײַט און די וואָכעדיקײַט פון די געשטאלטן אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. אזא ערנסטער קריטיקער, ווי באלמאכשאָוועס, האָט געשריבן:

„שאָלעם־אַלייכעם איז א הומאָריסט, קאריקאטוריסט און אין דער זעלבער צײַט אן עכטער נאטוראליסט"; „קיין שפּור פון ראָמאנטיזם, סענטימענטאלקײַט, בלויז פּרימיטיווער רעאליזם; זײַנע שילדערונגען זײַנען גראָבע, ווי אליין דאָס גרויע לעבן".

שאָלעם־אַלייכעמס רעאליסטישער מעטאָד פון שאפן לעבעדיקע טיפּן און געשטאלטן, ניט ארײַנפאלנדיק דערבײַ אין פּרימיטיוויזם, אין אויבערפלעכלעכער „אָפּשפּיגלונג", — דאָס איז א ביז גאָר קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, וואָס לאָזט זיך ניט אנטדעקן פונעם ערשטן קוק. דאָ פאָדערט זיך א טיפע באטראכטונג און א גענויע פאָרשונג, קעדיי זיך צו דערגרונטעווען ביזן עמעסן טאָך פון דעם געשטאלט. און דעמלט ווײַזט זיך ארויס, אז שאָלעם־אַלייכעמס טיפּן און געשטאלטן זײַנען ניט בלויז רעאל, דאָס הייסט אזוי, ווי זיי זײַנען אין דערווירקלעכקײַט. די קינסטלערישע קראפט פון פאראלגעמיינערונג באם עכטן רעאליסט באשטייט ניט אין דעם, וואָס ער ווײַזט דעם כאראקטער פונעם מענטשן אזוי, ווי ער איז. דאָס וואָלט געקאָנט, מעגלעך, זײַן בא יעדן נאטוראליסט. טיפּן און געשטאלטן אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק זײַנען ניט בלויז רעאל, נאָר אויך אומרעאל, דאָס הייסט ווײַט ניט אזוי, ווי זיי זעען אויס אפן ערשטן קוק. די קראפט פון קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג באם שאפן טיפּן און געשטאלטן דערגרייכט אין דער שאפונג פונעם גרויסן רעאליסט די סאמע העכסטע שטופע. דער קינסטלער אנטפלעקט אינעם טיפּ, אין כאראקטער פונעם מענטשן אויך דאָס אומגעוויינלעכע, אומנאטירלעכע, אויך דאָס צופעליקע, דאָס פאנטאסטישע, דאָס זינלאָזע און אפילע דאָס אבסורדאלע. טיפּיזאציע אין שאָלעם־אַלייכעמס רעאליסטישן סטיל איז ניט באגרענעצט מיט דאָגמאטישע קלאָלים. פאר שאָלעם־אַלייכעמען, ווי פאר אלע גרויסע קינסטלער פון דער וועלט־ליטעראטור, איז דאָס אומרעאלע אויך געווען רעאל.

מ. גאָרקי האָט געהאלטן, אז דער קויעך פון דער רוסישער קלאסישער ליטעראטור באשטייט אין דעם, וואָס זי האָט ענג באהעפט דעם רעאליזם מיטן ראָמאנטיזם, דאָס הייסט, זײַענדיק רעאליסטיש, האָט זי זיך ניט אָפּגעזאָגט פון ראָמאנטישער שאפונג. לערמאָנטאָוו איז געווען דער אווטאָר פון „דעמאָן", גאָגאָלס „פּעטערבורגסקיִע פּאָוועסטי" און „מיאָרטוויִע דושי" זײַנען ווערק וועגן א וועלט, וואָס איז א „מעשוגאָיִם־הויז".

אין דער ייִדישער ליטעראטור איז י.־ל. פּערעץ, וועלכער האָט אליין געזאָגט אף זיך, אז ער איז א „פארפאלענער ראָמאנטיקער", ניט געווען דער אײנציקער, וואָס האָט צונויפגעפּאָרט ראָמאנטיזם מיט רעאליזם. אויך שאָלעם־אַלייכעם, אָט דער רעאליסט שעבערעאליסט, אָט דער איבערצײַגטער קעגנער פון אומרעאלן און אומנאטירלעכן, אָט דער שטענדיקער קעמפער קעגן יעדער מין אנטירעאליסטישע טענדענצן אין דער ליטעראטור, אויך ער האָט פארקערפּערט אין זיינע טיפּן און געשטאלטן ניט בלויז דאָס רעאלע.

אינטערעסאנט איז, וואָס באמערקט האָט דאָס דער ערשטער דאפקע באלמאכשאָוועס, וועלכער, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געהאלטן, אז שאָלעם־אַלייכעם איז א נאטוראליסט. באלמאכשאָוועס האָט געשריבן: „מענאכעם־מענדלען רינגלען ארום אלערליי מאלאכיי־כאבאָלע, וואָס וואַרפן אים א גאנצע וואָך פון איין עק אין אנדערן". „מענאכעם־מענדל פון יעהופּעץ — דאָס איז די ייִדישע פאָלקס־מעשוגאַס אין דער געשטאלט פון א ייִדישן סויכערל".

דאָס איז זייער א טיפע באמערקונג, וואָס גיט א סאך צו פארשטיין דעם אויפן פון טיפּיזאציע בא שאָלעם־אַלייכעמען. ער אנטפּלעקט די דאָמינירנדיקע לײַדנשאפט, וואָס אין איר ווײַזט זיך אמערסטן ארויס די פּסיכאָלאָגיע פונעם פּערסאָנאזש, זײַנע פּאָזיטיווע און נעגאטיווע גענג, זײַנע גײַסטיקע אופשטײַגן און נידערפאלן. פארשארפנדיק די לײַדנשאפט, דערפירט דער שרײַבער די שילדערונג פון דער פּסיכאָלאָגיע בא די פּערשוינען ביז מאניִאקאלישקײַט. באלמאכשאָוועסעס טיפע באמערקונג האָט א שײַכעס ניט בלויז צו מענאכעם־מענדלען, נאָר אויך צו אנדערע געשטאלטן אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. אין דער נאָוועלע „יויסעף" זאָגט דער דערציילער, דער „דזשענטלמען": „בא מיר,

אז איך וויל עפּעס דערזען א זאך, איז גאָר נישטאָ קיין טערעץ, פון געלט שמועסט מען נישט. איך בין דאָך א יונגערמאן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, א סויכער און א שיינער פּארדי־נער, און א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָ־דאָבנע". און אָט דער יונגערמאן הייבט אָן אויסדערציילן זײַנע ליבע־לײַדנשאפטן, און ער זאָגט אליין אף זיך: „אָט אזא מעשוגענער בין איך". אינעם גאָר שטארקן מאָנאָלאָג „דער מענטש פון בוענאָס־אײַרעס" זאָגט אויך דער דערציילער „אָט אזא מעשוגענער בין איך". אין דער באוווּסטער נאָוועלע „גימנאזיע" דערציילט דער ייִד: „איך האָב מיך, הערט איר, דעמלט אליין אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם". און אזוי אויך אין די ווערק „פינף און זיבעציק טויזנט", „מילכיקס" און א ריי אנדערע.

שאָלעם־אלייכעם האָט אופגעדעקט אינעם כאראקטער פונעם „קליינעם מענטשעלע" ניט בלויז די „קליינע האסאָגעס", נאָר אויך די מענטשלעכע באגערן, האָפענונגען און לײַדנ־שאפטן, אויב אפילע דאָס אײַנגעשפּארטע פּאר־ווירקלעכן זיי קאָן ארויסשלאָגן דעם פּארשוין פונעם רויקן, נאָרמאלן צושטאנד און דערפירן די לײַדנשאפט, דאָס דערגרייכן דעם געגארטן ציל ביז, ווי עס קאָן דאכטן, אומרעאלע גענג, האנדלונג, פּסיכאָלאָגיע, רייד.

שאָלעם־אלייכעמס טיפּן און געשטאלטן זײַ־נען ניט איינזײַטיק, ניט פון איין אויסמעסטונג. אין זיי איז פארקערפּערט ניט די אָדער יענע באגרענעצטע, איזאָלירטע לעבנס־דערשײַנונג. טיפּן און געשטאלטן אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק טראָגן אן אוניווערסאלן כאראקטער, זײַ־ענדיק איינצײַטיק קאָנקרעט־אינדיווידועל. די פארשוינונגען זײַנען נאציאָנאל און אינטערנאציאָ־נאל, זיי זײַנען לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע אייגענע פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע, סאָציאלע, נאציאָנאלע אייגנשאפטן.

3. קאָמישע טיפּן און געשטאלטן

שאָלעם־אלייכעמס טיפּן און געשטאלטן זײַנען קאָמיש און פאָלקסטימלעך. וועגן דעם האָט מען שוין גערעדט און געשריבן ניט איין מאָל. שאָ־לעם־אלייכעם איז א פענאָמענאלע דערשײַנונג אין דער וועלט־ליטעראטור טאקע מיט זײַן הו־מאָר און מיט זײַן פאָלקסטימלעכקײַט. שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם — דאָס איז זײַן פאָלקסטימ־לעכקײַט.

די באלעבעסלדיקע אפּאָלאָגעטן פון קליינ־שטעטלדיקײַט זײַנען גענייגט צו זען אין שאָ־לעם־אלייכעמס שאפן בלויז דאָס קאסרילעוודי־קע, דאָס קליינשטעטלדיקע, זיי קאָנען ניט בא־נעמען שאָלעם־אלייכעמס געוויִנעס, וואָס אנט־פּלעקט זיך באם פארקערפּערן אין די געשטאלטן פון די „קליינע מענטשעלעך" די אומבאגרע־נעצטע קראפט פון דער פאָלקס־שעפערישקײַט, וועלכע איז פייִק צו פארווירקלעכן קאָלאָסאלע לעבנס־דערשײַנונגען. שאָלעם־אלייכעמס פאָלקס־טיפּן, און דאפקע די קאָמישע, פילן אין זיך קאָ־לאָסאלע מעגלעכקײַטן צו שאפן א נײַ לעבן.

שאָלעם־אלייכעמס הומאָריסטישע טיפּן ווערן ניט זעלטן באטראכט ווי טרעגער פון א מער אָדער ווייניקער קליינלעכער, אמאָל אפילע ניש־טיקער פּסיכאָלאָגיע, וואָס פארמאָגט ניט קיין באדײַטנדיקײַט און קיין גרויסקײַט. דאָס האָט, אגעוו, א שײַכעס אויך צו אנדערע מײַסטערס פונעם קאָמישן, באזונדערס צו גאָגאָלן, וועלכער איז מיט פיל נאָענט צו שאָלעם־אלייכעמען.

די פיגמייען פון דער ליטעראטור מאכן אומ־געלומפּערטע אויספירן, אז שאָלעם־אלייכעמס גור־פע איז אינטעלעקטועל געשטאנען ניט העכער פון זײַנע קאסרילעווקער פארשוינען. י.־י. טרונק, לעמאָשל, דערלויבט זיך צו שרײַבן: „אינטעלעקטועל, אלס אָביעקטיווער לעבנס־באטראכטער, איז שאָלעם־אלייכעם אליין ניט געשטאנען פיל העכער פון דער מאסע. אין זײַן וועלט־באנעם איז ער געווען איינער פון די קליינע מענטשעלעך. די דאָזיקע אינטעלעקטוע־לע דעפעקטן האָבן זיכער געשטערט שאָלעם־אלייכעמען אין זײַן וועג צו זײַן אייגענער טיפ־קײַט"[1].

„שאָלעם־אלייכעם פערזענלעך איז א „קליין מענטשעלע" אָן א גרויסער וועלט־אָנשויונג. שאָלעם־אלייכעם שאפט בלויז מיט דער פּרימי־טיווער אינטויִציע און מיט בלינדן אינסטינקט פון זײַן קינסטלערישקײַט. ער פארמאָגט טיפע קינסטלערישע אינטויִציע, אָבער עס פעלט אים דער קינסטלערישער פארשטאנד"[2].

טרונק און ענלעכע צו אים פּאָרשער מיינען, אפּאָנעם, אז דער קינסטלער, וואָס מאָלט א שיינגײַסט אָדער א פּרינץ, איז גרויס, אינטע־לעקטועל און שעפעריש, און דער, וואָס מאָלט א „קליין מענטשעלע", איז אליין א קליין מענטשעלע...

אין דער אָפּשאצונג פון שאָלעם־אלייכעמען לאָזן זיך באזונדערס פילן די פאָרורטיילן פון דער אידעאליסטישער עסטעטיק. די אנטישע גריכישע דענקער האָבן, ווי באוווּסט, באטראכט דאָס טראגישע אין דער קונסט ווי א פאקטאָר, וואָס ווירקט פּאָזיטיוו אף דער זיטלעכקײַט פו־נעם מענטשן, ווי א מיטל פון עטישער און מאָראלישער דערציִונג. דאָס טראגישע איז בא־טראכט געוואָרן אלס העכער מין קונסט, בייס דאָס קאָמישע איז פארעכנט געוואָרן אלס ני־דעריקע, גראָבע, פּראָסטע קונסט, וואָס איז ניט בעקויעך אופצוּוועקן דערהויבענע געפילן און איבערלעבונגען. דער יעסאָד פונעם טראגישן איז, לויט דער מיינונג פון די אוראלטע טעאָ־רעטיקער און דענקער, דאָס אידעאלע און דער יעסאָד פונעם קאָמישן — דאָס רעאלע, דאָס הייסט דאָס טריוויִאלע אָדער אפילע דאָס העס־לעכע[3].

---

[1] י.־י. טרונק. שאָלעם־אלייכעם (זײַן וועזן און זײַנע ווערק), ווארשע, 1937, ז. 15.

[2] דאָרטן, ז. 44.

[3] אריסטאָטעל האָט געשריבן: „דאָס לעכערלעכע איז א באשטאנדטייל פונעם העסלעכן; דאָס לעכער־לעכע — דאָס איז א מין פעלער און פארקריפּלונג, וואָס פארשאפט קיינעם ניט קיין לייד און איז פאר קיינעם ניט געפערלעך".

אין דער אַנטישער עפּאָכע האָט אַריסטאָטעלס עסטעטיק און זײַן אָנשויונג אפן קאָמישן, קאָן זײַן, אָפּגעשפּיגלט די רעאַלע לאַגע אינעם לעבן און אין דער קונסט. „...אין אוראַלטן רוים איז דער קלאַסנקאַמף פאָרגעקומען בלויז אינערלעך אין דער פּריווילעגירטער מינדערהײַט, צווישן די פרײַע גווירים און די פרײַע אָרעמעלײַט, בײַס די קאָלאָסאַלע פּראָדוצירנדיקע־מאַסע פון דער באַפעלקערונג, די קנעכט, האָט געדינט בלויז פאַר א פּיעדעסטאַל פאַר די קעמפּערס” (מאַרקס).

די אָנשויונגען פון די אוראַלטע פילאָסאָפן אף דעם טראַגישן און קאָמישן זײַנען מיט גרעסערע אָדער קלענערע וואַריאַציעס געווען ברייט פאַרשפּרייט אין דער אידעאַליסטישער עסטעטיק פון די ווײַטערדיקע עפּאָכעס, ביז דער נײַסטער צײַט, ווען אף דער היסטאָרישער אַרענע איז אַרויסגעטראָטן דער מאַרקסיזם.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור פונעם זיבעצעטן און אַכצעטן יאָרהונדערט, דער פראַנצויזישער קלאַסיציזם, באַזונדערס די עסטעטיק פון אָט דער ליטעראַטור, איז נאָך געגאַנגען מיט די וועגן פון דער אַנטישער פילאָסאָפיע און האָט אויך געטיילט די זשאַנרען און פאָרמען פון ליטעראַרישער שאַפונג אף „הויכע” און „נידעריקע”, געהאַלטן דאָס טראַגישע פאַר הויכער קונסט און דאָס קאָמישע — פאַר נידעריקער. דער מער אָנגעזעענער טעאָרעטיקער פונעם קלאַסיציזם בואַלאָ האָט אַנטשיידן און קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די „גראָבע”, „נידעריקע” „נאַטור”. פאַר נידעריק האָט בואַלאָ געהאַלטן אַלדאָס פאָלקסטימלעכע — די פאָלקסליד, דעם פאָלקס־טעאַטער; דאָס קאָמישע אין דער קונסט האָט בואַלאָ ביטלדיק טרעטירט אַלס „גאַסנדיקס”, „וווּלגאַרעדיקס”. ער האָט די בורלעסקיש־שטיפערישע פּאָעזיע, דעם סאַטירישן מאָשל, דעם פריילעכן וואָדעוויל, דעם לעבנסלוסטיקן פאַרס ניט געהאַלטן פאַר קונסט, ווײַל, הייסט עס, זיי קאָנען פאַרשאַפן פאַרגעניגן בלויז לאַקייען און דינסטן...

אינטערעסאַנט, אַז די רוסישע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן האָבן אַנדערש באַטראַכט די פּראָבלעם פונעם קאָמישן. הערצען האָט געהאַלטן, אַז „דער געלעכטער איז מיט עפּעס רעוואָליוציאָנער”. און נאָך: „געלעכטער — דאָס איז איינס פון די שטאַרקסטע מיטלען קעגן אַלץ, וואָס האָט אָפּגעלעבט און האַלט זיך נאָך, גאָט ווייסט אף וואָס, ווי א וויכטיקע רויִנע, שטערנדיק דעם וווּקס פונעם נײַעם לעבן און שרעקנדיק די שוואַכע”. אויך בעלינסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „געלעכטער איז אָפט א גרויסער פאַרמיטלער צו אונטערשיידן עמעס פון ליגן”.

זייער וויכטיק זײַנען די אַרויסזאָגונגען וועגן דעם קאָמישן אין טשערנישעווסקיס עסטעטיק. ער פּאָלעמיזירט קעגן אַריסטאָטעלן, קריטיקירנדיק אים דערפאַר, וואָס ער „וויל ניט באַמערקן די הויכע באַדײַטונג פון דער קאָמעדיע”. טשערנישעווסקי האָט זייער ריכטיק געשריבן, אַז אויסלאַכנדיק דאָס העסלעכע, „דערהייבן מיר זיך איבער דעם”. און — „דאָס קאָמישע דערוועקט אין אונדז דעם געפיל פון זעלבסטווירדע”[1].

די געשיכטע פון דער קונסט און פון דער ליטעראַטור באַווײַזט, אַז דאָס טראַגישע גייט באַנאַנד מיטן קאָמישן, דאָס קאָמישע און דאָס טראַגישע גייען אַריבער איינס אינעם צווייטן און בילדן א דיאַלעקטישע איינהייט, אָפּשפּיגלענדיק אַזויאַרום די דיאַלעקטישע איינהייט פונעם טראַגישן און קאָמישן אין לעבן. דעריבער האָט מאַרקס גערעדט וועגן פיל פּאַזיסן פון דער „אַלוועלטלעך־היסטאָרישער פאָרמע”. פאַר דער לעצטער פּאַזע האָט ער געהאַלטן די קאָמעדיע. ניט בלויז אין דער אַנטישער קונסט און ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער קונסט פון דער נײַער צײַט. לעמאָשל, בא שעקספּירן, גייט דאָס קאָמישע באַנאַנד מיטן טראַגישן, ווי אַן איינהײַטלעכע אָפּשפּיגלונג פון א וויכטיקער איבערגאַנג־עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. אין דער ליטעראַטור פון פיל אייראָפּעיִשע פעלקער האָט דאָס קאָמישע פאַרנומען דאָס וויכטיקסטע אָרט און אַרויסגערוקט אַזעלכע שעפער, ווי ראַבלע, סערוואַנטעס, סוויפט, מאָליער, היינע, דיקענס, טעקערײ, גאָגאָל, שטשעדרין, טשעכאָוו, שאָלעם־אַליכעם, טווען, האַשעק און אַנדערע.

אין 1915, צום סאָף פון זײַן לעבן, האָט שאָלעם־אַליכעם אָנגעשריבן די פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס”, וואָס איז געווידמעט דער פּראָבלעם פון זוכן און געפינען גליק אף דער ערד. אין טאָך איז אָט די פּראָבלעם געשטעלט אין יעדער ווערק שאָלעם־אַליכעמס און אין זײַן גאַנצער שאַפונג. אין ראָמאַן „פונעם יאַריד” ווערט דערציילט וועגן אַן אוצר, וואָס באַגדאַן כמעלניצקי זאָל האָבן באַגראָבן. דאָס זוכן אַן אוצר איז די סימבאָלישע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון די טרוימען פונעם „קליינעם מענטשעלע” וועגן א גערעכטיק סאָציאַל לעבן. אָט די אידײ איז גרינג צו געפינען אַפילע אין די קעפּלעך פון א ריי שאָלעם־אַליכעמס ווערק. „דאָס גרויסע געווינס” — אַזוי הייסט די ערשטע נאָוועלע פון „טעוויע דער מילכיקער”. ווײַטער גייען „א ווינגרישני בילעט”, „פינף און זיבעציק טויזנט”, „די גאָלדשפּינערס”, „די גאָלדגרעבערס”, „אַן אוצר”. מיר ריידן שוין ניט וועגן דעם ווערק „מענאַכעם־מענדל”, וואָס זײַן העלד איז דורכגעדרונגען מיט די שטרעבונגען צו „דעראָבערן מיליאָנען”. דאָס איז אָבער ניט קיין לײַדנשאַפט צו ווערן באַרײַכערט, ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע געלטגיריקײַט. אוצרעס, גאָלד, געלט, גרויסע געווינסן, מיליאָנען, בריליאַנטן — אונטער דעם אַלעמען איז באַהאַלטן די בענקשאַפט און דער טרוים וועגן א גליקלעך מענטשלעך לעבן.

דאָס געשטאַלט פון מענאַכעם־מענדלען ווערט געוויינלעך באַטראַכט ווי די פאַרקערפּערונג פון דער קליינבירגערלעכער שטרעבונג פונעם

---

[1] Н. Г. Чернышевский. Полн. собр. соч. в пятнадцати томах, т. 2, стр. 191.

„קלײנעם מענטשעלע" „אַרופֿצואַרבעטן זיך", אַרופֿכאַפּן זיך אַרויף אױפֿן קאַפּיטאַליסטישן לײטער. מענאַכעם־מענדל האָט אַ שעם פֿון אַ לופֿטמענטש. און דאָס איז אַוודאי ריכטיק. דערמיט ווערט אָבער ניט אויסגעשעפּט דער טאָך פֿון זײַן כאַראַקטער אַלס קינסטלערישער סאָציאַלער טיפּ. עס איז צו באַוווּנדערן זײַנע אומדערמידלעכע זוכונגען, זײַן אומרויִקײַט, זײַנע אײביקע שטרעבונגען צו נײַעם, צו ענדערונגען און פֿאַרוואַנדלונגען. און באַזונדערס וויכטיק איז זײַן גלויבן אין די אײגענע מעגלעכקײַטן צו דערגרייכן דאָס, וואָס ער קאָן בעשום־אופֿן ניט דערגרייכן. מענאַכעם־מענדלס אָפּטימיזם האָט קײן גרענעץ ניט. ער האַלט זיך ניט פֿאַר קײן קלײן מענטשעלע. ער פּרוּווט זײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטן אין די סאַמע פֿאַרשײדנסטע געביטן פֿונעם לעבן. ער איז ניט בלויז אַ מעקלער אויף דער בירזשע אָדער אַ שאַדכן. ער נעמט זיך דרייסט פֿאַר אַזעלכע פּראָפֿעסיעס, ווי אַ שרײַבער, אַ זשורנאַליסט, אַ דיפּלאָמאַט, אַ פּאָליטיקער, „פֿאַר אַ מיליאָנער, אַ בראָדסקי", צי אַפֿילו... אַ ראָטשילד! מענאַכעם־מענדל האַלט ניט, אַז ער איז ווײניקער פֿעיִק פֿון די שרײַבער, דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער, מיליאָנערן. גאַנץ ערנסט שרײַבט ער צו שײנע־שײנדלען:

„אויב דו געדענקסט פֿון מײַן לעצטן בריוו, האָב איך מיך דאָ, אויף דער אַכסאַניע, ווו איך האַלט סטאַנציע, באַקענט מיט אײנעם אַ שרײַבער, וואָס שרײַבט אויף די גאַזעטן, און דערפֿון טאַקע לעבט ער. דעהײַנע, וויִאַזוי? ער זעצט זיך אַוועק און שרײַבט אָן אַ זאַך און שיקט עס אַוועק, און מע דרוקט עס אָפּ, באַקומט ער באַצאָלט פֿון דער שורע, אַ קאָפּעקע אַ שורע. וויפֿל שורעס, אַזויפֿיל קאָפּעקעס. האָב איך מיך מעיִאַשעווו געווען: גוואַלד, ריבוינעשעלוילעם, מיט וואָס בין איך ערגער פֿון אים? די גרויסע טוירע, וואָס דאָ איז? דאַכט זיך, איך האָב אויך געלערנט אין אַ כײדער און אַ האַנט צום שרײַבן האָב איך אַ שענערע ווי ער, — עפּשער וואָלט איך מיך אַ פּרוּוו טאָן און אַ שרײַב אַרײַן אין אַ יִדיש בלאַט?"

מענאַכעם־מענדל איז פֿון קײנעם ניט ערגער. ער פֿילט אין זיך קויכעס צו פֿאַרנעמען אַן אָרט אין לעבן. אָט שרײַבט ער ווידער צו זײַן שײנע־שײנדלען:

„זײַ וויסן, אַז מיט בראָצקין האָב איך מיך צעגאַנגען. דאָס הײסט, מיר האָבן, זיך, כאָלילע, נישט געקריגט, נאָר איך האָב אויפֿגעהערט גײן אַהין — וואָס איז מיר בראָצקי, אַז איך שפּאַר שוין גאָר אָן צו ראָטשילדן קײן פּאַריזש?"

פֿאַר מענאַכעם־מענדלען איז קײנער ניט קײן העלד, און ער אַלײן פֿילט זיך ניט ערגער און ניט נידעריקער פֿונעם גרעסטן העלד. דורך דעם קאָמישן העלד האָט שאָלעם־אַליכעם געוואָלט אַנטפּלעקן דאָס מענטשלעכע אינעם „קלײנעם מענטשעלע", ער האָט געוואָלט ווײַזן זײַן זעלבסטווירדע, זײַן גלויבן אין זיך און אין זײַנע שעפֿערישע מעגלעכקײַטן. ניט דאָס נישטיקע און דאָס קלײנלעכע האָט שאָלעם־אַליכעם פֿאַרקערפּערט אין זײַנע קאָמישע געשטאַלטן, נאָר דאָס ווירדיקע און באַדײַטנדיקע.

אויף אָט דער אײגנשאַפֿט פֿון שאָלעם־אַליכעמס קאָמישע טיפּן און געשטאַלטן האָט ביז איצט די קריטיק ניט געלייגט קײן אַכט. איבעריקנס, איז די אַנטשפּרעכיקע פּראָבלעם ווייניק באַטראַכט געוואָרן אויך אין דער רוסישער קריטיק. אין די הומאָריסטישע טיפּן בײַ גאָגאָלן איז אויך פֿאַרקערפּערט ניט בלויז דאָס לעכערלעכע, דאָס קלײנלעכע און געמײנע, נאָר אויך, און עפּשער אַפֿילו דעריקער, טאַקע דאָס מענטשלעכע, די זעלבסטווירדע פֿונעם קלײנעם מענטשעלע, וואָס ווערט דערנידעריקט אין דער ווירקלעכקײַט, אָבער ער ווערט ניט נידעריק בײַ זיך זעלבסט. איך וועל ברענגען בלויז אײן בײַשפּיל. כלעסטאַקאָוו זאָגט:

„איך בין אַלע טאָג אויף באַלן. דאָרט איז שוין געשאַפֿן אונדזער וויסט: דער אויסערן־מיניסטער, דער פֿראַנצויזישער געזאַנדטער, דער ענגלישער, דער דײַטשישער און איך, און ווערסט אַזוי פֿאַרמאַטערט פֿון דער שפּיל, אַז ניט איבערצוגעבן, גיסט אַ לויף אויף די טרעפּ צו זיך אויפֿן פֿערטן עטאַזש, גיסט בלויז אַ זאָג דער קעכן: „נאַ, מאַוורושע, די שינעל..." עפּעס לײַג איך, כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז איך וווין אויפֿן בעל־עטאַזש. בײַ מיר שטייט אײן לייטער... ס'איז אינטערעסאַנט אַ קוק טאָן צו מיר אין פֿאָדערצימער, ווען איך שלאָף נאָך: גראַפֿן און פֿירשטן דרייען זיך אַרום און זשוזשען דאָרטן, ווי די שמעלן, מע הערט נאָר: זש, זש, זש... אַמאָל אויך אַ מיניסטער... מיר שרײַבט מען אַפֿילו אויף די פּאַקעטן: אײַער עקסעלענץ, אײנמאָל האָב איך אָנגעפֿירט אַפֿילו מיט אַ דעפּאַרטאַמענט"... אאַוו. אדג.

בײַ גאָגאָלן, ווי בײַ שאָלעם־אַליכעמען, זעט מען אין די קאָמישע געשטאַלטן ניט בלויז דאָס נישטיקע און אַפֿילו ניט דעריקער דאָס נישטיקע, נאָר פֿאַרקערט, זייער שטרעבן צו פֿילן זיך אַלס ווירדיקע מענטשן. די קאָמישע העלדן, די קלײנע מענטשעלעך און די קלײנע טשינאָווניקעס, כלעסטאַקאָוו און מענאַכעם־מענדל הייבן אָן פֿאַרלירן זייער קאָמיזם, זיי ווערן טראַגיש, און מיט זייער גוירל רופֿן זיי אַרויס ניט בלויז געלעכטער, נאָר אויך פּראָטעסט קעגן דער פֿאַרקריפּלטער סאָציִאַלער ווירקלעכקײַט, וואָס פֿאַרורטײלט דעם מענטשן אויף לײדן און פּײַן.

יאָ, שאָלעם־אַליכעמס טיפּן און געשטאַלטן זײַנען קאָמיש, זיי זײַנען טראַגיש און זיי זײַנען פֿאָלקסטימלעך. אין דעם באַשטייט אויך די אײגנשאַפֿט פֿון שאָלעם־אַליכעם־רעאַליזם.

■ ■ ■

סאמעד ווורגון — דער זינגער פון אזערבײַדזשאַן

די ליטעראַרישע יערושע פונעם פאָלקס־פּאָעט פון אזערבײַדזשאַן סאמעד ווורגון איז פילפארביק און פארשיידנארטיק. ער האָט געשאפן פּרעכטיקע מוסטערן, קאָן מען זאָגן, אין אלע פּאָעטישע זשאנרען: אין ליבע־לידער, פּאָליטישער און פילאָסאָפישער ליריק, עפּישע פּאָעמעס, דראמעס אין פערזן. אין מעשעך פון א סאך יאָרן זײַנען זײַנע ווערק דערשינען אין גרויסע טיראזשן ניט נאָר אין אזערבײַדזשאַן, ווו עס ווייסן זיי קינד־און־קייט, נאָר אויך אין אנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן און אין אויסלאנד. א ווירדיקער יורעש פון די הומאניסטישע טראדיציעס פון די גענ׳אלע אזערבײַדזשאַנישע קלאסיקער כאגאני, ניזאמי, נאסימי, פיזולי, וואגיף, סאביר, האָט ער דערהויבן די קינסטלערישע שאפונג פון זײַן פאָלק צו א נײַער קוואליטאטיווער הייך.

סאמעד ווורגונס דיכטונג פארמאָגט צוויי הויפּט־אייגנשאפטן: אן אויסערגעווייגלעך שארפן געפיל פון לעבנס־עמעס און א טיפן פילאָסאָפישן געדאנק. זי איז פארבונדן מיטן נײַעם עטאפּ אין דער געשיכטע פונעם פאָלק, מיטן הייסן לעבנס־פּולס, מיט די געפילן און דײַגעס פון דעם מיטצײַטלער. אויסגעפורעמט אין שטײַפע, אויסגעשליפענע פאָרמען, האָט זי באקומען א שעם ווײַט אויסער די גרענעצן פון אזערבײַדזשאַן. אלעקסאנדער פאדייעוו האָט געשריבן אין א בריוו:

„טײַערער פרײַנט סאמעד! דײַן שטאָלצע ליד פינקלט אינעם געשטערן פון דער פּרעכטיקער פּאָעזיע, וועלכע ס׳האָבן געשאפן די סאָוועטישע פעלקער, דײַן דיכטונג איז באליבט בא מיליאָנען סאָוועטישע מענטשן פון פארשיידענע נאַציאָנאליטעטן. איך בין שוין פון לאנג פארליבט אין איר"...

סאמעד ווורגון (יוסיף אָגלי ווועקילאָוו) איז געבוירן געוואָרן אין 1906 אינעם דאָרף אויבער־סאלאכלי, קאזאכער אויעזד (אזערבײַדזשאַן) אין אן אָרעמער פּויערישער מישפּאָכע. אין 1924 האָט ער פארענדיקט א פּעדאגאָגישן טעכניקום און אָנגעהויבן ארבעטן אלס לערער. צו יענער צײַט געהערן זײַנע ערשטע געדרוקטע לידער. דערנאָך לערנט ער זיך אין מאָסקווער אוניווערסיטעט און אין דער אספּיראנטור פונעם אזערבײַדזשאַנישן פּעדאגאָגישן אינסטיטוט.

די ערשטע לידער־זאמלונג האָט ווורגון ארויסגעלאָזט אין 1925, און פון דעמלט אָן ווערט ער באוווּסט אלס פּאָעט און געזעלשאפטלעכער טוער. אָנהייבנדיק פונעם 1934, איז ער איינער פון די אָנפירער פון דער אזערבײַדזשאַנישער שרײַבער־אָרגאניזאציע.

די דרײַסיקער יאָרן זײַנען דער פּעריאָד פון געם שעפערישן וווּקס פון דעם דיכטער. איינס נאָכן אנדערן דערשײַנען זײַנע באוווּסטע ווערק — „26", „באסטי", „טאליסטאן". ער זעצט איבער אף אזערבײַדזשאַניש פּושקינס „יעווגעני אָניעגין", רוסטאוועליס „דער ריטער אין דער טיגער־פעל", גאָרקיס „דאָס מיידל און דער טויט", ווי אויך א ריי ווערק פון דער אוקראַינישער, קאזאכישער און אנדערע ליטעראטורן.

ערעוו דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע שאפט ער זײַנע באדײַטנדיקסטע ווערק — די דראמעס „וואגיף" און „כאנלאר". די ערשטע איז געווידמעט דעם אָנגעזעענעם אזערבײַדזשאַנישן פּאָלקס־פּאָעט און קעמפער פאר סאָציאַלער רעכט, די צווייטע שטעלט מיט זיך פאָר א היסטאָרישע פּיעסע אין פערזן וועגן דעם רעוואָליוציאָנער־באָלשעוויק כאנלאר סאפאראַליעוו. ווורגון שרײַבט אָן אין יענע יאָרן נאָך א דראמע — „פארכאד און שירין" (אפן סוזשעט פון דער בארימטער פּאָעמע פון ניזאמי „כאָסראָוו און שירין"). פאר „וואגיף" און „פארכאד און שירין" ווערט ער באערט מיט דער מעלוכע־פּרעמיע פון פססר.

מיט א נײַער קראפט קלינגט סאמעד ווורגונס פּאָעזיע אין די מילכאָמע־יאָרן. זײַנע פלאמיקע שורעס זײַנען געווענדט קעגן דעם בלוטיקן פאשיזם, זיי באזינגען דעם העלדנמוט פונעם סאָוועטישן פאָלק. אין די פערציקער — פופציקער יאָרן דערשײַנען איינע נאָך דער אנדערער די לידער־זאמלונגען „פארברענטע ביכער", „דער נעגער רעדט", „מוגאן", „אײַגיון", די פּאָעמעס „לייענענדיק לענינען", „דער פאָגענטרעגער פון דער עפּאָכע". נאָך א ריי רײַזעס קיין דײַטשלאנד, ענגלאנד, פּוילן שאפט ער דעם בוך „דערינערונגען וועגן אייראָפּע".

פאר זײַן ווערטפולן בײַטראָג אין דער טעאָריע פון ליטעראטור ווערט ער אויסגעוויילט אלס ווירקלעכער מיטגליד פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער אזערבײַדזשאַנישער רעפּובליק.

סאמעד ווורגון איז געשטאָרבן אין 1956 אין סאמע בלי פון זײַן מערקווירדיקן טאלאנט.

זאיד אקפּעראָוו,

עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער

זיקאָרן

ס'ענגע בעטל און דער דיל פון ליים.
און פון סאַז די הארציק-מילדע קלאַנגען
כ'הער ביז איצט, כאָטש שוין פון לאַנג
פאַרגאַנגען.
אף מײַן מאַמעס שטערן הונדערט יאָר
אָפּגעקאַרבט זײַן גורל האָט א דאָר...
וויאַזוי זשע האָב איך עס פאַרלאָרן —
דאָס, וואָס אויך מײַן גורל וואָלט געוואָרן?

האָסט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:
„אומקערן וועסט מער זיך ניט, מײַן פויגל”...
וויפל יאָר, פונקט ווי א זיסע פּלאָג,
אָט די ווערטער אין מײַן הארץ איך טראָג?
פון די ליפּן, ווי פון קוואַל פון ריינעם,
פון די ליפּן — לאַכן זיי צי וויינען, —
פון די ליפּן, פון דײַן מויל פאַרשמאַכטן
גייען זיי אַרײַן מיר גלײַך אין הארצן.
וויפל פרילינגס, ווינטערס — אָן א שיר
קראַפט און לעבנס-מוט זיי גיבן מיר.

ס'קומט מײַן גרוס צו דיר, פונקט ווי א טפילע,
ס'קומט מײַן גרוס און בעט בא דיר מעכילע,
ס'קומט מײַן גרוס, וואָס פונקט ווי דו איז צאַרט,
און צעזייט די כאַשכעס פון דער נאַכט.

האָב אף מיר ניט, מאַמע, קיין פאַריבל,
זעסט, כ'בין דאָ... ראַם אוף דעם הויף, דאָס
שטיבל.
שכיינים, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן,
וועלן מיטן גאַסט דיך הייס באַגריסן
און זיך שעפּטשען: „זייער ענלעך, זעט,
איז ער אף זײַן מאַמען, דער פּאָעט!”
מײַן נאַטור דו ביסט, מײַן קונסט, מײַן שטרעבן,
פּוסט אָן דיר געוועזן וואָלט מײַן לעבן,
כ'בענטש די מילך, וואָס פון איר שטראָם האָט
איצט
אף דער וועלט מײַן ליד זיך ברייט צעשפּריצט.

האָסט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:
„אומקערן וועסט מער זיך ניט, מײַן פויגל”...
יאָרן פיל עס זײַנען שוין אוועק,
וויפל מאָל איך זוך צו דיר דעם וועג,
דיר דערציילן — אָנהייבן פון וואָס?
ס'איז אין בוך פון לעבן — בלויז איין אָס.

אלץ לעבט ווידער אוף אין מײַן זיקאָרן,
אלץ, וואָס אויך מײַן גורל וואָלט געוואָרן,
און עס ציִען זיך צו מיר פון ווײַטער ווײַט
בושעלן פון יענער יוגנט-צײַט.

ס'קנאַקט דאָס האָלץ אין אויוון. רויך און פײַער.
אלץ איז נאָענט מיר אזוי און טײַער,
אלץ, וואָס שמעקט מיט היימלעכקייט און היים:
ביזוואַנען ס'איז מיר ליב האָבן געגעבן,
ביזוואַנען מענטשלעך פריי איך זיך און לײַד, —
מיט דעם אליין פאַרלענגער איך מײַן לעבן.
כ'האָב ניט וווהין צו אײַלן זיך.
כ'האָב צײַט.

איך אײַל זיך ניט

מײַן טײַערע, איך בעט דיך — ווי עס מאָלט זיך,
ניט זאָג, אז כ'בין שוין מיד און אלט און שוואַך.
כ'האָב ווייניקער געזען, ווי ס'וואָלט געוואָלט
זיך,
שטיי אוף — ס'איז נאָך צו זען פאַראַן א סאַך!

אויב שווימען וועט מיט אונדז פון טרוים דער זעגל
דורך יאַמען־אָקעאַנען, הער מײַן וואָרט:
דו שרעק זיך ניט! דער בעסטער פון די וועגן
איז דער, וואָס האָט פאַר אַנקערס ניט קיין אָרט.

אויב אופהערן וועט שײַנען מיר א שטערן,
צי כ׳וועל אליין אים אויסלעשן אין ווײַט,
ניט פאַל אַראָפּ בא זיך אין וועג אין שווערן,
כ׳האָב ניט וווהין צו אײַלן זיך.
כ׳האָב צײַט.

איבערן קאָפּ די וואָלקנס כ׳וועל ניט ציילן,
דער לעבנס־טײַך פליסט לאנגזאמער אלצײַנס!
די גאנצע וועלט אף טראָפּנס כ׳וועל צעטיילן
און ציילן יעדן טראָפּן — איינס נאָך איינס.

איך האָב זיך דען געעלטערט? ניין, ווער שטערט אונדז
אף אלץ א שפּור פאַרקאַרבן? און וועסט זען:
אויב הונדערט יאָר איז לעבן ניט באַשערט אונדז,
וועט יעדעס יאָר געגליכן זײַן צו צען.

ניט אײַל די פען, פּאָעט! דו דאַרפסט, פאַרשטייט זיך,
באַווײַזן פיל, עס איז צום סאָף נאָך ווײַט!
זאָל דויערן דער טאָג! די ערד נאָך דרייט זיך!
כ׳האָב ניט וווהין צו אײַלן זיך.
כ׳האָב צײַט.

פּאָעט, ווי פרי האָסט זיך געעלטערט...

געווען ביסט הארב אין לעבנס־שלאַכטן,
א פרײַנט—פאַר פרײַנט, א פײַנט — פאַר פײַנט,
און יענער, וועלכן פלעגסט פאַראַכטן
פאַר שעקער און וואָס קריכט ביז הײַנט
צו דיר מיט כניפע־לויב פאַרשטעלטער,
די שאָדנפרייד באַהאַלט, אויך דאָ
ער לײַגט, באַדויערט קלוימערשט: „אָ,
פּאָעט, ווי פרי האָסט זיך געעלטערט!..״
יאָ, גרוי דײַן קאָפּ איז שוין, פּאָעט,
נאָר ס׳איז קיין אומגליק ניט, סאַמעד:
דאָס היימלאַנד, וועמענס זון דו ביסט,
די פרוי, וואָס איר דײַן צאַרטקײַט גיסט, —
צו דיר זיי וועלן קיינמאָל קעלטער.
זאָל זײַן — דײַן קאָפּ איז ווײַס ווי שניי,
ניט הערן קיינמאָל וועסט פון זיי:
„פּאָעט, ווי פרי האָסט זיך געעלטערט!..״

ייִדיש — כאַים ביידער

יִסראַעל סערעבריאַני

גאָלדפאַדנס גאַסטראָל־רייַזע אין די פריִע אכציקער יאָרן

פונעם אווטאָר

אין דעקאַבער 1946 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א וויסנשאַפטלעכע סעסיע, געווידמעט דעם 70־יאָריקן יובילײ פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער. עס זייַנען אויסגעהערט געוואָרן פאָרטראָגן פון ש. מיכאָעלסן („די סאָוועטישע איבערדיכטונג פון גאָלדפאַדענען"), י. דאָבּרושינען („גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע"), י. שטערנבערגן („דער רומענישער עטאַפּ אין גאָלדפאַדנס טעאַטער־שאַפונג"), נ. אויסלענדערן („אווראָם גאָלדפאַדן און זייַן אַקטיאָר"), י. ליובאָמירסקין („פיר סאָוועטישע פאָרשטעלונגען פון „צוויי קונילעמל"), י. סערעבריאַנין („גאָלדפאַדנס גאַסטראָלן־רייַזע אין די פריִע 80־ער יאָרן"), ע. לויטערן (גאָלדפאַדנס טעאַטער און די פורימשפּילן"), אבע לעווין („נייַע מאַטעריאַלן צו דער גאָלדפאַדן־ביבליאָגראַפיע").

ווייַטער ווערט געבראַכט דער טעקסט פון מייַן אַרויסטרעטונג.

„פאַמא ווערדי" אין בוקאַרעשט, ווו גאָלדפאַדן האָט געשפּילט, און איז בייַגעווען אפן ספּעקטאַקל „די שטומע קאַלע".

אין זייַן קורצער אווטאָביִאָגראַפיע, געשריבן אין יאָר 1887, האָט דער שפּעטער פונעם יידישן פאָלקס־טעאַטער אווראָם גאָלדפאַדן אָפּגעמערקט איינעם א וויכטיקן, עפּשער דעם סאַמע וויכטיקן פעריאָד פון זייַן דורכגעמאַכטן לעבנסוועג:

„ווען דער רוסיש־טערקישער קריג האָט זיך געענדיקט, בין איך מיט דעם טעאַטער נאָך אָדעסאַ געקומען און פון דאָרט מיט מייַנער טרופּע רייַזע געמאַכט אין גאַנץ רוסלאַנד, איבערהויפּט אין די רוסישע הויפּטשטעט: כאַרקאָוו, מאָסקווע, פּעטערבורג"... („גאָלדפאַדן־בוך", ניו־יאָרק, 1926).

דעם גרויסן דערפאָלג פונעם גאָלדפאַדענישן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד האָט שוין מיט א צענדליק יאָר פריִער פאָרויסגעזאָגט דער רוסישער רייַזנדער־זשורנאַליסט נ. צ. שיגאַרין אין זייַנע רייַזע־פאַרצייכענונגען „די רוסישע יידן אין אויסלאַנד" (ערשטער טייל, 1878) נאָכדעם, ווי ער האָט באַזוכט דעם טעאַטער

דער דאָזיקער זשורנאַליסט און צאַרישער טשינאָווניק, וועלכער געברויכט אָפּט אין זײַנע באַשרײַבונגען אַנטיסעמיטישע ווערטלעך און אויסדרוקן, בײַט אײַנגאַנצן דעם טאָן, ווען ער גייט איבער צו דער שילדערונג פונעם ייִדישן טעאַטער אין בוקאַרעשט.

ווי נ. צ. שיגאַרין דערציילט, איז ער שוין לאַנג באַקאַנט געווען מיטן „אָדעסער ייִדן הער גאָ...״ (מיט גאָלדפאַדענען), און ער האָט שוין וועגן אים „א סאַך מאָל געהערט, ווײַל גאָ... איז גאַנץ באַוווּסט צווישן די ייִדן ווי א זייער טאַלאַנטפולער שרײַבער, שאַרפזיניקער און פּראַקטישער מענטש. און בעעמעס טאַקע: סײַ דער טעאַטער און סײַ זײַן שעפער הער גאָ... פאַרדינען בעפיירעש אונדזער אופמערקזאַמקײַט און באַוווּנדערונג. ביזן הײַנטיקן טאָג האָט קיין ייִדישער טעאַטער ביכלאַל ניט עקזיסטירט. עס זײַנען ניט געווען קיין אַקטיאָרן, ניט קיין פּיעסן. דער אוילעם איז ביכלאַל ניט געווען צוגעוווינט צו סצעניש פאָרשטעלונגען, און שטעלט אײַך פאָר, וויפל עס האָט זיך דאָ געפאָדערט מי, ענערגיע און טאַלאַנט, אַז איין מענטש זאָל קענען שאַפן אַקטיאָרן, שרײַבן אַליין די פּיעסן, שטעלן און צופאַסן זיי צו די געשמאַקן און באַגריפן פונעם דורכשניטלעכן אוילעם, ארויסרופן בא זיי א כיישעק צו באַזוכן דעם דאָזיקן טעאַטער, און דערבײַ זאָלן די פּיעסן שטיין אַף א געהעריקער הייך, פאַרמאָגן א מאָראַלישן אינהאַלט, אָדער שאַרפזיניק אויסלאַכן די פינצטערניש און דעם פאַנאַטיזם!״

דער אויספיר זײַנער איז אַזאַ:

„עס וואָלט געווען זייער נוצלעך, ווען נאָך דער מילכאָמע (נאָכן רוסיש־טערקישן קריג. — י. ס.) זאָל דער הער גאָ... איבערטראָגן זײַן דאַנקבאַרע דראַמאַטישע טעטיקײַט אין זײַן פאָטערלאַנד, ער זאָל שטעלן זײַנע ספּעקטאַקלען אין איינעם פון די גרויסע ייִדיש־באַפעלקערטע שטעט פון רוסלאַנד, אַשטייגער אין אָדעס, וואַרשע, קיִעוו אָדער ווילנע. איך בין זיכער אין דער עכטער נוצלעכקײַט פון דער דאָזיקער טעטיקײַט פאַרן דורכשניטלעכן שיכט פון אונדזער ייִדישער באַפעלקערונג און אויך אין דעם, אַז דאָס פּובליקום וואָלט אונטערגעהאַלטן דעם ווילשטאַנד פונעם אונטערנעמער און זײַן טרופּע״.

די דאָזיקע נעוויִעס און דער ווונטש פונעם רוסישן רײַזנדער זײַנען אין א היפּשער מאָס מעקוייעם געוואָרן גאָר אינגיכן. גאָלדפאַדען איז געקומען קיין אָדעס און געהאַט דערפאָלג, און ניט נאָר אין אָדעס און אין א רײ אַנדערע „ייִדן־באַפעלקערטע״ שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, נאָר אפילו אין גאָר גרויסע עכט־רוסישע צענטערן: מאָסקווע, פּעטערבורג, כאַרקאָוו.

און גראַדע די דאָזיקע גאַסטראָלן פון אווראָם גאָלדפאַדען אין די יאָרן 1880 — 1881 שטעלן פאָר פאַר אונדז דעם גרעסטן אינטערעס, ווײַל אין אָט די יאָרן האָבן זיך אין דער פולסטער מאָס אַנטפּלעקט די ווײַטיקסטע שטריכן פונעם גאָלדפאַדען־טעאַטער, זײַנע מעגלעכקײַטן, טענדענצן.

וועגן די מאָסקווער גאַסטראָלן האָט קימאַט אויסשעפנדיק געשריבן דער העלדיש־אומגעקומענער פאָרשער אהרן גורשטיין. גאָלדפאַדנס באַזוך פון די צוויי אַנדערע צענטערן איז נאָך גאָר ווייניק באַלויכטן.

די כאַרקאָווער גאַסטראָלן האָבן, אַפּאַנים, לויטן אָנגעמערקטן מאַרשרוט געזאָלט זײַן גאָר קורצע (פון סאָף יוני ביזן 19 יולי 1880, ווי עס האָט לעקאַטשילע געמאָלדן די כאַרקאָווער פּרעסע), זיי האָבן אָבער זיך פאַרצויגן ביז אָנהייב אווגוסט.

עס איז שוין אמאָל בא אונדז ציטירט געוואָרן (אין דער אַרבעט פון נ. אויסלענדער און אָ. פינקעל „אווראָם גאָלדפאַדען״) דער „אַדרעס״, וואָס די כאַרקאָווער סטודענטן־ייִדן האָבן אונטערגעטראָגן גאָלדפאַדענען נאָך דער שטעלונג „ני בע, ני מע, ני קוקורעקו״, וועלכע איז געגעבן געוואָרן לעטויוועס די אָרעמע ייִדישע סטודענטן פונעם כאַרקאָווער אימפּעראַטאָרישן אוניווערסיטעט. מיר וועלן עטוואָס ווײַטער גענויער באַלויכטן אויך דעם דאָזיקן עפּיזאָד. דאָס איז נייטיק דערפאַר, ווײַל ערשטנס, האָבן דאַן נ. אויסלענדער און אָ. פינקעל גענומען זייערע ידיִעס ניט פונעם ערשטן קוואַל, שטיצנדיק זיך אַף א קאָרעספּאָנדענץ פון כאַרקאָוו אין „אָדעסקי וועסטניק״, און, צווייטנס, וועלן שוין אַדאַנק דעם בעמיילע אָפּפאַלן די ספּייקעס פון דער דעמלטיקער רוסיש־ייִדישער פּעטערבורגער פּרעסע (גאָלדפאַדנס קעגנער), וועלכע האָט געפּרוּווט אָפּפרעגן דעם דאָזיקן „אַדרעס״.

אין דער רוסישער צײַטונג „כאַרקאָוו״ פון 1880 נומ. 639 פאַרן 28 יוני געפינען מיר די ערשטע ידיִע וועגן גאָלדפאַדנס קומען קיין כאַרקאָוו:

„הײַנט, דעם 28 יוני, וועט אין דראַמאַטישן טעאַטער געגעבן ווערן די ערשטע פאָרשטעלונג פון דער טרופּע ייִדישע אַקטיאָרן אונטער דער לייטונג פונעם ה׳ גאָלדפאַדען (דעם אווטאָר פון א סאַך פּיעסן). די טרופּע איז געקומען פון אָדעס. עס וועט געגעבן ווערן די פינפאַקטיקע טראַגיקאָמעדיע „קאָלדוניע״, פאַרפאַסט פון דעם ה׳ גאָלדפאַדען״.

אַפן גרונט פון די פּרעסע־מאַטעריאַלן קאָן מען איצט פעסטשטעלן, אַז גאָלדפאַדען האָט מיט זײַן טרופּע געשפּילט אין כאַרקאָוו אַרום א כוידעש צײַט (פון 28 יוני ביזן 26 יולי 1880). עס זײַנען געשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן: „קאָלדוניע״, „פאַנאַטיק״ (דרײַ מאָל), „שמענדריק״ (צוויי מאָל), „שולאַמיס״ (צוויי מאָל), „די קאַפּריזע טאָכטער״, „ני בע, ני מע, ני קוקורעקו״, „ברײַנדעלע קאָזאַק״, „דער באַנקיר־טיראַן״ און דער וואָדעוויל „די שוועבעלעך״. עס זײַנען אויך געגעבן געוואָרן דרײַ בענעפיסן: אווראָם גאָלדפאַדנס אין דער פּיעסע „שמענדריק״, מאַרגאַריטע שוואַרצס אין דער אָפּערעטקע „ברײַנדעלע קאָזאַק״, א. צוקערמאַנס אין „פאַנאַטיק״.

שוין די פעסטשטעלונג פונעם רעפּערטואַר האָט זײַנערצײַט אַרײַנגעטראָגן נײַס אין דער גאָלדפאַדן־ליטעראַטור. ס'איז נאָך ווייניק געווען באַוווּסט, אַז אין דעם דאָזיקן יאָר און כוידעש איז שוין „שולאַמיס" געגאַנגען אין כאַרקאָוו. ווײַזט אויס, אַז „שולאַמיס" איז געשטעלט געוואָרן אַפילע נאָך פריִער. וועגן דעם קענען מיר זיך אָבער דערווײַל בלויז אָנשטויסן אויפן גרונט פון אייניקע רעמאַזים: ערשטנס, איז די שטעלונג „שולאַמיס" אָנאָנסירט געוואָרן אין דער צײַטונג „כאַרקאָוו" נום. 646 אַלס אַזעלכע, וואָס „האָט אומעטום געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און... האָט אויסגעהאַלטן אַן אומגעהייערע צאָל שטעלונגען"; צווייטנס, טרעפן מיר וועגן דעם אַן אָנווײַזונג אויך בײַ גאָרינען אין זײַן „געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער", כאָטש דאָ זײַנען, אַפּאָנעם, איבערגעפּלאָנטערט די דאַטעס און די פאַקטן. לויט גאָרינען קומט אויס, אַז גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַף „שולאַמיס" נאָך אין רומעניע, און אין ניקאָלײַעוו האָט ער די פּיעסע געענדיקט, זי אויפגעפירט און דאָרט געמאַכט מיט איר אַ גוואַלדיקן רוישעם. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען מע האָט געזען אַף דער ייִדישער בינע אַ היסטאָרישע פּיעסע. נאָך דעם דערפאָלג איז גאָלדפאַדן, לויט גאָרינען, אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיטן אַקטיאָר פינקעל קיין וואַרשע, מיט דער האָפענונג צו קריגן דאָרט „אַ ראַזרעשעניע" (דערלויבעניש) צו עפענען אַ ייִדישן טעאַטער, נאָר זײַן מי איז געווען אומזיסט.

און גאָלדפאַדן האָט געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און גיין פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון ניקאָלײַעוו איז ער אַוועק קיין יעליסאַוועטגראַד, קיין קרעמענטשוק, קיין כאַרקאָוו. דאָ האָט ער אַוועקגעשיקט צוקערמאַנען קיין פּאָלטאַווע, ווו עס האָט געשפּילט טוויס (גאָלדפאַדנס ברודער) קאָמפּאַניע, און אין פּאָלטאַווע האָט יענער זיך באַגעגנט מיט טאַבאַטשניקאָוון, וועלכער האָט געזונגען בײַ אַ כאַזן און אין אַן איטאַליענישער אָפּערע... צוקערמאַן האָט טאַבאַטשניקאָוון אַוועקגעפירט קיין כאַרקאָוו, ווו ער איז אַרײַן אין גאָלדפאַדנס טרופּע. אין כאַרקאָוו איז די טרופּע געשטאַנען זעקס וואָכן, און דאָ האָט שוין „שולאַמיס", לויט גאָרינס באַהויפּטונג, ניט אַזוי שטאַרק נויסע־כײַן געווען. נאָר דערפאַר האָט מען דאָרט געלעקט די פינגער פון „שמענדריק" און „קונילעמל" (דאָרטן, זז. 222—225).

אין די אַלע ידיִעס בײַ גאָרינען איז פאַראַן אַ סאַך עמעס, באַזונדערס בענעגייע דעם מאַרשרוט פון גאָלדפאַדנס טרופּע און פון דער טרופּע פון זײַן ברודער. וועגן דעם אַלץ געפינען מיר אייניקע אָפּגעריסענע ידיִעס אין דער דעמאָלטיקער פּרעסע („רוסקי יעוורייי", „ראַסוועט" און אַנד. צײַטונגען און זשורנאַלן). אָבער אויב מיר נעמען אָן, אַז גאָלדפאַדנס טרופּע איז געקומען קיין ניקאָלײַעוו „כאַנעקע־צײַט אין 1880", ווי עס שרײַבט גאָרין, דאַן צעפאַלט זיך דאָס געבײַ, וואָס גאָרין האָט דאָ אויפגעשטעלט. סײַדן מיר זאָלן אָננעמען, אַז קיין ניקאָלײַעוו איז גאָלדפאַדן געקומען כאַנעקע־צײַט ניט 1880, נאָר 1879 (אַזאַ טאָעס בײַ גאָרינען איז גאַנץ מעגלעך)...

דערווײַל אָבער, קאָלזמאַן מיר האָבן נאָך ניט די מער באַגלייבטע אײדעס, לאָמיר זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס אין כאַרקאָוו איז שוין „שולאַמיס" געשטעלט געוואָרן אין 1880, און דאָס איז געווען די ערשטע היסטאָרישע פּיעסע אין גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר. שוין אַף דעם סמאַך אַליין פאַלט אָפּ איינע אַ קאָנצעפּציע וועגן גאָלדפאַדנס שעפערישן וועג: וועגן זײַן ענדגילטיקן איבערגאַנג צו די אַזויגערופענע היסטאָרישע פּיעסעס אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע נאַציאָנאַל־ווייטעקפולע שטימונגען נאָך די פּאָגראָמען.

די כאַרקאָווער גאַסטראָלן זײַנען אינטערעסאַנט נאָך מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אַ ריי אויספירלעכע און גאַנץ קאָמפּעטענטע אָפּהאַנדלונגען וועגן באַזונדערע ספּעקטאַקלען און וועגן דעם גאָלדפאַדענישן טעאַטער און דראַמאַטורגיע אין אַלגעמיין. אין דער צײַטונג „כאַרקאָוו" טיילן זיך אויס די אַרטיקלען פון איינעם פון די ערשטע ייִדישע טעאַטער־קריטיקער מ. קאָגאַן. מעגלעך, אַז אויך אַנדערע רעצענזיעס האָט געשריבן דער זעלבער אַוטאָר אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען („יו־סקי", „איינער פון פּובליקום"), אָדער גאָר אַנאָנים, ווײַל די שפּראַך, דער אינהאַלט און סטיל זייערע זײַנען זייער ענלעך.

דאָס כאַרקאָווער פּובליקום האָט וואַרעם אויפגענומען דעם גאָלדפאַדענישן טעאַטער. דער זאַל איז געווען קימאַט שטענדיק געפּאַקט. אין דער צײַטונג „כאַרקאָוו" פאַרן 1 יול לייענען מיר די ערשטע נאָטיץ וועגן דעם אָנהייב פון די גאַסטראָלן:

„די ייִדישע טרופּע האָט שוין געגעבן אין כאַרקאָוו צוויי פאָרשטעלונגען, און מע קאָן ניט זאָגן, אַז אָן דערפאָלג. ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין אַ גענויעם אַנאַליז פונעם שפּילן פון די אַרטיסטן, וועלן מיר בלויז באַמערקן, אַז צווישן די אויספּילער האָבן מיר באַגעגנט מענטשן, וואָס פאַרמאָגן גאָר ניט קיין שלעכטע שטימען. אַזעלכע זײַנען די פרוי איינהאָרן (דאָרטן — „אײַטאָרן"), ה' קאַרפּ און אַנדערע. די אויפפירונג פון די פּיעסן איז אין דעקאָראַטיווער הינזיכט אַ באַפרידיקנדיקע. מיר האָבן געהערט, אַז די טרופּע וועט דאָ זײַן בלויז ביזן 10 יול און דערנאָך וועט זי אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע".

דער פאַקט גופע, וואָס די טרופּע האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אין כאַרקאָוו ביז אָנהייב אויגוסט, איז שוין אַ באַווײַז, אַז זי האָט געהאַט אַ דערפאָלג. פון אַ שפּעטערדיקער נאָטיץ ווייסן מיר, אַז די טרופּע, איידער זי איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט זיך אַפילע געקליבן אָפּצודינגען אין כאַרקאָוו אַ לאָקאַל אויך אויפן ווינטער־סעזאָן.

אינעם נומער פאַרן 3 יול דרוקט די צײַטונג ווידער אַ נאָטיץ, שוין אַ מער גענויערע, ווו עס ווערט אָפּגעמערקט, אַז „...די פאָרשטעלונגען פון דער טרופּע ווערן געגעבן אין דראַמאַטישן

אַן אַפֿישע צו א. גאָלדפֿאַדענס בענעפֿיס־פֿאָרשטעלונג

טעאַטער, און, אורטיילנדיק לויט דער האַכנאָסע אין די ערשטע דרײַ ספּעקטאַקלען, באַציִען זיך די היגע ייִדן צו דער טרופּע און אויך צו דעם אינהאַלט פֿון די פּיעסן (וואָס איז זייער וויכטיק) גאַנץ מיט־פֿילנדיק. דער אוטאָר פֿון די פּיעסן, ה׳ גאָלדפֿאַדען, האָט זיך, ווײַזט אויס, געשטעלט אַ גלענצנדיקן ציל — אויסוואָרצלען ווי ווײַט מעגלעך דעם אַטאַ־בעכאַרטאָנו און פֿאַנאַטיזם צווישן די ייִדן. אָף וויפֿל מיר געדענקען, האָט דער ה׳ גאָלדפֿאַדען באַזוכט מיט זײַן טרופּע די שטעט אָדעס, ני־קאָלײַעוו, פּאָלטאַווע און ענדלעך — כאַרקאָוו, נאָר מיר רע־כענען, אַז אין די אַלע ערטער איז ניט קלאָר, צי מע קאָן טרעפֿן אַ גרויסע צאָל ייִדן, וואָס נייטיקן זיך אין אויס־וואָרצלען בײַ זיי דעם פֿאַנאַ־טיזם. דער ה׳ גאָלדפֿאַדען וואָלט געטאָן אַ סאַך צוועקמעסיקער, ווען ער וואָלט פֿאַר דער אַרע־נע פֿון זײַן טעטיקייט אויסגע־קליבן אַזעלכע שטעט, ווי בער־דיטשעוו, אומאַן און אַנדערע: דאָרט וואָלטן זײַנע פּיעסן גע־וויס געהאַט אַ גרעסערע באַ־דײַטונג, איידער בײַ אונדז. וואָס איז שײַך דער טרופּע פֿון ה׳ גאָלדפֿאַדען, דאַרף מען פֿון איר באַשטאַנד אָפּמערקן עטלעכע טאַלאַנטפֿולע אויספּילער. אַזעלכע זײַנען די פֿרויען פּינקעל, צוקערמאַן, די הערן צוקערמאַן (אַ גלענצנדיקער קאָמיקער), שראַגע פּינקעל און אַנד. אַ שאָד בלויז, וואָס אין דער טרופּע פֿון ה׳ גאָלדפֿאַדען איז ניטאָ קיין לײַטי־שער „ליבהאָבער״. דער ה׳ גאָלדפֿאַדען פֿילט אויס, אָפּאָנעם צײַטווײַליק, די דאָזיקע ראָל און איז נידעריקער פֿון יעטווידער קריטיק״.

ווי מיר זעען, איז די אָפּשאַצונג פֿון די גאָלד־פֿאַדענישע פּיעסן און פֿון דער טרופּע אין גרונט אַ פּאָזיטיווע. די אייצע וועגן באַזוכן די מער אָפּגעשטאַנענע, באַפֿעלקערטע מיט ייִדן ערטער ווערט דאָ געגעבן ווי אַן איבערכאַזער־רונג פֿון ענלעכע אַרטיקלען און רעצענזיעס אין אַ ריי אַנדערע שטעט. ווײַזט אויס, אַז גאָלד־פֿאַדען אַליין האָט די דאָזיקע שטעט אַלעמאָל געהאַט אין זינען, און דעריבער זעען מיר אים טאַקע, גלײַך נאָך זײַן באַזוכן די גרעסערע רו־סישע צענטרען, אין אַזעלכע שטעט, ווי בער־דיטשעוו, מינסק, באָבּרויסק.

אָבער דער באַזוך אין די צענטרען פֿונעם לאַנד — אין כאַרקאָוו, מאָסקווע, פּעטערבורג — איז אויסן געווען גאָר אַנדערע צילן. דאָרט האָט גאָלדפֿאַדען זיך דערנעענטערט צו דער אַלגעמײ־נער טעאַטראַלער קולטור און באַקומען די אָנערקענונג פֿון דער קריטיק אין דער צענטראַ־לער פּרעסע. עמעס, ס׳איז געווען אויך רעאַק־ציאָנערע קריטיק — ניט קיין אָביעקטיווע, אָפּט אַפֿילע אַן אָפּן־פֿײַנטלעכע, מיט פֿאָרורטיילן, אַן אַמעראַצישע און סנאָביסטישע. אָבער די פֿול־סטע אָנערקענונג האָט דער גאָלדפֿאַדען־טעאַטער געוווּנען בײַ די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ, בײַ די ייִדישע דע־מאָקראַטישע שיכטן.

אַ באַוויַיז דערצו איז אויך דער דערמאָנטער „אַדרעס״, וואָס די כאַרקאָווער סטודענטן־ייִדן האָבן אונטערגעטראָגן גאָלדפֿאַדענען נאָך זײַן ספּעקטאַקל דעם 15 יול. אינעם „אַדרעס״ ווערט גאָלדפֿאַדען כאַראַקטעריזירט ווי „דער ערשטער, וואָס האָט זיך גענומען אויסצולאָכן אָף דער בינע די פֿינצטערע און שעדלעכע זײַטן פֿונעם ייִדישן לעבן״. גאָלדפֿאַדען האָט „געשאַפֿן אַ באָדן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער״. ווײַטער ווערט געזאָגט: „מיט אַ באַשטימטן געלונגענעם אָפּ־קלײַב פֿון אַרטיסטן האָט איר אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט צו זען בולעט די געשילדערטע

יִדישע טיפן, וועלכע זינקען נאָך אין דער פינצטערניש. אפן אוילעם האָבן אײַערע ווערק, אָן שום סאָפעק, א גרויסע ווירקונג. זיי שטויסן אים צו דענקען, צווינגען אוועקווארפן די אלטע אָנשויונגען און זיך אופמערקזאם צוקוקן צו דעם הײַנטצײַטיקן לעבן״.

אזויארום, האָט שוין אין כארקאָוו גאָלדפאדן באגעגנט די ערשטע אָרגאניזירטע מאָראלישע שטיצע מיצאד דער יִדישער אינטעליגענץ, יענע שטיצע, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט בא זײַנע ערשטע טעאטראלע אָנהייבן און וועלכע עס האָט אים פריִער פאָרויסגעזאָגט שיגאָרין.

איינער פון אווראָם גאָלדפאדנס פארדינסטן איז אויך דאָס, וואָס ער האָט ארויסגערופן צום לעבן א מער־וויניקער קוואליפיצירטע יִדישע טעאטראלע קריטיק. אין כארקאָוו זײַנען געווען אָפּגעדרוקט א ריי פאכמענערישע רעצענזיעס וועגן זײַנע ספעקטאקלען. ווי שוין געזאָגט, איז קעדײַ אָפּצומערקן דעם רעצענזענט מ. קאָגאן. אָט וואָס קאָגאן שרײַבט, אשטייגער, וועגן דעם ספעקטאקל „שמענדריק״: „זונטיק דעם 6 יול איז אין דראמאטישן טעאטער געשטעלט געוואָרן די דרײַאקטיקע יִדישע אָפּערעטקע „שמענדריק״ (גאָלדפאדנס בענעפיס. — י. ס.)... אָן אוילעם איז געווען אין טעאטער א גאנץ גרויסער. און דער ספעקטאקל האָט זיך פולשטענדיק אײַנגעגעבן. כאָטש דער סוזשעט פון „שמענדריק״ איז ניט אזא געלונגענער, אָבער די אָנגענעמע מעלאָדיעס פון די אריעס און כאָרן, די געוויסנהאפטע אויספילונג פון די ראָלן מיצאד די ארטיסטן האָבן געמאכט די אָפּערעטקע גאנץ דערטרעגלעך. נאָכן צווייטן אקט האָט מען עטלעכע מאָל ארויסגערופן דעם אווטאָר, אויך אנדערע ארטיסטן. באזונדערס איז געפעלן געוואָרן דעם אוילעם דער נאציאָנאלער טאנץ מיט די קופּלעטן, וועלכן מע האָט געמוזט איבערכאזערן עטלעכע מאָל. אגעוו, דארף מען באמערקן דעם ה׳ צוקערמאן (שמענדריק), אז ער האָט זיך שוין צופיל געסטארעט ארויסרופן א געלעכטער בא דער גאליאָרקע, אראָפּלאָזנדיק זיך צוליב דעם צו די סאמע אומדערלאָזבארע פארסן און אוטרירונגען, וועלכע זײַנען דערלויבט ארטיסטן פון א באלאגאן און ניט פון א טעאטער. דער ה׳ שארגאָ (שולים) און ווײַשטיין (ווײַנשטיין) האָבן געשפילט גוט. די פרוי פינקעל (רעוועקא) האָט, ווי געווײנלעך, געזונגען ניט שלעכט — זי פארמאָגט נאָך דערצו א זייער סימפאטישע שטים. צום סאָף פונעם ספעקטאקל האָט דער אווטאָר גאָלדפאדן מיט 10 אקטיאָרן פון זײַן טרופּע אויסגעפילט די „צען כאסידים״ — עפּעס אזוינע קופּלעטן מיט טענץ, וואָס זײַנען זייער געפעלן געוואָרן דעם אוילעם, און דעריבער איז עס אויסגעקומען איבערצוכאזערן נאָכאמאָל״.

ווײַזט אויס, אז די אקטיאָרן פון דער גאָלדפאדענישער טרופּע האָבן זיך צוגעהערט צו דער קריטיק, ווײַל א צווייט מאָל שרײַבט דער זעלבער רעצענזענט, אז צוקערמאן האָט שוין „ניט אוטרירט״, און דעריבער איז בא אים אלץ געווען אין אָרדענונג.

א באזונדערס דעטאלן אנאליז גיט מ. קאָגאן דעם ספעקטאקל און דער פּיעסע „שולאמיס, אָדער די טאָכטער פון יערושאָלאַיִם״: „די פּיעסע איז אָנגעשריבן אין פערזן, און גאָר ניט אין קיין שלעכטע, און זי איז קימאט אינגאנצן איבערגעלייגט אויף מוזיק, אזוי אז די 11 בילדער קוקן זיך גאנץ לײַכט און מע קאָן ניט זאָגן, אז אָן אינטערעס און פארגעניגן. די שטעלונג איז א גאנץ נישקאָשעדיקע, נאָר וואָס איז שײַעך דעם שפּילן פון די ארטיסטן, דארף מען זאָגן, אז אייניקע פון זיי זײַנען ווײַט פון אקטיאָרן. גאָלדענבערג (אווישאָלעם, א יונגער קריגער, די ערשטע מענער־ראָל אין דער פּיעסע) שפּילט ניט באפרידיקנדיק. שוין ניט ריידנדיק וועגן דער שטים, מאניערן, אויסדרוק און וועגן דעם וויסן די בינע, פעלן נאָך דעם אויספּילער א סאך זאכן. א גרויסער הייפּעך צו אים איז די פרוי איינהאָרן (שולאמיס). אויסער איר גאנץ קלינגעוודיקער און אָנגענעמער שטים, פארמאָגט זי אויך א דראמאטישן כוש: אלע סצענעס פון איר מעשוגע ווערן זײַנען איבערגעגעבן ניט שלעכט; באזונדערס האָט זיך איר אײַנגעגעבן דאָס זעקסטע בילד פונעם דריטן אקט — די סצענע מיט די כאסאנים. זי האָט זייער גוט אָפּגעזונגען צוויי אריעס אינעם דריטן בילד פונעם ערשטן אקט, „באם ברונעם״, און אין נײַנטן בילד פונעם פערטן אקט, ווען שולאמיס ווערט ווידער געזונט. דער ה׳ קארפּ (מאָנויעך) איז גוט ווי א זינגער; ה׳ צוקערמאן (צינגיטאנג, א ווילדער) האָט אין דער פּיעסע געהאט ניט קיין גרויסע ראָל, נאָר אויך דאָ האָט זיך בא אים ארויסגעזען „שמענדריק״. כאָטש מע דארף וועגן אים זאָגן, אז פארגרימירט איז ער געווען אויסגעצייכנט, נאָר שפּילנדיק א ווילדן, האָט דער ה׳ צוקערמאן, דוכט זיך, ניט געדארפט מאכן פון זײַן געשטאלט א מעטורעף, זיך ניט אזוי קרימען און, ענדלעך, אוועקגייענדיק, ניט שפּרינגען איבער מענטשן. אין אלגעמיין איז די פּיעסע דורך גוט, זי איז געפעלן געוואָרן דעם אוילעם״ („כארקאָוו״, נום. 647).

אין דער צײַטונג נום. 657 (24 יול) געפינען מיר א גרעסער ארטיקל, וואָס פירט שוין אונטער א מין סאכאקל, גיט אן אלגעמיינע אָפּשאצונג דעם גאָלדפאדן־טעאטער און די פּיעסן. אונטערגעשריבן איז דאָס ארטיקל „יו־סקי״. גייכער פאר אלץ איז דאָס דער זעלבער מ. קאָגאן (לויטן סטיל און לויט דעם, וואָס א ריי געדאנקען און אָפּשאצונגען פאלן צונויף מיט די פריִערדיקע ארויסזאָגונגען פונעם זעלבן רעצענזענט), נאָר ווער דאָס זאָל ניט זײַן, פארדינט דאָס ארטיקל א באזונדערע אופמערקזאמקײַט. עס ווײַזט, אז דער גאָלדפאדן־טעאטער האָט ניט בלויז געפונען זײַן צושויער, נאָר ער האָט אויך געצוווּנגען די דעמלטיקע יִדישע (און ניט־יִדישע) געזעלשאפטלעכקײַט, די פּרעסע און די אינטעליגענץ אָנהייבן ערנסט צו ריידן וועגן דער וויכטיקײַט פון א יִדישן פאָלקס־טעאטער.

אזעלכע ארטיקלען וועגן דעם גאָלדפאדן־טעאטער זײַנען אין יענער צײַט געווען בעעמעס

א זעלטנהײַט, און מיר װעלן זיך דערלויבן צו געבן פון דאָרט א גרעסערן אויסצוג:

„...לאָמיר א קוק טאָן, װאָס עס גיט אונדז בא הײַנטיקן טאָג אונדזער טאַלאַנטפולער שרײַבער און ערשטער דירעקטאָר פונעם ייִדישן טעאַטער א. גאָלדפאַדן. זײַנע װערק קענען מיר אײַנטײלן אין דרײַ גרופּעס. צו דער ערשטער גרופּע דאַרפן מיר פאַררעכענען די פּיעסן „רעקרוטן" און „ברײַנדעלע קאָזאַק". זײ זײַנען אויך גלײַכצײַטיק זײַנע ערשטע װערק לויט דער צײַט. די דאָזיקע פּיעסן זײַנען די שװאַכע זײַט פונעם אווטאָר. אַלס א פאַרװײכערונגס־מאָמענט קאָן מען דאָ בלויז אָנעמען דאָס, װאָס ה׳ גאָלדפאַדן האָט זײ געשריבן מיט א באַשטימטן ציל — צוציִען אָף זײַנע פאָרשטעלונגען אויך דעם טײל פונעם אוילעם, װאָס איז נאָך אימשטאַנד אַרײַנפאַלן אין היספּײַלעס פון די „אומשטערבלעכע" שאַפונגען פון אונדזער באַרימטן װײַנבערג (א באַװוּסטן אויספילער פון אַנטיסעמיטישע קופּלעטן און אַנעקדאָטן אין יענער צײַט. — י. ס.), צו דער צװײטער, מער צאָלרײַכער גרופּע געהערן די פּיעסן „ני בע, ני מע, ני קוקוריקו", „פּאַנאַטיק", „שמענדריק" און אַנד. דאָ האָט זיך דעם אווטאָרס טאַלאַנט אַרויסגעװיזן אין זײַן גאַנצער קראַפט. אין די דאָזיקע פּיעסן איז יעדער פּערסאָנאַזש אַרויסגעכאַפּט אומיטלבאַר פונעם לעבן. דעם אווטאָרס אויפמערקזאַמע דערלערנונג פונעם ייִדישן שטײגער, זײַן פאַרשטאַנד פון דער ייִדישער נאַטור האָבן זיך אַרויסגעװיזן אין יעדער באַזונדערער פּיעסע פון דער טרופּע. אָט די דאָזיקע װערק קענען און מוזן האָבן די סאַמע פּרוכטבאַרע װירקונג אָף דער מאַסע. נאָר באַזונדער שטײט די פּיעסע „שולאַמיס, אָדער די טאָכטער פון ירושלאַיִם". זי באַקאַנט אונדז מיטן לעבן פון אונדזערע אורעלטערן, מיט זײער שטײגער און זיטן"...

װײַטער גיט דער אווטאָר פונעם אַרטיקל אַן אַנאַליטישע אָפּשאַצונג פון גאָלדפאַדנס טרופּע:

„אין באַשטאַנד פון גאָלדפאַדנס טרופּע זײַנען פאַראַן באַגאַבטע אויספילער. אַזעלכע זײַנען די ה׳ה׳ פינקעל, קאַרפּ און צוקערמאַן. מאָדנע, װאָס דער אוילעם איז מער ניספּאָעל פון צוקערמאַנען, אײדער פון די אַנדערע. פאַרשטײט זיך, אַז צוקערמאַן פאַרמאָגט, אָן ספק, טאַלאַנט, אָבער ער מיסברויכט מיט אים צוליבן פאַרװײַלן די גאַליאָרקע (פּונקט אַזוי, װאָרט אין װאָרט, באַם רעצענזענט מ. קאָגאַן. — י. ס.). מער ערנסט באַציט זיך צו זײַן זאַך דער ה׳ פינקעל. זײַן שפּילן טײלט זיך אויס מיט נאַטירלעכקײַט. ער דינט דער קונסט מיט אײפער און ליבע, װאָס עס גיט אים א מעגלעכקײַט ריכטיק צו פאַרקערפּערן זײַנע געשילדערטע טיפּן. דער ה׳ קאַרפּ זאָגט צו אין דער צוקונפט זײער און זײער א סאַך. דראַמאַטישע ראָלן געלינגען אים, ניט געקוקט דערױף, װאָס ער איז אָף דער בינע אינגאַנצן דרײַ כאָדאָשים. מע קאָן אויך ניט פאַרבײַגײן די ה׳ה׳ שאַרגאָ און װײַנשטײן. בלויז אײן גאָלדענבערג, װאָס פּאַטערט די ראָלן, שטערט דעם אַלגעמײנעם זײער באַפרידיקנדיקן אַנסאַמבל. װאָס איז שײַעך דעם פרויען־פּערסאָנאַל, דאַרף מען דאָס ערשטע אָרט אָפּגעבן דער פרוי שװאַרץ. די פרוי אײנהאָרן מיט איר אָנגענעמער שטים און די פרוי פינקעל מיט איר סימפּאַטיש שפּילן האָבן זיך דערװאָרבן די סימפּאַטיעס פונעם פּובליקום".

דאָ האָבן מיר די קאָמפּעטענטע, אָביעקטיװע (ריכטיקע אָדער ניט גאָר ריכטיקע — דאָס איז א צװײטע פראַגע) אינפאָרמאַציע און קװאַליטאַטיװע אָפּשאַצונג פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער און פון זײַן טרופּע פון יענער צײַט אין כאַרקאָװ. פאַר דער ייִדישער טעאַטער־געשיכטע איז עס אַן אינטערעסאַנטער צושטײַער.

דער אָנהײב פון גאָלדפאַדנס גאַסטראָלן אין כאַרקאָװ האָבן מיר פעסטגעשטעלט גאַנץ גענוי. דעם 28 יון האָט גאָלדפאַדן געגעבן דעם ערשטן ספּעקטאַקל — „קאָלדוניע". װעגן דעם לעצטן ספּעקטאַקל זײַנען ניטאָ קײן פּינקטלעכע ידיִעס. מיר האָבן אין דער זעלבער צײַטונג פאַרן 30 יול געפונען א רעצענזיע װעגן גאָלדפאַדנס ניט גאָר געלונגענער, איבערגעמאַכטער פון דײַטש פּיעסע „דער באַנקיר־טיראַן", װעלכע איז געשטעלט געװאָרן דעם 26 יול 1880 אין דער געבײַדע פונעם כאַרקאָװער דראַמאַטישן טעאַטער. די פּיעסע האָט ניט אויסגענומען באַם אוילעם, װײַל, װי עס שרײַבט דער רעצענזענט („אײנער פון פּובליקום"), זי איז ניט געבויט אָפן מאַטעריאַל פונעם ייִדישן לעבן. צוזאַמען מיט דער דאָזיקער פּיעסע איז אויך געשטעלט געװאָרן דער װאָדעװיל „די שװעבעלעך", װוּ עס האָבן זיך אַמערסטן אויסגעטײלט מיט זײער שפּילן די אַקטריסעס צוקערמאַן, פינקעל, שװאַרץ.

אין דער זעלבער נאָטיץ איז דאָ א צוגאָב, אַז „אײנגיכן װעט לטובֿת דער כאַרקאָװער טאַלמעד־טוירע געשטעלט װערן די אָפּערעטקע „שמענדריק", און עס װערט „אין נאָמען פון די היגע ייִדן" אויסגעדריקט א דאַנק „דעם ה׳ גאָלדפאַדן און די אָנטײלנעמער פון דער אָפּערעטקע פאַר דער גוטער אװדע". עס װערט דערבײַ אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז „דאָס פּובליקום װעט, אַדאַנק דעם הויכן ציל פונעם ספּעקטאַקל, ניט לאָזן דעם טעאַטער פּוסטעװען".

צי גאָלדפאַדן האָט געשטעלט דעם דאָזיקן װוילטעטיקן ספּעקטאַקל, װײסן מיר ניט, װײַל קײן אָפּרופן אין דער פּרעסע זײַנען ניט געװען. װײַזט אויס, אַז דעם ניט גאָר געלונגענעם ספּעקטאַקל פונעם 26 יול („דער באַנקיר־טיראַן") קאָן מען רעכענען פאַרן לעצטן. די פּיעסע האָט באַם אוילעם ניט אויסגענומען, און גאָלדפאַדן האָט זיך שוין מער אין כאַרקאָװ ניט פאַרהאַלטן. סאָף יול אָדער אָנהײב אווגוסט איז ער מיט דער טרופּע אָפּגעפאָרן קײן מאָסקװע.

אין דער צײַטונג „כאַרקאָװ" פאַרן 20 אווגוסט באַגעגענען מיר א ידיִע, װעגן װעלכער מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט אין אַן אַנדער פאַרבינדונג: „מע גיט אונדז איבער, אַז דער אַנטרעפּרעניאָר פון דער ייִדישער טרופּע ה׳ גאָלדפאַדן האָט אָפּגעדונגען אָפן װינטערדיקן סעזאָן דעם קלײנעם טעאַטער אין געװעזענעם

הייז פון טיכאַנאָוון, ווו עס געפינט זיך איצט דער יידישער האָטעל (אין כאַרקאָוו). איצט אָבער האָט א קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווע, ווו עס שפּילט גאָלדפאַדנס טרופּע, איבערגעגעבן א קלאַנג, אַז די יידישע טרופּע, צופרידן פונעם וואַרעמען אופנאַם מיצאַד דעם מאָסקווער פּו־בליקום, בלייבט אַף ווינטער אין מאָסקווע, אין דעם „אַרטיסטישן קרייזל" (אונדזער קורסיוו. — י. ס.).

אין דעם „אַרטיסטישן קרייזל", ווי עס איז שוין איצט באַוווּסט פון גורשטיינס איבנדער־מאָנטער אַרבעט, האָט זיך גאָלדפאַדענען ניט איינגעגעבן איינצואָרדענען, און סאָף סעזאָנ־בער האָט ער שוין מיט זיין טרופּע פאַרלאָזט מאָסקווע און פאַרגעזעצט זיינע גאַסטראָלן אין בערדיטשעוו, מינסק, באָברויסק און אין א רייִ אַנדערע „יידן־באַפעלקערטע" שטעט פון אוק־ראַינע און ווייסרוסלאַנד.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַף די איינצלהייטן פון גאָלדפאַדנס גאַסטראָלן אין מאָסקווע. אין א. גורשטיינס אַרבעט, פּובליקירט אין דער צייטונג „דער עמעס" נום. 4 פאַרן 1926, ווערט דער פאַרשער געפינען א גענויע כאַראַק־טעריסטיק פון דער אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז אויסגעקומען צו שפּילן דער גאָלדפאַדן־טרופּע אין מאָסקווע, ווי אויך א ברייטע אינ־פאָרמאַציע און טרעפלעכע אָפּשאַצונגען מיצאַד דער קריטיק און דעם פּובליקום. מיר וועלן בלויז דערמאָנען אייניקע אַלגעמיינע מאָמענטן.

דער דערפאָלג אין מאָסקווע איז געווען א באַשיימפּערלעכער, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין אייניקע צייטונגען האָבן זיך דאַן געדרוקט אויך יודאָפאָבישע נאָטיצן, אַדרעסירטע דעם גאָלדפאַדן־טעאַטער און זיין פּובליקום. די מער־הייט צייטונגען האָט זיך באַציגן פריינטלעך צום יידישן טעאַטער און געגעבן וועגן אים פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען.

„דאָס, וואָס דער דאָזיקער דערפאָלג אין מאָסקווע איז געווען א מאַמאַשעסדיקער, קאָנ־קרעטער, — שרייבט א. גורשטיין, — איז צו זען פון דעם, וואָס גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן צו זוכן א ווינטער־לאָקאַל פאַר דער טרופּע". און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס זיינען געווען פאַרשיידענע שטערונגען, האָט די טרופּע אַזא מין ווינטער־לאָקאַל פונדעסטוועגן געפונען און „אָנגעהויבן צו שפּילן אין סאַמע צענטער שטאָט, אין סאָלאָדאָווניקאָווס טעאַטער אַף פּעטראָווקע (סאָלאָדאָווניקאָווס טעאַטער האָט זיך געפונען אָפן אָרט פונעם איצטיקן „פּאַסאַזש"), אַנטקעגן דעם גרויסן טעאַטער".

„דעם מאָסקווער רעפּערטואַר, — שרייבט ווייַ־טער גורשטיין, — האָבן מיר די מעגלעכקייט אופצושטעלן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכ־קייט. א גרויסן דאַנק דערפאַר די „וועדאָמאָסטי גאָראָדסקאָי פּאָליציי"! זיי האָבן עס אונדז פאַר־היט די אַפישן פון גאָלדפאַדנס פאָרשטעלונגען מיט די נעמען פון די אָנטיילנעמער און מיט אַנדערע דעטאַלן (פון זיי דערוויסן מיר זיך, לעמאָשל, אַז „די קאָמפּאַניע איז איינגעשטאַנען אין קאָקאָרעוווס באַקאַנטן גאַסט־הויז)".

גאָלדפאַדנס טרופּע האָט געשפּילט אין מאָסק־ווע אין מעשעך פון אַנדערהאַלבן כאָדאָשים — פונעם 3 (15) אַווגוסט ביזן 16 (28) סעזאָניאַ־בער 1880. זי האָט געגעבן פאַר דער צייט 14 פאָרשטעלונגען (9 אין פּעטראָווסקער פּאַרק און 5 אין סאָלאָדאָווניקאָווס טעאַטער). דער רעפּער־טואַר איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע פּיעסן: „שמענדריק" (געגאַנגען 4 מאָל), „דער פאַנאַ־טיק" (4 מאָל), „די שטומע קאַלע", „ני בע, ני מע, ני קוקורעקו, אָדער דער קאַמף פון ציוויַ־ליזאַציע מיט פאַנאַטיזם" (3 מאָל), „די קישעף־מאַכערן", „אינטריגע, אָדער דוואָסיע די פּליאַט־קעמאַכערן", „די שוועבעלעך" (א וואָדעוויל וואָס פלעגט געשפּילט ווערן אַלס צוגאָב, מייִנסטנס מיט „שמענדריק", געגאַנגען 4 מאָל), אין שלוס — א קאָמישער אַנטרע (אַרויסטריט) פון צען כסידים, אין וועלכן עס האָט אָנטיילגע־נומען אַליין גאָלדפאַדן. עס זיינען געווען צוויי בענעפיסן: פון ל. צוקערמאַן („די קישעפמאַ־כערן") און פון צ. פּינקעל („דער פאַנאַטיק").

צווישן די גאַסטראָלן אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג ליגט א צייט־מעהאַלעך פון הע־כער 10 כאָדאָשים, בעשאַס וועלכן די טרופּע האָט, ווי געזאָגט, באַזוכט א רייִ שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אָפּשטעלן דעם מאַרשרוט איז קימאַט אומעג־לעך. די ידיעס פון די קאָרעספּאָנדענטן אין דער צענטראַלער פּרעסע זיינען ניט קיין פּינקט־לעכע און אָפּגעריסענע. די טרופּע פלעגט זיך בייס אירע גאַסטראָלן איבער דער פּראָווינץ פאַנאַנדערטיילן אַף באַזונדערע גרופּעס, אָפּט פלאָנטערן די קאָרעספּאָנדענטן, אָנעמענדיק די וואַנדערנדיקע טרופּעס פון גאָלדפאַדנס ברי־דער (נאַפטאָלי און טוווי), וועלכע האָבן זיך אָפּט קאָמפּראָמעטירט אין זייער שפּילן, מיטן עמעטן גאָלדפאַדן, דעם שעפער פונעם יידישן טעאַטער.

צו די מאַטעריאַלן פון די גאָלדפאַדענישע גאַ־סטראָלן איבער דער פּראָווינץ דאַרף מען צו־גיין פאָרזיכטיק. די קאָרעספּאָנדענטן פון דער־דעמאָלטיקער פּראָווינציעלער פּרעסע האָבן דאָס־ראָוו ביכלאַל ניט געהאַט קיין אייגענע שטע־לונג אָדער פלעגן צובאַמקען דער אָנגענומענער נעגאַטיווער מיינונג וועגן גאָלדפאַדענען. זייער אָפּט שטיצן זיך, אַשטייגער, די קאָרעספּאָנ־דענטן אַף דעם באַוווּסטן בראַנדס אַרטיקל „די מאָטיוון פון דער יידישער דראַמע" אין דער צייטונג „רוסקי יעווריי", און עס ענדיקט זיך מיט דעם, אַז זיי לייקענען אָפּ אַפילע די עצעם פאַקטן, וועלכע עס אַנטהאַלטן זייערע אייגענע קאָרעספּאָנדענצן (פון בערדיטשעוו, פון מינסק און פון אַנדערע ערטער), ווו עס רעדט זיך וועגן דעם דערפאָלג פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער באַ זיי אין שטאָט.

פאַראַן אָבער מאַטעריאַלן, וואָס האָבן פאַר אונדז אַן אומבאַשטרייטבאַרע ווערט. אַזעלכע זיינען, לעמאָשל, די 4 אַפישן פון גאָלדפאַדנס גאַסטראָלן אין באָברויסק אין 1881, וועלכע עס האָט אין 1935 פּובליקירט דער טראַגיש־אומגע־קומענער אין דער דייטשיש־פאַשיסטישער אָקו־

פאַציע װיסנשאַפטלער לעאָן דושמאַן, אַ געװוּ־זענער סופליאָר און אַקטיאָר.

אַף די דאָזיקע אַפישן, גענומענע פונעם מינ־סקער אַרכיװ, איז געמאָלדן, אַז גאָלדפאַדנס „הױפּט־טרופּע פון יידישע אַרטיסטן" איז גע־קומען קײן באָברויסק בלויז אַף זעקס ספּעק־טאַקלען. אין עפּשטײנס זומער־טעאַטער װעט גײן, „זונטיק, דעם 19 אַפּרעל, „די קאַפּריזנע טאָכטער", דראַמע אין 6 אַקטן מיטן אָנטײל פון אַדלער, פרוי מיכעלסאָן, קאַרפּ, פרוי אַב־ראַמאָװיטש, צוקערמאַן, שראַגע און פּעקער". דעם 20־טן איז געשטעלט געװאָרן „די אינטרי־גע, אָדער דוואָסיע די ספּלעטניצע", קאָמעדיע אין 5 אַקטן. דעם 21־טן — „ברײַנדעלע קאָזאַק", אַ כאָלעם אין פיר אַקטן און 10 בילדער מיט טענץ. דעם 22־טן — „קאַלדוניע", טראַגיקאָמי־שע אָפּערעטקע אין 5 אַקטן און 8 בילדער. „די פּיעסע, — װערט געזאָגט, — האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין אױסלאַנד און אין רוס־לאַנד. אין אָדעס איז זי געשפּילט געװאָרן 100 מאָל". „דירעקטאָר פון אַלע ספּעקטאַקלען — ליוסטגאַרטען".

די אױסגערעכנטע נעמען פון אַרטיסטן, אײַנ־שליסנדיק אױך דעם דירעקטאָרס, װעלן מיר שפּעטער באַגעגענען אַף די אַפישן אין פּעטער־בורג, װוּהין די טרופּע איז געקומען פון סמאָ־לענסק, װי עס האָט געמאָלדן די פּעטערבורגער פּרעסע („נאָװאָיע װרעמיאַ" פאַרן 27 יול 1881).

קײן פּעטערבורג איז די גאָלדפאַדן־טרופּע געקומען דעם 9 אָדער 10 יול 1881. די ספּעק־טאַקלען האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט דעם 23 יול.

די פּעטערבורגער גאַסטראָלן זײַנען שױן באַ־לויכטן געװאָרן אין דער דערמאָנטער אַרבעט פון נ. אױסלענדער און אָו. פּינקעל „אַװראָם גאָלדפאַדן", טײלװײַז אין דער אַרבעט פון אַ. גורשטײן „צו דער סצעניִשער געשיכטע פון דער „קישעפמאַכערין".

זיבן מיט אַ האַלבן כאַדאָשים האָט גאָלד־פאַדנס טרופּע געשפּילט אין פּעטערבורג: פון דעם 23 יול 1881 ביזן 15 מאַרט 1882. געשפּילט האָט זי ניט רעגולער, מיט אָפטע קלענערע און גרעסערע איבעררײַסן צוליב טעכנישע סיבעס: דאָס אָפטע איבערקלײַבן זיך אין נײַע ערטער און געבײַדעס, דאָס פעלן פון אַרטיסטן אאַז.

פאַר די אַכט כאַדאָשים, װאָס גאָלדפאַדן האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, האָט ער „דורכגע־לופּעטערט" קימאַט זײַן גאַנצן אַלטן רעפּערטואַר און געשאַפן אײניקע נײַע פּיעסן און ספּעקטאַק־לען. עס זײַנען דאָ געשטעלט געװאָרן 17 פּיעסן (פון זײ צװײ װאָדעװילן): „שמענדריק", „פּאַ־נאַטיק", „ני בע, ני מע", „קאַלדוניע", „די שטו־מע קאַלע", „די שװועבעלעך", „קאַטאַר" (2 װאָ־דעװילן), „די קאַפּריזנע טאָכטער", „ברײַנדעלע קאָזאַק", „אינטריגע", „די באָבע מיטן אײניקל", „דער באַנקיר־טיראַן, אָדער דער פאַרקױפטער שלאָף", „טאַדרעס בלאַז", „אַלמאַסאַדאַ", „אוּר־ריִעל אַקאָסטאַ", „שולאַמיס".

פאַר דער צײַט זײַנען געגעבן געװאָרן הונ־דערט צװאַנציק ספּעקטאַקלען. מער פון אַלע זײַנען געגאַנגען די פּיעסן: „פּאַנאַטיק" (18 מאָל), „אַלמאַסאַדאַ" (16 מאָל), „קאַלדוניע" (13 מאָל), „שמענדריק" (11 מאָל). װײניקער פון אַלע — „טאַדרעס בלאַז" (1 מאָל), „אינטריגע" (2 מאָל). די אַרטיסטן פון דער טרופּע האָבן געהאַט 24 בענעפיסן.

אַזױאַרום, האָבן מיר אױך דאָ, אין די פּע־טערבורגער גאַסטראָלן, געפונען אײניקע איבע־ראַשנדיקע נײַסן. פריִער פאַר אַלץ — אײנעם צעם רעפּערטואַר. מיר האָבן זיך ענדלעך אָנ־געשטויסן אַף דער פּיעסע „אוריִעל אַקאָסטאַ", װעגן װעלכער די פּעטערבורגער „יודישעס פאָלקסבלאַט" האָט בלויז געמאָלדן („גאָלדפאַדן גרײט איר אױפפירונג אין זײַן אײגענער באַאַר־בעטונג"). צום באַדױערן, האָבן מיר דערװײַל אין ערגעץ ניט געפונען קײן אָפּשאַצונג פון דעם דאָזיקן נײַעם ספּעקטאַקל. אַזאַ אָפּשאַצונג איז מיסטאָמע געװען. עס פעלן אָבער אין די אַרכיװן אַ רײ נומערן פונעם זעלבן „יודישעס פאָלקסבלאַט" און פון אַנדערע צײַטונגען גראָדע פון דער דאָזיקער צײַט.

די פּעטערבורגער פּרעסע אַרום די גאָלדפאַדן־ספּעקטאַקלען איז אַ גאַנץ היפּשע. געװען פאַר־שײדענע שאַטירונגען און מײנונגען. דער זײער פּאָפּולערער פעליעטאָניסט פון דער „פּעטער־בורגסקאַיאַ גאַזעטאַ" נ. לײקין, אַ יודאָפּאָב, האָט געװוידמעט דעם טעאַטער צװײ גרויסע פעליע־טאָנען: אין אָנהײב פון די גאַסטראָלן און צום סאָף. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער זעל־בער צײַטונג צו געבן אױך אַ רײ פּאָזיטיװע רעצענזיעס און נאָטיצן. די „פּעטערבורגסקאַיאַ גאַזעטאַ" האָט רעגולער און סיסטעמאַטיש גע־דרוקט אַנאָנסן װעגן די גאָלדפאַדענישע ספּעק־טאַקלען.

בכלל באַמערקט זיך אין אַלע פּעטערבורגער צײַטונגען און זשורנאַלן, סײַ רוסישע, סײַ רו־סיש־יידישע, אײן אַלגעמײנער שטריך. אױב אין אָנהײב פון די גאַסטראָלן האָט די מערהײַט זיך אָפּגעשטעלט אַף די בלויזן פונעם טעאַטער, אירגאַניזירט און אַפּילע אױסגעלאַכט זײַנע שטע־לונגען, באַמערקט זיך צום סאָף אַ באַשטימטער איבערבראָך, און דאָס איז אַ רעזולטאַט ניט בלויז פון דעם, װאָס עס זײַנען באַװיזן געװאָרן די אַזױגערופענע היסטאָרישע און נאַציאָנאַל־פּילבאַרע פּיעסן, נאָר אױך אַדאַנק דער אומופּ־הערלעכער באַרײַכערונג פון די אַרטיסטישע קאַדרען, פאַרפולקומונג פון די סצעניִשע און מוזיקאַלע עלעמענטן.

אין פּעטערבורג האָבן באַקומען די פולסטע אָנערקענונג אַ רײ אַקטיאָרן פונעם גאָלדפאַדע־נישן טעאַטער, און זײערע נעמען זײַנען פאַר־בליבן אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע ביזן הײַנטיקן טאָג (לעמאָשל — קאַרפּ, שראַגאַ, פּישקינד, אַניעטאַ שװאַרץ, דאָס פּאַרפאָלק צו־קערמאַן).

די אײַנגעשטעלטע קאָנצעפּציע װעגן דעם „איבערבראָך" אין גאָלדפאַדנס שאַפן אין דעם דאָזיקן פּעריאָד אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע

נאַציאָנאַלע שטימונגען איז היפּש איבערגע־
טריבן. גאָלדפאַדנס איבערגאַנג צו היסטאָרישע
טעמעס זאָגט נאָך גאָרניט וועגן דעם, ביפראַט,
אַז דער דאָזיקער „איבערגאַנג” האָט זיך שוין
אָנגעהויבן, ווי מיר האָבן געזען, א סאַך פריִער
(די פּיעסע „שולאַמיס”).

אין פּעטערבורג זײַנען די „היסטאָרישע
פּיעסן” געגאַנגען צוזאַמען מיט די פּיעסן פונעם
גאָר אַלטן רעפּערטואַר. אין דעקאַבער 1881 און
אין פעוורואַל 1882 זײַנען נאָך אַלץ געגאַנגען
„שמענדריק”, „פאַנאַטיק” און דעסגלײַכן. אַזאַ
פּיעסע, וואָס געהערט נאָך צו די פריִע שאַפונ־
גען, ווי „ברײַנדעלע קאָזאַק”, איז אין פּעטער־
בורג באַוויזן געוואָרן זעקס מאָל, און זי איז,
אויסער דעם, אויסגענוצט געוואָרן פאַרן בענע־
פיס פון דער אַקטריסע צוקערמאַן. פון 17 גע־
שטעלטע פּיעסן זײַנען צוויי בלויז אָריגינעל־
היסטאָרישע, 2 איבערגעזעצטע און איבערגע־
מאַכטע פון דײַטש („דער באַנקיר־טיראַן” און
„אוריִעל אַקאָסטאַ”). פון 120 שטעלונגען ציילן
אָן די „היסטאָרישע” בלויז 20 (מיט „אוריִעל
אַקאָסטאַ” — 25).

מע דאַרף אויך אָפּמערקן, אַז די פּעטערבור־
גער פּרעסע, באַזונדערס דער טייל אירער, וואָס
האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום גאָלדפאַדן־טעאַ־
טער, האָט אים פונקט אַזוי געלויבט פאַר זײַנע
שטייגערישע, אויפקלערערישע, דעמאַסקירנדיקע
פּיעסן, ווי פאַר די היסטאָרישע, און פאַרקערט,
אויב זי האָט גערעדט וועגן פעלערן און בלויזן,
האָט זי ניט געשוינט אויך אַזוינע פּיעסן, ווי
„שולאַמיס” און „אַלמאַסאַדאַ”.

די פּעטערבורגער פּרעסע האָט אונטערגע־
שטראָכן די גרויסע באַדײַטונג פון אַזעלכע
רעאַליסטישע פּיעסן, ווי „פאַנאַטיק”, „ני בע, ני
מע”, פאַר וועלכע דער אויטאָר איז אויסגעשטאַ־
נען רעדיפעס אין טשערניגאָוו און אין אַנדערע
שטעט. די פּרעסע האָט אויך אָפּגעמערקט די
באַוויזענע מײַסטערשאַפט אין דער פּיעסע „פאַ־
נאַטיק” און פאַרגליכן זי מיט ענלעכע אייראָ־
פּעיִשע מוסטערן. ווי א קוריאָז, איז באַשריבן
געוואָרן איינע א געשיכטע, אַז דער פּעטערבור־
גער ראָוו האָט פאַרבאָטן דעם כאַזן פון דער
שול צו באַזוכן די גאָלדפאַדענישע ספּעקטאַק־
לען, דראָענדיק, אַז ער וועט „אַראָפּגענומען
ווערן פון דער אַרבעט”... אין דער צײַטונג
„גאָלאָס” איז געווען אָפּגעדרוקט א דורכויס נע־
גאַטיווע נאָטיץ דאַפּקע וועגן די פּיעסן „אַלמאַ־
סאַדאַ” און „שולאַמיס”.

גאָלדפאַדן איז געפּאָרן אין די גרויסע רוסי־
שע צענטרען, האָבנדיק אין זינען צו דערלייזן
וויכטיקע אופגאַבן. פּונקט ווי זײַנע שפּעטערדי־
קע מיטצײַטלער שאָלעם־אַלייכעם און ספּעק־
טאָר, האָט ער געוואָלט דורכברעכן די וואַנט
פון גלײַכגילטיקייט צו דער זאַך, וואָס אים איז
באַשערט געווען צו טאָן. ווי בא שאָלעם־אַליי־
כעמען, איז אויך בא אים געגאַנגען ניט אַזוי
אינעם אייגענעם פּרעסטיזש, ווי אין דעם פּרע־
סטיזש פון די נײַע אופטוען — אין געגעבענעם
פאַל פון דעם נײַ־געבוירענעם ייִדישן פאָלקס־
טעאַטער, אין דעם פּרעסטיזש און קאָוועד פון
יענע דעמאָקראַטישע שיכטן, וועלכע האָבן דעם
טעאַטער אַרויסגערופן צום לעבן.

עליע פאַלקאָוויטש

שפּראַכלעכע באַמערקונגען

פאַר דער קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט פון דער שפּראַך, ווי אויך פאַר איר איינהייטלעכקייט איז ביז גאָר וויכטיק א דורכגעטראַכטער, פאַסיקער אָפּקלייב פון ווערטער. ניט ווייניקער וויכטיק איז אָבער אויך א ריכטיקער בוי פון די זאצן, וואָס זאָל זיין בעהעסקעם מיט די נאָרמעס פונעם אייגענעם לאָשן.

אַרטיקלען

אין ייִדיש, ווי ס'איז באַוווּסט, קומען סובסטאַנטיוון (זאַכווערטער) און סובסטאַנטיווירונגען (דער אַלטער, דאָס לערנען, דער הו־הא) געוויינלעך מיט אַרטיקלען. דאָס פאַרגעסט מען צומאָל. מע שרייבט:

1. ער האָט געמאַכט די פּרווּ (כאַוועז) פון אָדאָמס ריפּ.

אָבער אָדאָם האָט דאָך געהאַט, דאַרף מען קלערן, ניט איין ריפּ. דעריבער דאַרף דאָ זיין:

1א. ער האָט געמאַכט די פּרווּ (כאַוועז) פון אָדאָמס א ריפּ.

אַרטיקלען (דער, די, דאָס, דעם, א, אַן, קיין) שפּילן אין ייִדיש א היפּשע ראָליע. אַן אַרטיקל ווייזט אָפּ, צי דער סובסטאַנטיוו איז אין איינצאָל צי אין מערצאָל. פאַרגלייכט: דער שטיוול — די שטיוול; אַן עפּל — עפּל.

אַן אַרטיקל קאָן פון אַן אייגן־נאָמען מאַכן א קלאַלנאָמען. פאַרגלייכט:

2. מע רופט אים מענאַכעם־מענדל — ער איז א מענאַכעם־מענדל.

די אָפּוועזנהייט פון אַן אַרטיקל בא א קלאַל־נאָמען אין איינצאָל קאָן דעם סובסטאַנטיוו צוגעבן א באַטייט פון אַן אייגן־נאָמען, אָדער פון א שטאָפנאָמען. לעמאָשל:

3. טענצער איז געווען אַמאָל גאָר פון די געהויבענע סוסים (שאָלעם־אַלייכעם).
4. איך בין דאָך ניט בליומע־זלאַטע, וואָס האָט ליב עסן מאַן (שאָל.־אַל.).
5. אין בעט... איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ווייניקער טאַטע (בערגעלסאָן).

ייִדיש איז אַן אַנאַליטישע שפּראַך — זי קומט אָן צו הילפווערטער ביכלאַל אָפטער, איידער רוסיש. פאַרגלייכט, לעמאָשל:

6. אינדערהיים האָט זיך פאַר דעם באָכער אָנגעהויבן א נייַ לעבן.

Дома для парня началась новая жизнь.

רוסיש איז א סינטעטישע שפּראַך — זי האָט מער ביייגפאָרמעס און ווייניקער הילפווערטער, איידער ייִדיש. א ייִדישער טעקסט איז בעדערעך־קלאַל לענגער פונעם זעלבן מאַטעריאַל אין רוסיש.

ביפראַט איז גרויס דער כילעק צווישן ייִדישע און רוסישע ווערבן (צייטווערטער). די ייִדישע אַנטהאַלטן הילפווערבן (האָט זיך אָנגעהויבן, וועט זיך אָנהייבן...) א סאַך אָפטער, איידער די רוסישע.

מיטשטימונג

סיי אין ייִדיש, סיי אין רוסיש קומען די ווערבן אָפט אַלס פּרעדיקאַטן און שטימען אין צאָל מיט זייערע סוביעקטן: דאָס קינד וואַקסט — די קינדער וואַקסן.

ווען דער סוביעקט באַשטייט פון פּאַראַלעלע סובסטאַנטיוון, קאָן דער פּרעדיקאַט (דער פּערזאָניקער ווערב) אָפט שטימען אין צאָל מיט יעדן פון זיי. לעמאָשל:

7. גלייך קומען צו גיין אהער א בינטל ייִדן (שאָלעם־אַלייכעם).

7א. גלייך קומט צו גיין אהער א בינטל ייִדן.

8. א גאַנצע מאַכנע הינט שפּרינגט צו צום בוים (פּערעץ).

8א. א גאַנצע מאַכנע הינט שפּרינגען צו צום בוים.

אין אַזעלכע פאַלן שטימט דער פּרעדיקאַט מיט יענעם פון די פּאַראַלעלע סובסטאַנטיוון, וואָס אים וויל מען אַרויסשטעלן אַלס דעם הויפּט פונעם סוביעקט.

אַן אָריגינעלע מיטשטימונג פון פּרעדיקאַטן מיט א סוביעקט, וואָס באַשטייט פון פּאַראַלעלע סובסטאַנטיוון, איז אין פאָלגנדיקן זאַץ:

9. באַם עק פון א לאַנגן דעמבענעם טיש זיצט

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1976.

א כעוורע קלעזמער און סטראָיען, שטעלן אָן זייערע קיילים (מענדעלע).

ווען א פּרעדיקאַט אנטהאַלט א הילפוורב, שטימט דער דאָזיקער מיטן סוביעקט: דאָס קינד וועט וואַקסן — די קינדער וועלן וואַקסן.

אייניקע פענמענטשן לייגן ניט גענוג אכט אף דער דאָזיקער מיטשטימונג, איבערהויפּט, ווען דער הילפוורב גייט פריִער פונעם סוביעקט. לעמאָשל:

10. לעצטנס ווערט אין דער פּרעסע געשריבן פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן דעם וווּקס פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט אין די פאַבריקן.

קלאָר, אז דאָ דאַרף זײַן ניט „ווערט", נאָר „ווערן", ווײַל דאָס וואָרט „אַרטיקלען", וואָס ציט צו זיך דעם הילפוורב, איז אין מערצאָל. אַגעוו, דעם זאַץ 10 וואָלט גלײַכער געווען צו מאַכן אזוי:

10א. לעצטנס שרײַבט מען אין דער פּרעסע א סאַך (אָדער: אָפט) וועגן דעם וווּקס פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט אין די פאַבריקן.

דאָס הייסט: בויען דעם זאַץ ניט פּאַסיוו, נאָר אַקטיוו. אָבער וועגן דעם וועט גיין א רייד א ביסל שפּעטער.

אייניקע פענמענטשן צעשטערן די מיטשטימונג אויך אין אַזא פאַל:

11. ער איז געווען פון די ווייניקע, וואָס האָט געוווּסט איר פאַרגאַנגענהײַט.

פאַרשטייט זיך, אז אויך דאָ דאַרף דער הילפוורב זײַן אין מערצאָל, ווײַל ער ציט צום וואָרט „ווייניקע".

נאָך אָפטער טרעפט מען די מישטימונג צעשטערט אין פאָלגנדיקע פאַלן:

12. איינע פון זײַנע ווײַטערדיקע אופטראָגן איז געווען...

13. ליסט האָט נאָכן אויסהערן איינע פון שאָפּענס עטיודן געשריבן...

14. איינע פון די פּאָפּולערסטע ווערק פון ליאָן פויכטוואַנגער — „גאָיאַ" איז געוואָרן אָנגעשריבן אין דעם הויז.

15. דער מעכאַבער איז זיכער איינער פון די אינטערעסאַנטע קולטור־פּערזענלעכקײַטן פון זײַן צײַט.

דאָ דאַרף מען אָנשטאָט די אונטערגעשטראָכענע ווערטער מאַכן אזוי:

12א. איינער, ווײַל „אופטראָג" איז מענלעכער מין;

13א. איינעם, ווײַל „עטיוד" איז מענלעכער מין און איז דאָ אַן אַקוזאַטיוו (א דירעקטער אָביעקט);

14א. איינס, ווײַל „ווערק" איז זאַכלעכער (נייטראַלער) מין;

15א. איינע, ווײַל „פּערזענלעכקײַט" איז ווײַבלעכער מין (אָדער: איינס, אויב האַלטן „פּערזענלעכקײַט" פאַר א סובסטאַנטיוו פון זאַכלעכן מין).

אַגעוו, דעם זאַץ 14 וואָלט גלײַכער געווען צו בויען אזוי:

14ב. איינס פון ליאָן פויכטוואַנגערס פּאָפּולערסטע ווערק — „גאָיאַ" איז געוואָרן אָנגעשריבן אין דעם הויז.

אָדער: 14ג. איינס פון זײַנע פּאָפּולערסטע ווערק — „גאָיאַ" האָט ליאָן פויכטוואַנגער אָנגעשריבן אין דעם הויז.

ווערבן און סובסטאַנטיוון

דער כילעק צווישן ייִדיש און רוסיש באַשטייט אויך דערין, וואָס אין א ייִדישן טעקסט זײַנען ווערבן אָפטער, איידער אין א רוסישן; אין א רוסישן זײַנען אָפטער סובסטאַנטיוון. לעמאָשל:

1. ער איז מיט איר קומען צופרידן (בערגעלסאָן).

2. דאָס פּאָרן פון יעהופּעץ קיין בויבעריק איז א קלייניקײַט (שאָלעם־אַלייכעם).

3. ס'איז אָבער געווען אומזיסט דאָס פאַרשטעלן זיך מיטן באַהאַלטן זיך (שאָל.־אַל.).

אין א ריי פאַלן זײַנען די ווערבן אין א ייִדישן זאַץ נאָך קאָמפּליצירטער:

4. נאָר מיט דעם דאָקטערס ווײַז גענבן זיך אין קאַפּצאַנסק האָט (האָבן)... אַרויסגעשפּראָצט מיטאַמאָל שלאַפקײַטן אַלערליי (מענדעלע).

5. א באַזונדערער כיין איז געווען אויסגעגאָסן... אף זײַן יעדן ריר טאָן זיך אף דער בינע (שאָלעם־אַלייכעם).

דאָ וועלן אין א רוסישן זאַץ קומען סובסטאַנטיוון אָנשטאָט די אונטערגעשטראָכענע סובסטאַנטיווירטע ווערבן.

דאָס אַלץ דאַרף מען נעמען אין אכט באַם איבערזעצן פון רוסיש אף ייִדיש אָדער פאַרקערט. צום באַדויערן, פאַרגעסן דאָס אייניקע פענמענטשן און מאַכן אָפט די ייִדישע זאַצן שווערער, אָנגעשוואָלן, לעמאָשל:

6. עס קומען פונדעסטוועגן פאָר פאַרשפּעטיקונגען אין דער רעאַליזירונג פון די אויפגאַבעס פונעם פּלאַן.

7. טאַקע דאָס האָט מען גענומען אין אכט בײַם דער אָפּשאַצונג פון די איצטיקע געזעלשאַפטלעך־וויסנשאַפטלעכע עפעקטן.

8. ...ווי נייטיק עס זײַנען די ווײַטערדיקע אָנשטרענגונגען פאַר דער באַפעסטיקונג און פאַרטיפערונג פון דעם אָנטשפּאַנונגס־פּראָצעס.

9. די דאָזיקע דערשײַנונג איז פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג פון די פּראָזאַיִקער צו ברייטערער שילדערונג פון אונדזער ווירקלעכקײַט.

10. דער ציל פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען נישט די פאַרניכטונג פונעם פאַשיזם, נאָר דאָס פאַרטרײַבן די אימפּעריִאַליסטישע קאָנקורענטן פון די וועלטמערק.

לאָמיר אין די דאָזיקע זאַצן א ריי סובסטאַנטיוון פאַרבײַטן מיט ווערבן:

6א. עס קומען פונדעסטוועגן פאַר פאַרשפּעטיקונגען אינעם (באַם) רעאַליזירן די אופגאַבעס פונעם פּלאַן.

7א. טאַקע דאָס האָט מען גענומען אין אַכט בײַסן אָפּשאַצן די איציקע געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע עפעקטן.

8א. ...ווי בײַטיק עס זײַנען די ווײַטערדיקע אָנשטרענגונגען פאַר באַפעסטיקן און פאַרטיפערן דעם אנטשפּאַנונגס־פּראָצעס.

9א. די דאָזיקע דערשײַנונג איז פאַרבונדן מיטן שטרעבן פון די פּראָזאיקער צו שילדערן ברייטער אונדזער ווירקלעכקייט.

10א. דער ציל... איז געווען ניט פאַרניכטן דעם פאַשיזם, נאָר פאַרטרײַבן די אימפּעריאַליסטישע קאָנקורענטן פון די וועלטמערק.

אַנשטאָט די בײַכיקע סובסטאַנטיוון מיטן סופיקס ־ונג" האָבן מיר דאָ קירצערע ווערטער — אינפיניטיוון (רעאַליזירן, אָפּשאַצן...). פּאַריינס זײַנען די זאַצן פּאָטער געוואָרן פון איבעריקע פּרעפּאָזיציעס („פון"). אויב מע זאָל וועלן, קאָן מען אייניקע פון די פאַריקע זאַצן מאַכן נאָך קירצער און ווירקעוודיקער. לעמאָשל:

6ב. פונדעסטוועגן פאַרשפּעטיקט מען נאָך באַם רעאַליזירן די אופגאַבעס פונעם פּלאַן.

אקטיוו און פּאַסיוו

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זאַצן איז גלײַכער צו בויען אַקטיוו. דערפון דאַרף מען אָבער ניט דרינגען, אַז אַ פּאַסיווע סטרוקטור איז אָפּגעפרעגט. אין אַ רײַ פּאַלן איז זי גאַנץ פּאַסיק. לעמאָשל:

1. דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט שוין געפרוווט געשלאָגן ווערן מאָראַליש און באַנומען ווערן מאַטעריעל פון קאָפּ ביז די פיס (שאָל־אַל.).

אין אַן אַקטיווער סטרוקטור וואָלט די דאָזיקע פראַזע האָבן אַזאַ אויסזען:

1א. דעם העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט מען שוין געפרוווט שלאָגן מאָראַליש און באַנעמען מאַטעריעל פון קאָפּ ביז די פיס.

איצט איז דער העלד שוין אַן אָביעקט. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָבער געוואָלט, אַז דער העלד זאָל זײַן דער סוביעקט (דער צענטער, דער טוער) פונעם זאַץ. דעריבער איז ער אָנגעקומען צו דער פּאַסיווער סטרוקטור.

אָדער אַ בײַשפּיל פון מ. גידעמאַנס בוך „ייִדישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער", איבערגעזעצט פון נאָכעם שטיפן (בערלין, 1922):

2. העויס ווי ייִדן האָבן שטענדיק געקאָנט פאַרטריבן ווערן פון אַן אָרט, פלעגן זיי זעלטן אַרײַנלייגן זייער פאַרמעגן אין גיטער...

ב. שטיף איז געווען אַ קאַפּער כאַסיד פון פּאַסיווע סטרוקטורן, אָבער דאָ האָט ער דעם ערשטן זאַץ, דעם בײַזאַץ, געמוזט בויען פּאַסיוו, ווײַל ער האָט געוואָלט, אַז דער סוביעקט פון דער גאַנצער פראַזע (אי פונעם בײַזאַץ, אי פונעם הויפּטזאַץ) זאָל פאַקטיש זײַן איינער און דער זעלבער: „ייִדן" — „זיי".

אָדער נאָך אַ בוילעטערער פּאַל, ווען די פּאַסיווע סטרוקטור איז באַרעכטיקט:

3. איציקס מאָל טאָר ער ניט געהאַרגעט ווערן... איציקס מאָל דאַרף ער אָנקומען אין געטאָ בעשאָלעם. איבערגעבן דאָס, וואָס מע דאַרף... (מאַרקיש).

אַזוי טראַכט אין מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פון דורות" דער העלדישער טאַדעוש, ווען עס האָט אים גענומען פאַרפאָלגן אַ זשאַנדאַרם־פּאַטרול.

קורץ, אין אַ רײַ פּאַלן מעג מען אָנקומען צו פּאַסיווע זאַצן. מע טאָר אָבער ניט איבערכאַפּן די מאָס. מע דאַרף געדענקען, אַז אַן אַקטיווער זאַצבוי איז פאַר ייִדיש נאַטירלעכער, צוועקמעסיקער און קאָמפּאַקטער. פאַרגלײַכט, לעמאָשל:

4. דערצו דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, וואָס די פאַרייניקטע שטאַטן שטעלן מיט זיך פאָר...

4א. דערצו דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, וואָס די פאַרייניקטע...

5. עס גייט אין דעם, אַז פאַר די איניציאַטאָרן פון די פאַרפּליכטונגען זאָלן פאַרזיכערט ווערן די בעסטע באַדינגונגען...

5א. ...אַז פאַר די איניציאַטאָרן פון די פאַרפּליכטונגען זאָל מען פאַרזיכערן די בעסטע באַדינגונגען.

6. די פראַגע איז אָפּן פלענום באַלויכטן געוואָרן דורכן פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט...

6א. די פראַגע האָט אָפּן פלענום באַלויכטן דער פאָרזיצער פון...

האַקלאַל, לאָמיר ניט נאָכמאַכן די שפּראַכן, וואָס האָבן אַ סאַך בייגפאָרמעס און קאָנען זיך גרינג באַגיין מיטן פּאַסיוו. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז ייִדיש האָט דאָס וואָרט „מען, מע", וואָס קומט אין זאַץ אַלס אַ סוביעקט אין די פּאַלן, ווען מע קאָן ניט אָדער מע וויל ניט אָנרופן דעם פאַקטישן טוער, און וואָס מאַכט מעגלעך צו בויען דעם זאַץ אַקטיוו, ווי אין 4א און 5א. אויב דער פאַקטישער טוער קאָן אין זאַץ זײַן דער סוביעקט, ווי אין 6א, דאַרף מען אוודאי געבן אַן אַקטיווע סטרוקטור.

אויב דער „מען" איז ניט געווינטשן, און מע דאַרף אויסטיילן דעם פאַקטישן אָביעקט (און די טוונגען), דעמלט איז קעדײַ אָנקומען צום פּאַסיוו, ווו דער פאַקטישער אָביעקט ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַ גראַמאַטישער סוביעקט. לעמאָשל:

7. געמישפּעט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט; פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע מוז באַפרײַט ווערן די וועלט (פּערעץ).

צום פּאַסיוו איז אַמאָל אויך נייטיק אָנצוקומען, קעדײַ אויסצומײַדן צווײַדײַטיקײַטן און ביכלאַל אומקלאָרקײַטן. פאַרגלײַכט:

8. די ליסטע פון ליטעראַטן... דאַרף פעסטשטעלן אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע.

8א. די ליסטע פון ליטעראַטן... דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן דורך אַ ליטעראַרישער קאָמיסיע (פּערעץ).

דער פּאַסיווער זאַץ 8א איז לענגער פֿונעם אַקטיוון זאַץ 8, אָבער ער איז קלערער פֿון יענעם, דעריבער איז ער בעסער.

ווערבן מיט „זיך“

אין ייִדיש זײַנען היפּש פֿאַרשפּרייט אויך ווערבן מיטן הילפֿוואָרט (פּאַרטיקל) „זיך“. די דאָזיקע האָבן פֿאַרשיידענע באַטײַטן:

1) רעפֿלעקסיווקייט — אַ טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט מיט זיך אַליין: וואַשן זיך, באָדן זיך, אָנטאָן זיך, פֿאַרקעמען זיך, פֿאַרגאַרטלען זיך, אויסלערנען זיך...

2) קעגנזײַטיקייט, געמיינזאַמקייט — אַ טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט איינינעם מיט נאָך עמעצן: באַגעגענען זיך, קושן זיך, קריגן זיך, שלאָגן זיך, אַרומנעמען זיך...

3) שטייענדיקייט, אינטראַנזיטיווקייט — אַ טוונג, וואָס איז ניט געווענדט צו קיינעם: אַקשענען זיך, פֿאָרען זיך, סטאַרען זיך, לופֿטערן זיך, וואַלגערן זיך...

4) טוונגען, וואָס קומען פֿאָר ווי פֿון זיך זעלבסט, אָן עמעצנס ווילן: פֿאַרמאַכן זיך, עפֿענען זיך, אָנצינדן זיך, פֿאַרלעשן זיך, כאַלעמען זיך, ברעכן זיך, רײַסן זיך...

אייניקע ווערבן מיט „זיך“, ווי אַלערליי אַנדערע ווערבן, קאָנען אין פֿאַרשיידענע זאַצן האָבן פֿאַרשיידענע באַטײַטן. לעמאָשל: די הענער רײַסן זיך, (איינע מיט די אַנדערע) — די הויזן רײַסן זיך. און צומאָל אַפֿילע — דעם באַטײַט פֿון אַן אַקטיוון ווערב. לעמאָשל:

9. מײַן ברודער עליע איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער ניט קיין גוטער רעבע. ער איז אַ קײַסן, ער שלאָגט זיך (שאָלעם־אַליכעם).

באַ אַ ריי שרײַבער טרעפֿט מען אָפֿט דעם פּראָנאָם „מיך“ (און אַמאָל אויך „דיך“) אין אַזעלכע פֿאַלן, ווו איצט וואָלט מען גיכער געשריבן דאָס הילפֿוואָרט „זיך“. לעמאָשל:

10. אַ גאַנצן טאָג געפֿין איך מיך באַם טײַך — אָדער איך כאַפּ פֿיש, אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פֿיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַליין (שאָל.־אַל.).

אַ רוסישן ווערב מיטן סופֿיקס ся- קאָן אין ייִדיש אַנטשפּרעכן ניט נאָר אַ ווערב מיט „זיך“, לעמאָשל, דער רוסישער זאַץ Делегаты регистрируются у входа איז אין ייִדיש:

11. די דעלעגאַטן רעגיסטרירן זיך באַם אַרײַנגאַנג.

אָדער: 11א. די דעלעגאַטן ווערן רעגיסטרירט באַם אַרײַנגאַנג.

אין 11 רעגיסטרירן די דעלעגאַטן זיך זעלבסט. אין 11א רעגיסטרירט זיי עמעצער. אַנשטאָט 11א (פּאַסיוו) איז גלײַכער צו מאַכן אַקטיוו:

11ב. די דעלעגאַטן רעגיסטרירט מען באַם אַרײַנגאַנג.

טיילמאָל טרעפֿט מען ווערבן מיט „זיך“ אין אַזעלכע פֿאַלן, ווו עס דאַרפֿן זײַן פּאַסיווע אָדער אַקטיווע ווערבן. לעמאָשל:

12. דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט.

13. די ערשטע פֿאַלקסקיכן האָבן זיך געשאַפֿן אין דער באַלאַגערטער שטאָט.

נאַטירלעכער איז, פֿאַרשטייט זיך, אַז די זאַצן זאָלן זײַן אַקטיוו:

12א. דערנאָך האָט מען דעם וואַלד אויסגעהאַקט.

13א. די ערשטע פֿאַלקסקיכן האָט מען געשאַפֿן אין דער באַלאַגערטער שטאָט. (דער ווערב „שאַפֿן זיך“ קאָן ביכלאַל זײַן, אָבער אין אַן אַנדער קאָנטעקסט: עס האָט זיך געשאַפֿן אַ מאָדנע לאַגע... אַן אַפּגרונט... אַ קאָנטאַקט. אָדער (מיט אַן אַנדער באַטײַט): ער האָט אַ טעווע זיך צו שאַפֿן מיט מענטשן, ער האָט ליב זיך צו שאַפֿן...).

כּוץ די אָנגעוויזענע פֿאָרמעס פֿון גענוס (דער אַקצענט אויף „גע“)[1] איז אין ייִדיש פֿאַראַן אויך אַ קאַוזאַטיוו — אַן אָנרעגנדיקער (סטימולירנדיקער) גענוס: דער סוביעקט אַליין טוט ניט, נאָר ער מאַכט עמעצן טאָן. לעמאָשל:

14. ...יענע הייליקע שטילקײַט, וואָס... מאַכט דעם אַרטיסט געוועלטיקן איבערן פּובליקום (שאָלעם־אַליכעם).

15. אַ היפּש ביסל שנאַפּס מאַכט פֿאַרגעסן דעם שיקער אָן אַלע זײַנע צאָרעס (בערגעלסאָן).

16. אָט דאָס איז דער מוישקע, וועלכער האָט געמאַכט כאַלעמען דעם דאָקטער (דער ניסטער).

דער דאָזיקער גענוס (מאַכן+אינפֿיניטיוו) אַנטשפּרעכט אין טאָך דעם העברעיִשן „הפעיל“ (היפ׳ל) און איז אין געוויסע פֿאַלן גאַנץ געלונגען. ער איז ברייט פֿאַרגעשטעלט באַ יעהויאַשן. אַפֿילע אין אַזאַ זאַץ: איך וועל אײַך מאַכן וויסן מײַנע ווערטער.

ניט קיין פּאַסיקע סטרוקטור

צולעצט ווילט זיך וואָרענען קעגן אַ סטרוקטור, וואָס מע טרעפֿט לעצטנס אין דער ייִדישער פּרעסע און וואָס איז אָבער פֿאַר אונדזער לאַשן ניט פּאַסיק:

17. איך דערצייל אים, אַז זײַן בוך... האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס באַ די שרײַבער אין פּוילן, וואָס ער נעמט אויף מיט גרויס צופֿרידנקײַט.

18. דער קראַנקער האָט שטאַרק איבערגעלעבט די כוויזעקדיקע אָנפֿאַלן פֿון אַ טייל יונגע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אייניקע פֿון זײַנע פּעסימיסטישע לידער.

19. די אַרבעטער און פֿאַרמערס האָבן אַן אַקטיוון אָנטייל גענומען אין קאַמף קעגן דער בריטישער קאָלאָניִאַלער טיראַניִע, באַמיִענדיק זיך ניִשט בלויז צו באַפֿרײַען די קאָלאָניִעס, נאָר אויך צו דעמאָקראַטיזירן די אַמעריקאַנער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציִאַלע אינסטיטוציִעס, וואָס זיי איז בלויז טיילווײַז געלונגען.

[1] גענוס אַנטשפּרעכט דעם רוסישן גראַמאַטישן טערמין „זאַלאָג“.

20. די לינדערונג אין אייניקע ראַיאָנען ווערט באַגלייט מיט אופרײַסן פון אָנגעשטרענגט־קײַט און אַגרעסיע אין אַנדערע, וואָס לייגט אַרוף אַ בייזן און גרויליקן שטעמפּל אַף די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען.

אין די דאָזיקע פראַזעס האָט מען אָנשטאָט זייערע לעצטע בײַזאַצן מיט „וואָס" געדאַרפט שרײַבן:

אין 17 — ער נעמט עס אוף מיט גרויס צו־פרידנקײַט. און פאַרן „ער" שטעלן אַ פּונקט;

אין 18 — דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איי־ניקע פון זײַנע... לידער;

אין 19 — (אָבער) דאָס איז זיי בלויז טייל־ווײַז געלונגען. אָדער: און דאָס איז זיי בלויז טיילווײַז געלונגען.

אין 20 — דאָס לייגט אַרוף אַ בייזן און גרוי־ליקן שטעמפּל אַף די צווישנפעלקערלעכע באַ־ציִונגען.

ווערטער־סיידער

פאַרשיידענע שפּראַכן האָבן זיך זייערע נאָר־מעס וועגן דעם סיידער פון ווערטער אין אַ זאַץ. לעמאָשל: יידיש פאָדערט, אַז אַ פערזאָ־ניקער ווערב (שטיי, שטייסט, שטייט, שטייען; גיין, גייסט...) זאָל אין זאַץ זײַן אַפן צווייטן אָרט:

1. אונטער דײַן וויגעלע שטייט אַ גאָלדן צי־געלע.

אָדער: 2. אַ גאָלדן ציגעלע שטייט אונטער דײַן וויגעלע.

וויל מען דעם פערזאָניקן ווערב האָבן אַפן ערשטן אָרט, שטעלט מען פאַר אים אַ פּוסטן „עס" — אָן „עס", וואָס פּילט אויס אַ ריין סטרוקטורישע פונקציע.

3. עס שטייט אונטער דײַן וויגעלע אַ גאָלדן ציגעלע.

אין אַ זאַץ, וואָס איז אינהאַלטלעך געבונדן מיט אַ צווייטן זאַץ, קאָן דער פערזאָניקער ווערב זײַן אַפן ערשטן אָרט אָן דעם פּוסטן „עס" אויך:

4. קוק איך אַף בוזין, דערמאָן איך מיך אָן יע־נער בוזי, וואָס אַמאָל (שאָלעם־אַלייכעם).

דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט אָפּט אַ זאַצגליד, וואָס קומט מיט בײַזאַצן אָדער מיט זײַנער אַ גרופּע בײַגלידער. אין אַזאַ פאַל געפינט זיך דער פערזאָניקער ווערב גאַנץ ווײַטלעך, אָבער אַלץ אַפן צווייטן אָרט. לעמאָשל:

5. אַ מענטש, וואָס זיצט אַף אַזויפיל יאָרן אַף אַ קײַלעכיקן לעדערן זעסל און קלאַפּט מיטן האַמער אין דער פינצטער, קאָן נישט זײַן קיין אָפּטימיסט (שאָלעם־אַלייכעם).

6. נאָך זיבן טעג גאַנג איבער דעם הויפּט־טראַקט און דורך זײַטיקע וועגן און אויסבאַ־האַלטן זיך אין גריבער און אין הײַזער פון באַרעמהאַרציקע פויערים איז ווידעע געפאַלן פון די פיס (מאַרקיש).

ווען דער פערזאָניקער ווערב איז מיט אַ צו־גאָב (אוף, אָפּ, אַרײַן, אַרויס, אויס...), קומט דער צוגאָב נאָכן ווערב, אָפּט גאַנץ ווײַטלעך פון אים. לעמאָשל:

7. נאָר אין עק הינטערהויז שטעלט ער דעם דאָקטער אָפּ (בערגעלסאָן).

8. מיט דער הילף פון דער ליטעראַטור רײַסט זיך דער מענטש פון זײַן געפענקעניש אַרויס (פּערעץ).

אָט די דאָזיקע נאָרמעס פאַרגעסן צומאָל ניט נאָר יידן פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר טיילמאָל אויך פענמענטשן און בויען זייערע זאַצן אַף אַ ניט־יידישן שטייגער. לעמאָשל:

9. דער מעכאַבער, אין זײַן פאַרצייכענונג, שטעלט זיך אָפּ אַף...

10. מ. אַלגין, אין זײַן עסיי אין בוך: „אין דער וועלט פון געזאַנגען" וועגן יעהויאַש, שרײַבט...

די מעכאַברים פון די דאָזיקע זאַצן פילן, אַז זייער ווערטער־סיידער איז ניט גאָר קעשורע, פּרוּוון זיי זיך ראַטעווען מיט קאָמעס. ס'איז אָבער אַ שלעכטע טרופע. מע דאַרף ריכטיק בויען די זאַצן, ניט באַווירקט ווערן פונעם רו־סישן זאַצבוי, וועט מען ניט דאַרפן אָנקומען צו איבעריקע קאָמעס (אַ קאָמע קאָסט געלט און שטערט אָפּט). לעמאָשל:

9א. דער מעכאַבער שטעלט זיך אָפּ אין זײַן פאַרצייכענונג אַף...

אָדער: 9ב. דער מעכאַבער שטעלט זיך אין זײַן פאַרצייכענונג אָפּ אַף...

10א. מ. אַלגין שרײַבט אין זײַן עסיי וועגן יעהויאַשן אינעם בוך... (און עפּשער פאַר־שטיי איך פאַלש דעם זאַץ וועגן יעהויאַשן, און מע דאַרף אים אויסלייגן אַנדערש).

ווען דער ווערב איז אין פאַרגאַנגענהײַט (בין געשטאַנען, האָב געזען, פלעג נעמען) אָדער אין צוקונפט (וועל שטיין, וועל זען...), שטעלט מען דעם פערזאָניקן הילפווערב (בין, האָב, פלעג, וועל...) אַפן צווייטן אָרט און דעם גרונט־ווערב (אינפיניטיוו, פּאַרטיציפּ און אַנדערע) גלײַך נאָכן הילפווערב אָדער אָפּגערוקט פון אים, אָפּט אַפילע גאַנץ ווײַטלעך. לעמאָשל:

11. פּערעץ איז געווען צײַטנווײַז קאַלט, ווי אײַז, שטרענג, ווי אַ רעבע און שנײַדיק, ווי אַ מעסער (שאָלעם־אַלייכעם).

12. צווישן זיך פלעגן די קינדער שטילערהייט אָפּטאָן מײַסים (מענדעלע).

13. גיטעלען האָט ער שוין אין מעשעך פון טאָג עטלעכע מאָל וועגן אָט דעם נײַעם גליק־לעכן געשעפט דערציילט (בערגעלסאָן).

אַ פאַרשטאַרקנדיקער (טאַווטאָלאָגישער) אינ־פיניטיוו קומט פאַר דעם פערזאָניקן ווערב. לע־מאָשל:

14. הייסן הייסט ער איציק, נאָר רופן רופט מען אים אַלטער (שאָלעם־אַלייכעם).

דער פאַרשטאַרקנדיקער אינפיניטיוו קאָן האָבן בײַגלידער. לעמאָשל: איזן ערגעץ אינ־דערהיים איז ער, נאָר ניט פאַר יענע, וואָס רופן אים (בערגעלסאָן).

צוליב באַטאָנונג קאָנען דער פּאַרטיציפּ, דער אינפיניטיוו מיט זייערע בײַגלידער, ווי אויך

אלערליי אנדערע ווערטער, זײַן אפֿן ערשטן אָרט. לעמאָשל:

15. אָפּגעהאַנדלט די קאַנאַפּע מיטן בעטל האָט כּאַנע די ייִדענע (שאָל.־אַל.).

16. האַרגענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנט האָט מען בא זיי נישט צוגע־נומען (שאָל.־אַל.).

ווײַטער דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז א שפּראַך באַשטייט פֿון קלאַנגען, ריטמען, און די קאָנען זײַן גוט אָדער שלעכט קאָמבינירט. פֿאַר־גלײַכט, לעמאָשל, דעם ווערטער־סיידער אין פֿאָלגנדיקע זאַצן:

17. און אומעטום, האָט זיך מיר אויסגעוויזן[,] גייט, ווי אַן אייגענער שאָטן, מיר נאָך דער אומרו פֿון היימישע וועלדער...

17א. און אומעטום, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, גייט מיר נאָך, ווי אַן אייגענער שאָטן, דער אומרו פֿון היימישע וועלדער...

מיר דוכט, אַז דער ווערטער־סיידער אינעם זאַץ 17א איז געשמאַקער, איידער אינעם 17־טן. ביכלאַל, פֿאַרשטייט זיך, דאַרף מען זען, אַז דער ווערטער־סיידער זאָל העלפֿן וואָס פּינקט־לעכער אויסדריקן דעם געדאַנק און דער לייע־נער זאָל אים וואָס גרינגער אופֿנעמען. דערי־בער זיינען ניט גאָר געלונגען די ווײַטערדיקע זאַצן:

18. אין לאָנדאָן איז געשטאָרבן, אין עלטער פֿון 84 יאָר, דער דאָקטער ארן שטיינבערג...

19. העכער דרײַ טויזנט ווערק פֿון דער אַנטי־שער קונסט האָט קאָנפֿיסקירט די איטאַליע־נישע פּאָליציי אין פּריוואַטע הײַזער אַפֿן צאָפֿן פֿון איטאַליע.

20. אין מאָסקווע איז פֿאַרגעקומען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון סערגיי באַראַוּוטשאַטאָוו א באַראַטונג וועגן פֿײַערן דעם יעסענין־יובי־ליי.

21. זי פֿאָרט איבער געהיים פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן.

אוואדע איז א סאַך גלײַכער צו זאָגן אזוי:

18א. אין לאָנדאָן איז אין עלטער פֿון 84 יאָר געשטאָרבן דער דאָקטער...

19א. העכער דרײַ טויזנט ווערק... האָט די אי־טאַליענישע פּאָליציי קאָנפֿיסקירט אין...

21א. זי פֿאָרט געהיים איבער פֿון איין אָרט אַף א צווייטן.

טײלמאָל פּרוּווט מען העלפֿן דעם לייענער וואָס גרינגער אופֿצוכאַפּן דעם אינהאַלט פֿונעם זאַץ, אַרײַנשטעלנדיק אין אים טירעען. לע־מאָשל:

22. זי האָט דערשפּירט אינעם קאָנסולס זיסע רייד — סאַם.

די טירע פֿאַרגרינגערט, אָבער ריכטיקער וואָלט געווען, מע זאָל דעם זאַץ בויען א ביסל אַנדערש און ניט יוצא זײַן מיט א טירע. דהײַנו:

22א. זי האָט אינעם קאָנסולס זיסע רייד דער־שפּירט סאַם.

און אוואדע און אוואדע דאַרף מען זיך היטן פֿון א פֿרעמדן ווערטער־סיידער, ווי אין פֿאָלגנ־דיקע זאַצן:

23. אין 1966 אין פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַ־טעל" איז דערשינען דאָס לעצטע ווערק [זיינס] אין א טיראַזש פֿון 15 טויזנט עק־זעמפּלאַרן.

24. די דיכטונג וועט האָבן א צענטראַלע פֿאַר איינעם פֿון די נאָענטע נומערן פּאָעמע.

קלאָר, אַז דער „איז" דאַרף אינעם זאַץ 23 זײַן אַפֿן צווייטן אָרט: אין 1966 איז אין פֿאַר־לאַג... דערשינען...

און דעם זאַץ 24 דאַרף מען בויען אַף אזא אויפֿן:

24א. די דיכטונג וועט האָבן פֿאַר איינעם פֿון די נאָענטע נומערן א צענטראַלע פּאָעמע.

24ב. די דיכטונג וועט פֿאַר איינעם פֿון די נאָ־ענטע נומערן האָבן א צענטראַלע פּאָעמע.

אגעוור, דאָ און ווײַטער גייט א רייד וועגן דעם ווערטער־סיידער אין פּראָזאַישע טעקסטן. אין דער דיכטונג דערלויבט מען זיך צומאָל אויוועער זײַן אַף די אָנגעוויזענע נאָרמעס. ביכלאַל אָבער האַלטן זיך בא די נאָרמעס אויך א סאַך דיכטער. לעמאָשל:

דו, קליינינק שפּענדעלע, דו איינס,
דו קום מיט מיר, איך דאַרף אזוינס,
דו ביסט מיר האַרציק טײַער!
איך דאַרף קיין סאַך, איך דאַרף נאָר איינס,
א קליינינק שפּענדעלע א ריינס
צו בלאָזן פֿײַער!...

(ד. האָפֿשטיין)

אָדער ווי, לעמאָשל, אין פֿאָלגנדיקן פֿראַג־מענט:

צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט אַרײַנגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקייט און נאָך רו,
ווער עס דאַרף זיך אויסרוען א שווײַגן!..
בא אונדז אין סאָד רוט שטורעם אַף די צווײַגן,
און צווײַגן בייגן זיך, באַלאָדענע מיט פּרוכט.

(כאַריק)

די אַדיעקטיווישע גרופּע

די לעצטע צײַט האָבן איניקע גענומען אָפֿט ברעכן דעם ייִדישן סיידער אויך אין דער אַדיעקטיווישער גרופּע. נאָר לאָמיר צוערשט דערמאָנען, וואָס איז דאָס פֿאַר א גרופּע. אַן אַדיעקטיוו (אייגנשאַפֿטוואָרט) קומט געוויינלעך, ווי ס'איז באַוווּסט, צו כאַראַקטעריזירן א סובּ־סטאַנטיוו: א קאַלטער ווינטער, א זוניקער טאָג... אָפֿט האָט אַן אַדיעקטיוו בא זיך בײַגלידער, וואָס כאַראַקטעריזירן אים גופֿא, ווי אין פֿאָלגנדיקן זאַץ פּרעצעס:

1. דער פֿון וואַרשע געקומענער לערער לאַכט אַפּלע אין די פֿויסטן.

די ווערטער „פֿון וואַרשע" ציִען צום אַדיעק־טיוו „געקומענער", און זיי אַלע בילדן אַן אַדיעקטיווישע גרופּע, וואָס כאַראַקטעריזירט „דעם לערער".

ווען אן אדיעקטיוו בא א סובסטאנטיוו קומט מיט בײַגלידער, דארפן די דאָזיקע געוויינטלעך זײַן ניט צווישן דעם אדיעקטיוו און סובסטאנטיוו, נאָר פארן אדיעקטיוו, ווי דאָס איז, לעמאָשל, אויך אין פאָלגנדיקע זאצן:

2. מײַן פערדל... עסט... פון אן אויסגעשפּרייטן לאנטעך, וואָס איז צוגעבונדן... צו בײדע אין דער הייך אופגעשטעלטע האָלאָבליעס (מענדעלע).

3. האָט ער געלאָזט די קינדער פרײַ נעמען די פּאפּירענע, מיט שמאלץ באשמירטע לאמטערנעס (שאָלעם־אלייכעם).

4. די לאָנקע איז פארוואלגערט מיט פרישע פון דער וואָך אָנגעהאקטע שפּענער (בערגעלסאָן).

5. דער ווינט קלאפּט אין די באקלעפּטע און מיט שמאטעס פארשטעלטע שויבן ארײַן (שאָלעם אש).

6. ס'האָבן ניט געהאָלפן די בעעמעסדיקע מיטן גאנצן הארץ געוווּנטשענע יאָמטויוומדיקע לעכאַימס (מוישע אלטמאן).

7. פאָן פראָש האָט דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט פון גרייכארטס באזוך אויסגעדרייט דאָס אָנגעגאָסענע און מיט רעציכע פארצויגענע פּאָנעם צו זײַן געוועזענעם שולקאָלעגע (מארקיש).

8. דורך די מיט שניי פארפּאָראָשעטע פּענצטער האָט פון שטוב קוים ארויסגעלויכטן א בלאַסע שײַן... (גאָטע לוריע).

אָדער, אשטייגער, ווי אין פאָלגנדיקע בײַשפּילן (פון וויסנשאפטלעכע טעקסטן):

9. די גרויסע מענגע אויס דער פרעמד אימפּאָרטירטע ביכער האָבן זי [די פרוי] באַקענט מיט דער דרויסנדיקער... וועלט (צינבערג).

10. אין ביניען פון דער קירך און אפילע ארום האָט שוין נישט געקלעקט קיין אָרט פארן אלץ אין גרעסערע מאסן צושטראָמענדיקן פּובליקום (נ. פּרילוצקי).

דאָ זײַנען פאָרגעשטעלט שרײַבער און וויסנשאפטלער פון פארשיידענע דוירעס און פון פארשיידענע געגנטן. מיר האָבן בעקיוון געבראכט א גרויסע צאָל רײַעס, ווײַל דער שטראָם פון ברעכן דעם סיידער אין דער אדיעקטיווישער גרופּע האָט זיך לעצטנס ארײַנגעריסן אין גאָר ברייטע קרײַזן. מע האָט גענומען שרײַבן:

11. אזא טאקע באשטימונג נעמען אָן אלץ אָפטער דאָקטוירים.

12. א פאנטאסטישן מאמעש געהער פארמאָגן דעלפינען.

13. אין 1909 האָט דער פּאָפּולערער דאָן רוסישער שרײַבער סקיטאלעץ געשריבן...

די אונטערגעשטראָכענע ווערטער דארפן דאָ שטיין פאר זייערע אדיעקטיוון — ניט נאָך.

נאָך אָפּטער ברעכט מען דעם סיידער, ווען דער אדיעקטיוו ציט צו זיך ניט איין וואָרט, נאָר מער, ווי אין פאָלגנדיקע זאצן:

14. פאר די אויגן זײַנען געשטאנען די צעוואָרפענע אף טויזנט ווערסט קוואָרים.

15. ווּ נעמט מען אָבער עפּעס וואסער פאר די פארשטאָפּטע מיט אלדאָס ביין מויכעס.

16. די ייִדישע באפעלקערונג אין געטאָ האָט קימאט אָן געוועער העלדיש זיך קעגנגעשטעלט דעם באוואָפנטן ביז די ציין סוינע.

17. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די געוועזענע טוער פון די פארבאָטענע דורך דער מאכט געזעלשאפטן אָרגאניזירט...

אזעלכע גרײַזיקע זאצן וואָלט מען געקאָנט ברענגען אָן א שיר. נאָר לאָמיר ניט פארשפּרייטן קיין גרײַזן און בעסער ווײַזן, ווי דארף מען די דאָזיקע זאצן פארייִדישן:

14א. פאר די אויגן זײַנען געשטאנען די אף טויזנט ווערסט צעוואָרפענע קוואָרים.

15א. ווּ נעמט מען אָבער וואסער פאר די מיט אלדאָס ביין פארשטאָפּטע מויכעס.

16א. די ייִדישע באפעלקערונג אין געטאָ האָט... זיך קעגנגעשטעלט דעם ביז די ציין באוואָפנטן סוינע.

17א. אין די יאָרן... האָבן די געוועזענע טוער פון די דורך דער מאכט פארבאָטענע געזעלשאפטן אָרגאניזירט...

אָפּטמאָל איז גלײַכער די אדיעקטיווישע גרופּע (אָדער אירן א טייל) צו שטעלן נאָכן כאראקטעריזירטן סובסטאנטיוו. לעמאָשל:

18. דאָ און דאָרט רײַסט זיך בא א ייִדענע, אָן אײַנגעהילטער אין א טוך, א פארשטיקט געוויין ארויס (שאָלעם אש).

19. סלאָוועק האָט צעעפנט זײַנע אײַנגעפאלענע גרויע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט טרויער און מיט ביטערקײַט (מארקיש).

די אדיעקטיווישע גרופּע דארף מען געוויינלעך שטעלן וואָס נעענטער צום כאראקטערירטן סובסטאנטיוו. פארגלײַכט:

20. די שיך באָמבלען זיך אף אן אקסל, צונויפגעבונדענע מיט שווארצע בענדלעך.

20א. די שיך, צונויפגעבונדענע מיט שווארצע בענדלעך, באָמבלען זיך אף אן אקסל.

טיילמאָל איז די כאראקטעריסטיק קעדײַ אויסצודריקן דורך אן אטריבוטיוון בײַזאץ. פארגלײַכט:

21. דער געשאפענער מיט צען יאָר צוריק אין ווין „ייִדישער קאָמיטעט פאר טערעזיענשטאט” האָט באשלאָסן צו פארענדיקן זײַן ארבעט.

21א. דער „ייִדישער קאָמיטעט פאר טערעזיענשטאט”, וואָס איז מיט צען יאָר צוריק געשאפן געוואָרן אין ווין, האָט באשלאָסן צו פארענדיקן זײַן ארבעט.

22. ...א געלעגנהײַט אף צו פארפלאָנטערן קלאָרע פאר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער עפנטלעכקײַט פּראָבלעמען...

22א. א געלעגנהײַט צו פארפלאָנטערן פּראָבלעמען, קלאָרע (וואָס זײַנען קלאָר) פאר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער עפנטלעכקײַט.

אגעוו, צווישן אן אדיעקטיוו און כאראקטערירטן סובסטאנטיוו קאָן מען צומאָל טרעפן א זאצגליד, וואָס אינדערעמעסן געהערט ער גאָר

צום גאנצן זאץ און דארף זיך געפינען פארן אדיעקטיוו אָדער נאָכן סובסטאנטיוו. לעמאָשל:

23. דאָס איז דער איינציקער אין מאָסקווע ביניען, אין וועלכן דער דיכטער (פּושקין) האָט געוווינט.

24. דאָס איז די לעצטע אין אונדזער לעבן וועטשערע.

קעדיי די דאָזיקע זאצן זאָלן ווערן ייִדישע, דארף מען זיי בויען אזוי:

23א. דאָס איז אין מאָסקווע דער איינציקער ביניען, אין וועלכן...

23ב. דאָס איז דער איינציקער ביניען אין מאָסקווע, אין וועלכן...

24א. דאָס איז אין אונדזער לעבן די לעצטע וועטשערע.

24ב. דאָס איז די לעצטע וועטשערע אין אונדזער לעבן.

האקלאַל, לאָמיר געדענקען, אז ייִדיש פארמאָגט א רײַכע גאמע כאראקטעריזיר־מיטלען, און מע דארף זיי אָנווענדן אין פּאסיקע פאלן, ניט קאָפּירנדיק קיין פרעמדן זאצבוי. זעט, אַשטייגער, ווי עס האָבן געשריבן אונדזערע ליטערארישע אָוועס — די שעפער פונעם קלאַסישן ייִדיש:

בעשאס פרידן, נישט קיין מילכאָמע־צײַט, פלעגט אונדזער הערשעלע מיט דעם גאנצן פּעקל ייִנגלעך זיך אָפּגעבן מיט אנדערע געשעפטן, און געשעפטן זײַנען געווען זייער פיל, באָרעך־האשעם, אין איטלעכער צײַט. זומער באטאָג פלעגט ער פירן ווײַסע כעוורע באָדן זיך אין קאפּצאנסקער טײַך — א גרויסער רינשטאָק מיט א פארשימלטער בלאָטע באם ברעג, וווּ שטאָט־כאזיירים זײַנען געלעגן אײַנגעזונקען טיף ביז איבער די אויערן, ארויסשטעקנדיק נאָר דאָס פּיסקל (מענדעלע. דאָס ווינטשפינגערל).

...און די מאמע, די קלייניטשקע כײַע־עסטער, איז געשטאנען [בייס דעם זונס בארמיצווע] גאָר אומבאמערקט, מיט דערעכערעץ, בא דער זײַט צווישן די איבעריקע ווײַבער, אין דער שאבעסדיקער זײַדענער פאטשיילע, א פארגאפטע, שטילערהייט, זיפצנדיק, זיך אויסגעקנאקט אלע פינגער, און צוויי בלישטשענדיקע טרערן, ווי צוויי בריליאנטן, האָבן זיך געקויקלט און אָפּגעשײַנט קעגן דער זון אף איר גליקלעך, יונג, ווײַס, נאָר שוין געקנייטשט פּאָנעם (שאָלעם־אלייכעם. פונעם יאריד).

פּ אָ ס ע ס י ו ו

אלס א כאראקטעריזיר־מיטל ווערט אין ייִדיש אָפט אָנגעווענדט דער פּאָסעסיוו (דעם טאטנס, דער מאמעס, מענדעלעס...). אייניקע אונדזערע פענמענטשן האָבן, צום באדויערן, אָנגעהויבן פארגעסן דאָס דאָזיקע מיטל, און אָנשטאָט דעם קומען זיי אָן צו א דאטיוו מיטן „פון". לעמאָשל: „די ביכער פון קוויטקאָ", „דער ראָמאן פון פערעץ מארקיש". פארשטייט זיך, אז א ייִד וועט גיכער זאָגן „קוויטקאָס ביכער", „פּערעץ מארקישעס (א) ראָמאן". אזוי איז אי קירצער, אי נאטירלעכער.

אוואדע קאָנען זײַן פאלן, ווען א דאטיוו מיטן „פון" זאָל זײַן פּאסיקער פונעם פּאָסעסיוו. דער דיכטער שמועל האלקין האָט זיך א צײַט געשלאָגן מיט דער דייע ווי אָנצורופן זײַן ווערק וועגן סאָקראטן: „סאָקראטס ווידוי" צי „דער ווידוי פון סאָקראט(ן)". נאָרמאלער איז דאָס ערשטע, עס קלינגט אָבער ניט גאָר געשמאק (סאָקראטס — קראַץ), און ער האָט באשלאָסן צו שרײַבן דאָס צווייטע.

בא מענדעלען קאָנט איר אויך טרעפן א דאטיוו מיטן „פון" אָנשטאָט א פּאָסעסיוו:

1. אין פּאָנעם פון רעב אווראָמען און פון הערשעלען איז געווען צו דערקענען, אז ביידע קווענקלען זיך עפּעס אין הארצן.

בא שאָלעם־אלייכעמען האָט איר טיילמאָל אין איין זאץ ביידע פאָרמעס:

2. ער האָט זיך געהאט באגעגנט א פּאָר מאָל אָדער מיט ראפאלעסקאָס פּיס אָדער מיט די ראגלאַיִם פון איזאַק שוואלב.

ביכלאַל אָבער איז דער פּאָסעסיוו א געלונגען כאראקטעריזיר־מיטל, און מע דארף עס ניט אויסמײַדן. אין דער ליטעראטור קאָן מען אָפט טרעפן א פּאָסעסיוו בא א צווייטן פּאָסעסיוו:

3. דער דאָזיקער פארשוין איז געווען רעב אײַזיק־דאָוויד רעב יאָסעלעס סאָרע־זלאטעס (מענדעלע).

4. אקעגן... איז באם טיש געזעסן בלויז נאכמענס שוועסטערס קלענער ייִנגעלע (בערגעלסאָן).

צו א פּאָסעסיוו קומט מען אויך אָן, ווען מע וויל פאָרשטעלן ניט קיין לעבעדיק וועזן ווי א לעבעדיקע זאך (פּערזאָניפיצירן). לעמאָשל:

5. הערט זיך אײַן אינעם וואלדס שטילן גערויש (בערגעלסאָן).

6. ניט מיין, אז דער איז דיכטער,
   וואָס ציילט דעם הימלס שטערן...

(אווראָם רייזען)

צוליב דעם אָנגעוויזענעם צוועק ברענגט מען טיילמאָל אין פּאָסעסיוו אפילע אן אבסטראקטן סובסטאנטיוו. לעמאָשל:

7. האָפענונג און ווינטשעניש איז דער נויטס מעלאָכע (מענדעלע).

8. זי [שיינדל די גרויסע] איז דער לײַטישקײַטס אדוואָקאט (בערגעלסאָן).

א פּאָסעסיוו קאָן בא זיך האָבן בײַגלידער — אדיעקטיוון און אנדערע. לעמאָשל:

9. א גראָשן פאר אן אלטן טאטנס טויט (ביאליק).

10. ער איז דעם גרויסן בראָצקיס אן אייגן געשוועסטערקינד (בערגעלסאָן).

מע דארף אָבער דעם פּאָסעסיוו ניט אָנבינדן די בײַגלידער (אדיעקטיוון און אנדערע), וואָס געהערן צום כאראקטעריזירטן סובסטאנטיוו, ווי אייניקע טוען עס. לעמאָשל:

11. אין א געשריבענעם שטערנס א קאטאלאָג פון דער ביבליאָטעק שטייט...

12. אין אייניקע פעפערס ווערק דערגרייכט די קונסט פונעם קאָמישן...

13. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע ראמבאמס אָנהענגער.

14. עס איז אומעגלעך דאָ אויסצורעכענען אלע שאָסטאקאָוויטשעס שאפונגען...

15. יעהויאָש, דער באַגײַסטערטער פּערעצעס כאָסיד, נאָכפּאָלגער און פארערער, האָט זיך צוגעהערט...

דאָ דארף, פארשטייט זיך, זײַן אזא סיידער פון די ווערטער:

11א. אין שטערנס א געשריבענעם קאטאלאָג... שטייט...

12א. אין פעפערס אייניקע ווערק דערגרייכט די קונסט...

13א. ער איז געווען איינער פונעם ראמבאמס גרעסטע אָנהענגער.

14א. עס איז אומעגלעך דאָ אויסצורעכענען שאָסטאקאָוויטשעס אלע שאפונגען.

15א. יעהויאָש, פּערעצעס באַגײַסטערטער כאָסיד, נאָכפּאָלגער און פארערער... אָדער ברענגען דעם פּאָסעסיוו נאָכן כאראקטעריזירטן סובסטאנטיוו: אין א געשריבענעם קאטאלאָג שטערנס; אין אייניקע ווערק פּעפערס אאוו.

די אלע אויבן אָנגעוויזענע שפּראכלעכע כעסרוינעס גיבן ניט צו קיין איבעריקן כיין זייערע טעקסטן. ביפראט, אז גיין גייען זיי אָפּט, די דאָזיקע כעסרוינעס, ניט איינציקווײַז, נאָר בעקאָמפּאניע און מאכן אזויארום דאָס לאָשן טײַלווײַז האמעטנע, שווערוואָגיק, פרעמדלעך. דאָס זײַנען, פארשטייט זיך, זייער קנאפּע מײַלעס פאר א שפּראך. זי איז דאָך בארופן צו באדינען א גרויסן קאָלעקטיוו — אלע זײַנע שיכטן און דוירעס, דעריבער דארף זי זײַן ניט נאָר פּינקטלעך, נאָר אויך קלאָר, גרינג, איינהײַטלעך. די דאָזיקע פאָדערונגען טאָרן איבערהויפּט ניט ארויסלאָזן פון זינען ייִדישע פענמענטשן. אונדזערע צײַטונגען, זשורנאלן, ביכער לייענען פּראָגרעסיווע ייִדן פון פארשיידענע לענדער. דעריבער דארף מען זען, אז דער וואָרט־מאטעריאל און דער זאצבוי זאָלן זײַן ניט פרעמד דעם דאָזיקן לייענער.

בריוו פון יידישע שרייבער

אַנע סטעלמאַך צו אַרן קושניראָוו

1. נאָוואָ־טראָיצק, דעם 27 נאָיאַבער 1947.

זייער כאָשעווער כאַווער קושניראָוו!

איך האָב באַקומען אײַער בריוו און בין אײַך זייער דאַנקבאַר פאַר דער אויפמערקזאַמקײַט און פאַר די גוטע ווונטשן. מיר טוט אויך זייער באַנק, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט אײַך, נאָר איך האָף, אַז איך וועל זײַן נאָך הײַנטיקן ווינטער אין מאָסקווע און מיר וועלן קאָנען שליסן אַ פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט.

איך האָב די לעצטע טעג אַוועקגעשיקט אײַך פאַרן אַלמאַנאַך אַ דערציילונג מיטן נאָמען „אין וואַגאָן־האָטעל". אַף וויפל אײַער בריוו מיטן אַדרעס האָב איך באַקומען ערשט שפּעטער, האָב איך די דערציילונג געשיקט אַפן געוויינלעכן אַדרעס, וווּהין איך פלעג ביז אַהער שיקן אַלע מאַטעריאַלן, דה. אַפן אַדרעס פון כ׳ דאָבראָשין (גאָרקי־גאַס, נומ. 5, דירע 3). איך בעט דערײַ־ מאַטעריאַלן, דה. אַפן אַדרעס פון כ׳דאָבראָשין בער, איר זאָלט זײַן אַזוי גוט און צושיקן עמעצן אַהין, קעדיי אָפּנעמען דעם מאַנוסקריפּט. מיר איז זייער ניט אָנגענעם, וואָס איך פאַרשאַף אײַך איבעריקע אַרבעט, נאָר קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט געהאַט[1].

די דערציילונג איז ניט פון די געלונגענע. זי איז געווען אָנגעצייכנט אַלס אַ שלוס־נאָוועלע צו דער זאַמלונג דערציילונגען „נאָוואָ־קאַמענסקער געשיכטעס", וועלכע דאַרף דערשײַנען (צי זי איז שוין דערשינען) אין פאַרלאַג „עמעס" אונטערן נאָמען „אַף דאָרעם־אוראַל". די נאָוועלע האָט אַ סאַך דעפעקטן, ווײַל איך האָב זי געשריבן בייס מײַן קראַנקײַט, עטלעכע מאָל זי אַוועקגעוואָרפן און ווידער אומגעקערט זיך צו איר. דאָס איז שטאַרק באַמערקבאַר, באַזונדערס אין דער קאָמפּאָזיציע. בייס איך האָב די נאָוועלע געשריבן, האָב איך געקלערט, אַז אין דער זאַמלונג וועלן זיך די דאָזיקע דעפעקטן ניט פילן. אַצינד איז די זאַמלונג שוין אָפּגעדרוקט, און די דערציילונג וועט מוזן גיין אין אַלמאַנאַך. איך ווייס ניט, צי זי וועט טויגן. אויב איר וועט ניט קאָנען זי אויסנוצן, בעט איך זי אָפּשיקן מיר צוריק: האַגאַם איך פאַרשטיי אַלע אירע פעלערן, בין איך ניט בעקויעך זי אַצינד איבערמאַכן, און איך ווייס ניט, צי זי איז עס ווערט.

אַף וואָס אַרבעט איך אַצינד? איך האָב אַן אידיי וועגן אַן אינטערעסאַנטער גרעסערער דערציילונג — איך האָב וועגן איר דערציילט די כּכ׳ האַלקין און פרומקין. די טעמע איז גענומען פון אונדזער בויונג, נאָר זי פאָדערט אַ סאַך אַרבעט און צײַט. איך ווייס ניט, צי פאַר צוויי כאָדאָשים וועל איך זי אָנשרײַבן — איך זאַמל ערשט די מאַטעריאַלן. קיין אַנדערע, קלענערע טעמע האָב איך דערווײַל ניט. עפשער וועט זיך נאָך טרעפן. ס׳איז שלעכט, וואָס איך האָב זייער ווייניק צײַט אַף שרײַבן — געציילטע שאָען.

יאָ. כ׳האָב פאַרגעסן, אַז בא מיר ליגט נאָך אַ דערציילונג, וועלכע איך דאַרף איבערמאַכן, „מידבער־קרענק"[2] — די איינציקע, וואָס מ׳האָט זי מיר ביז אַהער פאַרבראַקעוועט. מע האָט מיר געשיקט דעם מאַנוסקריפּט, איך זאָל אייניקע ערטער ענדערן, און ער איז אין וועג פאַרפאַלן געוואָרן. אַצינד דאַרף איך די נאָוועלע איבערמאַכן לויט ווי איך געדענק זי, און דאָס איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק. דאָך וועל איך זען.

אָט דאָס איז אַלץ וועגן מײַן אַרבעט.

אַצינד וועגן מײַנע דערציילונגען, וואָס זײַנען דערשינען אין פאַרלאַג „עמעס". איז אײַך אַמאָל אויסגעקומען לייענען זיי אין דער „אייניקײַט"? ווען איך האָב אַ מעגלעכקײַט אײַך אונטערטראָגן אַן עקזעמפּליאַר פון דער זאַמ־

לונג מיט א פאסיקן אופשריפט, וואָלט איך זייער געווען צופרידן, נאָר איך ווייס ניט, ווען איך אליין וועל זוכע זײַן צו באקומען אזא עקזעמפליאר אין אונדזערע מידבאָריעס, ווו די פאָטשט גייט, ווי איר ווילט זיך. דאָך וואָלט איך אײַך געבעטן איבערלייענען „דאָרעם־אור־ראל" און זאָגן אײַער מיינונג וועגן דער זאמלונג — צי פארנעם איך זיך ניט מיט נארישקײַטן. איך ווין אין א געגנט, וואָס איז פול מיט ארבעט, און איך ארבעט פאר דער געגנט, דאָך רײַס איך אָפּ פון דער ארבעט צײַט צוליב דער ליטעראטור — צי איז דאָס קעדײַ? עפשער זײַנען די דערציילונגען ניט גענוג גוט? שרײַבט מיר אָן אופריכטיק. כ׳וועל אײַך זײַן זייער דאנקבאר.

מיט בעסטע גרוסן
אנע סטעלמאך

פּ.ס. אין „וואגאָן־האָטעל" איז געבראכט א סיכסעך צווישן א קאָמפּאניע אינזשעניערן וועגן מיפן (о мифах). מעגלעך, אז אײַך וועט אזא טעמאטיק אויסזען ווילד, נאָר איר ווייסט מיסטאם, אז מענטשן אין א פרײַער מינוט האָבן ליב צו ריידן דאפקע ניט וועגן זייער ספעציאַליטעט и судят в данном случае вкрив и вкось* דער געבראכטער פאל איז פארשריבן בא מיר אין נאָטיץ־ביכל און איז זייער טיפּיש. איך קען די אינזשעניערן אויסגעבונדן.

---

* און זיי פאסקענען אין געגעבענעם פאל ניט ווי ס׳באדארף צו זײַן (רוס.).

2. נאָוואָ־טראָיִצק, דעם 26 דעקאבער 1947.

זייער כאָשעווער כאווער קושניראָוו!

איך האָב באקומען דורכן כ׳ באָרוכאָוויטש[1] דעם נומער 1 פונעם „היימלאנד". א שיינעם דאנק אײַך און דעם כ׳ באָרוכאָוויטש פאר דער מאטאָנע. דער אלמאנאך איז מיר זייער געפעלן — סײַ מיט זײַן אינהאלט, סײַ מיט זײַן ווילער אויסערלעכקײַט. דער צענטער פונעם באנד איז אָן צווייפל אײַער ציקל מילכאָמע־לידער און דעריקער די ליד „פּאָטער־קאָמאנדיר", וואָס דערשיטערט ביז די טיפסטע טיפן. ווער ס׳האָט פארלאָרן אין דער מילכאָמע א נאָענטן מענטשן, וועט קיינמאָל ניט פארגעסן די ליד, ווי אויך די עמעסע מענטשלעכע פיגור פונעם „פּאָטער־קאָמאנדיר".

כ׳ באָרוכאָוויטש האָט מיר געשריבן, אז איר האָט מײַן בריוו ניט באקומען. האָט איר זי באקומען דערנאָך? האָט איר אָפּגענומען מײַן דערציילונג „וואגאָן־האָטעל" באם כ׳ דאָברושין? אויב די דערציילונג איז פארפאלן געוואָרן אין וועג, וועט מיר זייער באנק טאָן. ווי ווייניק דרוקפייִק זי איז ניט, איז פאָרט א פארדראָס, אויב זי איז פארפאלן געוואָרן איבער פּאָטשט־מיספארשטייענישן.

האָט איר געלייענט מײַנע דערציילונגען?[2] וואָס זאָגט איר אף זיי?

איך ווינטש אײַך א סאך גליק צום נײַעם יאָר!

מיט בעסטע גרוסן
אנע סטעלמאך

איך שרײַב פאר אײַך א נײַע דערציילונג.

אנע סטעלמאך (די דריטע פון רעכטס) אף א באגעגעניש אין ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט

אַרן קושניראָוו צו אַנע סטעלמאַך

3.

ליבע כאַווערטע אַנע סטעלמאַך!

א דאַנק פאַר אײַער האַרציק בריוול. כאָטש איך קען אײַך ניט פּערזענלעך, נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז פונדערווײַטנס פיל איך צו אײַך עמעסע און טיפע סימפּאַטיע, ווי צו זייער א באַגאַבטן מענטש. איך מיין, אַז די עטלעכע דערציילונגען אײַערע, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, נאַרן מיך ניט אָפּ. אין „היימלאַנד" האָב איך אָפּגעדרוקט אײַער דערציילונג „דעם זיידנס קינדער", און איך בין פעסט בא מײַן מיינונג, אַז איך האָב ריכטיק געטאָן, אוועקשטעלנדיק די דערציילונג אינעם נומער אַפן ערשטן אָרט. דערפאַר האָב איך געהאַט אַגמעסנעפעש, ווען א צופעליקער מענטש האָט אַפן אָוונט זיך אויסגעדריקט וועגן דער דערציילונג, אַז זי איז „בלאַס און שוואַך", ווען א צופעליקער און גלײַכגילטיקער מענטש האָט עס איבערגעגעבן אין א נאָטיץ אין „אייניקײַט" און ווען צוליב דער „ניעדאָמיסליע" פון דער רעדאַקציע איז עס דורכגעגאַנגען. צום גליק, האָבן מיט מיר מײַן פאַרדראָס געטיילט אַלע אונדזערע בעסטע כאַווײרים, און דער ערשטער צווישן זיי דאָברושין[1].

אײַער דערציילונג „וואַגאָן־האָטעל" האָבן מיר באַקומען דורך דאָברושינען. איך האָב זי נאָך ניט געלייענט, זײַענדיק שטאַרק פאַרנומען מיטן אָרדנטלעכן נומער „היימלאַנד", זי איז באַם פאַרוואַלטער פון פּראָזע־אָפּטייל כ׳ ראַבין. איר קענט זײַן זיכער, אַז סײַ וועגן די מײַלעס פון אַלץ, וואָס איר וועט אונדז צושיקן, סײַ וועגן די כעסרוינעס וועלן מיר שטענדיק אײַך זאָגן אָפנהאַרציק און אופריכטיק, און דאָס וועט קיינמאָל ניט ווירקן אַף אונדזערע כאַווערישע באַציונגען.

שרײַבט פּראָזע, ווײַל איר האָט דערויף טאַלאַנט. הערט זיך צו צו די פאָדערונגען, וואָס ווערן איצט אַרויסגעשטעלט צו פּראָזע און צו ליטעראַטור ביכלאַל.

אויב „וואַגאָן־האָטעל" וועט זיך אַרויסווײַזן ווירקלעך שוואַכער פון „דעם זיידנס קינדער", וועלן מיר צוּוואַרטן מיטן דרוקן. אָבער מיר ווילן פון אײַך האָבן ווײַטערדיקע דערציילונגען. און איך בעט אײַך, אַרבעט אינטענסיוו. איך ווינטש אײַך דערפאָלג.

אַרן קושניראָוו

באַמערקונגען און קאָמענטאַרן

אין 1946 האָט די צײַטונג „אייניקײַט" אָפּגעדרוקט די דערציילונג „א מאָשל־קאַפּאָשל" פון א ביז דעמלט אומבאַוווּסטער שרײַבערן אַנע סטעלמאַך. אין דעם זעלבן יאָר האָט די צײַטונג געמאָלדן א קאָנקורס אַף א קורצער דערציילונג, און אַנע סטעלמאַך האָט באַקומען די צווייטע פּרעמיע פאַר איר דערציילונג „א געמעל אַף א בעכער". דעם 9 יול 1947 אָרדנט אײַן די רעדאַקציע א באַגעגעניש מיט דער שרײַבערן, און די מאָסקווער ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראַטור באַקענען זיך מיט אַנע סטעלמאַך צום ערשטן מאָל פּערזענלעך.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַנע סטעלמאַך איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנע, נאָר די לעצטע יאָרן לעבט זי אין א שטאָט אַף אוראַל און אַרבעט אַלס אינזשעניער אַף א גרויסער אינדוסטריִעלער בויונג. טאַקע פון אָט דער בויונג שעפּט זי אירע מערקווירדיקע געשטאַלטן.

אַף דער באַגעגעניש אין רעדאַקציע פון דער צײַטונג „אייניקײַט" איז מיט א וואָרט וועגן אַנע סטעלמאַכס שאַפונג אַרויסגעטראָטן דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּסר שלוימע מיכאָעלס.

„מיט א יאָר צוריק, — האָט ער געזאָגט, — איז אין דער „אייניקײַט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ערשטע דערציילונג פון דער שרײַבערן אַנע סטעלמאַך. פון די ערשטע שורעס אָן ווערט איר פאַרכאַפּט פונעם אינטערעסאַנטן בילד, ווי מענטשן אַפן ווײַטן אוראַל, אין סטעפּ, בויען, לעבן, פרייען זיך און לײַדן, שטײַגן ביזן העכסטן שטאַפּל פון ענטוזיִאַסטישער מי. איר ווערט צוגעבונדן צו די דאָזיקע מענטשן, צו די לאַנדסבערגס, טאָמעקס, ראָזנבערגס, און אײַך אינטערעסירט טיף זייער לעבנס־געשיכטע און גוירל".

מיכאָעלס האָט ווײַטער גערעדט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער וואָרהאַפטיקײַט פון דעם געשילדערטן מאַטעריאַל אין אַנע סטעלמאַכס ווערק, וועגן דעם מערקווירדיקן געפיל פון רוים און צײַט אין אירע דערציילונגען. „לייענענדיק זיי, דוכט זיך אײַך, אַז איר אַליין געפינט זיך אין אוראַלער סטעפּ, איר הערט דאָס געוואָי פון די טיטשקעס וועלף, און דעריקער — איר לעבט איבער צוזאַמען מיט די מענטשן, וועלכע זי באַווײַזט. אָט די אייגנשאַפטן שאַפן אַזאַ מין פּלאַסטישע קאָנקרעטקײַט, ווי איר וואָלט אַליין געקאָנט אָנטאַפּן מיט די פינגער די מענטשן, די באַראַקעס, דעם שאָך, אין וועלכן עס שפּילן די טאָמעקס, די בגאָדים זייערע — אַלץ איז דאָ אָנשוילעך באַוויזן, ווי אַף דער בינע אָדער אַף אַן אייל־געמעל".

איצט שטעלט זיך די פראַגע: פונוואַנען און וויאַזוי איז זי געקומען אין דער ליטעראַטור, אָט די נײַע שרײַבערן? און צי איז „א מאָשל־קאַפּאָשל" געווען טאַקע איר ערשטע דערציילונג, וואָס האָט גלײַך געמאַכט אַזאַ רוישעם אין די ליטעראַרישע קרײַזן?

אַנע סטעלמאַכס ביִאָגראַפיע האָבן מיר נאָך דערווײַל ניט. פון דעם באַריכט וועגן דער באַגעגעניש מיט איר אין דער „אייניקײַט"־רעדאַקציע דערוויסן

מיר זיך, אז ביז דער דערציילונג „א מאָשל־קאפּאָשל" האָט זי עפּעס־וואָס געשריבן, נאָך לעבנדיק אין אוקראַיִנע:

„דער דיכטער ד. האָפשטיין דערציילט וועגן די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון פון אנע סטעלמאַך, בייס זי האָט געאַרבעט אין קיִעוו. שוין דאַן האָט זי אַרויסגעוויזן ליטעראַרישע באַגאַבטקייַט און פייַנקייַט".

אָבער אויך די דאָזיקע באַמערקונג טראָגט ניט אַרייַן עפּעס־וואָס וועזנטלעכס אין דער רעטעניש אנע סטעלמאַך.

אַלנפאַלס, נאָך „א מאָשל־קאפּאָשל" האָט אנע סטעלמאַך אָפּגעדרוקט אין דער „אייניקייַט" די דערציילונג „א געמעל אָף א בעכער", און ווען עס הייבט אָן צו דערשייַנען אין מאָסקווע דער אַלמאַנאַך „היימלאַנד", לאַדט מען זי אייַן צו מיטאַרבעטן אין אים. שוין אינעם ערשטן נומער „היימלאַנד" איז אָפּגעדרוקט איר דערציילונג „דעם זיידנס קינדער". אין 1947 דערשייַנט אינעם פאַרלאַג „דער עמעס" איר בוך „אָף דאָרעם־אוראַל", וועלכער שליסט אייַן 7 דערציילונגען: „א מאָשל־קאפּאָשל", „איך און באַרעלע", „דעם זיידנס קינדער", „א געמעל אָף א בעכער", „דער הונדערטסטער מערידיאַן", „א מייַסע מיט א פאַרנייט האַרץ" און „דער באַשטעלער פון אשטשע־בולאַק".

„אָף דאָרעם־אוראַל" איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן מיצאַד די לייענער. אין דער פּרעסע באַווייַזן זיך רעצענזיעס אָפן בוך, אָבער אויך פון זיי באַקומען מיר גאַנץ קנאַפּע ידיעות וועגן דער ביאָגראַפיע פון דער שרייַבערן. אין אירמע דרוקערס אַרטיקל „א בוך וועגן סאָוועטישע מענטשן" („אייניקייַט", 11 מאַרט 1948) לייענען מיר:

„אנע סטעלמאַך דער אינזשעניער, וואָס גרונטעוועט די אינגעווייד־רייַכטימער פון דאָרעם־אוראַל, האָט אַנטפּלעקט אויך די רייַכטימער פון דעם אויצער, וואָס הייסט סאָוועטיש לעבן, די שיינקייַט פון דעם סאָוועטישן מענטשן. זי איז גלייַכצייַטיק א טאַלאַנטפולער אינזשעניער פון דער מענטשלעכער נשמה. אנע סטעלמאַך קומט אַליין פון דער בויונג. אָפן דאָרעם־אוראַל האָט זי זיך באַרייַכערט מיט יעדער וואָר, וואָס איז בא איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיכטונג".

פון די בריוו, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, דערוויסן מיר זיך, אז דער ערשטער, וועמען די שרייַבערן האָט אָנגעטרויט צו זייַן איר אָפּשאַצער, איז געווען דער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער יעכעזקל דאָברושין. קיין בריוו פון אנע סטעלמאַך צו דאָברושינען האָבן מיר ניט געפונען, עמעס, י. דאָברושין ציטירט אין זייַן אַרטיקל וועגן אנע סטעלמאַכס בוך (אַלמאַנאַך „היימלאַנד", נום. 3, 1948) אירס א צעטעלע צו אים: „איך שיק אייַך רוישטאָף, וועלכן די שרייַבער וועלן עפּשער אויסנוצן", — אזוי האָט זי געשריבן וועגן דער דערציילונג „א מאָשל־קאפּאָשל"...

און י. דאָברושין כאַראַקטעריזירט מיט רעכט די דאָזיקע ווערטער אלס סימען פון אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייַט פון דער באַגאַבטער שרייַבערן. אין א צווייט אָרט פון זייַן אַרטיקל ווייַזט ער אָן, אז „אנע סטעלמאַך האָט א גרויסע לעבנס־דערפאַרונג...", און לויט אָט דער באַמערקונג קאָן מען פעסטשטעלן, אז די שרייַבערן איז שוין דעמלט ניט געווען קיין אָנפאַנגערן, כאָטש דער בוך „אָף דאָרעם־אוראַל" איז איר אָנהייב.

אנע סטעלמאַכס צוויי בריוו, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, זייַנען גענומען פון דעם אַרכיוו פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד". מיר לייגן אויך צו א בריוו צו איר פון אַרן קושניראָוו. דער דאָזיקער בריוו־אויסטויש זאָגט איידעס וועגן דעם, מיט וואָס פאַר אַן אַכרייַעס אנע סטעלמאַך האָט זיך באַציִיגן צו דער שעפערישער אַרבעט, ווי אויך — מיט וואָס פאַר א זאָרגזאַמקייַט ס'האָט אַרן קושניראָוו, אלס הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד", באַגעגנט א נייַעם נאָמען אין דער ליטעראַטור.

צום בריוו 1.

[1] דער גורל פון דער דערציילונג „אין וואַגאָן־האָטעל" איז ניט באַוווּסט. ניט אין דער „אייניקייַט" און ניט אינעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד" איז זי ניט געווען פאַרעפנטלעכט.

[2] אויך די דערציילונג „מידבער־קרענק" איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

צום בריוו 2.

[1] באָרוכאָוויטש, איטשע (1924—1973) — ייִדישער סאָוועטישער דיכטער, געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד".

[2] געמיינט דעם בוך „אָף דאָרעם־אוראַל", וועלכער אַנטהאַלט אַן אונטערקעפּל „דערציילונגען".

צום בריוו 3.

[1] עס גייט א רייד וועגן דער נאָטיץ „באַהאַנדלונג פונעם ערשטן נומער „היימלאַנד" אין דער צייַטונג „אייניקייַט" פאַרן 18 דעקאַבער 1947". א. קושניראָוו אייַלט זיך צו באַרויִקן די שרייַבערן, אָנווייַזנדיק, אז די מאָסקווער כאַווייריִם, צווישן זיי י. דאָברושין, וועלכער האָט אַנטדעקט דעם נייַעם טאַלאַנט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, זייַנען לאַכלוטן ניט מאַסקים מיט דער אָפּשאַצונג פון אנע סטעלמאַכס דערציילונג „דעם זיידנס קינדער", וואָס עס האָט געגעבן אין זייַן אַרויסטרעטונג „א צופעליקער און גלייַכגילטיקער מענטש".

אויסער די צוויי בריוו פון אנע סטעלמאַך, געפינט זיך אין אונדזער רעשוס אויך אירס א פּאָסטקאַרטל, וואָס באַרירט ניט קיין שעפערישע פראַגן, נאָר פון דעם דערוויסן מיר זיך דעם גענויעם אַדרעס פון דער שרייַבערן אין יענער צייַט: נאָוואָטראָיִצק, טשקאַלאָווער געגנט, קוואַרטאַל 7, הויז 1, דירע 4, ר. אייפּע (ווייַזט אויס, אז אנע סטעלמאַך איז ניט געווען דער עמעסער נאָמען פון דער שרייַבערן, נאָר איר פּסעוודאָנים. צי דאָס איז טאַקע אזוי, וועלן מיר קענען פעסטשטעלן, אויב ס'וועט זיך אונדז אייַנגעבן צו געפינען מענטשן, וועלכע האָבן זי געקענט פּערזענלעך).

פון דעם
שרײַבערס נאָטיץ־ביכל

יעשוע ליובאָמירסקי

א ליטעקע נעשאָמע

ווען איך האָב ליובאָוו יאַקאָוולעוונא גורעוויטש דאָס ערשטע מאָל דערזען (אינעם יאָר 1937), האָב איך מײַנע אויגן ניט געגלייבט: א יונג, פריש פּאָנעם, אָן איין קנייטשעלע. לויטן ערשטן אויסדרוק האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי איז אַלט ניט מער, ווי פינף און דרײַסיק, העכסטנס פערציק יאָר. און זי איז דאָך דעמלט שוין געווען א זקיינע — צוויי און זיבעציק יאָר! די אויגן האָבן ניט פאַרלאָרן זייער גלאַנץ — זיי האָבן געשטראַלט מיט לעבנסלוסטיקײַט. אַזעלכע אויגן פאַרמאָגט א מענטש, וואָס האָט אין זײַן לעבן ניט געוווּסט פון קרומע סטעזשקעס.

ליובאָוו יאַקאָוולעוונא גורעוויטש האָט געשריבן דערציילונגען, ראָמאַנען. פיל האָט זי געטאָן אָפן געביט פון קריטיק. טעאַטער־טוער האָבן געליבט אירע וויסנשאַפטלעכע ווערק „די שאַפונג פונעם אַקטיאָר” און „די געשיכטע פונעם רוסלענדישן טעאַטער־שטייגער”.

דאָס בוך „די שאַפונג פונעם אַקטיאָר”, אַן אויסגאַבע פון דער מעלוכישער אַקאַדעמיע פאַר קונסט־וויסנשאַפט, באַהאַנדלט זייער ערנסט די פּראַגע, וואָס מאַטערט שוין הונדערטער יאָרן סײַ געניאַלע אַקטיאָרן, סײַ טעאָרעטיקער פון דער סצענישער קונסט, ווי אויך פּסיכאָלאָגן: צי איז דער אַקטיאָר מעכוייעוו איבערלעבן דאָס, וואָס ער שפּילט אָף דער בינע, אָדער עפּשער איז ער אימשטאַנד שילדערן א פּערסאָנאַזש און בעשאַסמײַסע אַליין ניט שפּירן די געפילן, די עמאָציעס, וואָס ער באַמיט זיך אויפצוּוועקן באַם צושויער?

שטרעבנדיק אַרײַנטראָגן קלאָרקײַט אין אָט דער פּראַגע, האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונא גורעוויטש דורכגעמאַכט גאָר א גרויסע פאָרשערישע אַרבעט און האָט באַרײַכערט איר ווערק מיט דער גוויִעס־איידעס פון אַזעלכע געוינים פון דער טעאַטער־קונסט, ווי טאַלמאַ, סאַלוויני, איר־ווינג, קאָקלען, יערמאָלאָוואַ, שטשעפּקין, סטאַניסלאַווסקי, און פון אַזעלכע דענקער, ווי געטע, לעסינג, דידראָ.

שלוימע מיכאָעלס האָט מיר איינמאָל געזאָגט:

— ליובאָוו יאַקאָוולעוונעס בוך קאָן שטויסן א סאַך אַקטיאָרן, זיי זאָלן איבערשאַצן געוויסע מאָמענטן פון זייער טעאַטראַלער אַווידע. אין טאָך איז די שפּיל פונעם אַקטיאָר אָף דער בינע אָפּטמאָל אָפּהענגיק פון זײַן געמיט־צושטאַנד. אויב אין מעשעך פונעם טאָג האָט אים דאָס לעבן ניט אונטערגעטראָגן קיינע יעסורים און ער קומט א רוִיקער אין טעאַטער, איז ער געוויס אימשטאַנד מיטגעריסן צו ווערן פון די עמאָציעס, וואָס די ראָל איז מיט זיי אָנגעזעטיקט. אויב אָבער ער קומט א צעבראָכענער, מיט א געדריקטער שטימונג, קומט אים שוין אויס זיך סוימעך זײַן דעריקער אָף דער טעכניק, וואָס ער האָט דעראָבערט, און מיט איר הילף איבערצײַגן דעם צושויער, אַז ער, דער אַקטיאָר גופע, איז אויפגערודערט פון די געשעענישן, וואָס ער איז אין זיי אָן אָנטיילנעמער. אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווייניק. דער איקער איז די אידיי פון דער פּיעסע. אויב די אידיי באַגײַסטערט דעם אַקטיאָר, איז רעכט, אַז ער זאָל אין זיך גויווער זײַן די שלעכטע שטימונג, וואָס האָט אים באַהערשט באַם אָנהייב פון דער שפּיל...

אָן אָנגעזעען אָרט אין דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פון ל. גורעוויטש האָט פאַרנומען איר אַרבעט אינעם זשורנאַל „סעווערני וועסטניק”, וועלכן זי האָט א שטיק צײַט רעדאַגירט,

א זשורנאַל, ווו לעוו טאָלסטאָי האָט געדרוקט אייניקע פון זײַנע ווערק. נאַטירלעך, איז איר ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט לעוו ניקאָלײַעוויטשן און מיט אים שמועסן. ער פלעגט זי אײַנלאַדן צו זיך אהיים קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

א מערקווירדיקע ראָל האָט ל. גורעוויטש געשפּילט אינעם לעבן און אין שאַפן פונעם באַרימטן רוסישן טעאַטער־טוער קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש סטאַניסלאַווסקי. אַלע יאָרן פון זײַן שעפערישן אופשטײַג איז זי פאַר אים געווען דער סאַמע נאָענטער און כאָשעווער באַלײעץ. איר האָט ער געטרויט זײַנע אידייען פון טעאַטראַלער נאָוואַטאָרישקײַט. זי האָט אַלעמאָל געוווּסט זײַנע שעפערישע פריידן און ליידן, זײַנע דערגרייכונגען און דורכפאַלן. ל. גורעוויטש איז געווען א הייסע אָנהענגערן פון סטאַניסלאַווסקיס טעאָרעטישע אידייען. זי האָט אײנע פון די ערשטע אָנערקענט זײַן מעטאָד פון דערציִען אַקטיאָרן — די אַזויגערופענע סטאַניסלאַווסקי־סיסטעם.

אינעם מוזיי פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער געפינט זיך סטאַניסלאַווסקיס א גרויסע צאָל בריוו, ווו ער ווענדט זיך צו ל. גורעוויטש מיט די ווערטער: „טײַערע, האַרציקע ליובאָוו יאַקאָװלעוונאַ!” און ער פאַרענדיקט זיי אָפט אַזוי: „דער, וואָס האָט אײַך בעעמעס ליב”.

נאָך וויכטיקער, ווי אָט די צאַרטע אויסדרוקן פון זײַנע געפילן צו איר, זײַנען די שטעלן אין זײַנע בריוו, ווו ער שמועסט מיט איר ווי מיטן רעדאַקטאָר פון זײַנע קסאָווים.

אין איינעם א בריוו שרײַבט ער: „טוט מיט מײַן קסאַוויאַד (עס האַנדלט זיך וועגן זײַן בוך „מײַן לעבן אין דער קונסט”), וואָס איר געפינט פאַר נייטיק: קירצט, מעקט אויס, ענדערט די קאָמפּאָזיציע! האַקלאַל, טוט, ווי א מענטש באַגייט זיך מיט זײַן אייגנס — איך פאַרלאָז מיך אינגאַנצן אָף אײַערע מעווינעס, אָף אײַער גרויסער דערפאַרונג”. ל. גורעוויטש האָט רעדאַגירט אויך סטאַניסלאַווסקיס ווערק „די אַרבעט פונעם אַקטיאָר איבער זיך”.

דער געוועזענער סעקרעטאַר פון ל. נ. טאָלסטאָי נ. נ. גוסיעוו האָט מיר אַמאָל דערציילט אַזאַ מײַסע:

צווישן די געסט, וואָס זײַנען געזעסן באַם טיש אין טאָלסטאָיס דירע אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָט מען פון צײַט צו צײַט געקאָנט באַמערקן אויך ל. יאַ. גורעוויטש. זי האָט זיך דאָרט געפילט ווי א בען־באַיִס. געווען איז זי דעמלט נאָך גאָר א יונגע — אַן ערעך 28 יאָר.

איינמאָל, ווען גורעוויטש איז געווען צוגאַסט באַ די טאָלסטאָיס, קומט אַרײַן אינעם אופנאַמצימער די הויז־באַדינערן און מעלדעט, אַז עס איז געקומען נאָך א גאַסט; דאָס איז געווען מיכאַיִל מענשיקאָוו, איינער פון די סאַמע אָנגעזעענע מיטאַרבעטער פון דער רעאַקציִאָנערער טעגלעכער צײַטונג „נאָוואָיע ווערעמיאַ”, וועלכע האָט זיך געמאַכט א שעם מיט איר העצע

ליובאָוו גורעוויטש



ГОСУДАРСТВЕННАЯ АКАДЕМИЯ ХУДОЖЕСТВЕННЫХ НАУК

ЛЮБОВЬ ГУРЕВИЧ

ТВОРЧЕСТВО АКТЕРА

О ПРИРОДЕ ХУДОЖЕСТВЕННЫХ ПЕРЕЖИВАНИЙ АКТЕРА НА СЦЕНЕ

1927

דער שאַרבלאַט פונעם בוך „די שאַפונג פון אַן אַקטיאָר”

קעגן ייִדן, באַזונדערס בעשאַס דעם דרייפוס־פּראָצעס.

אין צימער האָט זיך באַוויזן דער גאַסט. באַגריסנדיק די אָנוועזנדע, האָט מענשיקאָוו זיך דערנעענטערט צו ליובאָוו יאַקאָװלעוונאַ און איר אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט פון אים זיך אָפּגעקערט און געמאָלדן:

— אַזעלכע פאַרשוינען, ווי דער הער מענ־

שיקאָוו, קאָן איך ניט דערלויבן דריקן מײַן האנט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז לעוו ניקאָלײַעוויטשן איז זייער ניט אָנגענעם געווען, וואָס מע האָט זײַנעם אַ גאַסט אַזוי מעווײַעש געווען.

שפּעטער, בעשאַס איר פאַרטרויִלעכן שמועס מיט טאָלסטאָיען, האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ אים דערקלערט איר האַנדלונג...

אַ צווייט מאָל האָט טאָלסטאָיס סעקרעטאַר נ. נ. גוסיעוו מיר דערציילט אַ טרויעריקן עפּיזאָד פון דער רעדאַקטאָרישער פּראַקטיק פון ל. גורעוויטש.

אינעם זשורנאַל „סעווערני וועסטניק", וועלכן, ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן, ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ האָט רעדאַגירט, האָט טוטשקאָווא (אָגאַריאָווס געוועזענע פרוי) געדרוקט אירע זיכרוינעס, וווּ זי האָט דערציילט, אַז די פרוי פונעם באַוווּסטן שרײַבער שעלגונאָוו איז געווען אָן אָנהענגערן פון פרײַער ליבע. אָפּגעדרוקט איז געווען אָנשטאָט דער פאַמיליע שעלגונאָווא בלויז דער אָס „ש". אָבער אין דער ליטעראַרישער סוויווע האָט מען זיך אָנגעשטויסן, וועמען טוטשקאָווא מיינט. אינגיכן נאָך דעם, ווי אָט דער טייל פון די זיכרוינעס איז געווען פאַרעפנטלעכט, קומט אַרײַן אין גורעוויטשעס קאַבינעט אַן אָפיצער. ער מעלדעט זיך אַלס שעלגונאָווס זון.

— איר האָט אין אײַער זשורנאַל, — ווענדט ער זיך צו ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ, — דערלויבט אָפּדרוקן אַ בילבול אָף מײַן מוטער, און אַזוי־אַרום האָט איר זי געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט. איך בין מעכוייעוו אַרויסרופן אײַך אָף אַ דועל. נאָר העיויס עס איז ניט שײַעך אַרויסרופן אַ פרוי אָף אַ דועל, פאָדער איך פון אײַך, איר זאָלט באַפולמעכטיקן אײַער פאָטער אָדער אײַער ברודער, זיך באַגעגענען מיט מיר אָף פּיסטאָלעטן.

דערויף האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ געענטפערט:

— איר דאַרפט וויסן, אַז אין געוויסע קרײַזן פון אונדזער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעמערקט אַ שטרעמונג, וועלכע באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דער מאָדערנער דערשײַנונג, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם אויסדרוק „פרײַע ליבע". אײַער מוטער איז ניט די ערשטע און ניט די לעצטע, וואָס באַטראַכט די באַציִונגען צווישן מענער און פרויען פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. דאָס באַטײַט ניט, אַז אין איר פאַמיליען־לעבן האָט זי זיך געלאָזט אָפּן וועג פון מאָראַלישער יעריִדע, פון העפקער. די סוויווע, מיט וועלכער אײַער מוטער האָט געהאַט צו טאָן, ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין איר פּריוואַטן לעבן איז אײַער מוטער אַ מענטש, וואָס איז ביז לעצט איבערגעגעבן איר מאַן, אירע קינדער און איז דערצו נאָך אַ גוטער כאַווער. נעמט אין באַטראַכט, אַז אין די זיכרוינעס איז אָנגעוויזן בלויז דער ערשטער אָס פון דער פאַמיליע. מעגלעך, אַז די רעדאַקציע האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן ערנסט בענעגייע דעם איניען. קאָן זײַן, אַז עס וואָלט גלײַכער געווען אָדער אויסמעקן די שטעל, וואָס האָט אַ שײַכעס צו אײַער מוטער, אָדער געבן — אין נאָמען פון דער רעדאַקציע — אַ באַזונדערע הויסאָפע צו די זיכרוינעס, וווּ עס וואָלט אַרײַנגעטראָגן געוואָרן מער קלאָרקײַט בענעגייע איר באַציִונג צו דער פּראָבלעם פון פרײַער ליבע. ווי עס זאָל ניט זײַן, מעלדע איך אײַך קאַטעגאָריש: ס'איז אַנטימאָראַליש און ביכלאַל אומזיניק, אַז איבער מיר זאָל מײַן ברודער ריזיקירן מיטן לעבן. איך וועל קיינעם פון מײַנע קרויווים דערצו ניט דערלאָזן.

דער אָפיצער־דועליאַנט האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

ווען לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי האָט וועגן אָט דעם פאַקט זיך דערוווּסט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט ליובאָוו יאַקאָוולעוונען אויסגעדריקט זײַן מיטגעפיל.

אין 1937 האָב איך זיך געגרייט אָפּגעבן אין דרוק (אין מאָסקווער פאַרלאַג „איסקוסטוואָ") אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שלוימע מיכאָעלסן. דער קסאַוויאַד איז שוין געווען פאַרטיק. דערזען ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ אינעם מאָסקווער אַקטיאָרן־קלוב, בין איך צו איר צוגעגאַנגען, זיך געמאָלדן (מיר זײַנען ביז דעמאָלט פּערזענלעך ניט געווען באַקאַנט) און זי געבעטן, זי זאָל איבערלייענען מײַן קסאַוויאַד און אָנשרײַבן אַ קורצע אָפּשאַצונג. זי איז מאַסקים געווען, און דאָס איז געווען די סיבע, פאַרוואָס איך בין אין עטלעכע טעג אַרום געקומען צו איר אַהיים און ס'איז פאָרגעקומען צווישן אונדז אַ שמועס, וועלכן איך וועל דאָ באַלד אינקורצן איבערגעבן.

ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ האָט איבערגעכאַזערט וואָרט באַ וואָרט דאָס, וואָס מיכאָעלס האָט ניט לאַנג פאַר דעם געזאָגט אין איינער פון זײַנע אַרויסטרעטונגען. אָט זײַנען מיכאָעלסעס ווערטער: „איך בין זיך מוידע, אַז געפינענדיק זיך אָף דער בינע, מאַך איך אָפט אַ סוידעספולן אָנשטעל, קלוימערשט איך גיב אָנצוהערן: אָט וועל איך באַלד עפּעס אַ זאָג טאָן. און אײַנדערעמעסן קאָן פּאַסירן, אַז איך זאָל גאָרניט זאָגן. דאָס איז אַ באַשטימטע מאַניר. עס טרעפט, אַז איך גיי לאַנגזאַם צו צו דער ראַמפּע, דריק צו די האַנט (אָדער בלויז איין פינגער) צו דער ברוסט און איך טו אַ זאָג אַ פּראַזע, וואָס איר ציל איז אָנצושפּיצן די אויפמערקזאַמקײַט פונעם צושויער... דאָס איבעריקע איז ניט וויכטיק". געענדיקט אָט די ציטאַטע, רופט זיך אָן ליובאָוו יאַקאָוולעוונאַ:

— אין דער אַרויסזאָגונג מיכאָעלסעס שפּירט זיך אַ געוויסע קרויוועשאַפט מיט די טראַדיציאָנעלע עסטעטישע אָנשויונגען פון די יאַפּאַנער. דער טאָך פון קונסט באַשטייט, לויט די יאַפּאַנישע טראַדיציעס, אין דעם, אַז מע זאָל אין זיך אַנטוויקלען די פייִקײַט זיך אײַנהערן אין דעם ניט־אַרויסגעזאָגטן. דעם טיפסטן אינטערעס רופט באַ זיי אַרויס דער רעמעז, די אָנדײַטונג, דאָס, וואָס מיר רופן — צווישן די שורעס. אַ באַזונדער כיין שטעקט, זאָגן זיי, אינעם ניט־דערזאָגטן, אין דעם, וואָס מע באַ־

דארף בלויז זיך אָנשטויסן. אזא טענדענץ איז אייגנטימלעך ניט נאָר די יאפּאָנער. ווען מיר ווענדן זיך צו דער דיכטונג פון א. בלאָק, פון ב. פּאסטערנאַק, געפינען מיר ניט ווייניק שטעלן, ווו דער דיכטער האָט ניט דערזאָגט עפּעס, און אזוינס רעגט טאַקע דעם געדאַנק.

— דעריבער, — האָט פאָרגעזעצט ליובאָוו יאַקאָוולעווגא, — איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דאָס, וואָס מיכאָעלס האָט דערקלערט בעשאַס יענער אַרויסטרעטונג זײַנער: „ס'איז א טאָעס, — האָט ער באַהויפּטעט, — צו מיינען, אז מיר זײַנען מעכוּיעוו אַלץ ביזן סאָף דעם צושויער דערקלערן. אויב אונדז וועט זיך אײַנגעבן אײַך אָפּנארן, וועט עס זײַן אויסגעצייכנט”.

— די דאָזיקע אַרויסזאָגונג מיכאָעלסעס, — האָט ליובאָוו יאַקאָוולעווגא גלײַך געפונען א פּאַראַלעל, — דערנענטערט זײַנע אָנשויוּנגען צו דעם שטאַנדפּונקט פון דידראָ, וועלכער האָט אין דער אַרבעט „פּאַראַדאָקס וועגן אַקטיאָר” געשריבן: „דער טאַלאַנט פון אן אַקטיאָר באַשטייט ניט אין דעם, וואָס ער, דער אַקטיאָר, מוז זײַן דורכגעדרונגען מיט די געפילן פונעם פּערסאָנאַזש, וועלכן ער שילדערט, נאָר אין דעם, וואָס ער דערלאַנגט אונדז זייער פּינקטלעך די אויסערלעכע סימאָנים פון דער איבערלעבונג (די אינטאָנאַציע, די מימיק, דעם זשעסט) און נאַרט אַזויאַרום אָפּ דעם צושויער...” ווערדליק אין אײַער אַרבעט ווערט דערציילט, איז מיכאָעלס ניט געווען קיין קעגנער פון סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם. עס זײַנען געווען בלויז אייניקע כלוקעדייעס. און סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם איז דאָך פּונקט דער הייפעך פון דידראָס באַהויפּטונגען... דעריבער דאַרף מען דעם איניען קלאָר מאַכן.

איך האָב געענטפערט ל. יאַ. גורעוויטש, אז מײַן אַרבעט באַדאַרף מען ניט באַטראַכטן, ווי אן אויסשעפּנדיקע פאָרשונג פון מיכאָעלסעס פילאָסאָפישער קאָנצעפּציע וועגן דעם מעטאָד פונעם אַקטיאָר. די פראַגע וועגן די אייגנשאַפטן פון מיכאָעלסן אַלס אַקטיאָר פאָדערט נאָך געגוג פאָרשערישע באַמיִונגען.

איך האָב איר דערציילט וועגן א שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מיכאָעלסן און מיר, דאַכט זיך — אין סאָף פונעם יאָר 1936. מיר האָבן דעמלט גערעדט וועגן דער עוואָליוציע פונעם סטיל אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. נאַטירלעך, איז אויסגעקומען באַרירן פראַגן פון קונסט ביכלאַל. ווײַטער וועל איך איבערגעבן מיכאָעלסעס געדאַנקען אין דער פראַגע וועגן פאַרשיידענע קונסט־מאַנירן.

ווען מיר באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון קונסט בײַ פאַרשיידענע פעלקער, קאָנען מיר ניט פאַרבײַגיין אייניקע סוואָרעס פון אַמאָליקע ייִדישע דענקער. צווישן די הויפּנס הײַנט שוין אָפּגעלעבטע אָנשויוּנגען און אַפּאָריזמען פון לאַמדאָנים קאָן מען געפינען עמעסע דימענטן. עס געדענקט זיך אן אַרויסזאָגונג פונעם כאָכעם, וועלכער האָט געפונען א געפּרעסטע פאָרמול פאַר פאַרשיידענע אופאַסונגען פון לעבנס־דערשײַנונגען. די פאָרמול האָט ער אויסגעדריקט מיט איין וואָרט — „פּרדס”. עס קלינגט און שרײַבט זיך פּונקט אזוי, ווי דאָס העברעיִשע „פּרדס”, וואָס באַטײַט א גאָרטן מיט פּיירעס. אָבער דער „פּרדס”, וואָס מיר וועלן דאָ וועגן אים ריידן, איז נאָר אן אַבריוויִאַציע, א ראָשעטייוועס פון פיר ווערטער: פשט (פּשאַט), רמוז (רעמעז), דרוש (...), סוד (סאָד). יעדער פון אָט די פיר באַגריפן איז אין זיך קוילעל אן אייגנאַרטיקן מעטאָד צו באַטראַכטן און אופאַסן דערשײַנונגען.

דער סאָד פונעם פּשאַט באַשטייט אין דעם, וואָס א געוויסע קאַטעגאָריע מענטשן באַנעמט דערשײַנונגען דעריקער — לאָגיש. דאָס הייסט: די אויבערהאַנט בעשאַס זייער באַטראַכטן א דערשײַנונג נעמט דער סייכל־האַיאָשער. לאָמיר צוליב קלאָרקײַט דערמאָנען אונדזער ספּעקטאַקל „מאַסאָעס בינימין האַשלישי”. אויב מיר וועלן באַנעמען בינימינען און סענדערלען בלויז ווי קאָמישע פיגורן און ניט באַטאָנען דאָס דערהויבן מענטשלעכע אין זיי, לאָמיר זאָגן — זייער טרוימערישקײַט, קאָן אזא אופאַסונג פונעם לאָגישן שטאַנדפּונקט עפּשער זײַן באַרעכטיקט. יאָ, בינימין און סענדערל זײַנען טאַקע געווען זייער אָפּגעשטאַנען, פּאַסיוו אין דער שטייגערישער אויסקומעניש און שוין צופּיל נאַיִוו. פונעם שטייגערישן, באַלעבעסלדיקן שטאַנדפּונקט זײַנען זיי געווען באַטלאָנים, אַפילע טויגעניכטסן. אָבער פון דעם שטאַנדפּונקט פון עכטער קונסט איז אזא צוגאַנג צו אָט די טרוימער איינזײַטיק, מאַכמעס מיר, קינסטלער, זײַנען מעכוּיעוו לייענען און טרעפן, וואָס אין מענדעלעס טעקסט שטעקט צווישן די שורעס. עלע ניט, ווען מיר אַרײַנפאַלן אין נאַטוראַליזם. אזא געפאַר לויערט נאָך יעדן, ווער עס גייט צו צו דערשײַנונגען בלויז מיטן קאָמפּאַס, וואָס יענער כאָכעם האָט באַצייכנט מיטן באַגריף — פּשאַט.

לאַכלוטן אַנדערע אויסדרוק־מיטלען באַנוצן די קונסט־טוער, וועלכע זײַנען אָנהענגער פונעם רעמעז־מעטאָד. רעמעז באַטײַט אן אָנדײַטונג. אין דער טעאָריע פון קונסט האָט איר אײַך אן עקוויוואַלענטן טערמין — סימבאָל. אינעם ערשטן אַקט פונעם ספּעקטאַקל „200.000” איז געווען א מאָמענט, ווען דער שאַדכן סאָלאָווייטשיק פליט פונעם אייבערשטן בינע־כאָלאָל אַראָפּ אויף די בינע־ברעטער מיט א שירעם אין האַנט. לויטן פּאַרטראַכט פונעם רעזשיסער א. גראַנאָווסקי האָט אָט די מיזאַנסצענע סימבאָליזירט דעם באַגריף „לופטמענטש”. מעגלעך, אז אָט די מיזאַנסצענע האָט אינספּירירט שאַגאַלס בילד, ווו עס ווערט געשילדערט א ייִד, וואָס פליט איבער די הײַזער פון א קליין שטעטל אין דער וועלט אַרײַן זיך מיסאַסעק זײַן מיט מענאַכעם־מענדלשע קאָמבינאַציעס. דאָס בילד שטאַמט ביכלאַל פון שאַגאַלס אופאַסונג, פון זײַן באַנעמען א באַדנלאָזן ייִדישן קליינבירגער.

סימבאָליש איז אויך אזא מאָמענט אין ספּעקטאַקל „מאַזלטאָוו”, ווען דער ווייכהאַרציקער

רעב אלטער (א מענטש אָן א גאלו!) טוט א הייב א שײַט האָלץ איבער דער באלעבאָסטעס קאָפּ מיט די ווערטער: „...די ציציליסטן (סאָציאַליסטן) זאָגן — א קלאָג צו דײַן קאָפּ!" רעב אלטערס ענערגישער זשעסט באטײַט: ס׳וועט קומען א צײַט, ווען די דערשלאָגענע רעב אלטערס וועלן דערלאנגען א קלאַפּ די אונטערדריקערס.

דער דריטער צוגאנג צו לעבנס־דערשײַנונגען — איז אזא מין מאניר, ווען, באטראכטנדיק די אָדער יענע דערשײַנונג, קומט יעדערער פון די שטרײַטנדיקע צו זײַן אייגנארטיקן אויספיר. איינס און דאָס זעלבע נעמט מען אוף אַף פארשיידענע אויפאנים. ניט זעלטן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט א מין מיסברויכן מיטן די־אלעקטישן מעטאָד. ס׳איז באוווסט, וואָס פאר א קאָכעניש עס האָט ארויסגערופן דעם רעזשיסער אקימאָווס אופירונג פון „האמלעט" אינעם וואכטאנגאָוו־טעאַטער. די טעאַטער־קריטיקער האָבן אָט די שטעלונג באטראכט, ווי א פארקריפּלונג פון דער אידיי, וואָס ליגט אין גרונט פון דער פּיעסע. אזויארום, איז אקימאָווס אופּאסונג געוואָרן א מין פאלשע דראָשע פון „האמלעט".

און ענדלעך — וועגן פערטן מעטאָד, וועלכער באלאנגט צו דער קאטעגאָריע סאָד (רעטעניש). אפן קונסט־געביט באגעגענען מיר צומאָל אזעלכע דערשײַנונגען, וואָס עס איז זיי שווער און אפילע אומעגלעך לאָגיש צו באגרינדן. דער סייכל־האיאָשער בלײַבט אין אזא סיטואציע אָפּהענטיק. דערפאר אָבער איז דעם מענטשנס אינטויציע, זײַן אונטערבאוווסטזײַן געניגט צו בארעכטיקן אזא אקט פונעם קינסטלער. אלס בײַשפּיל וועל איך אָנווײַזן אף דער סצענע אינעם גאָסעט־ספּעקטאקל „קיניג ליר", ווען ליר צעאמפּערט זיך מיט זײַן עלטערער טאָכטער האָנערילּיע (זי פּראָטעסטירט, לעמײַ ליר נעמט ניט אָן קיין מיטלען קעגן דער העפקייַרעס פון זײַן דינערײַ). ליר איז אויסער־זיך פון דער טאָכטערס כוצפּע. מיט א ווילדער קראפט רײַסט ער זיך ארויס פון קענטס הענט, טוט האסטיק זיך א יאָג פונעם לינקן בינע־ווינקל צום רעכטן און גלײַך — צוריק און שטײַגט מיטן אימפּעט און מיט דער געשיקטקײַט פון אן אכצניאָריק באָכערל אף די זייער מעשופּעדיקע טרעפּ, וואָס פירן ארוף צו האָנעריליעס טעראסע. דער צושויער ווייסט דאָך, אז ליר איז שוין אכציק יאָר אלט! פון לאָגישן שטאנדפּונקט איז שווער בא זיך פּויעלן, אז אזעלכעס קאָן ווירקלעך זײַן.

צי לאָמיר נעמען לוקא פון גאָרקיס „נא דניע" („אפן לעצטן שטאפל"). וויפל סוואָרעס האָט די קריטיק ארויסגעזאָגט בענעגייע אָט דעם פּערסאָנאזש! איוואן מאָסקווין (דער פאָלקס־ארטיסט פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער) האָט געשילדערט לוקא, ווי אן עכט־סימפּאטישן פּאָלקסמענטש. און די קריטיק האָט דעמלט געקליבן נאכעס פון לוקא. אין א צײַט ארום האָט מען גאנץ אנדערש גענומען אים באטראכטן. מע האָט אין אים דערזען א פאלשן נעפעש, וועלכער באמיט זיך פּראָפּאגאנדירן האכנאָע, פארגלעטן דאָס בייז, וואָס קאליעטשעט דאָס לעבן. גאָרקי גופע האָט איינמאָל עפנטלעך זיך ארויסגעזאָגט, אז אומזיסט באמיִען זיך אקטיאָרן שילדערן לוקא, ווי א ליכטיקע, דערהויבענע נאטור. דאָס איז ניט ריכטיק, — האָט גאָרקי באהויפּטעט. און דאָך באמערקן מיר אויך איצט: עס נעמט א טאלאנטפולער אקטיאָר שפּילן לוקא, און יענער געפינט כיין אין די אויגן פונעם צושויער. ס׳איז שווער צו בא־גרײַפן...

מיכאָעלס האָט געבראכט די אלע בײַשפּילן, קעדיי באשטעטיקן דעם אויספיר: ער קאָן בעשום־אויפן ניט מאסקים זײַן מיט אייניקע קונסט־קריטיקער, וואָס רופן צו קאנאָניזירן איין ריכטונג, אוניפיצירן די טעאַטער־קונסט אזוי, אז אלע יעוואָנים זאָלן האָבן איין פּאָנעם, אלע טעאַטערן זאָלן זײַן ענלעך, לעמאָשל, אפן מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער („מכאט"). דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. וואָס פארשיידנארטיקער די מעטאָדן זײַנען, אלץ מער ווערט די קונסט באַרײַכערט.

די גאנצע צײַט, וואָס כ׳האָב איבערדערציילט מיכאָעלסעס געדאנקען, האָט ליובאָוו יאקאָווולעווונא געהערט מיט אויסערגעוויינלעכער אופמערקזאַמקײַט. זי האָט געפונען, אז דאָס אלץ באשטעטיקט אייניקע טעזיסן אין מײַן מאָנאָגראפיע, און זי האָט געגעבן אף איר א פּאָזיטיוון אָפּרוף.

ביז הײַנט בין איך דאנקבאר ליובאָוו יאקאָווולעווונא גורעוויטש פאר דעם, וואָס זי האָט מיט גרויס פארשטאנד געקאָנט אופנעמען די גע־דאנקלעכע לאָגיק פון אן אנדער מענטש, קאָן זײַן, אז טאקע דאָס האָט זי געמאכט פאר א באַדײַטנדיקן טעאָרעטיקער פון דער טעאַטראלער קונסט.

הירש בלאָשטיין

ליכט

די מענטשן פון מײַן דאָר, און אפילע א ביסעלע ייִנגערע, האָבן אוואדע באמערקט, אז בייס דער זיקאָרן נעמט ווערן שוואכער, פארלירט ער פריִער פון אלץ די פאמיליע־נעמען פון זײַנע באקאנטע, די נעמען פון שטעט, טײַכן אאוו. עס בלײַבט אָבער אין זיקאָרן דאָס בילד פונעם מענטשן, דער אויסזען פון דער גאס, די אָוונט־כוואליע פונעם טײַך... און איז ער א מאָלער, דערשײַנט דאָס פארגעסענע אפן לײַוונט מיט אלע דעטאלן, און אין מעשעך פון דער ארבעט שטייט אוף „טכיִאס־האמייסים" אויך די פאמיליע און אויך דער נאָמען. הייסט עס, אז דאָס, וואָס עס גייט דורך דורכן אויג, איז שטארקער פון אנדערע כושים, וועלכע האָבן זייערע דורכלאָז־קאנאלן צום זיקאָרן. דאָס אויג — דער פאָטאָגראף, דאָס אויג — דער מאָלער האָט א ווונדערלעכע געדענק־פייִקײַט.

אָט האָב איך איצט פריִער דערזען און דערנאָך זיך דערמאָנט דעם פאמיליע־נאָמען בעריעליאָוויטש. ער שטייט פאר מיר א הויכער, א ברייטפלייציקער, מיט א שטארקער גערעטעניש פון רויטלעכע האָר אף די באקן, ארום די קלוגע גרויסע אויגן און אפילע אף די גרויסע הענט, וואָס איך זע זיי דעריקער, ווי זיי שטרעקן זיך אויס צו די פיל פאָליצעס מיט ביכער — ביכער, אלע געבונדן אין שווארצן לײַוונט מיט א שווארצן ציפער אפן ווײַסן פאפירל, צוגעקלעפט קימאט אפן העלדזל פונעם אײַנבונד...

— הײַנט האָב איך פאר דיר, הערשל, א יעקאר־האמציִעס, א זעלטן ביכל! עמעס, קיין סאך באלאָנים זײַנען אף אים נישטאָ, כאָטש דער מעכאבער איז אונדזערער א בען־איר, א קיידאנער. דאָס, וואָס ער האָט א סאך יאָרן געלעבט און טאקע אויך געשטאָרבן אין אָדעס, באטײַט נאָך ניט, אז ער איז אויס קיידאנער, אָט ווועסטו באלד זען... — ער האָט אראָפגענומען פון דער פאָליצע דאָס בוך און מיט א צופרידענעם שמייכל מיר דערלאנגט עס. דער לייענער פארשטייט שוין, אז בעריעליאָוויטש איז א ביבליאָטעקער. די ביבליאָטעק איז טאקע זײַן אייגענע. פאר דעם נאדן, וואָס ער האָט באקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער זיך אײַנגעקויפט עטלעכע הונדערט ביכער אין קאָוונע און אין ווילנע — און געצויגן זײַן פארנאָסע פון דער ביבליאָטעק.

איך האָב א קוק געטאָן אפן בוך, וואָס בעריעליאָוויטש האָט מיר דערלאנגט. דאָס איז געווען „כאטאס־נעורים" („יוגנט־זינד") פונעם באוווסטן מאסקיל און אויסגעצייכנטן פובליציסט מוישע־לייב לילִיענבלום.

קעדיי צו מאכן אף מיר נאָך א שטארקערן אײַנדרוק, איז בעריעליאָוויטש ארײַן אין צווייטן צימער און מיר אין א רעגע ארום געבראכט א בריוו פונעם מעכאבער טאקע צו אים אליין, א בריוו פון אמאָל־אמאָל, פון 1905, צי 1904, ווען ער, בעריעליאָוויטש, איז נאָך געווען א יעשיוועבאָכער, נאָר ער האָט שוין געהאט באשלאָסן, אז קיין ראָוו וועט ער ניט ווערן און גיכער, מיסטאמע, וועט ער קעמפן קעגן די ראבאָנים...

די ווענדונג פון לילִיענבלומען צו זײַן אדרעסאט איז געווען, ווי דער שטייגער פון די מאסקילים אין יענער צײַט, אף א מעליצעדיקן העברעיִש „ליכוויד האָאווריך האמופלאָג והאמצויאָם... נ'י". דאָס איז, דוכט זיך, געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב דערזען אָט דעם ראָשע־טייוועס (אבריוויִאציע, פארקירצונג) — נ'י, וואָס לייענט זיך „ניירוי יאִיר" — זײַן ליכט זאָל לײַכטן...

דעם בריוו האָב איך געזען אין 1911, ווען איך האָב שוין געשריבן לידער, און כאָטש איך האָב זיך נאָך ניט געדרוקט, האָט בעריעליאָוויטש שוין געהאט צו מיר א באזונדערע באציִונג, מיך מעהאנע געווען מיט דעם בעסטן און נײַסטן אין זײַן ביבליאָטעק.

דעם „ניירוי יאִיר" (נ'י) האָב איך אליין אויך גענומען ניצן אין מײַנע בריוו צו א טייל פון מײַנע איצט שוין גאָר ווייניק געבליבענע קינדהײַט־כאוויירים און פרײַנט.

און לאָמיר דאָ, באם איבערגיין צו דער איקער־טעמע פון מײַנע ווײַטערדיקע באטראכטונגען, מאכן אן אופשריפט אף בעריעליאָוויטשעס מאצייווע, וועלכע קיינער האָט אים קיינמאָל ניט געשטעלט:

„דאָ, בא מיר אין הארץ, שטייט די מאצייווע פון יויסעף בעריעליאָוויטש, מײַן קיידאנער לאנדסמאן, דעם גרויסן ליבהאָבער פונעם בוך, וועלכער האָט געגרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק אין מײַן געבורט־שטאָט. זאָל זײַן געבענטשט זײַן אָנדענק. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן פון א באנדע אין די יאָרן פון בירגערקריג — אין 1919".

באזונדערס שטארק האָב איך דערפילט אָט דעם „נ'י" מיט א סאך יאָרן שפעטער, שוין אין

סאָף פון די צוואַנציקער, ווען איך האָב געהערט און געזען די סימפאָניע פון איינעם פון די גרעסטע דײַטשישע קאָמפּאָזיטאָרן יאָהאַן הײַדן — „געזעגן־סימפאָניע".

דער אופמערקזאמער לייענער מײַנער וועט אוודאי באמערקן, אז איך האָב דאָ, אין דער אייבערשטער שורע, באנוצט דאָס וואָרט, וואָס האָט א שײַכעס צום כוש־האָריִע — צו די אויגן — געזען, כאָטש בא אלע מוזיק־ווערק איז דאָך דער איקער און דער איינציקער אופנעמער דער אויער. א סאך מוזיק־ליבהאָבער, קעדיי דאָס ווערק זאָל טיפער ארײַן אין הארץ און מארך, קיין זײַטיקע קעגנשטאנדן זאָלן זיי, די צוהערער, ניט שטערן, פארמאכן זיי די אויגן, דאָס ארומיקע זאָל זיך ניט ארײַנמישן אין דער וווּנדערלעכער מוזיק־וועלט.

אָבער גראָד די סימפאָניע הײַדנס — פּינקטלעכער, דער פינאַל אירער — איז אן אויסנאם. מע דארף עס זען, קוקן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. דאָ נעמען אָנטייל בלויז סאָליסטן־פידלער. די עסטראדע איז דערבײַ שוואך באלויכטן, פארטונקלט, נאָר לעבן יעדן פידלער ברענט איין ליכט און א לײַכטער. און אז ער ענדיקט זײַן סאָלאָ, פארלעשט ער די ליכט און נעמט עס מיט מיט זיך — צוזאמען מיט זײַן פידל און איר פרעכטיקער טיף־בענקענדיקער מעלאָדיע... נאָכן לעצטן סאָליסט בלײַבט מען אינגאנצן אין דער פינצטער, נאָר פון הינטער דער עסטראדע לאָזט אײַך לאנג נאָך ניט רוען די דאָזיקע מעלאָדיע... דער רוישעם איז אן אומגעהייערער.

מע האָט זײַנערצײַט געפרעגט דעם קאָמפּאָזיטאָר: וואָס האָט ער געהאט אין זינען באם שרײַבן אָט דעם פינאַל? ער זאָל האָבן געענטפערט, אז דאָס האָט ער איבערצײַגנדיק געוואָלט באווײַזן דעם פירשט, בא וועלכן ער, הײַדן, און זײַן אָרקעסטער האָבן געדינט, אז זיי זײַנען טויט־מיד און לעשן זיך פּאָשעט אויס פאר מידקײַט. זאָל, ענדלעך, דער פירשט געבן זיי דעם נייטיקן אורלויב, וועלכן ער ציט אלץ אָפּ.

איך גלייב, אז הײַדן האָט טאקע אזוי געקענט ענטפערן אף דער פראגע, קעדיי זיך ניט ארײַנצולאָזן מיטן פראגע־שטעלער אין די טיפע שווערע באהעלטענישן, ווו מעלאָדיע, ניגן ווערט געבוירן... סטאם מידקײַט דערפירט ניט צו אזעלכע הייכן, ווי די „געזעגן־סימפאָניע" האָט דערגרייכט. מידקײַט, אין איר געוויינלעכן באגריף, לאָזט דאָך ביכלאל זיך ניט אופהייבן! דאָ איז עפּעס אן אנדער מין מידקײַט...

יעדער טעקסט האָט זיך זײַן אונטערטעקסט. אויב דאָס איז בעעמעס אין א גרויס ווערק. מער גליקלעך פון אנדערע קינסטלער — אין פראט פון דערפירן צו זײַן געברויכער דעם אונטערטעקסט אָדער כאָטש אים טיילווײַז דערקלערן — איז דער מוזיקער. ער האָט ניט קיין ווערטער, דערפאר קען ער ריידן צום געדאנק אף אלע שפראכן! פונעם פידל צי פון אן אנדער מוזיק־אינסטרומענט גייט זײַן „שווײַגנדיק" וואָרט גלײַך צום צוהערערס אינערלעכער וועלט. און זאָל עס אויסטײַטשן יעדערער באזונדער ווי ער וויל, ווי עס איז צו זײַן געמיט צוגעפּאסט.

א גרויס ווערק קען האָבן מער פון איין אונטערטעקסט, ביפראט די מוזיקאלישע שאפונג. אמאָל ווייסט ניט דער קינסטלער אליין (ניט נאָר דער קאָמפּאָזיטאָר), וויפל אונטערטעקסטן זײַן ווערק האָט אים געבראכט, ווײַל ער האָט געשאפן, ווען ער איז אינגאנצן פון זײַן מוזע פארכאפּט געווען, ווען ער האָט זיך געפונען אונטער איר גרויסן היפּנאָז...

ניט אומזיסט טײַטשן אויס די גרויסע קריטיקער איינעם און דעם זעלבן טעקסט אף פארשיידענע אויפאנים — געפינען אין אים פארשיידענע אונטערטעקסטן. און ניט נאָר די קריטיקער, די צוהערער אָדער די לייענער אויך.

האָב איך דאָך פלוצעם, הערנדיק און, דעריקער, זעענדיק הײַדנס „געזעגן־סימפאָניע", זיך דערמאָנט אין בערעליאָוויטשן, אין ליליענבלומס בריוו צו אים און, באזונדערס, ביז טרערן, אין דעם „ניירוי יאָיִר" — „זײַן ליכט זאָל לײַכטן".

איך האָב פלוצעם דערזען, ווי יעדער מענטש קומט אף דער וועלט מיט זײַן ליכט און נעמט עס צו צוריק מיט זיך, ווען ער גייט אוועק... שוין אָפּגערעדט וועגן דעם גרויסן ליכט, וואָס שײַנט פאר גאָר דער וועלט, און די שײַן בלײַבט אפילע, ווען דער טרעגער פונעם ליכט איז שוין ניטאָ. נאָר אפילע דער סאמע פּאָשעטער מענטש קומט מיט א ליכט, ווערט אליין א ליכט אינעם הארץ פון זײַנע נאָענטע, פון זײַנע פרײַנט און כאווירים, באלײַכט זיי, לויט זײַנע מעגלעכקײַטן, אף די וועגן פון זייער לעבן. און אז ער שטארבט, ווערט אויסגעלאָשן א שטיק ליכטיקײַט אין זייער הארץ... און די, וואָס בלײַבן, ווערן איינזאמער, עלנטער...

איך בין שוין ארײַן טיפער אין דער זיקנע. אוי, וויפל ליכט האָבן זיך אין מיר אויסגעלאָשן! דער טויט האָט זיי אויסגעריסן מיט שטיקער הארץ צוזאמען. און ס׳טוט ביז איצט ווייי.

אָט האָב איך פאר זיך נאָך אזא ענטפער, א „מאָדנעם", פונעם זעלביקן מין, וואָס איך האָב וועגן הײַדנען און זײַן סימפאָניע. אזא ענטפער — שוין פון אונדזער צײַט.

אין יאָר 1928 האָט דעם סאָוועטנפארבאנד באזוכט אווראָם רייזען. ער איז אופגענומען געוואָרן מיט גרויס ווארעמקײַט און קאָוועד. ווער פון די, וואָס זײַנען געקומען אף די וואָקזאלן אים אופנעמען און נאָכדעם אין די איבערפולטע זאלן אים הערן, האָט ניט געזונגען אין די ייִנגלשע יאָרן און אויך שפּעטער זײַן „הורליעט, הוליעט, בייזע ווינטן", זײַן „געזינד זאלבעאכט" און באזונדערס „אָ, וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן" און נאָך און נאָך לידער זײַנע, וואָס האָבן אין דער אָדער אנדערער פאָרם גערופן דעם ארבעטער, די אָרעמשאפט צו קעמפן פאר א בעסערער געזעלשאפט!

איז אָט, אף דער באגעגעניש מיטן דיכטער אין אָדעס האָט איינער פונעם פרעזידיִום א

פרעג געטאָן בא אים: וועמען האָט ער געמיינט מיט די „בייזע ווינטן“? וואָס האָט אים באַוועגט וועגן די „ווינטן“ צו שרײַבן? האָט רייזען געענטפערט מיט א שמייכל, אז ס׳איז געווען א שווערער ווינטער, מיט שטארקע זאווערוכעס, און די בייזע ווינטן האָבן אים דערנומען ביזן הארצן: ער האָט דאָך ניט געהאט קיין ווארעמען מאנטל, קיין גאנצע שיך אפילע...

מיר האָבן דאַן זיך געפרייט מיט אָט די באַגעגענישן פונוויַטן — אין ארגענטינע, מיר האָבן שטארק פארשפרייט די צײַטונגען, די ייִדישע סאָוועטישע און די „מאָרגן־פרײַהײַט“, וועלכע האָבן באשריבן די באגעגענישן. מיר האָבן דערציילט וועגן זיי אָף מיטינגען און פארזאמלונגען, און דאָס האָט ניט בא איין ערלעכן בירגערלעכן שרײַבער ארויסגערופן א זיפץ פון קינע...

איך שרײַב דאָ וועגן רייזענס ענטפער אזוי, ווי מיר האָט עס דערציילט איציק פעפער, וועלכער האָט, אגעוו, אויך מיט א שמייכל צוגעגעבן, אז דעם פרעגער האָט רייזענס ענטפער ניט שטארק באפרידיקט — כאָטש רייזען האָט געענטפערט גאנץ קלאָר, קימאט אויסשעפנדיק. דער פרעגער האָט אינעם ענטפער ניט דערהערט דעם אונטערטעקסט: די נאקעטע פראָסטיקע אָרעמקײַט, דאָס ביטערע לעבן פון די ארבעטער, זייער טיפע סינע צו די רײַכע, וועלכע לעבן א מעשוגענעם טאָג אפן כעזשבן פון די עקספּלואטירטע...

און ווײַטער וועגן ליכט און אונטערטעקסט.

איך בין געקומען קיין טשערנאָוויץ סאָף זומער 1944. דער פראָנט איז נאָך דעמלט געווען ניט ווײַט פון בוקאָווינע. דורך דער שטאָט זײַנען געגאנגען אָף זייער זיגערישן פאָרויסיקן וועג ארמיי־טיילן. די גאנצע באפעלקערונג האָט דאָ געציילט קוים פופציק טויזנט, נאָר די גאסן זײַנען פול געווען מיט מענטשן, צווישן זיי רויטארמייער, אָפיצערן. די שטימונג איז געווען א געהויבענע: ניצכוינעס! די שטימונג איז געווען א נערוועזע: מענטשן האָבן זיך אומגעקערט פון די לאגערן אין „טראנסניסטריע“ (אזוי האָט מען גערופן דעם הינטער־דניעסטער־ראיאָן, וווּהין די רומענישע פאשיסטן האָבן פארטריבן דעם גרעסטן טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג פון טשערנאָוויץ און פון א טייל מאָלדאוויע). מ׳האָט זיך געדארפט אײַנאָרדענען אָף ארבעט, געפינען א דירע אאוו. דער ייִדישער טעאטער האָט אָבער, ניט געקוקט אָף דער נערוועזער שטימונג, שטענדיק געהאט פולע זאלן.

איינמאָל גייט צו מיר צו פארן ספעקטאקל — מ׳האָט געשפילט „טעוויע דער מילכיקער“ — דער רעזשיסער און ווײַזט מיר אָן אָף צוויי פלעצער אין א פאָדערשטער ריי:

— די פלעצער זײַנען פאר אײַך און פאר איינעם, וואָס וועט זיצן לעבן אײַך — זייער א כאָשעווער מענטש. ניט קיין ייִד. מיר האָבן אים צוגעזאָגט אָן איבערזעצער... א גענעראל.

דער גענעראל איז געווען שוין ניט קיין יונגער, די שלייפן אינגאנצן גראָוו. איך האָב מיך פאר אים פאָרגעשטעלט:

— אײַער איבערזעצער.

ער האָט מיר דערלאנגט די האנט, אָנגערופן זײַן נאָמען און צוגעגעבן:

— איך האָב געזען די אפישע: מע שפילט שאָלעם־אלייכעמען, דארף מען גיין אין טעאטער. איך האָב אים געלייענט, נאָר איך מיין, אז אין איבערזעצונגען פארלירט ער גאָר א סאך, דאָס הייסט דער לייענער פארלירט. איך וועל אײַך זאָגן: א גרויסער לאָמפּ, אז מ׳נעמט אים אונטער אָן אבאזשור, פארלירט ער פון זײַן ליכטיקײַט. אפילע אזא סוועטילאָ פון דער ליטעראטור, ווי שאָלעם־אלייכעם...

אזוי האָט ער געזאָגט: סוועטילאָ. אָף רוסיש. און איך האָב א טראכט געטאָן: דער גענעראל האָט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט. א גרויסער שרײַבער איז א גרויס ליכט, וואָס לײַכט פאר טויזנטער און אפילע פאר מיליאָנען מענטשן.

...איך בין געזעסן און איבערגעזעצט. איך האָב אָף מײַן גענעראל בייסמײַסע ניט געקוקט, איך זאָל ניט פארלירן קיין ערטער, וואָס דארפן, לויט מײַן מיינונג, פינקטלעך ווערן איבערגעזעצט. אזוי זײַנען מיר, קימאט זיך ניט רירנדיק, געזעסן אָף די ערטער, ביז דער ערשטער אקט האָט זיך געענדיקט, און דאָ האָט דער גענעראל זיך געווענדט צו מיר:

— איך דאנק אײַך זייער, מײַן פרײַנט. נאָר איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? מיר דוכט, אז איך וועל קענען ווײַטער זיך באגיין אָן א גענויער איבערזעצונג. בלויז באזונדערע, ספּעציפיש־נאציאָנאלע אויסדרוקן פארטײַטשט מיר. דאָס איבעריקע וועל איך שוין אליין פארשטיין! האָט דאָך די שטומע קינאָ אמאָל געגעבן בלויז קורצינקע אופשריפטן! — דערקלערונגען. און דעם גרויסן טשארלי טשאפּלין האָט מען זייער גוט פארשטאנען אָן ווערטער אויך...

נאָכן צווייטן אקט האָב איך געזאָגט:

— דער אוילעם נעמט אוף זייער גוט טעוויען, ער פארשטייט אים. מיר האָט זיך געדוכט, אז עמעצער, ניט ווײַט פון אונדז, האָט אפילע שטיל געכליפּעט...

— ניט ווײַט פון אונדז, זאָגט איר... — ער האָט א שמייכל געטאָן: — איר ווייסט גאנץ גוט, ווער...

איך האָב זיך ניט אײַנגעהאלטן און געמאכט א קאָמפּלימענט, א ביסעלע פון א זײַט:

— ניט אלע פארשטייען דעם אונטערטעקסט פון א גרויס ווערק...

מײַן נײַער פרײַנט איז אוועק. ווען מיר זאָלן זיך טרעפן איצט, שוין ביידע אלטע לײַט, וואָלטן מיר נאָך לאנג גערעדט וועגן שאָלעם־אלייכעמען. איך וואָלט אים דערציילט, אז האַיאָר אין מײַ כוידעש איז געוואָרן 60 יאָר, זינט שאָלעם־אלייכעם איז געשטאָרבן, אָבער וואָס ווײַטער, ווערט ער אלץ לעבעדיקער. אזא ליכט קען ניט אויסגעלאָשן ווערן! דער אונטערטעקסט פונעם גרויסן שרײַבערס ווערק געפינט בא אונדז אין לאנד אלץ מער און מער פאָרשטייער און מיטלעבער. און כ׳וואָלט זאָגן מײַן

פרײַנט: מיר גייען שוין ביידע פון יאריד... איר האָט דאָך אוואדע געלייענט שאָלעם־אלייכעמס ווערק „פונעם יאריד". עס איז געבליבן ניט פארענדיקט. בא יעדן מענטשן, וואָס פילט און דענקט, בלײַבט אלעמאָל עפּעס ניט פארענדיקט... עפשער איז דאָס דער אונטערטעקסט פונעם לעבן ביכלאל, פון אונדזער זײַן אף דער וועלט, פון אונדזער קומען און אוועקגיין!

עס דערמאָנט זיך מיר די בארימטע אקטריסע קלארע יונג. א פּאָר יאָר פאר איר טויט האָט זי געגעבן קאָנצערטן בא אונדז אין שטאָט. דער איבערגעפולטער זאל האָט זי אופגענומען מיט באגײַסטערונג. די גרויסע זקיינע האָט זיך קוועקזילבערדיק באוועגט אף דער בינע און אפילע געטאנצט! זי איז געבליבן יונג...

נאָר יענע צושויער, וואָס זײַנען געזעסן אין די פאָדערשטע רייען, האָבן געזען, ווי שווער עס קומט איר אָן אָט די יונגקײַט... אין אנטראקט זײַנען עטלעכע פון אירע פארערער — און איך בעסוכעם — ארײַן הינטער די קוליסן, זי צו באגריסן, און... די אקטריסע ליגט אף א קורשעטקע און דער שווייס פון מידקײַט רינט איבער די באקן, און זי אָטעמט קוים, ציט שווער ארויס פון דער ברוסט יעדן אָטעם־צוג. איינער פון אונדז (איך געדענק ניט ווער, דוכט זיך, מוישע אלטמאן) האָט איר געזאָגט: „צו וואָס דארפט איר נאָך ארומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, דאָס פאלט אײַך דאָך אזוי שווער. באנוגנט זיך מיט מאָסקווע... רוט אײַך שוין אָפּ..."

זי האָט געענטפערט: „ניין, מײַנע פרײַנט! אז איך ארבעט, בין איך, ווי עס רעדט זיך, אפן פערד. הײַנט בין איך דאָ, מאָרגן אין קעשענעוו, איבערמאָרגן אין טיראספאָל... ניט איך האָב צײַט צו טראכטן וועגן טויט, ניט דער מאלעכהאמאָוועס קען מיך געפינען..."

אין דעם איז געווען א טיפער זין!

איך האָב מיך דערמאָנט א גאָר־גאָר אלט ייִדיש מײַסעלע: דער טײַוול האָט געשיקט דעם מאלעכהאמאָוועס צונעמען די נעשאָמע בא איינעם א טאנע (א גרויסן געלערנטן). איז דער שווארצער שאָליעך געגאנגען עטלעכע מאָל און זיך אלץ אומגעקערט צוריק מיט ליידיקע הענט. „איך קען ניט נעמען די נעשאָמע, — האָט ער געזאָגט, — דער דאָזיקער מענטש האלט אין איין לערנען מיט זײַנע טאלמידים און ארבעט מיט אזא היץ, אז פײַער פליט אים פון מויל און לאָזט מיך ניט צו נאָענט... און אפילע בא די טאלמידים זײַנע ברענען אין די אויגן מאָדנע פײַערלעך..."

האָט דער טײַוול אים אן אייצע געגעבן: „ס'איז איצט ווינטער. דו פארשטעל זיך פאר א שיינעם בליִענדיקן בוים און שטעל זיך בא זײַן פענצטער". האָט דער מאלעכהאמאָוועס אזוי געטאָן. דער טאנע האָט פלוצלינג דערזען באם פענצטער דעם בוים, האָט ער פאר גרויס וווּנדער אופגעהערט ארבעטן מיט די טאלמידים — און אין דער רעגע איז ער געשטאָרבן!

און אין דער זעלביקער רעגע האָבן זיך אויך אויסגעלאָשן די ליכטעלעך אין זײַנע טאלמידימס אויגן...

וואָס ווײַטער אונדזער צוג גייט אוועק פון די סטאנציעס „קינדהײַט", „יוגנט", „מיטעלע יאָרן", וווּהין מיר קענען זיך שוין ניט אומקערן, אלץ טײַערער ווערן זיי אונדז, די „פּעראָנען", ווו עס זײַנען געבליבן אונדזערע לעצטע באגלייטער...

שוין פיל יאָרן, ווי בא מיר אין טישקעסטל ליגט א לאנג צעטל מיט נעמען. דאָס זײַנען די נעמען פון די, וועלכע באגריסן מיך צו יעדן יאָמטעוו, און וועמען איך באגריס. דאָס צעטל ווערט אלץ קלענער. שרײַב איך אָן באלד נאָכן יאָמטעוו א קורץ בריוועלע צו דעם, פון וועמען כ'האָב קיין באגריסונג ניט באקומען. אן אומרויִק בריוועלע: „ווו זײַט איר? אין אונדזער עלטער, פארשטייט איר דאָך"... און ס'טרעפט (זאל אזוי ניט טרעפן!), אז איך קריג אן ענטפער, נאָר דער אדרעס איז געשריבן ניט מיט דער האנט, וואָס שטענדיק. טוט בא מיר א צייטער די האנט באם אופרײַסן דעם קאָנווערט. און ס'לעשט זיך אויס א ליכט אין הארצן. ס'בלײַבט בלויז זײַן שאָטן...

נאָר ניט יעדער אוועקגייער נעמט מיט זײַן ליכט מיט זיך. ס'לאָזט איבער זײַן ליכט דער, וואָס האָט געלויכטן ניט נאָר פאר זײַן מישפּאָכע און פאר זײַנע פרײַנט, נאָר דער גאנצער וועלט. ווי נאָר דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט אויסקריצן עפּעס אף פעלדזן אָדער עפּעס אויסמאָלן אף זיי; ווי נאָר דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט פארצייכענען אף א ברעטל פון האָלץ צי פון ליים דאָס, וואָס אים האָט אינטערעסירט, אָדער וואָס ער האָט געוואָלט דערציילן אנדערע; ווי נאָר עס איז געקומען דער ערשטער כראָניק־פארשרײַבער, — האָט דער מענטש גענומען דערציילן פאר די דוירעס, וועלכע וועלן קומען נאָך אים, דאָס, וואָס ער אליין האָט געזען און געהערט, געליטן און באוווּנדערט. און ס'וועט פארבלײַבן אף אייביק דאָס העלע ליכט פון די געשיכטע־שרײַבער, פילאָסאָפן, דערפינדער, שרײַבער און פּאָעטן, קעמפער פאר א בעסערער געזעלשאפט, בויער פון א נײַער סאָציאלער אָרדענונג, אנטדעקער ניט נאָר פון נײַע מאטעריקן און אָקעאנען, נאָר פון א נײַער וועלט.

זייער ליכט וועט בלײַבן אף אייביק אין די הערצער פון מיליאָנען. יוליוס פוטשיק האָט פאר זײַן מארטירערישן אוועקגאנג געזאָגט:

— מענטשן, איך האָב אײַך ליב געהאט!

פאר וויפל מיליאָנען הערצער איז ער געוואָרן א ליכט און וויפל מיליאָנען ליכט האָט ער געטראָגן אין זײַן הארץ! און ער האָט זײַן גרויס ליכט ניט מיטגענומען מיט זיך. עס איז פארבליבן פאר אונדז און פאר די קומענדיקע דוירעס. זײַן לעצטער זאָג באטײַט אויך: מענטשן! האָט ליב מענטשן!

■ ■ ■

עס ווערט פאָרגעזעצט
דער שמועס,
וואָס «סאָוועטיש היימלאַנד»
האָט אָנגעהויבן

„ווער איז ער?"

אונטער אזא קעפל איז אינעם נומ. 4 פון אונדזער זשורנאל געווען פארעפנטלעכט א פאמפלעט פונעם שרײַבער ארקאדי סאכנין וועגן דעם פאשיסט וולאדימיר סאמארין, וועל־כער איז נאָך די פארברעכנס, וואָס ער איז באגאנגען בעניגעייע אונדזער לאנד און אונד־זער סאָוועטישן פאָלק בעשאס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אינעם אָקופירטן דורך די דײַטשישע פאשיסטן אָריאָל, מעגולגל געוואָרן אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע און זיך אײַנגעאָרדנט אלס לעקטאָר אין יעלסקער אוניווערסיטעט, ווו ער ארבעט ביז איצט. נאָך מער, אָט דער פארביסענער פאשיסט און פא־טאָלאָגישער אנטיסעמיט און מענטשנפײַנט דערקלערט זיך היינט „אין ליבע" צום יידישן פאָלק און כאווערט זיך מיט די ציוניסטן.

דער אווטאָר פונעם פאמפלעט שטעלט די פראגע: „פארוואָס זשע האלט מען אים דאָרטן (אין יעלסקער אוניווערסיטעט, איינעם פון די וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין די פאריי־ניקטע שטאטן)? אָדער מע ווייסט עפשער ניט, ווער ער איז אינדערעמעסן?"

די פאקטן, וואָס ווערן געבראכט אין א. סאכ־נינס פאמפלעט, האָבן ארויסגערופן פארביטע־רונג און צאָרן בא צענדליקער טויזנטער לייע־נער פון „סאָוועטיש היימלאנד". עס זײַנען אָנ־געקומען בריוו פון אלע עקן לאנד און פון אויס־לאנד, אין וועלכע ס'ווערט איבערגעכאזערט די געזעצלעכע פראגע: וואָס לערנט ער, סאמארין, די סטודענטן? און ווי דערלאָזט מען אזא איבערצײַגטן נאציסט צו דער פראָפעסאָר־קא־טעדרע?

לאָמיר ברענגען אייניקע אויסצוגן פון די בריוו.

„דער אויסוואורף סאמארין האָט בייסן קריג זיך שנעל צוגעפאסט צו די דײַטשישע פא־שיסטן. בא זיי האָט ער פארנומען צווישן די פארעטער דעם אויבנאָן מיט די שרעקלעכע אויסטראכטענישן און אָנפאלן אף זײַן גע־בורטס־לאנד, דעם סאָוועטנפארבאנד. ער איז געווען אזוי געטרײַ די פאשיסטן, אז היטלער אליין האָט אָפגעשאצט זײַנע פאסקווילן און אים באלוינט מיט צוויי אײַזערנע ציילעמס. סא־מארין איז דערגאנגען צו אזא נידערטרעכטי־קײַט, אז ער האָט פארשפרייט אין זײַן בלעטל א ווערסיע, אז די יידן האָבן צוגעגרייט די מיל־כאָמע און זײַנען שולדיק אין אלדאָס בייז, וואָס עס ווערט געטאָן אין דער וועלט. און אָט דער פאָגראָמשטשיק, וועלכער האָט בייס דער מיל־כאָמע געשאָטן פעך און שוועבל אף די יידן און אף דער סאָוועטנמאכט, איז נאָך דער מילכאָמע מעגולגל געוואָרן אין א „פרײַנט" פון די יידן, און ער כאווערט זיך מיט ציוניסטן, וועלכע זײַנען צופרידן, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט אזא אנטיקל..."

דאָס שרײַבט אונדז דער לייענער פון מאָסק־ווע וועלוול בעקענשטיין, און ער גיט צו: „עס איז פאראן א ווערטל: זאָג מיר, ווער איז דײַן פרײַנט, — וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט אליין. דאָס איז גוט צוגעפאסט סײַ צו דעם אויסוואורף סאמארינען, סײַ צו זײַנע איצטיקע פרײַנט..."

דער לייענער נאָכעם קאהאן פון דער שטאָט איזיום, כארקאָווער געגנט, שרײַבט וועגן דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט אף אים געמאכט א. סאכנינס פאמפלעט, וועגן די געפילן פון עקל בעזיגייע דעם פאשיסט סאמארין. „מע דארף, שרײַבט נ. קאהאן, אז וואָס מעם מענטשן זאָלן

זיך באַקאַנען מיט די דאָקומענטן, וועלכע דעקן אויף דעם עמעסן פּאַרצעף פונעם נאַציסט".

לאָגיש איז געווען צו דערוואַרטן אַן אָפּרוף פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווו סאַמאַרין האָט געפונען אַ מאָקעם־מיקלעט אין דעם יעלסקער אוניווערסיטעט. און אָט לייענען מיר אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרן 21 מײַ 1976 אַן אַרטיקל פון סיד רעזניק: „דער יעיל־אוניווערסיטעט אונטערזוכט אַ לערער, וואָס ווערט באַשולדיקט אַלס נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָר". דאָס אַרטיקל פאַרמאָגט אויך אַן אונטערקעפּל: „פאַקטן וועגן אַ רוסישן פאַשיסט און זײַן אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע זײַנען אָפּגעדעקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

סיד רעזניק דערציילט:

„אַ מיטגליד פונעם סלאַווישן דעפּאַרטאַמענט פון דעם יעיל־אוניווערסיטעט האָט מיר געזאָגט, אַז דער דעפּאַרטאַמענט האָט אָנגעהויבן אונטערזוכן די פאַרגאַנגענהײַט פון איינעם פון זײַנע לערער פון רוסיש — וולאַדימיר סאַמאַרין — אַדאַנק דער אינפאָרמאַציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן אים אין „סאָוועטיש היימלאַנד", דעם ייִדישן כוידעש־זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע. די אינפאָרמאַציע איז פאַרעפנטלעכט אינעם אַפּרעל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". וולאַדימיר סאַמאַרין, וועלכער איז איצט אָנגעשטעלט אין יעיל־אוניווערסיטעט, איז געווען אַן אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר די נאַציס און די רוסישע פאַשיסטן אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט אַ טייל פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע. די אונטערזוכונג פון סאַמאַרינען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, ווי נאָר די אינפאָרמאַציע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז באַוווסט געוואָרן".

ווײַטער שרײַבט דער אַוטאָר:

„אַרקאַדי סאַכנין דאָקומענטירט זײַנע באַשולדיקונגען מיט קאָנקרעטע פאַקטן, אַז סאַמאַרין איז געווען אַ פאַשיסטישער צײַטונגס־מאַן און פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אונטערשטיצער פונעם רענעגאַט גענעראַל וולאַסאָוו... אַרבעטנדיק אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פון דער רוסיש־פאַשיסטישער צײַטונג „רעטש", וועלכע איז דערשינען אין דער שטאָט אָריאָל בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, האָט סאַמאַרין געדרוקט אין דער צײַטונג פיל אַרטיקלען מיט לויבגעזאַנגען לעקאָוועד די נאַציסטן און זייער קאַמף קעגן די „ייִדישע קאָמוניסטן" און האָט קעסיידער גערופן די רוסישע באַפעלקערונג צו העלפן די נאַציסטן און אַרבעטן אָף די אַמוניציע־פאַבריקן אין דײַטשלאַנד".

סיד רעזניק גיט איבער:

„דער זעלבער פאָרשטייער פון דעם סלאַווישן דעפּאַרטאַמענט האָט מיר דערקלערט, אַז די פאָטאָסטאַטן פון סאַמאַרינס אַרטיקלען אונטער זײַן נאָמען אין „רעטש", וועלכע עס ברענגט „סאָוועטיש היימלאַנד", זײַנען אַ גרויסער פאַקטאָר אין דעם באַשלוס, אַז דער דעפּאַרטאַמענט זאָל אָנהייבן אַן אונטערזוכונג. דערווײַל אָבער האָט דער פאָרשטייער פון דעם סלאַווישן דעפּאַרטאַמענט מיר ניט געקאָנט אָנגעבן, ווען די אונטערזוכונג וועט זיך פאַרענדיקן און ווען די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אונטערזוכונג וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן".

די „מאָרגן־פרײַהײַט" קאָן אָבער ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט עפּעס־וואָס נעמען „אונטער אַ כשאַד" אין אַ. סאַכנינס פּאַמפלעט, בײַפּראַט, ווען דער דאָזיקער פּאַמפלעט איז פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". עס גייט אַ רייד וועגן סאַמאַרינס מיטאַרבעט אין דער ניו־יאָרקער רוסישער צײַטונג „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ". אַרקאַדי סאַכנין ברענגט ציטאַטן פון סאַמאַרינס אַרטיקלען אין אָט דער אַנטי־קאָמוניסטישער צײַטונג, וועלכע געפינט זיך אין די הענט פון די אַמעריקאַנער ציִוניסטן. דער אַוטאָר פונעם אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" סיד רעזניק פּרוווט אָבער אַרײַנטראָגן אַ קאָרעקטיוו אין דער אָפּשאַצונג פון „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ" בעראָש מיט דעם ציִוניסט יאַקאָוו צוויבאַק, וועלכער איז מער באַוווסט אונטערן פּסעוודאָנים אַנדריי סעדיך. „אַרקאַדי סאַכנין, — שרײַבט ס. רעזניק, — באַשולדיקט אויך דעם אַנטיסעמיט סאַמאַרינען אין צוזאַמענאַרבעט מיט ציִוניסטן און אַז ער איז אַ פרײַנט פון אַ צאָל ייִדישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. דעם איינציקן באַווײַז, וועלכן סאַכנין גיט אָן אָף דער צוזאַמענאַרבעט מיט ציִוניסטן, איז דאָס, וואָס סאַמאַרין שרײַבט אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער רוסישער צײַטונג „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ". די צײַטונג איז אַלעמאָל געווען אַן אַנטיסאָוועטישע, נאָר קאָן פאַר קיין פאַל ניט כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ „ציִוניסטישע".

פונוואַנען האָט דער אַוטאָר פונעם אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" גענומען, אַז אַ. סאַכנין רופט אָן די „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ" אַלס אַ „ציִוניסטישע צײַטונג"? אירע באַלעבאַטים זײַנען ציִוניסטן — דאָס איז קלאָר, ווי דער

10*

אַדאַנק אַן אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד"

א לערער אין אן אמעריקאנער הויכשול דעמאסקירט אלס נאַצי-קאָלאַבאָראַטאָר

דער יע׳ל אוניווערזיטעט אונטערזוכט לערער, וואָס ווערט באַשולדיגט אַלס נאַצי-קאָלאַבאָראַטאָר

פון סיד רעזניק (ניו העיווען)

אויפן סמך פון אינפאָרמאַציע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אונטערזוכט דער יע׳ל קאָלעדזש לערער באַשולדיקט אַלס נאַצי-קאָלאַבאָראַטאָר

טאָג, נאָר א שיין פּאָנעם וואָלט זי געהאַט, ווען זי וואָלט אָפן פּראָקלאַמירט, אַז זי איז א ציוניסטישער אָרגאַן — זי איז דאָך אויסגערעכנט דעריקער פאַר די רוסישע (און ניט פאַר די ייִדישע) לייענער. און אויב אפילו זי וואָלט געווען „לאַכלוטן ניט קיין ציוניסטישע", נאָר „פּאַשעט אַן אַנטיסאָוועטישע", — איז עס דען ווייניק, קעדיי צו דעמאַסקירן דעם עמעסן פּאַרצעף פונעם פּאַטאַלאָגישן פאַשיסט און אַנטיסעמיט?

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען א בריוו פונעם ארויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דעם ביולעטען „אָף דער וואָך" (ניו-יאָרק) דאָוויד בערקינגאָף:

„...ס׳איז פרײַטיק אינדערפרי. עס ליגט אָף מיר דער כויוו צו שרײַבן אײַך אָט דעם בריוו, און א סאַך פון אונדז ווילן, ער זאָל קומען צו אײַך וואָס שנעלער, און דער ענטפער זאָל זײַן נאָך שנעלער.

דאָס האָט א שײַכעס צו דעם ארטיקל פון אַרקאַדי סאַכנין „ווער איז ער?".

דאָס ארטיקל איז צוגעשיקט געוואָרן אין יע׳ל-אוניווערסיטעט און האָט דאָרט ארויסגערופן א רוישעם. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטראַגן, אַז אַזא זאָל זײַן צווישן זיי.

דער „העלד" סאַמארין איז ארויסגערופן געוואָרן אָף א פאַרהער. ער טײַנעט, אַז ס׳איז ניט עמעס, און אַז דאָס, וואָס עס איז געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", איז קלוימערשט בעקיוון ארויסגעריסן געוואָרן פון דעם אינהאַלט — ער האָט גאָר געשריבן פאַרקערט. דעריבער האָבן די לערער פונעם אוניווערסיטעט צו אײַך א באַקאַשע: קעדיי באַפעסטיקן זייער אָנקלאַגע, מוזן זיי האָבן די גאַנצע צײַטונגען פון „רעטש", און זיי בעטן, איר זאָלט די דאָזיקע צײַטונגס-נומערן זיי צושיקן.

איז מײַן באַקאָשע קלאָר? זיי דאַרפן האָבן זיכערע באַווײַזן קעגן אָט דעם סאַמאַריינען.

און נאָך — פון די לעבנס-אַבסורדן: סאַמאַרין אַרבעט אונטער דעם אויפזיכט פון שימען דובנאָווס אייניקל — וויקטאָר ערליך..."

מיר רײַסן איבער דאָס ציטירן דאָוויד בערקינגאָפס בריוו, קעדיי געבן א ספּראַווקע יענע לייענער, וועמען עס איז, מעגלעך, ניט באַקאַנט דער נאָמען שימען דובנאָוו.

ש. דובנאָוו (1860—1941) איז געווען א באַוווסטער ייִדישער בורזשואַזער היסטאָריקער, דער אויטאָר פון א 10-בענדיקער „וועלט-געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק", ער איז אומגעקומען אין ריגער געטאָ. אָנווײַזנדיק אָף דער ביטערער איראָניע פונעם גורל, וועלכער האָט צונויפגעפירט דעם בלוטיקן אַנטיסעמיט וואָלאַדימיר סאַמאַרינען מיט שימען דובנאָווס אייניקל וויקטאָר ערליכן, דײַט אָן דאָוויד בערקינגאָף אָף סאַמאַרינס שרײַבעכצן אין זײַן פאַשיסטיש בלעטל, ווו ער האָט געמאָלדן מיט פרייד, אַז „מער וועלן די זשידעס שוין ניט קאָמאַנדעווען איבער אונדז... פאַטער!.." און דאָ ווײַזט זיך ארויס, אַז דער זעלבער סאַמאַרין איז איצט טעטיק אונטער דער אָנפירונג פון א ייִדן, דערבײַ — פון דעם אייניקל פון שימען דובנאָוון, וועמען סאַמאַרינס גײַסטיקע ברידער — די פאַשיסטן — האָבן אומגעבראַכט!


Чтобы не быть голословным, приведу ряд фамилий жидов, занимавших ответственные посты в различных „организациях" и учреждениях. Опять повторяю: список этот далеко не полный.
Розенбаум Шимон — директор шпагатной фабрики;
Левит Соломон — начальник отдела снабжения шпагатной фабрики;
Вергер — начальник снабжения ОКС'а шпагатной фабрики;
Раскин Самуил — директор „Лензаготторга";
Черняк — председатель правления Промкооперации.
Домб — председатель правления Многопромсоюза;
Сонкин Семен — начальник отдела снабжения завода им. Медведева;
Черноморцик Мойша — начальник отдела снабжения того же завода, сменивший С[...]
Брохин Ефим — главный бухгалтер завода им. Медведева;
Бич Самуил — начальник планово-производственного отдела завода им. Медведева;
Иткин Моисей — главный бухгалтер шпагатной фабрики;
Мурштейн — директор завода точной механики „Главпищемаша";
Ицкович — главный бухгалтер того же завода;
Герштейн — главный диспетчер того же завода;
Шпилицкий — директор обувной фабрики;
[...]евич — главный бухгалтер обувной
Лурье — начальник ОКС'а завода № 9;
Фалштейн — главный инженер завода № 9;
Еский — начальник отдела снабжения фабрики Ниопшива;
Беленький — начальник отдела некачественных металлов „Главметаллосбыта";
Богатый — заместитель председателя артели „Красный кожевник";
Дымшиц — зав магазином „Бакалея";
Тофель — зав. магазином Горта;
Цехновичер — зав. облздравотделом;
Шер — начальник облавтоуправления;
Виляцкевич — главный врач областной больницы;
Мазин — зав. областным музеем;
Левитин — главный бухгалтер Облзо;
Хасин — уполномоченный НКЗ при Облзо;
Карпиновский — зав. горздравотделом;
Лившиц — инспектор Гороно;
Хейкин — зав школой взрослых;
Нехлин — доцент психологии в Пединституте;
Гершевич — зав. ветеринарной лечебницей;
Закгейм — начальник отдела труда и зарплаты завода № 9.
Были в Орле и „популярные" жиды. Всем памятна, например, фигура Гершонока, председателя горкома, а потом обкома Мопра или „мопга", как он говорил, фигура, увенчанная приплюснутым дегенеративным черепом и, как водится, обладавшая наглой „хозяйской" физиономией. Многие знали и Леаку Дубровкина, старшего инспектора угрозыска, пьяницу и взяточника.
Много их было, этих хозяев, всех не перечесть.
Вл. Самарин.

Портрет юбиляра — Фюрера Германского народа Адольфа Гитлера украшен свежей весенней зеленью и цветами. Около портрета два красных флага со знаками свастики.
— Господа, — обратился к собравшимся один из организаторов торжества, — мы начнем с просмотра кино-фильма и киножурнала.
— Еврейство, — между прочим сказал он, — представляет собой тот микроб разложения, который хочет вызвать крушение человеческого в человечестве.
Более подробно докладчик остановился на причинах и целях нынешней войны между Германией и жидо-большевистскими правителями СССР.

פאָטאָסטאַט פון דער צײַטונג „רעטש"

וואָס שײַעך דער צײַטונג „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָווא", שרײַבט ד. בערקינגאָף:

„איך האָב געלאָזט וויסן דעם רעדאַקטאָר פון „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָווא" וועגן דעם אַרטיקל, נאָר, ווי עס שײַנט, דאַרף ער זיך ניט זאָרגן וועגן סאַמאַרינען. ער קאָן אים פּאַשעט מער ניט דרוקן אָדער געבן אים א פּסעוודאָנים. „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ" ווערט אַרויסגעגעבן דורך ייִדן, נאָר עס דינט איר דער גאַנצער אָפּפאַל, וואָס איז געקומען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד".

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די צײַטונג „נײַע פּרעסע" (פּאַריזש), איבערדרוקנדיק אינעם נומער פון 2 יוני 1976 סיד רעזניקס אַרטיקל אין דער „מאָרגן-פרײַהײַט", האָט געפונען פאַר נייטיק אויסצושליסן פון דעם דאָזיקן אַרטיקל די אומגעלומפּערטע באַמערקונג מיקויעך דער „נאָוואָיע רוסקאָיע סלאָוואָ"...

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אויסגעפילט די באַקאָשע פון די מיטאַרבעטער פונעם יעלסקער אוניווערסיטעט. מיר האָבן זיי צוגעשיקט פאָטאָ-קאָפּיעס פון 27 זײַטן פון דער צײַטונג „רעטש", וועלכע באַשטעטיקן די באַשולדיקונגען קעגן דעם פאַשיסט סאַמאַרין. די דאָזיקע זײַטן זײַנען אָן א ספּעציעלן אָפּקלײַב. מיט זיי האָט זיך געניצט אַרקאַדי סאַכנין, גרייטנדיק זײַן פּאַמפלעט פאַר אונדזער זשורנאַל. די אָריגינאַלן פון די צײַטונגען געפינען זיך אין דעם מעלוכישן אַרכיוו פון דער שטאָט אָריאָל, און וויפל סאַמאַרין און זײַן גלײַכן זאָלן ניט פּרווון אָפּלייקענען די פאַרברעכנס, וועט זיך עס ניט אײַנגעבן!



א פאָרטרעט פון אן עלטערער פרוי

קינסטלער הערש אינגער

פון דער סעריִע ניקאָלאָ פּאַגאַניני

פראָנטיספּיס צו שאָלעם־אַלייכעמס
דערציילונג „דריַי קעפּלעך"



טשאַרלי טשאַפּלין

צוויי איליוסטראַציעס
צו שאָלעם-אַלייכעמס ווערק:

1. „בלאָנדזשנדע שטערן״
2. „דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער״

נײַע שטימונגען צווישן דער אמעריקאַנער ייִדישער יוגנט

„Jewish Affairs" (November-December, 1975, pp. 6-12).
Daniel Spector, New Developments Among Jewish Youth.

עס איז פאַראַן א מיינונג, אַז אין אונדזער צײַט איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע ניטאָ קיין ייִדישע יוגנט־באַוועגונג. אויב יאָ פאַראַן, איז זי ניט מער ווי א צוגאָב צו אַן אָרגאַניזאַציע פונעם טיפּ „דזשויִש דעפענס ליג". די דאָזיקע מיינונג ווערט טיילווײַז פאַרשפּרייט מיצאַד דעם ציוניסטישן איסטעבלישמענט, וואָס וויל, פון איין זײַט, שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז די ייִדישע יוגנט שיידט זיך מיט „עפּעס" אונטער פון דער ניט־ייִדישער, זי היט פרום אָפּ די געבאָטן פונעם פּרעזידענטן־ראַט פון די ייִדישע הויפּט־אָרגאַניזאַציעס; פון דער צווייטער זײַט, טוט דער ציוניסטישער איסטעבלישמענט אַלץ, וואָס מעגלעך, אַז אַזוי זאָל טאַקע זײַן אין דערווירקלעכקײַט. אַזאַ מיינונג איז גלײַכצײַטיק א פּויעל־יוֹיצע פון דער פאַלשער און געפערלעכער אײַנרעדעניש, אַז די טיפע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר בא דער יוגנט און אין דער געזעלשאַפט, האָבן לאַכלוטן קיין שײַכעס ניט צו דער ייִדישער יוגנט, און דעריבער קאָן מען זי ניט צוציִען, צוזאַמען מיט דער איבעריקער יוגנט, צום אײנהײַטלעכן קאַמף פאַר געמיינזאַמע צילן.

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט דאַניִעל ספּעקטאָר, דער אווטאָר פונעם אַרטיקל „נײַע שטימונגען צווישן דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט" („דזשויִש אַפערס", נאָיאַבער — דעקאַבער 1975), איניינעם מיט נאָך צוויי מיטגלידער פון דער „ליגע פון יונגע אַרבעטער פאַר באַפרײַונג" (מאַרק מישלער פון מאַסאַטשוזעט און סקאָט סאַסמען פון אָהײַאָ), אָנטיילגענומען אינעם צוזאַמענפאָר פון די צאָפן־אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן, וועלכער ווערט צונויפגערופן צוויי מאָל אין יאָר. דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען אין קליוולענד, שטאַט אָהײַאָ. אין אים האָבן זיך באַטייליקט פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רעפּרעזענטירן די ייִדישע יוגנט־באַוועגונג.

דאָס אַרטיקל האָט ספּעקטאָר אָנגעשריבן אָפן סמאַך פון די סאַכאַקלען פונעם דערמאָנטן צוזאַמענפאָר. עס ווערט אין דעם דערוויזן מיט פאַקטן, אַז אין דער ייִדישער יוגנט־באַוועגונג קומען פאָר וועזנטלעכע ענדערונגען.

אָפן צוזאַמענפאָר זײַנען באַטראַכט געוואָרן א ריי שווערע פראַגן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די אַספּעקטן פון דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פיל אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרורטיילט די פּאָליטיק פון אַנעקסיע און אָקופּאַציע, די דיסקרימינאַציע־מיטלען קעגן ספאַרדים און אַראַבער אין דער מעדינע. זיי זײַנען געווען דערפאַר, אַז עס זאָלן געפירט ווערן אונטערהאַנדלונגען צווישן ייִסראָעל און דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע. אייניקע פון זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אויך פאַר גרינדן א זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינער מעלוכע.

„מיר גלייבן אין דער מעגלעכקײַט צו דערגרייכן א שאָלעם אָפן נאָענטן מיזרעך. דערבײַ מוזן אָבער אַלע צדאָדים, וועלכע זײַנען אַרײַנגעצויגן אינעם קאָנפליקט, אָפּזאָגן זיך פון אייניקע פון זייערע פאָדערונגען און אַקציעס. מיר האַלטן פאַר נייטיק, אַז:

1) ייִסראָעל זאָל אָנערקענען די פּאַלעסטינער און אַוועקגיין פון דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

2) די אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע זאָל אָנערקענען דאָס רעכט פון ייִסראָעל אָף עקזיסטענץ אַלס א ייִדישע מעלוכע און זאָל אויסבויען א פּאַלעסטינער אַראַבישע מעלוכע אָפן מײַרעוו־ברעג פונעם טײַך יאַרדן און אין אַזאַ.

3) עגיפּטע זאָל אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער באַפרײַונג פון דער אָקופּירטער טעריטאָריע דערלויבן ייִסראָעל צו באַנוצן זיך מיטן סועץ־קאַנאַל און מיטן אַקאַבער אײַנגוס. סײַ עגיפּטע, סײַ סיריע דאַרפן אַנערקענען דעם קיִום פון ייִסראָעל אַלס א מעלוכע.

4) די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס און די גרויסמאַכטן דאַרפן אונטערהאַלטן די פאַרשטענדיקונג אין דער געבראַכטער פאָר־מולירונג.

5) די ייִדישע און די פּאַלעסטינער מעלוכעס דאַרפן עקזיסטירן אין נאָענטער שכיינעס און אין באַדינגונגען פון פרידן.

מיר האָפן, אַז מיטן וווּקס פון צוטרוי וועלן זיך אַנטוויקלען די עקאָנאָמישע און אַנדערע מינים מיטאַרבעט צווישן די דאָזיקע מעלוכעס, צווישן אַלע פעלקער פונעם רעגיאָן" (זשורנאַל „שוצפאַך", טשיקאַגאָ, נומ. 8, 1975).

עטלעכע קלענערע יוגנט־גרופּעס („די סאָציאַליסטישע קעהילע" אין ניו־יאָרק, די „קאָאַליציע פאַר באַפרײַען די ייִדן" אין אַמהערסט, די גרופּע אַרום זשורנאַל „שוצפאַך" אין טשיקאַגאָ) זײַנען אַנהענגער פון אָט א וועלכער פּלאַטפאָרם: „מיר ווילן קעמפן אַקטיוו פאַר דעם, אַז אין אַמעריקע זאָל געשאַפן ווערן א יושערדיקע געזעלשאַפט, א געזעלשאַפט, ווו שפּײַז, א דאַך איבערן קאָפּ און ווירדיקע אַרבעט זאָלן זײַן צוטריטלעך פאַר אַלעמען. מיר לעבן דאָך אין א געזעלשאַפט, ווו באַקומען אַרבעט איז א פּריווילעגיע, פאַר א דירע מוז מען צאָלן מעשוגענע געלטער, שפּײַז איז אַן אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפטלעכער ביזנעס, וועלכער רופט קינסטלעך אַרויס א הונגער אין אַפריקע. מיר זײַנען באַזונדערס ניט מאַסקים מיט דער באַהויפּטונג, אַז ראַטעווען מענטשן פון הונגער איז דאָס זעלבע, ווי „טיילן נעדאָוועס", „האַנדלען ווי פּײַנע לײַט", אַזאַ צוגאַנג ווידערשפּרעכט יעטווידער מאָראַל.

מיר וועלן פאַרנעמען אַקטיווע אַקציעס אין דער ייִדישער קעהילע, קעדיי אײַנברעכן דעם ראַסיזם, פאַרשטאַרקן אין דער קעהילע די שטרעבונג צו גלײַכהײַט און יושער" (דערקלערונג, מיט וועלכער די „קאָאַליציע פאַר באַפרײַען די ייִדן" איז אַרויסגעטראָטן אין דער צײַטונג „Nu?" אין מײַ 1975).

ווען עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט די דיסקוסיע וועגן דער רעזאָליוציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, אין וועלכער דער ציִוניזם ווערט קוואַליפיצירט אַלס ראַסיזם, האָבן פאַרשטייער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיך אַרויסגעזאָגט אַזוי: „יאָ, א סאַך ייִסראָעל־פּאָליטיקער זײַנען ראַסיסטן. אָבער די דאָזיקע פּאָליטיקער דאַרף מען ניט צוגלײַכן צום ציִוניזם. ס'איז ניט איינס און דאָס זעלבע".

געוויס זײַנען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אין א סאַך גרונט־פּרינציפּן מאַסקים מיטן ציִוניזם, מיטן אַמעריקאַנער ייִדישן פּרעזידענטן־ראַט, דהײַנו: אַז די ייִדן זײַנען א ספּעציפיש פאָלק; אַז די ייִדן זײַנען אַן אײנהײַטלעכע וועלט־נאַציע; אַז די עצעם אָנגעהעריקײַט צום ייִדנטום איז פאַרבונדן מיט דער שטיצע, וואָס ווערט געגעבן ייִסראָעל; אַז אַסימיליאַציע איז שיר ניט געגליכן צו גענאָציד; אַז די אַלִיָע דאַרף זײַן איינער פון די וויכטיקסטע צילן, אויב ניט דער גרונט־ציל פאַר אַלע ייִדן.

האַגאַם אַנטיקאָמוניזם, באַזונדערס אַנטיסאָוועטיזם, האָבן באַקומען א ברייטע פאַרשפּרייטונג אין דער ייִדישער יוגנט־באַוועגונג. האָבן אָבער אָט די אַנטפּלעקונגען פונעם קאַלטן קריג און פונעם מאַקאַרטיזם ניט געלאָזט אַזעלכע טיפע וואָרצלען, ווי דאָס קאָן זיך דוכטן אָפן ערשטן קוק. ס'זײַנען דאָ ניט פאַראַן קיין סימאַנים פונעם אופקום פון נײַע אַנטיקאָמוניסטישע גרופּעס, ווי די „דזשויִש דעפענס ליג". אין דער זעלבער צײַט איז דער ייִדישער יוגנט, וועלכע האַלט זיך אַלס א „לינקע שטרעמונג", אייגנטימלעך א געוויסער ווידערשפּרוך. פון איין זײַט, געהערט זי צום אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם, פון דער צווייטער זײַט, אַנערקענט זי די מײַלעס פון דער סאָציאַליסטישער סיסטעם.

אין אָקטיאַבער 1973 האָט די „ייִדישע סאָציאַליסטישע קעהילע" פאַרעפנטלעכט א „דערקלערונג וועגן די פּרינציפּן", ווו עס איז געווען אַזאַ פּונקט: „מיר זײַנען איבערצײַגט, אַז בלויז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קאָנען די ייִדן און אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן זײַן די עמעסע באַלעבאַטים פון זייער גוירל, דערגרייכן מאַטעריעלע באַזאָרגטקײַט און אויטאָנאָמיע פון קולטור". דער דערמאָנטער ווידערשפּרוך פּירט אַרויף אָפן געדאַנק, אַז אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז, לויט דער דאָזיקער יוגנט־באַוועגונג, ניטאָ קיין עמעסער סאָציאַליזם, ווי אין ייִסראָעל איז ניטאָ קיין עמעסער ציִוניזם. די אַבסורדאַלקײַט פון אַזעלכע באַהויפּטונגען זײַנען זעלבסטפאַרשטענדלעך. אין דער זעלבער צײַט איז אויך באַלערעוודיק דאָס, וואָס די יונגעלײַט, וועלכע זײַנען בײַגעווען אָפן צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן, האָבן געטראָגן צייכנס מיט לעניִנס בילד און געפירט אַן אָפענעם דיאַלאָג מיט די פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פון דער „ליגע פון יונגע אַרבעטער פאַר באַפרײַונג". אייניקע פון זיי האָבן אויסגעדריקט די איבערצײַגונג, אַז עס איז אומפאַרמײַדלעך די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע און די אויסבילדונג פון א סאָציאַליסטישער סיסטעם אין א וועלט־מאַסשטאַב.

צווישן דער פּראָגרעסיווער ייִדישער יוגנט וואַקסט דער אומרו איבערן וווּקס פונעם ראַסיזם און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרבינדונג צווישן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. א סאַך וואַרפן אָפּ (האַגאַם מיט באַוואָרענישן) די ראַסיסטישע און אַנטיקאָמוניסטישע קאָנצעפּציע פון דער ציִוניסטישער אָנפירונג, אַז די קוואַלן פונעם אַנטיסעמיטיזם זײַנען קלוימערשט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, די אַראַבישע לענדער, די לינקע און די נעגערס. צווישן דער ייִדישער יוגנט, ווי צווישן דער ווײַסער יוגנט ביכלאַל,

וואקסט די שטרעבונג צו פירן א קאמף קעגן ראַסיזם, ווײַל ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ קאמף אַנטשפּרעכט אירע אינטערעסן.

אין סעפּטעמבער 1975 האָט די „קאָאַליציע פאַר דער באַפרײַונג פון די ייִדן" פאַרעפנט־לעכט אין איר צײַטונג „?Nu" אַזאַ דערקלערונג וועגן דעם אוטאָבוסן־פּאַרקער: דער אוטאָבוסן־פּאַרקער דורך די גרענעצן פון די שכײנישע געמײנדעס איז אָפט געוואָרן דאָס אײנציקע צוטריטלעכע מיטל צו פאַרווירקלעכן די דע־סעגרעגאַציע. די פאַקטישע אײנמוטיקײַט, מיט וועלכער די נעגערשע געמײנדע איז ארויסגע־טראָטן פאַר אײַנהיטן דעם אוטאָבוסן־פּאַרקער, שפּיגלט אָפּ דעם פאַרלאַנג צו געבן דער יוגנט פון אָט דער געמײנדע בעסערע בילדונג, טראָץ די באַריערן, וועלכע עקזיסטירן אין דער גע־זעלשאַפט.

נאָך דער טקופה פון סעגרעגאַציע דע־פאַקטאָ און דע־יורע איז די פראַגע וועגן גלײַכבאַרעכ־טיקונג באַם באַקומען בילדונג געוואָרן א פראַ־גע, וועלכע איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער קוואַליטעט פון דער בילדונג.

האגאַם א סאַך ייִדן האָבן אינדיווידועל זיך ארויסגעזאָגט פאַר דער דעסעגרעגאַציע פון דער בילדונג, האָבן די ייִדישע גרופּעס און אָר־גאַניזאַציעס מאַמעש אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער וועגן אָט דער פראַגע. עס איז געקומען די צײַט, אַז די ייִדישע גרופּעס זאָלן אָפּריכטיק און אָפן אונטערהאַלטן די פאָדערונגען וועגן פאַרהיטן דעם אוטאָבוסן־פּאַרקער אַלס א מיטל צו פאַרווירקלעכן די דעסעגרעגאַציע פון דער בילדונג.

אויב רײַדן וועגן די ארויסטרעטונגען לעטזי־וועס גלײַכהײַט, האָט „שוצפּאַד" פאַרורטײלט דעם מעטאָד, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן אין דער קאַמפּאַניע פאַר אויסוויילן ניקסאָנען, דעם מעטאָד פון ארויסרופן ראַסן־שרעק, קעדײ אויס־באַהאַלטן די הויפּט־פאַקטן וועגן אַרבעטסלאָזי־קײַט און אינפליאַציע.

די זעלבע צײַטונג „?Nu" האָט אין א צווייטן נומער געשריבן: „א באַזונדער אומרו רופט ארויס דער געדאַנק, אַז אַזעלכע מעטאָדן קאָנען האָבן אַן אָרט אין דער ייִדישער קעהילע, אין וועלכער עס גייט אָן א קאַמף קעגן ארויס־שטעלן קאַנדידאַטן, וואָס נוצן אויס ראַסן־שרעק אַלס אינסטרומענט פון זײער קאַמפּאַניע. איבע־דערמעסן קאָן בלויז די עקאָנאָמיק, וועלכע זי־כערט פולע באַשעפטיקטקײַט, געבן א זיכערע גאַראַנטיע, אַז עס וועלן זיך אײַנאָרדענען אַף גוטער אַרבעט די נעגערס, ייִדן און אַנדערע נאַ־ציאָנאַלע גרופּעס".

די ייִדישע יוגנט־באַוועגונג אין די פאַרײ־ניקטע שטאַטן, ווי די יוגנט־באַוועגונג אינגאַנצן גענומען, איז פּאָליטיש ניט מאָנאָליט, די איבער־וועגנדיקע מערהײַט פון דער ייִדישער יוגנט גייט ניט אַרײַן אין קײן שום אָרגאַניזאַציע. עס פּרעוואַלירט א גלײַכגילטיקע באַציִונג צום ציִוניסטישן איסטעבלישמענט. „טשיקאַגאָ סענטי־נעל" האָט געשריבן דעם 21 מאַרט 1974: „דער אָנפירער פונעם כאַלוצים־דעפּאַרטאַמענט בא דער ציִוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט דערקלערט, אַז די יאָמקיפּער־מילכאָמע (די מיל־כאָמע אין אָקטיאַבער 1973) האָט אַנטפּלעקט די אַפּאַטיע פון א גרויסן טײל פון דער ייִדישער יוגנט סײַ אין ייִסראָעל, סײַ אין אַנדערע לענ־דער..." די פּרוּוון פון די ציִוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס צוציִען אַף זײער זײַט די יוגנט פּאָלי־טיש און אידעאָלאָגיש אָדער דערשלאָגן זיך צו איר עמיגראַציע, האָבן א קנאַפּן דערפאָלג.

באַגריסנדיק דעם ראַדיקאַליזירונג־פּראָצעס, וואָס לאָזט זיך מערקן אין דער ייִדישער יוגנט־באַוועגונג פון אַמעריקע, דאַרף מען אַנערקענען, אַז ער וועט ניט באַקומען קײן ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג, אויב די אָרגאַניזאַציעס וועלן אַף ווײַטער פאַרבלײַבן אין געפאַנגענשאַפט באַם רעאַקציאָנערן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם; די פּראָ־גרעסיווע טענדענצן וועלן ניט האָבן קײן קיִעם, ווײַל זײ וועלן זײַן בישכײנעס מיט די דאָגמאַטן פונעם ציִוניזם.

דער ציִוניזם וויל, אַז די ייִדן, באַזונדערס די ייִדישע אַרבעטער, זאָלן זיך אָפּזאָגן פונעם קלאַסנקאַמף. דאָס איז א פּרוּוו צו פאַרשפּרײטן דעם געדאַנק, אַז איך, דער ייִד, האָב מער גע־מײנזאַמס מיט קיסינדזשערן, ראַבינען, ראָ־טשילדן, אײדער מיט מײַנע ניט־ייִדישע כאַ־ווײרים, מיט מײַן נעגערשן צי פּוערטאָריקאַ־נישן ברודער אָדער שוועסטער, וועלכע לעב־נען אין דעם שכײנישן מיט מיר קלאַס אָדער אַרבעטן מיט מיר אין אײן פאַבריק צי אַנ־שטאַלט.

די לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען פון די אַר־בעטנדיקע ייִדן קאָנען ניט געלײזט ווערן אין א בונד מיט די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן, ס'איז ניט מעגלעך צו פירן דעם קלאַסנקאַמף מיטן אָנטײל „בלויז פון ייִדן"...

וואָס שטאַרקער עס ווערט אין פּשאַ דער עקאָנאָמישער קריזיס, אַלץ מערער גייט וועגן זיך צו וויסן די פּאָליטיק פון ראַסיזם און אַנטי־סעמיטיזם. איבערן לאַנד טראָגן זיך אַרום פאַ־שיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. אין דער רעגירונג קומט פאָר א געפערלעכער קער אַף רעכטס. די ציִוניסטישע צענטרען און די פאָרד־אַדמי־ניסטראַציע באַמיִען זיך אָפּצושוואַכן דעם דרוק, וועלכן עס מאַכן אַף זײ די מאַסן, זײ טײַנען, אַז די הויפּט־סאָנים פון די ייִדן זײַנען די נעגערן.

ווען עס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן א רעזאָ־ליוציע, וועלכע רופט דעם צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן צו שטעלן אָן אַקטיוון ווידערשטאַנד דעם ראַסיזם און אַנטי־סעמיטיזם, האָט זי ארויסגערופן א טומל. יענע, וועלכע האָבן געשטימט קעגן דער רעזאָליוציע (זי איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן מיצאַד דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטײ און דער „ליגע פון יונגע אַרבעטער פאַר באַפרײַונג" און עס האָבן זי אונטערגעהאַלטן אײניקע אַנדערע אָרגאַניזאַצי־עס), זײַנען געווען מאָלע־סימכע דערפון, וואָס זי איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, מײנענדיק, אַז דער־

מיט האָבן זיי אָפגעהאלטן „א זיג איבער די קאָמוניסטן".

די ייִדישע יוגנט־אָרגאניזאציעס, וועלכע האלטן זיך בא די פרינציפּן פונעם ציוניזם, אפעלירן הײַנט צו דער ייִדישער יוגנט, שטעלנדיק דעם טראָפּ אף די באזונדערקײַטן, וואָס טיילן זי אָפּ פון דער איבעריקער יוגנט, — זיי אפעלירן צו איר נאציאָנאליזם.

מיר זײַנען איבערצײַגט, אז די ייִדישע יוגנט קאָן לייזן אירע פּראָבלעמען בלויז אין דעם פאל, אויב זי אנערקענט, אז זי איז פאראיינס מיט דער גאנצער יוגנט פונעם לאנד.

דער אויסוועג איז נאָר איינער: אן איינהײַטלעכער פראָנט פונעם יונגן דאָר — נעגערס, פוערטאָריקאנער, אמעריקאנער פון אזיאטישער אָפּשטאמונג, געבוירענע אמעריקאנער און ווײַסע, ייִדן און ניט־ייִדן, מאנצבלען און פרויען — אלס א באשטאנדטייל פון דער אנטימאָנאָפּאָליסטישער קאָאליציע, וועלכע דארף קעמפן פאר די רעכט פון אלעמען, אונטער דער אָנפירונג פונעם ארבעטער־קלאס, פון דער קאָאליציע, וואָס איז געווענדט קעגן דעם געמיינזאמען סוינע פון אלע ארבעטנדיקע — דעם אמעריקאנער אימפעריאליזם.

די דאָזיקע איינהײַט קאָן דערגרייכט ווערן בלויז אפן סמאך פון פאָרזעצן דעם קאמף קעגן ראסיזם, אנטיסעמיטיזם און אלע פאָרמען פון דיסקרימינאציע און אונטערדריקונג.

ל. קרילאָוו

בראָניק

אפן עקראן — עמאנויל קאזאקעוויטש

„דער וועג צום „שטערן" — אזוי האָט געהייסן די פּראָגראם, וועלכע עס האָט צוגעגרייט די ליטעראריש־דראמאטישע רעדאקציע פון דער כאבאראָווסקער טעלעוויזיע־סטודיע, געווידמעט דעם אווטאָר פון דער בארימטער דערציילונג „דער שטערן" עמאנויל קאזאקעוויטש, וועמעס שעפערישער וועג עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די דרײַסיקער יאָרן אין ביראָבידזשאן.

דער אווטאָר פון דער טראנסלירונג — די כאבאראָווסקער פּאָעטעסע ליודמילע מילאניטש באקענט די צושויער מיטן יונגן עמאנויל קאזאקעוויטש, וועלכער האָט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט געארבעט אלס פאָרזיצער פון א קאָלווירט, דערנאָך אלס דירעקטאָר פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאטער.

אפן טעלעוויזיע־עקראן לעבן אוף אלטע פאָטאָגראפיעס פון טיכאָנקע — ביראָבידזשאן, דערינערונגען פון עמ. קאזאקעוויטשעס יוגנט־פרײַנט בוזי מילער, נאָכעם פרידמאן. עס ווערן פאָרגעלייענט אויסצוגן פון ב. מילערס דערציילונג „לויטערקײַט", זײַטלעך וועגן עמ. קאזאקעוויטשן אין א בוך פונעם לענינגראדער שרײַבער סעמיאָן ביטאָוואָי, וועלכער האָט פיל יאָרן געלעבט און געארבעט אין ווײַטמיזרעכדיקן קאנט. וועגן עמ. קאזאקעוויטשעס ארבעט אין טעאטער, וועגן דער שטעלונג פון זײַן פּיעסע „מילך און האָניק" האָט דערציילט דער רעזשיסער פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער ב. שילמאן.

און ווידער פאָטאָגראפיעס און דאָקומענטן: עמאנויל קאזאקעוויטש אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אלס שעף פון אן אויסשפיר־אָפּטייל, קאזאקעוויטש מיט זײַנע שלאכט־פרײַנט. צווישן די נאָכמילכאָמעדיקע פאָטאָגראפיעס זעען מיר קאזאקעוויטשן מיט ג. מ. קרזשיזשאנאָווסקין בײַס דער ארבעט איבער דער דערציילונג וועגן וולאדימיר איליטש לענינען „דער בלויער העפט".

די טראנסלירונג פארענדיקט זיך מיט עמ. קאזאקעוויטשעס יוגנט־לידער אין דער אויספירונג פון כאבאראָווסקער ארטיסטן.

•

דרײַ נײַע ביכער אין מעשעך פון איין כוידעש

אין מעשעך פון אווגוסט כוידעש זײַנען אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" דערשינען ערן ווערגעליסעס „רײַזעס" (455 ז.), מאָטל גרוביאנס פּאָעטישע זאמלונג „דאָס אייביקע פײַער" (312 ז.) און כאָנע ווײַנערמאנס לידער און באלאדעס אונטערן נאָמען „א גוטער רעגן" (112 ז.).

דאָס זײַנען פּראכטפולע אויסגאבעס, איליוסטרירט פון אָנגעזעענע מאָסקווער ביכער־גראפיקער.

יויסעף שוסטער

ווילנער מעלאָדיעס

ווײַזט אויס, אַז פֿאַר אַ רײַזנדער איז זומערצײַט בעסער פֿון אַלץ זיך צו נוצן מיטן אויטאָטראַנספּאָרט, באַזונדערס ווען עס שטייט אים פֿאָר צו פֿאָרן איבער אַזאַ גלענצנדן וועג, ווי די בעטאָן־טראַסע קאַונאַס — ווילניוס, וועלכע שלענגלט זיך לענגויס די לאַנדשאַפֿטן פֿונעם קאַונאַסער יאַם צווישן גרינע טאָלן און זאַפֿטיקע וועלדער.

אַ שאָ צוויי פֿאָרן מיטן עקספּרעס־אויטאָבוס, און מיר זײַנען שוין בײַ דער פֿאָרשטאָט פֿון ווילנע — בײַם אָנהייב פֿונעם קראַסנאָאַרמייסקער פּראָספּעקט, וועלכער צעעפֿנט פֿאַר אונדז די ברייטע אָרעמס פֿון דעם נײַעם אינדוסטריעלן ראַיאָן פֿון דער ליטווישער הויפּטשטאָט, אַ קילאָמעטער צען פֿונדאַנען פֿאַרייניקט ער זיך מיט די גאַסן און געסלעך פֿון אַלט־ווילנע.

פֿאַר דער מלחמה איז דאָס אָרט געווען באַקאַנט בלויז מיטן אײַזנבאַן־פּאָלוסטאַנעק פּאָנאַר, לויטן נאָמען פֿונעם וואַלד, וווּהין די ווילנער פֿלעגן אַרויספֿאָרן אין די אָפּרו־טעג אויף פֿאַרווײַלונגען. ערעוו דער מלחמה האָט מען ניט ווײַט פֿון דאָרטן אויסגעגראָבן קאָטלאָוואַנען צוליב דער בויונג פֿון רעזערוווואַרן פֿאַר פֿליסיקן ברענשטאָף. קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז עס וועלן זיך אַרײַנרײַסן די היטלערישע קאַניבאַלן און אין אָט דעם שיינעם ווינקעלע הינטער ווילנע דערמאָרדן קימאַט הונדערט טויזנט מענטשן. פּאָנאַר און דער קאָוונער IX פֿאָרט, באַבי יאַר, מײַדאַנעק און אָשווענטשים, בוכענוואַלד און דאַכאַו וועלן אייביק דערמאָנען דער מענטשהײַט וועגן די שוידערלעכע פֿאַרברעכנס פֿון די היטלעריסטן. בלויז פֿון יול ביז דעקאַבער 1941 זײַנען אין פּאָנאַרער וואַלד אומגעבראַכט געוואָרן העכער זעכציק טויזנט ייִדן, רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער, עטלעכע טויזנט קריגסגעפֿאַנגענע.

וועגן די מאַסן־צעשיסונגען אין פּאָנאַר האָט דער שעף פֿון דער דײַטשישער זיכערהײַטס־דינסט אין זײַן באַריכט פֿאַרן 1 מײַ 1943 ראַפּאָרטירט דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג אין בערלין: „די ייִדן, ניט פֿייִקע צו דער אַרבעט, — בײַ 4000 — זײַנען דעם 5 אַפּרעל 1943 אין פּאָנאַר לעבן ווילנע באַזונדערס באַאַרבעט געוואָרן... בײַס דער צעשיסונג איז איין ייִד אַנטלאָפֿן אויפֿן אונטערשאַרפֿירער ווילי און מיט אַ מעסער אים צוויי מאָל דורכגעשטאָכן די פּלייצע און דעם קאָפּ. 50 ייִדן האָבן געפּרוווט אַנטלויפֿן...”

די געטאָס זײַנען געבליבן פּוסט, די גריבער — פֿול.

אויף גיטקע טײַבעלעס זאַוווּלעק
טיר־און־טויער אָפֿן...
פֿײַקל איך אין פֿײַקעלע און וועק:
היי, שטייט אויף! גענוג צו שלאָפֿן!

...כ׳טראָג פֿאַר אײַך דעם פֿרילינגס־ניגון... —
זאָל כאָטש איינער אויפֿשטיין, איינער!

— וועמען וועקסטו, מײַן געטרײַער, וועמען?
וואָס, דו ווייסט ניט, נאַרעלע, דו נאַר,
אַז די ווילנער שלאָפֿן שוין דאָ מער ניט,
ווילנער שלאָפֿן אויף פּאָנאַר...

מוישע טייף. „ווילנע, זומער 1944”

זינט יענע היטלערישע טויט־אַקציעס זײַנען שוין דורכגעלאָפֿן אַריבער 35 יאָר. אָבער די שוידערלעכע פֿאַרברעכנס פֿונעם פֿאַשיזם וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן. יעדן יאָר קומען אַהער, צו די מאַסן־קבֿרים אין פּאָנאַר, טויזנטער מענטשן פֿון אַלע עקן לאַנד און פֿון אויסלאַנד. יונג און אַלט פֿאַרבלײַבן אין שטילשווײַגן. מיט פֿאַרנייגטע קעפּ לייגן זיי פֿרישע בלומען צום אָבעליסק. ווי אין אַ הייליקטום טרעטן די באַזוכער אַריבער די שוועל פֿון דעם פּאָנאַרער מוזיי, וווּ יעדער עקספּאָנאַט, יעדער דאָקומענט, געשריבן מיט בלוט פֿון די אומגעקומענע, דערמאָנט און וואָרנט וועגן דער געפֿאַר פֿונעם נעאָפֿאַשיזם, וועלכער טראָגט זיך נאָך ערגעץ אַרום מיט פּלענער וועגן אַ נײַער בלוטיקער וועלט־באָד.

מיר האָבן פֿאַרלאָזט דאָס טרויעריקע אָרט אין פּאָנאַר. אויפֿן ראַנד פֿונעם וואַלד האָט פֿאַר

אַ הויז אין געוועזענעם גיטקע טײַבלס זאַוואָלעק

אונדזערע אויגן, ווי אַ ליכטי־
קער שטראַל, אַ בלענד געטאָן
די שטאָט — אַ פּילפּאַרביקע
און לעבהאַפטע. מיר האָבן זיך
אַרײַנגעזעצט אין אויטאָבוס,
וואָס גייט אין דער ריכטונג
צום צענטער פון דער שטאָט.
סקווערן, פּלעצער, גאַסן. אויפן
ראָג פון איינער פון זיי האָבן
מיר באַמערקט אַן אַפישע, אָפּ־
געדרוקט אין ייִדיש. „די פּאָלי־
צײַ־שאָ" — אַ ספּעקטאַקל לויט
הירש קאַנאָוויטשעס פּיעסע,
וואָס וועט באַוויזן ווערן אין
אָוונט אויף דער בינע פונעם
קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפאַריינען.

אונדז האָט קימאַט ווי אָפּגעגליקט צו זען
אין אַ וואָכעדיקן מאָנטיק אַ פּרעמיערע פונעם
ייִדישן פאָלקס־טעאַטער. מיר האָבן אַ טראַכט
געטאָן, אַז נאָך די שווערע אײַנדרוקן פון פּאָ־
נאַר וועט זײַן ניט פון די לײַכטע זאַכן אופצו־
נעמען אַזאַ פאָרשטעלונג.

אין טעאַטער זײַנען מיר אוועק מיט אַ שאָ־
פּרײַער פאַר דער אָנגעוויזענער צײַט.

דער טראָלייבוס האָט אונדז צוגעפירט צום
לענין־פּלאַץ — איינעם פון די גרעסטע און שענ־
סטע אין ווילנע. ער צייכנט זיך אויס מיט זײַן
וווּנדערלעכן לענין־מאָנומענט, וועלכן עס האָט,
לויט אַ ספּעציעלער באַשטעלונג, אויסגעפּילט
דער באַוווּסטער סאָוועטישער סקולפּטאָר אַקאַ־
דעמיקער ניקאָלײַ טאָמסקי. דער דאָזיקער
פּלאַץ שפּאַרט זיך אָן אין סאַמע צופוסנס פונעם
טאַוראַס־באַרג, פונוואַנען עס קוקט אַראָפּ מיט
הונדערטער פײַערן דער קולטור־פּאַלאַץ פון די
פּראָפאַריינען.

אין טעאַטער זײַנען מיר געקומען ניט פון די
ערשטע. אין פאָיע האָט שוין אַרומשפּאַצירט אַ
היפּשער עולם. אייניקע זײַנען געקומען גלײַך
פון דער אַרבעט. זעט אויס, אַז פריִער פון אַלע
האָט זיך געיאַוועט אין טעאַטער דער אַרטיסט
וועלוול שאַלקינסקי. אַ הויכער, שטאַלטנער
מענטש מיט פאַרהאַרטעוועטע, אויסגעהאָרעווע־
טע הענט פון אַ קאַדראָווע אַרבעטער. אַ וועטע־
ראַן פון דער ייִדישער זעלבסטטעטיקער קונסט,
וועט ער אין הײַנטיקן האַרבסט צוזאַמען מיטן
גאַנצן קאָלעקטיוו אָפּמערקן דעם 20־טן יוביל
פונעם פאָלקס־טעאַטער. אין הײַנטיקן ספּעק־
טאַקל איז ער ניט פאַרטראַטן, האָט ער זיך
דעריבער מאָביליזירט אויף דער צווייטער געזעל־
שאַפטלעכער פליכט אַלס פאַרשפּרייטער פונעם
זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אַרום זײַן
טישל מיטן צוגעפעסטיקטן פּלאַקאַט וועגן דער
אַבאָנירונג זײַנען געשטאַנען אַלטע און נײַ־
צוגעקומענע לייענער. אַזוי איז שוין אין וויל־
נע אײַנגעפירט, אַז מיט דער פאַרשפּרייטונג
פונעם זשורנאַל פאַרנעמט מען זיך ניט בלויז
אין די טעג פון דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע, נאָר
בײַ יעדער געלעגנהײַט אין משך פון אַ גאַנץ
יאָר. אַקטיווע לייענער דערמאָנען איינער דעם
אַנדערן, מע זאָל ניט פאַרגעסן זיך אַליין צו
אַבאָנירן, אויב עס גייט אויס די צײַט, און אויך
צוציִען נײַע ליבהאָבער פונעם ייִדישן געדרוקטן
וואָרט.

בעשאַסמײַסע האָט זיך שוין צעקלונגען דאָס
דריטע גלעקל. פאַרשפּעטיקטע זוכן אין אײַל־
ניש זייערע ערטער. די שײַן אין צושויער־זאַל
ווערט קימאַט אינגאַנצן אויסגעלאָשן. די פאָר־
שטעלונג הייבט זיך אָן מיט אַ פּראָלאָג, פון אַ
מאַסן־סצענע. די צושויער בלײַבן ווי צוגע־
שמידט צו זייערע ערטער. די האַנדלונג קומט
פאָר אין יענע פינצטערע און גרויזאַמע צײַטן,
ווען די היטלעריסטן האָבן געבושעוועט אין
ליטע.

די סצענע הייבט זיך אָן אָריגינעל. פון ביידע
זײַטן פונעם צושויער־זאַל באַוועגן זיך פאַ־
שיסטן אין גרינע מונדירן. באַוואָפנטע מיט אויר־
טאָמאַטן, טרײַבן זיי די אויסגעמוטשעטע

פאַרן אַנטראַקט... אין פאָיע פונעם פּראָפאַריינען־
פּאַלאַץ איז דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער
וועלוול שאַלקינסקי גרייט צו טאָן זײַן אַרבעט

מענטשן אַף דער בינע, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַג־פּלאַץ. עס הערט זיך אַ שיסערײַ פון אווטאָמאַטן, אַ ליאַזגערײַ פון מאָטאַציקלען. אַהין און צוריק טראָגן זיך אום די פּאָליציײַען מיט פראַזשעקטאָרישע לאַמטערנס. איר זעט פאַר זיך אַ שוידערלעך בילד, וואָס דערמאָנט אין יענע טויט־אַקציעס און מאַסן־מאָרדן, וועלכע די פאַשיסטן האָבן דורכגעפירט באַ די גריבער אין פּאָנאַר.

די סצענע בײַט זיך, און די האַנדלונג פון דער פאָרשטעלונג ווערט איבערגעטראָגן אין הויז פונעם דאָקטער איגנאַס ביליונאַס, אַ ליטווינער לויט דער נאַציאָנאַליטעט (אַרטיסט יודל קאַץ), וועלכער ראַטעוועט צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער דאַנגאָליאַ (לאַריסע דאַדיאָמאַווא) דעם ייִדישן באָכער דאָוויד הימלפאַרב (אַרטיסט צאַדעק פראַנק) פון טויט. גלײַכצײַטיק קומט פאָר אין דער מישפּאָכע ביליונאַס גופא אַ קאַמף צווישן איגנאַסעס פאַכדאָנישער פרוי מאָניקאַ (פאַינע גאַלפּעראָוויטש) און זייער זון דעם פאַרעטער קעסטוטיס (אַרטיסט מאַריק קאַפּלאַן), וועלכער טרעפט דאָ אין טאַטנס שטוב דאָווידן, זײַנעם אַ געוועזענעם כאַווער פון די סטודענטישע יאָרן. קעסטוטיס וויל דאָווידן אַרויסגעבן די פאַשיסטן, וועלכע לויערן אַרום ווי די וועלף אַרום איגנאַסעס הויז.

באַ דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע זיגט די גערעכטיקײַט. איגנאַס און דאַנגאָליאַ ראַטעווען דאָווידן. דאַנגאָליאַ ביליונאַס און דאָוויד הימלפאַרב פאַרייניקן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער און שליסן זיך אײַן אין אַקטיוון קאַמף קעגן די פאַשיסטן.

ווען מיר האָבן געפרעגט באַם אווטאָר פון דער פּיעסע הירש קאַנאָוויטשן, אַגעוו אַ ווילנער טוישעוו און פאַרערער פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער קונסט, צי ער איז צופרידן מיט דער פאָרשטעלונג, האָט ער געענטפערט:

— פון דעם, וויאַזוי די צושויער האָבן אופגענומען די נײַע פאָרשטעלונג, איז צו זען, וויפל האָרעוואַניע דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט אַרײַנגעלייט אין דער פּיעסע. דאָס הייסט, אַז דער ציל איז דערגרייכט. איך אַליין בין אָבער ניט אינגאַנצן צופרידן. די פּיעסע איז אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק. ווען איך זאָל זי דאַרפן אַפסנײַ איצט שאַפן, וואָלט איך אייניקע שטעלן דערגאַנצט, אַנדערע אַראָפּגענומען. וואָס שײַעך דער פּרעמיערע, בין איך דאַנקבאַר אַלעמען, ווער עס האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דער פּיעסע, אָנהייבנדיק פונעם שרײַבער בער האַלפּערן — פאַר זײַן געלונגענער איבערזעצונג און ענדיקנדיק מיט די אָנטיילנעמער אינעם ספּעקטאַקל, וועלכע האָבן מיט די שוישפּילערישע מיטלען אַרײַנגעפירט אין אייניקע סצענעס דעטאַלן, וואָס איך אַליין האָב פריִער פאַרזען...

פונעם קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפּאַריינען ביזן האָטעל „דראַוגיסטע" („פרײַנטשאַפט") איז ניט איבעריקס ווײַט, האָבן מיר באַשלאָסן צוזאַמען מיט עטלעכע אַרטיסטן פונעם פאָלקס־טעאַטער נאָכן ספּעקטאַקל זיך דורכשפּאַצירן. שיין איז די זומער־נאַכט אין דער באַגאָסענער מיט שײַן ווילנע. מיר גייען פאַרבײַ דעם באַרג טאַוראַס, פון וועלכן מע זעט קימאַט די גאַנצע שטאָט, און ווײַטער — איבער דער אײַנגעטונקענער אין גרינס געמיטלעכער טשורליאָניסגאַס, ווו מע האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויסגעבויט די זעכצנשטאָקיקע „דראַוגיסטע". איצט שטייט זי דאָ און קוקט אַרויס ווי אַ לײַכט־טורעם — מיט איין זײַט צום ברעג פון דער מילדער ווילִיאַ און מיט דער צווייטער — צו אָט דעם בײַשטאָטישן וואַלד, מיט וועלכן די ווילנער שטאָלצירן דערפאַר, ווײַל דאָס אָרט ווערט דערמאָנט אין לעוו טאָלסטאָיס ראָמאַן „מילכאָמע און שאָלעם", — דער אַזויגערופענער זאַקרעטער וואַלד באַ דער ווילִיאַ, ווו דער אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט מיט זײַן סוויטע זיך פאַרווײַלט מיט פייערווערק און לוסט־שפּאַצירן אַף שיפלעך אין דער זעלבער נאַכט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט זײַנע כאַיאָלעס פאַרסירט דעם ניעמאַן...

איך געזעגן זיך מיט מײַנע מיטשפּרעכער, יודל קאַץ און מאָטל קאַנאָוויטש, איינע פון די ערשטע, וועלכע האָבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק געגרינדעט דעם איצטיקן פאָלקס־טעאַטער, און מיט דעם נײַעם קינסטלערישן אָנפירער, דעם יונגן שוואַרצכיינעוודיקן באָכער, פול מיט ענערגיע און שעפערישן טעמפּעראַמענט, איגאָר סערגייקאָ, דעם רעזשיסער פונעם ספּעקטאַקל „די פּאָליציי־שאָ", וואָס האָט אָפן רעפּובליקאַנישן פעסטיוואַל פון די קינסטלערישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט.

— אויב איר וועט האָבן פרײַע צײַט, — האָט איגאָר געזאָגט פאַרן אַוועקגיין, — קומט אַרײַן מאָרגן אין אָוונט צו אונדז אין קולטור־פּאַלאַץ אַף אַ פאַרזאַמלונג פונעם דראַמאַטישן קאָלעקטיוו. זי וועט פאָרקומען אין דער 35־טער אַודיטאָריע.

אין צעעפנטן פענצטער פונעם צוועלפטן שטאָק פון האָטעל זעט מען, ווי עס פינקלען טויזנטער פײַערלעך אין דער באַנאַכטיקער ווילנע. פון דרויסן, פון דער געדיכטעניש פון די ביימער, האָט זיך דערטראָגן אַן איבערוף פון פויגלשע געזאַנגען, די שטאָט האָט רויִק געעטעמט מיט דער אָפּגעקילטער זומערדיקער לופט.

דאָך האָב איך איבער די טיפע אײַנדרוקן פונעם טאָג לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. אין זיקאָרן האָבן, ווי בלעטל נאָך בלעטל, זיך אופגעמישט עפּיזאָדן פון דעם געזעענעם און געהערטן.

דער נײַער טאָג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פון באַגעגענישן — מיט שרײַבער, קינסטלער, קולטור־טוער — אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימ־

לאַנד״. וועגן יעדן פון זיי איז פאַראַן וואָס צו דערציילן.

בער האַלפּערן, וועמענס גרונט־זשאַנער עס איז די דערציילונג, אַרבעט איצט איבער אַ סעריע נײַע פּראָזע־ווערק. אַן אַלטער טוישעוו פון ווילנע, איז ער שטענדיק טרײַ דער טעמע, געווידמעט די שטעט און שטעטלעך פון דער ליטע, שילדערנדיק דאָס נײַע אין איר לעבן אַפן פאָן פון דער ניט ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. אַזאַ, צום בײַשפּיל, איז זײַן נײַע דערציילונג „וועגן ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן און נאָך עפּעס״, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אינעם יובילײ־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

— דאָס ערשטע פון מײַנע נײַע שאַפונגען, וואָס איך גרייט איצט אָפּצושיקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, — האָט געזאָגט האַלפּערן, — וועט זײַן די דערציילונג פאַר דעם ספּעציעלן זשורנאַל־נומער, וואָס וועט באַשטיין דורכויס פון דערציילונגען, געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. באַטייליקן זיך אין אַזאַ נומער איז אַ בעקאָוועדיקע פליכט.

בער האַלפּערן וווינט אַף דער אַנטאָקאָל־גאַס, אַפן צווייטן ברעג פון דער ווילײַע, בישכיינעס מיט דער גאַס, וואָס איז באַטיטלט מיטן נאָמען פונעם רעוואָלוציאָנער רעפאַעל טשאַרנע — אַ נײַע מאַגיסטראַל אין די ווילנער בערג, אַף וועלכער עס וווינט, אַגעוו, דער מאָלער נאָכעם אַלפּערט. לייענענדיק האַלפּערנס דערציילונגען און באַאָבאַכטנדיק אַלפּערטס אַקוואַרעלן, געפינען מיר עפּעס געמיינזאַמס צווישן אָט די צוויי שעפער. עס דערגעענטערט זיי די טעמאַטיק. נאָכעם אַלפּערטס אַקוואַרעל־פּייזאַזשן, און באַזונדערס די שטייגער־בילדער, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מאָלן אין די לעצטע יאָרן, קאָן מען אָפּנעמען ווי נאָוועלן־מיניאַטיורן, געשריבענע מיטן פּענדזל. און נאָך איז פאַראַן געמיינזאַמס צווישן די צוויי ווילנער — דאָס איז זייער איבערגעגעבנקייט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. באַטאָג זיצט איינער בא זײַן שרײַבטיש, און דער אַנדערער — באַם מאָלבערט. און אין די פרײַע אָוונטן קומט מען אין קולטור־פּאַלאַץ, קעדיי מיט עפּעס באַהילפיק זײַן די ייִדישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון — אַלס קאָנסולטאַנטן באַם פאָלקס־טעאַטער און אַלס פּאָפּוליאַריזאַטאָרן און פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

ווילנע איז אַ שטאָט פון ליבהאָבער און שעצער פון אַלע מינים קונסט, באַזונדערס פון דער מאָלערײַ־קונסט. איר וועט זעלטן זען אַזאַ דירע, עס זאָל דאָרט ניט הענגען עפּעס אַ מאָלעריש אָדער גראַפיש בילד; די אָפטע אויס־



אַ סצענע פונעם ספּעקטאַקל „די פּאָליצײַ־שאַ״. יודל קאַץ (לינקס) אין דער ראָל פון איגנאַס מיליונאַסן און בינימין צוויזאַן אין דער ראָל פון פּאַציענט

שטעלונגען אין די קונסט־סאַלאָנען ווערן דאָ גוט באַזוכט מיצאַד דער שטאָטישער באַפעלקערונג, באַזונדערס ציט זיך אַהער די יוגנט.

עס איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס נאָכעם אַלפּערטס אויסשטעלונג אינעם זאַל פון דעם קינסטלער־פאַריין, ווו עס זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן אַ ריי בילדער פון זײַנע גרויסע סעריעס „אַלט־ און נײַ־ווילנע״ און „סלאָנימער באַלמעלאָכעס״, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון הונדערטער באַזוכער.

ביזן הײַנטיקן טאָג האָט נאָכעם אַלפּערט ניט איבערגעריסן זײַנע שעפערישע פאַרבינדונגען מיט זײַן געבוירן־שטאָט סלאָנים, ווו ער, אַן אָפּשטאַמיקער פון דער שטעטלשער אָרעמשאַפט, האָט אין די שווערע באַדינגונגען פון דעם בורזשואַזן פוילן געמאַכט די ערשטע טריט אין דער קונסט. אין די 30־ער יאָרן טרעט ער אַרײַן אין דער סלאָנימער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע. לויט אַן אויפטראָג פונעם אונטערערדישן קאָמיטעט מאָלט ער קאַריקאַטורן אַף פּוילישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. ער שרײַבט לאָזונגען און אַגיטפּלאַקאַטן. ווען דאָס דערגייט צו די מאַכט־אָרגאַנען, פאַרשפּאַרט מען דעם יונגן מאָלער אין דער סלאָנימער פּאָליצײַ־קאַמער. וועגן דעם און וועגן אַנדערע עפּיזאָדן אין דעם קינסטלערס ביאָגראַפיע ווערט דערציילט אין די בראַשורן פון אַלעקסאַנדער זשוקאָווסקי און מיקאָלאַ פאַנאַסיוק, וועלכע זײַנען לעצטנס דערשינען אין מינסקער פאַרלאַג „נאַראַדנאַיאַ אַסוועטאַ״ און אין די רעפּובליקאַנישע צײַטונגען פון ווײַסרוסלאַנד „זוויאַזדאַ״ און „טשערוואָנאַיאַ זמענאַ״.

צווישן אַלפּערטס נײַע אַרבעטן האָט אונדזער אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַ פאַרביקער פּאָרטרעט פון אַ כאַשעוון מענטש, וועלכער איז



אוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (פון רעכטס אַף לינקס) — דער שרײַבער בער האַלפּערן, דער מאָלער נאָכעם אַלפּערט, דער געזעלשאַפטלעכער טוער יאַנקעוו וויניצקי

אונדז שוין באַקאַנט. מיר האָבן אים גלײַך דערקענט — דעם וועטעראַן פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, דעם פּאָרזיצער פונעם קונסט־ראַט בא די ייִדישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון יאַנקעוו וויניצקי. ער איז א היפּשע צײַט געווען קראַנק און געהאַט גרויס אַגמעסנעפּעש, לעמײַ די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן זיך פאַרנעמען מיטן קונסט־ראַט. באַזונדערס איצט, ווען דעם פאָלקס־טעאַטער שטייט פאַר אַזויפיל אופצוטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטייענדיקע פײַערונגען פונעם 20־טן יובילײ פון טעאַטער. עמעס, ס'איז דאָ א טעלעפאָן אין שטוב, איז ניט איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג, ס'קומען שוישפּילער צו וויניצקין אַהיים, אין סעדל בא דער ווילִיאַ אַף דער פּיאַטראַס־צווירקאַ־גאַס, האַלטן זיך מיט אים אַן אייצע, לייזן א פּראַגע.

פאַר אונדז האָט ער זיך געקלאָגט, אַז שווערער איז דורכן טעלעפאָן אָנפירן מיט דער אַרבעט אַרום דער אַבאָנירונג אַף „סאָוועטיש היימלאַנד". קעדיי דעם איניען צו דערלײדיקן, האָט ער, צוזאַמען מיט דער גרופּע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, באַשלאָסן באַפּולמעכטיקן אַף דער פּליכט וועלוול שאַלקינסקין — אַן ערנסטן און געוויסנהאַפטן מענטשן, איינעם פון די עלטסטע שוישפּילער אינעם פאָלקס־טעאַטער.

אַרויסבאַגלייטנדיק אונדז פון זײַן דירע, האָט וויניצקי, און אויך זײַן פרוי סאַרע אַבראַמאָווּנע, אַן אַקטיווע לייענערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אונדז פאַרזיכערט:

— נישקאָשע, די זאַך גייט אַף א לאַד, די אַלטע גוואַרדיע וועט ניט אונטערפירן!

אַף צוריקוועגס אין האָטעל האָבן מיר אין גאַס באַגעגנט נאָך צוויי ווילנער אוטאָרן פונעם זשורנאַל — צוויי יאַנקעווס — יאַנקל יאָסאַדע, א פּראָזאַיִקער און דראַמאַטורג, וועמענס ערשטע פּראַגע עס איז געווען, וואָס עס הערט זיך מיקויעך דעם גוירל פון זײַן פּיעסע, וועלכע ער האָט צוגעשיקט אין רעדאַקציע, און אַז ער וואָלט וועלן, זי זאָל אַמגיכסטן זיך באַווײַזן אַף דער ליכטיקער וועלט, און יאַנקל קראַוועץ, דער אוטאָר פון דער פאַרעפנטלעכטער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דערציילונג „אוסטריצעס". דער צווייטער יאַנקעוו האָט, פאַרקערט, קיין פּראַגעס ניט געשטעלט. ער האָט, צווישן אַנדערס, מיטגעטיילט, אַז ער האָט נאָרוואָס צוגעשיקט אין רעדאַקציע א נײַע זאַך, מיט א סוזשעט, וואָס איז „אויך פאַרבונדן מיט פאַריזש" (דער אוטאָר, זעט אויס, האָט אַמאָל ניט ווייניק זיך אָנגעליטן אין די פּאַריזשן), און ער האַלט אַפּילע, אַז זי וועט נאָך זײַן געשמאַקער פון די „אוסטריצעס".

צוויי קורצע גרוסן, אָבער אויך זיי וועלן ניט אויסמײַדן דעם אַדרעס פון רעדאַקציע.

צו פאַרנאַכט־צו האָבן אַלפּערט און האַלפּערן באַשלאָסן מיך מעכאַבעד זײַן מיט אַן עקסקורסיע איבער ווילנע. דאָס מאָל איבער אירע נײַע מיקראָ־ראַיאָנען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט דער אייגנאַרטיקײַט פון דער אַרכיטעקטור און פון דער פּלאַנירונג, וואָס עס גיט א סמאַך צו שטאָלצירן די אָרטיקע אַרכיטעקטן און בויער.

גיין צופוס וואָלט עפּשער געווען אינטערעסאַנטער, נאָר צוליב מאַנגל אין צײַט האָבן מיר זיך אַרײַנגעזעצט אין א טאַקסי. מיר פאָרן דורך די בריק איבער דער ווילִיאַ, פונוואַנען עס אַנטפּלעקט זיך א פּאַנאָראַם פון נײַ־ווילנע אין צוויי ריכטונגען. אַף צאָפן, אַנטקעגן דער גרויסער

אַנטאָקאָל־גאַס, האָט זיך צעשפּרייט דער ראַיאָן זשירמונײַ און אָף מײַרעוו — דער באַרימטער לאַזדינײַ, וווּהין די מאַשין פירט אונדז.

אַלפּערט, פון זײַן מאָלערישן צוגאַנג, אַקצענטירט מײַן אויפמערקזאַמקײַט אָף פּייזאַזשן — אָף די בערגלעך און וועלדער־אינדזלעך אַרום ווילנע, ווו עס האָבן אַזוי געלונגען זיך אײַנגעפּאַסט אָט די ווײַסע, געלע און ראָזעווע פילשטאָקיקע הײַזער; האַלפּערן, אַן איבערצײַגטער אורבאַניסט און ליבהאָבער פון דער שטאָט־אַרכיטעקטור, רעדט אָף זײַן וווּנדערלעכן היימישן ייִדיש וועגן דער באַדײַטונג פון די נײַע אַרכיטעקטור־עלעמענטן און וועגן די קאָמונאַלע באַקוועמלעכקײַטן, וואָס ווערן דאָ פאָרויסגעזען בייס דער בויונג פון וווינונגס־הײַזער און געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס.

מיר שמועסן צווישן זיך, און אונדזער טאַקסיסט שמייכלט אונטער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קערעווע געטאָן צו אונדז און געזאָגט אָף ייִדיש:

— אויב איר ווילט, אַז אײַער גאַסט זאָל האָבן אַ פולע פאָרשטעלונג וועגן די אויסטערלישע ערטער פון אונדזער שטאָט, אייצע איך אײַך אַ ביסל אויסברייטערן דעם קרײַז פון אונדזער רייס. לעמאָשל, צופאָרן צום נײַעם טעלעוויזיע־טורעם און פון דאָרטן, אַרומרײַזנדיק דעם גאַנצן וווין־מאַסיוו, זיך אָפּשטעלן אין סאַמע צענטער פון לאַזדינײַ, לעבן דער סקולפּטור פונעם מעטאַלענעם רײַטער, דערנאָך ווידער זיך אַראָפּלאָזן אין דעם אַלטן טייל פון שטאָט צום ברעג פון דער ווילִיאַ, וווּ עס שטייט דער נײַער אָפּערע־טעאַטער — אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקע געבײַדע, זײַנע שעפער זײַנען, אַגעוו, צוגעשטעלט געוואָרן צו דער לענין־פּרעמיע.

ווילנע פאַרמאָגט ניט ווייניק באַרימטע אַרכיטעקטן — יונגע און אַלטע, מיט אַן אייגענעם סטיל און עסטעטישן כוש אין געביט פון דער אורבאַניסטישער בויונג.

וואָס שײַעך דעם אָפּערע־טעאַטער, איז דאָס גליק צו באַשאַפן אַזאַ קולטור־ווערט אויסגעפאַלן אָף אַ פרוי אַן אַרכיטעקט — אָף דער דרייסטער, ענערגישער ניאָלע בוטשיוטע. איצט, ווען מיר האָבן באַקוקט פון אַלע זײַטן די ריזיקע געבײַדע, וועלכע איז אָנגעטאָן אין גלאָז און בעטאָן און באַקרוינט מיט צענדליקער פילאַרוסדיקע ליוסטרעס, האָבן מיר ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן: וויפל פרויען־אַרכיטעקטן זײַנען צום גוטן מעקאַנע זייער ווילנער קאָלעגע מיט דעם, וואָס איר איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו פאַרייביקן דאָס צווישנפעלקערלעכע פרויען־יאָר 1975 מיט אַזאַ אַרכיטעקטור־אַנסאַמבל...

עליע ביליאַוויטשוס (סאַרין) וווינט בישכיינעס מיטן האָטעל „דראַוגיסטע”. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך באַגעגענען אין די אינדערפרייקע שאָען, ווען מיר זײַנען ביידע געווען פרײַ פון אַנדערע איניאָנים. געזען האָבן מיר זיך שוין מיט אַ יאָר פינף צוריק. ער האָט פאַר אָט דער צײַט זיך ווייניק געענדערט, סײַדן די האָר זײַנען געוואָרן ווײַסער ווי געווען, און ווי דען אַנדערש, ער איז שוין אַריבער זיבעציק. אַנדערע אָף זײַן אָרט זײַנען שוין פון לאַנג פּענסיאָנערן. נאָר עליע ביליאַוויטשוס, דער וועטעראַן פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, געוועזענער מעלוכע־טוער אין דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק, היסטאָריקער און פּובליציסט, קאָן ניט גלאַט אַזוי אַוועק אָף רו. דאָס איז ניט אין דער טעווע פון אָט דעם מענטשן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן און לאַנגן וועג. זײַן לעבנס־ביאָגראַפיע איז באַשריבן אין דער ליטעראַטור און אין דער ענציקלאָפּעדיע פון דער סאָוועטישער ליטע.

ביליאַוויטשוס איז אַ מענטש אַ שעפערישער, ער האָט אַ סאַך געשריבן אין ייִדיש, ליטוויש און רוסיש. אויך איצט שרײַבט ער אַ בוך. פאַר די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט באַ צען ביכער, געווידמעט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין ליטע און אירע מענטשן — סאָלדאַטן, בויער, שעפער.

פאַר דער מילכאָמע האָט ע. ביליאַוויטשוס אַ היפּשע צײַט געאַרבעט אין „עמעס”־פאַרלאַג, ווו ער איז געווען שעפעריש פאַרבונדן מיט ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן.

אונדזער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום מוישע טײַטשס אַרכיוו, וועלכער האָט זיך צופעליק פאַרהיט באַ עליע ביליאַוויטשוסן, און באַזונדערס וועגן מוישע טײַטשס טאָגבוך, מיט וועלכן די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט שוין פון לאַנג זיך געוואָלט באַקענען.

— די שוועריקײַט באַשטייט אין דעם, — דערקלערט ע. ביליאַוויטשוס, — וואָס דער טאָגבוך איז געשריבן געוואָרן מיט אַזאַ קליינעם שריפט, אַז עס איז שווער צו לייענען אַפילע דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. איך געדענק, — דערציילט ער ווײַטער, — אַז מוישע טײַטש האָט געשריבן אָט דעם טאָגבוך טאַקע דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. איך האָב אַפילע געפּרוווט פאַרגרעסערן דעם קסאַוויאַד אָף אַ מאַשין „ערא” (מאַכן אַ קסעראָקאָפּיע), איז אַלציינס שווער זיך צו פאַנאַנדערקלײַבן...

אויסער דעם טאָגבוך, געפינען זיך באַ ביליאַוויטשוסן אינטערעסאַנטע בריוו, פאָטאָגראַפיעס. וויכטיק איז אויך דאָס, וויאַזוי ביליאַוויטשוס האָט אויסגעהיט דעם אַרכיוו אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. נאָר דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטעלע...

— מיט איין וואָרט, — מאַכט דעם אויספיר ביליאַוויטשוס, — ס'איז אַ גרויסע אַרבעט.

דערציילנדיק וועגן זײַנע שעפערישע פּלענער אין דער נאָענטער צײַט, האָט ער אָנגערופן טעמעס פון אַ ריי אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען וועגן אַקטיווע רעוואָליוציאָנערע און געזעלשאַפטלעכע טוער אין דער ליטע. צווישן זיי — וועגן זײַנעם אַ לאַנדסמאַן שמועל לעווין, וועלכער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין אָרגאַניזירן לענינס צוריקקער פון דער שווייץ קיין רוסלאַנד נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע. שפּעטער אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער אין

ליטע, איז ש. לעווין אומגעקו־מען בייס דער היטלערישער אָקופּאַציע.

עס זײַנען פאַראַן בא אָט דעם כאַשעוון מענטשן זיכרוי־נעס וועגן די שרײַבער מאָריס ווינטשעווסקי, עליע אָשעראָ־וויטש, בער אָרשאַנסקי, מוישע קולבאַק, מיט וועלכע ביליאַווי־טשוס האָט זיך געטראָפן אָדער צוזאַמען געאַרבעט.



דער פּאַלאַץ אפן בארג טאוראס, ווו עס טרעט ארויס דער פאָלקס־טעאַטער

ס'איז געבליבן אינגאַנצן א פּאָר שאָ פאַר מײַן אומקערן זיך קיין מאָסקווע. איך האָב אָבער באַשלאָסן זיך אַרײַנ־כאַפּן אין קולטור־פּאַלאַץ אַף דער פאַרזאַמלונג פון די אַרטיסטן פונעם פאָלקס־טעאַטער. עס איז מיר אויך פריִער אויסגעקומען צו שמועסן מיט זיי, נאָר א קוק טאָן אפן פולן באַשטאַנד פון דעם גרויסן זעלבסטעטיקן קאָלעקטיוו איז מאַמעש א פאַר־גענינגן.

נעכטן האָבן מיר זיי געזען אין גרים, אין דער פּרעמיערע פונעם ספּעקטאַקל „די פּאָליי־צײַ־שאָ”. הײַנט האָט מען זיך פאַרזאַמלט, יע־דערער נאָך זײַן אַרבעט אַף דער אונטערנע־מונג אָדער אין אינסטיטוט, פונקט צו אַכט אַזייִ־גער פאַרנאַכט. אָט זיצן די שוועסטער גור־וויטש, זיי זײַנען אָנטיילנעמער אין אַן אַנדע־רער פּרעמיערע — אין שאָלעם־אַלייכעמס „מאַזל־טאָוו”. לעבן זיי — א פאָרשטייער פון דער עלטערער פּלעיאַדע אַרטיסטן ביניאָמין צווי־זאָן. און אָט איז איינע פון די פרויען־וועטע־ראַנען פונעם פאָלקס־טעאַטער טאַניע גאָרע־ליק — די ערשטע אויספּילערן פון דער ראָל פון מאָניקאַ אינעם ספּעקטאַקל „די פּאָליצײ־שאָ”.

עס איז געגאַנגען א רייד וועגן די פאָרשטײ־ענדיקע גאַסטראָלן פונעם טעאַטער אין האָמעל און באָברויסק און אין די קוראָרט־שטעט דרוס־קינינקײַ און פּאַלאַנגע.

דער פאָלקס־טעאַטער מיט אַלע זײַנע אַנ־סאַמבלען — מוזיקאַלישן, וואָקאַלן און כאָרעאָ־גראַפישן, — צוזאַמען בא הונדערט אָנטיילנע־מער, איז איצט דעריקער פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו זײַנע יובילײ־פײַערונגען און צו די יובילײ־פאָרשטעלונגען, וואָס וועלן פאָר־קומען אין נאָיאַבער — דעקאַבער.

זײַ געזונט, ווילנע, מיר וועלן זיך מיט דיר נאָך ניט איין מאָל באַגעגענען!

ניי־ווילנע: אין צענטער פונעם מיקראָ־ראַיאָן לאַזדינײַ; די געבײַדע פונעם נײַעם אָפּערע־טעאַטער

אונדזער
רעפּליק

ליכט פון פאַרשיידענע לײַכטער

ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל, ווען א ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער קומט אויס ענטפערן אף די כקירעס און פּיירושים, וואָס באַווײַזן זיך פון צײַט צו צײַט אין דער אויסלענדישער פּרעסע אף זײַנעם א ווערק, פּיירושים, וועלכע האָבן אָפט א קנאַפּן שײַכעס צו דעם, וואָס מיר רופן ליטעראַרישע קריטיק, נאָר זײַנען אויסן גאָר עפּעס אנדערש, ווי דאָס איז צו זען פון דעם מײַמער „א ראָוו, א פאָטער פון א העלד” אין דעם אָרגאַן פונעם רומענישן רעליגיִעזן ייִדנטום די „צײַטשריפט” פאַרן 6 יון האַיאָר.

„ווי באַוווּסט, — הייבט אָן דער מעכאַבער ביניאָמין גאַנז זײַן לאַנגן מײַמער וועגן מײַן דערציילונג „ליכט”, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 9 פאַרן פאָריקן יאָר, — איז דאָס שווערסטע אָנצושרײַבן דעם טיטל. האָב איך אָנגעשריבן דעם טיטל, וועט שוין דאָס איבעריקע נאָכקומען”.

כ׳ווייס ניט, וויפל געדויערן די שווערע געבורטווייען בא דעם מעכאַבער פון דער „צײַטשריפט”, ביז ער געפינט די נייטיקע טיטלען (די נעמען, הייסט עס) פאַר זײַנע פּיירושים, נאָר דאָס מאָל, קענטיק, איז עס אים אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך, אין וואָס ער איז אליין זיך מוידע, באַקלאָגנדיק זיך פאַר די לייענער, אַז דערווײַל „האָב איך נאָך ניט דעם טיטל אויך נישט”.

און אַז מע כקירעט, דערכקירעט מען זיך סאָפּקאָלסאָף צו עפּעס, און ס׳איז געבליבן, ווי אין כורמעש שטייט געשריבן: האַקויל קויל יאַאַקוידו, הייסן וועט טאַקע דער מײַמער „א ראָוו, א פאָטער פון א העלד”, אָבער האַיאַדאַיִם... זײַן וועט עס וועגן „א ראָוו א העלד”.

נו, און וויבאַלד דער ראָוו ווערט געזאַלבט פאַר א העלד, וועט בעמיילע „דאָס איבעריקע שוין נאָכקומען”.

זעט אויס, אַז דער מעכאַבער פון דער בוקאַרעשטער „צײַטשריפט” ביניאָמין גאַנז לײַדט טיילווײַז פון דעם זעלבן כאַלאַס, פון וועלכן עס האָט, נעבעך, געליטן דער טונעיאַדעווקער ביניאָמין־האַשלישי, וואָס האָט אָפט אָנגענומען דאָס געגאַרטע שוין ווי א רעאַלעווירקלעכקײַט: די גלופּסקער פּיאַטיגנילעווקע — פאַרן יאַם־אָקיִאַנוס, און דעם צוויט, וואָס ער האָט דאָרט דערזען, — פאַרן גרויסן יאַם־פּיש כיליינאָ, וועלכן די גלופּסקער האָבן, זעגלענדיק זיך איבער דער פּיאַטיגנילעווקע, פאַרשלעפּט מיט זיך פון הינדיִאָ...

דעם עמעס געזאָגט, בין איך אין גרויס סאָפעק, צי ביניאָמין גאַנז, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס פאָרשטעלן דאָס געגאַרטע ווי א רעאַלע ווירקלעכקײַט, גלייבט אין דעם, אין וואָס ער וויל אײַנשמועסן יענע לייענער פון דער „צײַטשריפט”, וועלכע זײַנען ניט באַקאַנט מיט מײַן דערציילונג „ליכט”, אַז ער, ביניאָמין גאַנז, האָט אין דעם געשטאַלט פון רעב מענדל ספּעקטאָרן דערזען ניט קיין געוויינלעכן ראָוו, נאָר... א העלד, און אינעם בעסמעדרעש... א פראָנט, אינעם רוסישן קאָלווירטניק טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגינען, וואָס האָט געבראַכט צו פירן צוויי קאַסטנס ביכער, ...א צאַדיק, וועלכער דערמאָנט מיט זיך גאַנזן אינעם ריבוינעשעלוילעם, וואָס האָט פאַרצײַטנס זיך אַרומגעטראָגן מיט דער טוירע און קיינער האָט זי ניט געוואָלט אָנעמען. נו, און דאָס, וואָס טערענטי ניקאָלײַעוויטש באַהאַלט אויס, אַז ער האָט זיך געקענט מיט דעם ראָווס יִינגערן זון, וועלכער איז אומגעקומען אַפן פראָנט (כאָטש אין דער דערציילונג איז אין ערגעץ ניט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געקענט מיט אים), טײַטשט ביניאָמין גאַנז אויס אַזוי: „ווי קאָן מען אָנזאָגן אַן אַלטן פאָטער, אַז זײַן זון איז ניט זויכע געווען, אַז מע זאָל אים ברענגען צו קיוועריִיִסראָעל”...

און פאַרענדיקן פאַרענדיקט ביניאָמין גאַנז זײַן טראַקטאַט מיט אַזאַ מין האַשאָרע: „העיויס ווי אונטערן טיטל ווערט ניט אָנגעגעבן, צי איז עס א דערציילונג, ווי דאָס ווערט אָנגעגעבן אינעם אינהאַלט (פּונקט ווי אונטער אנדערע טיטלען פון דערציילונגען ווערט עס יאָ אָנגעוויזן. — ש. ג.), און העיויס עס איז אָפּגעדרוקט אף צוויי קאָלומנעס אף א זײַט (פּונקט ווי קיין אנדערע דערציילונגען צי ראָמאַנען דרוקן זיך ניט אַזוי אין זשורנאַל. — ש. ג.), איז דאַרף מען זיך דערפון מעשאַער זײַן, אַז „ס׳איז ניט סטאַם א דערציילונג, א מײַסע, ווי אַלע מײַסעס, נאָר מאַמעש א לעבעדיקע באַשרײַבונג פון א ראָוו, וואָס עקזיסטירט”. און דער מעכאַבער שרײַט אויס אין עקסטאַז: „איז ער דען ניט קיין העלד?!”

בעקיצער, „דער רעבע האָט געוואָלט... איז מעקויעם געוואָרן אין איין האַלב שאָ”.

אַזוי ווי א טייל לייענער פון דער „צײַטשריפט” האָבן, מעגלעך, זיך באַקענט מיט מײַנע „ליכט” בלויז לויט דעם, ווי דאָס האָט זיי איבערדערציילט ביניאָמין גאַנז, איז נייטיק איבערגעבן דעם ווירקלעכן אינהאַלט פון מײַן דערציילונג „ליכט”, וועל־

כע האָט ניט קיין שום שייַכעס צו בענטש־ליכט און
בענטש־לייַכטער, צו טאַלייסים און טפילן, צו קאפּאָ־
טעס און יאַרמלקעס און צו דעם אַלץ, וואָס דער
מעכאַבער פון דער „צייַטשריפט" גאַרט אַזוי עס
דערזען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

איז אָט: אין איינעם פון די געוועזענע ייִדישע
דערפער, ניט באַם דניעפּער, ווי עס ווייַזט אָן גאַנז,
האָבן קינדער, זוכנדיק פּאַפּיר־מאַקולאַטור, געפור־
נען אַף אַ בוידעם צוויי קאַסטנס ביכער אַף אַן אומ־
פאַרשטענדלעכער שפּראַך. מיט גרויס כשיוועס, מיט
וועלכער דער פּאַרוואַלטער פונעם אופנאַם־פּונקט,
דער רוסישער מענטש טערענטי ניקאָלייַעוויטש וואָל־
גין, וואָלט זיך באַצויגן, ווען די ביכער זאָלן זייַן,
לאָמיר זאָגן, אַף אַן אַנדער אומבאַקאַנטער פאַר
אים שפּראַך, און ער וואָלט ניט געווען דערלאָזט,
אַז זיי זאָלן ווי מאַקולאַטור אַוועקגיין אונ־
טערן מעסער, דערלאָזט ער אויך ניט, אַז עס זאָלן
אומקומען די צוויי געפונענע קאַסטנס מיט ייִדישע
ביכער. אָן באַזונדערע שוועריקייַטן באַשטאַט ער זיי.
די רעליגיִעזע ספאָרים פירט ער אָפּ אין בעסמעד־
רעש, די וועלטלעכע ליטעראַטור פאַלט אַרייַן אין די
הענט פון ליבהאָבער פון דער ייִדישער קלאַסישער
און סאָוועטישער ליטעראַטור.

ווען דער גוואַרדייעץ וואָלגין האָט דערזען די
פאָטאָגראַפיע פון דעם ראָווס ייִנגערן זון, וואָס איז
אומגעקומען אַפן פראָנט, האָט וואָלגינען זיך אויס־
געוויזן, אַז ער האָט זיך מיט אים געקענט. זיכער
אָבער אין דעם איז ער ניט. ס'איז דורכגעגאַנגען
דאָך העכער דרייַסיק יאָר. אין איין זאַך איז דער
גוואַרדייעץ וואָלגין אָבער זיכער: מיט דעם, וואָס
עס ווערן פאַרהיט די צוויי קאַסטנס ביכער, האָט
דאָס דאָרף זייערס געשטעלט אַ מאַצייווע אַף די
אומבאַוווּסטע קוואָרים פון דעם אומגעקומענעם
ייִדישן לערער פון זייער דאָרף און פונעם אומגעקו־
מענעם יונגינקן גוואַרדייער, וועמענס בילד עס איז
געהאַנגען באַ דעם ראָוו אַף דער וואַנט.

שווער צו גלייבן, אַז דער, ווער עס נעמט זיך
שרייַבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען, זאָל ניט וויסן, וואָס
איז דער באַדייַט פונעם וואָרט „העלד" אין אַ קינסט־
לעריש ווערק, אַז „העלד" און „פּערסאָנאַזש" איז
איין און דער זעלבער באַגריף. דער מעכאַבער אָבער
פון דער „צייַטשריפט" באַנוצט אומעטום בלויז
„העלד", און ניט צופעליק, פאַרשטייט זיך. ווען מע
רופט אָן דעם ראָוו „פּערסאָנאַזש", איז עס איינס,
אָבער אַז מע רופט אים אָן „העלד", קאָן ער באַ אַ
ניט־באַהאַוונטן לייענער אָנגיין פאַר אַ העלד אין
שוין גאָר אַן אַנדער באַדייַט, ווי דאָס איז אָנגענו־
מען אין דער פאַקטור פון אַ קינסטלעריש ווערק.
און ווי קאָן עס זייַן אַ העלד אָן העלדישקייַט? איז
קומט אויס צוטראַכטן פאַר אים דאָס, וואָס ס'איז ניט
געשטויגן און ניט געפלויגן, אַבי ס'זאָל אויסזען העל־
דיש... בעקיצער, דערזען אין מייַנע „ליכט" דאָס,
וואָס דאָרט איז ניט צו געפינען, און צומאַכן די
אויגן אַף דעם, וואָס דאָרט ווערטווירקלעך געזאָגט
וועגן די געפונענע ביכער, וועגן די אַמאָליקע ייִדישע
קאָלווירטן, וועגן וואָלגינען, וועגן דעם בעסמעדרעש
און דעם ראָוו און דעם זון זייַנעם, דעם סאָוועטישן
סאָלדאַט, וואָס איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע,
און וועגן פיל אַנדערע דערשייַנונגען, וואָס ווערן
באַלויכטן אין דער דערציילונג.

ווי דער לייענער זעט, איז דאָס, וואָס עס ווערט
געשילדערט אין מייַן דערציילונג „ליכט", וועלכע
איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימ־
לאַנד", און דאָס, וואָס עס פילפלט ביניאָמין גאַנז
אין זייַן מייַמער „אַ ראָוו, אַ פאָטער פון אַ העלד"
אין דער „צייַטשריפט", זייַנען ליכט פון צוויי פאַר־
שיידענע לייַכטער.

שמועל גאָרדאָן

■ ■ ■

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייטונגען

אָפּקלאַנגען

א געשיכטע מיט יידיש

א טשיקאווע געשיכטע וועגן דער באַציִונג פון די אָפיציִעלע ייִסראָעל־קרײַזן צו ייִדיש דערוויסט מען זיך פון דער פּרעסע.

אין קיבוץ יגור איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון נײַע אוילים, מערסטנס פון ראַטנפאַרבאַנד. זי איז געווען געווידמעט דעם „שוואַרצן שאַבעס" מיט 30 יאָר צוריק, ווען די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט איז באַפאַלן קיבוצים און יישוּווים, דורכפירנדיק דאָרט אונטערזוכונגען, קאָנפיסקירנדיק וואָפן און אַרעסטירנדיק פיל אָנפירנדיקע טוער.

ווען דער מיניסטער פון אַבסאָרבציע האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן די דעמלטיקע געשעענישן, האָבן זיך געהערט אויסרופן: „ייִדיש, ייִדיש!". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איבערוועגנדיקע מערהײַט האָט ניט פאַרשטאַנען דעם מיניסטערס ווערטער. אָבער דער מיניסטער, וועלכער קען דאַפקע גוט ייִדיש, האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אוועקצולייגן זײַן אָנגעשריבענע רעדע אין העברעיִש און רעדן ייִדיש...

צי איז ייִדיש, הייסט עס, דערלויבט געוואָרן בלויז אַלס געגנשטאַנד צו מאַטורע־עקזאַמענעס פאַר שילער, אָבער ניט אַלס לעבעדיקע שפּראַך אויף א פאַרזאַמלונג?

דערמיט איז נאָך אָבער די געשיכטע ניט פאַרענדיקט געוואָרן.

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכער איז דער לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג באַם אַרבעטער־ראַט אין חיפה, האָט אָנשטאָט צו אָנערקענען די אוולע, גאָר געהאַלטן פאַר נייטיק צו שטראָפן דעם עולם.

ערשטנס, האָט ער געזאָגט, האָבן די אָנוועזנדיקע באַקומען די איבערזעצונג פון דער פּראָגראַם פון דער פײַערונג אין... רוסיש און אין פראַנצויזיש (און פאַרוואָס ניט אין ייִדיש? — דאָס איז דאָך א נײַע דיסקרימינאַציע לעגאַבע דער ייִדישער שפּראַך!). און צווייטנס... צווייטנס, האָט ער דערקלערט, אַז די, וואָס פאַרשטייען נאָך ניט העברעיִש, דאַרפן קומען גלײַך אָפּמאָרגן זיך פאַרשרײַבן אויף די קורסן צו לערנען די העברעיִשע שפּראַך. און ער וועט זאָרגן צו באַקומען פאַר זיי א האַנאָכע...

אינטערעסאַנט, וואָס עס האָבן געטראַכט וועגן אָט דער געשיכטע די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „וועלט־קאָנפערענץ פאַר דער ייִדישער קולטור": צי האָבן זיי רעאַגירט אויף דער באַגאַנגענער אוולע, וועלכע איז דאָך ווײַט ניט די איינציקע אין איר מין? זיי דעקלאַרירן זיך דאָך אַלס ליבהאָבער פון ייִדיש און ייִדיש־קולטור!..

י. ל.

נאָך א געשיכטע מיט ייִדיש

אויפן צוזאַמענפאָר פון מאַפּאַם, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין ייִסראָעל, איז געשען אַזאַ מין פאַל:

איינער פון די דעלעגאַטן, א געקומענער פון פוילן, וואָס קען ניט, מיסטאָמע, גענוג גוט די העברעיִשע שפּראַך, האָט געהאַלטן זײַן רעדע אין ייִדיש. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז ער האָט ניט, צום באַדויערן, קיינעם, וואָס זאָל איבערזעצן די רעדע אויף איווריט. און ער האָט געוואָלט איבערגעבן דאָס וואָרט דעם קומענדיקן רעדנער.

און דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט דער אַראַבישער שרײַבער איבראַהים שאַוויט און האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט איבערצוזעצן די רעדע פון ייִדיש אויף העברעיִש. און ער האָט עס טאַקע גלײַך געטאָן מיט גרויס דערפאָלג.

דער דאָזיקער פאַל האָט, זאָגט מען, אַרויסגערופן ניט בלויז איבעראַשונג. פיל האָבן זיך אויך געפילט זייער ניט באַקוועם.

איבעריק צו זאָגן פאַרוואָס...

דער „מאַניפעסט" פון... וויסנשאַפטלער

פון דער ייִסראַעל־פּרעסע דערוויסן מיר זיך וועגן א געשיכטע, וואָס קלינגט ווי א וויץ. ס'איז אָבער אַן עמעסע געשיכטע, וועגן וועלכער ס'האָט אויך געמאָלדן די דאָרטיקע ראַדיאָ.

29 וויסנשאַפטלער פון די ייִסראַעל־אוניווערסיטעטן, דערונטער פיזיקער, מאַטעמאַטיקער, אינזשעניערן, האָבן פאַרעפנטלעכט א „מאַניפעסט", אין וועלכן זיי רעדן קוידעמקאָל וועגן דער איצטיקער לאַגע און קומען דערנאָך מיט זייער רעפּוע.

„די געשעענישן, וואָס טרעפן לעצטנס מיט אונדזער פאָלק און מיט אונדזער מדינע, — דערקלערט דער מאַניפעסט, — דאַרפן דערפירן יעדן פון אונדז זיך צו פאַרטראַכטן ווי געהעריק וועגן אונדזער מײַמעד צווישן זיך אַליין און צווישן די פעלקער".

און וואָס טאָן נאָכן פאַרטראַכטן זיך? — אָט וואָס:

„מיר רופן יעדן איינעם פון קלאַל ייִסראַעל מעקײַעם צו זײַן די געבאָטן פון דער טוירע, צו לייענען צוויי מאָל א טאָג די פּאַרשע „שמאַ ייִסראַעל"... מיטן דאָזיקן לייענען נעמען מיר אַף זיך דעם גלויבן אינעם שעפער פון דער וועלט..." און אַזוי־ווי „איצט האָט מען אָנגעהויבן לייענען די פּאַרשע „שמאַ ייִסראַעל" אין די ייִסראַעל־טראַנסליאַציעס יעדן אינדערפרי", איז אויב אַלע וועלן „זיך אָנשליסן צום לייענען מיט קאַוואָנע אַף אַנצונעמען גאָטס מאַלכעס", וועט זיך אַלץ ענדיקן גוט און „אונדזער האָפענונג אינעם שעם־ייִסבאָרעך איז, אַז אַלע כוואַליעס פון רישעס און סינע, אַלע פאַלשע בילבולים, וואָס ווערן איצט פאַרשפּרייט אין דער וועלט אַפּן פאָלק ייִסראַעל, וועלן אָוועקגיין ווי דער רויך, און מיר וועלן זוכע זײַן אינגיכן צו אַן עמעסן שאָלעם און צו א פולער געולע, אָמיין".

נו, זאָגט אַליין: קלינגט עס ניט ווי א וויץ? ס'איז אָבער א טרויעריקער וויץ. וואָרעם אויב אַפילע וויסנשאַפטלער הייבן אָן צו רעדן מיט דער שפּראַך פון ראַבײַיִשע דראָשעס, איז עס זייער ניט קיין סימען פון געזונט פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, נעמלעך פון איר אָנפירונג.

(„נײַע פּרעסע", פּאַריזש)

פון דער פּרישער פּאָטשט

מיר ברענגען אַן אָפּרוף אין דער ייִסראַעלדיקער צײַטונג „דער וועג" אין שײַכעס מיט דער יערושאַלאַיִמער „וועלט־קאָנפערענץ" פון ייִדישער קולטור, וועלכע האָט זיך געשלאָסן, ווען דער הײַנטיקער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין געווען אין דרוק.

די צווייפלהאַפטיקע קאָנפערענץ

נאָך די „פײַערדיקע" דרײַ טעג אין יערושאַלאַיִם, ווו אויסדערוויילטע „קאָשערע" ייִדן זײַנען געקומען עפּעס „נאַשן" פון דער הערשנדיקער ייִסראַעל־קולטור און אויסגיסן א ביסל זייער גיפטיקע סינע צום סאָוועטנפאַרבאַנד, — איז קעדײַ צו דערמאָנען פּערעצעס דערציילונג „די פרומע קאַץ".

די קאַץ האָט, געבעך, געמוזט לעבן פון בלוט און רעציכע, האַרגענען זינדיקע פייגעלעך, זיי כאַפּן מיט אירע שאַרפע נעגל, מיימעסן זיי און מיט א יעראַשאַמאַיִמדיק פּאָנעם זיי אָראָפּשלינגען.

די וועלט אָבער איז ניט געווען צופרידן מיט אירע מײַסים, ביז די קאַץ איז געקומען צום סייכל, אַז אויב האַרגענען, דאַרף מען דאָס טאָן מיט „האַרמאָניטאַרע רייד", מיט צוויִעסדיקע דראָשעס. די פרײַהײַטליבנדיקע פייגעלעך דאַרף מען דערשטיקן מיט א גוט וואָרט, מיט מאָסער; ס'איז ניט שיין, ס'איז ניט ייִדישלעך, — זאָגן זיי, — צו זינגען אָפּן פון פרײַהײַט, פון יוישער און פּראָגרעס.

אין שײַכעס מיט ייִדישער קולטור — דעם „פייגעלע", וואָס האָט אין מעשעך פון פיל יאָרן געזונגען און געקעמפט פאַר סאָציאַלן יוישער און מענטשלעכקײַט, — האָבן די ציוניסטישע הערשער באַשלאָסן, אַז זיי וועלן שוין פון הײַנט און אָן ווײַטער ניט שרײַען „ראָק אַוורית", ניט שלאָגן ייִדיש־רײַדנדיקע אין די גאַסן, נאָר אײַננעמען די ייִדישע שפּראַך אין זייער שטײַג און זי האָדעווען מיט קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, זי דערשטיקן מיט ליגנס און רעכילעס, מיט שאָוויניזם און מילכאָמע־העצערײַ.

הינטער די גראַטעס פון דער ציוניסטישער הערשנדיקער פּאָליטיק און אונטער דער האַשגאָכע פונעם „ייִדישיסט" איציק קאָרן וועט די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור ווערן א געטרײַע דינסט פון דער ייִדישער בורזשואַזיע. זי וועט שוין ניט זינגען „אַך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן" און „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן", זי וועט ניט ריידן אין ייִסראַעל פון „באַלטאַקסעס", נאָר שרײַען „שלח את עמי" (שעלאַך עט אמי) אַף ייִדיש.

די אַזויגערופענע „וועלט־קאָנפערענץ" פון ייִדיש אין יערושאַלאַיִם האָט זיך פאַרענדיקט, ווי עס זאָגט זיך אין עליעזער שטיינבאַרגס מאָשל „דער באַל־ראַכמים", — „זון, לעוואָנע — גלײַך! אויס קינע־סינע!"

נאָך דרײַ טעג פּלוידערײַ האָט די קאָנפערענץ איבערגעלאָזט נאָך זיך א שוואַרצן רויך און א באַרג מיט... פּאַפּיר. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום

■ ■ ■

פאַרשטענדעניש פאַר דער ייִדישער קולטור, וועלכע איז איר מוחל די טויווס און די לויב־געזאַנגען.

מע האָט אַהין ניט אײַנגעלאַדן אַפילו די „געוועזענע", וועלכע גייען מאַמעש אויס פאַר אַ ביסל „אייניקײַט"...[1]

[1] דאָ גייט אַ רייד וועגן די אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער „איקוף" און וועגן די רעדאַקטאָרן פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" און קאַנאַדער „וואָכנבלאַט". אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטעלט פאָר אַן אינטערעס דער פאַקט, וואָס אין די טעג פון דער ציוניסטישער קאָנפערענץ, אַף וועלכער די אויבנדערמאָנטע „געוועזענע" זײַנען ניט צוגעלאָזט געוואָרן, זײַנען, „פּונקט ווי צופעליק" געקומען קיין ייִשׂראָעל דער רעדאַקטאָר פונעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „ייִדישע קולטור" אי. גאָלבערג און דער רעדאַקטאָר פון דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט" י. גערשמאַן. אַזוי זײַנען די „געוועזענע" געשטאַנען באַ דער קאָנפערענץ הינטער דער טיר... (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד").

ס'איז אַ בושה פאַר די באַלעבאַטים פון דער „הייליקער" קאָנפערענץ און אַ ראַכמאָנעס אַף די בלאָנדזשנדיקע קולטור־טוער, וואָס זײַנען געבליבן פון אייגענע אָפּגעריסן און מיט פרעמדע ניט פאַרבונדן.

קאָן זײַן, אַז פון אָט דעם פּאַטש אין פּנים וועלן עפּשער די „געוועזענע" עפּעס וואָס אָפּלערנען. זיי וועלן עפּשער אײַנזען, אַז זייער לעצטע אָפּווײַכונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאָנסעקווענטן קלאַסנקאַמף האָט זיי מיט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

דאָס וועט עפּשער זײַן אַ לעקציע פאַר זיי און פאַר די אַלע, וועלכע שלעפּן זיך נאָך נאָכן ציוניסטישן וואָגן און גלייבן, אַז אַ קאָנפערענץ פון ייִדיש אין ירושאָלאַיִם וועט ברענגען די ישועה פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור.

י. וו.

דאָס איז טשיקאַווע

אַ ווײַסע קראָ

ווען מע וויל וועגן עמעצן זאָגן, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס אַן אויסנאַם, דריקט מען זיך אויס: „ס'איז אַ ווײַסע קראָ". און ווירקלעך, אַ ווײַסע קראָ טרעפט זיך זייער זעלטן. לויט דער סטאַטיסטיק, קאָן מען באַגעגענען אַזאַ איינע צווישן צענדליקער טויזנטער. די ווײַסע קראָ רופט מען „אַלבינאָס", ד. ה. אַ פויגל, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין נאָרמאַלע פּיגמענטאַציע, ווי אַלע אַנדערע פון זײַן מין.

זעלטן וועמען האָט אָפּגעגליקט צו זען אַ ווײַסע קראָ. דעריבער טיילן מיר מיט, אַז די פויגלוועלט פונעם מאָסקווער זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט זיך דאָ ניט לאַנג באַרײַכערט מיט אַ ווײַסער קראָ. עמעס, זי געפינט זיך נאָך דערווײַל אַף קאַראַנטין, אין אַ ספּעציעלער געבײַדע פון דער אָרניטאָלאָגישער סעקציע, אָבער גאָר אינגיכן וועלן די באַזוכער פונעם גאָרטן האָבן די מעגלעכקײַט זי צו זען.

געבראַכט קיין מאָסקווע האָט די דאָזיקע קראָ די אײַנוווינערן פאָרנעם ייִשעוו זדראַווניצאַ (לעבן דער סטאַנציע מיטישטשי, מאָסקווער געגנט) נ. וו. באַראַנסקאַיאַ.

איבערגעבנדיק די מאַטאָנע, האָט באַראַנסקאַיאַ דערציילט, אַז אַפּילע די עלטסטע אײַנוווינער פונעם ייִשעוו געדענקען ניט קיין פאַל, אַז אין די דאָזיקע ערטער זאָל זיך אויספּיקן אַ ווײַסע קראָ. כאַפּן זי איז לאַכלוטן ניט געווען שווער, ווײַל דאָס אייפעלע, וואָס איז קוים אַרײַן אין די פעדערן, איז געווען אַזוי אויסגעצערט, אַז ס'האָט אַפילע קימאַט ניט געקענט פליִען.

פאַרוואָס איז דאָס אייפעלע געבליבן איינזאַם? ווײַזט אויס, זײַנע עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו האָדעווען דעם ווײַסן „קריפּל" — האָט עס געמוזט, אָפּנים, פאַרלאָזן די נעסט פריִער פאַר דער געהעריקער צײַט. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די יונגע קראָ איז אַוועק ניט אין וואַלד אַרײַן, נאָר צו די מענטשן. און גוט, וואָס זי האָט אַזוי געטאָן: די מענטשן האָבן זיך פון איר ניט אָפּגעזאָגט און אַרויסגעוויזן די נייטיקע זאָרג. איצט דראָעט ניט דעם „קריפּל" קיין שום געפאַר — דער אַלבינאָס געפינט זיך אין זיכערע הענט און איז שטענדיק זאַט.

ווי באַוווּסט, זײַנען באַ דער קראָ ניט אַלע פעדערן שוואַרצע. פאַרקערט, שוואַרצע פעדערן האָט זי אַ סאַך ווייניקער, ווי העלגראָווע. דעריבער דאַרף אַ ווײַסע קראָ ניט אַרויסרופן אַזוי פיל כידעש, ווי, לעמאָשל, אַ ווײַסער גראַק אָדער אַ ווײַסע ראָב. באַ זיי זײַנען אַלע פעדערן פעך־שוואַרצע.

אין דעם זעלבן מאָסקווער זאָאָלאָגישן גאָרטן האָבן דאָ ניט לאַנג זיך באַוויזן אויך צוויי גראַקן־אַלבינאָסן.

די לערערן פון מאָלערײַ פון דעם שול־אינטערנאַט אין דער שטאָט קוזנעצק, פּענזער געגנט, האָט אַנומלטן צוגעשיקט אַ טעלעגראַם צו דער דירעקציע פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן: „מיר האָבן געכאַפּט צוויי גראַקן־אַלבינאָסן. טיילט מיט, וואָס זאָלן מיר מיט זיי טאָן".

קיין קוזנעצק איז קאָמאַנדירט געוואָרן דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון דער אָרניטאָלאָגישער סעקציע פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן אָ. ג. טאָלקאַטשאָווע, וועלכע האָט די צוויי פייגעלעך געבראַכט קיין מאָסקווע.

מיכאַיִל קאָזאָדאָן, נאַטוראַליסט (מאָסקווע)

בראָניק

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט — אַן אָנטיילנעמער אין דער בויונג פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל

די קאָלעקטיוון פון פיל אונטערנעמונגען פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האַלטן פאַר זייער גרעסטן קאָוועד אָנטיילצונעמען אין דער בויונג פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. צעמענט, ציגל, געהילץ־מאַטעריאַלן, קליידער, טראַנספאָרמאַטאָרס און אַנדערע מינים פּראָדוקציע ווערן אָפּגעשיקט אויף די אָביעקטן פונעם באַם. פיל פּראָדוציר־פאַרגעבונגען ווערן אויסגעפילט אומיטלבאַר אויף דער מאַגיסטראַל. וועגן דעם דערציילן די ווײַטערדיקע אינפאָרמאַציעס.

א נײַע אונטערנעמונג

אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן בויט זיך אַן אויטאָרעמאָנט־זאַוואָד, אויף וועלכן עס וועלן זײַן פאַרנומען בא אַנדערהאַלבן טויזנט אַרבעטער. דער זאַוואָד וועט באַדינען די בויונג פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל און אויספּאַרטיקן רעזערוו־טיילן פאַר אויטאָמאָבילן. ס'איז פאַרפּלאַנירט אים אָפּצוגעבן אין עקספּלואַטאַציע אין 1978. צוויי טויזנט אויטאָמאָבילן און 330 אַגרעגאַטן פון די מאַרקעס „קראַז" און „מאַז" וועט ער אָפּרעמאָנטירן אין משך פון א יאָר.

דער ביראָבידזשאַנער אויטאָרעמאָנט־זאַוואָד — איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אויפן ווײַטן מיזרעך — ווערט באַזאָרגט מיט מאָדערנער טעכנאָלאָגישער אויסשטאַטונג. די פּראָדוציר־פּראָצעסן וועלן אויטאָמאַטיזירט ווערן. אויף דעם געמעל, וואָס מיר ברענגען דאָ, זעט מען די פּאַנאָראַם פון דער קינפטיקער אונטערנעמונג מיט אירע צעכן, באַהילפיקע געבײַדעס, אַדמיניסטראַטיווע און שטייגער־געבײַען. אין קומענדיקן יאָר וועט זיך אָנהייבן די בויונג פון א זאַוואָדישן אַרבעטער־ייִשעוו אויף 3500 אײַנוווינער.

די בויונג פונעם הויפּט־קאָרפּוס איז אין פולן גאַנג. די אַרבעט אויף צו פאַרלייגן די פונדאַמענטן איז שוין אויסגעפילט אויף העלפט. מיט שנעלע טעמפּן בויען זיך די אַנדערע אָביעקטן, באַזונדערס די גאָרקיך. צום אויטאָרעמאָנט־זאַוואָד איז צוגעפירט אַן אײַזנבאַן־אָפּצווײַג, איבער וועלכער עס וועלן צוגעשטעלט ווערן אויף דער אונטערנעמונג די „קראַנקע" אויטאָמאָבילן און פון דאָרט וועלן אָפּגעשיקט ווערן צום באַם אָפּגערעמאָנטירטע. דערווײַל ווערט די דאָזיקע אײַזנבאַן־ליניע אויסגענוצט צוליב צושטעלן אויפן בויפּלאַץ די נייטיקע מאַטעריאַלן און טעכנאָלאָגישע אויסשטאַטונג.

מיט דער מאַרקע „ביראָבידזשאַן"

פאַר די נײַע אײַזנבאַן־סטאַנציעס פונעם באַם זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן היפּשע פּאַרטיעס טראַנספּאָרמאַטאָרס מיט דער מאַרקע „ביראָבידזשאַן". אַלע באַשטעלונגען זײַנען אויסגעפילט רעכטצײַטיק און פון גוטער קוואַליטעט. דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס האָט דערפאַר באַקומען א דאַנק־בריוו פונעם בוי־אָטריאַד „אוקרסטראָי".

דרײַ טויזנט ווינטערדיקע און האַרבסטיקע פּרויען־מאַנטלען האָט אָפּגעשיקט דער קאָלעקטיוו פון דער ביראָבידזשאַנער ניי־פאַבריק.

לויט א פאַרשנעלערטן גראַפיק

ניט לאַנג צוריק האָבן די אָבלוטשיער ענערגעטיקער באַקומען א פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרגעבונג — אײַנשליסן אין דער אײַנהײַטלעכער ענערגאָסיסטעם די סטאַנציעס פונעם מיזרעכדיקן באַצירק פון באַם עלגאַ, אַדיקאַן, דאָלינאַ און אורגאַל־2.

דער קאָלעקטיוו האָט אויסגעפילט די אַרבעט מיט א רעקאָרד־שנעלקײַט.

פאַר פּראַכטן, וואָס גייען צום באַם — א „גרינע גאַס"!

די סטאַנציע איזוועסטקאָוואַיאַ איז ווי א טויער צום מיזרעכדיקן באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. טאָג און נאַכט יאָגן אַהין און צוריק צוגן פאַר דער גרויסער בויונג פונעם יאָרהונדערט.

די אײַזנבאַנלער פון איזוועסטקאָוואַיאַ האָבן דערפאָלגרײַך אויסגעפילט די געהעכערטע סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען לויט אַלע צײַגערס און געשאַפן פאַר די פּראַכטן, וואָס גייען צום באַם, א „גרינע גאַס".



פאַרשיידנס

אכצן טויזנט ארכעאָלאָגן

אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק זײַנען פאַראַן 18 טויזנט ארכעאָלאָגן־ליבהאָבער. זיי גייען ארײַן אינעם פאַרבאַנד פון קולטור־טוער פון ד. ד. ר. און ווײַזן ארויס הילף די מוזייען. די ארכעאָלאָגן־ליבהאָבער פאָרשן אויס אלע בוי־פּלעצער, וועלכע ווערן אויסגעטיילט פאַר קינפטיקע אינדוסטריעלע אָביעקטן און וווינונגס־מאַסיוון. בײַס דער אויספאָרשונג ווערן אָפט געמאַכט באַדײַטנדיקע אַנטדעקונגען. בײַסן צוגרייטן די פונדאַמענטן אינעם בערלינער ראַיאָן מאַרצאַן האָט מען, לעמאָשל, אַנטפּלעקט רעשטלעך פון א סלאַווישן און גערמאַנישן יִישעוו, שטייגער־כפייצים, וועלכע געהערן צום שטיין־ און בראָנזיאָרהונדערטער.

לייענער ראַטעווען אַ ביבליאָטעק

די אײַנוווינער פון אויבער־וועסטסײַד (א ראַיאָן אין ניו־יאָרק) האָבן אָקופּירט די געבײַדע פון דער אָרטיקער ביבליאָטעק, אַף וויפל אַלע אַנדערע מיטלען ניט צו דערלאָזן, זי זאָל צוגעמאַכט ווערן, האָבן ניט געהאָלפן.

„די ביבליאָטעק איז דאָס איינציקע אָרט, ווו איך קאָן באַקומען ביכער, קויפן זיי איז ניט פאַר מײַן קעשענע, — האָט געזאָגט דער שרײַבער דזשאָן באַטלער, וועלכער וווינט אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. — ווּהין נאָך זאָל איך גיין?”

„איך באַנוץ זיך מיט דער דאָזיקער ביבליאָטעק שוין העכער דרײַסיק יאָר און קאָן אָן איר ניט לעבן”, — זאָגט די טעלעפאָניסטקע מאַרדזשי כאַנט.

עליזאַבעט ליפּאָט, וועלכע וווינט אין אויבער־וועסטסײַד פון 1928, גיט צו, אַז די אַרבעט אין דער ביבליאָטעק איז פאַר איר דער איינציקער קוואַל פון עקזיסטענץ. זי האָט שוין פאַרבראַכט צוויי נעכט אין דער ביבליאָטעק און קלײַבט זיך ניט אַוועקגיין פון דאָרט, מעלדנדיק: „איך וועל מיט אַלע קויכעס ניט דערלאָזן, מע זאָל פאַרמאַכן סײַ אונדזער ביבליאָטעק, סײַ אַנדערע”.

אין צאָפן־מיזרעכדיקן בראָנקס האָבן זיך אין דער ביבליאָטעק פאַרזאַמלט 400 מענטשן, קעדיי ניט דערלאָזן, מע זאָל זי פאַרמאַכן. נאָר פיל אַנדערע ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן האָבן אויפגעהערט ביכלאַל צו פונקציאָנירן אָדער זיי האָבן פאַרקירצט די שאָעך פון אַרבעט, ווײַל מע האָט פאַרקירצט די מוניציפּאַליטעט־הויצאָעס אַף סאָציאַלע באַדערפענישן.

צום 1 יול 1975 זײַנען אָן אַרבעט געבליבן העכער 180 אָנגעשטעלטע פון די ניו־יאָרקער עפנטלעכע ביבליאָטעקן, און איצט האָט די צאָל באַפרײַטע פון דער אַרבעט דערגרייכט 300 מענטשן.

(„זא רובעזשאָם”)

דער טורעם באַם טראָקאַדעראָ־פּלאַץ

אינעם ראַיאָן פונעם פּאַריזשער טראָקאַדעראָ־פּלאַץ שטייט א הויך הויז מיט א גרויסן אינערלעכן הויף. הינטער די ווענט פון דעם דאָזיקן הויז געפינט זיך א קאָלאָסאַלע צילינדרישע געבײַדע 80 מעטער די הייך מיט א דיאַמעטער פון 60 מעטער. די געבײַדע קאָן מען זען בלויז פון דעם העכסטן פונקט פונעם אייפעל־טורעם.

ווי עס שרײַבט די צײַטונג „ניו־יאָרק־טײַמס”, ווייסן וועגן דער עקזיסטענץ פונעם טורעם גאָר ווייניק פּאַריזשער אײַנוווינער. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקע שאַץ־קאַמער פאַר קונסט־ווערטן, אַנטיקוואַריאַט און אַנדערע ראַריטעטן, וועלכע געהערן פּריוואַטע פּערזאָנען. אַפילע די קליענטן, — און דאָס זײַנען, אַלס קלאַל, פאַרמעגלעכע מענטשן, — ווייסן ניט וועגן די אײַנריכטונגען אינעם טורעם. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז ער ווערט זייער שטרענג אָפּגעהיט. דאָ ווערט ברייט אויסגענוצט עלעקטראָניק און טעלעוויזיע. אַף באַנאַכט פאַרשליסט מען אַלע טירן און טויערן פונעם טורעם פון אינווייניק. די לעצטע אָנגעשטעלטע גייען ארויס פון דאָרטן דורך א ספּעציעלן דורכגאַנג, וואָס ווערט ביז אינדערפרי פאַרגאָסן מיט וואַסער.

דער ערשטער איז געווען קאַרעל טשאַפּעק

א סאַך ביכער אַף פאַרשיידענע שפּראַכן פון דער וועלט זײַנען געווידמעט דעם אײַזערנעם אַרבעטער — דעם ראָבאָט. ס'איז אַפילע אַנטשטאַנען א נײַ וואָרט — „ראָבאָט־טעכניק”. אין דער ליטעראַטור אַף דעם געביט איז פאַראַן א טשיקאַווע אַנערקענונג. עס ווײַזט זיך ארויס, אַז אַלס ריכט־שנור פאַר די שעפער פונעם וווּנדערלעכן אַרבעטער איז געווען קאַרעל טשאַפּעקס פּיעסע « R.U.R. » („ראָססומער אוניווערסאַלע ראָבאָטן”). טאַקע ער האָט באַשריבן די מעכאַנישע מענטשעלעך און האָט געלאָזט אין אומגאַנג דאָס וואָרט „ראָבאָט”. דאָס איז געווען אין 1921. דער מאָסקווער פאַרלאַג «Мир» האָט דאָ ניט לאַנג ארויסגעגעבן א „הילפס־בוך אַף אָנווענדן אינדוסטריעלע ראָבאָטן”, איבערגעזעצט פון יאַפּאַניש. אינעם דאָזיקן בוך גיבן גרויסע געלערנטע א הויכע אָפּשאַצונג טשאַפּעקס פאַרדינסטן אינעם געביט, וועגן וואָס ס'גייט א רייד אין בוך: „...דער ראָבאָט ווערט צום ערשטן מאָל דעפינירט בא טשאַפּעקן מיט די ווערטער: „ענלעך אַף א מענטשן, איז פייִק צו אַרבעטן, נאָר איז ניט פייִק צו דענקען”. דעם ראָבאָט האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן ניט בלויז ווי א פּערסאָנאַזש פונעם געביט פון וויסנשאַפטלעכער פאַנטאַסטיק, נאָר אויך ווי אַן אָביעקט פון דער וויסנשאַפט און טעכניק...”

ווער פון אונדז, לייענענדיק טשאַפּעקן אין דער יוגנט, האָט געקאָנט טראַכטן וועגן א רעאַלער באַגעגעניש מיטן אײַזערנעם מענטשן? ווײַזט זיך ארויס, אַז גראָד פון דער דאָזיקער צײַט אָן האָבן מענטשן אָנגעהויבן זוכן א מעגלעכקײַט צו שאַפן א מעכאַנישן אַרבעטער, וועלכער וואָלט געקאָנט זיי פאַרבײַטן בא שווערער פיזישער אַרבעט. ס'האָט געדאַרפט דורכגיין א האַלבער יאָרהונדערט ביז דער דאָזיקער געדאַנק זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

(לויט יע. טשערניכס נאָטיץ אין „איזוועסטיאַ”)

פּאָעזיע און מוזיק

א ניט געוויינלעכער סימפאָנישער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אינעם גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. אינײנעם מיטן סימפאָנישן מעלוכע־אָרקעסטער פון פסר, וועלכער האָט אויסגעפילט ג. בערליאָזס סימפאָניעס „ראָמעאָ און דזשוליעטא״ און די „פאנטאסטישע סימפאָניע״, איז אינעם קאָנצערט ארויסגעטראָטן די דיכטערן בעלא אכמאַדולינא. זי האָט געלייענט א סיוויטע פון אירע נײַע לידער, געשאפענע אונטער דער ווירקונג פון שעקספּירס און בערליאָזס ווערק.

דער דיריזשאָר פונעם קאָנצערט, לאורעאט פון דער לענין־פּרעמיע גענאַדי ראָזשדעסטווענסקי האָט געזאָגט:

— איר נײַע סיוויטע האָט בעלא אכמאדולינא אָנגעשריבן ספּעציעל פאר דעם דאָזיקן קאָנצערט. דאָס, וואָס יעדער טייל פון די אויסגעפילטע סימפאָניעס איז באגלייט געוואָרן מיט א פּאָעטישן פּאָרוואָרט, האָט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס בא די צושויער.

א גאנגבארע „ספּעציאליטעט״

אין פראנקרײַך זײַנען טעטיק 30 טויזנט „ספּעציאליסטן״ אין געביט פון אסטראָלאָגיע און אָקולטיזם. ווי עס שרײַבט דער פראנצויזישער זשורנאל „פּאַרי־מאטש״, דערגרייכט דער טיראַזש פון די „ווערק״ אף אסטראָלאָגישע טעמעס 30 מיליאָן עקזעמפּליארן. און נאָך איין דעטאל: די איצטיקע אסטראָלאָגן זײַנען גערן זיך ספּעציאליזירן אין אזעלכע ערדישע געביטן, ווי עקאָנאָמיק און פינאנצן, וואָס איז, אגעוו, אין די באדינגונגען פונעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס שוין גאָרניט אזוי אויסטערליש...

און דאָך זײַנען פאראן נאיווע מענטשן, וועלכע גלייבן אָט די שטערנזעער. א גרופּע פון 186 געלערנטע, דערונטער 18 לאורעאטן פון דער נאָבעל־פּרעמיע, האָט פארעפנטלעכט א מעלדונג, אין וועלכן אסטראָלאָגיע ווערט כאראקטעריזירט אלס א פאלשע וויסנשאפט און שווינדלערײַ.

שרעק און ביזנעס

א גרויסע פּאניק האָט ארויסגערופן בא דער אמעריקאנער באפעלקערונג דער לעצטער „באָיעוויק״ פונעם האָליוווּד — „די קינבאקן״, אין וועלכן די הויפּט־ראָל געהערט דעם שרעקלעכן יאם־רויבער — דעם הײַפיש. און בלויז די געשעפטמאכער פונעם סטראכיר־קאָנצערן „העלמארק אינסוראנץ״ זײַנען געוועזן רויק. זיי האָבן פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע קאמפּאניע אף סטראכירן אף א סאָלידער סומע יענע מענטשן, וועלכע וועלן באקומען א ביס דורך א הײַפיש, יאם־בערן, שלענג, אליגאטאָרן, סקאָרפּיאָנען. אויב איינע פון די רויב־כײַעס וועט פארווונדן דעם קליענט, צאָלט די פירמע אויס ביז 10 טויזנט דאָלארן.

רויבער ווערן ליטעראטן

זיבן פון די פארורטיילטע אָנטיילנעמער פון דער „גרויסער גזיילע פונעם יאָרהונדערט״ אין גרויסבריטאניע אין 1963 יאָר, ווען פון א פּאָטשט־וואגאָן איז צוגערויבט געוואָרן 2,6 מיליאָן פונט סטערלינג, האָבן נאָכן אָפּקומען די שטראָף געמאָלדן, אז זיי האָבן בעדייע צו שאפן א קאָרפּאָראציע און דינגען א פּרעסע־אגענט. זייער ציל, שרײַבט די צײַטונג „אינטערנעשנל העראלד טריביון״, איז שליסן א לוינבארן קאָנטראקט אף א בוך, אין וועלכן ס׳זאָל מיט אלע פּראָטים באשריבן ווערן די געשיכטע פון זייער פארברעכן.

אין באָוול וועט זײַן א מוזיי

שוין עטלעכע יאָר ווערן געפירט רעסטאווראציע־ארבעטן אין באָוול, איינער פון די סאמע אוראלטע שטעט אין דער וועלט. דאָ, 90 קילאָמעטער דאָרעם־צו פון באגדאד, ווערט געשאפן א קאָלאָסאלער מוזיי אונטערן אָפענעם הימל. עס זײַנען פארבליבן רעשטלעך פון מעכטיקע ווענט (די אלגעמיינע לענג פון דער וואנט, וואָס רינגלט ארום די אינערלעכע שטאָט, איז 8 קילאָמעטער, פון דער אויסערלעכער וואנט — 16 קילאָמעטער). די ברוכשטיקער, לויט דער מיינונג פון די ארכעאָלאָגן, געהערן צום VI יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע — צו דער צײַט פון דער הערשונג פונעם קיניג נעוווּכאדנעצער דעם צווייטן.

די רעסטאווירטע טויערן פון דער געטן אישטוואר פירן אף דעם ברייטן, א קילאָמעטער די לענג, „פּראָצעסיעס־וועג״, אף וועלכן עס האָבן זיך נאָך ווו־ניט־ווו פארהיט אוראלטע שטיינער. לינקס פונעם פּאראד־וועג שטארצן ארויס פּניאָקעס — רעשטלעך פון קאָלאָנעס, וועלכע האָבן אָפּגעגרענעצט דעם גרויסן אמפיטעאטער פון דער קאָלאָסאלער קוואדראטער „סצענע״ — ארענע.

ניט ווײַט פונדאנען, אף א גרויסן פּלאַץ, ליגן הויפנס ציגל — רעשטלעך פון א גאנצער סיסטעם לאנגע און שמאָלע טונעלן מיט האלב־רונדע סופיטן. דאָס זײַנען די פונדאמענטן פון די בארימטע „סעמיראמידעס הענגענדיקע סעדער״. אפן ניוואָ פונעם צווייטן און דריטן שטאָק פון דער געבײַדע אָן א דאך זײַנען געוועזן טעראסעס, אף וועלכע ס׳זײַנען געוואקסן פּאלמעס און אנדערעביימער. אגעוו, דערקלערט מען איצט, אז דער נאָמען „סעמיראמידעס הענגענדיקע סעדער״ איז א היסטאָרישער טאָעס. זיי האָט אויסגעבויט ניט די בארימטע קייסערינע, נאָר נעוווּכאדנעצער פאר זײַן יונגער פרוי אמיטיס, דער טאָכטער פונעם מידישן קייסער. די דאָזיקע סעדער האָבן איר אין דער באָוולשער דושנעקײַט און היץ געדארפט דערמאָנען די פרישקײַט און קילקײַט פון די בערג און וועלדער פון איר היימלאנד...

און אָט איז דער באָוול־טורעם, וואָס די אוראלטע אײַנוווינער פון דער שטאָט האָבן גערופן עטעמענאקי („טעמפּל, וואָס פארבינדט דעם הימל מיט דער ערד״). לויט דער באשרײַבונג איז ער באשטאנען פון זיבן קוואדראטע „קאסטנס״ פון פארשיידענער הייך, וועלכע זײַנען „אוועקגעשטעלט״ געוואָרן איינער אפן אנדערן און האָבן דערגרייכט 91 מעטער.

אינעם באָוול־מוזיי זײַנען ברייט פאָרגעשטעלט די ליימענע טאָוולען מיט פלעקשריפט, וואָס געהערן צום III יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע. אָבער די וועלט־בארימטע סטעלע מיט דעם קייסער האמוראפּיס געזעצן איז דאָ ניטאָ. אפילע אין באגדאד געפינט זיך בלויז איר קאָפּיע. די סטעלע גופע עקספּאָנירט זיך אינעם פּאריזשער לוווּר־מוזיי.

(לויט ג. קוזנעצאָווס נאָטיץ אין „איזוועסטיא״)

מאַטעריאַלן פון דער אילוסטרירטער
וועכנטלעכער בײַלאַגע
צו דער צײַטונג „דער עמעס״

אלפארבאנדישע קאמוניסטישע פארטײ (באלשעװיקעס)
פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראײניקט אײך!

עמעס

ארגאן פון צ. ב. פון די אי-
רישע סעקציעס באם צ. ק.
פון אל. ק. פ. (ב.)

אילוסטרירטע
װעכנטלעכע
בײלאגע

№ 12. דעם 6־טן יוני 1926

אַרבקאָרן (באָסלעוו, בעלאָצערקאָווער ראַיאָן)

מענדעלע אַף דער רײַזע (צו מענדע־לע־מויכער־ספאָרימס יאָרצײַט), גע־צייכנט פון ש. קאָטקיס

אַן אויסצייכענונג־מעדאַל, וואָס דער מאָסק־
ווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער האָט באַקו־
מען אַף דער פּאַריזשער אויסשטעלונג

דער קינסטלער א. העפּטער, מיטאַר־
בעטער פון דער צײַטונג „דער
עמעס" אין די 30־ער יאָרן

א לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרטעל אין שטעטל יאַגאָטין, פּרילוקער ראַיאָן

כראָניק

א קאָנצערט פון ייִדישער מוזיק אין ריגע

אין קאָנצערט־זאַל פון דער ריגער פילהאַרמאָניע איז פאָרגעקומען א שעפערישער אָוונט פונעם קאָמפּאָזיטאָר מאַקס גאָלדין. אן אָנגעזעענער מוזיקער, פּעדאַגאָג, דאָקטער פון קונסט־וויסנשאַפטן, האָט מ. גאָלדין זײַן גאַנצע שעפערישע ענערגיע און הויכע מײַסטערשאַפט געווידמעט דער ייִדישער מוזיק און באַזונדערס דער ייִדישער פאָלקסליד.

אין 1972 איז אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" דערשינען א זאַמלונג פון ייִדישע פאָלקסלידער אין גאָלדינס באַאַרבעטונג, וועלכע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין די מוזיקאַלישע קרײַזן און איז וואַרעם אופגענומען געוואָרן מיצאַד די ליבהאָבער פון ייִדישער פאָלקס־מוזיק.

אין א בריוו צו מ. גאָלדינען אין שײַכעס מיט דער דאָזיקער זאַמלונג האָט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש געשריבן: „איך האָב מיט גרויס אינטערעס זיך באַקענט מיט אײַער וויכטיקער אַרבעט".

אין מאַקס גאָלדינס שעפערישן אָוונט, וועלכן עס האָבן אָרגאַניזירט דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן צוזאַמען מיט דער ריגער מעלוכישער פילהאַרמאָניע, האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענע לעטישע מוזיקער א. יאַנציס, יו. שוואַלבאַווסקי, ט. דעקסניס, אי. רעסניס און אַנדערע. זיי האָבן מיט גרויס פאַרשטענדעניש פאַרן ייִדישן מעלאָס אויסגעפילט דעם קאָמפּאָזיטאָרס נײַע שאַפונגען — א סאָנאַטע פאַר פידל און קלאַוויר, וואַריאַציעס פאַר קלאַוויר, א דיפּטיך פאַר צוויי קלאַווירן. די דאָזיקע אײַנדרוקספולע קאַמער־מוזיק, ווי אויך די אָפּטיילונג פון ייִדישע פאָלקסלידער, וועלכע די טאַלאַנטפולע זינגערין אדע סוועטלאָווא האָט אויסגעפילט אין ייִדיש, איז אופגענומען געוואָרן מיט באַגײַסטערונג.

די פּרעסע האָט געשריבן וועגן דעם קאָנצערט ווי וועגן א באַדײַטנדיקער געשעעניש אינעם קולטור־לעבן פון דער לעטישער הויפּטשטאָט.

עס זינגט מאַרינע גאָרדאָן

אין דער אַלפאַרבאַנדישער מוזיק־פירמע „מעלאָדיע" גייט אַרויס אין א טיראַזש פון 10.000 עקזעמפּליאַרן, לויט דער סעריע „גיגאַנט", א לאַנגשפּילנדיקע גראַמאָפאָן־פּלאַסטינקע פון נײַע סאָוועטישע ייִדישע לידער אין דער אויספירונג פון דער באַוווּסטער זינגערין מאַרינע גאָרדאָן. די סאָליסטקע פּילט אויס אין אן אייגנאַרטיקער פאָר איר אינטערפּרעטאַציע און ליריש־מוזיקאַלישער באַאַרבונג די לידער „ייִדישע טעכטער", „שטיי אויף, מײַן שטעטעלע", „די אַלטע ליד" — מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי, ווערטער פון אַרן ווערגעליס; „דער מאַמעס ליד" — מוזיק פון שמואל סענדעריי, ווערטער פון פּערעץ מאַרקיש; דרײַ אַנדערע לידער פון לייב יאַמפּאָלסקי — „אין ווײַסן צימער", ווערטער פון שמואל ראָסין, „דער פּאָעט", ווערטער פון מאָטל גרוביאַן, „ליבע צו ווײַב און צו קינד", ווערטער פון אַרן קושניראָוו. אויסער דעם, האָט די זינגערין אײַנגעשלאָסן אין דער פּלאַסטינקע צוויי זינגלידער פון דער רוסישער סאָוועטישער עסטראַדע — „בושלען" און „די זאַפּט פון בערעזע" אין א ייִדישער איבערזעצונג פון אַרן ווערגעליס.

מאָסקווע האָט אַנטלײַען פּאַריזש שאַגאַלס בילדער

אין פּאַריזשער „מוזיי פון מאָדערנער קונסט" איז באַוויזן געוואָרן אן עקספּאָזיציע פון מאַרק שאַגאַלס צוואַנציק בילדער, געשאַפענע אין אָנהייב פון זײַן שעפערישן וועג. די בילדער געפינען זיך אין די קונסט־זאַמלונגען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און איצט זײַנען זיי אַנטלײַען געוואָרן דעם פּאַריזשער מוזיי.

צווישן שאַגאַלס יוגנט־ווערק קאָן מען זען אַזעלכע, ווי „די געליבטע פון דער שטאָט", „די כאַסענע", „דער שפּאַציר", „דער פאָטער און דער זיידע" אאַ. א טייל פון די בילדער האָט דער קינסטלער געמאָלט קורץ נאָך דער רעוואָלוציע.

אין שײַכעס מיט אָט דער אויסשטעלונג האָט שאַגאַל דערקלערט:

— צוריק מיט צוויי יאָר האָב איך ווידער באַזוכט מײַן געבוירנלאַנד, ווו כ'האָב זיך באַגעגנט מיט מײַן יוגנט אדאַנק מײַנע בילדער און דעקאָראַציעס פאַרן מאָסקווער קאַמער־טעאַטער. מײַן איבערלעבונג איז געווען א גוואַלדיקע, ווען מע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר מיר די וואַנט־מאָלערײַען פונעם טעאַטער. מע האָט מיך געבעטן זיי אונטערשרײַבן, און כ'האָב עס גערן געטאָן. ווען מע איז יונג, האָט מען עס ניט אין זינען. אַלע בילדער זײַנען געווען אין א גוטן צושטאַנד. בלויז איינס פון זיי האָט זיך גענייטיקט אין רעסטאַוראַציע.

ז י א מ ע ט י מ ע נ ט ש י ק

א לידעלע וועגן דעם קאָשערן רעבן

וועז איך וואָלט געווען א גלייביקער
און געהאלטן פון גאָט,
וואָלט איך געבעטן דעם אייביקן:
— פארהיט מיך פון אָט דער שאנד־און־שפּאָט...
נאָר דער אייבערשטער וואָלט געקוועטשט מיט
די פּלייצעס
און ניט געקענט זיך געבן אן אייצע,
ווײַל אויב ס׳איז עמעץ פאראן, ווּעמען אליין די
מאלאָכים זײַנען מעקאנע,
איז עס אוואדע רעב מייער קאכאנע.
יענער איז ניט סטאם א ראָוו, ווי דאָס ראָוו,
נאָר א ראָוו — אן עוון טאָוו!
א הייליקער ייִד,
וואָס, אָנשטאָט צו לייגן טפילן,
לייגט ער דינאמיט.
אָנשטאָט צו בענטשן עסריג,
וואָס קיינעם עס וואָלט ניט שאטן,
בענטשט ער מיט הארץ און מיט גלויבן
שווערוואָגיקע האנט־גראנאטן.
אָנשטאָט צו זינגען זמירעס
און דאוונען מיט האסמאָדע,
מאכט ער נאָך די מינכענער פּירערס,
וואָס זײַנען נאָך הײַנט אין דער מאָדע.

א גאנגסטער, דערהויבן אין ראנג פון א רעבן,
א רעבע אין ראנג פון א גאנגסטער.
אזא — דער פּראָדוקט פונעם יענקישן לעבן,
בא זיי א מעיוכעס א גאנצער!
די באלעבאטים זײַנע, אין געהיימע ביוראָען,
באווארנט פון שטראָף און פון שאנד,
באם צאָלן מעזומען פאר יעדער נעוואָלע
דריקן זיי פעסט זײַן האנט.

אין באָמען פון צ׳יען זײַן פּיסטאָלעט איז געלאָדן,
בא צ׳יען ער האלט זיך פאראקשנט,
ווײַל צ׳יעניזם איז דער באמיסטיקטער באָדן,
אף וועלכן אזעלכע וואקסן.

„מײַן קאמף״ איז קאכאנעס אלעפבייס
(דורך זשאבאָטינסקין „פארבעסערט״).
די ליבע זײַנע צו ייִדן? כ׳ווייס...
די סינע צום קאָמוניזם איז גרעסער!
דער סאָף זײַנער וועט זיך אויסלאָזן ניט פײַן.
דער סאָף קאכאנעס וועט זײַן א וויסטער.
דער סאָף פונעם רעבן וועט זײַן,
ווי דער סאָף פון אלע פאשיסטן.

■

פעליעטאָנען אין דער איסלענדישער פרעסע

א פּאָקיד[1]

איר זײַנט נאָך ניט אראָפּ פון זינען, איז גאָט צו דאנקען — בא אײַך זײַנען אײַזערנע נערוון. מײַנע האָב איך, קומענדיק אין לאנד, שוין צעטיילט: אין סאָכנוט, אין אבסאָרבציע־אמט, אין פארזיכערונגס־אמט, אין וווינונגס־אמט, אין דער קראנקען־קאסע — צי דען קען איך אײַך אויסרעכענען אלע אָרגאניזאַ־צעס?

ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאט קיין דירע און געלעבט אין האָטעל, האָט מען אין סאָכנוט געשריגן צו מיר: „וואָס היצט איר זיך אזוי, רעב ייִד, איר לעבט דען אַף דער גאס? איר האָט א דאך איבערן קאָפּ, און קיינער טרײַבט אײַך ניט".

— וואָס? — האָב איך צוריקגעשריגן. — א דאך איבערן קאָפּ, ווען איך שפיר ניט די ערד אונטער די פיס!

— איר וועט נאָך האָבן די ערד אויך, — פלעגן זיי מיך נעמען באַרויִקן, אין ייִסראָעל איז די ערד א הייליקע און אלע פײַנע מענטשן נעמט זי צו...

איצט, גאָט צו דאנקען, האָב איך שוין א נײַע דירע מיט נײַע צאָרעס: א גאנצן כוידעש האלט מען מיר אין איין שיקן פארשיידענע כעזשבוינעס — צום צאָלן, צום געבן, נאָר ניט צום נעמען, און איין גאָט ווייסט פאר וואָס: וואסער, פײַער, מיסט, גאז, לופט. איך ווייס שוין אליין ניט, ווען פריִער צו צאָלן. האָב איך מיר צונויפגענומען אלע מײַנע פאפירלעך און לויף גאנצפרי אין דער שטאָט־פארוואלטונג, ווו מע זאָל מיר אופקלערן, וועלכע פאפירלעך עס זײַנען פאר זיי און וועלכע — ניט.

אין קאָרידאָר איז שוין טומלדיק. מענטשן, אזוי ווי איך, גייען ארום אויך מיט פארשיידענע פאפירלעך: געלע, גרינע, ווײַסע, רויטע — עס שווינדלט אין די אויגן.

כ׳קלאפּ אָן אין ערשטן צימער און שטעק ארײַן מײַן קאָפּ. באם טיש זיצט א מענטש אין ברילן, רייכערט א סיגארעט און טרינקט קאווע.

— א גוטמאָרגן, א גוטן אפעטיט אײַך, — זאָג איך אין איוורית, — ווו דארף איך...

נאָר ער לאָזט מיך ניט ענדיקן.

— איך האָב ניט באוויזן אויסצוטרינקען די קאווע, ווי מע שטייט שוין אפן קאָפּ און מע לאָזט מיך ניט ארבעטן!

— איך שטיי נאָך דערווײַל אַף מײַנע פיס, ניט אפן קאָפּ, — ענטפער איך, — צי דען ארבעט איר נאָך ניט?

— איר זעט דאָך, אז איך זיץ אַף מײַן ארבעטס־פלאץ, איז וואָס זשע פרעגט איר? דאָ קיין סיעמע־טשקעס קנאקט מען ניט — מע דארף ארבעטן.

און א קוק טוענדיק אַף מײַנע פאפירלעך, האָט ער צוגעגעבן:

— זײַט מיר מויכל, רעב ייִד, און גייט מיט דעם אין פינפטן צימער צום הער פײַנשמעקער. ער איז באהאוונט אין אלע איניאָנים און וועט זיך מיט אײַך פארנעמען.

איך באדאנק און גיי אין פינפטן צימער, נאָר דאָרטן איז קיינער ניטאָ. אָבער אפן הארצן איז לײַכטער געוואָרן. איצט ווייס איך כאָטש א פאמיליע, ווער עס וועט זיך מיט מיר פארנעמען. איך גיי איבערן לאנגן קאָרידאָר און פרעג בא יעדן: „האָט איר ניט געזען דעם הער פײַנשמעקער? ווו קען איך געפינען פײַנשמעקערן?"

פונקט ווי איך וואָלט אים געקענט שוין צענדליקער יאָרן. נאָר יעדערער קוועטשט מיט די פלייצעס, קיי־נער ווייסט ניט.

— איר קענט פײַנשמעקערן פון צימער פינף? — פרעגט מיך איינער א ייִד. — איך גיי שוין צו אים דעם דריטן טאָג, — פאָכעט ער מיט זײַנע פארביקע פאפירלעך, — און יעדעס מאָל דאָס זעלבע: מאָרגן, איבערמאָרגן, א שטיקל פאראזיט.

— שא, רעב ייִד, — נעם איך אים באַרויִקן, — צו וואָס אזעלכע ווערטער: פאראזיט...

— וואָס? איר זײַנט מיסטאמע אויך אזא טיפּ, ווי ער, געוויס א קאָרעוו, דאן פײַף איך אַף אײַער פײַנ־

[1] פּאָקיד — געמיינט: א ביוראָקראַט.

שמעקערן, איר קאָנט אים דאָס איבערגעבן! — האָט זיך צעהיצט דער ייִד.

— וואָס פּײַפט איר, אַף וועמען פּײַפט איר? — מישט זיך אַרײַן אַ צווייטער ייִד. — דאָ פּײַפט מען ניט אומזיסט, פּאָדערט, מע זאָל אײַך באַצאָלן...

— און ווער זײַנט איר אַזאַ? — היצט זיך דער ייִד. — געוויס אַ קאַצעוו, מע דערקענט אײַך נאָכן קויעך, איר קענט אויך גוט פּײַפן!

— און איר קענט גוט שמעקן! — איז יענער נישט געבליבן שולדיק.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעהיצט, רעב ייִד? — גיב איך אַ זאָג. — איר מוזט געוויס זײַן פון אַמעריקע, וואָס בא אײַך איז אַלץ מיטן פּײַף, אָדער איר זײַט אַ קאַבלען, וואָס איר פּײַפט אַף אַלעמען!

דער טומל איז געוואָרן גרעסער, מענטשן האָבן זיך גענומען קלײַבן, פרעגן: „וואָס האָט פּאַסירט?" און דאָ האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ גלאָז קאַווע אין האַנט, וואָס מע האָט גלײַך געקאָנט דערקענען אין אים, אַז ער איז עפּעס אַ שטיקל פּאָקיד, ווײַל די האַלב־אַרבל אַף זײַנע הענט זײַנען געווען אַ ביסל אויסגעריבן אין די עלנבויגנס.

— וואָס פאַר אַ טומל, ייִדן? מע קען דאָך צוליב אײַך ניט אַרבעטן, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — באַרויִקט זיך. וועמען דאַרפט איר?

— פּײַנשמעקערן! — האָבן מיר געענטפערט אין איין אָטעם.

— פּײַנשמעקערן? — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט און אויסגעשטעלט זײַנע שוואַרצע אויגן. — די גאַנצע שטאָט קען דאָך מיך! וואָס בין איך, אַ נאָדל, וואָס איר זוכט מיך? דאָס בין איך פּײַנשמעקער! צי דען קאָן מען מיך ניט דערקענען?

— איצט האָב איך אײַך דערקענט, — האָט זיך אָפּגערופן דער ייִד מיט די פּאַפּירלעך, — יאָ, דאָס איז ער, פּײַנשמעקער פונעם כיידער פּײַף, — האָט דער ייִד פעסטגעשטעלט.

פּײַנשמעקערן איז שיִר ניט אַרויסגעפאַלן די גלאָז קאַווע פון האַנט:

— דאָס זײַנט איר ווידער געקומען מיך מאַטערן וועגן אײַער בייס־האַקיסע? גאָט מײַנער! אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע לאָזט מען אַפילע ניט, מע לאָזט ניט אַרבעטן, אומעגלעך צו אַרבעטן!

און ער איז גיך פאַרשוווּנדן אין זײַן קאַבינעט.

— איר זעט שוין איצט אײַער פּײַנשמעקערן? — האָט דער ייִד זיך צעשריגן. — ער פּײַפט אַף אַלעמען. מײַן בייס־האַקיסע זאָל ער נאָר האָבן, מיט מײַנע צאָרעס!

צוקוקנדיק זיך צו דעם אַלעם, האָב איך באַשלאָסן צו קומען אין דרײַ טעג אַרום — ניט פּאַטערן אומזיסט קיין צײַט.

בענציִען הירש („לעצטע נײַס")

„דער לערער איז געקומען..."

„שנעל, קינדער, אין קלאַס אַרײַן! דער לערער איז אָנגעקומען! הײַנט וועט ער אונדז אויסלערנען, וויִאַזוי צו לייזן די פּראָבלעם פון די מינדערהײַטן, וועלכע זײַנען פאַקטיש אַ מערהײַט... ער וועט אונדז אויפקלערן, אַז דאָס, וואָס איז וויכטיק, איז די קוואַליטעט און ניט די קוואַנטיטעט. מיר וועלן זיך דערוויסן, וויִאַזוי אויפצוהאַלטן די ריינקײַט פון דער ראַסע, פון דער נאַציע, פון דער מעלוכע און פון דער סוויווע.

דער לערער וועט עס אונדז אַלץ אויפקלערן מיט דיִאַפּאָזיטיוון. דער לערער האָט פיל דערפאַרונג.

ער ברענגט מיט זיך אַ בוך געזעצן אין דער אַפּריקאַנישער שפּראַך (זי איז שטאַרק ענלעך אַף איווריט). ער וועט אונדז אויפקלערן דעם אונטערשייד צווישן שוואַרצע און ווײַסע און וועט אונדז זאָגן, וויִאַזוי צו פאַרזיכערן די פולע באַשעפטיקונג פאַר די פּרימיטיווע מענטשן, וויִאַזוי צו שטערן די מאַניפעסטאַציעס, צו צעברעכן די שטרײַקן, צו באַרויִקן די געמיטער, וויִאַזוי זיך האַלטן, זײַענדיק צוגעשטופּט צו דער וואַנט, און דאָך פאַרבלײַבן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק.

אַלע קינדער ווערן געבעטן מיטצוברענגען מיט זיך אין קלאַס אַ בײַטש און צוקערקעס..."

ב. מיכאל („האַארעץ")

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

גאָלדבערג, לייב
(1892 — 1955)

— פובליציסט, איבערזעצער, פארלאג־טוער. געבוירן אין ליטע אין א שרײַבער־מישפּאָכע. זײַן עלטערער ברודער איז דער שריפטשטעלער מענאכעם באָריישאָ. אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אין וואַרשע מיט איבערזעצונגען פון לעוו טאָלסטאָי, עליזא אָזשעשקאָ און מיט רעצענזיעס. ער האָט אויך איבערזעצט אַף רוסיש שאָלעם־אַלייכעמס און י.־ל. פּערעצעס ווערק. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פונעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע איניאָנים אין מאָסקווע. אין די 20־ער יאָרן געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר און שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דער עמעס". אָנהייבנדיק פון 1930 ביזן אָנפאַל פונעם דײַטשישן נאַציזם אַפן ראַטנפאַרבאַנד, איז גאָלדבערג געווען פאַרוואַלטער פונעם „עמעס"־פאַרלאַג. ער האָט רעדאַגירט א ריי אויסגאַבעס פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור און פּובליקירט אַרטיקלען איבער פראַגן פון קולטור. געווען אַן אַקטיווער טוער פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און א מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „אייניקײַט".

ווערק (איבערזעצונגען): ל. נ. טאָלסטאָי, „דער טײַוול", וואַרשע, 1914; עליזא אָזשעשקאָ, „רינגען", „געדאַליע", וואַרשע, 1914; קאָרטשאַק, „מיניאַטורן" (פּאָרעדע פון באַלמאַכשאָוועס), וואַרשע, 1914; אַרנו, „די מייסים פון דער קאָמונע", מאָסקווע — קיִעוו, 1917; פּ. בלאָנסקי, „די שול און דער אַרבעטער־קלאַס", מאָסקווע, 1919; נ. לענין, „פון פעוורואַל ביז אָקטיאַבער", מאָסקווע, 1925; ב. זשוקאָוו, „די אָפּשטאַמונג פונעם מענטשן", מאָסקווע, 1925; יעמ. יאַראָסלאַווסקי, „קורצע עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער אַל. ק. פּ. (ב)", מאָסקווע, 1927; ק. מאַרקס, „דער קלאַסנקאַמף אין פראַנקרײַך". סימפעראָפּאָל, 1933; גי דע מאָפּאַסאַן, „צוויי פרײַנט" און אַנדערע דערציילונגען, סימפעראָפּאָל, 1936; שאָלעם־אַלייכעם, „מאָטל־פּייסי דעם כאַזנס" (אַף רוסיש, „מאַלטשיק מאָטל"), מאָסקווע, 1954.

גאָלדענבערג, בוזי
(1902 — 1954)

— זשורנאַליסט, געבוירן אין בערדיטשעוו. אָנטיילגענומען אין בירגערקריג, געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון דער בערדיטשעווער צײַטונג „די וואָך", אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „שטערן", רעדאַגירט דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן". זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. בוזי גאָלדענבערג איז געווען א שעפערישער טוער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. אים געהערן א ריי בוילעטע אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע איבער פראַגן פון פּאָליטיק, שפּראַך און ליטעראַטור.

ווערק: „דער קאָמינטערן און די אָרדנטלעכע אופגאַבן פון די קאָמפּאַרטייען" (פּאָפּולערע בראָשורן), כאַרקאָוו, 1929; „צו וואָס רייניקן דעם ראַטנאַפּאַראַט", כאַרקאָוו, 1929; „צו הילף דעם אַרבדאָרפּקוסטקאָר" (צוזאַמען מיט מ. רובינען), כאַרקאָוו, 1930.

ביבליאָגראַפיע: י. נוסינאָוו, „אייניקײַט", מאָסקווע, 5 אַווגוסט, 1942; ט. גען, „אייניקײַט", מאָסקווע, 2 אָקטיאַבער, 1945; י. ראַבין „פאָלקסשטימע", וואַרשע, נומ. 5, 1948; י. טשיטשעלניצקי, „זײַן ליכטיקער שפּור", „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 6, מאָסקווע, 1974.

גאָלבשטיין, מאָטל
(1918)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל נײַ־אוקראַיִנקע. געענדיקט דעם כאַרקאָווער קאָמוניסטישן צײַטונגס־טעכניקום, אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934 אין דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע". אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. די ערשטע לידער־ציקלען אין זײַן רײַפן פּעריִאָד האָט מ. גאָלבשטיין געדרוקט אין די מאָסקווער אויסגאַבעס „סאָוועטיש", „היימלאַנד", אין דער צײַטונג „אייניקײַט". נאָך דער מילכאָמע לעבט ער א קורצע צײַט אין מאָסקווע, שפּע־

טער אין קיראָוואָגראַד, סימפּעראָפּאָל.

ווערק: „פונקען", לידער, מאָסקווע, 1940; „מיט ביקס אין האַנט", מאָסקווע, 1947.

ביבליאָגראַפיע: ג. לעווין — „מיט ביקס אין האַנט", אַלמאַנאַך „היימלאַנד", נום. 2, מאָסקווע, 1947.

גאָלדענבערג, שימען
(1942 — 1908)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער. געבוירן אין קופּעל (אוקראַיִנע), געלערנט אין אָדעסער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום (1926 — 1930). דעביוטירט מיט א ליד אין דער ביילאַגע צו דער קאָמיוגישער צייטונג „יונגע גוואַרדיע" — „דער יונגער בוי־קלאַנג", נום. 7, כאַרקאָוו, 1928; פון דעמלט אָן מיטגעאַרבעט אין די זשורנאַלן און צייטונגען פון די דרייסיקער יאָרן. אומגעקומען אין יאָר 1942 אויפן פראָנט אין קאַמף קעגן די דייטשישע פאַשיסטן.

ווערק: „אין אומרו געבוירענע", לידער, כאַרקאָוו, 1932; „לידער און באַלאַדעס" (1931 — 1934), כאַרקאָוו — קיִעוו, 1936; „היימלאַנד", דערציילונגען, קיִעוו, 1938. זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט אויף אוקראַיִניש.

ביבליאָגראַפיע: מ. טאַלאַלאַיעווסקי, „פּאָעט און סאָלדאַט", פאָרוואָרט צו דער אוקראַיִנישער אויסגאַבע פון דער לידער־זאַמלונג, קיִעוו, 1958.

גאָלדשטיין, מוישע
(1943 — 1900)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין לאָשיץ (פּוילן), געלעבט אין וואַרשע. אין יאָר 1923 עמיגרירט קיין אַרגענטינע, געאַרבעט בא שטריקעריי, גענומען אָן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אָנגעהויבן שרייבן און פּובליקירן סקיצן און מיניאַטורן וועגן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. אין יאָר 1932 איז ער געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד, זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן, שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וווּ פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף וו. אי. לענינס נאָמען. אין אָנהייב פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה איז ער אוועק אין דער רויטער אַרמיי און אָנטײל־גענומען אין די שלאַכטן קעגן די דייטשישע אַגרעסאָרס. פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „אייניקייט" מלחמה־דערציילונגען. דעם 11 אויגוסט 1943 איז מוישע גאָלדשטיין אומגעקומען אין שלאַכט לעבן טאַגאַנראָג.

ווערק: „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור", דערציילונגען, מאָסקווע, 1934; „ביראָבידזשאַנער דערציילונגען", מאָסקווע, 1937; „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור" און אַנדערע דערציילונגען, ניו־יאָרק, 1944.

ביבליאָגראַפיע: אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1944; ש. קליטעניק, זשורנאַל „פאָרפּאָסט", נום. 2, ביראָבידזשאַן, 1936; מ. נאָטאָוויטש, „אייניקייט", מאָסקווע, 31 אויגוסט, 1943; י. דאָברושין, „ייִדישע קולטור", ניו־יאָרק, יאַנוואַר, 1945; נ. מייזעל, „איקוף", בוענאָס־איירעס, מיי, 1946; „לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור", „צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1958; מ. ברייגעס, „בריוו פון א שרייבער א שלאַכטמאַן", „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 8, מאָסקווע, 1968.

גאָלדמאַן, יאשע (יאָסל),
(1929 — 1904)

— דיכטער. געבוירן אין א שטעטל לעבן וואַרשע בא אָרעמע עלטערן. צו 13 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס מעשגיסער און טרעגער. דאַן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין יאָר 1924 אַריבערגעפאָרן פון פּוילן קיין ראַטנפאַרבאַנד, געוווינט אין מינסק, געאַרבעט אַלס דרוק־אַרבעטער. איינציטיק אָנגעהויבן שרייבן לידער און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער אַרבעטער". פונעם 1925 האָט יאשע גאָלדמאַן פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין פאַרשיידענע סאָוועטישע צייטונגען און זשורנאַלן. אין 1927 איז ער א מיטאַרבעטער פון דער מינסקער צייטונג „אָקטיאַבער". אין סאַמע בליִ פון זיין שאַפן איז ער קראַנק געוואָרן מיט א כראָנישער קרענק און, זייענדיק אויף קוראָרט אין סעוואַסטאָפּאָל, זיך דערשאָסן.

ווערק: „לידער" (פאָרוואָרט פון כ. דונעץ, ביבליאָגראַפישע רעשימע פון י. גאָלדמאַנס געדרוקטע לידער), מאָסקווע — כאַרקאָוו, מינסק, 1931.

ביבליאָגראַפיע: ב. אָרשאַנסקי, „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווייסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע", מינסק, 1931; א. אַבטשוק, „עטיודן און מאַטעריאַלן", כאַרקאָוו, 1934.

■ ■ ■

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

סובסטאַנטיוו: דער זינגער — ס; דער בוים —ביימער; דאָס געמיש — ; דאָס האַרץ — הערצער; דער אָדלער — ס; דער וואָלקן — ס; די נאַכטיגאַל — ן; די (דאָס) ליד — ער; דער וואַלד — וועלדער; די וועלט — ן; די מאַכנע — ס; דער טאָג — טעג; די לאַגע — ס; דער הויקער — ס; דער צאָן — ציין(ער); דער מאַרק — מערק; דער העלד — ן; דאָס געווער — ; דער טויער — ן; דער בויגן — ס; דאָס ווינקעלע — ך; דער אויערעך — אָרכים; די קוואָרט — קווערט; דאָס פּעסל — עך; דאָס ווײַב — ער; דאָס קינד — ער; די קאַן — ען; די וואָך — ן; דער כעזשבן — כעזשבוינעס; דער מוזיי — ען; דער וואָלף — וועלף; די סימכע — ס; דער געבורטסטאָג — געבורטסטעג; דער קיישעק; דער איניען — איניאָנים; די מאָלערײַ.

ווערבן: זען, וויסן, הערן, וועקן, גריסן, מאַכן, ברעכן, שיקן, הייסן, פרעגן, קריצן, שטעלן, זינגען, כאַפּן, ציִען, נעמען, טוישן, טראָגן, טאָגן, נעכטיקן, וויינען, לאַכן, האָפן, שלאָפן.

ווערבן מיט „זיך״: וואַשן זיך (זיך וואַשן), שווערן זיך (זיך שווערן), אינטערעסירן זיך.

ווערבן מיט צוגאָבן (אַקצענטירטע פּרעפיקסן): אונטערהאַלטן, אויסגיסן, אַרויסווײַזן, אָפּקלינגען, אָפּשטויסן, אָנשעפן, דורכשמועסן זיך.

אינפיניטיוו	קעגנוואַרט	צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט
זען	מיר (זיי) זעען	וועלן זען	האָבן געזען
וויסן	″ ″ ווייסן	″ וויסן	″ געוווסט
ברעכן	″ ″ ברעכן	″ ברעכן	″ געבראָכן
זינגען	″ ″ זינגען	″ זינגען	″ געזונגען
ציִען	″ ″ ציִען	″ ציִען	″ געצויגן
נעמען	″ ″ נעמען	″ נעמען	″ גענומען
שלאָפן	″ ″ שלאָפן	″ שלאָפן	זײַנען געשלאָפן
אונטערהאַלטן	″ ″ האַלטן אונטער	″ אונטערהאַלטן	האָבן אונטערגעהאַלטן
אויסגיסן	″ ″ גיסן אויס	″ אויסגיסן	″ אויסגעגאָסן
אָנשעפן	″ ″ שעפן אָן	″ אָנשעפן	″ אָנגעשעפט

אַדיעקטיוו: בלעטערט, גאַנץ, גרויס, לאָמיר, אָפּהענטיק, מיד, איצטיק, פרום, שווער, פול, קופערן, קראַנק, קליין, פאַראיאָריק, האיאָריק.

א גרויס פּעסל, א קראַנק האַרץ, א שווער קינד, א קופערן קווערטל.
דאָס גרויסע פּעסל, דאָס קראַנקע האַרץ, דאָס שווערע קינד, דאָס קופערנע קווערטל.
די גרויסע וועלט, די קראַנקע פרוי, די שווערע לאַגע, די קופערנע קוואָרט, דער גרויסער וואַלד, דער קראַנקער זינגער, דער שווערער טאָג, דער קופערנער אָדלער.
דאָס פּעסל (די וועלט, דער וואַלד...) איז גרויס... איז קליין... איז פול...
דאָס האַרץ (די פרוי, דער זינגער...) איז קראַנק, איז געזונט... איז מיד...
די פּעסלעך (די וועלדער, די טעג...) זײַנען גרויס... זײַנען קליין... זײַנען פול...

אַדיעקטיוו

א שטיל, גרינג (שווער...) יאָר
א פריש, געזונט, יונג (אַלט...), שיין (מיִעס) פּאָנעם.
אַן ענערגיש, פלײַסיק, מונטער, גוט (שלעכט)... קינד.
אַן ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער, שלעכטער (גוטער...) מאָמענט.

אַדווערבן („נאַרעטשיִא״)

ער (זי) רעדט שטיל, גרינג (שווער).
ער (זי) זעט אויס גאַנץ פריש, געזונט, יונג, (אַלט...), שיין (מיִעס).
ער (זי) אַרבעט זייער ענערגיש, פלײַסיק, מונטער, גוט (שלעכט...). די לאַגע ווערט אַלץ ערנסטער, קריטישער, געפערלעכער, ערגער (בעסער).

שאָלעם־אַליי‌כעם

א פראַגמענט פון „שיר־השירים״

...איך ווייס נישט, וווּהין זאָל איך קוקן פריִער: צי אין דער יאַרמלקע פונעם בלויען הימל? צי אף דער גרינער קאָלדרע פונעם ברייטן פעלד? צי אַהין, אין עק וועלט אַרײַן, דאָרטן, ווו דער הימל גייט זיך צו־נויף מיט דער ערד? צי אין בוזיס ליכטיק פּאָנעם זאָל איך אַרײַנקוקן, אין בוזיס שיינע גרויסע אויגן, וואָס ווײַזן מיר אויס טיף, ווי דער הימל, און פאַרטראַכט, ווי די נאַכט? טאָמיד זײַנען אירע אויגן פאַרטראַכט. א טיפער זאָרג ליגט אין זיי פאַרבאָרגן. מיט א שטילן טרויער זײַנען זיי איבערגעצויגן. איך ווייס איר זאָרג, מיר איז באַקאַנט איר טרויער. זי טראָגט א גרויסן ווייטעק אין האַרצן, א פאַרדראָס אף איר מאַמע, וואָס האָט כאַסענע געהאַט פאַר א פרעמדן טאַטן און איז אַוועקגעפאָרן פון איר אף שטענדיק,

Шолом-Алейхем

Отрывок из «Песни песней»

...Я не знаю, на что мне раньше глядеть: на голубой купол неба, или на зеленый ковёр широкого поля, или туда, на край света, где небо сливается с землей? Или на светлое лицо Бузи глядеть, в ее красивые большие глаза, которые кажутся мне глубокими, как небо, и задумчивыми, как ночь? Ее глаза всегда задумчивы. Глубокая печаль затаилась в них. Тихой грустью подёрнуты они. Я знаю ее печаль, мне знакома ее грусть. Великое горе затаила она в груди. Обиду на мать, которая вышла замуж за чужого человека и уехала от нее навсегда, навеки... Будто

никогда у нее и не было матери. Моя мать — ее мать, мой отец — ее отец. И они любят ее, как родное дитя, дрожат над нею, потворствуют всем ее прихотям. Нет у них ничего слишком дорогого для Бузи. Бузя сказала, что хочет пойти со мной нарвать зелени на праздник (это я ее натолкнул на эту мысль), и отец обратился к матери: «Как ты думаешь?» При этом он посмотрел поверх своих серебряных очков, погладил серебряные нити своей серебряной бороды. И начинается разговор между родителями о нашей прогулке за город — нарвать зелени на праздник («Швуэс»).

Отец: Как ты думаешь?
Мать: А ты как думаешь?
Отец: Отпустить их?
Мать: Отчего б и не отпустить?
Отец: Разве я говорю, что не надо?
Мать: А что же ты говоришь?
Отец: Я лишь спрашиваю, стоит ли их отпускать?
Мать: Отчего бы им не пойти?

И так дальше. Я знаю, что их тревожит. Раз двадцать напоминает мне отец, а за ним и мать, что там есть мостик, а под мостиком — вода, речка, речка, речка...

Шифра Холоденко

Я хочу, чтобы постоянно лил дождь,
Я люблю движение капель;
когда они объединяют землю и небо,
мое сердце набирается новых сил!
Я хочу, чтобы солнце всегда сияло,
пьянило меня своими винами,
кропило меня спелыми лучами
в глубокую летнюю жару.
Но... когда с неба падают снега,
как может мое сердце не обрадоваться.

(Дословный перевод)

Три басни (притчи)
(Из древнееврейской литературы)

У хозяина был красивый сад со спелыми плодами. Поручил он его двум сторожам — хромому и слепому.

Сказал хромой слепому:

— Я вижу красивые плоды. Посади меня на себя, и мы доберемся до них и покушаем.

Так и сделали.

Через некоторое время явился хозяин. Он спрашивает:

— Куда делись спелые плоды?

— Разве я что-нибудь вижу? — сказал слепой.

А хромой ответил:

— Разве мои ноги ходят?

Тогда хозяин посадил хромого слепому на плечи и наказал их вместе.

* * *

У льва застряла кость в глотке. Он объявил:

— Кто вытащит кость, получит вознаграждение.

אף אייביק... גלײַך ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געהאט קיין מאמע. מײַן מאמע—דאָס איז איר מאמע. מײַן טאטע — דאָס איז איר טאטע. און זיי האָבן זי ליב, ווי אן אייגן קינד, ציטערן איבער איר, גיבן איר נאָך, וואָס איר הארץ גלוסט. נישטאָ קיין צו טײַערס פאר בוזין. בוזי האָט געזאָגט, אז זי וויל גיין מיט מיר אָנרײַסן גראָז אף שוווּעס (דאָס האָב איך זי ארופגעפירט דערוף), האָט דער טאטע א זאָג געטאָן צו דער מאמע: „ווי מיינסטו?" און בײַסמײַסע האָט ער אריבערגעקוקט אריבער די זילבערנע ברילן און געגלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זײַן זילבער־באָרד. און עס גייט אוועק א שמועס צווישן טאטע־מאמע וועגן אונדזער גיין אליין הינטער דער שטאָט ארויס אָנרײַסן גרינס אף שוווּעס.

דער טאטע: וואָס זאָגסטו?
די מאמע: וואָס זאָגסטו?
דער טאטע: זאָל מען זיי לאָזן גיין?
די מאמע: פארוואָס זאָל מען זיי נישט לאָזן גיין?
דער טאטע: איך זאָג דען, אז ניין?
די מאמע: וואָס זשע דען זאָגסטו?
דער טאטע: איך זאָג נאָר, צי זאָלן זיי גיין?
די מאמע: פארוואָס זאָלן זיי נישט גיין?

און אזוי ווײַטער. איך ווייס, וואָס זיי קוועטשט. עפשער צוואנציק מאָל זאָגט מיר אָן דער טאטע, און נאָכן טאטן אויך די מאמע, אז דאָרט איז דאָ א בריקל, און אונטערן בריקל איז דאָ א וואסער — א טײַכל, א טײַכל, א טײַכל...

שיפרע כאָלאָדענקאָ

איך וויל, ס׳זאָל שטענדיק גיין א רעגן,
כ׳האָב ליב פון טראָפּנס די באוועגונג;
ווען ערד און הימל זיי באהעפטן,
דאן שלאָגט מײַן הארץ מיט נײַע קרעפטן!
איך וויל, די זון זאָל שטענדיק שײַנען,
מיך שיקערן מיט אירע ווײַנען,
מיט רײַפע שטראלן מיך באשפריצן
אין טיפע זומערדיקע היצן.
נאָר... ווען פון הימל שיטן שנייען,
ווי קאָן מײַן הארץ זיך ניט דערפרייען?!

דרײַ מעשאָלים
(פון דער אלטהעברעיִשער ליטעראטור)

בא איינעם איז געווען א שיינער סאָד מיט צײַטיקע פיירעס. האָט ער אים איבערגעגעבן צוויי שאָמרים — א הינקענדיקן און א בלינדן.

זאָגט דער הינקענדיקער צום בלינדן:

— איך זע שיינע פיירעס. זעץ מיך ארוף אף זיך, וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו זיי און וועלן עסן.

האָבן זיי אזוי געטאָן.

אין א שטיקל צײַט ארום איז געקומען דער באַלעבאָס. פרעגט ער:

— ווו זײַנען די צײַטיקע פיירעס?

— איך זע דען עפּעס? — האָט געזאָגט דער בלינדער.

און דער הינקענדיקער האָט געענטפערט:

— מײַנע פיס גייען דען?

האָט דער באלעבאָס דעם הינקענדיקן ארופגעזעצט אפן בלינדן און האָט זיי אינאיינעם באשטראָפט.

* * *

בא א לייב איז אין האלדז געבליבן שטעקן א ביין. האָט ער געמאָלדן:

— ווער עס וועט ארויסשלעפן דעם ביין, וועט באקומען סכאר (געצאָלטס).

האָט זיך געיאָוועט אַ פויגל מיט אַ לאַנגן שנאָבל, האָט אים אַרײַנגערוקט דעם לייב אין האַלדז און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין.

— גיב דעם סכאַר! — האָט געבעטן דער פויגל.

— גיי און באַרים זיך, — האָט געזאָגט דער לייב, — אַז ביסט געווען בײַ אַ לייב אין מויל און ביסט פון דאָרטן בעשאָלעם אַרויס. דאָס איז פאַר דיר די גרעסטע באַלוינונג.

Явилась птица с длинным клювом, всунула его в пасть льва и вытащила кость.

— Дай обещанное — попросила птица.

— Иди и хвастайся, — сказал лев, что ты была в пасти льва и благополучно выбралась оттуда. Это самое большое вознаграждение для тебя.

סובסטאַנטיוון און ווערבן

אײנצאָל און מערצאָל: די יאַרמלקע[1] — ס; די קאָלדרע[2] — ס; דאָס פעלד — ער; דער הימל — ען; די נאַכט — נעכט; דער טרויער — ן; די כאַסענע — ס; דאָס גראָז — ן; די בריל — ן; דער פאָדעם — פעדעם, פעדעמער; דער שמועס — ן; די שטאָט — שטעט; דאָס בריקל — עך; די בריק[3] — ן; דאָס וואַסער — ן; דאָס טײַכל — עך; דער טײַך — ן; דאָס זילבער; דאָס גרינס; דער יאָמטעוו — יאָמטויוים; די צײַט — ן; די וואָך — ן; דער נאָמען — נעמען; דער קריסט — ן; דער אינהאַלט — ן; דער רעגן — ס; דער סאָד — סעדער; דער סאָד[4] — סוידעס; דער טראָפּן — ס; די באַוועגונג — ען; די קראַפּט — קרעפטן; דער שניי — ען; די היץ — ן; דער שוימער — שאָמרים; דאָס שטיקל[5] — עך; דער באַלעבאָס — באַלעבאַטים; די באַלעבאָסטע[6] — ס; דער לייב — ן; דער ביין — ער; דער פויגל — פײגל, פויגלען; דער שנאָבל — ען; די באַלוינונג — ען; דאָס בערגל — עך; דער (די) גרוב — גריבער.

ווערבן: וויסן, קוקן, ליגן, טראָגן, ציטערן, גלוסטן, וועלן, מיינען, גלעטן, גיין, לאָזן, קוועטשן, שנײַדן, זײַן, טאָן, קומען, פרעגן, קויפן, בעטן, ענטפערן, נעמען, בלײַבן, שטעקן, מעלדן, געבן, שײַנען, שיטן.

ווערבן מיט פרעפיקסן: אַנטשטיין, באַפוצן, באַקומען, באַשטראָפן, באַגעגענען, באַהעפטן, באַשפריצן, דערפרייען, דערטראָגן[7], דעריאָגן[8], פאַרקויפן[9], פאַרגעבן[10], צעגעבן[11], צעקוועטשן[12], צעשנײַדן[13].

ווערבן מיט צוגאָבן: אַרײַנקוקן, אויסוויַיזן, אוועקפאָרן, נאָכגעבן, אָנרײַסן, אַריבערקוקן, אוועקגיין, אָנזאָגן, אָנהייבן, אָנעמען, דורכגיין, איבערגעבן, אַרופזעצן, אַרויסשלעפּן, אַרײַנרוקן.

ווערבן מיט „זיך": צונויפגיין זיך, דערקלײַבן זיך, באַגעגענען זיך, יאָווען זיך.

אינפיניטיוו	קעגנוואַרט	צוקונפט	פאַרגאַנגענהייט
וויסן	מיר ווייסן	מיר וועלן וויסן	מיר האָבן געוווסט
וועלן	" ווילן	" " וועלן	" " געוואָלט
גיין	" גייען	" " גיין	" זײַנען (זענען) געגאַנגען
זײַן	" זײַנען (זענען)	" " זײַן	" " געווען
געבן	" גיבן	" " געבן	" האָבן געגעבן
בלײַבן	" בלײַבן	" " בלײַבן	" זײַנען (זענען) געבליבן
נעמען	" נעמען	" " נעמען	" האָבן גענומען
שנײַדן	" שנײַדן	" " שנײַדן	" " געשניטן
אַנטשטיין	" אַנטשטייען	" " אַנטשטיין	" זײַנען (זענען) אַנטשטאַנען
פאַרגעבן	" פאַרגיבן	" " פאַרגעבן	" האָבן פאַרגעבן
צעשנײַדן	" צעשנײַדן	" " צעשנײַדן	" " צעשניטן
אָנהייבן	" הייבן אָן	" " אָנהייבן	" " אָנגעהויבן
אָנעמען	" נעמען אָן	" " אָנעמען	" " אָנגענומען
נאָכגעבן	" גיבן נאָך	" " נאָכגעבן	" " נאָכגעגעבן
צונויפגיין זיך	" גייען זיך צונויף	" " זיך צונויפגיין	" זײַנען (זענען) זיך צונויפגעגאַנגען

Перевод: 1) ермолка (маленькая шапочка); 2) одеяло; 3) мост; 4) секрет; 5) кусок; 6) хозяйка; 7) донести; 8) догнать; 9) прода(ва)ть; 10) зада(вать); 11) разда(вать); 12) раздавить; 13) разрезать.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

טײַערער פרײַנט!

דער הײַנטיקער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ דערשײַנט גלײַך נאָכן 15־יאָריקן יובילײַ פונעם זשורנאַל. ווי אַלעמאָל, וועט איר אין אים געפינען דערציילונגען און לידער, פאַרצייכענונגען און ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען, פּובליציסטיק און וויסנשאַפטלעכע מיטיילונגען, זיכרוינעס און רעפּאָרטאַזשן, קולטור־נײַעס, מאַטעריאַלן וועגן דער ייִדישער שפּראַך, אַ קינסטלערישע בײַלאַגע, טעאַטראַלע קונסט, בריוו פון לייענער, אַ נײַע זינגליד, — מיט איין וואָרט, יעדערער וועט געפינען פאַר זיך דאָס, וואָס איז אים מער צום האַרצן און קאָן באַפרידיקן זײַן אינטערעס, דאָס בעסטע, וואָס עס שאַפן אונדזערע הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, פּובליציסטן, קינסטלער.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט פאַר די 15 יאָר פון זײַן עקזיסטענץ פאַרדינט די אָנערקענונג מיצאַד טויזנטער און טויזנטער לייענער אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין פיל אַנדערע לענדער אַלס דער בעסטער ייִדישער זשורנאַל. הײַנט־צו־טאָג רעכענען זיך אין זײַן אַקטיוו העכער 130 אויטאָרן, וועלכע טרעטן אַרויס אין די סאַמע פאַרשיידענע זשאַנרען.

פון די פילצאָליקע בריוו און אָפּרופן, וואָס די רעדאַקציע באַקומט, ווייסן מיר, אַז די לייענער ווײַזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס ניט בלויז צו די קינסטלערישע ווערק, וועלכע דרוקן זיך אין יעדן נומער, נאָר אויך צו די מאַטעריאַלן פון די אָפּטיילן „נײַעס פונעם ייִדישן קולטור־לעבן“, „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל“, „אויף די שפּורן פון געשעענעם“, „אונדזערע מיטצײַטלער“, „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע“, „פּאָלעמיק“, „וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס“, „פון דער ליטעראַטור־געשיכטע“, „טעאַטער און קונסט“, „אונדזערע מיטיילונגען“, „בריוו פון ייִדישע שרײַבער“, „זיכרוינעס“, „ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס“, „פונעם ליטעראַטור־אוצר“, „לעקציעס וועגן דער ייִדישער שפּראַך“, „מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור“, „פריילעכע שורעס“, „פּאָטאָ־אינפאָרמאַציע“ אאַ.

שנײַדט אויס און שיקט צו אין דער רעדאַקציע

— —

כאַשעווע כאַווירים פון רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“!

איך, ...

פון דער שטאָט (שטעטל, יישעווו, דאָרף) . . . .

. . . .

האָב אָפּן 1977 יאָר פאַרזענלעך אַבאָנירט אַלס נײַע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאָלגנדע כאַווירים:

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

(אונטערשריפט)

אין די נאָענטסטע נומערן הייבן מיר אָן צו דרוקן מאַטעריאַלן אונטער דער רובריק „געפונענע מאַנוסקריפּטן", צווישן זיי זײַנען שוין פאַראַן אין רעדאַקציע־פּאָרטפעל אַזעלכע אינטערעסאַנטע קסאַוויאַדן, ווי — „נאָטיצן פון א סופליאָר פונעם ייִדישן טעאַטער"; אַן אָפּגעזוכטער טאָגבוך פון א ייִדישן סאָלדאַט אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע (1904); ניט פאַרעפנטלעכטע ווערק פון די ייִדישע שרײַבער בער סלוצקי, מירע כענקין, כאַים לויצקער און אַנד.

ס'וואָלט געווען געוווּנטשן, אַז וועגן אונדזערע פּלענער זאָלן וויסן אויך אײַערע פרײַנט, אייגענע און באַקאַנטע, וועלכע זײַנען נאָך דערווײַל ניט קיין אַבאָנענטן פונעם זשורנאַל. אונדזער באַקאָשע איז, איר זאָלט דערציילן וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד", וועגן די ווערק, וואָס דרוקן זיך, און וועגן די, וועלכע מיר קלײַבן זיך פאַרעפנטלעכן אין די קומענדיקע נומערן. מיר זײַנען זיכער, אַז אויפן 1977 יאָר האָט איר פאַרזענלעך זיך שוין אונטערגעשריבן, נאָר צי האָט איר אָפּגעזוכט צווישן אײַערע פרײַנט און באַקאַנטע אַזעלכע, וואָס לייענען ייִדיש, און צי האָט איר אויך זיי געהאָלפן אַבאָנירן זיך? אויב איר האָט דאָס נאָך ניט געטאָן, בעטן מיר אײַך אויסטיילן פאַר דעם צײַט, קעדיי דערמיט באַווײַזן אײַער ליבע און איבערגעגעבנקײַט דער ייִדישער ליטעראַטור.

די אַבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אָנגענומען אָן באַגרענעצונגען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אין די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן.

Подписка на журнал «Советиш геймланд» («Советская Родина»), орган Союза писателей СССР, принимается без ограничения во всех агентствах «Союзпечати», в отделениях связи и общественными распространителями печати по месту работы.

אַבאָנירט זיך באַצײַטנס
אויפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"
אויפן 1977 יאָר!

אַבאָנעמענט־פּרײַז

אויף א יאָר — 6 רובל
אויף 6 כאָדאָשים — 3 רובל
אונדזער אינדעקס: 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис**

Редколлегия:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай,
И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Сдано в набор 7.IX.1976 г. Подписано к печати 18.IX.1976 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 643.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1976

В НОМЕРЕ:

Публицистика. А. Вергелис. Сионизм и еврейская культура.

Г. Полянкер. Шмая Разбойник. (Главы из романа. Окончание).

Стихи Л. Гелера, В. Верника, А. Кацева.

Рассказы М. Разумного, Б. Миллера, М. Альтмана.

Из сокровищницы литературы. И. Мангер. Мой последний день в раю (главы из книги).

Люди — их время и судьбы. И. Билявичус. Она пожертвовала своей жизнью за счастье людей.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства.

Г. Ременик. Реализм Шолом-Алейхема.

З. Акперов. Самед Вургун — певец Азербайджана.

И. Серебряный. Первые гастрольные путешествия А. Гольдфадена (к столетию еврейского театра).

И. Шустер. Мелодии Вильнюса (очерк).

Л. Крылов. Новые настроения среди американской еврейской молодёжи.

Листая журналы и газеты. Воспоминания. Наша реплика.

Хроника. Разное. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.